This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-52б

סאָוועטיש היימלאַנד

3
1988

צו אונדזערע לייענער!

אָנהייבנדיק פונעם יול־נומער פאר הייַנטיקס יאָר, וועט „סאָוועטיש היימלאנד“ פארעפנטלעכן שאָלעם־אלייכעמס ראָמאן

„דער בלוטיקער שפּאַס“.

דאָס דאָזיקע קלאסישע ווערק איז אין סאָוועטן־פארבאנד קיינמאָל ניט דערשינען אין א בוך־פאָרם, מאכמעס דעם וועלן די לייענער, אָן ספק, אופנעמען די פובליקאציע מיט גרויס אינטערעס.

טיילט וועגן דעם מיט אייַערע באקאנטע, וואָס האָבן זיך נאָך ביז איצט ניט אבאָנירט אפן זשורנאל אף דער צווייטער העלפט 1988.

אָנהייבנדיק פונעם יול־נומער, וועט אין זשורנאל אויך אייַנגעפירט ווערן די נייַע רובריק „געשיכטע פון־נעם יידישן פאָלק“.

•

די פרייַז פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ פאר א האלב יאָר — 4 רובל מיט 80 קאָפּיקעס.

Индекс нашего журнала — 70821

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבערפֿאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

מאַרט

1988

אינהאַלט

טעאַרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד“.
דער באַרוף פון דער סאָציאַליסטישער קולטור . 3
יעכיעל שרייבמאַן. זיבן יאָר מיט זיבן כאָדאָ־
שים (ראָמאַן) 14
לעוו בערינסקי. מיר געפעלט אַזאַ וועלט (לידער) 46
עלווירע פאַגעל. עס פלאַטערט אַ שמעטערלינג 49
נייע איבערזעצונגען. איוואַן בונין. לידער . . 54
מאַרינע צוועטאַיעוואַ. לידער (יידיש —
א. ווערגעליס) 56
הערשל פּאָליאַנקער. געווען אַמאָל אַ שטעטל
(ראָמאַן. סאָף) 58
געלייענט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן“. באָריס
דאָרפמאַן. ווער איז געווען „אַלעקס“? . . . 99
סעמיאָן בענציאַנאָוו. אין גאָלדפאַדענס
היימשטאָט 101
אַלעקסאַנדער שלייען. פאַרן זון־אויפגאַנג 103
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. שימען פרוג.
לידער פון פאַרשיידענע יאָרן 108
אַלעקסאַנדער טווערסקאָי. פינף און זיבע־
ציק פרוכטבאַרע יאָר 113
פון דער ליטעראַטור־געשיכטע. כ. ביידער. ה. לייִ־
וויק — דער איבערזעצער פונעם „אינטערנאַציאָנאַל“ 116
ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט.
זאַלמען ליבינזאָן. שימען פרוג 119
באָריס גערשמאַן. סוידעס פון מיין באַרוף . 126
אונדזערע מיטיילונגען. לייב ווילסקער. יעהודע
האַלייוויס בריוו צו מוישע איבן־עזרא 130
עלישעווע קאַנצעדיק. דער יובילייִ פון אַ
רעזשיסער 141
איבער לענדער און קאָנטינענטן. אָלעג געראַסי־
מאָוו. אויף דעם אינדזל דזשערבאַ 142
די פּאָסטשטאָט פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. בריוו פון דער
וויים 152
צו אונדזער קינסטלערישער בייִלאַגע. ראָמאַן
ספּעקטאָר. דער קינסטלער יעפים ראָיאַק . 163
פריילעכע שורעס. פון ב.־י. ביאַלאָסטאָצקיס בוך „ייִדי־
שער הומאָר און ייִדישע לייצים“ 166
מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָ־
וועטישער ליטעראַטור 168
זעלבסטלערער פון ייִדיש 169
כראָניק 115, 162
רעזומע (רוסיש, ענגליש, שפּאַניש) I

■

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. טווערסקאָי, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ב. סאַנדלער, ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרייבמאַן

טעאָרעטישע קאָנפֿערענץ
פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“

דער באַרוף פֿון דער סאָציאַליסטישער קולטור

רעדאַקציאָנעל אַרטיקל אין
טעאָרעטישן און פּאָליטישן זשורנאַל פֿונעם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון קפּסס
„קאָמוניסט“ נומ. 15, 1987

אין סענטיאַבער 1918 האָט דעם געזונט-ווערנדיקן נאָך דער פֿאַרוווּנדונג וולאַדימיר איליטש לענינען באַזוכט מ. גאָרקי. צו יענער צײַט זײַנען זייערע באַציִונגען געווען ניט קיין פּשוטע. אויף די שפּאַלטן פֿון דער צײַטונג „נאָוואַיאַ זשיזן“, אָרגאַן פֿון די מענשעוויקעס-אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָט גאָרקי פֿאַרעפֿנטלעכט אין די יאָרן 1917—1918 אַ ציקל אַרטיקלען „וועגן דער רעוואָלוציע און קולטור“ אונטערן נאָמען „ניט קיין רעכטצײַטיקע געדאַנקען“, אין וועלכע ער האָט באַשולדיקט די באָלשעוויקעס אין „ווילדער גראָבקײַט“, „ניט-קולטורעלקײַט“, אין „היסטאָרישער אײַלעניש“ אאַוו. און האַגאַם ער האָט הויך אָפּגעשאַצט די באָלשעוויקעס („די בעסטע פֿון זיי זײַנען אויסגעצייכנטע מענטשן, מיט וועלכע עס וועט מיט דער צײַט שטאָלצירן די רוסישע געשיכטע, און אײַערע קינדער, אייניקלעך וועלן זײַן אַנציקט פֿון זייער ענערגיע“), האָט ער זייערע פֿעלערן, קלוימערשטע און ווירקלעכע, דעמאַסקירט אומבאַראַכמאָנעסדיק און אַקשאָנעסדיק. עס וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז די פּיליאָריקע פֿרײַנטשאַפֿט צווישן לענינען און גאָרקין איז צעשטערט געוואָרן אויף ניט צו פֿאַריכטן זי. גאָרקיס געדאַנקען זײַנען געווען אויף אַזויפֿיל „ניט-רעכטצײַטיק“, אַז מע האָט געדאַרפֿט, לויט די שפּעטערדיקע מאָסן, טייקעף און אויף שטענדיק אָפּשיידן דעם פּראָלעטאַרישן שרײַבער פֿון דער רעוואָלוציע און סאָציאַליזם, פֿאַררעכענען אים אינעם לאַגער פֿון די סאָנים. די שאַרפֿקײַט פֿונעם היסטאָרישן מאָמענט, וועלכן מע האָט דעמלט איבערגעלעבט, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מע קאָן אים אין קיין שום פֿאַל ניט פֿאַרגלײַכן מיט די שפּעטערדיקע צײַטן, ווען ס'איז ווידער אויפֿגעקומען די פֿראַגע וועגן דער באַציִונג צו דעם אָדער יענעם קינסטלער, וועלכער „מאַכט פֿעלערן“ אָדער „צווייפֿלט“. אָבער לענין האָט אַפֿילע אין די סאַמע קאָמפּליצירטע, קריטישע סיטואַציעס געקאָנט שעצן מענטשן. ער האָט געגלייבט: „דאָס צײַטווײַליקע, פֿרעמדע, אָנגעטראָגענע“ אין גאָרקין וועט דורכגיין, און לענין איז געווען גערעכט. דאָס, וואָס עס האָט פֿאַרייניקט לענינען און גאָרקין, איז געווען העכער פֿון דעם, וואָס עס האָט זיי געקאָנט צעשיידן, זאָל זײַן אַפֿילע ניט אויף לאַנג. העכער איז געווען דער גורל פֿונעם האָרעפּאַשנעם פֿאָלק, פֿונעם לאַנד, די קעגנוואַרט און די צוקונפֿט פֿון דער קולטור. אין יענער סענטיאַבער-באַגעגעניש פֿונעם אַכצנטן יאָר האָט גאָרקי דערהערט אַזעלכע רייד: „...זאָגט דער אינטעליגענץ, זי זאָל גיין צו אונדז. לויט אײַך קומט דאָך אויס, אַז זי דינט מיטן גאַנצן האַרצן די אינטערעסן פֿון גערעכטיקײַט? אין וואָס זשע גייט עס? ביטע — צו אונדז...“

אומפֿאַרגעסלעכע לימודים פֿון לענינישער אויסגעהאַלטנקײַט, פּרינציפּיעלקײַט און געדולדיקײַט בענעגייע דער אייגנאַרטיקײַט און ווירדע פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקײַט, צום טאַלאַנט, צו דעם קינסטלערס זוכן דעם עמעס. לימודים פֿון וויײַטזיכטיקײַט, פֿון מענטשלעכער און פּאָליטישער דורכדרינגלעכקײַט.

„ביטע — צו אונדז...“

די באָלשעוויקעס האָבן ניט געמאכט די רעוואָליוציע, קעדיי אנטקרוינען און צעשטערן די קולטור, אירע געבאָטן און ווערטן, ניט געהאלטן די רעוואָליוציע פאר א היסטאָרישן אקט אָן דעם אָנטייל פון דער רוסלענדישער אינטעליגענץ. די אויסטראכטענישן וועגן דעם זיינען אבסורדאלע. דער אויסוואל, וועלכן ס'האָט געמאכט די אינטעליגענץ, און ניט נאָר זי, איז געווען א דראמאטיש שווערער — אף דעם האָבן געקלעקט סיבעס, — אָבער אלציינס: „ביטע — צו אונדז“, — אָט איז דער עמעס פון דער רעוואָליוציע“.

דאָס הײַנטיקע ווענדן זיך מיט אונדזער געדאנק און זיקאָרן צו לענינען, צו זײַן יערושע, צו זײַן פארשטיין די קולטור און די קולטור־רעוואָליוציע, צו דער דערפארונג און צו די פרינציפּן פונעם אידייישן קאמף און פון דער פּאָלעמיק טראָגט ניט, ווי ס'איז ניט זעלטן געווען פריִער, א ריטועלן כאראקטער. זי איז ארויסגערופן געוואָרן פון דעם, וואָס די דאָזיקע יערושע איז ניט אויסגעשעפּט און פולקום נאָך ניט באזיניקט געוואָרן, וואָס קיין אנדערע, אזא נייטיקע הײַנט דערפארונג איז ניט צו געפינען, וואָס דער אומקער צו לענינען און צו לענינס צײַט באטײַט אומקערן זיך צו די גײַסטיקע און זיטלעכע קויכעס פון דער רעוואָליוציע, וועלכע קיין שום ווײַטערדיקע הארבע היסטאָרישע אומשטאנדן האָבן ניט געקאָנט פארקריפּלען און פארמינערן.

אין די נאָך־אפּרעל־דאָקומענטן פון דער פּארטיי איז פארפעסטיקט סײַ אָט דער אומקער, סײַ דער פארבונדענער מיט אים הײַנטצײַטיקער, בײַגעוודיקער און פּאָרזיכטיקער צוגאנג צו די פּראָבלעמען פון קולטור, צו איר אָנוואקסנדיקער קאָמפּליצירטער פילארטיקײַט.

דאָס איז א נײַער צוגאנג, אויב אים פארגלײַכן מיט יענער פראגמאטישער, אָדער פּאָשעט גע־פערלעך־קאָניונקטורער, ווילקירלעכער, ביוראָקראטישער „רעגולירונג“ פון דער קונסט און פון דער גאנצער ספערע פון קולטור, וועלכע איז אָנגעווענדט געוואָרן אין דער פארגליווערונגס־צײַט, ווי אויך פריִער. אָבער אָט דער צוגאנג איז אין טאָך א טראַדיציאָנעלער, ווײַל ער שטאמט פון די פרינציפּן און נאָרמעס פון דער לענינישער קולטור־פּאָליטיק.

זינט די צײַטן פון אונטערערד און עמיגראציע, פון צארישער פארשיקונג און טורמעס זײַנען די באָלשעוויקעס געווען א פּארטיי, וואָס שטיצט זיך אף די בעסטע דערגרייכונגען פונעם אלוועלט־לעכן געזעלשאפטלעכן געדאנק, אף דער דערפארונג און אף די זיטלעכע טראדיציעס פון דער פּאָר־געשריטענער מענטשלעכער קולטור. אָנמעכטיק און אמעראציש איז דער זיקאָרן, וועלכער דערלויבט זיך פארגעסן וועגן דעם. די גײַסטיקע און עטישע ענערגיע פון לענינען און זײַנע מיטקעמפער האָבן געהאט אלס קוואל ניט נאָר די אײַנדרוקן און דעם אנאליז פון דער רוסלענדישער סאָציאלער ווירק־לעכקײַט, ניט נאָר די לערע פון מארקסן און ענגעלסן, די טעאָריע און פּראקטיק פון דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע, נאָר אויך דעם גאנצן סכום פון דער פריִערדיקער קולטור, די אידייען און געשטאלטן פון דער גרויסער רוסישער ליטעראטור. ס'איז גענוג אָנצווײַזן אף לענינס פּראָגראם־ארבעט „וואָס טאָן?“, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן באם אופקום פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונעם רוסלענדישן ארבעטער־קלאס.

אין 1928 האָט גאָרקי דערמאָנט וועגן לענינען: „מיר לייקענען ניט אָפּ די יערושע“, — האָט ער געזאָגט מיט א יאָר 35 צוריק, און האָט מיט זײַן גאנץ לעבן, מיט זײַן ארבעט דערוויזן, אז ער לייקנט ווירקלעך ניט אָפּ דאָס ווערטפולע אין דער בורזשואזער קולטור.

וו. אי. לענינס באוווסטע ווערטער וועגן באַרײַכערן דעם זיקאָרן „מיטן וויסן פון אלע יענע רײַכטימער, וועלכע ס'האָט אויסגעארבעט די מענטשהײַט“, וועגן קענען „נעמען פאר זיך די גאנצע סומע פון די מענטשלעכע קענטענישן“ (פולע זאמלונג פון די ווערק, ב. 41, ז. 305, 306), וועלכע זײַנען געווענדט צו דער קאָמיוגישער יוגנט אין 1920, זײַנען געווען אין טאָך א פּראָגראם פון דער קאָמוניסטישער בילדונג און קולטור. אָבער דאָס רעאליזירן זי איז מיט דער צײַט געוואָרן פארשווע־ריקט: דער צוטריט צו „אלע קענטענישן“ האָט צוביסלעך זיך פארשמעלערט; ניט קיין אויסגעארבעטע, נאָר „גרייטע“ אויספירן, קעגן וועלכע עס האָט געוואָרנט וו. אי. לענין, האָבן געפירט צו סכעמאטי־זאציע, צו א פארייִנפאכונג פון דער מארקסיסטישער אָנשויונג. און אײַנגעכאַזערטן, „לאָזונג“־קאָמוניזם, וואָס איז לײַכט אָנגעקומען, וואָס ווערט אופגענומען ווי קאָמבארימערישקײַט (комчванство»), האָט לענין אָפּגעוואָרפן. פונקט ווי ער האָט אָפּגעוואָרפן יעדע אויבנופיקײַט, יעדן קויעך־פּאָרסירונג אין די איניאָנים פון קולטור.

די לופט פון דער רעוואָליוציע איז פּעיִק צו פארדרייען דעם קאָפּ. עמעצן האָט זיך אויסגעוויזן, אז די נײַקײַט איז שיר ניט דעקרעטירט, און רעוואָליוציאָנעריש איבערמאכן דארף מען אלץ: די קונסט, דעם שטייגער, די שפּראך, אפילע די ליבע. די ווערטער פונעם פּראָלעטארישן הימן וועגן צעשטערן די „אלטע וועלט“ „ביזן גרונט“ האָבן סײַ די אָנהענגער פון דער רעוואָליוציע, סײַ אירע קעגנער, אומפרײַנט געטײַטשט בוכשטעבלעך (עס טרעפט אזעלכס אויך אין אונדזערע טעג). ניט ארײַנדרינגענדיק צומאָל אינעם טאָך פון דער זאך, זעען זיי אין דער רעוואָליוציאָנערער פארכאַפּטקײַט

מיט דער נײַקײַט א בײזוויליקע פאַרקערפּערונג פון א געוויסער אידיי וועגן א ניהיליסטישער צעשטערונג פון דער רוסישער נאַציאָנאַלער קולטור. דערבײַ ווערט בעקיוון ניט גענומען אין אכט דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער קלימאַט פון די רעוואָליוציאָנערע יאָרן (די הארבקײַט, און צומאָל אומבעראכמאָנעסדיקײַט פון דער קלאַסן־אָפּגרענעצונג, די ראָמאַנטיק פון אַלגעמײנער איבערגעשטאַלטיקונג און „דאָס איבערשמידן“, דעם אזארט אאוו.), אָדער, וואָס עס איז באַזונדערס וויכטיק — די שאַרפקײַט פון דער קאָנסעקווענט קלאַסעווער באַזיניקונג פון אַלע פאַקטן פון דער ווירקלעכקײַט, דערונטער פון די דערשײַנונגען אין דער קונסט. און אויב ערגעץ האָט מען רוינירט די „אדל־נעסטן“, אונטערגעצונדן אין די מאַיאָנטקעס ביבליאָטעקן, איז דאָס געווען סײַ ניט אומעטום, סײַ ניט קײן „אָרגאַניזירטע“ דערשײַנונג, און די סיבע דאַרף מען זוכן ניט אין די שעדלעכע „ניהיליסטן־צעשטערער“, ניט אין דער „ווילדקײַט“ פונעם פאָלק, נאָר אין דער דוירעסדיקער פאַרשקלאָפונג־דערצײַונג, אין דער אָנגעזאַמלטער קלאַסעווער באַליידיקונג, אומפרײַנטלעכקײַט, סינע, אין דעם, לעסאָף, וואָס די רײַכטימער, פּריווילעגיעס, קולטור זײַנען פאַרגעשטעלט ניט זעלטן ווי עפּעס אַן אײנהײַטלעך־נאַטירלעכס, אָפּשטויסנדיק פרעמדס, וואָס איז ווײַט און פײַנטלעך דעם פּויער, דעם סאָלדאַט.

אין דעם ראַטפאָלקאָם און אין דער פּאָליטביוראָ פון צק פון דער ארבעטער־פּויערישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) האָט מען פאַרשטאַנען: אינעם ווירבל פון דער רעוואָליוציע קאָנען די ווערטן פון דער קולטור לײַדן שאָדן, מע דאַרף זײ באַשיצן. שוין אין די ערשטע כאָדאָשים פון דער סאָוועטנמאַכט זײַנען אָנגענומען געוואָרן דעקרעטן וועגן דיסקאָנטירן און רעגיסטרירן די דענקמעלער פון קונסט און פונעם אַמאָל, וועגן פאַרבאָטן ארויספירן און פאַרקויפן אין אויסלאַנד כפֿייצים פון באַזונדערער קינסטלערישער און היסטאָרישער באַדײַטונג, וועגן אָפּהיטן די ביבליאָטעקן און ביכער־אויצרעס, וועגן נאַציאָנאַליזירן די טרעטיאַקאָווקע און אַנדערע קונסט־גאַלעריייען, וועגן נעמען אונטער דער שוץ יאַסנע פּאָליאַנע, וועגן פאַרגרעסערן די מיטלען אויף קולטור־אויפקלערערישער און פאַרלעגערישער טעטיקײַט. עס ווערט באַשטעטיקט און הייבט אָן פאַרווירקלעכט צו ווערן דער פּלאַן פון מאָנומענטאַלער פּראָפּאַגאַנדע, עס ווערט געשאַפן דער פאַרלאַג „אַלוועלטלעכע ליטעראַטור“ אאוו. נאָך דעם, ווי די רעגירונג איז אריבערגעפאָרן קײן מאָסקווע, באַזוכט וו. אי. לענין דעם קרעמל און נעמט אָן מאָסמיטלען אויף צו פאַרהיטן די היסטאָרישע קרעמל־רעליקוויעס און רעמאָנטירן די בנינים, וועלכע האָבן געליטן אין רעזולטאַט פון די שלאַכטן.

און דאָס אַלץ — אין דער אָנגעשטרענגסטער צײַט, ווען די פראַגע „זײַן אָדער ניט זײַן?“ האָט אײַנגעהיט פאַר די באָלשעוויקעס איר גאַנצע מאַקסימאַלע דראַמאַטישע קאָנקרעטקײַט.

די פּאָליטיק פון דער יונגער סאָוועטן־רעפּובליק איז אין געביט פון קולטור געווען א זיכערע, ווײַטזיכטיקע און שרעקלאָזע. די רעפּובליק האָט זיך ניט געשראָקן פאַר דער טומלדיקער פאַרשיידנבטימיקײַט פון גרופּעס, אַסאָציאַציעס, פאַראייניקונגען, געזעלשאַפטן, סטודיעס אין ליטעראַטור, מאָלערײַ־קונסט, אין קינאָ און טעאַטער. די קולטור־פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי האָט זיך באַזירט אויפן באַוווּסטזײַן פון איר מאָראַלישן קויעך און גערעכטיקײַט, אויף דער צוציִונגס־קראַפט פון אירע אידעאַלן און שוין דערגרייכטע סאָציאַלע דערגאָבערונגען, אויף דעם צוטרוי צו דער שעפערישער אינטעליגענץ, צו אירע קענטעניש און טאַלאַנטן. ס׳איז באַוווּסט וו. אי. לענינס באַציִונג צו די טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער פון דער „פּראָלעטאַרישער קולטור“. די אויסטראַכטעניש פון א נײַער „פּראָלעטקולטור“ האָט ער ניט אונטערגעהאַלטן, קעגנשטעלנדיק איר די „אַנטוויקלונג פון די בעסטע מוסטערן, טראַדיציעס, רעזולטאַטן פון דער עקזיסטירנדיקער קולטור פונעם שטאַנדפּונקט פון דער וועלט־עמפּינדונג פונעם מאַרקסיזם און די באַדינגונגען פון לעבן און קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער עפּאָכע פון זײַן דיקטאַטור“. ניט ווײניקער באַקאַנט איז לענינס ניט־אויפנעמען דעם „לינקיזם“ אין דער קונסט: זײַנע פערזענלעכע קינסטלערישע געשמאַקן זײַנען געווען גיכער „אַלטמאָדישע“ און „קאָנסערוואַטיווע“, אײדער „פּראָגרעסיווע“. דאָס איז געווען אַלטמאָדישקײַט פון א רוסישן אינטעליגענט, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן מיצאַד דער גרויסער רעאַליסטישער קונסט פון רוסלאַנד אין XIX יה. אָבער דאָס ניט־באַגיטיקן מיצאַד לענינען די „נײַע שפּראַך“ פון מאָלערײַ אָדער ליטעראַטור האָט ניט ער, ניט דער פאָלקס־קאָמיסאַר פון בילדונג ניט פאַרוואַנדלט, ניט איבערגעשטאַלטיקט אין א סיסטעם פון פאַרבאָטן, באַגרענעצונגען אָדער פאַרפאָלגונגען. דער קונסט איז געגעבן געוואָרן א מעגלעכקײַט אַליין צו געפינען אַן ארויסגאַנג פון די אײגענע קריזיסן און לאַבירינטן: די „פאַרבאָטן“ האָבן געקאָנט בלויז פאַרשווערן און פאַרהאַלטן דאָס אָפּזוכן אַזאַ ארויסגאַנג, ברעכן די נאַטירלעכקײַט און פרײַהײַט פון דעם קינסטלערישן לעבן.

די ברייטקײַט און טאָלעראַנץ פון דער רעוואָליוציע בענעגייע דער פאַרגאַנגענהײַט — און, הייסט ער, אויך קעדיי יאָרשענען די דאָזיקע פאַרגאַנגענהײַט מיצאַד דער קעגנוואַרט — זײַנען געקומען צום אויסדרוק, ביפראַט, אין דעם, וואָס דער ראַטפאָלקאָם האָט באַשטעטיקט די רעשימע פון מערקווירדיקע נעמען פון דער מענטשהײַט, קעדיי פאַרייביקן זײ אין דענקמעלער לויטן פּלאַן פון דער מאָנומענטאַלער פּראָפּאַגאַנדע. צווישן די נעמען זײַנען געווען אויך אַזעלכע (דאָסטאָיעווסקי, באַקונין,

מיכײַלאָווסקי, לאַווראָוו, די „ערשטמאַרטאָווצעס“ אאַ.), וועלכע זײַנען אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַף לאַנג „אַרויסגעפֿאַלן“ פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן זיקאָרן אָדער זײַנען אָפּגעשאַצט געוואָרן אומקאָמפּראָמיסלעך קריטיש, אָן דעם פֿאַרשטיין זייער היסטאָרישע ראָליע און באַדײַטונג. אָבער דעמלט, זומער 1918, האָט די רעוואָליוציע אָפּגעגעבן קאָוועד די דאָזיקע נעמען און זיך געפֿילט פֿאַר זייערע יאָרשים — ווי אַף איינער מיט זיי היסטאָרישער ליניע.

דער ערשטער סאָוועטישער יאָרצענדליק האָט פֿאַרהיט אין זיך סײַ די דאָזיקע שרעקלאָזיקײַט פֿון דער רעוואָליוציע, סײַ איר אינטעלעקטועלע ברייטקײַט, סײַ דאָס לעניניש פֿאַרשטיין די טעמפּן, די ריכטונגען און דעם אינהאַלט פֿון דער קולטור־רעוואָליוציע, לענינס עכט פּאַרטײיִשער צוגאַנג צו די דערשײַנונגען פֿון דער ליטעראַטור און קונסט.

די רוסישע ליטעראַטור איז געווען פֿאַר לענינען, לויט נ. ק. קרופּסקאַיאַס ווערטער, „אַ געצײַג אַף צו באַזיניקן דאָס לעבן“. צי איז וולאַדימיר איליטש יאָ מאַסקים געווען מיטן קינסטלער, צי ניט, האָט אים אַלס פּאָליטיקער אינטערעסירט דער שטאַנדפּונקט פֿונעם קינסטלער אַף דער סאָציאַלערווירקלעכקײַט און אַפֿן מענטשן, די נאַטור פֿון אָט דעם שטאַנדפּונקט, זײַן היסטאָרישע גערעכטיקײַט און באַגרענעצטקײַט. האַרבע דעפֿיניציעס וועגן ל. טאָלסטאָיס אייניקע פֿאַרכאַפּטקײַטן („טאַמעוואַטע פּריידיקונג „זיך ניט קעגנשטעלן דעם בייז“ מיט גוואַלדטאַט“) — דאָס אַלץ איז בלויז אַ טייל פֿון דער גאַנצהײַטלעכער אופֿאַסונג פֿונעם גרויסן קינסטלער, וועלכער האָט געגעבן „ערשטקלאַסישע ווערק פֿון דער וועלט־ליטעראַטור“, אויסגעדריקט די אידייען און שטימונגען פֿונעם רוסישן פּויערטום ערעוו דער רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע. טאָלסטאָיס געניאַלקײַט, די מעכטיקײַט פֿון זײַן טאַלאַנט און פֿון זײַן פּערזענלעכקײַט האָבן אַרויסגערופֿן בײַ לענינען אַ קאָלאָסאַלן אָפּשײַ.

די באַצײיִונג פֿון אַן ערנסטן פּאָליטיקער צו אַ קינסטלער, לויט לענינען, באַגרענעצט זיך ניט מיט „אונטערשטיצן“, „צולאָשטשען“ אָדער, פֿאַרקערט, „אָנווײַזן“ אַף די פֿעלערן, „אויסבעסערן“ און אַפֿילע „צאַרנדיק טאַדלען“. דאָס וויכטיקסטע בײַ לענינען איז געווען — באַנעמען, וועלכע ווידערשפּרוכן פֿון דער רעאַלער ווירקלעכקײַט, וועלכע מענטשלעכע קאַוואָנעס און זכונגען עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם קינסטלערישן ווערק, וואָס פֿאַר אַ נײַ סאָציאַל וויסן עס טראָגט און וועלכע אוראָקן וואָלט אַ באַוווסטזיניקער אָנטיילנעמער פֿון דער רעוואָליוציע געדאַרפֿט אַרויסבאַקומען פֿון דעם. אַזאַ אופֿאַסונג פֿון דער ליטעראַטור שיידט זיך פּרינציפּיִעל אונטער פֿון יעטווידער בעקיוונדיקער נאַכלעסיקײַט צו דער קינסטלערישער קענטעניש און צו דער מײנונג פֿונעם קינסטלער ווי צו עפּעס אַ „קלענערן“ און „אונטערגעאָרדנטן“ בענעגייע דעם פּאָליטישן געדאַנק, ווי צו עפּעס אַ „צווייפֿלהאַפֿטן“ אין „ניט־אָבליגאַטאָרישן“.

„אַ טאַלאַנטפֿול ביכל“, — האָט לענין זיך אָפּגערופֿן אַף אַ. אַווערטשענקאָס זאַמלונג דערציילונגען, וואָס איז דערשינען אין 1921 אין פּאַריז. דער אַוטאָר, האָט לענין געשריבן, איז קימאַט ביז מעשוגע צו ווערן אַ פֿאַרביסענער ווײַסגוואַרדייער. זײַן „ביז זודיקײַט דערגאַנגענע סינע“ צו דער רעוואָליוציע האָט אַרויסגערופֿן צום לעבן „די אויסטערליש שטאַרקע און אויסטערליש שוואַכע ערטער פֿון אָט דעם הויך־טאַלאַנטפֿול ביכל“. דה. דורך סינע און מיט סינע האָט צוזאַמען זיך דורכגעשלאָגן דאָס, וואָס אַווערטשענקאָ האָט גוט געוווּסט, געדענקט, איבערגעלעבט — ס׳האָט זיך דורכגעשלאָגן דער עמעס. לענינס אויספֿיר: „אייניקע דערציילונגען האָבן פֿאַרדינט, לויט מײַן מײנונג, מע זאָל זיי איבערדרוקן. אַ טאַלאַנט דאַרף מען שטיצן“ (פֿולע זאַמלונג פֿון די ווערק, ב. 44, ז. 249, 250).

אין לענינס ווערטער הערט זיך בוילעט די זעלבע, פֿול מיט ווירדע, זיכערקײַט פֿון דער רעוואָליוציע און פֿון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס אין זייערע קויכעס, אין זייער היסטאָרישער, מאָראַלישער גערעכטיקײַט. ערלעכע, טאַלאַנטפֿולע איידעס פֿונעם לעבן — דאָס איז בלויז צוגונסטן דער רעפּובליק און דער רעוואָליוציאָנערער זאַך. קיין צווייפֿל איז אין דעם ניטאָ. די שרעק פֿאַר אַן אַנדער קוק פֿון דער פֿרעמדער זײַט איז אָפּוועזנד. די אופֿאַסונג פֿון דער קונסט באַזירט זיך אַף דעם, אַז יעטווידער טאַלאַנטפֿול ווערק קלוימערשט רעפּרעזענטירט די פֿאַרשיידנאַרטיקײַט און די קאָמפּליקאַציעס פֿון דער מענטשלעכער וועלט, מיט וועלכע מע דאַרף זיך רעכענען, פֿון וועלכע מע דאַרף זיך אָפּשטויסן.

אין פֿאַרשיידענע צײַטן האָבן פֿאַרשיידענע צוגענג צו די פּראָבלעמען פֿון קולטור און קונסט גענומען די אויבערהאַנט. צוויי היסטאָרישע עפּיזאָדן באַלויכטן אַף אַ באַזונדערן אופֿן די באַדינגונגען פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער סאָוועטישער קולטור נאָך לענינען, באַצייכענענדיק קאָלערליי קאָנצעפּציעס פֿון באַצײיִונגען צו דער קינסטלערישער אינטעליגענץ, דה. צו דער גאַנצער קולטור־פּאָליטיק.

אין 1925 האָט דער צק פֿון דער אַרבעטער־פּויערישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) אָנגענומען אַ רעזאָליוציע „וועגן דער פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי אין געביט פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור“. און איר איז, צווישן אַנדערס, געזאָגט געוואָרן, אַז די פּאַרטיי „דאַרף זיך אַרויסזאָגן פֿאַר אַ פֿרײַער פֿאַרמעסטונג פֿון פֿאַרשיידענע גרופּירונגען און שטרעמונגען אין געגעבענעם געביט. יעטווידע אַנדערע לייזונג פֿון דער פֿראַגע וואָלט געווען אַ קאַזיאָנע־ביוראָקראַטישע פּסעוודאָ־לייזונג... די פּאַרטיי דאַרף אַלמעגלעך אויסוואָרצלען די פּרוּוון פֿון אַלייןגעמאַכטער און ניט־קאָמפּעטענטער אַדמיניסטראַטיווער

אַרײַנמישונג אין די ליטעראַרישע אײניאָנים; די פּאַרטיי דאַרף זאָרגן וועגן אַקוראַט אונטערקלײַבן פּערזאָנען אין יענע אַנשטאַלטן, וועלכע פירן אָן מיט די פּרעסע־אײניאָנים, קעדיי גאַראַנטירן אַ ווירקלעך ריכטיקע, נוצלעכע און טאַקטישע אָנפירונג מיט אונדזער ליטעראַטור".

דער פאָרזיצער פון דער ליטעראַרישער קאָמיסיע פונעם צק, וואָס האָט געגרייט די רעזאָליוציע, איז געווען מ. וו. פרונזע. אַרויסטרעטנדיק אויף איר זיצונג און דערקלערנדיק, אַז ער האַלט זיך ניט פאַר אַ „באַזונדערס שטאַרקן" אין די פראַגן פון ליטעראַטור, האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז „די ליניע פון אָן אַדמיניסטראַטיוון דרוק און פון פאַרכאַפּן די ליטעראַטור אין די הענט מיטן וועג פון אַרופוואַרפן זיך, איז ניט קיין ריכטיקע: מיט אַזאַ וועג וועסטו די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור ניט שאַפן, און דער פּאָליטיק פונעם פּראָלעטאַריאַט וועסטו ברענגען שאָדן". די פּאָזיציע פונעם זשורנאַל „נאַ פּאָסטו" („אויף דער וואַך") מיט זײַנע פּרעטענזיעס אויף אַן איינפּערזאָניקער אָנפירונג, אין נאָמען פון דער פּאַרטיי און פון דער רעוואָלוציע, מיט דער ליטעראַטור, מיט זײַן פאַרפאָלגונגס־דעמאַסקירנדיקן ברען, וואָס איז געווענדט קעגן די „מיטלויפער", האָט ער אָנגערופן אַלס „פּאָליטיש־שעדלעכע און געפערלעכע". די שאַרפזיכטיקייט פון אָט דער אָפּשאַצונג איז באַשטעטיקט געוואָרן שפּעטער, ווען די „נאַפּאָסטאָווצעס" האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין „ראַפּפּאָווצעס" — אין „ליידנשאַפטלעכע זאָרגער" פון אויסגלײַכן און „ריין מאַכן" די פּאָליטישע ליניע.

אין 21 יאָר אַרום, ווען אונדזער לאַנד האָט געלעבט מיט דער פרייד פונעם ניצחון און מיטן ווייטיק פון קאָלאָסאַלע פאַרלוסטן, האָט דער צק פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) אָנגענומען אַ באַשטימונג „וועגן די זשורנאַלן „זוועזדאַ" און „לענינגראַד". מיט אַן אויפקלערונג וועגן דער באַשטימונג איז אויף די פאַרזאַמלונגען פונעם פּאַרטייִשן אַקטיוו און פון די לענינגראַדער שרײַבער אַרויסגעטראָטן אַ. אַ. זשדאַנאָוו. מ. זאָשטשענקאָס שאַפונג און פּערזענלעכקייט האָט ער כאַראַקטעריזירט אין אַזעלכע אויסדרוקן: „אַ קליינבירגער און אַ געמיינער פּאַרשוין", „ניט קיין סאָוועטישער שרײַבער", „פּאַסקודסטווע און אומריינקייט", „קערט איבער אויף דער אַנדערער זײַט זײַן געמיין און נידעריק נעשאָמעלע", „אַ פּרינציפּלאָזער און געוויסנלאָזער ליטעראַרישער כוליגאַן" אאַוו. וועגן אַנע אַכמאַטאָווען איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער דיאַפּאַזאָן פון איר פּאָעזיע איז באַגרעניצט „ביז נעבעכדיקייט", איר שאַפונג „קאָן מען ניט דולדן אויף די שפּאַלטן פון אונדזערע זשורנאַלן", אַז „אויסער שאָדן" קאָנען די ווערק פון אָט דער „מאָנאַשקע" אָדער „ווידערשפּעניקע" קיין זאַך ניט געבן אונדזער יוגנט.

צווישן אָט די ביידע רעדעס איז דורכגעגאַן אַ גאַנצע עפּאָכע: נאָבלקייט און באַשיידנקייט, אָביעקטיווקייט און פרײַנטלעכקייט פון די אָפּשאַצונגען און מיינונגען, פּאָליטישע און מאָראַלישע סקרופּולעזקייט, טאַקט און אינטעלעקטועלע ערלעכקייט זײַנען געבליבן פון הינטן; אויף זייער אָרט זײַנען געקומען אַווטאָריטאַרישע מיינונגען און אָפּשאַצונגען, גראָבע אַרײַנמישונג אין דער שעפערישער טעטיקייט, דאָס אָפּלייקענען די עלעמענטאַרע קינסטלערישע פרײַהייטן.

לויטן גאַנצן געבוי פון די געדאַנקען, לויטן באַנעם פון די דערשײַנונגען אין דער ליטעראַטור איז דאָס געווען אַ דירעקטער צוריקטראָט פון די לעניניש פּרינציפּן פון דער אָנפירונג מיט דער קולטור. צום באַדויערן, ניט דער איינציקער. אינעם גאַנצן סכום האָבן אַזעלכע צוריקטריט אין פאַרשיידענע יאָרן זייער טײַער אָפּגעקאָסט דער סאָוועטישער קולטור, דעם גאַנצן פאָלק, און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויפן גײַסטיקן און מאָראַלישן צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, אויפן מענטשלעכן און שעפערישן גורל פון פיל קינסטלער פון אונדזער פילנאַציאָנאַל לאַנד.

מיט קיין שום פאַררופונגען אויף די היסטאָרישע אומשטאַנדן, אויף דער עקסטרעמאַלקייט פון דער דעמאָלטיקער סיטואַציע קאָן מען ניט באַרעכטיקן גראָבקייט, ניט־קאָמפּעטענטקייט, אומגערעכטיקייט, וועלכע זײַנען דערלאָזט געוואָרן בענוגע דער קונסט און קולטור. די פאַרפאָלגונגען, אַמבראַציישע אַרײַנמישונג אינעם שעפערישן לעבן האָט די פּאַרטיי אַנטשיידן פאַרורטיילט; ווען אַזוינס זאָל זיך אומקערן, קאָן עס ברענגען צו אַן אומפאַריכטלעכן שאָדן דער זאַך פון סאָציאַליזם. ווי עס האָבן צומאָל קאָמפּליצירט זיך ניט צונויפגעלייגט פאַר די לעצטע דרײַסיק יאָר די באַציִונגען צווישן די מעלוכישע אינסטאַנצן און די קולטור־טוער, וואָס פאַר אַ פעלערן עס זײַנען ניט אַרויסגערופן געוואָרן פון דער איבעראַדמיניסטראַטיוונג און ניט־קאָמפּעטענטקייט, האָט די פינצטערע לאָגיק פון דער עפּאָכע פון דער „פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסן־קאַמף" מער ניט טריומפירט. צו אָט דער ביטערער פּראַקטיק פון די נאָך־לענינישע יאָרן האָט די פּאַרטיי ענדגילטיק און אויף שטענדיק געמאַכט אַ סאָף.

אין די 20־ער — 30־ער יאָרן, בײַס דער מילכאָמע־צײַט, נאָך דער מילכאָמע־צײַט, באַזונדערס נאָכן XX צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי האָבן די סאָוועטישע ליטעראַטור און קונסט געשאַפן ניט ווייניק מערקווירדיקע ווערק, מיט וועלכע מיר קאָנען מיט רעכט שטאָלצירן. קיין שום שוועריקייטן האָבן ניט געקאָנט שטערן דער אויספורעמונג פון אַ רײַכסטער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער קולטור. עס האָט זי אַרויסגערופן צום לעבן די רעוואָלוציע, און די טרײַהייט צו אירע אידעאַלן האָט זי דורכגעטראָגן דורך אַלע ניסיוינעס.

אין דער ליטעראַטור, אין דער מאַלערײַ־קונסט, אין דער מוזיק, אינעם קינעמאַטאָגראַף, אינעם טעאַטער איז איצט פֿאַראַן בא אונדז אַן אייגענע סאָוועטישע קלאַסיק, וועלכע האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך די בעסטע טראַדיציעס פֿון דער אַלטער קולטור, וואָס האָט זי באַרײַכערט מיט אַנטדעקונגען אין געביט פֿון דער פֿאָרם, אינעם באַזיניקן די הײַנטיקע פּראָבלעמען פֿונעם מענטשן און פֿון זײַן גורל. די ראָליע פֿון דעם קינסטלערישן געדאַנק, פֿונעם קינסטלערישן וויסן אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿונעם לאַנד איז פֿאַר די לעצטע יאָרן אומאויפֿהערלעך געשטיגן. דער נײַער אויפֿן פֿון דענקען האָט געגרײַפֿט אויך אין די טיפֿענישן פֿון דער קונסט.

ווי גרויס אָבער עס זאָלן ניט זײַן די דערגרייכונגען פֿון אונדזער קולטור, איז דאָס געפֿיל פֿון ניט־באַפֿרידיקטקייט געוואַקסן. דער ווירוס פֿון פֿאַרגליווערונג, פֿון בירגערלעכער פּאַסיווקייט, פֿון מאָראַלישער מעטושטעשקייט, וויכהאַרציקייט איז אַרײַנגעדרונגען אויך אין דער קונסט. די ביוראָקראַטישע געוווינהייטן און אַמביציעס האָבן דאָ געפֿונען פֿאַר זיך אַ גינסטיקן באָדן. אויך דאָ האָט מען די קוואַליטאַטיווע ציפֿערס אָנגעהויבן פֿאַרבײַטן מיט קוואַנטיטאַטיווע. דער קינסטלערישער ניוואָ איז געוואָרן אַ מיטלמעסיקער, די קריטעריען פֿון קינסטלערישקייט האָט מען אין אַ סך פֿאַלן איגנאָרירט. די ווערק פֿון טאַלאַנטפֿולע קינסטלער, וועלכע באַרירן שאַרפֿע פּראָבלעמען פֿון אונדזער ניט־ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט, האָבן ניט זעלטן נישט באַקומען קיין אַרויסגאַנג צום צושויער און לייענער. אין דער זעלבער צײַט קאָן מען ניט אין דעם פֿאַרגליווערונגס־פּעריאָד אויסשעפּלעך כאַראַקטעריזירן דאָס לעבן מיט עטלעכע שאַרפֿע קריטישע ווערטער, וואָס האָבן אַן אַלציינע שײַכעס צו אַלעמען, ווער ס׳האָט דעמאָלט געלעבט און געאַרבעט. קעסיידער, אומעטום און אין אַלע צײַטן זײַנען געווען מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט אָרנטלעך, לויטן געוויסן, מיטן פֿולן פֿאַרשטײן זייער קינסטלערישע און סאָציאַלע אַכרײַעס, פּונקט ווי עס זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבן אויסגעניצט זייערע פֿעיִקייטן און טאַלאַנטן צוליב אייגננוציקייט, צוליב באַקומען ערן־טיטלען און שטעלעס. די דאָזיקע נעגאַטיווע מאָמענטן אינעם לעבן פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט, אין איר קולטור זײַנען אַנאַליזירט געוואָרן אַפֿן XXVII פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, אַף די יאַנואַר־ און יוני־פּלענומס פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט.

אַדאַנק דער אינטעלעקטועלער איניציאַטיוו פֿון דער פּאַרטיי, וואָס איז פֿאַרקערפּערט אין אירע נאָך־אַפּרעל־דאָקומענטן, איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרטיפֿערונג פֿון אונדזער פֿאַרשטײן די רעאַלע ווירקלעכקייט, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוואָלוציאָנערע באַנײַונג פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן באַוווּסטזײַן. די נײַע אידייען פֿון דער פּאַרטיי האָבן באַגײַסטערט דאָס לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט, בולעטער אָנגעמערקט דעם וועג און דעם ציל פֿון דער באַוועגונג, אין אַ גרויסער מאָס צעווייעט די אַפּאַטיע און גלײַכגילטיקייט, ווידער אומגעקערט די אָפּווירקונגס־ענערגיע דער לענינישער טעאָרעטישער ירושע און דער פּראַקטישער דערפֿאַרונג בײַם לענינען, די זיטלעכע יעסוידעס פֿונעם סאָציאַליזם, זײַנע דעמאָקראַטישע אויסגאַנג־פּרינציפּן.

און ס׳איז ניט קיין כידעש, וואָס אין דער זשורנאַליסטיק, אין דער ליטעראַטור, אינעם קינעמאַטאָגראַף, אין טעאַטער האָט די איבערבויונג באַקומען אַ טייקעפּדיקע שטיצע. זי שיידט זיך בעפֿיירעש אונטער פֿון די פֿריִערדיקע „שטיצעס" מיט דער לײַדנשאַפֿט, אינערלעכער איבערצײַגטקייט, קאָנסטרוקטיווקייט, אופֿריכטיקייט, מיט דער קוואַליטעט פֿונעם געדאַנק. די מאַדרייגע פֿון איבערצײַגטקייט אין אַ היסטאָרישער נויטווענדיקייט פֿון דער איבערבויונג איז אַ פֿריידיק הויכע. די פּרעטענזיעס און אַמביציעס, די געוווינהייטן און מעטאָדן ווערן איבערצײַגעוודיק קריטיקירט.

האַקלאַל, עס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן פֿאָרהאַנאָכעס פֿאַר דעם ווידערגעבורט פֿון אַן אָנגעזעטיקט אידייִש לעבן, פֿאַר אַ פֿרוכטבאַרן אידייִשן קעגנזײַטיקן אויסטויש אַף אַלע האָריזאָנטאַלן פֿון דער געזעלשאַפֿט און קולטור. די צירקוליאַציע פֿון די אידייען לויטן פּרינציפּ „פֿון אויבן — אַראָפּ" איז פֿאַרפֿולט געוואָרן מיט דער באַוועגונג פֿון אידייען און מיינונגען „פֿון אונטן — אַרויף". די באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסענע און געענדערטע קוואַליטאַטיוו פּובליקאַציע פֿון בריוו פֿון בירגער אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, ווי אויך אין די רעדאַקציעס פֿון זשורנאַלן און צײַטונגען, רעדט וועגן אַן עכטן אויפֿרײַס פֿון דער „גײַסטיקער אַקטיווקייט", וועגן אַ מאַסעווען אויפֿגערודערטן אינטערעס צו די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און היסטאָרישע פּראָבלעמען פֿון אונדזערע טעג. אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס איז די דאָזיקע אַקטיווקייט פֿאַרבונדן מיט דעם, וואָס די גאַנצע קולטור־ספֿערע איז געוואָרן טעטיקער און אײַנפֿלוסרײַכער: אָנהייבנדיק פֿון דער פּרעסע, ליטעראַטור און טעלעוויזיע און ענדיקנדיק מיט דער יוגנטלעכער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט. די קונסט פֿאַרמאָגט אַ „וווּנדערבאַר מעכטיק ווידערקאָל". און דאָס דאָזיקע ווידערקאָל איז אַזאַ, ווי די עפּאָכע.

אַפֿן XXVII פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר איז געזאָגט געוואָרן, אַז די פּאַרטיי און דאָס פֿאָלק נייטיקן זיך ניט אין „אַ פּאַראַדנער פֿילשרײַבערײַ", אין „קאָניונקטורשטשינע און שמאָלפּראַקטישקייט". די געזעלשאַפֿט וועט זיך פֿולקום באַגיין אָן די אײַליקע מאַכערײַקעס אין דער קונסט, וועלכע שטרעבן ניט באַזיניקן דאָס לעבן, ניט פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך אין די געשעענישן, נאָר קוידעמקאָל צופֿרידנשטעלן

די נאַטשאַלסטווע. די פֿאַרקלענערטע קינסטלערישע און סאָציאַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וואָס דערמעגלעכט זיך אָפּצורופֿן אַף די טענדענצן פֿונעם טאָג, אָפּזאָגנדיק זיך דערבײַ פֿונעם עמעס, וועלכער איז „טאָמיד געווען דער טאָך פֿון עכטער קונסט", איז הײַנט ניט אָנעמבאַר. צום באַדויערן, איז דאָס קענען צו דער צײַט זיך „אָפּרופֿן" ניט זעלטן אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט ווי א באַזונדערס שטאַרקע אַנטפּלעקונג פֿון „פּאַרטיייִשקײַט", ווי דאָס „דינען דער פּאַרטיי און דעם פֿאָלק". אין דער זעלבער צײַט זײַנען ניט געשעצט געוואָרן די קינסטלער, וואָס האָבן געשטעלט העכער פֿון אַלץ די טרײַהײַט צו דער רעאַלער ווירקלעכקײַט, צו אירע עכטע באַדערפֿענישן און וואָס האָבן אײַנגעהיט די פּרינציפּיעלקײַט און פֿעסטקײַט פֿון די אָנשויונגען, די עמעסע פּאַרטיייִשקײַט און פֿאָלקישקײַט. די צײַט שטעלט פֿאַנאַנדער פֿרײַער אָדער שפּעטער אַלץ און אַלעמען אַף די ערטער, אָבער ביז אַט דעם אַקט פֿון גערעכטיקײַט דערלעבט דער קינסטלער ניט שטענדיק. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט דאַרף זיך אויסלערנען שעצן און אַכטן אירע קינסטלער, וועלכע האָבן מוט צו זאָגן דעם עמעס. אין דעם איז איינע פֿון די גאַראַנטיעס פֿאַר א געזונטער, פֿולווערטיקער, ציוויליזירטער אַנטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט. אײַנצײַטיק דאַרף באַזיניקט ווערן די פֿאַרדאַרבערישע ווירקונג פֿון צופֿאַסלעכישקײַט, אידייִשער און מאָראַלישער עלאַסטישקײַט, וואָס דערמעגלעכט צו האָבן א דערפֿאָלג בײַ באַליביקע פּאָליטישע ענדערונגען. אַנדערש וועט די גײַסטיקע, מאָראַלישע אַטמאָספֿער אין דער קונסט און קולטור פֿאַרבלײַבן א „פֿאַרשמוציקטע".

„ווען ס'קומט אויף א געזעלשאַפֿטלעכע באַדערפֿעניש צו באַזיניקן די צײַט, באַזונדערס די איבעררבראַך־צײַט, רוקט זי שטענדיק אַרויס מענטשן, פֿאַר וועלכע דאָס ווערט אַן אינערלעכע באַדערפֿעניש. אין אַזאַ צײַט לעבן מיר הײַנט". פֿון די דאָזיקע ווערטער פֿונעם פּאָליטישן פּאַרטראַג אַפֿן XXVII צוזאַמענפֿאָר דרינגט אַרויס די האָפֿענונג אַף אַזעלכע טוער פֿון דער קונסט און קולטור, פֿאַר וועלכע דער אָנטייל אין דער איבערבויונג, אין דער באַנײַונג פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן וועט ווערן ווירקלעך אַן אויסגעטראָגענע, און אַפֿילע אַן אויסגעליטענע באַדערפֿעניש פֿונעם סייכל, פֿון דער נעשאָמע און פֿונעם טאַלאַנט, אַן אַקט פֿונעם פּערזענלעכן אויסוואַל און פֿון דער האַסקאָמע „נעמען אַף זיך די לאַסט פֿון דער צײַט", טיילן די שווערקײַט פֿון דער היסטאָרישער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

די פּאַרטיי זאָגט ווידער דער שעפֿערישער אינטעליגענץ: „ביטע — צו אונדז!", צוליב א געמײַנזאַמער אַרבעט אַף א נײַעם אויפֿן, אין נײַע באַדינגונגען, אַפֿן יעסאָד פֿון קאָנקרעטן געזעלשאַפֿטלעכן קענטעניש; ערלעכקײַט און נײַער, פֿעסטער צונויפֿגערעדטקײַט, פֿון זאָגן איינער דעם אַנדערן דעם עמעס, אָפּוואַרפֿנדיק די אַדמיניסטרירונג און מוסער־רייד, דאָס צופֿרידנשטעלן און פֿעלשן, געמײַנזאַם באַשטימען די וועגן און מעטאָדן פֿון דער ווײַטערדיקער בויונג פֿון דער סאָציאַליסטישער קולטור — דאָס גײַסטיקע רײַכטום פֿונעם לאַנד און פֿון דעם פֿאָלק.

ס'איז באַוווּסט, אַז אָנפֿירן מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער קולטור איז א קאָמפּליצירטע זאַך, ניט יעדערער איז עס בעקויעך, אויב, פֿאַרשטייט זיך, ניט אויפֿנעמען די דאָזיקע אָנפֿירונג פֿאַרײַנפֿאַכט. דאָס סאַמע פּאָפּולערע מיטל פֿון פֿאַרײַנפֿאַכן, וואָס א סאַך פּיפּיקע אַדמיניסטראַטאָרן האָבן עס אויסגעפּרוּווט אַף דער פּראַקטיק — איז דערפֿירן די פֿאַראַנענע, שוין אונטערגעשווירענע מיצאַד די פּאַרגייער פּילאַרטיקײַט צו א מאַקסימאַל דערגרייכבאַרער אײַנאַרטיקײַט: אַזוי איז, דאַכט זיך, רויִקער און געפֿאַרלאָזער. ס'איז ניט וויכטיק, וואָס דערבײַ האָט דער סאָוועטישער מענטש אָנגעהויבן פֿילן א געוויסן אומצוטרוי צו דעם, וואָס איז אונטערגעטראָגן געוואָרן אַלס גײַסטיקע שפּײַז, ס'איז ניט וויכטיק, וואָס די צושויער זײַנען ניט געגאַנגען אין די טעאַטערס, אין די קינאָ־זאַלן, אַף קינסטלערישע אויסשטעלונגען. דערפֿאַר אָבער האָט געהערשט רויִקײַט, און מע האָט ניט געדאַרפֿט מוירע האָבן, אַז דער צושויער וועט קלוימערשט עפּעס פֿאַרשטיין ניט אַזוי, ווי מע דאַרף פֿאַרשטיין. אַזעלכע אַדמיניסטראַטאָרן האָבן ניט דערשאַצט, פֿאַרמינערט די אידייִשקײַט, דעם באַוווּסטזײַן, די קולטור, די פּאָליטישע און רעכטלעכע דערציִונג פֿון דעם סאָוועטישן פֿאָלק, וואָס איז פֿולקום פֿעיִק זעלבשטענדיק זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן, וואָס עס טויג אים יאָ אין דער גײַסטיקער שפּײַז און וואָס ניט.

מע האָט ניט גענוג פֿאַרשטאַנען, אַז די גײַסטיקע קולטור פֿונעם סאָציאַליזם און דער סאָציאַליזם אינגאַנצן גענומען קענען זיך אַנטוויקלען נאָרמאַל און פֿרוכטבאַר בלויז אַפֿן יעסאָד פֿון פּילאַרטיקײַט, פּילפֿאַרביקײַט, פּילבאַשטאַנדיקײַט, אַנדערש ווערט פֿאַרשפּרייט מאָנאָטאָנישקײַט, גרויער קאָליר, אומעט. שלעכט, ניט־קאָנסעקווענט, מיט באַוואָרענישן האָט מען באַנומען, אַז „די ליטעראַרישע זאַך גיט זיך ווייניק־וואָס אונטער דעם מעכאַנישן פֿאַרגלײַך, דער ניוועלירונג, דער הערשאַפֿט פֿון דער מערהײַט איבער דער מינדערהײַט", אַז „אין אַט דער זאַך איז אומבאַדינגט נייטיק צו גאַראַנטירן א גרעסערע ראַכוועס פֿאַר דער פּערזענלעכער איניציאַטיוו, פֿאַר די אינדיווידועלע נייגונגען, א ראַכוועס פֿאַר דעם געדאַנק און דער פֿאַנטאַזיע, פֿאַר דער פֿאָרם און דעם אינהאַלט" (וו. אי. לענין. פֿולע זאַמלונג פֿון די ווערק, ב. 12, ז. 101). די לענינישע וואָרענונג קעגן אידענטיפֿיצירן „דעם ליטעראַרישן טייל פֿון דער פּאַרטייִשער זאַך פֿונעם פּראָלעטאַריאַט" מיט „אַנדערע טיילן פֿון דער פּאַרטייִשער זאַך פֿונעם פּראָלעטאַריאַט", האָגאַם זי איז גענומען געוואָרן אין אַכט, האָט מען עס אָבער געטאָן

פּעריאָדיש און בלויז פֿאַרמעל, אָדער ביכלאַל אויסגעמעקט אַט די וואָרענונג פֿונעם זיקאָרן. עס האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ פּאַראַדאָקסאַלע „געזעצמעסיקייט": וואָס מעכטיקער עס איז געוואָרן די סאָוועטן־מעלוכע, אַלץ פֿאַרזיכטיקער, אומצוטרויליכער און צומאָל אויך פֿאַרדעכטיקער האָבן זיך באַציִיגן אירע אַמטן און אָרגאַנען, וועלכע פֿירן אָן מיט דער קולטור, צו דער קינסטלערישער אינטעליגענץ און צו איר שאַפֿונג. די יונגע סאָוועטישע רעפּובליק איז געווען ניט צו פֿאַרגלײַכן דרייסטער: די איז אַרויסגעגאַנגען פֿונעם פֿאַרשטאַנד, אַז די קונסט איז לויט איר נאַטור פֿילפֿאַרביק, ניט־פֿאַרויסזאָגנדיק, און האַלט זיך בײַ דעם עמעס פֿונעם לעבן און פֿון דעם מענטשן. און דער לעבנס־עמעס — אין דעם זײַנען ניט געווען קיין ספֿיקעס — איז אויף דער זײַט פֿון דער רעוואָלוציע און פֿונעם סאָציאַליזם: „ווײַל דאָס לעבן איז פֿאַר אונדז", ווי לענין האָט געשריבן (פֿולע זאַמלונג פֿון די ווערק, ב. 34, ז. 136).

אינעם ווײַטן איין־און־צוואַנציקסטן יאָר איז אין דער רײ פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן פֿון דער פּאַרטיי געווען די סאַמע לעבנסוויכטיקע — ליקווידירן דעם אַנאַלפֿאַבעטיזם. אָבער שוין דעמלט האָט לענין אויפֿגעקלערט, אַז „אויף איין גראַמאָטנעקייט וועסטו ווײַט ניט פֿאַרפֿאָרן", אַז „מיר נייטיקן זיך אין אַ גראַנדיעזער העכערונג פֿון דער קולטור" (פֿולע זאַמלונג פֿון די ווערק, ב. 44, ז. 170). דאָס קענען לייענען און שרײַבן האָט געדאַרפֿט, לויט לענינס געדאַנק, דערפֿירן אין דער אונטערשטער שורה „צו אַ פֿאַרבעסערונג פֿון אונדזער ווירטשאַפֿט און פֿון אונדזער מעלוכע" (דאָרטן, ז. 171). אַזאַ טאַקע איז געווען די רעאַלע און גראַנדיעזע העכערונג פֿון דער קולטור: „אַ פֿאַרבעסערונג" פֿון דער מעלוכע.

עס דוכט זיך, אַז די אויפֿגאַבע איז אַ קלאָרע, אָבער אויף לייזן זי זײַנען אַוועק יאָרצענדליקער, האָגאַם אַפֿילו הײַנט קאָן מען ניט זאָגן, אַז זי איז געלייזט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל. עס באַרעכטיקן זיך לענינס ווערטער, אַז פֿאַר אַ קולטור־רעוואָלוציע איז נייטיק אַ גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכע, אַז אַ גראַנדיעזע העכערונג פֿון דער קולטור איז אַ לאַנגדויערנדיקער, קאָמפּליצירטער פּראָצעס, ניט קיין פּאַשעטער וווּקס פֿון „גראַמאָטנעקייט", „געבילדעטקייט", נאָר אומבאַדינגט אַ מענטשלעכער, פּערזענלעכער זעלבסטבאַוווּסטזײַן, אַ שעפֿערישע איניציאַטיווע ענערגיע, גײַסטיקע אינטערעסן, אַ באַוווּסטזיניקער און טעטיקער אָנטייל אין דער „פֿאַרבעסערונג פֿון דער מעלוכע", אין דער באַנײַונג פֿון דער געזעלשאַפֿט.

די צײַטן פֿון רעוואָלוציאָנערע איבערגעשטאַלטיקונגען אַנטפּלעקן אומפֿאַרמײַדלעך דעם רעאַלן צושטאַנד פֿון דער געזעלשאַפֿט, די מאַדרייגע פֿון איר גרייטקייט צו ענדערונגען, דעם ניוואָ פֿון אירע סאָציאַלע און היסטאָרישע פֿאַרשטעלונגען וועגן זיך אַליין. אַ פֿולקומע אײַנפֿאַרשטענדעניש אין אַזעלכע פֿאַלן זעט אויס מער ווי קינסטלעך. די גרויסע צאָל אָפּשאַצונגען און מיינונגען שפּיגלט אײַנצײַטיק אָפּ, ווי אין אַ שפּיגל, ניט נאָר אונדזערע דערפֿאָלגן אין געביט פֿון בילדונג, קולטור, רײַפֿקייט אין מאַרקסיסטישער וועלט־אָנשויונג, נאָר אויך פֿאַרשיידענע מינים פֿעלערן, בלויזן און אַפֿילו טאָעסן, וועלכע זײַנען דערלאָזט געוואָרן אין דער בויונג פֿון דער קולטור, אינעם אַרויסציִען אוראָקן פֿון דער היסטאָרישער פֿאַרגאַנגענהייט.

די קולטור־פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי בויט זיך נאָכן אַפּרעל־פּלענום אויף דעמאָקראַטיזם און עפֿנטלעכקייט, דאָס הייסט אויף אַן אָפֿענער באַהאַנדלונג פֿון אַלץ, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אונדזער אַלגעמיין לעבן. דער סאָוועטישער מענטש האָט צום ערשטן מאָל באַקומען, צווישן אַנדערס, אַ צוטריט צו פֿיל ווערק פֿון דער ליטעראַטור און קונסט, וואָס זײַנען איבער פֿאַרשיידענע סיבעס ניט דערגאַנגען צו אים. זייער ברייטע באַהאַנדלונג אין דער מאַסן־פּרעסע, דערונטער מיצאַד די לייענער און צושויער, האָט באַוויזן, אַז דאָס פֿאַרשווײַגן טאַלאַנטפֿולע, וויכטיקע אין דעם אידייִש־היסטאָרישן זין ווערק האָט בלויז פֿאַרטיפֿערט די אָנוואַקסנדיקע אין דער געזעלשאַפֿט, באַזונדערס צווישן דער יוגנט, היסטאָרישע ניט־אינפֿאָרמירטקייט, סאָציאַלע פּאַסיווקייט, פּאָליטישע אינפֿאַנטילקייט. נאָך באַדײַטנדיקער איז געווען דער מאָראַלישער היזק, וועלכער איז פֿאַרשאַפֿן געוואָרן דער געזעלשאַפֿט און דער קולטור: דאָס פֿאַרשווײַגן איז געווען צוגונסטן פּונקט יענע געזעלשאַפֿטלעכע קויכעס, וועלכע האָבן דערפֿירט דאָס לאַנד צו אַן ערעוו־קריזיס־צושטאַנד אין דער עקאָנאָמיק, צו אַ סך דערשײַנונגען פֿון גײַסטיקער פֿאַרגליווערונג.

די באַנײַונג פֿון דער סאָוועטישער קולטור קאָן מען אָבער ניט באַגרענעצן בלויז מיט איבערגעבן דער עפֿנטלעכקייט אירע „פֿאַרמאַכטע פֿאָנדן", מיט עפֿענען די „באַהעלטענישן". עס גייט אַ רייד וועגן שאַפֿן אַזאַ מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספֿער און אַזעלכע באַדינגונגען פֿאַר דער טאָגטעגלעכער אַרבעט פֿון די שעפֿערישע פֿאַרבאַנדן און אָרגאַניזאַציעס, אַז אַלע טאַלאַנטפֿולע ווערק, וועלכע טראָגן דעם עמעס וועגן דעם לעבן און די אויפֿטוען פֿונעם פֿאָלק, דעם עמעס פֿון די סאָציאַליסטישע און אַלגעמיין מענטשלעכע אידעאַלן, זאָלן באַקומען אַ צוטריט צום לייענער, צושויער, צוהערער, אַז דער בײַטראָג פֿון דער שעפֿערישער אינטעליגענץ אינעם פֿאַרפֿולקומען די סאָציאַליס־

טישע מעלוכע, אין דער באַנײַונג פֿונעם סאָציאַליזם, אינעם שאַפֿן די סאַמע אַנטוויקלטע און רײַכע אין דער וועלט קולטור זאָל בעעמעס ווערן אַ פֿרײַער און מעכטיקער.

די באַנײַונג פֿון דער קולטור קומט פֿאָר פֿאַר אונדזערע אויגן: ס'האָט מערקבאַר זיך אַקטיוויזירט די זשורנאַליסטיק, לויט דער איניציאַטיוו פֿון די שעפֿערישע פֿאַרבאַנדן ווערן רעאָרגאַניזירט דער קינעמאַטאָגראַף און דאָס טעאַטער־וועזן, די מאָלער פֿון פֿאַרשיידענע שעפֿערישע ריכטונגען האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַווײַזן זייערע לײַוונטן די צושויער, פֿולבלוטיקער, רײַכער ווערט דאָס מוזיקאַלישע לעבן. די קולטור, די קונסט ווערן ווי ווידער אופֿגעשטעלט אין זייער ווירקלעכן קאָמפּליצירטן צושטאַנד און פֿאַרשיידנאַרטיקייט זיי זוכן נײַע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרמען, אויסנוצנדיק דאָס בעסטע אין דער דערפֿאַרונג פֿון די 20־ער — 30־ער, 60־ער יאָרן. דאָס איז, אָן שום צווייפֿל, אַ פֿריידיקער פֿאַקט. די דיסקוסיעס אַרום אָט דעם מאַצעוו זײַנען נאַטירלעכע און נוצלעכע. אַזאַ איז דאָס „דענקען פֿאַרשיידן", וואָס דערמעגלעכט דער געזעלשאַפֿט בעסער צו דערקענען זיך. די ניט־געוווינשאַפֿט צו דיסקוסיעס, צו קעגנזײַטיקן געדולד איז דערווײַל נאָך פֿאַראַן אַף טריט און שריט. די קולטור פֿון דער פּאָלעמיק איז ניט קיין הויכע. מיר דאַרפֿן אָבער אויך ניט פֿאַרווישן דעם טאָך פֿון די כּילוקע־דייעס, זייער סאָציאַל־היסטאָרישע, זיטלעכע און עסטעטישע סיבעס. צופֿיל זײַנען די קעגנוואַרט און די צוקונפֿט פֿון אונדזער לאַנד, דער פֿאָלקס־גורל אָפּהענגיק דערפֿון, וואָס פֿאַר אַן אידייען און שטאַנדפּונקטן עס דעראָבערן אינעם גאַנג פֿון אַזאַ פּאָלעמיק אַ פֿאָרצוג.

וו. אי. לענין האָט געהאַלטן: „...אויב אַ מענטש פֿון דער פּאַרטיי איז געקומען צו דער איבערצײַגונג אין אַ באַזונדערער ניט־ריכטיקייט און שאָדן פֿון עפּעס אַ פֿריידיקונג, איז ער מעכויעוו אַרויסטרעטן קעגן איר" (פֿולע זאַמלונג פֿון די ווערק, ב. 47, ז. 151). צי זײַנען פֿאַראַן טאַקטישע טײַמים, וואָל וואָלטן געקאָנט איבערוועגן די גערעכטקייט פֿון די דאָזיקע ווערטער לענינס? צי באַטײַטן זיי ניט, אַז די פֿראַגע: לעשעם וואָס איז די פּאָלעמיק, וועלכע סאָציאַל־באַדײַטיקע אידייען און פּרינציפּן זײַנען געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס? — קאָן נישט אַ מענטש פֿון דער פּאַרטיי, ווי אויך אַ באַליביקער מענטש מיט ערנסטע אָנשויונגען, ניט פֿאַרבײַגיין. באַליביקע פֿריידיקער פֿון „טאָרמאָזירונג", אָנהענגער פֿון סכאָלאַסטיק און דאָגמאַטיזם, נאָכפֿאָלגער פֿון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם וועלן גערן זיך צודעקן מיט די ווערטער וועגן „קולטור פֿון דיסקוסיעס", וועגן דעמאָקראַטיע, אַבי זיך אַרויסדרייען פֿון אַ דירעקטער און אָפֿענער סאָציאַלער כאַראַקטעריסטיק פֿון זייער פּאָזיציע מיצאַד זייערע אידייִשע אָפּאָנענטן. אַ פּאָלעמיק איז נייטיק, געדולדיקייט דאַרף מען זיך לערנען, אָבער אַלדאָס פֿרעמדע בענעגייע דעם גײַסט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער איבערבויונג, בענעגייע די ראַדיקאַלע אינטערעסן פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק דאַרף מען אָנרופֿן מיטן עמעסן נאָמען. פּרינציפּן פֿאַרבלײַבן פּרינציפּן, און אונטער קיין שום פֿאַסיקע אויסריידן טאָר מען פֿון זיי זיך ניט אָפּזאָגן.

די זיטלעכע און סאָציאַלע ניט־איבערקלײַבערישקייט, די פּרעצעדענטלאָזע „בייגעוודיקייט", וועלכע האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אין די יאָרן פֿון פֿאַרגליווערונג, זײַנען אין אַ גרויסער מאָס פֿאַרבונדן מיט דעם, וואָס די קריטעריִען פֿון קינסטלערישקייט און סאָציאַליסטישער אידייִשקייט זײַנען אָנגעווענדט געוואָרן ניט־קאָנסעקווענט. געטאָן איז עס געוואָרן צוליב אַ לעפּאָנעמדיקן ווילזײַן און פּיקטיווער איינהײַט, וועלכע זײַנען אַ לאַנגע צײַט אונטערגעטראָגן געוואָרן ווי אַ דערגרייכונג. לענין אָבער האָט געלערנט עפּעס אַנדערש: „די ערשטע פֿליכט פֿון יענע, וואָס ווילן זוכן „וועגן צו מענטשלעכן גליק", איז ניט מאַראַטשען זיך אַליין די קעפּ, געפֿינען אין זיך דרייסטקייט צו אָנערקענען דאָס, וואָס איז דאָ אין דער ווירקלעכקייט" (פֿולע זאַמלונג פֿון די ווערק, ב. 1, ז. 407). אַזוי איז אין יעדער זאַך, אין די דיסקוסיעס, אין דער אָפּשאַצונג פֿון די דערשײַנונגען פֿון דער קונסט: מע דאַרף אָפּשאַצן דאָס, וואָס קומט פֿאָר, אָן אילוזיעס, אָן אַן אָפּנייג פֿון די פֿאַקטן, שעצנדיק דעם טאַלאַנט, אַכטנדיק זײַנע זוכונגען און אופּטויען.

באַם באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פֿון דער קולטור און פֿון דער קולטור־ירושע טרעפֿט אָפּט, אַז די נאַציאָנאַלע סוויווע שטעלט מען קעגן דער געמיינזאַמקייט פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק, די פּאָלקישקײַט — קעגן דעם קלאַסן־פּרינציפּ. עס טרעפֿט, אַז „גײַסטיקייט" שטעלט מען קעגן דער אידייִשקייט און פּאַרטייִשקײַט. די היסטאָרישע סאָציאַל־פּאָליטישע קאָנקרעטקײַט, די רעאַלע דיאַלעקטישע קאָמפּליצירטקײַט און די קעגנזײַטיקע פֿאַרבינדונג פֿון די אָפּגעמערקטע דורך די דאָזיקע באַגריפֿן דערשײַנונגען און אײַגנשאַפֿטן ווערן איגנאָרירט. דערמיט גופֿע ווערט די געשיכטע פֿון דער קולטור, איר דערפֿאַרונג פֿאַרײַנפֿאַכט און אָפּילע פֿאַרקריפּלט.

אַ גרויסער בײַשפּיל זײַנען פֿאַר אונדז די מערקווירדיקע קינסטלער פֿון דער סאָוועטישער עפּאָכע מ. שאָלאָכאָוו און אַ. טוואַרדאָווסקי. די סאַמע שאַרפֿע און פּײַנלעכע פּראָבלעמען פֿונעם מענטשלעכן לעבן, פֿון דער ווידערשפּרעכלעכער ווירקלעכקײַט האָבן זיי אַף אַ קינסטלערישן אויפֿן געלייזט, געפֿינענדיק אַ מאָס פֿאַר אַלע שאַטירונגען, פֿאַר אַלע אָנטפּלעקונגען פֿונעם עמעס, פֿאַרייניקנדיק זיי מיטן עמעס פֿון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, אַ קלאַסעווען און אַלגעמיין־מענטשלעכן, אַן אַלפֿאָלקישן

און נאַציאָנאַלן, אַן אינטערנאַציאָנאַלן און פּאַטריאָטישן, וועלכער טראָגט סאָציאַלע גערעכטיקייט און פרײַהייט יעדן האַרעפּאַשנעם מענטשן.

דאָס אומקערן זיך צו די לעניניסטישע פּרינציפּן פון דער קולטור־פּאָליטיק באַטײַט אויף אַ גלײַכן אויפן אָנערקענען די קולטור אַלס וויכטיקן און ניט באַהילפיקן טייל פונעם לעבן, אַלס צייגער פון זײַן גײַסטיקן צושטאַנד, פונעם ניוואָ פון דער מענטשלעכקייט. מיר זעען ווידעראַמאָל: די געזעלשאַפט שעצט און אָנערקענט אַלע קינסטלער, יענע, וואָס האַלטן זיך באַם קינסטלערישן און היסטאָרישן עמעס און ניט יענע, וועלכע כאַנפענען און פּאַסן זיך צו. די פּאַרטיי און די מעלוכע האָבן גענומען אין אַכט די דערפאַרונג פון דער פאַרגאַנגענהייט: פאַרשטעלן דעם וועג פאַר אַ טאַלאַנטפולן קונסטווערק, וואָס פּאַסט ניט צונויף „מיט אָט דער רעגע", איז זינלאָז. פריִער אָדער שפּעטער גייט אָט דאָס ווערק אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער אַלפאָלקישער קולטור. אַן עכט קונסטווערק איז פּונקט אַזאַ רעאַלער פאַקט פונעם לעבן, ווי די אַנדערע, און מיט אים דאַרף מען זיך רעכענען. מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער עקזיסטירט ניט, איז זעלבסט־אָפּנאַרערײַ. אַ פּאָרזיכטיקע באַציִונג צום קינסטלער, ווי צו אַ באַליביקן אָרנטלעכן האַרעפּאַשנעם מענטשן, דאַרף זײַן די נאָרמע פון אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן.

„דאָס גאַנצע לעבן האָב איך געקעמפט פאַר אַ פאָרזיכטיקער באַציִונג צום מענטשן, — האָט געשריבן מ. גאָרקי, — און מיר דוכט, אַז אָט דער קאַמף דאַרף פאַרשטאַרקט ווערן אין אונדזער צײַט און אין אונדזער אומגעבונג... צי גענוג פאָרזיכטיק באַציִען מיר זיך צו מענטשן, צי שעצן מיר ווי ס'געהער צו זײַן זייער אַרבעט, זייערע פעיִקייטן און צי ניט צו האַרב באַציִען מיר זיך צו זייערע פעלערן, צו זייערע כאַטאָים? שטעלן די דאָזיקע פראַגעס צווינגט מיך ניט דער סענטימענטאַלער הומאַניזם, נאָר די נויטווענדיקייט צו שפּאָרן די ענערגיע פון דעם געהילף פונעם שעפער פון אַ נײַ לעבן, אין אָט דער „גרעסטער זאַך פונעם יאָרהונדערט", ווי ס'האָט געזאָגט ראָמען ראָלאַן".

אין יענער ווײַטער צײַט האָט גאָרקי אָפּגעמערקט דעם קולטור־טוער אַלס „געהילף" פונעם „שעפער פון אַ נײַ לעבן", פון דעם באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריער. הײַנט איז פאַר אונדז דער „שעפער פון אַ נײַ לעבן" יענער, וואָס בויט באַוווסטזיניק, אין דער פולער מאָס פון זײַנע פעיִקייטן, קענטעניש, פּראָפעסיאָנעלער קוואַליפיקאַציע אַ געזעלשאַפט, וווּ עס וועט זײַן „מער סאָציאַליזם, מער דעמאָקראַטיע" און, הייסט עס, מער קולטור. וואָס איז שײַך דעם מאַצעווו פונעם קינסטלער אין דער געזעלשאַפט, איז אין אונדזער צײַט, אין דער צײַט פון איבערבויונג און פאַרשנעלערונג, די באַדײַטונג פונעם קינסטלערישן צושטײַער אינעם לעבן פון דעם לאַנד געשטיגן, און דער פּראָצעס פון באַנײַונג פונעם סאָציאַליזם, זײַן רעקאָנסטרוקציע, איז אָן אַן אַקטיוון אָנטייל פון דער קונסט אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן.

אין אונדזערע טעג דאַרפן די מעלוכישע אָרגאַנען פון קולטור, די אידעאָלאָגישע דינסטן פון דער פּאַרטיי זוכן נײַע, מער בײַגעוודיקע און עפעקטיווע פאָרמען פאַר אַן אָפענער קעגנזײַטיק צוטרויִלעכער מיטאַרבעט מיט די שעפערישע פאַרבאַנדן און שעפערישע קאָלעקטיוון. פון אַן אַדמיניסטראַטיוון דרוק דאַרף מען זיך אָפּזאָגן. דאָ איז וויכטיק אַן אַנאַליז און די געהעריקע קאָמפּעטענטקייט. עס נייטיקן זיך אין שטיצע און פאַרשטענדעניש די נײַע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען פונעם קינסטלערישן לעבן. דער פּרינציפּלאָזער „גרופּאָווטשינע", וואָס באַווײַזט זיך אויף קליינע, אייגננוציקע אינטערעסן, קאָנען ווירדיק זיך קעגנשטעלן די פאַרייניקונגען, סטודיעס, געזעלשאַפטן, וועלכע זײַנען געבויט אויפן יעסאָד פון דער געמיינזאַמקייט פון די עסטעטישע און וועלט־אָנשויונג־פּרינציפּן. וואָס פאַרשיידנאַרטיקער עס וועט ווערן דאָס קינסטלערישע לעבן, אַלץ נאַטירלעכער וועט עס זיך אַנטוויקלען: דאָס פּערספּעקטיווע, לעבנספעיִקע וועט וואַקסן ווײַטער, דאָס קינסטלעכע, בעקיוונדיקע, לײַכטזיניקע וועט אָפּשטאַרבן. אין אַזעלכע באַדינגונגען העכערט זיך געזעצמעסיק די ראָליע פון דער קינסטלערישער קריטיק, וועגן „די קאַסטעס פון אומבאַרירלעכע" אין אַלע פאָרמען פון דער קונסט דאַרף מען פאַרגעסן ווי וועגן אַן אָנטפּלעקונג פון אַ „היִעראַרכישער קראַנקהייט"; אַ פרײַע, אַרגומענטירטע, אָן אינסינואַציעס באַהאַנדלונג פון אַ באַליביק ווערק דאַרף ווערן אַ נאַטירלעכע דערשײַנונג, ניט קיין אויסנאַם. די פירנדיקע ראָליע אין אָט דעם אויפשטעלונג־פּראָצעס דאַרף שפּילן דער פּרינציפּ, וואָס באַווײַזט זיך אויף דער פאַרמעסטונג צווישן טאַלאַנטן, די קריטיק, וואָס האַלט זיך בײַ די פּרינציפּן פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער עסטעטיק. ווי ס'איז געזאָגט געוואָרן אויפן XXVII צוזאַמענפאָר — „ס'איז שוין צײַט, אַז די קריטיק זאָל זיך אָפּזאָגן פון כניפע צו די ראַנגען, וואָס עס צעפרעסט די געזונטע מאָראַל. קריטיק — דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעכע זאַך און ניט קיין באַדינונג־ספערע פון אויטאָרישער זעלבסטליבע און אַמביציעס".

גרויס איז די באַדײַטונג פון דער קריטיק אויך אינעם אויפקלערן דעם פענאָמען פון „מאַסן־קונסט". אָבער אויך אין דעם פאַל זײַנען די פאַרבאָטן און דער גרימצאָרן שלעכטע און אוממנוצלעכע געהילפן. די קונסט קאָן זיך קעגנשטעלן דער „מאַסן־קולטור" קודעמקאָל מיט דער קוואַליטעט, פאַרשיידנאַרטיקייט, פּאָפּולערקייט פון די אייגענע ווערק, מיט דער ווענדונג צום האַרצן פון דער יוגנט.

וואָס גיכער עס וועט פאַרשווינדן אין די שפּעפּרישע פאַרבאַנדן, אין זייערע אַפּאַראַטן די ביוראָקראַטישע אינערציע, וואָס גרעסער עס וועט זײַן דער אָנשפּאַר אָף די געזעלשאַפטלעכע יעסוידעס און ס׳וועט ווערן ווייניקער „פּאַראַדישע“, ניט־אָבליגאַטאָרישע מאָסמיטלען, אַלץ מערקבאַרער וועט זיך אַרויסווײַזן אין זייער טעטיקייט דאָס איקערדיקע: די פּראָבלעמען פון שאַפונג. דער פאַרבאַנד פון קינעמאַטאָגראַפיסטן און דער פאַרבאַנד פון טעאַטראַלע טוער זײַנען ווײַטער איידער זייערע קאָלעגן אַוועק מיטן וועג פון דער איבערבויונג, פּרוּוונדיק צו שאַפן אַמערסטנס גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אַ נײַעם אופשטײַג.

בלויז אַ געזונטע שעפערישע פאַרמעסטונג־אַטמאָספער, ווו דעם טאָן פאַרגעבן עכטע אידייִשע און קינסטלערישע קריטעריִען, וועט דערמעגלעכן דאָס אומקערן דעם אויטאָריטעט פאַר די מעלוכישע פּרעמיעס, פאַרוואַנדלען די באַהאַנדלונג פון די ווערק אין אַ דעמאָקראַטישער פּראָצעדור, באַפרײַענדיק זי פון יעטווידער „געהיימער דיפּלאָמאַטיע“.

ס׳איז שוין צײַט זיך אָפּגעוווינען פון דעם, אַז קולטור אין פולן זין פון וואָרט איז אַ פּריווילעגיע פון די הויפּט־שטעט. וואָס מער עס וועלן זיך אויספאָרעמען איבערן לאַנד פּראָפעסיאָנעל שטאַרקע, טאַלאַנטפולע זשורנאַליסטישע, שריפטשטעלערישע, טעאַטראַלע קאָלעקטיוון, פאַרלעגערישע און קאָנטקענטעניש־צענטערס, פאַרייניקונגען פון קינסטלער, מוזיקאַלישע אַנסאַמבלען, כאָרן, אָרקעסטערס, אַלץ שטאַרקער וועט זײַן די גײַסטיקע קולטור פונעם פאָלק, אַלץ רײַכער וועט ווערן זײַן טאָגטעגלעך לעבן.

מע דאַרף זיך אויסלערנען אויפנעמען די דערשײַנונגען פון דער ליטעראַטור און קונסט אינעם קאָנטעקסט פון דער פּאָרקומענדיקער אינעם לאַנד איבערבויונג, געפינען אין זיי אָן עמאָציאָנעלע און גײַסטיקע שטיצע, וואָס שליסט נישט אויס, נאַטירלעך, ניט קיין קריטישע באַציִונג, ניט קיין איבערצײַגעוודיקע און גוטווילִיקע פּאָלעמיק. מע דאַרף געדענקען, אַז וו. אי. לענין און זײַנע מיטקעמפער האָבן געוווּסט און ליב געהאַט די ליטעראַטור, די קונסט, זעענדיק אין זיי ניט קיין פאַרווײַלונג אין דער פרײַער צײַט, נאָר אַן אויסדרוק פון די פאַרבאָרגענע געדאַנקען און געפילן פונעם פאָלק.

די באַדינגונגען פון דער איבערבויונג שאַפן אַ גינסטיקן באָדן פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער קולטור און קונסט, אָבער איינצײַטיק שטעלן זיי אַרויס אויך הויכע פאָדערונגען. און די וויכטיקסטע פון זיי זײַנען קינסטלערישע אַנטדעקונגען און דער עמעס. אָט דער עמעס, האָט געזאָגט מ. ס. גאָרבאַטשאָוו אויפן XXVII צוזאַמענפאָר, „ליגט אין די אופטועז פונעם פאָלק און אין די ווידערשפּרוכן פון דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, אינעם העראָיִזם און אין דער טאָגטעגלעכקײַט פון די אַרבעטס־אינדערוואָכנס, אין די ניצכוינעס און דורכפאַלן, דאָס הייסט אינעם עצעם לעבן, אין דער גאַנצער פילזײַטיקייט, דראַמאַטיזם און גרויסקייט פונעם לעבן“.

אָן דעם עמעס איז ניטאָ קיין ליטעראַטור און קונסט, אָן אַן עמעס איז ניטאָ קיין גערעכטיקייט און בירגערלעכקײַט, קיין עפנטלעכקײַט און דעמאָקראַטיע, קיין עכטע זיטלעכקײַט. דער עמעס איז איינהײַטלעך און אומצעטיילבאַר. עס איז ניט פאַראַן קיין „גרויסער“ און קיין „קליינער“ עמעס, עס איז דאָ אַ גרויסער און קליינער ליגן, ווען דער האַלבער עמעס ווערט פאַרביטן מיט אַן אַנדערן. דער עמעס קאָן קיינמאָל ניט זײַן צו פיל, האַגאַם צײַטנווײַז איז ער געווען ווייניק.

אונדזער ליטעראַטור און קונסט טראָגן אין זייערע בעסטע ווערק דעם עמעס פון דער רעוואָליוציע, דעם עמעס פונעם סאָציאַליזם, דערציִענדיק מיטן עמעס די בעסטע בירגערלעכע אייגנשאַפטן אין די מענטשן — דאָס קענען שאַפן לויט זײַנע געזעצן, אָרנטלעך זיך מיִען און לעבן, העלפט דעם מענטשן טיפער באַזיניקן די געשיכטע, די וועלט און די צײַט. וואָס קאָן זײַן ווירדיקער און הומאַניסטישער פון אָט דעם הויכן באַרוף!



יעכיעל שרײַבמאַן

זיבן יאָר מיט זיבן כאַדאָשים

ראָמאַן

דאָס ערשטע קאַפּיטל

א

אין א גוטער שאָ. איך הייב אָן דערציילן ווײַטער.

אָנהייבן זײַנען פאראן אָן א שיר, כ׳קאָן אָנהייבן פונוואַנען איך וויל. אלע בוקאַרעשטער יאָרן מײַנע זײַנען אייגנטלעך געווען הוילער אָנהייב.

כ׳פאַרמאַך דעריבער די אויגן, שטרעק אויס די האַנט און טו א כאַפּ אין דער זשמעניע, ניט געקליבן, דאָס, וואָס עס כאַפּט זיך אַהין דאָס ערשטע ארײַן, אַלפּי װאַרפֿן גוירל, הייסט עס.

און ווען איך עפן די זשמעניע פאַוואָלינקע אוף, דערזע איך, מאַלט אײַך, שטיין אף מײַן דלאָניע עפּעס גאָר א זײַטיק מענטשל מיט א פּליכל אפן קאָפּ און מיט צוויי ברייטע גערדיכטע ברעמען אף א קײַלעכיק פּאָנעם; אָנגעטאָן אין א פּאָר צעקנייטשטע הויזן, אין א געקעסטלט העמדל מיט פאַר־קאַטשעטע ארבל; זײַטיק — מאַכמעס פון דעמלט אָן ביז הײַנט, ביז טאַקע אָט איצט, אף דער

דלאָניע מײַנער, האָט ער אין מײַן זיכּאָרן קיין מינדסט קעמערל ניט פאַרנומען, געבליבן ליגן דאָרט, באַלד נאָך די צען־צוועלף טעג, וואָס מיר האָבן זיך געקענט, בײַ דער זײַט, אין אַ טיפער פאַרגעסנקײַט, אין מײַן לעבן גאָרנישט ניט אָפּגעשפּילט, ניט קיין גוטס און ניט קיין שלעכטס; ליבשאַפט אָדער פײַנטשאַפט, כאָטש אַ שמייכל אויף מײַנע ליפּן, ניט אויפגעוועקט אין מיר; האַגאַם געווען איז ער דער ערשטער לעבעדיקער רעדאַקטאָר פון אַ צײַטונג, וואָס כ׳האָב דעמלט צום ערשטן מאָל געזען.

ס׳איז אָבער, אַפּאָנעם, ניט אינגאַנצן אַזוי. דאָס ריינע קישעפּדיקע זײַטעלע אַנטקעגן דיר אויפן טיש רופט אַרויס מענטשן און זאַכן פון דער טיפסטער פאַרגעסנקײַט, שטעלט איבער, שאַצט איבער מענטשן און זאַכן.

דאָס קליין זײַטיק מענטשל אויף מײַן דלאָניע האָט דעמלט געהייסן מאַרטשעל מאַרקאָוויטש. אַזוי איז געשטאַנען אָנגעשריבן באַלד אויבן אונטערן קעפּל פון דער צײַטונג: רעדאַקטאָר — מאַרטשעל מאַרקאָוויטש. אין דער רעדאַקציע זײַנער פלעג איך אים טאָמיד טרעפן אָדער אויפזידן אין אַ קאָכערל אַ שוואַרצע קאַווע, אָדער זיצן בײַם טישל און עפּעס איבערכאַפּן אָן אַ טעלערל און אָן אַ גאָפּל — גלײַך פונעם צעוויקלטן פעטן שטיק פּאַפּיר. ער איז, זעט אויס, געווען ניט קיין כאַסענע געהאַט, אָן אַלטער באָכער אַריבער די פערציק. קיין סאַך רייד האָט ער מיט מיר ניט געמאַכט. ער האָט מיך קיינמאָל ניט געפרעגט, פונוואַנען איך בין, ווו איך וווין. דעם ערשטן טאָג האָט ער מיך נאָר אַ באַטראַכט געטאָן, אַרײַנגעקוקט מיר אין די אויגן און האָט מער גאָרנישט ניט געדאַרפט. כ׳דערמאָן זיך גוט די איינציקע עטלעכע אַלצײַנע ווערטער, וואָס ער פלעג מיר יעדן טאָג איבערכאַזערן:

— נעם און גיי. דער טאָג שטייט ניט. אַז מע וויל עסן אַ שטיקל ברויט, דאַרף מען זיך אַ ריר טאָן פלינקער אַ ביסל!..

מאַרקאָוויטשעס רעדאַקציע האָט זיך געפונען אין סאַמע טומל אויף דודעשט, צווישן אַ לאַנגער שורע גאַלאַנטערײַ־קלייטן מיט געקנייטשטע אײַזערנע שטאָרעס, וואָס האָבן זיך אַלע גאַנצפרי אַרופגערוקט מיט אַ קוויטשערײַ, פאַרשוווּנדן געוואָרן אויבן, איבער די וויטרינע־פענצטער, ערגעץ אינווייניק אין דער וואַנט, מאַמעש, ווי בײַ אַ פאָקוסניקס אַ פאָקוס: אָט האָסטו זיי נאַרוואָס געזען, און אָט ווייסטו ניט, ווּהין זיי זײַנען אַנטרונען געוואָרן.

די רעדאַקציע האָט אויך פאַרמאָגט אַזעלכע צוויי שטאָרעס: איין ברייטע שטאָרע — איבערן פענצטער, אַ צווייטע, אַ שמעלערע — איבער דער טיר. די ברייטע פענצטער־שטאָרע איז טאָמיד געשטאַנען אַראָפּגערוקט. די שויבן פון דער טיר, אונטער דער אַראָפּגערוקטער שמעלערער שטאָרע, זײַנען טאָמיד געווען אויסגעקלעפּט מיט מאַרקאָוויטשעס צײַטונג. ס׳הייסט, ניט מיט דער גאַנצער צײַטונג. פאַסנווײַז, איינס לעבן אַנדערן, האָט פון אויבן ביז אַראָפּ געשווינדלט אויף די לאַנגע טירשויבן דאָס קעפּל פון דער צײַטונג. דאָס איז געווען אי דער רעדאַקציעס וויוועסקע, אי די וויטרינע אירע: אַהער, אַהער, קינדערלעך. קומט אַרײַן. דאָ וועט איר באַגליקט ווערן!

אינווייניק אין דער רעדאַקציע איז, פאַרשטייט זיך, געווען פינצטערלעך. קיין שטאַרקע ליכטיקײַט האָט מען דאָרטן ניט געדאַרפט. און אויב מ׳האָט אַמאָל יאָ געדאַרפט, האָט זיך העט אויבן אויף דער סטעליע אָנגעצונדן אינמיטן העלן טאָג אַ פאַרשטויבט עלעקטריש לעמפּל, מיט אַ הויל ווײַס עמאַלירט טעלערל איבער זיך. גאָר קיין רײַכס איז, פאַרשטיי איך, מאַרקאָוויטשעס געשעפט ניט געווען. פּראָסטע הילצערנע ראַפטן אַרום די ווענט, צעקעסטלט אויף גלײַכע פירעקיקע קעסטעלעך אָן טירלעך, לעבן יעדן קעסטעלע באַזונדער — אַ קאַרטאָנדל מיט אַ נומער, און אַלע קעסטעלעך איניינעם, שטעלט איר זיך פאָר, האָבן געדאַרפט זײַן פול מיט בריוו, מיט פּאַטאָס, בריוו און ענטפערס אויף בריוו, אַפילע מיט טעלעגראַמעס, מיט מענטשלעכע גוירעלעס און גליקזוכענישן. נאָר דער גרעסטער טייל קעסטעלעך אין די ראַפטן איז געווען אָנגעשטופּט מיט צײַטונגען; צײַטונגען, וואָס די צײַטונגס־קיאָסקן האָבן מאַרקאָוויטשן אומגעקערט. און יענע קאָנווערטן און יענע בריוו, וואָס זײַנען אין אַ סאַך קעסטעלעך יאָ געלעגן, זײַנען, מיין איך, מעכילע געווען אויסגעטראַכטע. דער רעדאַקטאָר מאַרטשעל מאַרקאָוויטש האָט זיי, מעגלעך, אַפילע אַליין אָנגעשריבן, אַליין אַרײַנגעוואָרפן אין אַ פּאָסטקעסטל, דער קאָנווערט זאָל האָבן אויף זיך אַ שטעמפּל, די קאָנווערטן צעשטעלט אין די ראַפטן, קעדיי זיי זאָלן אי אים אַליין אָפּנאַרן, אי ווײַזן די קליענטן, וואָס כאַפּן זיך אַמאָל אַהער אַרײַן, אַז דאָס רעדל דאָ דרייט זיך. קליענטן, יינגלעך אָדער מיידלעך, כאַסאַנים אָדער קאַלעס, יונגע צי אַפילע עלטערע, פּאַרזױסענע, האָב איך אין די טעג מײַנע, וואָס כ׳האָב בײַ מאַרקאָוויטשן געאַרבעט, קיין איין מאָל ניט געזען. פרעגט זיך: ווי־אַזוי זשע איז די דאָזיקע צײַטונג אַרויסגעגאַנגען וואָך בײַ וואָך און ביידע זײַטן אירע זײַנען געווען געדיכט אָנגעשפּיקעוועט מיט סאַמע אַנאָנסן, צענדליקער אַנאָנסן? קאָן מען דערויף אַזוי ענטפערן: ערשטנס, פלעג איך אין דער רעדאַקציע זײַן ניט מער ווי עטלעכע מינוט, מאַרקאָוויטש פלעגט מיך קעסיידער טרײַבן, „דער טאָג שטייט ניט", און כ׳האָב ניט געהאַט ווען צו זען די קליענטן. צווייטנס — ווידער דאָס אייגענע: די אַנאָנסן זײַנען, אַפּאָנעם, מערסנטס אויך געווען אויסגעטראַכטע. דער רעדאַקטאָר האָט זיי אַליין צונויפגעשטעלט און אָפּגעדרוקט. צענדליקער און

צענדליקער איינזאַמע און עלנטע, און זיך אַליין, דעם אַלטן באָכער אַריבער די פֿערציק, פֿאַרגעלייגט אין זײַן צײַטונג אויסגעטראַכט גליק.

האַקיצער. די צײַטונג האָט געהייסן „גאַזעטאַ קעסעטאַר־ועלאָר". אַף יידיש איז עס די טײַטש: „די צײַטונג פֿון כאַסענעס".

מאַרטשעל מאַרקאָוויטש, מיט די עטלעכע האָר אַפֿן קאָפּ, מיט די פֿאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט די אייביק צעקנייטשטע הויזן זײַנע איז גאָר פּאַשעט געווען אַ שאַדכן. אַזאַ מין מאָדערנער, גרויס־שטאָטישער שאַדכן.

פֿאַרנאָסע, כאַיונע האָט, מיין איך, די שידוכים־פֿירמע מאַרקאָוויטשן געגעבן אַפֿן שפּיץ מעסער. דעמלט האָב איך זיך אין דעם קיין סאַך ניט אַרײַנגעטראַכט, דעם כעזשבן מאַרקאָוויטשעס ניט גע־מאַכט. דאָס דאָזיקע קאָמישע שידוכים־אויספֿירערײַ, דער רעדאַקטאָר, די רעדאַקציע און מײַן מוזן דאָרט „עסן אַ שטיקל ברויט" האָבן אין מיר אַרויסגערופֿן ניט קיין קאַס און אַוואַדע ניט קיין טרערן, נאָר, ווי כ'האָב געזאָגט, אַ שמייכעלע אַף מײַנע ליפּן. איצט אָבער, ווען איך קען שוין, דאַכט זיך, אַ ביסל אונטערצײַען מענטשלעכע כעזשבוינעס, דערזע איך אַף מײַן דלאָניע אין מאַרטשעל מאַרקאָ־וויטשעס אויגן אי אָן אַ שיר עלנטקײַט, אי געפֿאַלנקײַט, אי אָרעמקײַט (כאָטש רעדן פֿלעג ער טאָמיד מיט מיר, ווי מיט אַ שיק־ייִנגל: נעם און גיי! ער מיך האָט, אַפּאָנעם, געהאַלטן פֿאַר אַ נאָך מער געפֿאַלענעם און נאָך מער עלנטערן...). און כ'דערזע פּלוצעם אין מאַרטשעל מאַרקאָוויטשעס אויגן פֿרייד אויך. כ'זע, ווי ער זופּט פֿאַמעלעך פֿונעם שעלעכל די שוואַרצע קאַווע, די כאַסענע־צײַטונג זײַנע ליגט אויסגעשפּרייט אַנטקעגן אים אַפֿן טישל, און ער קוקט אַף איר און שײַנט: ס'גייט דען אין פֿאַרנאָסע, אין כאַיונע? עפּעס פֿונדעסטוועגן דערשלאָגן זיך אין לעבן. שוואַרץ אַף ווײַס, מיט פֿעטע געדיכטע אויסיעלעך, אין סאַמע אויבנאָן: רעדאַקטאָר — מאַרטשעל מאַרקאָוויטש.

ב

וויליאַם סאַראָיאַן, דערציילנדיק, וויאַזוי ער איז ייִנגלווײַז אַ שטיקל צײַט אויך אומגעלאָפֿן מיט צײַטונגען אַף די גאַסן, זאָגט ערגעץ: „זײַן אַ שרײַבער — הייסט טאָמיד זײַן אַף די גאַסן, די מענטשן אַף די גאַסן — זיי זײַנען עס דאָס בוך דײַנס". מיך האָבן ניט די בוקאַרעשטער גאַסן גע־מאַכט פֿאַר אַ שרײַבער. ביפֿראַט דעמלט, אין יענע טעג, מיט די צוויי פּעק צײַטונגען אין ביידע הענט. פֿאַרקערט: דער שיינער כאָלעם מײַנער איז זיך צעגאַנגען, ווי אַ רויכל, אין די יאַטרענדיקע בלאָ־טערס אַף מײַנע פֿיס, אין די הונגער־גרימעניש אין מײַן בויך. כ'האָב אַ גאַנצן טאָג אויסגעשפּאַנט בוקאַרעשט אין דער לענג און אין דער ברייט, און די מענטשן אַף די טראָטואַרן, און די טראַמווײַען און די פֿאַעטאָנען אַף די ברוקאָווקעס, און אַפֿילע די הויכע שיינע הײַזער אין ביידע זײַטן גאַסן רעכט ניט געווען. כ'האָב, צוהינקעדיק, געצויגן זיך צו איין הויכן ציל — דערזען אַ צײַטונגס־קיאָסק. די צוויי נישקאָשעדיקע פּעקלעך פֿלעג איך לעבן קיאָסק אַראָפּשטעלן אַף דער ערד, אַרײַנדערלאַנגען דערנאָך דורכן פֿענצטערל דער צײַטונגס־פֿאַרקויפֿערן אַכט אָדער צען פֿרישע עקזעמפּליאַרן „גאַזעטאַ קעסעטאָר־ועלאָר", זי האָט מיר צוריקדערלאַנגט די פֿאַראַכטאָגיקע אַלטע עקזעמפּליאַרן, און אַז דער קיאָסק איז געווען אַ מאַזלדיקער און אַ פּאָר צײַטונגען האָבן זיך פֿאַר דער גאַנצער וואָך פֿאַרקויפֿט, האָט זי מיר אויסגעציילט פֿאַר זיי די מאַטבייעס. נאָך עטלעכע מאַזלדיקע קיאָסקן בין איך געוואָרן אַ גוויר. גאַנצע פֿינף פּראָצענט פֿונעם אָפּגעלייזטן געלט פֿאַר די פֿאַרקויפֿטע צײַטונגען זײַנען געווען מײַנע. ווען אין קעשענע איז שוין געלעגן אַ צוואַנציקער, האָב איך פֿאַרן איינעם קוים פֿאַרדינטן לײַי מײַנעם געכאַפּט דעם ערשטן בייגל, וואָס כ'האָב באַגעגנט אַפֿן וועג, און אים באַלד אַפֿן אָרט אײַנ־געשלונגען. איין בייגל האָט מיר אָבער דעמלט געקלעקט אַף איין צאָן. ער האָט ערשט גוט צערודערט די בויך־בורטשן מײַנע. דעם צווייטן בייגל, און טאַקע באַלד דעם דריטן בייגל, האָב איך שוין גע־קויפֿט פֿאַר מאַרקאָוויטשעס געלט: נישקאָשע, דער טאָג איז נאָך גרויס, קיאָסקן זײַנען נאָך פֿאַראַן אַ וועלט, דאָס מאַזל וועט נאָך צושפּילן. וואָס אויסגעהונגערטקײַט הייסט! נאָך די דרײַ בייגל האָב איך ערשט דעם עס־ניסאָיען בעשום־אויפֿן ניט געקאָנט גוויווער זײַן.

סאָפּקאָלסאָף פֿלעג איך זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ קרעטשמע ערגעץ אַף אַ ראָג. אַוועקזעצן זיך בײַ אַ טישל מיט די פּעקלעך לעבן זיך, אַ ביסל טאַקע אויסרוען זיך די פֿיס, אָפּכאַפּן דעם אָטעם, און פֿאַרן פֿרעמד געלט אין קעשענע אָנכליעפּטשען זיך מיט אַ הייסן פֿעטן באָרשטש, אָנקײַען זיך מיט אַ גוט שטיק ברויט. עס הייסט דאָך נאָר אויסגעבאָרגט. ס'וועלן נאָך זײַן הײַנט גענוג מאַזלדיקע קיאָסקן. ביז אָפּדערנאַכט וועל איך דעם כעזשבן מיט מאַרקאָוויטשן צוריק אויסגלײַכן.

נאָר פֿאַרן גאַנצן טאָג זײַנען די צוויי פּעק צײַטונגען אין מײַנע הענט ניט גאָר אַף קיין סאַך גרינגער געוואָרן. אַפֿן אָרט פֿון די נײַע עקזעמפּליאַרן האָב איך זיך אומגעטראָגן מיט אַ שיין ביסל

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם שרײַבער יעכיעל שרײַבמאַן מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאַס־יאָמים און נײַע שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

אַלטע עקזעמפּליאַרן. מאָזלדיקע קיאָסקן, ווו מאַרקאָוויטשעס שידוכים־גליקן האָבן יאָ געהאַט אַף זיך באַלאַנים, האָט מען געקאָנט, ווי מע זאָגט, אָנציילן אַף די פֿינגער. אַלע בוקאַרעשטער בלעטער, די גרויסע און די באַוווּסטע בלעטער, זײַנען דעמאָלט געווען פֿול מיט אַזעלכע באַקאַנטשאַפֿט־מודעאָס און גליק־אַנאָנסן. עמעסע, מינאַסטאַם, ניט קיין אויסגעטראַכטע. זיי האָט דער אוילעם, אַפּאָנעם, מער געגלייבט איידער מאַרטשעל מאַרקאָוויטשעס ספּעציעל שאַדכאָנעס־בלעטל.

האקיצער. אַלע פֿאַרנאַכט, ווען איך פֿלעג צוריקומען אין דער רעדאַקציע מיט מאַרקאָוויטשן אָפּרעכענען זיך, פֿלעג איך אים טאָמיד בלײַבן שולדיק געלט. אופֿגעגעסן אין טאָג האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, מערער, וויפֿל כ'האָב פֿאַרדינט. אופֿגעגעסן, ווי מע זאָגט, אי דעם רעוועך, אי דעם קערן. זײַן, מאַרקאָוויטשעס, קערן. מאַרקאָוויטש פֿלעגט זיך אַף מיר ניט בייזערן, ניט מוסערן מיך. גאַנצפֿרי איז ער געווען אַן אַנדערער, און אָפּדערנאַכט איז ער געווען אַן אַנדערער. דערזעענדיק מיך מיט די צוויי היפּשע פּעק, פֿלעגט ער זיך נאָר א ביסל בײַטן אַפּן פּאָנעם, דאַכט זיך, אַפֿילע בלייך ווערן. דערהערנדיק דערנאָך דעם כעזשבן מײַנעם, פֿלעגן אים אַזש די אויערן, דאַכט זיך, ווײַס ווערן. ער פֿלעג אָבער שווײַגן. ער האָט נאָר א קכעקע געטאָן, א קרעכץ געטאָן, די מאַטבייעס און דאָס פּאַפּיר־געלט, וואָס כ'האָב אים דערלאַנגט, איבערגעציילט איין מאָל, א צווייט מאָל און א דריט מאָל, עס זאָל פּאַשעט הייסן א סאַך געציילט, און פֿלעג מיר דערנאָך פֿאַמעלעך און שטיל א זאָג טאָן:

— שאַט ניט. ביסט באַ מיר א גוטער בעטועך. די צײַטן וועלן זיך פֿאַרבעסערן, וועסטו מיר ביז אין א גראָשן אָפּגעבן. וועסט מיר ניט אָנזעצן.

די צײַטן האָבן זיך אָבער ניט פֿאַרבעסערט. וואָס א טאָג בין איך מאַרקאָוויטשן געבליבן שולדיק מערער, און סאָפּקאָלסאָף, מוז איך זיך איצט מודע זײַן, האָב איך אים דאַפֿקע יאָ אָנגעזעצט. באַנקראָטן זײַנען דעמאָלט, באַם אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן, געווען אַף דער וועלט אין דער מאָדע. בין איך, הייסט עס, אין די ערשטע בוקאַרעשטער וואָכן מײַנע אויך געווען מיט לײַטן גלײַך.

די אַלע זאַכן דערצייל איך, פֿאַרשטייט זיך, א קאַפּעלע פֿאַרשאַרפֿטער. דאָס בילד זאָל זײַן רעליעפֿער, עמעסדיקער. אַז די בוקאַרעשטער גאַסן האָבן מיר דעמאָלט, מיט די צײַטונגען אונטער די אָרעמס און מיט די בלאַטערס אַף די פֿיס, גאָרניט געגעבן, דאַרף מען אויך ניט פֿאַרשטיין פּראָסט אַזוי. סאַראַיאַן איז אַוודע אַף זײַן אויפֿן גערעכט. שיכפּוצער; בייגל־פֿאַרקויפֿער; די מיידלעך אין די קיאָסקן; קרעטשמע־שיקורים; איזוואָזטשיקעס אין לאַנגע פֿאַרגאַרטלטע פּליושענע קאַפּטאַנעס מיט מעשענע קנעפּ, זיצנדיק העט אויבן אַף זייערע קעלניעס; דאַמאַטשקעס אין די פֿאַעטאָנען; פֿריילעך־שפּאַצירנדיקע פֿאַרלעך לעבן רײַך־פֿאַרפּוצטע מאַגאַזין־וויטרינעס; פּאָליציאַנטן אַף די ראָגן; בראָדיאַגעס, לויזנדיק די העמדער זייערע, אונטן אַפּן ברעג פֿונעם בוקאַרעשטער טײַך דימבאָוויצע; אָקעדוימע נאָך צענדליקער און צענדליקער מענטשן אַף די גאַסן, האָבן אַוודע אָפּגעלייגט זיך דעמאָלט אין מיר, ווי זײַטלעך פֿון א בוך. נאָר מאַרטשעל מאַרקאָוויטש, א פֿאַרשוין מײַנער אויך פֿון די זײַטיק באַגעגנטע, און דאַפֿקע ניט אַף דער גאַס, דאַפֿקע ניט קיין גאַסן־מענטש, איז אַרויסגע־

שפּרונגען דער ערשטער: איך בין די ערשטע זײַטלעך פֿונעם בוך. איך בין עס דײַנע דעמלטיקע בוקאַרעשטער גאַסן.

אין דער סטודענטן־היים פֿלעג איך באַנאַכט, אױף אַ הױלן קױטיקן מאַטראַץ אין אײַזערנעם בעטל, שאָענווײַז ליגן אָן שלאָף. אַז מ׳האָט פֿאַרן בעטל ניט באַצאָלט צו דער צײַט, פֿלעג מען דיר אָפּצינען דאָס ציכל פֿונעם קישעלע און צונעמען בײַ דיר בײדע לײַלעכער. נאָר ניט דערפֿאַר, כאַלילע, האָב איך פֿאַרלױרן די רו. ס׳האָבן מיך געפּײַניקט נײַע איבערלעבענישן, נײַע איבערטראַכטענישן און אַ נײַע מוירע. װיאַזױ װעל איך זיך פֿון דעם דאָזיקן מאַרטשעל מאַרקאָװיטשן אױסדרײען? כ׳בין אים שױן שולדיק אַריבער אַ פֿופֿציקער. ער שװײַגט, שװײַגט, נאָר װאָס אַ טאָג, זע איך, װערט ער עפּעס מער נערװעזער, קוקט אױף מיר מער אָנגעכמורעטער. װער װײסט, מיט װאָס עס קאָן זיך ענדיקן? קאָן עס ניט האַלטן בײַ פּאָליציי? און פֿאַרװאָס קומט אים טאַקע אַזױ־אָ אָפּצוראַבעװען? און פֿאַרװאָס קומט מיר עסן אױף אַזאַ ביטערן אױפֿן אַזאַ ביטער שטיקל ברױט?

געענדיקט האָט זיך די דאָזיקע קאָמישע מײַסע זײער פּאַשעט, זײער פּראָסט און זײער טרױעריק. אין אַ פֿאַרנאַכט האָב איך די אײַזערנע שטאַרע אױף דער טיר פֿון דער רעדאַקציע געטראָפֿן אַראָפּגערוקט, פֿאַרשלאָסן אונטן בײַ דער ערד מיט אַ גרױסן שלאָס. כ׳האָב די צװײ פּעק צײַטונגען געמוזט שלעפּן מיט זיך אין דער סטודענטן־היים, און גאַנצפֿרי װידער געטראָפֿן בײדע שטאַרעס פֿון דער רעדאַקציע אַראָפּגערוקט. באַטאָג, פֿאַרנאַכט, דעם דריטן טאָג, דעם פֿערטן טאָג איז די כאַסענע־רעדאַקציע צװישן דער לאַנגער שורע גאַלאַנטערײ־קלײטלעך אַלץ געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע שטאַרעס. פֿאַרקלאַפּט און פֿאַרהאַקט.

אױס „גאַזעטאַ קעסעטאָריעלאָר”. אױס מאַרטשעל מאַרקאָװיטש.

אײנער אַ סטודענט, אײנײנעם מיט מיר אין צימער, אַ יונגער מאָלער, װאָס האָט ניט לאַנג אױסגעשטעלט אײנעם לײענזאַל פֿון דער סטודענטן־היים קאַריקאַטורן זײַנע, האָט איצט, נאָך דער אױסשטעלונג, צעשפּרײט די קאַריקאַטורן אױף זײַן אײַזערנעם בעטל אָן די לײַלעכער און איז אױף זײ געשלאָפֿן, װי אַ קײסער.

איך האָב אים נאָכגעטאָן. מײַן מאַטראַץ פֿאַרשפּרײט מיט מאַרקאָװיטשעס שידוכים־צײַטונגען. און זײ האָבן מיך גוט געקװעטשט, גוט געבראָטן, מיך ערשט רעכט ניט געלאָזט צומאַכן קײן אױג.

ג

אַ גרױסער מעגושעמדיקער צימער. עטלעכע פֿענצטער, װאָס קוקן אױף דעכער אַרױס. אַכצן, צי טאַקע גאַנצע צװאַנציק שמאָלע אײַזערנע בעטלעך קימאַט אײנס לעבן אַנדערן.

אַ צימער, װי אַלע צימערן אױף אַלע דרײַ עטאַזשן אין דער סטודענטן־היים.

אונטער די בעטלעך האַלט מען די טשעמאָדאַנטשיקעס מיטן האָב־און־גוטס, װאָס מ׳האָט געבראַכט פֿון דער הײם. צוקאָפּנס, אונטערן קישעלע — די ביכלעך און די העפֿטן. הױזן לײגט מען אַזױ מײַסטעריש צונױף אונטערן מאַטראַץ, אונטער זיך, אַז זײ פּרעסן זיך אױס איבער נאַכט אַלײן שענער און בעסער, אײדער אין דער שענסטער און בעסטער שנײַדער־אַטעליע. דעם נעכטיקן שטױב אױף די שיך װישט מען אָפּ הײַנט אינדערפֿרי מיט די אײגענע שקאַרפּעטקעס, אײדער מע טוט זײ אָ צי אַרױף אױף די פֿיס. װאַשן זיך לױפֿט מען מיט האַלבנאַקעטע לײַבער אין דער טיף פֿונעם קאָרידאָר, אַהין, װוּ עס געפֿינען זיך די בײסהאַקיסעס, װוּ די קראַנטן זײַנען אָפּט גאַנצפֿרי איבערגעדרײט, די קלאָזעטן — פֿאַרשטאָפּט, װאַסער גיסט זיך דאָרט מיט אַזאַ קלינגערײַ און אַזאַ פּאַטשערײַ, מיט װײדערקױלעס אין די קאָרידאָרן, גלײַך װי דער נײַער טאָג װאָלט זיך דאָ אָנגעהױבן מיט אַ מאַבל.

כ׳װײס ניט צי מ׳האָט דאָס דאָזיקע אַלטע דרײַגאָרנדיקע הױז ספּעציעל אַמאָל אױסגעבױט, קעדײ אָרעמע סטודענטן זאָלן האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָדער דער באַל־מענאַדװון האָט עס אַזאַ־אָ פֿאַרטיקס מענאַדעװ געװען (צוליב װאָס זשע האָבן אים ביז דעמלט געטױגט אַזױנע גרױסע מעגושעמדיקע צימערן?). כ׳װײס נאָר, אַז איך האָב דאַן געפֿילט די סטודענטן־היים, װי אַ מין איר־האַמיקלעט מײַנע. אױסגעזען האָט זי מיר, מיטן גאַנצן רומל אירן, מאַמעש װי אַלײן די דאָליע פֿון די אָרעמע ײדישע סטודענטן דעמלט אין רומעניע.

װעגן מײַן דאָליע רעדט מען שױן ניט. איך בין קײן סטודענט ניט געװען. קעגן מײַן דאָליע האָט מיר דער דאַך איבערן קאָפּ, מינאַסטאַם אַ לעכערדיקער, אױסגעזען, װי באַצירט מיט גילדענע טורעמלעך, באַפּוצט מיט באַפֿליגלטע מאַלאָכימלעך. מאַמעש אַ פּאַלאַץ, אַ קישעף־שלאָס אין אַ צױבער־מײַסעלע.

פֿונקט עלף באַנאַכט לעשט זיך אין צימער אױס דאָס ליכט. דורך די פֿענצטער פֿינקלען װײַט איבער דעכער, אונטערציטערנדיק, עלעקטרישע לעמפּלעך, אױסגעמישט מיט שטערן. פֿון די צװײ

נאָענטע גאַסן, פֿאַרנט — פֿון וואָקזאַל, הינטן — פֿון לאַבירינט, דערטראָגן זיך אַהער, פֿון צײַט צו צײַט, טויבלעך טראַמוויי־גרילצעניש, צאַקערײַ פֿון פֿערד־טלאָען, אַ פֿײַף פֿון אַן אויטאָמאָביל. דער אוילעם ליגט שוין מײַנסטנס אין די בעטלעך. איבער דער פֿינצטערניש רעדט מען צווישן זיך אויף געהעכערטע קולעס. מע רעדט אַרום וועלט־זאַכן. מע דערציילט זיך טאָג־פּאַסירונגען, טאָג־גײַסן, אַמאָל — גלאַט אַנעקדאָטן. מע לאַכט. מע קרעכצט. מע אַמפּערט זיך. מע וויצלט זיך. מע וואַרפֿט זיך איינער דעם אַנדערן קישעלעך. וואָס אַ מאָל ווערן די קולעס שטילער און ווייניקער. עמעצער דערציילט נאָך עמעצן לעבן זיך אינדערשטיל, שעפּטשענדיק, אַ געשיכטע פֿון אַ ליבע זײַנער. דאָס שעפּטשען ווערט אײַנגיכן אויך אַנטרונען. איבער אַלע צוואַנציק בעטלעך גייט פּאַוואָליע אויף אַ לײַכט צובלעזלען מיט די ליפּן, צופּײַפֿן מיט דער נאָז, צושנאָרכן מיטן האַלדז. אויף קאַלערליי טענער — אַ יונג געשמאַק שלאָף־געזאַנג.

איך איינער, דאַכט זיך, בין געלעגן אויף מײַן בעטל און דאָס געזאַנג געהערט.

בוזיעלע גרינבערג האָט מיך גוט איבערגעשראָקן. קליינינקײַטן, זאַכן געוויינלעכע, קאָן דיר בוזיעלע גרינבערג אַ דערצייל טאָן סוידעסדיק, צובייגנדיק זיך נעענטער צום אויער דײַנעם, אַזש אַרומקוקנדיק זיך. און פֿאַרקערט: גאָרניט קיין פּריילעכע זאַך פֿאַר מיר, אַ זאַך אַפֿילע אַ סטראַשנע, טוט ער מיר אַ זאָג אַזוי זיך, קאַלטבלוטיק, גלײַך ווי גאָרניט. ס'איז אַ מין טאַקטישקײַט זײַנע, צי אַזאַ מענטש איז ער, מײַן ראַשקעווער בוזיעלע גרינבערג? אויך, אַפּאָנעם, אַ שטיק קאַפּויערער. ווי אַלע ראַשקעווער. אַ סטודענט שוין אויפֿן לעצטן קורס, דאָ אין דער סטודענטן־היים אַ גלאַוונער אין קאָמיטעט פֿון דער אָנפֿירונג — און זעסט אים אומדרייען זיך אין הויף צווישן אוילעם מיט אַ געבויגענער פּלייצע און מיט אַן אָפּגעצויגן פּאָנעם, פֿאַריאָצט און פֿאַרטראַכט, שטיל און שעמעוודיק, ווי אַ נעבעכל, ווי ער קאָן גאָר קיין צוויי ניט ציילן. אַ ראַשקעווער מיט די ביינער.

אַזוי זיך און פֿראָסט, גלײַך ווי ער וואָלט מיר אַ זאָג געטאָן, אַז ס'האָט זיך מיר אָפּגעריסן אַ קנעפּל פֿונעם רעקל:

— אַלצדינג וואָלט געווען ווויל. וואָלסט דאָ געקענט זײַן און זײַן. ווען ניט די אָבלאַוועס באַנאַכט.

— וואָס פֿאַר אַן אָבלאַוועס?

אַפּאָנעם, איבערן צוהיקען און איבערן ווײַס ווערן מײַנעם האָט בוזיעלע באַלד געכאַפּט צוריק:

— ס'הייסט, ניט אָפּט. עס מאַכט זיך אַמאָל, עס זאָל זיך ניט מאַכן. איין מאָל אין אַ כוידעש, צי טאַקע אין צוויי כאַדאָשים. געוויינלעכע פּאָליציי־אָבלאַוועס. פּונקט פֿינף פֿאַרטאָג, ווען די כעווירע ליגן נאָך אין די בעטלעך און כאָלעמען די שענסטע כאַלוימעס, יאַוווען זיך די מעכובאָלים אַרײַן אין די צימערן און קאָנטראָלירן די דאָקומענטן.

— וואָס זשע קאָן זײַן? וואָס זשע זאָל איך טאָן? — האָב איך געפֿרעגט, ווי אַ מעלופֿן־קינד.

— גאָרניט. ליג און שלאָף. מיינסט, ביסט באַ אונדז איינער? כ'וועל דיר זען אַ סטודענטן־בילעט. זאָלסט זיך נאָר ניט דערשרעקן. דערלאַנג זיי דעם בילעט, דריי זיך אויס מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט און שלאָף ווײַטער, ווי אַ געהאַרגעטער. פֿלעגסטעך אין ראַשקעוו, געדענק איך, שפּילן אַמאָל טעאַטער. ס'איז ניט מעסוקן. ס'וועט דורכגיין. וואָס זשע קאָן מען טאָן, ברודערל? מע דאַרף זיך אײַנשטעלן.

פֿלעג איך שוין דערנאָך אַזוי אין אַ סאַך באַנאַכטן ליגן אין מײַן בעטל ביז פֿאַרטאָג אַ וואַכנדיקער און איינער אַליין הערן אַרום זיך דאָס שלאָף־געזאַנג.

אין אַ באַנאַכט, דער שלאָף האָט זיך גראָדע גענומען זײַנס מיט דער פֿולער האַנט, פֿאַר אַלע אַנדערע נעכט, האָב איך פּלוצעם דערפֿילט אין די אויגן אַ שאַרפֿע שפּיזלדיקע שײַן. כ'האָב זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן געלעגער, צעטרעסעט זיך, פֿאַרשלאָפֿענערהייט אויסגעפּאָרפּלט פֿון אונטערן קישעלע דעם סטודענטישן בילעט. דער גאַנצער צימער איז פֿול מיט פּאָליציי־קאָמיסאַרן. פֿול מיט קעשענע־לאַמטערנדלעך, מיט רעוואָלווערן, שײַן־פֿאַסן, ווי לאַנגע פֿײַער־בײַטשן, קרייצן זיך איבער, הוידען זיך אויף די ווענט, אויף דער סטעליע, איבער אַלע צוואַנציק בעטלעך. אין קאָרידאָר קלאַפּן טירן, הערן זיך געשרייען. כ'האָב דעם סטודענטן־בילעט קאַלטבלוטיק דערלאַנגט אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר, צוריק אויסגעצויגן זיך אין בעטל, אויסגעדרייט זיך מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט און בין, ווי בוזיעלע האָט מיך געלערנט, ווײַטער געשלאָפֿן ווי אַ דערהאַרגעטער. מיט אַ צובלעזלען זיך און אַ צופּײַפֿן זיך, ווי דער גאַנצער אוילעם שלאָפֿט דאָ שטענדיק. מיטאַמאָל אָבער, אין אַ פּאָר רעגעס אַרום, האָט מען אַראָפּגעריסן פֿון מיר דאָס צודעקעכץ, אַראָפּגעשלעפּט מיך באַ די האָר אויפֿן פּאָל אַראָפּ פֿון אַלע זײַטן, מיט רעוואָלווערן און מיט די שפּיץ שטיוול געהאַקט מיר אין קאָפּ, אין בויך, אין אַלע איווורים מײַנע: „מיר האָבן אים געפּאַקט, דעם טאַכשיט, דעם אויסוואורף, דעם וואָס אין דער קאָרט!" כ'האָב אָנגעהויבן שרײַען ניט מיט מײַן קאָל, און אויפֿגעוועקט דעם גאַנצן אוילעם אין צימער. אַליין אויפֿגעכאַפּט זיך אין אַ טײַך מיט שווייס.

הונגער און מוירע — שיינע צוויי זאַכן אויף דער וועלט. הונגער האָט מען שוין ניט איין מאָל באַשריבן אין ביכער. טאַקע אין יענער צײַט, געדענק איך, האָב איך איבערגעלייענט אין קנוט האַמ־סונס „הונגער", אין געאָרג פינקס, „מיך הונגערט", אײַנגעשלונגען זיי אין איין אָטעם, מאַמעש ווי עפּעס א גוטן מאכל. אָפּנעם, קעדיי א ביסעלע אײַנשטילן און טאַקע מערער א ביסעלע פאַרשטיין דאָס אייגענע הונגערן. א בוך אינגאַנצן וועגן מוירע האָב איך ביז הײַנט ניט באַגעגנט. כאָטש דאָס געפיל פון הונגעריק זײַן פאַרשווינדט, ווען דאָס הונגערן גייט איבער, און מוירע בלײַבט אין דיר, ווי א מום דײַנער, אויף לאַנגע יאָרן, אויב ניט אויפן גאַנצן לעבן.

נאָך יענער נאַכט, וואָס האָט זיך, קאָן מען זאָגן, געענדיקט בעשאָלעם, מיט א הוילן דערשרעק אין שלאָף, פלעג איך פונדעסטוועגן אַרופקומען אוועקלייגן זיך אין בעטל ערשט נאָך פינף פאַרטאָג. אין א קאַמער אָן א טיר, אונטער די טרעפּ אונטן באַם אַרײַנגאַנג, זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפן אַלטע צעריסענע מאַטראַצן. כ'פלעג זיך אײַנגעוועזן אין זיי. אין אָנטועכץ, פאַרשטייט זיך. פלעג אַפילע באַלד, דאַכט זיך, אַנשלאָפן ווערן.

אין דרויסן איז שוין באַנאַכט געווען קילבלעך, סאָף־סעפּטעמבערדיק. דער ערשטער קלונג פונעם טראַמווײַ פאַרנט אין גאַס פלעג מיך, א ציטערנדיקן און פלאַטערנדיקן, אַרופבעטן צוריק אין צימער אַרײַן, צום בעטל מײַנעם.

ווילסט איר — גלייבט, ווילט איר — גלייבט ניט.

ד

מישע זילבערט און יאַקסל וואַכטל.

צוויי ייִנגלעך, ווי איך. אין דער זעלבער עלטער און מיט די זעלבע האַצלאָכעס.

מישע — א בעסאַראַבער, אויך פון א שטעטל באַם דניעסטער. מיט יאַקסלען זײַנען מיר נאָך געווען באַקאַנט אין טשערנאָוויץ. ניט גאָר־גאָר נאָענט באַקאַנט. נאָר ווען מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן דערזען אין סטודענטן־הויף, האָבן מיר זיך אַזוי אַרומגעכאַפּט און צעקושט, יאַקסל האָט אַזוי צעשריגן זיך פאַר פרייד, אַז דער גאַנצער אוילעם אין הויף האָט א דריי געטאָן צו אונדז די פּנעמער, אונדז אָנגעקוקט מיט אַזא נײַגעריקער פאַרכידעשטקייט, גלײַך ווי צוויי אייגענע וואָלטן נאָך לאַנגע יאָרן — פינף מאָל אַזויפיל יאָרן, וויפל זיי אַליין זײַנען אַלט — פּלוצעם געטראָפן זיך און אָפּגעזוכט זיך.

מישע זילבערט איז געווען זייער אַן איידעלער, געשטאַמט, קענטיק, פון אַן איידל־אינטעליגענטער שטוב. פאַר דער גאַנצער צײַט האָב איך ניט געהערט, ער זאָל עמעצן, אָדער וועגן עמעצן, זאָגן א קרום וואָרט. א פּאָנעם האָט ער פאַרמאָגט א לענגעכדיקס, א דינס, ניט גאָר פון קיין סאַך צײַט געגאָלט, מיט א גריבעלע אין אונטערמויל. אויגן — העל־בלויע, שטענדיק מילד־צעשמייכלטע; אַזעלכע ווייכע בלויע אויגן, פלעג איך מיינען, קאָנען פאַרמאָגן נאָר מיידלעך.

יאַקסל, פאַרקערט, איז א ביסל געווען גרעבלעכער, פּראָסטער און וויניק־אײַנגעהאַלטענער. אַפילע א פּאָנעם האָט ער געהאַט א ברייטלעכס און א דיקלעכס, דאַפקע מיט טיפע ווינקלען אויבן אין בײדע זײַטן שטערן. אויף א הויך, ברייט קאָפּ געקאָנט עמעצן גוט אַרײַנזאָגן, אין די אויגן און הינטער די אויגן. פונקט אַזוי ברייט און הויך געקאָנט א צעלאַך טאָן זיך; לאַכן און לאַכן אָן אופהער, באַ יעדער קלײניקײַט, איבער יעדער נאַרישקײַט. לאַכן, געלעכטער האָט ער געגעסן מיט ברויט, געגעסן אויפן אָרט פון ברויט.

פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך אַלע דרײַ גוט פאַרכאַוועט. אומגעבלאָנקעט זיך א שטיק צײַט אין בוקאַרעשט אינדרײַען.

מיט מישען זײַנען מיר געשלאָפן א בעטל לעבן א בעטל. אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט איז פאַרגעקומען אין געוויינלעך, ווי אַזא באַקאַנטשאַפט האָט געקאָנט פאָרקומען, אין א ביסעלע ניט געוויינלעך, אַפילע קאָמישלעך. גאַנצפרי, אויפן ערשטן צי אויפן צווייטן טאָג מײַנעם אין צימער, די סטודענטן זײַנען שוין אַלע אוועק אין די פאַקולטעטן זייערע, מיר בײדע אַליין ליגן נאָך אין די בעטלעך, ווי די עמעסע פּריצים, עס גלוסט זיך גאָרניט אופצוהייבן זיך. סאָפּקאָלסאָף האָב איך אַראָפּגעשטעלט די פיס אויפן דיל, און אין דער זעלבער רעגע גראַדע האָט מישע זײַנע פיס אויך אַראָפּגעשטעלט. מיר זײַנען געבליבן זיצן איינער קעגן אַנדערן מיט נאַקעטע פיס און מיט צעשויבערטע קעפּ, א פּאָר מינוט אָנגעקוקט זיך, און אין איין צײַט, אינײנעם, מיט איין אַלציין קאָל, בײדע זיך צעלאַכט. מער האָט מען ניט געדאַרפט. אין דעם דאָזיקן אַלציינעם צעלאַכן זיך אונדזערן איז שוין געווען אַלצדינג: אין דער גוט־מאָרגן, אין דאָס פאָרשטעלן זיך איינער דעם אַנדערן, אין אײנעמס און דעם אַנדערנס אַלציינע געשיכטעס, אין דער צוטרוי, דאָס דערפילן זיך איינס דאָס אַנדערע.

מישע האָט א זאָג געטאָן:

— דאַרף מען, הייסט עס, ערשטנס, גיין אויסזוכן עפּעס צו קײַען. טו זיך אָן. קום. צי דו האָסט שוין איבערגעכאַפּט, האָסט דיר שוין דאָס הערצל אונטערגעלענט?

— איך? אוודאי. באַנאַכט, אין שלאָף.

— ניין, כ׳מיין נעכטן, אײַנעכטן.

— נעכטן, און אײַנעכטן, און פֿאַרצווייַנעכטן...

— כ׳זע, כ׳זע. פֿאַרמאָגסט פֿולע קעשענעס מיט הוילן אַפּעטיט. מײַנע קעשענעס. ס׳הייסט, לאָמיך קיין ליגן ניט זאָגן. איך פֿאַרמאָג נאָך א גאַנץ צענערל. גיי וואַש זיך אָפּ. קום. פֿאַר אַכט ליי וועלן מיר קויפֿן א ברויט און פֿאַר צוויי ליי א גאַנצע קילאָ פּאָמידאָרן. מירן מיט דיר פּראַווען היינט א סודע, ווי באַם קייסער אין הייפֿל.

צו דער קילאָ פּאָמידאָרן פֿאַר די צוויי ליי האָט מען אונדז אין מאַרק, אויף דער בוקאַרעשטער „פּיאַצע מארע״, צוגעגעבן פֿון א הויכער קופּע פֿעפֿער, הויך ווי א פּיראַמידע, איין גרינבלעך־רויטלעכן פֿעפֿער, א גרויסן און זאַפֿטיקן, מיט א גרין עקעלע אונטן, ממש ווי אַן אָנגעמאָלטן אויף א נאַטיורמאָרט. נאָך דער סודע, אויף א באַנק אין א סקווערל, בין איך געוואָרן פֿרייַלעכער, און מישע, פֿאַרקערט, אומעטיקער. ער האָט א זאָג געטאָן מיט א קרעכץ, ווי אַן אַלטיטשקער:

— אײַ, טאַקע א נאַרישע וועלט. נעם דעם גרעסטן כאָכעם און גיב אים עטלעכע טעג גאָרניט אין מויל אַרײַן ווערט ער נאַריש, ווי א קעצל. שטופּ אים ווידער אָן די קישקעס מיט א ראָסל, קערט אים דער ראָסל אום די גאַנצע כאָכמע זײַנע.

— איך מיין פֿאַרקערט. ניט אַלע כאָכאָמים זײַנען כאָכאָמים, — האָב איך מישען געוויזן, אַז איך קאָן נאָך אויך פֿילאָסאָפֿירן.

מישע האָט מיך א רעגע באַטראַכט מיט די ווייכע בלויע אויגן זײַנע:

— דו מיינסט פֿאַרקערט? א פֿאַרקערטן האָב איך גראַדע ליב. נו, קום. הייב זיך אויף. לאָמיר זיך א ביסל דורכשפּאַצירן. די פֿיס גייען שוין בעסער, הא?

— די פֿיס, ווי די פֿיס. אויפֿן האַרצן איז געוואָרן א ביסל בעסער.

— זעסט. אַבי דו זאָגסט: פֿאַרקערט.

אין קאַראָל־פּאַרק, צווישן שורעס אַלטע, אָנהייב־אָסיענדיק רויטלעך־געוואָרענעביימער, פֿאַרבײַ ליידיקע בענק, אָפּגעשיטע דאָ און דאָרט מיט אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער, האָט מיר מישע דערציילט זײַן געשיכטע, און איך מישען — מײַן געשיכטע. מישע האָט דערציילט קורץ, געלאַסן. איך — לענגער, היציקער, מיטן מויל און מיט די הענט, מיט זײַטיקע קלייניקייטן, וואָס מ׳האָט געקאָנט ניט דערציילן. שווײַגן לאַנג און, צערעדנדיק זיך, רעדן נאָך לענגער, דערציילן און האָנאָע האָבן פֿונעם דערציילן, איז שוין דעמלט, אַפּאָנעם, געלעגן אין מײַן טעווע.

מיך האָט מען אויסגעשלאָסן פֿונעם טשערנאָוויצער סעמינאַר, מישען — פֿונעם יאַסער אוניווערסיטעט. מ׳האָט עטלעכע סטודענטן אַרעסטירט, מישע איז אַנטלאָפֿן אַהער, קיין בוקאַרעשט, איבערגעלאָזט בא דער יאַסער באַלעבאָסטע, ווו ער האָט געוווינט, דאָס רענצל מיט אַלע זאַכן זײַנע. אײַנדערהיים ווייסט מען ניט, ווו ער איז, דאָ ווייסט מען ניט, ווער ער איז. ס׳הייסט, מע ווייסט יאָ: ער איז שוין קיינער ניט. ער איז שוין אַפֿילע קיין סטודענט אויך ניט. מע זאָגט אים: וואַרט, ס׳וועט זיך אויסקלאָרן. וואַרט ער. נאָר צוליב וואָס וואַרטן און פֿאַרוואָס וואַרטן? און וואָס דאַרף מען דאָ אַזוינס אויסקלאָרן?

מײַן געשיכטע איז אַליין טאַקע געווען א לענגערע. געצויגן זיך א גאַנצן לאַנגן זומער, פֿון באַלד נאָך־פּייסעך ביז איצט, דאַכט זיך, שוין באַלד נאָך־סוקעס אויף דער וועלט. דער לייענער קען זי שוין פֿון מײַנע פֿריערדיקע קאַפּיטלעך און כ׳דאַרף זי דאָ נאָכאַמאָל ניט דערציילן מיט אַלע פּישטשעווקעס, ווי איך בין זיך דעמלט צעגאַנגען אין פּאַרק פֿאַר מישען.

כ׳האָב מישען געזאָגט די ווערטער, וואָס כ׳האָב א גאַנצן זומער ניט איין מאָל זיך אַליין געזאָגט:

— ס׳איז ניט אַזוי־אָ פּאָשעט. עס הייסט, כאָלילע, ניט, אַז מע גלייבט דיר ניט. אונטערערדישקײַט האָט זיך אירע האַרבע געזעצן. גלייב אים, שעץ אים און קאָנטראָליר אים. גלייבן מיינט ניט גלייבן אויפֿן וואָרט. וואָס זשע, ס׳איז עפּעס א שפּילכל? ס׳איז הוילע ראָמאַנטיק, איז עס? האַרבע געזעצן, נאָר יוישערדיקע, נאַטירלעכע: אַנדערש קאָן עס ניט זײַן.

מישע האָט געדרייט צווישן די פֿינגער א געל אַראָפּגעפֿאַלן בלעטל:

— זאָגסט מיר קיין נײַס ניט. כ׳פֿאַרשטיי אַליין אַלצדינג זייער גוט. איין זאַך אָבער איז פֿאַרשטיין און א צווייטע זאַך איז פֿילן. פֿילן פֿיל איך, אַז עפּעס איז דאָ ניט אַזוי, ווי עס דאַרף זײַן. מע טאָר זיך אַזוי־אָ ניט באַגיין מיט א מענטשן, מיט א כאַווער. אַפֿילע קיין איין טאָג ניט, קיין איין שאָ ניט. אונדזערע ביידע געשיכטעס זײַנען עפּשער ניט אינגאַנצן קיין אַלציינע, נאָר ביידע פֿילן מיר זיך גלײַך אויף גלײַך, ווי אַרויסגעפֿאַלענע.

— אַרויסגעפֿאַלענע?

— אַרויסגעפאַלן פון אינגאַנצן. אַפילו פון זיך אַליין.

מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. טעלעכע רעגעס געשוויגן. איך האָב דערנאָך געזאָגט:

— איך פיל זיך ניט קיין אַרויסגעפאַלענער. אַרויספאַלן קען נאָר אַזוינער, וואָס איז אינווייניק ניט געווען מיטן גאַנצן לײַב און לעבן. אַרויספאַלן פון זיך? נאַרישקײַטן. איך פיל זיך ניט אַרויסגעפאַלן... איך שרײַב לידער...

און בין אַזש רויט געוואָרן. גלײַך ווי כ'וואָלט פּלוצעם, אָן אַ פּאַרוואָס, אַ זאַג געטאָן מישען, אַז איך בין ניט ער, און ער איז ניט איך. אַלקאַלפּאַנעם, קאָן אים דער דאָזיקער זאַג מײַנער אויסזען אי נאַריש, אי גרויסהאַלטעריש.

נאָר מישע האָט אַפילו קיין שמייכל ניט געטאָן. ער האָט זיך נאָר אַ ביסל אָפּגערוקט פון מיר, באַטראַכט מיך פון אויבן ביז אַראָפּ און ווידער אַ קרעכץ געטאָן, ווי אַן אַלטיטשקער:

— אײַ, איך האָב אַמאָל אויך געגראַמט. און האָב עס באַלד אַוועקגעוואָרפן, ס'איז מיר באַלד נימעס געוואָרן. באַ מיר האָט זיך דאָס אויך ניט באַקומען. וואָס זשע הייסט לידער? טאַקע לידער? ביסט אַ דיכטער?

— יאָ, איך בין אַ דיכטער! פון קליינערהייט אָן. דאָס איז מײַן וועג אין לעבן. דאָס, וואָס איך האָב ביז איצטער געטאָן אינווייניק, אין דער באַוועגונג, וועל איך איצטער טאָן מיט די לידער מײַנע בעסער. לידער קאָנען פאַרמאָגן אין זיך דעם זעלבן פּולווער, ווי די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס כ'פלעג אין די נעכט אַפּפרײַטן, און קענען אין דער זעלבער צײַט זײַן קונסט, קענען ווירקן טיפער.

מישע האָט מיך איבערגעריסן:

— קענען, קענען... לידער דאַרפן דאָך ס'ערשטע טויגן, עמעצער דאַרף זיי ס'ערשטע וועלן אָפּדרוקן. דו האָסט שוין עפּעס אַ ליד דײַנע אַמאָל אָפּגעדרוקט?

— איך? דערוויל — ניט, — האָט דאָס קאָל מײַנס אויף אַ פּאָר טענער אַראָפּגענידערט. — דאָס איז אויך ניט אַזוי־אָ פּאַשעט. און כ'האָב נאָך ניט געהאַט וווּ אויך. ס'וועט קומען די צײַט וועלן זיי זיך אָפּדרוקן. וואָדען, זיי וועלן זיך ניט אָפּדרוקן?

אַ פּאָר רעגעס האָבן מיר ביידע ווידער געשוויגן. פּלוצעם האָט מישע אַרויסגעלאָזט פונעם מויל עפּעס גאָר אַ מעשונעדיק געלעכטערל. אַ דינס און אַ קוויטשענדיקס, מיט אַ שלוקערצל, מיט אַ געקריי, כ'ווייס ניט, צי מע קאָן עס אַפילו אָנרופן געלעכטערל — גיכער, אַזאַ לאַנג מעשונעדיק פאַרגיין זיך.

און פונקט אַזוי פּלוצעם, מיטאַמאָל, האָב איך אָנגעהויבן דעקלאַמירן פּערזן. מישע האָט געשלוקערצט, און איך האָב דעקלאַמירט. דאַפקע ניט אויף קיין הויך קאָל, און ניט מיט קיין האַנט באַם האַרצן, און אַפילו ניט אופשטעלנדיק זיך, נאָר געגנוג פּאַטעטיש און גענוג היציק, דעקלאַמירט און דעקלאַמירט, אויסגעדעקלאַמירט דעמלט אויף דער באַנק אין פּאַרק אַ גאַנץ העפטל לידער מײַנע.

ה

כ'האָב געמיינט, אַז דאָס וועט זײַן דאָס ערשטע און לעצטע פאַרברענגען אונדזערס אײנייגעם. נאָר ס'איז געווען פאַרקערט: מישע איז דערנאָך די גאַנצע צײַט ניט אָפּגעטראָטן פון מיר אויף קיין שפּאַן. דעם אַנדערן גאַנצפרי האָט ער מיר אויסגעזאָגט אַ סאָד: אייגנטלעך, איז ער גאָר אַן אוישער, פאַרמאָגט דרײַ גאַנצע הונדערטער, פאַרנייט אין רעקל אונטערן אונטערשלאַק, גלײַך זיי זײַנען גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. ערשטנס — קעדיי עמעצער זאָל זיי באַנאַכט בא אים ניט אויסלײַען, צווייטנס — קעדיי זיי אַליין זאָלן זיך אים ניט וואַרפן אין די אויגן, ניט האַלטן אים אין איין קיצלען. ערעוו די אַרעסטן אין יאָס האָט ער גראַדע באַקומען פון דער היים דאָס כוידעש־געלט, וואָס די עלטערן שיקן אים. ער האָט באַצאָלט דער באַלעבאָסטע פאַר דירע־געלט, געקויפט דערנאָך דעם בילעט אַהער, פון איין הונדערטער האָבן מיר נעכטן אויסגעגעבן דאָס לעצטע צענערל, און די דרײַ הונדערטער האַלט ער צו מיט די ציין... אויף אַ בילעט אַהיים. אומדרייען זיך דאָ באַ דער זײַט און וואַרטן, ביז ס'וועט זיך אויסקלאָרן, וועט אים קיין סאַך קויעך, האָט ער געטראַכט, ניט קלעקן. און אויב ס'איז אַ מײַסע אָן אַן עק און זי וועט אים גוט נימעס ווערן, כאַפּט ער, האָט ער געטראַכט, די באַן און אַנטלויפט אינגאַנצן צוריק אַהיים, אין שטעטל, צום טאַטן און צו דער מאַמען, און זאָל געשען, וואָס עס וועט געשען. איצט טראַכט ער אַנדערש. איצט וועט ער באַלד אופטרענען דעם אונטערשלאַק פונעם רעקל און מיר וועלן טאַקע באַלד־אַ־גיין אײנייגעם צעבײַטן דעם ערשטן הונדערטער.

אַ סודע האָבן מיר דאָס מאָל געמאַכט טאַקע אַ מאַלכעסדיקע. אויף בענקלעך, באַ אַ פּאַרשפּרייט טישל, אין אַ גאָרטן־רעסטאָראַנדל. אַ פול טעצל מיט ריפּטלעך פריש ברויט. שאַפּענע ברינדזע, אַרומגעלייגט מיט רעדעלעך אוגערקע און מיט שטיקלעך ציבעלע. צו צווײ פּאָרציעס מיטיטייס.

צווי טשאשקעלעך קאווע. אזא געשמאקן אָנבײַסן האָב איך ביז דעמלט גאָר־גאָר לאַנג ניט געזען. און בין פֿון דעמלט אויך גאָר לאַנג בא אזא סודע ניט געזעסן. מישע האָט א קרעכץ געטאָן, אז אזוי טויג ניט. מערער ווי צען ליי א טאָג טאָרן מיר אפֿן ווינט ניט ארויסוואַרפֿן. איך האָב מישען געענט־פֿערט, אז, צוריקגעשמועסט, זײַנען די נעכטיקע פּאָמידאָרן מיטן ברויט געווען אי ליבער, אי זעטיקער.

אין עטלעכע טעג ארום איז צו מישעס צען ליי א טאָג צוגעקומען דער דריטער עסער — יאקסל. און די קילאָ פּאָמידאָרן און דאָס איינע ברויט זײַנען אונדז אַלע דרײַ געווען גענוג. אַלקאָל־פּאָנעם — גענוג, מיר זאָלן וועגן ברויט און צום ברויט א גאַנצן טאָג ניט טראכטן.

ווען כ׳האָב יאקסלען פֿלוצעם דערזען אין סטודענטן־הויף, האָט ער אויך ניט פֿאַרמאָגט קיין גראָשן בא דער נעשאָמע. אומגעדרייט זיך שוין אין בוקארעשט שלינג און שלאַנג א פּאָר וואָכן. נאָר יאקסל האָט פֿאַרמאָגט א גאָלדענעם פֿאַך אין דער האַנט — א זאָקנשטריקער. א מענטש מיט גאָלדענע „פּערספּעקטיוון", ווי ער פֿלעג אַליין זאָגן און מיטן ברייטן און הויכן קאָל זײַנעם גוט זיך צעלאַכן.

— הײַנט איז מישע דער פֿינאַנץ־מיניסטער. הײַנט גיט ער דעם קאַפּיטאַל, די צען ליי. מאָרגן, כ׳וועל נאָר געפֿינען ארבעט, וועל איך דאָס געשעפֿט פֿינאַנסירן. און עטוואָס ברייטער, מילדער...

יאקסל איז געקומען קיין בוקארעשט פּאַשעט זוכן ארבעט. פֿון דער טשערנאָוויצער זאָקן־פֿאַבריק איז ער, נאָך עפּעס א קריג, צי טאקע א געשלעג מיטן מײַסטער זײַנעם, ארויסגעפֿאַלן. און אַף טשער־נאָוויץ א שפּײַ געטאָן, ווי ער פֿלעג אַליין זאָגן. דאָ, אין בוקארעשט, זײַנען אָבער, ערשטנס, ניט געווען קיין סאך זאָקן־פֿאַבריקן, צווייטנס, פֿלעגן אין יענע קריזיס־יאָרן אַלע גאַנצפֿרי שטיין בא די טויערן פֿון די זאָקן־פֿאַבריקן צענדליקער שטריקער און שטריקערנס. יאקסל פֿלעג פֿון דאָרט צוריק קומען א פֿאַרפּלאָנטער און פֿלעג דערנאָך מיט א געלעכטערל א זאָג טאָן:

— גיי ווייס, אז יאקסל וואקטל איז אַף דער וועלט ניט איינער. זײַ א נאָווי און טרעף, אז זאָקנשטריקער זײַנען דאָ אַף דער וועלט מערער, וויפֿל די וועלט דאַרף זאָקן. נישקאָשע, ניט דאָס, וועט מען טאָן עפּעס אנדערש. אבי עס זײַנען, דאַנקען גאָט, דאָ הענט. הענט טויגן צו אַלצדינג. מיט הענט קאָן מען אפֿילע הייסע קוילן שאַרן.

מישע פֿלעג אַרײַנברענגען פֿון דעם לייענזאַל די פֿרימאָרגן־בלעטער, יאקסל פֿלעג זיי צעלייגן אַף א בעטל, אַראָפּלאָזן זיך לעבן בעטל אַף די קני, אײַנגראָבן די אויגן אין די בלעטער און אזוי־אָ, ווי, כאָלילע, אַפּריכטנדיק קנײַענדיק א מין געבעט, זוכן און נישטערן אין די סטאָלביקלעך ארבעט־אַפּערטעס כאָטש א שטיקל טועכץ ערגעץ־ווו, כאָטש עפּעס אן ארבעט בא וואָס עס זאָל ניט זײַן.

אַלעמאָל פֿלעגט פֿון יאקסלען אויסשיסן א געלעכטער:

— הערט, הערט. מע זוכט א רעקלאַמע־גייער אַף שטאָלצן. דרײַמעטערדיקע שטאָלצן מיט א צילינדער אפֿן קאָפּ. ווידעראַמאָל פֿלאַץ־אַגענטן. צוליב וואָס דאַרפֿן זיי אזויפֿיל פֿלאַץ־אַגענטן? הערט, הערט. מע זוכט פֿלאַץ־אַגענטן אומצוטראָגן אין די הײַזער פּושקעס טיי, זייפֿלעך, שלייקעס, זאָקנבענד־לעך, ליפּטשיקעס. „איר לאָזט איבער א מאשקן פֿינף הונדערט ליי און ווערט אופֿגעריכט. אין איין וואָך מאַכט איר פֿון פֿינף הונדערט — טויזנט, אַנדערהאַלבן טויזנט!" שווינדלער. ווען איך האָב פֿינף הונדערט ליי, בין איך אַן אײַך אן אופֿגעריכטער. מאָרגן זאָל זיך גאָט זאָרגן.

איינמאָל האָט יאקסל אופֿגעהערט לאַכן, א פּאָר רעגעס אײַנגעקוקט זיך אין די אַפּערטע־אַנאָנסן מיט א פֿאַרקנייטשטן שטערן, דאָס אונטערמוייל אַרײַנגעכאַפּט אין א דלאָניע זײַנער:

— שטייט נאָר. דאכט זיך, אז דאָס־אָ איז יאָ א שטיקל זאך. הערט אומיסטן אויס. „א נײַס! אזוינס איז נאָך ניט געווען! אייביקע בלומען. אין יעדער בלום — א לעמפּעלע. טוסט א קוועטש אין קעשענע א קנאָפּקע, צינדן זיך אָן אין דער בלום אַלע פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן. איר טראָגט אום אין די הײַזער שיינקײַט און פֿריילעכקײַט. האַלב אומזיסט! פֿאַר צוועלף בוקעטן נאָר הונדערט צוואַנציק ליי. אײַלט זיך! פֿלאַץ־אַגענטן קאָנען קומען אַף דעם און דעם אדרעס".

יאקסל האָט א הייב געטאָן די אויגן צו מיר:

— ווען מיר קענען ערגעץ קריגן הונדערט צוואַנציק ליי, האָב איך עס אין דר׳ערד. דער אַנאָנס געפֿעלט מיר. ס׳א שיינער אַנאָנס. און טאקע גאַרניט טײַער אויך. האַלב אומזיסט. אומטראָגן שיינ־קײַט און פֿריילעכקײַט אין די הײַזער וואָלט מען גראָדע געקאָנט פּרוּוון.

איך האָב א קוק געטאָן צו מישען, און מישע האָט געזאָגט:

— ווער זשע וועט די סכוירע פֿאַרקויפֿן? איך קאָן נאָר זײַן דער פֿינאַנסיסט. טאקע פּונקט אזויפֿיל איז מיר נאָך איבערגעבליבן.

דער אדרעס — א שטיבל מיט א נידעריקער סטעליע און מיט נאסע פֿלעקנדיקע ווענט טיף אין א הויף, ערגעץ אַף א ווײַט פֿאַרשטופּט הינטערגעסל, ווו דער רועך זאָגט א גוטע נאכט, האָט אַף מיר און אַף יאקסלען ניט געמאכט קיין גאָר געהויבענעם רושעם. פֿאַר אזא בלומען־אונטערנעמער, א בען־מעלעך פֿון אזא מײַסעדיקן צויבער־אַנאָנס, איז דאָס ניט געווען קיין גאָר צוגעפּאַסטע רעזי־דענץ. ער אַליין, דער אונטערנעמער — א קלייןביינערדיק פּענעמל, וואָנצעלעך, א שראַם אפֿן שטערן

ביז טיף אין די האָר אַרײַן — האָט אונדז אויך ניט גאָר באַצויבערט. נאָר ווען דאָס ווײַב זײַנס, צי גלאַט אַ שוטעפּטע זײַנע, האָט אונדז אַרײַנגעבראַכט פֿונעם הויף, פֿון אַ קאַמער אין הויף, דעם טוץ פֿרײַלעכע בלומען און אַף שטום־לאַשן, אַ העלפֿט מיר און אַ העלפֿט יאַקסלען, זיי אַרײַנגערוקט אין די הענט אונדזערע, זײַנען מיר ביידע געבליבן שטיין געפּלעפֿט, איבערגעקוקט זיך איינער מיטן אַנדערן. גרויסע האַרטע קווייטן, מיסטעריש אויסגעקנאָטן פֿון אַזאַ דורכזיכטיקן מאַטעריאַל, אָפּגעפֿאַרבט אין קאָלערלײַ פֿאַרבן, מיט לאַנגע דראָטעלער פֿון יעדער בלום אַרויס, מיט באַטאַרייקעס צוגעפּעסטיקט אונטן בײַ יעדער דראָטעלע. אַ גלאַנץ טוענדיק מיט די אויגן, האָט דער באַלעבאָס צוגעשפּיליעט זיך אַ בלום צום לאַץ פֿונעם רעקל, די באַטאַרייקע אײַנגענעם מיט דער האַנט באַהאַלטן אין אַ הויזן־קעשענע זײַנער, און די בלום אַפֿן לאַץ האָט זיך מיטאַמאָל צעשײַנט, צעליכטן, אויסגעלאַשן זיך און באַלד צוריק אָנגעצונדן זיך, געשווינדלט און געבליצט פֿאַר די אויגן אין אַן עמעסן מיט אַלע קאָלירן פֿונעם רעגנבויגן. איך און יאַקסל זײַנען מיר געשטאַנען ווי פֿאַרקישעפֿטע. מיר האָבן פֿאַרגעסן אין אַלדאָס בייז, פֿאַרגעסן, אַז קינדער זײַנען מיר געווען גאָר־גאָר אַמאָל, מיט אַן אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר צוריק. און האָבן דעם ביינערדיק פּענעמל מיטן שראַם אַפֿן שטערן אויסגעצײַלט מישעס לעצט ביסל קאַפּיטאַל ביז אין אַ גראָשן.

אין הויף פֿון דער סטודענטן־היים האָט אונדז אַרומגערינגלט אַ היפּש ביסל אוילעם. מיר זײַנען ביידע געשטאַנען אין דער מיט מיט די צווײ בינטן אין די הענט און, זעט אויס, אַ פּאָנעם געהאַט, ווי די עמעסע לייצים. עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן, אַז אַזוינס איז טאַקע ביז הײַנט ניט געווען. עמעצער האָט גלאַט געהויבן מיט די אַקסלען. אַ דריטער האָט די קווייטן באַשמעקט, באַטאַפּט, אַ קראַץ געטאָן זיי מיט אַ נאָגל און געזאָגט, אַז זיי קרישלען זיך, זיי צעשיטן זיך, ביז מיר וועלן זיי ערגעץ דערטראָגן, וועט ניט זײַן וואָס צו דערטראָגן.

מישע האָט געקרעכצט:

— גוט אַרײַנגעפאַלן... (אָדער ער זאָגט „אַרויסגעפאַלן", אָדער „אַרײַנגעפאַלן") אַז מירן פֿאַר אַ בלום זען צוריק אַ פֿינפֿערל, וועלן מיר מעגן זאָגן „מערסי". יאַקסל וואַכטל, דעם זאַקנשטריקער, האָט זיך פֿאַרגלוסט האַנדלען מיט שיינקייט און פֿרײַלעכקייט.

נאָר יאַקסל האָט זיך ניט געלאָזט:

— כ׳שפּײַ אַף זיי. קום, וועלן מיר טאַקע שוין אָנהייבן. קום, שטיי ניט!

מיר זײַנען אַרויס אַף דער גאַס. יאַקסל האָט פֿאַרקנייטשט דעם שטערן:

— ווּהין זשע גייט מען? פֿונוואַנען זשע הייבט מען אָן, האַ?

און האָט טייקעף אַליין זיך געענטפֿערט:

— טאַקע פֿונדאַנען־אַ. פֿון דער ערשטער שטוב.

אין דער ערשטער שטוב, געדענק איך, האָבן מיר זיך אופֿגעהויבן אַף שמאָלע אײַזערנע טרעפּ. אַרויף, אַרויף — עפּשער פֿופֿציק טרעפּ. איך — מיט אַ בלום אין אַ לאַץ, יאַקסל — מיט אַ בלום אין אַ לאַץ. אויבן, בײַ דער טיר, האָבן מיר זיך אַ קאַפּל אָפּגערוט, אויסגעגלײַכט זיך, די הענט אַרײַנגעלייגט אין די הויזן־קעשענעס, אַף די באַטאַרייקעס, און — אָנגעקלונגען. מעקאַבל־פּאָנעם געווען האָט אונדז אַ ברייטע מאַדאַם, מיט אַ האַנטעך פֿאַרקאַטשעט אַרום קאָפּ און מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באַרשט אין דער האַנט. יאַקסל האָט זיך באַלד צעלאַכט. וואָס מיר ווילן, האָבן מיר דער מאַדאַם ניט געזאָגט. וואָס זשע, זי זעט דען אַליין ניט? ווען די בלומען אַף אונדזערע לאַצן האָבן אָנגעהויבן בליצן מיט אַלע פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן, האָט די מאַדאַם אַזוי זיך צעקוויטשעט, אַזוי זיך צעשאָלטן, אַזוי צעפֿאָכעט די לאַנגע באַרשט אירע, אַז צוריק אַראָפּ די טרעפּ זײַנען מיר שוין ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפֿן, שיר־שיר פֿון אַלע פֿופֿציק טרעפּ ניט אַראָפּגעקאַטשעט זיך.

די טיר אין דער צווייטער שטוב האָט אונדז געעפֿנט אַ מענטש מיט גראָבע אָנגעבלאָזענע ליפּן, מיט אַ בייז פּאָנעם, אַזש ווי אַ פֿאַרשוואָלנס. הינטער אים האָט זיך באַוויזן אַ היכער ווײַס־ברוין געפֿלעקטער הונט, ווי אַ קעלבל, און איז באַלד אַרויס מיט לאַשן, צעברומט זיך אַף די בליצנדיקע בלומען אונדזערע, ווי אַ לייב. ווען מיר שטעלן באַלד ניט קיין פּיס, וואָלטן מינאַסטאַם אונדזערע אַקסלען, און דעריקער — די צאַצקעס אַף אונדזערע לאַצן, גוט דערפֿילט די ווילדע לאַפּעס זײַנע.

אין דער דריטער שטוב האָט שוין יאַקסל ניט געלאַכט. פֿאַרגאַנגען זיך אין אַ גרויס געלעכטער, ווי אַף עפּעס אַ בײַזווונדער, איז אַ דאַמאַטשקע אין אַ לאַנגן געקווייטלטן כאַלאַט און מיט גאָר לאַנגע גלעזערנע אוירינגען בײַ די אויערן. עפּשער פֿינף מינוט אַפֿן זייגער געקאַטשעט זיך און געקאַטשעט זיך פֿאַר געלעכטער. עס זײַנען זיך אַזש צעפֿלויגן די פּאָלעס פֿון איר כאַלאַט און ס׳האָבן אַזש צוגעקלונגען די אוירינגען אירע.

האַקיצער. די אײביקע און פֿרײלעכע בלומען אונדזערע האָבן זיך דערנאָך געוואַלגערט אויבן אין צימער אונטער אַ בעטל. באַלד טאַקע אָנגעהויבן ברעכן זיך, קרישלען זיך. מיר האָבן בעשום־אויפֿן ניט געקענט פּאָטער ווערן פֿון זיי. אַפֿילע די באַטאַרייקעס האָבן קיינעם ניט געטויגט. מישע האָט אַלץ באַקרעכצט די אַרויסגעוואָרפֿענע אַפֿן ווינט הונדערט צוואַנציק ליי זײַנע. ער פֿלעגט אַ

נעם טאָן אין דער האַנט אַן אָפּגעבראָכענע שטיק פֿון אַ בלום, נאָכאַמאָל גוט באַטראַכטן עס, אויסשטודירן עס, אַ קנאַק טאָן מיט דער צונג און זאָגן, אַז ווי אַן אײַנפֿאַל איז דאָס גאָרניט שלעכט צוגעקלערט, און אויסגעקנאָטן איז יעדע בלום אויך פֿון אַ מײַסטערישער האַנט, אויסגעקנאָטן, מיינט איר, פֿון וואָס? — פֿון פּאָשעט ברויט. און פֿלעגט ווידער אַ קרעכץ טאָן, ווי אַן אַלטיטשקער:

— אײַ, פּאָשעט ברויט... ווען מיר האָבן איצט די צוויי ברויט גאַנצע, ווי זיי זײַנען געווען אײדער מ׳האָט פֿון זיי אויסגעמײַסטערט די רויזן, וואָלטן מיר צו דער קילאָ פּאָמידאָרן צוגעקויפֿט אַ גוטן הערינג, עטלעכע אוגערקעס, אַ פּאָר ציבעלעס, און וואָלטן הײַנט געפּראַוועט אַ סודע, ווי באַם קייסער אין הייפֿל. כ׳פֿאַרמאָג נאָך דאָס לעצטע צענערל...

ו

אינגיכן איז מישע טאַקע אָפּגעפֿאָרן אַהיים, אין שטעטל, צום טאַטן און צו דער מאַמען. וויאַזוי עס האָט זיך ווײַטער, אין יענע יאָרן, אַוועקגעלייגט דאָס לעבן זײַנס, האָב איך ניט געוווּסט. כ׳האָב די גאַנצע צײַט פֿון אים גאָרנישט ניט געהערט. מיר האָבן זיך ערשט געטראָפֿן אין יאָרן אַרום, באַלד נאָך דער מילכאָמע, אין קעשענעוו.

מישע האָט מיר דערציילט, אַז ער וווינט איצט ווידער אין זײַן היימשטעטל אױפֿן ברעג פֿונעם דניעסטער. ער איז אַ הויפּט־בוכהאַלטער אין אַ מיל. קומט זיך אַמאָל דורך קיין קעשענעוו אין פֿינאַנץ־מיניסטעריום. כאַסענע געהאַט האָט ער מיט אַ באַס־איר זײַנער, מיט עספּירען, אויך געווען אין יענע יאָרן, אויב איך געדענק, אַ סטודענטקע אין בוקאַרעשט. אַ שיין מיידל, מיט אַ קוטשעראַווען קאָפּ האָר. זיי האָבן איין קינד. אַ ייִנגעלע. אַ טײַער ייִנגעלע, ווי די וועלט.

מער האָב איך מישען ניט געזען. מ׳האָט דערנאָך געזאָגט, אַז ס׳איז געשען בײַ אים אַ גרויסער אומגליק. דאָס ייִנגעלע זייערס האָט געוואָלט אַריבערלויפֿן די גאַס. אַ גאַס דאַפֿקע ניט קיין גרויסשטאָטישע, וווּ מאַשינען פֿליִען אַפּ און אויף, ניט קיין ברייטע און ניט קיין ראַשיקע — אַן אויסגעפּלאַסטערטער וועג אינמיטן שטעטל. דאָס קינד האָט די גאַס געוואָלט אַריבערלויפֿן און איז אַרונטער אונטער די רעדער פֿון אַ לאַסטמאַשין.

נאָכן אומגליק האָבן מישע און עספּירע שוין ניט געקאָנט קומען צו־זיך. מישע האָט אָנגעהויבן שטאַרק לײַדן אױפֿן האַרץ און איז גאָר אינגיכן, אַ יונגער מענטש נאָך, קאָן מען זאָגן, אַוועק פֿון דער וועלט.

וויאַזוי עס האָט זיך אויסגעלייגט יאַקסלס גורל אין לעבן, ווייס איך אינגאַנצן ניט. ער איז פֿון בוקאַרעשט פּלוצעם פֿאַרשוווּנדן. איז ערגעץ פֿון אים דערנאָך עפּעס געוואָרן? האָט ער כאַסענע געהאַט, געהאַט קינדער? די שווערע מילכאָמע — איבערגעלעבט? לעבט ער נאָך ערגעץ און האָט עפּעס אין לעבן אויפֿגעטאָן? פֿאַרמאָגט ער אַן ערלעכע לעבנס־געשיכטע? צי עפּשער איז ער שוין אויך לאַנג נישטאָ?

כ׳האָב עס ביז הײַנט ניט געקאָנט געוווּיר ווערן.

ז

דער מאָדערנער מענאַכעם־מענדל־שאַדכן מאַרטשעל מאַרקאָוויטש מיט זײַן שאַדכאָנעס־בלאַט „גאַזעטאַ קעסעטאָריִעלאָר“, די בלאַטערס אַף מײַנע פֿיס און די צוויי פּעקלעך צײַטונגען אונטער מײַנע אָרעמס איבער די בוקאַרעשטער גאַסן זײַנען געווען דערנאָך, נאָך מישען און יאַקסלען, דאָ, אין מײַן ערשטן קאַפּיטל, האָבן זיי זיך איבערגעשטעלט. מאַרטשעל מאַרקאָוויטש, דער לעצטער שעבעלעצטער, איז, ווי געזאָגט, אַרויסגעשפּרונגען דער ערשטער: ריישיס — בין איך עס דער עמעסער שלימאַזל, צווייטנס — לאַמיך כאָטש האָבן אין פּופּציק יאָר אַרום אַזאַ ביסעלע קאָוועד. האָבן מיר אים דאָס ביסעלע קאָוועד אָנגעטאָן. סײַוויסײַ, וואָס איז דער כילעק? די אַלע צעשויבערטע זאַכן זײַנען בעמיילע פֿאָרגעקומען אינייניעם, אין איין צײַט, אין איינע צוויי אָסיען־כאַדאָשים — דער ערשטער בוקאַרעשטער אָסיען מײַנער.

עס זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, געווען נאָך געשטאַלטן און פּאַסירונגען. אַלצדינג געדענקט זיך מיט אַלע פּינקטלעכקײַטן. אַלץ האָט זיך אין מיר גוט אָפּגעלייגט און איבערגעלייענט. נאָר ניט אַלצדינג — טראַכט איך — איז ווערט אויסצוגיסן אױפֿן קלאָר־ווײַסן זײַטעלע פּאַפּיר. ווער ווייסט אָבער, צי אַזוי איז גוט געטראַכט? ווער ווייסט, צי דאָס געדיכטע בלײַבט ניט אין דרויסן און אינווייניק גיסט זיך

גראַדע ניט אַרײַן דאָס שיטערע? און װער קאָן שױן פּינקטלעך זאָגן, װאָס גערדיכטס איז און װאָס שיטערס איז?

לעמאַשל — מײַן ראַשקעװער בוזיעלע גרינבערג. דער זיכערער אַדרעס מײַנער. די פעסטע בריק, אױף װעלכער איך בין אַזש פון ראַשקעװ געקומען גלײַך אַהער, קײן בוקאַרעשט.

די ערשטע דרײַ טעג האָט בוזיעלע געטײלט מיט מיר זײַן אַנבײַסן, אונטן אין סטודענטישן גאָרקיכל. כ׳בין געשלאָפן מיט אים אײנעם אין זײַן שמאָלן סטודענטישן בעטל. כ׳בין געװען זײַן „שפּאַלטיסט”. אַ הײמיש שטײגער־װאָרט צװישן די סטודענטן דעמלט אין דער סטודענטן־הײם. בוזיעלע האָט, הײסט עס, „געשפּאָלטן” מיט מיר גלײַך אױף גלײַך אי דאָס עסן, אי דאָס געלעגער זײַנס.

דערנאָך האָט מיר בוזיעלע גרינבערג געגעבן דאָס בעטל אױבן אין צימער. דערנאָך האָט ער מיר געמאַכט דעם סטודענטן־בילעט — טאָמער טרעפט זיך אַמאָל באַנאַכט אַן אַבלאַװע אין צימער. דערנאָך האָט ער מיך אױפגעהערט באַמערקן. מיר האָט זיך געדאַכט: ער מײַדט מיך אױס. אַז איך פלעג אים אַמאָל פּאַקן אין הױף, פלעגט ער מיר אַ זאָג טאָן קורץ, מיר האָט זיך געדאַכט — אַפילו בײז: „מע דאַרף זיך אױסזוכן אַרבעט. אַזױ איז קײן פלאַן ניט!” — „װוּ זשע אױסזוכן? װער װעט מיך אין מײַן לאַגע נעמען אױף אַרבעט?” אַ קורצן הײב מיט די אַקסלען — און כ׳האָב אים באַלד לעבן זיך ניט געזען. בוזיעלע איז טאַקע געװען זײער אַ פאַרנומענער, געהאַט טױזנטער זאָרג אױפן קאָפּ אין דער אָנפירונג פון דער סטודענטן־הײם. נאָר איך פלעג שטײן בלײַבן מיט אַ לאָך אין האַרצן. אַזױ טוט מען אַ רעד אָפּ מיט אַן אײגענעם מענטשן? אַזױ פילט מען מיט און מע פאַרשטײט אַן אײגענעם מענטשן? װען ער האָט מיך אײנמאָל באַגעגנט אין גאַס אַ הינקעדיקן, מיט די צװײ פּעק צײַטונגען אין די הענט און איך האָב אים קלױמערשט מיט אַ געלעכטערל און, דאַכט זיך, מיט פּײַכט־געװאָרענע אױגן דערבײַ, געװיזן, מיט װאָס איך גיב זיך אָפּ, װאָס פאַר אַ „ליטעראַטור” איך פאַרשפּרײט אין די קיִאָסקן, האָט ער װידער אַ הײב געטאָן מיט די אַקסלען: „װאָס זשע? דאָס איז אױך אַן אַרבעט!”

צי, לעמאַשל, דאַדי. בוזיעלע האָט מיך איבערגעגעבן אים. ער, דאַדי, װעט, הײסט עס, זײַן די פאַרבינדונג מײַנע. ער װעט מיט מיר װעגן אַלצדינג איבערעדן און װעט שױן אַלצדינג באַשליסן. דאַדי האָט געטראָגן ברילן, האָט פאַרמאָגט, פלעג זיך מיר דאַכטן, עפּעס צו אַן ערנסט פּנים, איז געװען אַ הױכער, אױף אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון מיר. פאַרװאָס איך פלעג זיך לעבן אים פילן נאָך קלענער, גאָר קלײן, פאַרשטײ איך ביז הײַנט ניט. מיר האָבן זיך אַ פּאָר מאָל באַגעגנט, אומשפּאַצירט אױף שטילע אַספאַלטירטע געסלעך. אױף דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער מיך נאָר אױסגעהערט. אױף דער צװײטער — האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: „פאַרשטײסט, װען דו ביסט אײַנגעגלידערט אין לעבן, װאָלט אַװדאי געװען עפּעס אַנדערש”. — „װאָס זשע הײסט אײַנגעגלידערט אין לעבן?” ער האָט מיר געענטפערט נערװעז: „װען דו ביסט אַ סטודענט, פירסטו אַן אַרבעט צװישן די סטודענטן, אין אַ פאַבריק — צװישן די פאַבריק־אַרבעטער. שיקן דיך, אַשטײגער, אױף דער גריװיצע עפּעס טאָן צװישן די אײַזנבאַנער — רעדסטו רומעניש גאָרניט מיט קײן װאַזשנעם אַקצענט. מײַלע, כ׳װאָלט נאָך אַ טראַכט טאָן”. צו דער דריטער באַגעגעניש מיט דאַדין האָט מיך ניט געצױגן. כ׳האָב זיך, געדענק איך, אומגעדרײט אַ פאַרװײטיקטער אין הױף פון דער סטודענטן־הײם, אַװעקגעזעצט זיך אין אַ װינקל, און אין האַרץ און אין קאָפּ מײַנעם האָבן זיך געװעבט און געװעבט שורעס פון אַ נײַער ליד. אױף דעם לאָשן, אױף װעלכן איך בין אײַנגאַנצן באַלעבאָס, װוּ עס קאָן קײן שום ניט־װאַזשנער אַקצענט ניט געמאָלט זײַן. אַ ליד, דאַכט זיך, טאַקע צו אַן אײַזנבאַן־אַרבעטער.

אין אײנעם אַ טאָג האָב איך דאַדין דערזען אין דער סטודענטישער גאָרקיך זיצן בײַ אַ טישל איבער אַן אָנבײַסן. כ׳בין שטײן געבליבן אַנטקעגן אים און אַ זאָג געטאָן:

— כ׳האָב שױן צװײ טעג אין מײַן מױל ניט געהאַט!..

פאַרװאָס דאַדי האָט מיט מיר גערעדט אַזױ האַרב, פאַרשטײ איך ביז הײַנט ניט. ער האָט אַפילו אױף קײן רעגע ניט אַרױסגעלײגט דעם לעפל פון דער האַנט, רעכט ניט אַ הײב געטאָן צו מיר די אױגן. דאָס סטודענטישע װאָרט „שפּאַלטיסט” איז אים, זעט אױס, געװען פרעמד. ער האָט מיר געזאָגט:

— װאָס זשע קאָן מען טאָן? האָסט אַן אַנדער ברירה?

אַזױלכער־אַ, מיט די־אָ װערטער אױף די ליפּן, איז ער ביז הײַנט געבליבן מיר פאַרקריצט אין זיכּרון.

דער הױף אין דער סטודענטן־הײם איז תּמיד, פאַרנאַכט־צו, געװען פול מיט מענטשן. סטודענטן און ניט־סטודענטן. מײנסטנס, פאַרשטײט זיך, יונגװאַרג. צװישן יונגן אױלעם האָט זיך דאָ און דאָרט דורכגעװאָרפן אַן עלטער פּנים אױך, אַמאָל אַפילו אַ גראָװער קאָפּ. כאָטש די צװײ אַלטע „אײביקע” מעדיצין־סטודענטן, בראַדסקי און ספּיװאַק, װאָס האָבן יאָרנװײַז בעשום־אױפן ניט געקענט צוקומען צום סוף, צום דאָקטער־דיפּלאָם: בײַ די יאָר־עקזאַמענס האָבן זײ יעדעס מאָל געפילט אַן אַנדער, אונטערגעשטעלט פּיסל, אױף אײן קורס געבליבן זיצן צו צװײ און צו דרײַ יאָר, אַלט און

גראָוו געוואָרן, געטראָגן אָפּגעריבענע און אָפּגעבליאַקעוועטע רעקלעך, טאָמיד אומגעגאַן מיט ביכלעך אונטער דעם אָרעם, אָפּט ניט אָפּגעראַזירט, פאַרשלומפּערט — מ׳האָט באַלד דערקענט אין זיי אַ דעם אייביקן סטודענט, אַ דעם אַלטן פאַרזעסענעם באָכער.

רעדלעכוויַז האָט דער אויפֿעם אין הויף זיך געראַשט, געטומלט, אָפּט אַף אַ קאָל און אָפּט אין דער שטיל אויסגעטאָלקעוועט אַלע קרומקייַטן און אַלע בייזקייַטן אַף דער וועלט, ארומגערעדט די טרופּעס קעגן די קרומקייַטן און די בייזקייַטן. דער הויף אין דער סטודענטן־היים איז אין יענע יאָרן געווען דאָס בעסטע אָרט, וווּהין בעסאַראַבער אָדער בוקאָווינער לינק־געשטימטע יינגלעך און מיידלעך האָבן געקאָנט צוקומען באַגעגענען זיך מיט אַ בען־איר, אַ נאָענטן מענטשן, דערוויסן זיך דאָ באַזונדערע לאַנד־נייַסן, אויסהערן רייד און געדאַנקען, וואָס זייַנען זיי אייגן און ליב, צו וועלכע זיי אַליין ציִען זיך.

אין מייַן זיקאָרן זייַנען געבליבן פֿאַרקריצט צענדליקער געשטאַלטן. סייַ אינוויייניקסטע, דה. וווינענדיקע אין די צימערן פון דער סטודענטן־היים, סייַ דרויסנדיקע — אָפּט אַרייַנקומענדיקע פאַרנאַכטצו אין הויף פון דער סטודענטן־היים. כ׳האָב זיך מיט אייניקע אין די שפּעטערדיקע וואָכן פאַרהיימישט. כ׳האָב זיך צו זיי געטוליעט. זיי האָבן מיך געוואַרעמט. זיי פלעגן אויסהערן מייַנע דעמלטיקע אָנהייבעריש־נאַיִוולעכע שורעס מיט ניט ווייניקער נאַיִוולעכער היספּייַלעס. כ׳וועל וועגן זיי דערציילן, אויב ס׳וועט אויסקומען, אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלעך.

דאָס איצטיקע קאַפּיטל וויל איך פאַרענדיקן מיטן אַקטיאָר שאָלעם ברין און מיט איזי כאַריקס פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס״.

באַלד הינטער דער סטודענטן־היים איז געשטאַנען דער באַוווּסטער גאָרטן־טעאַטער „זשיגאַניצע״ — באַוווּסט נאָך פון גאָלדפאַדענס צייַטן. מ׳האָט דערציילט, אַז גאָלדפאַדען אַליין האָט אָפּגעדונגען דעם דאָזיקן גרויסן הויף, וווּ ס׳איז ביז דעמלט געווען אַ מין זומערדיקע ביר־האַלע, אויסגעסטאָליערט פון ברעטער אַ בינע, אָנגעשטעלט אין הויף רייען בענקלעך, אַ פּאָר לאָזשעס איןביידע זייַטן, אָפּגעראָבן אַ פּלאַץ לעבן דער בינע פאַר די מוזיקאַנטן, און מיט דער יאַסער טרופּע זייַנער צום ערשטן מאָל באַוויזן דאָ, אין דער „זשיגאַניצע״, דעם בוקאַרעשטער אוילעם זייַן „קישעפמאַכערן״.

אינווייניק אין דער „זשיגאַניצע״, אין אַ שטוב מיט עטלעכע הילצערנע טרעפּ אַרויף, באַלד לעבן דער בינע, האָט אַלע יאָרן געוווינט דער אַלטער גאָלדפאַדען־אַקטיאָר איציקל גאָלדנבערג. באַ גאָלדנבערגן אין אַ צימערל האָט אַ צייַט אופגעהאַלטן זיך דאָס אַקטיאָרן־פּאָרל שאָלעם ברין מיטן ווייַב זייַנעם פּעני ברין. שאָלעם ברין האָט געשטאַמט פון פּוילן, צי פון דער ליטע (לויטן ליטווישן יידיש זייַנעם), איז געווען זייער אַן אָנגעלייענטער, אַ באָקי אין ליטעראַטור, געטראָגן טאָמיד אַ ליטעראַרישן זשורנאַל אין אַ קעשענע, ביכלאַל געצויגן זיך צו ליטעראַרישקייַט, ליב געהאַט איבערצוכאַזערן, אַז אַן אַקטיאָר איז ער אַן ליטעראַרישער און דער כאָלעם זייַנער איז „ריין ליטעראַריש טעאַטער״. אין די פאַרנאַכטן פלעג זיך ברין אַרייַנכאַפּן אין הויף פון דער סטודענטן־היים. „נעמען אַ וואָרט אין מויל״ און „אויסלופטערן זיך די ספּראַך״ צווישן „יונגע אינטעליגענטע מענטשן״. אַ נידעריטשקער און דיקלעכער, מיט אַ פּאַרוקטן קאַפּעליוש און אַ צעשפּיליעט רעקל, דאַכט זיך אַפילע מיט אַ קייטעלע צווישן ביידע קעשענקעלעך פונעם זשילעט, פלעג ער, שטייענדיק און שמועסנדיק מיטן יונגן אוילעם, אויסזען ניט ווי אַן אַקטיאָר, נאָר ווי אַ פּראָפעסאָר זייערער, אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר, וואָס רעדט מיט זייַנע סטודענטן ניט פון אויבן אַראָפּ, נאָר ווי אַ גלייַכער מיט גלייַכע. אַלקאָלפּאָנעם — אַן אַקטיאָר אין דער ראָל פון אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר.

איינמאָל האָט מיך ברין אָפּגעשטעלט אין הויף:

— הערט נאָר, מ׳האָט מיר דערציילט, אַז אין שטעטל אייַערן פלעגט איר אַמאָל שפּילן טעאַטער. איר וואָלט ניט געוואָלט אַ פּרווו טאָן רעציטירן עפּעס אַף אַן אָוונט? אַ הויך־ליטעראַרישע זאַך. אַ פּאָעמע. בעט זיך מאַמעש, מע זאָל זי רעציטירן. רעציטירט זיך פון זיך אַליין.

כ׳בין, ווי געוויינלעך, באַלד רויט געוואָרן:

— וואָס פּלוצעם? פונוואַנען נעמט איר עס?

— מע דערקענט עס אין אייַער נעזל... האַקלאַל, כאָכמעס אין אַ זייַט. איר הערט דאָך, כאַווער גרינבערג האָט מיר וועגן אייַך דערציילט. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל פאַר אייַערטוועגן עפּעס אויסזוכן. כ׳פּיר אָן מיט אַ דראַמאַטיש קרייַזל. מיר גרייטן צו אַ ליטעראַרישן אָוונט. אַ רייַנעם ליטעראַריש־דראַמאַטישן אָוונט. טוט אַ פּרווו. מע דערקענט אין אייַך, אַז ס׳וועט זיך באַ אייַך ניט שלעכט באַקומען. אין קעשענע וועלן בלייַבן אַ פּאָר גראָשנס אויך. ברענגען אייַך, הייסט עס, דעם טעקסט?

אַ פּאַשעט העפטל מיט דינע בלאָווע טעוועלעך. כאַריקס „מינסקער בלאָטעס״, איבערגעשריבן מיט דער האַנט, צוגעגלייַכט דאָ און דאָרט, צוגעפּאַסט, אָפּאָנעם, אַליין טאַקע פון ברינען, צום רעצעטירן. כ׳האָב זיך עטלעכע טעג קעסיידער אַרומגעטראָגן מיטן העפטל, ווי מיט אַ געפונענעם אוצער. כ׳בין מיטאַמאָל זאַט געוואָרן, אופגעהערט פילן אין זיך דעם ווײי פון עלנטקייַט, אופגעהערט טראַכטן וועגן עלנטקייַט. כ׳פלעג זיך אָוועקזעצן אין מייַן ווינקל אין הויף פון דער סטודענטן־היים

און די פּערזן אין העפּטל ניט גלאַט אײַנכאַזוערן, נאָר אַרײַנרעדן אין זיך, אײַנזאַפּן אין זיך. אַלע פּיניעס און פּיניעלעך פֿון די ווײַטע און קײנמאָל ניט־געזעענע מינסקער הינטערגעסלעך זײַנען מיר געוואָרן אײגענער און נעענטער פֿון אַלע נאָענטע. איך האָב זיי געצערטלט, און זיי האָבן מיך געצערטלט. „מיר — גאַנצע געסלעך מיט פּיניעס, צו אַלץ — און צו גאָרנישט געווינט". כ׳האָב געהערט די היימישע קוילעס זייערע אַף די מינסקער דעכער, ס׳האָבן אין מיר אָפּגעקלונגען זייערע טריט און דאָס נײַע געזאַנג זייערס אַף די מינסקער גאַסן און פּלעצער. כ׳האָב די פּערזן אין העפּטל ניט גלאַט געכאַזוערט — כ׳האָב מיט זיי גערעדט, זיי געפֿרעגט, אויסגעהערט זייערע ענטפֿערס, שטילערהייט, יִראַסהאַקאָוועדיק, אַ רעד געטאָן מיט אים אַליין, מיטן שעפֿער פֿון די פּערזן. צווישן די שורעס פּערזן האָבן זיך צעשײַנט פֿײַער־זײַלעכלעך, באַלויכטן מיר און באַשטערנט מיר מײַן אייגן סטעזשקעלע, מײַן אייגענעם וועג אין לעבן.

דאָס דראַמקרײַזל האָט שאָלעם ברין געפֿירט ערגעץ אין אַ בוקאַרעשטער ייִדישער „ווילטעטיקײַט־געזעלשאַפֿט". כ׳פֿלעג אין יענע טעג איבערטראַכטן: וויאַזוי וועל איך דאָרט, פֿאַר אַזאַ סאָרט

אוילעם, אראָפּדעקלאַמירן פון דער בינע: „יעדער טאָג — א באָלשעוויק, און יעדער באָלשעוויק — א כאַוער"?

נאָר דאָס העפטל מיט די בלאָווע טעוועלעך איז מײַן בוזעם האָט אין מיר אײַנגעשטילט אי דעם הונגער, אי די מוירע. כוץ דעם: דאָס זאַלכל אין דער דאָזיקער „ווילטעטיקײַט-געזעלשאַפט" איז קאָפּ אָף קאָפּ געווען איבערגעפולט, ווי יעדער ליטעראַרישער אָוונט דעמלט אין בוקאַרעשט, מיט אָן א שיר בעסאַראַבער און בוקאָווינער ײַנגלעך און מיידלעך. ברינס דראַמאַטיש קרײַזל האָט באַוויזן דעם אוילעם שאָלעם-אַלייכעמס „מענטשן" און פּערעצעס „ס׳ברענט". דרײַ שוועסטערלעך האָבן צווישן די אײַנאַקטערס געזונגען ײִדישע און רומענישע פאָלקסלידער. נאָך זיי האָט ברין מיך ארויסגעלאָזט אָף דער בינע. כ׳בין שטיין געבליבן און זיך געפילט ווי א שול-ײִנגל, וואָס דאַרף באַלד, צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן, זאָגן אויסווייניק א געדיכט אָף א שול-אָוונט. כ׳בין אָבער באַלד געקומען צו-זיך. די פּאָעמע האָב איך אָנגעהויבן לייענען ניט מיט קיין הויך קאָל, אָן טעאַטער-שפּיל, פּאָשעט און היימיש און פרײַ, ווי כ׳וואָלט זי ניט אראָפּגעלייענט פון דער בינע פאַר אזא גרויסן אוילעם, נאָר איבערגעלייענט זי ארום א טיש אין א שטוב פאַר א פּאָר נאָענטע מענטשן. די פליעסקערײַען דער-נאָך אין זאַלכל האָב איך, פאַרשטייט זיך, גוט געוווסט, זײַנען ניט מיר, דעם פאָרלייענער, נאָר דורך מיר — אים, דעם דיכטער, איזי כאַריקן. נאָר סײַוויסײַ איז דאָס געווען א גוטע שאָ אין מײַן לעבן. כ׳האָב אין דאָזיקן גרויסן פאַרייניקטן אוילעם דערפילט א כאַווער, א מיטגייער מײַנעם אָף מײַן ווײַט אויסגעשטערנט סטעזשקעלע.

שאָלעם ברין האָט מיר דערנאָך צוגעטראָגן פאַר מײַן רעציטירן הונדערט ליי. גאַנצע הונדערט ליי — צען מאָלכעסדיקע אָנבײַסנס. נאָר איך האָב זיי א נעם געטאָן בא ברינען קיל, גלײַכגילטיק זיי אראָפּגעלאָזט אין קעשענע, טאַקע נאָר ווי א גוויר וואָלט אזא קליין רעוועכל אַזוי-אָ געקאָנט אראָפּלאָזן אין דער קאַסע זײַנער.

וואָס פאַר א ווערט האָבן אין יענער שאָ געהאַט די הונדערט ליי, די צען אָנבײַסנס אין מײַן קעשענע, קעגן אזא גרויס געווינס אין מײַן האַרצן!

דאָס צווייטע קאַפּיטל

א

דער נאָמען פון דער פּיעסקע איז טאַקע בעפּיירעש געווען אַן אומגעלומפּערטער, אין בעסטן פאַל אַן אויסטערלישער. די פּיעסקע אַליין — טאַקע מינאַסטאַם א מעשוגענע פּיעסקע.

וואָס פּלוצעם „די קימפּעטאָרן"? ווּהין קלעפּט זיך עס? כ׳פאַרשטיי, „דער יעשיווע-באָכער", „דאָס כאַזנדל", „די שיקערטע", „דעם באַגרעבערס טעכטערל"; העכער א ביסל — „כאַסיע די יעסוי-מע", „מירעלע עפראָס", „דער דאָרפס-יונג"; גאָר הויך — „יויעל", „דער דיבוק", „דער זינגער פון זײַן טרויער". נאָר א קימפּעטאָרן גאָר? באַם ערשטן ארויספאָר — מיטן דישעל גלײַך אין א פענצטער ארײַן? טאַקע בעפּיירעש א געלעכטער, כ׳לעבן.

ווען און ווו האָב איך די פּיעסקע אָנגעשריבן? אין עטלעכע אָפּדערנאַכטן, אויבן אין לייענזאַל פון דער סטודענטן-היים, בא א שמאָל טישל מיט אַן אָפּגעשײַנט רעדל שײַן אונטער א טישלעמפּל, צווישן צענדליקער שטיל-פּאָרכטיקע סטודענטן בא די זעלבע צענדליקער מיט רעדלעך שײַן בא-קרײַזלטע טישלעך איינס אונטערן אנדערן. זיי, די סטודענטן, האָרעווען פאַרמויעכטע איבער קאָנס-פּעקטן, קנעלן אײַן פאָרמולעס און דעפיניציעס, גרייטן זיך צו א מאָרגן און צו אַן איבערמאָרגן, צו א פּאָרכטיק-טאָכיקער זאַך, וואָס הייסט „עקזאַמענעס", און איך זיץ צווישן זיי, ווי א גלײַכער צווישן גלײַכע, און מאַך זיך מעשוגע, גיב זיך אָפּ מיט נאַרישקײַטן. ווער האָט געזען די האַנט, די פינף קנאָכיקע פינגער, וואָס האָבן זיך אײַנגעקנוידערט אין דער געדיכטער שווארצער טשופּרינע מײַנער, ארופגעשלעפּט מיך בא די האָר אַהער. אוועקגעזעצט מיך באַם טישל, און הינטער מײַנע פּלייצעס, מעגלעך, ארויסגעשטעקט מיר א לעקער: בע-ע-ע... זיץ איך אין געהאַקטע ווונדן!... ווער זעט דאָ, אין דער שטיל-פּאָרכטיקער פאַרטאָנקײַט, די געהאַקטע ווונדן מײַנע?

כ׳געדענק גוט דעם גראָבן העפט מיט די שווארצע גלאַנצנדיקע טעוועלעך, מיטן ווײַסן עטי-קעטל אָף א טעוועלע און מיט די אויסגעציקלטע גרויסע און קלענערע אויסיעס אפן עטיקעטל: „די קימפּעטאָרן. א דראַמע אין צוויי אַקטן". און איך געדענק גוט, ווי שעפּסל גויכמאַן, א סטודענט

מיט א נאקעטן קאָפּ, אָן איין הערעלע אַף אים, האָט מיר, שענקענדיק דעם העפט, א זאָג געטאָן: נא, שרײַב שוין עפּעס אָן א זאך, ס'זאָל זײַן, וואָס צו נעמען אין די הענט אריַין!..

אָט איז דער העפט אינגאנצן געווען לײדיק און אָט איז ער, אין עטלעכע אפּדערנאכטן ארום, אינגאנצן געוואָרן פול. כ'האָב קיינמאָל דערנאָך, ביז הײַנט, ניט געשריבן אזוי גיך. ניט אזוי גרינג — אזוי גיך. די רייד, די רעפּליקעס, די שײַלעס און די טשוועס, אפילע די רעמארקעס, האָבן זיך גע־גאָסן פון מיר, ווי פון א קוואַל. ריכטיקער — ווי פון א רינווע. פון א קוואַל גיסט זיך אייביק, פון א רינווע — נאָר אזויפיל, וויפל עס האלט דער זומערדיקער רעגן. כ'האָב, דאכט זיך, קיין איין וואָרט ניט אויסגעמעקט, ניט איבערגעביטן. ס'האָט זיך געשריבן גיכער, ווי ווען איך וואָלט עס דערציילט, ארויסגעבראכט מיט די ליפּן און ניט ארויסגעלייגט אפן פּאפּיר מיט דער פּען.

און כ'האָב קיינמאָל דערנאָך, ביז הײַנט, ניט געפירט זיך באם שרײַבן אזוי ייִנגלש־נאריש. עס שטייען מיר נאָך פאר די אויגן די פלעקן, דאָ א פלעק, דאָרט א פלעק אַף די פארשרײַבענע זײַטלעך פונעם העפט. כ'מעג שוין הײַנט ניט שעמען זיך צו דערציילן עס: טרערן־פלעקן. גלײַך איך וואָלט געשריבן א הארצרײַסנדיק ליבע־בריוול, און די הארצרײַסעניש מײַנע, איבערן מאנגל אין יענע ווערטער, וואָס קומען איר, פארפעסטיקט מיט טרערן צוויי, טרערן צוויי. די פּען לויפט מיט א מע־סוקענעם אימפּעט אפן פּאפּיר, און צווישן די דיאַלאָגן, די רייד און די טײַנעס, וואָס גיסן זיך פון מיר ארויס, ווי פון א רינווע, טוען נאָך פון צײַט צו צײַט א פלייץ איבער מײַנע באקן, איבער די ליפּן, פארבײַ די מויל־ווינקלען הייסע געזאלצענע ריטשקעלעך. ווער פון די סטודענטן האָט אין דער טיפער שטילקײַט — א דורכפליִענדיקע פליג צו דערהערן — געהערט דעם צאָרנדיקן קריץ פון מײַן פּען, דעם אָפטן שמאָרע מײַנעם מיט דער נאָז, דאָס פארכלינעטע ארײַנזופּן די פליסיקע געזאלצנקײַט אין מויל ארײַן, אין האלדז ארײַן?

א שיין מין מעשוגע מאכן זיך! א שיין מין אָפּגעבן זיך מיט נארישקײַטן! וועמען־וועמען — דעם אקטיאָר שאָלעם ברין האָט מען געמעגט גלייבן. ער האָט זיך שוין די ציין זײַנע אופּגעגעסן בא טעאטער. אויסגעקאָכט אין אלע פּיעסעס פון דער וועלט, סײַ געשפּילטע, סײַ נאָך ניט קיין גע־שפּילטע. כוץ דעם, פלעגט ער, ווי געזאָגט, אָפּט ליב האָבן איבערצוכאזורן, אז ציִען ציט ער זיך צו הויך־ליטערארישער קונסט. ער וועט זײַן דער עמעסער שויפּעט איבער מײַן פּיעסקע. און ער איז עס געווען דער שויפּעט. אויב מ'האָט דעמלט געקענט סאָפּעקן, צי דאָס אָנשרײַבן די פּיעסקע איז געווען א נארישקײַט, קאָן איך הײַנט זאָגן פּעסט, אז מײַן אויספּילן דעם פּסאק־דין אַף דער פּיעסקע איז געווען א גרעסערע נארישקײַט. אײַ, וויפל נארישקײַטן אין לעבן טוט דער מענטש, דער קלוגער מענטש, אָפּ!

ברין האָט דעם העפט אין זײַנע הענט, דערווײַל נאָך א פארמאכטן, א פּעכער געטאָן מיט איין גראָבן פינגער, ווי מע טוט א פּעכער א פּעשטל קאָרטן. דערנאָך האָט ער צוגענעענטערט צו די אויגן דאָס ווײַסע עטיקעטל אפן טעוועלע און האָט זיך אזש פארקנייטשט. דערנאָך האָט ער דעם העפט צוריק ארײַנגעלייגט מיר אין די הענט און א זאָג געטאָן:

— נו, הייבט אָן. לאָמיך הערן, ווי איר אליין לייענט.

דאָס אונטערציטערנדיקע פּרעמדלעכע קאָל מײַנס איז וואָס ווײַטער געוואָרן בארויִקטער, נאטיר־לעכער. ברין האָט מיך אויסגעהערט מיט פארשמאָלטע אויגן, מיט אָן ארא‍פּגעלאָזטער ליפּ, אויב איך בין זיך ניט טויע, אז ער האָט פארמאָגט וואָנצעס — מיט א שטיק וואָנצע אין די ציין. געהערט מיך געטרײַ, ערלעך, קיין איין וואָרט מײַנס, האָט מען געזען, ניט דורכגעלאָזט, מיט קיין מינדסטן ריר ניט געשטערט מיר, ניט איבערגעשלאָגן מיך. אז כ'האָב געענדיקט, האָט ער זיך א גלײַך געטאָן די פּלייצעס און נאָך גאָר א קליינעם קרעכץ געזאָגט:

— לייענען לייענט איר גוט. ווייסן מיר ווויל. גוט, וואָס בעסער דאַרף מען ניט.

און שוין. מערער עפּעס זאָגן האָט ער אפּאָנעם ניט געטראכט. די פּאָר רעגעס שטילשווײַגן האָבן מיר אויסגעזען יאָרן, ניט קיין רעגעס. א פּוס האָט זיך מיר אזש אָנגעהויבן שאָקלען. כ'האָב ארויסגעשטאמלט:

— און כוצן גוטן לייענען — גאָרניט?.. און זי אליין, די פּיעסע, איז שוין גאָרניט ווערט, מע זאָל וועגן איר עפּעס זאָגן?..

ברינען האָט עס א הייב געטאָן פונעם אָרט, ער האָט אזש אָנגעהויבן רעדן מיט מיר אַף „דו“:

— מענטש אייִנער, האָב צײַט. ביסט טאקע, זע איך, נאָך גאָר א צוציק. וויאזוי נעמט מען און מע צעלייגט אַף דער בינע א ייִדענע אין בעט גיין צו קינד? ביסט בא די קלאָרע געדאנקען? זאָלסט עס גאָר מער קיינעם ניט ווײַזן. מ'עט דיך באשטעקן מיט פעדערן. און וויאזוי מאכט מען עס פלוצעם אַף דער בינע אין איין צײַט אי אָן אויבן, אי אָן אונטן? פונוואנען האָסטו עס גענומען? האָסט עס אין כאָלעם געזען? נו, גוט. אויבן אין שטוב ליגט די געווינערן באהאנגען מיט קימפּעט־בריוולעך, ס'קינד לעבן איר, פארבונדן אין א קישן, מאכט אַ־א־א... אַ־א־א... צוליב וואָס זשע דאַרף דער אוילעם זען אין דער זעלבער צײַט די באשקע אונטן מיט די פארגראטעטע פענצטערלעך? נו, גוט. דער טאטע

דעם קינדס שטייט אונטן אין באשקע א פארכווישעכטער און פארפארעכטער, זיפט אין א רעשעטע די קערלעך זיינע. רעכט. פארנאסע, ברודער. וווהין זשע טויגן די לעבעדיקע מייזלעך, וואס שפרינגען ארום טאטן, פישטשען און כראמזשען די שאלעכצלעך פון די קערלעך? אויבן, הייסט עס, פישטשעט דאס ניי־געבוירענע אייפעלע, אונטן — די מייזעלעך. שיין. שיין, ווי די וועלט. הערסט, וואס כ׳וועל דיר זאגן, די דאזיקע מייזעלעך האבן אופגעכראמזשעט די גאנצע פיעסע דיינע. ניין, ס׳איז ניט קיין פיעסע. ס׳איז קעבעבע.

ברין איז געווען א נידעריטשקער, א קיילעכיקער, איך האב לעבן אים אויסגעזען מיט א גאנצן קאפ העכער. נאך די דאזיקע רייד זיינע בין איך געווארן מיט א גאנצן קאפ נידעריקער. און איינגעשרומפענער, מיט א שוואך בלייך קאל, האב איך כאטש עפעס געוואלט אפדינגען, ראטעווען:

— און דאס לאשן? די טיינעס? דער וויטיק?

ברין האט מיר געענטפערט קילער א ביסל:

— ס׳לאשן? אייער פראסט בעסאראביש לאשן. ניט קיין בינע־לאשן. דער וויטיק? וויטיק־שמייטיק — די וועלט קערט זיך איבער, און א יידישער ארעמער שטוב האט די מאמע געבוירן דאס זיבעטע קינד. „מאזלטאוו, מיט מאזל זאלט איר לעבן!“ ניין — דרייט זיך דאס עלטסטע יינגל אום א פארמארעשכוירעטער, א פארוויייטיקטער, רייסט פון זיך שטיקער, גייט אויס ווי א ליכט, האט טיינעס צו דער וועלט. אט זעט מען אים אויבן אין שטוב, אט — אונטן אין באשקע. רעדן רעדט ער ניט — שווייגט. ערשטנס, וויאזוי קאן מען וויזן אף דער בינע, אז עמעצער גייט אויס ווי א ליכט? צווייטנס, טאקע געראכטע טיינעס, א גערעכטער וויטיק, נאר וויאזוי וועט מען עס זען, אויב דאס יינגל שווייגט? דריטנס, וואס זשע איז אין דעם דער אוילעם שולדיק, דאס „פובליקום“ אין טעאטער? האב טיינעס אינדערהיים, צו אים, צום טאטן. נעם אים אן באם האלדז און טו אים א זאג: אזוי און אזוי, רעב ייד, וואס ברענגסטו קינדער אף דער וועלט, אז דו האסט זיי ניט מיט וואס צו האדעווען. אז דו דארפסט גאר מיט זיי אליין האדעווען שקארלאטינעס, טשעכאטקעס, טיפן?.. דרייט זיך אבער דאס יינגל אום אויבן און אונטן און קאן עס דעם טאטן ניט זאגן. מע דארף זיך עס אנשטויסן. דער אוילעם קומט ניט אין טעאטער ארײַן אנצושטויסן זיך. ניין, ס׳איז ניט קיין פיעסע. ס׳איז, זאלסט מיר מויכל זיין, קעבעבע.

— וואס זשע זאל איך טאן מיט איר? — האב איך ערשט אנגעהויבן פונעם אנהייב.

ברין האט זיך אקטיאריש און איזדיעקעווע געטאן:

— מיט וועמען טאן, מיט דער יידענע?

— ניין, כ׳מיין, מיט איר, מיט דער פיעסע.

באפרידיקט, אף איין רעגע כאטש, דעם אקטיארישן לעץ אין זיך, איז ברין צוריק איבערגעגאן מיט מיר אף „איר“.

— איר ווייסט דאך, מינאסטאם, וואס מענדעלע האט געטאן מיט שאלעם־אליינכעמס א זאך, וועלכע האט נאך ניט געטויגט. — „פעשע, האט ער א זאג געטאן צום ווייב זיינעם, עפעס איז קאלט אין שטוב. לייג, כ׳בעט דיך, פייער!“ און מאכט דערנאך צו שאלעם־אליינכעמען: — „וויזט נאר אהער, זייט מויכל, די מייסע, וואס איר האט מיר איבערגעליענט. אזוי שרייבן קען איך דאך אויך. אן אייניקל, אן עמעס אייניקל דארף שרייבן אנדערש!“ און אין איין קעהערעף־אין האט דער העפט שאלעם־אליינכעמס געפלאקערט אין די פלאמען. שאלעם־אליינכעם שרייט: — „וואס טוט איר, זיידע? ניטע!“ און מענדעלע פרעגט אים: — „סע ברייט? סע ברייט?“ און זאגט: — „אן ברענעניש און אן בריענעניש גייט עס אין אונדזער פאך ניט. ס׳ערשטע דארף מען גוט אפברענען, דערנאך וועט פונעם אש אופגיין עפעס רעכטס! איר פארשטייט?“ איך בין אוואדע ניט מענדעלע און איר זענט אוואדע און אוואדע ניט שאלעם־אליינכעם. נאר אן אייצע איז דאס גאר ניט קיין קרומע. אן אייצע פאר יעדן. פאר גרויס און קליין. נעמען אייגענע פסוילעס און אליין ארייַנוואַרפן אין פייער אריין איז נאך א העכערע מאדרייגע. דאס וואלט שוין געווען א שטיקל סימען, אז עפעס איז דא אין אייך א קויעך. אזוי, אזוי, ברודערקע!

קיין פייער האב איך ניט געלייגט. נאר דעם קויעך־סימען האב איך יא באוויזן. ברינס מאנאלאגן האבן מיך אזוי צעשרויפט, אזוי צעלייגט, אזוי אפגעשוואכט, אז טאקע אין דעם זעלבן טאג און טאקע איבער דער דאזיקער אפגעשוואכטקייט איז דער קויעך געבוירן געווארן. און כ׳האב די גרויסע נארישקייט אפגעטאן.

כ׳געדענק גוט, וויאזוי איך בין געשטאנען איינגעהויקערט באם מיסטקאסטן טיף אין הויף פון דער סטודענטן־היים און פון דעם גראבן העפט מייַנעם מיט די שווארצע גלאנצנדיקע טעוועלעך און מיטן ווייסן עטיקעטל אף א טעוועלע געריסן בלעטל נאך בלעטל. יעדעס בלעטל באזונדער איינגעקוועטשט אין דער פויסט מיינער, די אויסיעס־מאכקימעס זאלן זיך, כאלילע, איבערן הויף ניט צעפליען. כ׳בין געווען אזוי פארשטיינערט, אז כ׳האב ניט געפילט, ווי עס רייסט מיך באם הארצן. אזוי פארהילצערט, אז כ׳האב אפילע קיין טרער ניט געלאזט דערביי. באם אנפילן דעם העפט — אף יעדן

פארשריבענעם זײַטל פלעקן, דאָ א פלעק, דאָרט א פלעק. באַם כּאַרעוו מאַכן דאָס אָנגעשריבענע — גאַרניט. א פאַרגליוורטקײַט. א פּאַראַהאַקטקײַט.

דער אַקטיאָר שאָלעם ברין איז בעטעווע געווען א גוטער. צווישן אַקטיאָרן־אוילעם — א מענטש אָן א גאַל. קײנמאָל באַ קײנעם אַפילע קײן נאָגל ניט אָנגערירט, קײן פליג אָף דער וואַנט ניט גע־טשעפּעט. הוילע פיַנקײַט און הוילע לײַטישקײַט. ער איז שוין לאַנג אָף דער וועלט נישטאָ, און ס׳איז איצטער ניט שײַעך צו זאָגן, אַז די אומגעבראַכטע פיעסקע מײַנע און מײַנע יעסורים דעמלט זאָלן אים דאָרטן אויבן ניט פאַרעכנט ווערן פאַר א זינד.

אײַ, וויפל נאַרישקײַטן אין לעבן טוט דער מענטש, דער קלוגער מענטש, אָפּ!..

ב

כ׳ווייס ניט, צי דאָס איז פאָרגעקומען באַם זיבעטן קינד, צי באַם אַכטן קינד.
וואָרט, מע קאָן עס עפשער באַלד אויסכעזשבענען.

ווען ליבעלע איז געשטאָרבן, בין איך נאָך געווען גאָר א פיצל, ליבעלען אַפילע פאַר די אויגן ניט געזען. כ׳געדענק ניט באַ מײַן וויגל ניט קײן קינדער־מײַסעלע, ניט קײן וויגלידל (כוצן אומעטיקן ניגנדל אָן ווערטער: א־א, א־א, א... א־א, א־א, א...). כ׳געדענק נאָר אין די אויערן מײַנע, אַלע טאָג, לאַנג, אײביק, א זיפצעניש און א קרעכצעניש: אוי, ליבעלע, אוי, ליבעלע.

ווען שעפּסעלע האָט זיך געפּעלט, בין איך שוין געגאַנגען אין כײדער. באַ דרײַ יאָר אָנגעהויבן לערנען קאָמעץ־אַלעף באַ שמועל פּאַיאַנער. (א הויכער ייִד מיט א לאַנגער מוישע־ראַבײנו־באָרד. א פולער הויף מיט קינדערלעך. אין הויף טריקענען זיך אָף הילצערנע האַטשיקס שוואַרעס טוטין. גאַנצפרי, מאַרשירנדיק אײנס הינטערן אַנדערן, טראָגן מיר, טאַלמידימלעך, די שוואַרעס טוטין אַרויס פונעם כײדער אין הויף; פאַרנאַכט טראָגן מיר זײ צוריק אַרײַן אין כײדער — לערנען באַם רעבן קאָמעץ־אַלעף.) ווען שעפּסעלע איז געשטאָרבן, האָב איך שוין, דאַכט זיך, געהאַלטן באַ כומעש מיט ראַשע. מ׳האָט דאָס טויטע ברודערל מײַנס אַרויסגעגעבן אין א לײַלעך דורך א פענצטער. די מאַמע האָט געקוויטשעט, צעבלוטיקט זיך מיט די נעגל דאָס פּאָנעם. דעם טאַטן האָב איך קײנמאָל ניט געהערט אַזוי הויך, אָף אַזא קאָל יעכצן. דער גאַנצער אוילעם אין דרויסן האָט זיך געווישט די אויגן. איך בין געשטאַנען באַ דער זײַט, דעם האַלדז אַרומגעוויקלט מיט א שאַלכל און ס׳האָט מיט מיר מוירעדיק געטרעסעט. ציטערנדיק, געדענק איך, בין איך געשטאַנען און געטראַכט וועגן „שטאַרבן" און „לעבן". וואָס שטאַרבן באַטײַט, ווייס איך שוין. וואָס זשע באַטײַט דאָס וואָרט „לעבן", האַ?

דערנאָך איז געבוירן געוואָרן יאָסל. יאָסעלע. פון יענעם לאַנגן ווינטער זײַנען געבליבן אין מײַן קינדערש געמיט און אין מײַן קינדערש געדעכעניש צוויי זאַכן: יאָסעלעס גוואַלדן מעסלעסנווײַז און מײַנע מאַקעס אָפן סאַמע הינטן. דער טאַטע האָט מיר צוגעלײגט צו די מאַקעס שמאַטקעלעך מיט גרינעם זאַלב, פאַרבאַנדאַזשירט מיר א האַלב לײַב. אײן מאַקע האָט זיך נאָר אָנגעהויבן אויסהײלן, איז באַלד אַרויס לעבן איר אַן אַנדער מאַקע. א גאַנצן קײַלעכיקן ווינטער, ביז העט־העט נאָך פּײסעך.

דערנאָך איז געבוירן געוואָרן בוזיעלע. כ׳בין שוין געווען א היפּש ייִנגעלע. כ׳האָב שוין געקענט לויפן צו דער לעדאָווניע מיט אַן עמער אין הענטל אָנהאַקן אַן עמער אײַז. עטלעכע כאַדאָשים דורכ־אַנאַנד איז די מאַמע אָפּגעלעגן אין בעט מיט הויכע גראַדן היץ, הויט און ביין, א סקעלעט, מיט אײן בעסטער טרופע: א פענכער אײַז אָפן קאָפּ (און מינאַסטאַם אונטער דער קאָלדרע — אָפן בויך). דער טאַטע איז געפאַלן פון די פיס. א דרעמל פלעגט ער כאַפּן זיצנדיק, אָדער שטײענדיק. ס׳קינד האָט ער אַלײן געוויקלט. אַזוי מײַסטעריש, אַז אַלע יאָרן פלעג מען בוזיען רופן אין שטוב „דאָס קרומע פיסל".

דערנאָך איז געבוירן געוואָרן פײגעלע.

כ׳האָב נאָך דעמלט גוט ניט געוווסט, וואָס עס הײסט פײַנט האָבן. נאָר כ׳מוז זיך איצטער מוידע זײַן: דער מאַמעס הויכן בויך האָב איך פײַנט געהאַט. ס׳הײסט, עפשער ניט טאַקע פײַנט גע־האַט — פאַשעט ניט געקאָנט א קוק טאָן אָף אים. כ׳האָב אים אויסגעמיטן. ער האָט מיך געווייטיקט. אַז כ׳פלעג זיך מיט אים באַגעגענען פּאָנעם־על־פּאָנעם, פלעגן זיך מיר באַלד אָנגיסן די אויגן, פלעג איך דערפילן א וואָרגעניש אין האַלדז.

דערנאָך איז געבוירן געוואָרן זיסעלע... דאַכט זיך, דעמלט איז דאָס פאָרגעקומען. לאָמיר זשע א רעכן טאָן: איך, סראָליק, ליבעלע, שעפּסעלע, יאָסל, בוזיע, פײגעלע, זיסעלע. נאָר וואָס איז סאָף־קאָלסאָף דער כילעק, צי באַם זיבעטן, צי באַם אַכטן? ס׳איז סײַוויסײַ דערנאָך נאָך געווען א נײַנט קינד, א צענט קינד.

כ׳האָב שוין דעמלט געלייענט פּערעצן. כ׳האָב שוין געמעגט האָבן, קאָן עמעצער זאָגן, מערער א ביסל סייכל, און עפשער פאַרקערט? — קאָן א צווייטער זאָגן — עפשער פאַר אזא קליין שנעקל — צופיל סייכל, צו איבערגעשפּיצטער סייכל? דער מאמעס געשרייען אין יענעם באנאכט האָבן מיך אראָפּגעריסן פונעם געלעגער. ארום דער מאמען אין אלקערל האָט זיך שוין געפּאָרעט סאָסל די באָבע. דעם טאטנס פּאָנעם האָב איך דערזען אָפּגעשײַנט פונעם לעמפּל אין דער האנט זײַנער הויך איבערן קאָפּ. כ׳האָב גיך ארופגעכאַפּט אַף זיך די הויזן, די בלוזקע, אין דער פינצטער די שיך אונטער דער סאָפקע ניט געקענט אָפּזוכן, און בין אזוי־אָ, א באָרוועסער, ארויס פון דער שטוב, אָנגעהויבן לויפן וווּהין די אויגן האָבן מיך געטראָגן. ס׳איז שוין געווען א קילע ערעוו־אָסיענדיקע נאכט. די סטראזשניקעס, אַף די שטעלכלעך בא די קלייטן, זײַנען געשלאָפן. אלע פענצטער — פינצטערע, אלע טירן — פאַרהאקט. כ׳בין געלאָפן ארויס דעם שטעטל, צום וואלד־צו און בין אינמיטן וועג, בא די הויכע „שטיינער״ לעבן סטעזשקעלע בארג־ארוף צו דער ראשקעווער הייל, געבליבן ליגן אַף דער טאָלאָקע מיטן פּאָנעם ארוף צו די שטערן. וואָס האָב איך ביז פּאַרטאָג ניט איבערגעטראכט! דער רויגעז אפן טאטן איז פּאוואָלינקע איבערגעגאנגען אין א ראכמאָנעס אפן טאטן. וואָס טו איך? פאַרוואָס בין איך אים נאָך פון אויבן אזוי מעצאער? וואָס איז ער שולדיק? אי ראכמאָנעס, אי ווייטיק: פאַרוואָס פאַרשטייט ער ניט? און צוריק ווידער רויגעז: ניין, ער איז יאָ שולדיק. פאַרוואָס ברענגט ער קינדער אַף דער וועלט, אויב ער פאַרמאָגט ניט פאַר זייערטוועגן דאָס וואָרט, וואָס הייסט „לעבן״? א יינגל א שנעקל, א גוטער צולאָכעסניק, האָט זיך אָפּגעוואלגערט א האלבע נאכט אין פײַכטן גראָז, צעביסן זיך די פינגער, באגאָסן זיך מיט טרערן, ערעוו אָנהייבן קריגן זיך מיט דער וועלט א קריג געטאָן זיך דערווײַל מיטן אייגענעם טאטן.

גאנצפרי האָב איך זיך צוריק ארײַנגעיאַוועט אין שטוב. די טיר פונעם אלקערל איז געווען פאַרהאנגען מיט א לײַלעך. ס׳האָט זיך מיר א דאכט געטאָן: דער זעלבער לײַלעך, אין וועלכן מ׳האָט דורכן פענצטער, ניט איצט געדאכט, ארויסגעגעבן שפּסעלען. דער טאטע איז וואָכעדיק געזעסן אײַנגעהויקערט באם אויוון, געשארט מיט דער קאָטשערע קעגן פלאם די קערלעך אין בעקן ניט ווי טאָמיד, האָט זיך מיר געדאכט, — אפילע אָנעם שטענדיקן טרויעריקן צוזינגען זיך זײַנעם בא דער שיינער ארבעט. ער האָט מיך ניט געפרעגט, ווו איך בין געווען, האָט דעם קאָפּ ניט א קער געטאָן צו מיר. פּאַרנט אין שטוב האָט די באָבע יענטע אָנגעטאָן די קינדער און איז אַף איר אויפן אויך עפּעס געווען צעקאָכט, אונטערגעוואָרטשעט: „געמיינט — א יינגעלע, א נאָמען נאָכן זיידן זוסיע. מיילע. זיסעלע איז אויך ניט שלעכט. ווערט אָבער דער טאטע דען וועלן?״ כ׳האָב זיך דאָס אָרט ניט געקענט געפינען און בין ווידער אוועק אַף א גאנצן טאָג, ביז שפּעט אין דער נאכט. דרײַ צי פיר טעג האָט דער טאטע מיט מיר ניט גערעדט און איך האָב מיט אים ניט גערעדט. אפן דריטן צי אפן פערטן טאָג האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן מיר אין קיכל באם פענצטער און ס׳איז צווישן אונדז פאָרגעקומען א שווײַגנדיקער שמועס. דער ערשטער שווײַגנדיקער שמועס פון אלע אנדערע אזעלכע שמועסן, וואָס איך מיטן טאטן און דער טאטע מיט מיר האָבן שפּעטער ניט נאָר איין מאָל געפירט. דער אקטיאָר שאָלעם ברין איז עפשער טאקע, ווי אן אקטיאָר, געווען גערעכט: וויאזוי זשע קאָן מען פון דער בינע אראָפּ לאָזן הערן א שמועס, אויב ער איז א שווײַגנדיקער? גערעכט — ווען אלע ווײטיקן און אלע קרומקײַטן און אלע אומגעלופּערטקײַטן אין דער וועלט זאָלן זײַן נאָר צוליב דעם, און נאָר איבער דעם, ווײַל מע דאַרף זיי אָפּשפּילן אַף דער בינע.

דער טאטע (מיט א שטיק פּאָנעם אין א דלאָניע. אָן ווערטער): כ׳ווייס, פאַרוואָס דו ביסט בארויגעז.

דאָס יינגל (אויך אָן ווערטער): כ׳ווייס, אז דו ווייסט. כ׳בין ניט בארויגעז.

דער טאטע: ס׳איז דאָס איינציקע ביסל כּיעס אונדזערס. ס׳איינציקע ביסל פאַרגעניגן.

דאָס יינגל: אײַערס. דײַנס און דער מאמעס. און אונדזערס, די קינדערס? כ׳האָב געזען דאָס פאַרגעניגן, וואָס איר האָט, ווען א קינד שטארבט. ווען דו בינדסט מיר ווינטער איבער די מאקעס אַף מײַן לײַב. ווען די מאמע ליגט און קרענקט נאָך יעדער קימפּעט. ווען א קינד הוסט מיטן גישטער, ווען א קינד פאַרגייט זיך. ווען דו ברענסט טאָג ווי נאכט אין פײַער, ווי דו אליין זאָגסט.

דער טאטע: אזוי איז דער מינהעג־אוילעם.

דאָס יינגל: דאַרף ער אזוי זײַן אייביק? פאַר יעדן איז ער אזוי? פאַרוואָס האָבן די רײַכע אין שטעטל נאָר איין קינד, צוויי קינדער, און מיר, אָרעמעלײַט, א פולע שטוב?

דער טאטע: ס׳איז אוואדע קאפויר. אלץ איז קאפויר. די גאנצע וועלט שטייט מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארוף. דו גייסט דען אַף א גלײַכן וועג?

דאָס יינגל: איך גיי ניט. איך קריך. כ׳ראטשקעווע זיך אַף אלע פיר. אנדערע יינגלעך לערנען שוין אין גימנאזיע, ראשן, פליען, שפּילן אין קראָקעט, פאָרן אַף וועלאָסיפּעדן, לאכן, פרייען זיך. איך גיי טאָמיד אום א פאַרגעלטער און א פאַרטרויערטער.

דער טאַטע: דו האָסט ליב צו לייענען ביכלעך. האָסט שוין באַלד די גאַנצע ביבליאָטעקע אין שטעטל איבערגעלייענט. וואָס זשע, דאָס איז דען שלעכט? כ׳בעט דיך, זונעניו, וואַקס אויס א גוטער. ס׳איז א שוועסטערל. האָב זיסעלען ליב.

דאָס יינגל: מיט זיסעלען וועט זיך עס ניט ענדיקן. ס׳וועט נאָך זײַן א כאַנציעלע, אַן אידעטשקע... פייגעלען רינט פון א פיסל. פייגעלע וועט שטאַרבן. דערנאָך וועט יאָסל שטאַרבן. דערנאָך וועט אידעטשקע שטאַרבן. אַלע, אַלע וועלן מיר שטאַרבן.

דער טאַטע צעכליפּעט זיך. מיטן פּנים אין בײדע דלאָניעס. אָן א קאָל. דאָס יינגל כליפּעט אויך אָן א קאָל.

דאָס יינגל: כ׳וויל ניט זײַן אָרעם! כ׳וויל ניט זײַן אָרעם!

כ׳זע ערשט איצטער: ס׳איז טאַקע געווען א צעדרייטע פּיעסקע. עפּעס ניט דאָס. ניט ווי דער מינהעג־אוילעם פירט זיך. נאָר פאַרוואָס האָב איך זי צעריסן? דאָס יינגל — טאַקע עפּשער א קאַפּויער יינגל. ס׳איז דאָך אָבער געווען א פולער העפט מיט רייד, מיט טראַכטן, מיט בלוטיקן. די אומגעלומפּערטקייטן זײַנען דאָך געווען מײַנע. איך בין דאָך אין זיי אינגאַנצן איך. פאַרוואָס האָב איך די פּיעסקע צעריסן?

כ׳וואָלט אַצינד מיט די עלטער־ברילן אױף מײַנע אויגן אײַנגעזשמורעט זיך אין יעדן אָס, אין יעדן פּינטעלע, אין יעדער טרער. באַווײַזן זי אַן אוילעם פון דער בינע אַראָפּ האָט מען אַוודע ניט געקענט. נאָר זיך אַליין? איך זאָל אײנער אַליין זיצן אונטן אין זאַל צווישן ליידיקע בענקלעך און אָנקוקן מײַן קינדער־שפּיל?

א הייכל מײַנער איז דאָס, פאַרשטייט זיך, ניט געווען. א הויל שליסעלע צו א הייכל — עפּשער. פאַרוואָס זשע האָב איך דאָס שליסעלע מיט די אייגענע הענט פאַרוואָרפן?

ג

ברין האָט מיך געזוכט. ער האָט אַזש געסאָפּעט:

— אַז מע דאַרף אים שוין יאָ, איז ער ערשט ניטאָ, דער באַרמאַזל. קומט! קומט טאַקע שוין מיט מיר. ווען איך געפין אײַך ניט איצטער, איז אַלצדינג פאַרפאַלן.

אין די לעצטע עטלעכע טעג האָט מיך ברין א פּאָר מאָל פאַרבעטן מיט זיך אין א טשײַנע, געשטעלט א טשײַניק טיי מיט א האַלבן טוץ דאַרע בייגל, טרינקענדיק, געקוויקט זיך, געבריט זיך די ליפּן, די פאַרשוויצטע ברילן אַרופגערוקט אויפן שטערן. ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, צי קוויקט ער זיך אַזוי מיט דער טיי, צי מיט דער מײַסע, וואָס ער דערציילט מיר, אַז דאָ־אָ, אין דער־אָ „טשײַנעריע״ פלעגט וועלוול זבאַרזשער אויסזינגען פאַרן אוילעם די לידער זײַנע. ס׳הייסט, ניט נאָר דאָ — אין אַלע וואָקזאַלשטער און דודעשטער טשײַנעס און קרעטשמעס. אהער אָבער, אין דער טשײַנע, קומט אַמאָל אַרײַן אַן אַלטיטשקער, וואָס זאָגט, אַז ער פלעגט אױף א צימבל זבאַרזשערן צושפּילן צו די לידער. צי דאָס איז עמעס, צי ניט, ווייסט מען ניט. נאָר אָפּזינגען „וואָס פאַרשטייסטו, פילאָסאָף, מיט דײַן פלאַטשיקן מויעכל?״ זינגט דער אַלטיטשקער אָפּ מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיט אַלע קנייטשלעך, ווי זבאַרזשער פלעגט די ליד זינגען. מע דאַרף אים דאָ נאָר קענען כאַפּן, דעם אַלטיטשקן. דעם טשײַניק טיי האָבן מיר בײדע אויסגעטרונקען ביז צו דער שפּענטע, געבליבן זיצן דערנאָך מיט אָפּגעגאָסענע פּנעמער. נאָכן פאַסקענען די פּיעסקע מײַנע האָט מיך ברין אָפּאָנעם צוריק געוואָלט מיט עפּעס אויפמונטערן. כאָטש זיצן מיט מיר, ווי א גוטער־ברודער מיט א גוטן־ברודער בא א גלעזל טיי, דערציילן מיר עפּעס, א ווײַצל טאָן זיך מיט מיר. וויצלען זיך האָט ברין ניט גאָר געקענט. אַשטייגער: „עפּעס געלט דאַרפט איר? האָב איך אָבער ניט. אַז איך פרעג עס אײַך, איז עס דער בעסטער סימען, אַז איך דאַרף אויך. ווען איך האָב, פרעג איך אײַך ניט — גיב איך!..״

כ׳האָב דעריבער געמיינט, אַז ברין האָט איצטער געכאַפּט דעם אַלטיטשקן צימבאַליסט, און בין מיט אים אַוועק, ניט פרעגנדיק אַפילע, וווהין מיר גייען און וואָס איז אַזוי די אײַלעניש. ברין האָט עס מיר אויפן וועג אַליין באַלד פאַרענטפערט:

— מיר גייען אַצינד צום גאָדל־האַדאַר, צום טעאַטער־דירעקטאָר אָן א טעאַטער בערל סעגאַל. ווינטערצײַט איז דאָ ניט גאָר קיין פויגלדיקער טעאַטער־סעזאָן. נאָר בערל סעגאַל האָט אָפּגעדונגען אױף א גאַנצן ווינטער דעם „באַראַשעום״ און ברענגט אַראָפּ פון וואַרשע שלוימע פּריזאַמענטן און גיזי היידן. שלוימע פּריזאַמענט איז שלוימע פּריזאַמענט. מיט בראָדעריזאָנען אָנגעפּירט דעם „אַזאַזל״. און גיזי היידן איז שלוימע פּריזאַמענטס ווײַב — אויך אַן אַקטריסע גאָר־גאָר. ניט געהערט? וועט איר הערן. נאָך פון מישע פישזאָנען האָט איר דאָך יאָ געהערט. וועט אין העלפט סעזאָן גיזי היידן גיין אױף דער בינע א טענצל, און דעם צווייטן האַלבן סעזאָן וועט מישע פישזאָן רײַסן קוליסן. אינקורצן:

די טרופּע איז שוין צונויפֿגעשטעלט און מע דאַרף אַ סופֿליאָר. און איר וועט זײַן בײַ אונדז דער סופֿליאָר. אַז בערל סעגאַל וועט אײַך אַ פֿרעג טאָן: איר זענט, צי איר מאַכט זיך? זאָלט איר אים ענטפֿערן: כ׳בין! איר זאָלט מיך נאָר ניט אונטערפֿירן, איר הערט?

— זײַן אַ סופֿליאָר? — האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וועג מיט פֿאַרכידעשטע אַקסלען.

איך האָב מיט מײַן כידעשן זיך געמיינט: זײַן אַ סופֿליאָר דאַרף מען דאָך קענען! ברין אַפּאָנעם האָט פֿאַרשטאַנען, אַז כ׳האָב די אַקסלען אַ הייב געטאָן דערפֿאַר, ווײַל זײַן אין טעאַטער דער לעצטער שעבעלעצטער איז פֿאַר אַזאַ דראַמאַטורג, ווי איך, עפּעס גאָרניט קיין הויכער פֿלי.

— זײַן אַ סופֿליאָר, — האָט ער מיך פֿון הינטן אַרומגענומען, דערגרייכט מיט דער האַנט צו מײַנע אַקסלען און זיי, מעכילע, אַראָפּגעפּלעטשט, — זײַן אַ סופֿליאָר איז אויך ניט קיין קליינע קונסט. איר האַלט אויף אײַער דלאָניע די גאַנצע פּורים־שפּיל. אָן אײַך גייט מען אום אויף די ברעטער מיט געפּענטעטע פּיס, מיט אַ שלאָס אויפֿן מויל. מע קען זיך אָן אײַך אַ ריר ניט טאָן, אָן אָס ניט ארויסרעדן. איר ווייסט דאָך אַוודע, אַז דער גרויסער דיכטער עמינעסקו איז יונגערהייט געווען אַ סופֿליאָר. און דער גרויסער קאַראַדזשאַלע איז אויך געווען אַ סופֿליאָר. און לייב דרוקער אין טשערנאָוויץ איז אויך אַ סופֿליאָר...

אַ שיינער צונויפֿפּאָר. עמינעסקו, קאַראַדזשאַלע און... לייב דרוקער אין טשערנאָוויץ. ווידער אַפּאָנעם אַ וויץ אַזאַ ברינס.

— אַ סופֿליאָר דאַרף מען דאָך קענען זײַן, — האָב איך איבערגעכאַזערט אויף אַ קאָל.

ברין האָט זיך צעלאַכט:

— אַ גוואַלדיקע טוירע! מע דאַרף דערויף ענדיקן אוניווערסיטעטן! איר וועט קענען. מערער וויפֿל מע דאַרף. אָט וועלן מיר טאַקע באַלד זען. איר זאָלט נאָר ניט בלײַבן שטיין אין שטוב מיט די אײַנגעפֿאַלענע באַקן אײַערע, ווי אַ נעבעכל, ווי אַן אָני בעפּייסעך. האַלט אײַך גרויס, מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ — איר זענט שוין אַ סופֿליאָר הונדערט יאָר. די אַקטיאָרן וועלן הערן, וויאַזוי איר לייענט, וועלן זיי אַזש אָנהייבן שלוקערצן. איר זאָלט נאָר ניט לייענען הויך, ניט צעלאָזן זיך, לייענט מיט אַ שעפּטש. אַ סופֿליאָר דאַרף „געבן אַ וואָרט" שעפּטשענדיק. דאָס איז די גאַנצע טוירע. ווען איך געפֿין אײַך הײַנט ניט, איז מאָרגן פֿאַרפֿאַלן אי די קו, אי דער שטריק. מאָרגן וועלן אויף אײַער אָרט זײַן צוואַנציק סופֿליאָרן. אַ גרויסע מעציִע, אַ ייִכעס אַ סופֿליאָר אין ייִדישן טעאַטער.

ס׳ערשטע מאָל צווישן אַזויפֿיל אַקטיאָרן, אין אַ פֿולער שטוב מיט געפּילדער און מיט געלעכטער, בין איך שוין גראַדע יאָ שטיין געבליבן בײַ דער טיר, ווי אַ נעבעכל, ווי אַן אָני בעפּייסעך. בערל סעגאַל, אין אַ פּיזשאַמע מיט סאַמעטענע לאַצן, האָט עפּעס אַ פּאָנפֿע געטאָן צו ברינען, בייזלעך. די באַלעבאָסטע אין שטוב, בעטי סעגאַל, גאָר אַ שיינע, זעט מען, געווען אַמאָל אין דער יוגנט, און גאָרניט קיין שלעכטע אַקטריסע, ווי כ׳פֿלעג דערנאָך הערן, האָט אָבער איצט, שוין גאָרניט קיין יונגע, נאָר געוואָלט שפּילן פּרימאַדאָנעס, אָפּזינגען דעם אוילעם, ווי אַמאָל, מאַמעש אַריִעס. און דער מאַן אירער, בערל סעגאַל, וואָלט צוליבן ווײַב געבויגן דעם הימל צו דער ערד, ניט נאָר אַראָפּגעבראַכט גיזי הײַדן פֿון וואַרשע און מישע פּישזאָנען פֿון ניו־יאָרק, נאָר ווען מע מוז און מע קען — אַפֿילע מאָשיִעכן אויפֿן ווײַסן פֿערדל.

די שטוב איז געווען פֿול מיט רויך. בעטי סעגאַל האָט דעם אוילעם דערלאַנגט שעלעכלעך קאַווע, אומגעדרייט זיך אין שטוב אויף הויכע קנאַפּל, אונטערטאַנצנדיק, ווי אויף פּרוזשינעס. מיר האָט זי אַ זאָג געטאָן: „קומט צו נעענטער. זעצט זיך אַוועק. שעמט זיך ניט, טאַטעלע!" און האָט אין סאַמע עק טיש, אויבנאָן, אַוועקגעשטעלט פֿאַר מיר אי אַ שעלעכל קאַווע, אי אַ טעצעלע אײַנגעמאַכטס, אי אַ גלאָז וואַסער. טאַקטיש, ס׳זאָל ניט הייסן, אַז מע פֿאַרהערט מיך, האָט מען מיר דערציילט, אַז גיזי הײַדן האָט פֿון וואַרשע געשיקט די ערשטע פּיעסע, וואָס מע דאַרף מיט איר שפּילן, דער סופֿליאָר זאָל זי איבערלייענען דער טרופּע און זאָל באַלד צעשרײַבן די ראָלן. די פּיעסע, אָפּגעדרוקט אויף אַ שרײַבמאַשינקע, איז אָבער אַזוי געווען געקלעקט און געמעקט, גאַנצע שטיקער אויסגעשטראָכן, פּאַפּערעק אויף די ראַנדן — צוגעשריבן, שורעס, צווישן שורעס, שורעס — אונטער שורעס, זײַטן איבערגעקרייצט, ליניעס אַהער און ליניעס אַהין, וויאַזוי וועל איך זיי אָפּזוכן? ס׳האָבן מיר אַרויסגעזעצט טראָפּנס שווייס אויפֿן שטערן, ווען כ׳האָב די פּיעסע בלויז אַ בלעטער געטאָן. נאָר כ׳האָב דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן. כ׳האָב דאָפּקע געלייענט אָן אַ שעפּטש. הויך, אויף אַ קנאַקנדיק קאָל, נאָר גיך און גרינג, ווי עס לויפֿט אַ וואַסערל און עס טראָגט זיך אַ פֿערדל. ווערטער, וואָס כ׳האָב אינווייניק ניט געקענט איבערלייענען, האָב איך געלייענט אויסווייניק. שטיקער, וואָס האָבן זיך גיכערהייט ניט געקענט צונויפֿבינדן, האָב איך פֿון זיך אַליין געשטוקעוועט, צוגעפֿאַנטאַזירט. ס׳האָט זיך געקלעפּט, ס׳האָט זיך ניט געקלעפּט — קיין איין אויגנבליק האָב איך זיך ניט פֿאַרהאַקט, ניט אָפּגעשטעלט זיך. כ׳האָב אַפֿילע, לייענענדיק, באַוויזן אַלעמאָל אַ קוק צו טאָן אויף בערל סעגאַל. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר, לעבן אַנדערן עק טיש, מיט די הענט פֿאַרלייגט בײַ די סאַמעטענע לאַצן, מײַן לייענען אויסגעהערט מיט אַן אָפֿן מויל און בײַ יעדן קוק מײַנעם אויף אים אַ שאָקל געטאָן

מיטן קאָפּ אַמאָל אין דער לענג, אַמאָל אין דער ברייט, ס׳האָט געקאָנט הייסן: גאָר אײַ־אײַ־אײַ איז עס ניט, נאָר גאָר שלעכט איז עס אויך ניט. ס׳עט מיטגיין. אַז ס׳איז נישטאָ קיין בעסערס, איז דאָס אויך סכוירע.

האָקיצער. דעם סופליאָר־עקזאַמען אין יענעם אָוונט האָב איך אויסגעהאַלטן און בין מיט מאַזל געוואָרן אַ סופליאָר אין יידישן טעאַטער. און ניט אויף איין טאָג. ניט אויף דערווײַל. אויף טאָמיד. אויף אַלע בוקאַרעשטער יאָרן מײַנע.

בערל סעגאַל האָט מיך אַרײַנגערופן אין אַ זײַטיקן צימער, וווּ עס זײַנען געשטאַנען צוויי בעטן, אַ שאַפע, אַ שרײַבטישל קאַסע אין אַ ווינקל און אַ לעמפּל אויפן שרײַבטישל מיט אַ ראָזעווע אַבאַ־זשורל. אין דער שלאָפצימער ווייערער, אין אָפּנעם בערל סעגאַלס קאַבינעטל. ער האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, אַ קוועטש געטאָן די קנאַפּקע פונעם טישלעמפּל און בײַ אַ שיינער ראָזעווער שײַן צוויי מאָל מיר געגעבן די האַנט. דאָס ערשטע מאָל — גלאַט אַזוי, ווי אַ מין באַגריסן מיך. דאָס צווייטע מאָל, נאָכן אײַנפאַרשטיין זיך מיט מיר — ווי אַ טקיעס־כאַף: הונדערט ליי אַ טאָג. יעדן טאָג הונדערט ליי. צופרידן? און האָט מיר פון אַ שופלאָדל אַרויסדערלאַנגט אַ פּעקל פּאַפּיר: ביז איבערמאָרגן, שפּעטסטנס ביז איבערצוויימאָרגן צען אויזיגער פּאַר מיטיק, צו דער ערשטער רע־פּעטיציע, דאַרפן די ראָלן זײַן צעשריבן.

כ׳האָב זיך געהאַלטן לעבן ברינען. מיר זײַנען דערנאָך אַהיים געגאַנגען אײַנינעם. אין קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט גאָר אַ רײַכער כעזשבן. הונדערט ליי אַ טאָג. אַ כוידעש — דרײַ טויזנט ליי. וואָס וועל איך גאָר טאָן מיט אַזויפיל געלט? פינף הונדערטער פאַר שלאָפן. פאַר אַ טויזנטער וועל איך עסן, וואָס כ׳וועל וועלן. פינף הונדערט ליי אָפּשפּאָרן אויף אַ שטיקל פּאַלטאָכל, אויף אַ פּאָר שיך מיט קאַלאָשן. טויזנט ליי וועל איך אַהיים שיקן דעם טאַטן. דער טאַטע וועט אויפגעריכט ווערן.

ברין איז געגאַנגען אַ פרייל עכער. דער ניצאָכן איז פונדעסטוועגן זײַנער. („לייענען לייענט איר גוט, וואָס בעסער דאַרף מען ניט״, זײַנען דאָך זײַנע ווערטער.) אַז ער האָט דערהערט „הונדערט ליי אַ טאָג״, האָט ער אַזש אָנגעהויבן היקען, שפּריצן מיטן מויל, איז ווידער איבערגעגאַן מיט מיר אויף „דו״:

— מענטש איינער, פאַרוואָס עפּעס אויפן טאָג? פאַרוואָס ניט אויפן כוידעש? הונדערט ליי אַ טאָג הייסט דאָך הונדערט ליי אַ פאָרשטעלונג. און אַז מע וועט אײַנמיטן דער וואָך ניט קומען צום פּאַסעק? אוילעם לויפט דיר שוין אין די שנייען און אין די פרעסט אין טעאַטער אַרײַן? און אַז מע וועט נאָר שפּילן שאַבעס און זונטיק? און אַז אונטן וועלן זיצן דרײַטהאַלבן מענטשן, שטרעקט דיר שוין בערל סעגאַל באַלד אויס די הונדערט ליי? בערעלע מאַמזער. ער האָט דיך גוט אָפּגעכוימלט. שטיי נאָר, פאַרן איבערשרײַבן די ראָלן באַצאָלט ער דיר באַזונדער? ניין? באַצאָלט ניט? און דו האָסט זיך גע־לאָזט? שיינער פאַרשוין מײַנער, אין וועמען ביסטו געראָטן? ווערסט זיך אַזוי טאָמיד לאָזן? דאָס גאַנצע לעבן? האַ, וואָס שווײַגסטו?..

ד

אויב מע וועט זיך גוט צוקוקן, וועט מען זען, אַז דעם לירישן העלד מײַנעם, דאָס ראַשקעווער שוואַרץ־אויגיק ייִנגל, מאָל איך עפּעס ניט גראָד: אָט אַזוי, אָט אַנדערש. אָט איז ער אַ גרויסער, אַ געפּרוווטער, אַ באַרדאַס. טראָגט אויף זיך און פילט אין זיך דער וועלטס ווייטיקן, דעם ווילן און דעם קויעך אויסצוגלײַכן די וועלט. און אָט איז ער גאָר אַ קליינער, נעם אים אָן באַם הענטל און פיר אים אַריבער די גאַס.

אָט מיינט מען, ער איז אַ פרייל עכער, און מע זעט אים גאָר אַ טרויעריקן. אָט זעט מען אים אַ טרויעריקן, און מע הערט אים גאָר דערציילן וועגן זיך פרייל עך.

ניט אומזיסט פלעג מען אים אַמאָל, ייִנגלווײַז, געבן מערער יאָרן וויפל ער איז אַלט געווען (דאָס האָט אים ניט געאַרט). און מע גיט אים איצט, אויף דער עלטער, ווייניקער יאָרן וויפל ער איז אַלט (דאָס אַרט אים אַוודע ניט).

ס׳איז שוין ערגעץ פריִער געזאָגט געוואָרן, אַז שוין דעמלט, ייִנגלווײַז, האָט אין אים געלעבט אי דאָס קינד, אי דער זאַקן. שוין דעמלט און נאָך הײַנט. דעמלט — דאָס קינד און דער זאַקן, הײַנט — דער זאַקן און דאָס קינד. פון אַ מיט, פון אַ זאַכלעך־טאָכיקער מיטליאָריקײַט, ווי בײַ לײַטן, ווי באַם ראָוו מענטשן, האָט מײַן ראַשקעווער העלד ניט געוווּסט.

דער זאַקן האָט געקרעכצט, געליטן, געקנייטשט דעם שטערן, געגריבלט זיך. דאָס קינד — אַ שפּיל געטאָן זיך, אַ באַלעווע געטאָן זיך, געלאָפן, געפאַלן, צעוויינט זיך, אויפגעהויבן זיך, גע־לאַכט, געפרייט זיך, אַליין צומאָל אָפּגעטאָן זיך אויף טערקיש.

זאָקן און קינד האָבן זיך צונויפגעגאָסן, אויסגעמישט זיך, געוואָרן איין קאשע.

אָפט, ווען קיינער האָט ניט געזען, האָט דער לירישער העלד מײַנער די דאַזיקע קאשע אראָפּגעשלונגען, ווארגנדיק זיך...

ה

וואָס איז עס טאקע, דאָס דאָזיקע מין סופלירן? א פאך? א טאלאנט? אז מע וויל, קאָן מען זאָגן — א גאָרניט, און אז מע וויל, — א גאָר. אפילע קיין פאך ניט — מאכמעס דארפסט זיך עס בא קיינעם ניט אויסלערנען; קענסט נישקאָשעדיק לייענען, נעם די פיעסע אין דער האנט, קריך ארײַן אין סופליאָר־קאסטן און „גיב א וואָרט". א טאלאנט, און ניט קיין קליינער טאלאנט — אויב דו טוסט עס מיט נעשאָמע, מיט איבערלעבעניש, מיט ברען און מיט ליבשאפט, מיט אלע נייטיקייטן און פינקטלעכקייטן, אויב דו לייגסט ארײַן אין דער טירכע זיך אליין, טוסט עס גאָר פאכמעניש. ווי בא אלצדינג.

אן אקטיאָר א באלעבאָס איבער דער בינע, וואָס דרייט זיך אף איר אום ניט ער, נאָר יענער, וועמען ער שפּילט, דרייט זיך ניט אום — שפּילט יעדע רעגע, בא יעדן קער און ריר זײַנעם, ער הערט דיך, ווי דעם קאָטער, ביסט בא אים די פינפטע ראָד צום וואָגן. אז ער ווארפט אמאָל אף דיר אין קאסטן א בליק, זעסטו אים אויס, ווי א סוסליק אפן פעלד קוקט ארויס פון דער נאָרקע, דרייט אהין און אהער דאָס קעפּל, קײַעט א שטרויעלע מיט די ליפּן.

בא אן אקטיאָר א דראָנג ביסטו א גאָט, אן אויסלייזער. זעסט פונעם קאסטן, ווי ער בעט בא דיר מיט ראכמאָנעס־אויגן, זאָלסט אים דערלאנגען דאָס וואָרט צו דער צײַט. בעט בא דײַנע פינגער דעם סימען, ווען איבערצוגיין און ווהין איבערצוגיין. זעסט, ווי עס מוטשעט זיך און קומט אָפּ ניט יענער, וועמען ער שפּילט, נאָר ער אליין, נעבעך, דער אקטיאָר. קאָנסט מיט אים טאָן, וואָס דו ווילסט. קאָנסט אים, אויב מע מוז, א שנײַדט טאָן, איבערלאָזן אין די רייד נאָר די רעפּליק, וואָס דער פּארטניאָר זײַנער ווארט אף איר. ער, דער דראָנג, וועט עס אפילע ניט פילן.

מיט ביידע עלנבויגנס דײַנע אף די ברעטער, בא די סאמע ראמפּע־לעמפּעלעך, מיט דער גאנצער פּיעסע־שפּיל צווישן די עלנבויגנס, זעסטו אף דער בינע אלע נאקעטקײַטן, אלע היימישקײַטן, וואָס דער אוילעם אונטן זעט ניט, און אנט אפילע ניט דערפון. ניט ווײַל דער אוילעם זיצט ווײַטער און דו — נעענטער, דער נאָענטסטער. נאָר ווײַל דער אוילעם אין זאל זעט אנדערש און דו אין קאסטן זעסט אנדערש. ער זעט אן אנדער וועלט, דו — אן אנדער וועלט. דער אוילעם — די וועלט, וואָס מע שפּילט, דו — די וועלט, וואָס שפּילט. נאָר דאָס איז א באזונדער קאפּיטל.

וועגן סופליאָרן פלעגן אפילע אומגיין צווישן די אקטיאָרן לעגענדעס. כ'האָב ניט איין מאָל געהערט א זאָג טאָן: „אײַ, איז דאָס געווען א סופליאָר! אלע אייוורים האָט מען אים געדארפט אויסקושן". כ'פלעג אפילע טראכטן, אז דאָס איז אזא אָנצוהערעניש מיר: כ'זאָל הערן ניט ווי א סופליאָר איז געווען, נאָר ווי א סופליאָר דארף זײַן. וועגן איינעם אן אמאָליקן סופליאָר, דער אקטיאָרן־מישפּאָכע גליקמאנס א זיידע, צי אן עלטערזיידע, פלעג מען אָפּטמאָל איבערכאזערן אזא לעגענדע:

— מאכט זיך אמאָל, ער קריכט ארײַן אין קאסטן, גליקמאן, טוט זיך א טאפּ בא דער בוזעם־קעשענע — נישטאָ, נישטאָ די פּיעסע. פארלוירן אפן וועג, צי איבערגעלאָזט אינדערהיים, צי עמעצער האָט זי אים פון דער קעשענע ארויסגעשלעפּט. וואָס טוט מען? א צאָרע. דער פאָרהאנג איז שוין אופגעהויבן. דאָס דינסטמיידל ווישט שוין דאָס מעבל, ווארט, דאָס פובליקום אף די בענקלעך זאָל זיך אײַנשטילן, הייבט אָן דעם מאָנאָלאָג אירן און טופּעט צו גליקמאנען מיט א פוס: נו, א וואָרט! ניט גוט. כאָטש טו א מאך מיט דער האנט צום פאָרהאנג־ציִער, ער זאָל די שמאטע צוריק אראָפּלאָזן. אן אומגליק, הא? וואָס זשע טוט גליקמאן? ער געפינט ערגעץ בא זיך א קארטל, לייגט עס אוועק אף דער בינע און הייבט אָן פונעם קארטל סופלירן. אָפּגעסופלירט פון א פּאָשעט פּאָסטקארטל די גאנצע פּאָרשטעלונג. די אקטיאָרן האָבן עס אפילע ניט אָנגעהויבן וויסן. מ'איז אין גליקמאנען אזוי געווען פארגלייבט, אזוי זיכער אין אים, ער האָט אזוי פארהיפּנאָטיזירט, אז קיינעם איז גאָר ניט אײַנגעפאלן א קוק צו טאָן, פון וואָס ער שעפּטשעט דאָרט די ווערטער ארויס — פון דער פּיעסע, צי פון גאָרניט, פון א הויל פּאָסטקארטל. אבי סע שווינדלט פאר די אויגן, ווי טאָמיד, דער ווײַסער פלעק דאָרטן אונטן לעבן אים — גענוג, מער האָט מען ניט געדארפט. אז גליקמאנדל האָט נאָך דער פאָרשטעלונג, בעשאס מ'האָט זיך אויסגרימירט, דערציילט, וואָס ס'איז געשען, האָט זיך געטאָן אף טיש און אף בענק. צוויי אקטריסעס זײַנען געפאלן כאלאָשעס. מ'האָט זיי קוים דערמינטערט.

אן עמעסע מײַסע, צי, ווי יעדע לעגענדע, א ביסעלע גוזמעדיק צוגעשפּיצט, ס'וועט אָבער גאָרניט זײַן קיין גוזמע א זאָג צו טאָן, אז א גוטער סופליאָר, אן עמעסער סופליאָר, דארף, ווי אן

אוטאָמאַביל־שאָפער, קאָנען זיצן באַם רעדל פריַ און גרינג, מיט האַנאָע, און אין דער זעלבער צײַט שטענדיק האַלטן אַ ציטעריק אויג אויף יעדן סלופּ באַם וועג, צו יעדער זײַטיקער גאַס, שטענדיק אין זינען האָבן, אַז ס'קאָן עפּעס געשען. אַ גוטער סופליאָר דאַרף זײַן, ווי אַ מין שיפסקאַפּיטאַן. פירן די שיין־באַלויכטענע שיף מיט אַ פעסטער זיכערער האַנט און טראַכטן דערבײַ וועגן די שווים־בײַגל, וואָס עס קאָן אַמאָל אויסקומען אַ וואַרף צו טאָן אין וואַסער אַרײַן. און אַ גוטער סופליאָר דאַרף טאַקע קענען זײַן אַ שטיקל היפּנאָטיזיאָר אויך.

דאַרף קענען זײַן דאָס און דאַרף קענען זײַן יענץ, און — קען אײַנגאַנצן ניט זײַן. הײַנט באַגייט מען זיך שוין, קיין אײַנהאָרע, אָן אַ סופליאָר. כ'ווייס ניט, צי ס'איז נאָך דאָ הײַנט ערגעץ אויף דער וועלט אַ טעאַטער, וווּ עס זיצט באַ די ראַמפּע־לעמפּעלעך אין אַ קאַסטן אַ מענטשל, וואָס קיינער אין זאַל זעט עס ניט, וואַרפט מיטן קאָפּ אַט אין דער רעכטער זײַט, אַט אין דער לינקער זײַט, מאַכט מיט די הענט, טוט אַ צי אויס דעם האַלדז, דאָס הייזעריקלעכע שעפּטשען זײַנס קלינגט אויף מיט אַ פאַרדומפּן ווידערקאָל ערגעץ אונטן באַ דער טיר הינטערן אויילעמס פּלייצעס, און דאָס מענטשל זעט אײַנאַנעמעסן אויס, ווי אַ סוסליק אויפן פעלד וואָלט פון דער נאָרקע אַרויסגעשטעלט דאָס קעפּל, געדרייט דערמיט אַהין און אַהער, געקײַעט מיט די ליפּלעך אַ שטרויעלע צי אַ גרעזעלע.

כ'קאָן ניט זאָגן, אַז איך האָב געהייסן אַ גוטער סופליאָר. די צענדליקער אַקטיאָרן, וועמען כ'האָב פאַר מײַן גאַנצער סופליאָר־צײַט „געגעבן" אַ וואָרט, זיי וואָלטן עס עפּשער געקענט זאָגן. ס'הייסט, ניין. זיי אויך ניט. איינער וואָלט געזאָגט „יאָ", אַ צווייטער — „ניין". ווי באַ אַלצדינג אין דער וועלט.

כ'געדענק עפּעס ניט, כ'זאָל די סופליאָר־אַרבעט מײַנע געוועזן טאָן מיט האַנאָע. גרויסן ברען און גרויסע ליבשאַפט האָב איך עפּעס ניט געפילט אין זיך. איבערלעבעניש — יאָ. האַרעוואַניע, שוויס — אויך, מידקײַט — אַפילו צופיל, די סופליאָר־היצטאַרכעסן — אויסגעפילט ערלעך, גאַנץ פאַכמעניש, מ'האָט זיך צו גאַרניט ניט געקאָנט אַ טשעפּע טאָן. נאָר — אָן לײַדנשאַפט, אָן נעשאָמע און אָן פרייד. כ'האָב זיך אין אַקטיאָרן־אוילעם ניט אַרײַנגעגאָסן, ניט צונויפגעגאָסן זיך מיט אים, געבליבן אַזוי ביזן סאָף עפּעס דרויסנדיק. באַטאָג אויף די רעפּעטיציעס און אָפּדערנאַכט באַ די פאָרשטעלונגען האָב איך זיך אומגעדרייט ניט איך — ניט דער, וואָס איך בין שוין דעמלט געווען. כ'האָב זיך מיט די אַקטיאָרן ניט געראַשט, ניט גאָר געהיימישט, אַפילו הויך ניט צעלאַכט זיך, ווי אַלע האָבן געלאַכט, ווען עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן אַ וויץ. די וויצן האָבן מיר אויסגעזען פלאַכע, פּוסטע לאַך־וויצן.

כ'פלעג טאָמיד אומגיין א פארומערטער, א פאריאָצטער, מייִנסטנס א שווײַגנדיקער. צענדליקער אקטיאָרן, אפילע אזוינע, וואָס האָבן מיך דערנאָך געקענט יאָרנווײַז, האָבן מיך גאָר ווייניק געקענט. אייניקע פלעגן אוואדע טראַכטן: א קאלטער מאלעך, עפעס גאָר א שעמעוודיקער. אנדער מיסטאמע: גרויסהאלטערײַ. וואָס האלט ער זיך אזוי גרויס? די מערהײַט אָבער, מײַן איך: אייסער, א יינגל! דאָס וואָרט „יינגל“ איז צווישן אקטיאָרן געווען גאָרניט קיין געהויבן וואָרט. „ער שפילט טעאטער מיט יינגלעך, ניט מיט אקטיאָרן!“ האָט מען א זאָג געטאָן, ווען מ'האָט עמעצן געוואָלט אראָפּנידערן, אינגאנצן פון אים אוועקמאכן.

ווער זשע איז אין דעם אלעמען געווען שולדיק? איך אליין, פארשטייט זיך. כ'האָב נאָך דעמלט א סאך זאכן ניט גוט פארשטאנען. כ'האָב שוין, ווי מע ווייסט, געטראָגן אין זיך וועלט־פּראָבלעמען, פארטיפט זיך אין דער וועלטס אוולעס, גוט שוין געוווּסט, וויסנשאפטלעך באגרינדעט, פארוואָס רײַכע זײַנען רײַך און אָרעמע — אָרעם, איבער וואָס קומען פאָר מילכאָמעס אף דער וועלט און ווּעמען לוינען די מילכאָמעס, ווער הערשט אף דער וועלט און וועמען די וועלט דארף אינאנעמעסן געהערן. די גרויסע און ווײַטע וועלט איז מיר געווען קלאָר, כ'האָב זי דערגרונטעוועט. און דאָס דאָזיקע קליינע וועלטל, וואָס איז מיר געלעגן בא דער האנט, כ'בין לעבן דעם טאָג בא טאָג, קאָן מען זאָגן, געווען אזוי נאָענט („מיט דער פּיעסע צווישןביידע עלנבויגנס, בא די ראמפּע־לעמפּעלעך — דער סאמע נאָענטסטער“), האָב איך פארשטאנען קאפויר, ניט ווי מ'האָט געדארפט פארשטיין, ניט אזוי, אלקאָלפּאָנעם, ווי איך פארשטיי עס הײַנט. כ'בין שוין געזען א געפּרוּווטער, פארזוכט שוין דעם טאם פון פּײַניקונג, טפיסע, וואָגלעניש און נאווענאד, כ'שמועס שוין ניט פון הונגער. כ'האָב שוין געשריבן און אָנגעהויבן דערנאָך דרוקן דערציילונגען מײַנע. אף מײַן דעמלטיקן אויפן, אָנהייבעריש און גראָב נאָך, פארשטייט זיך, אויסגעשריגן אין זיי צאָרן קעגן באאוולער, מיטגעפיל און ליבשאפט צו באאוולטע און געקריוודעטע. דער גאָר פרי געבוירן געוואָרענער זאָקן אין מיר האָט מיט א פארקנייטשטן שטערן געגריבלט זיך, געליטן און געקרעכצט, אונטערגעזאָגט מיר, סייכלדיק און מעיושעוודיק, וועמען איך דארף מיטנעמען מיט זיך אף מײַן וועג. („ס'איז א הייליק סטעזשקעלע. כ'וועל מיטנעמען מיט זיך די בידנע און שטאָלצע קאפּצאָנים מײַנע. די מומע האָדל און די טאָכטער אירע שיינדל — זאָלן זיי אויך האָבן זייער שטיקל כיילעק אין דער וועלט. דעם קלוגן זיידן זוסיען. דעם טאטן מיט זײַן אייביקן כאָרכלענדיקן זיפץ. דעם צעטראָטענעם יעכיעל שטיוולמאכער. כ'וועל מיטנעמען אף מײַנע פּלייצעס ראשקעוו, אלע געקריוודעטע און פארשטויסענע, וואָס כ'וועל באגעגענען אף מײַן וועג...“) און טאקע, אפּאָנעם, דאָס אייביקע יינגל אין מיר לעבן זאָקן, האָט די דאָזיקע בידנע אקטיאָרן, פאָלקס־טאלאנטן, ניט געקאָנט מאסיג זײַן, פארזען אי דעם טאלאנט זייערן, אי זייער קריוודע. עמעס, אין די „ליטעראַרישע קרײַזן“ איז דעמלט אומגעגאן, ווי א קלאָלע, דאָס וואָרט „שונד“, „באלאגאן“. אין יידישן טעאטער האָט מען טאקע וויל געשונדעוועט, געבאלאגאנעוועט. דאָס יינגל מײַנס האָט, פארשטייט זיך, אויך נאָכגעהאלטן די ליטעראַרישע שעלטער. פארוואָס בין איך ניט בעקויעך געווען א גראָב צו טאָן טיפער? געזען אין באלאגאן נאָר דאָס, וואָס איז געשווּומען פון אויבן, און ניט דערשפּירט אין דער טיף די פאָלקס־וואָרצלען, די פאָלקס־פרייד, ניט דערשאָצט די בונטע יאָמטעוודיקע סטענגעס, וואָס די אקטיאָרן האָבן פון דער בינע אראָפּ, אפילע שונדעווענדיק, געוויקלט ארום דעם וואָכעדיק־פארדײַגעטן פראָסטן אוילעם אונטן. פארוואָס האָב איך ניט פארשטאנען, אז דער מייִנסטער טייל אקטיאָרן, געבוירענע אין די טעאטער־קוליסן, מאמעש, קאָן מען זאָגן, אף די בינע־ברעטער: ארויסגעקומענע פון אָרעמע הינטערגעסלעך; אָן טעאטער־שול, אינגאנצן, מייִנסטנס, אָן שול; וואָנדערנדיקע ציגײַנעריש אף סקריפּענדיקע פורלעך פון שטעטל צו שטעטל; אָפט הונגעריקע; אייביק אָן אן אייגענעם דאך איבערן קאָפּ; אָרעמע און פריילעכע — האָבן, אפילע שונדעווענדיק, אָפּרעטעווענדיק און מעלאָדראמעווענדיק, פונדעסטוועגן, אליין, מעגלעך, ניט וויסנדיק עס, ווײַטער געשפּינט דעם גאָלדענעם פאָדעם פון גאָלדפאדענען, פון די ערשטע בראָדער זינגער, אפילע פון זבארזשערן. דאָס שעלט־וואָרט „שונד“ איז זיי ניט געקומען. פארוואָס האָב איך דאָ ניט פארשטאנען קאפויר: עפּשער שונדעווען גאָר מערער דערמיט אליין יענע, וואָס האָבן דאָס דאָזיקע וואָרט א וואָרף געטאָן אף די בידנע אקטיאָרנס קעפּ? כוץ דעם: עפשער איז גאָר שונד ניט שונד? עפשער איז דאָס גאָר, אין יענער צײַט, אויך געווען אזא פאָלקס־רעאלקײַט, א פאָלקס־עמעס. גיי זוך זיך אָפּ אף דער הייסער מינוט, צי ניט אלצדינג, וואָס בלישטשעט, איז טאקע ניט קיין גאָלד. לידלעך, אשטייגער, ווי „א בריוועלע דער מאמען“ צי „בא מיר ביסטו שיין“, וואָס האָבן אין יענער צײַט אויך געציילט זיך צווישן שונד־לידלעך, זײַנען מיט דער צײַט ארײַן טיף אין פאָלק, געוואָרן עמעסע פאָלקס־ניגונים, מ'האָט זיי געזונגען אין די הײַזער אי בא פרייד, אי בא לייד, מיטגענומען זיי מיט זיך באם גרויסן בראָך אין די געטאָס און אין די לאָגערן, מע זינגט זיי נאָך בא סימכעס הײַנט, זיי רופן נאָך הײַנט ארויס אי אָן עכטע טרער, אי עכטע כעדווע.

נאָר דאָס איז ווידער א באזונדער קאפּיטל.

מאכמעס איך פֿלעג די סופֿליאָר־אַרבעט מײַנע טאָן ניט מער ווי באַלמעלאָכיש־ערלעך און גלאַט, צו גלאַט, מערער צוליבן ביסל פֿאַרדינסט דערבײַ, איידער צוליב קונסט, דערמאָן איך זיך דעריבער ניט, עס זאָל אַמאָל געווען פֿאָרקומען מיט מײַן סופֿלירן עפּעס ניט קיין געוויינלעכס. לעגענדעס אַרום מײַן סופֿליאָר־קאַסטן האָבן זיך ניט געוועבט. כ'וועל נאָך, פֿאַרשטייט זיך, צו דער אַקטיאָרן־וועלט אומקערן זיך; דערצײלנדיק ווײַטער, אַוואַדע נאָך עפּעס וויכטיקס דערמאָנען זיך. דערווײַל קומען מיר אויפֿן זיקאָרן דרײַ געשיכטעס. ניט גאָר ווער ווייסט וועלכע. פֿונדעסטוועגן, אויב זיי האָבן שוין געטאָן אַ שווים אויף, לאָמיך זיי טאַקע דאָ אַרויסלייגן.

ו

די ערשטע געשיכטע.

דעם אַלטן אַקטיאָר איציקל גאָלדנבערג האָט מען גערופֿן „דער נעסטאָר פֿונעם ייִדישן טעאַטער". ער איז טאַקע געווען גאָר אַ פֿאַרצײַטיקער, פֿלעג מען זאָגן, אין גאָלדפֿאַדענס צײַטן. אויסגערײַזט אַ וועלט, צענדליקער שטעט און שטעטלעך, לענדער, יאָרנלאַנג געלעבט אין אַמעריקע, אומגעקערט זיך אויף דער עלטער אַהער, אַהיים, באַזעצט זיך דאָ, שוין אויף שטענדיק, אין אַ שטיבל אין הויף פֿון דער „זשיגניצע" — דער גאָרטן־טעאַטער, וואָס גאָלדפֿאַדן אַליין האָט, אין זײַן צײַט נאָך, דער ערשטער אַוועקגעשטעלט.

אַ גרײַז־גראָוער, ווי אַ טויב, איז דער אַלטער גאָלדנבערג נאָך געווען אַ שיינער, אַ גלײַכער און רירעוודיקער, האָט נאָך פֿאַרמאָגט אַ יונגן אָנבליק, פֿלעגט זיך נאָך פֿאַרמעסטן אָפּצושפּילן אין אַ פּיעסע אַ „ליבהאַבער". אויף די רעפּעטיציעס פֿלעג ער טאָמיד קומען אָנגעטאָן אין אַ פֿריש־אויס־געפּרעסטן קאָסטיום, אַ ביסל טאַקע אָן אַלטמאָדישן, מער ווי אַ ביסל — אָן אָפּגעריבענעם, נאָר מיט אַ שפּיץ פֿון אַ טיכעלע אויבן אין קעשענקעלע, מיט האַרטע מאַנזשעטן פֿון די אַרבל אַרויס. אויף די פּיס — טאָמיד גלאַנצנדיקע שיך, דאַכט זיך, אַפֿילע לאַקענע. (אַקטיאָרן פֿלעגן זאָגן: „אַז מע טראָגט שוין אינדערוואָכן די לאַקירטאָוועגע שיך, איז דאָס שוין גאָר אַ גוטער סימען פֿון דאַלעס...").

אין די רייד פֿלעגט גאָלדנבערג ליב האָבן אַרײַנצוּוואַרפֿן אַמאָל אַן ענגליש וואָרט, ווי אין די אַמעריקאַנער פּיעסעס: „יעס", „וועל". פֿלעג ליב האָבן אַן עפּן טאָן דאָס דעקל פֿון דער פּיאַנע און מיט אַלע צען פֿינגער אַ פֿיר טאָן איבער די ווײַסע און שוואַרצע קלאַווישן, דערמאָנען, אַז כאָטש ענגליש, קען ער נאָך שפּילן פּיאַנע אויך. און ער האָט בעפּירעש געקענט. געלייענט פֿרײַ נאָטן, אויסגעפּײַפֿט מיט די ליפּן גלײַך פֿון דער פּאַרטיטור אַרויס. אָפּט געשפּאַרט זיך מיטן דיריזשאָר איבער אַ טאַקט, צי איבער אַ טאָן, און טאָמיד אַרויס דער גערעכטער. נאָר מערער פֿון אַלצדינג פֿלעג ער קענען דערציילן טעאַטער־מײַסעס. און דערציילן פֿלעג ער זיי מיר, דעם סופֿליאָר. פּאָרט אַן אײדל ייִנגל, וואָס טויג זיך אויס אין די קליינע אויסיעלעך. ער פֿלעג מיר אָפּט אַ זאָג טאָן: „אַ סופֿליאָר אין טעאַטער דאַרף ניט נאָר „געבן" אַ וואָרט, ער דאַרף אויך „נעמען" אַ וואָרט". און פֿאַר אַ רעפּעטיציע, צי נאָך אַ רעפּעטיציע, צי אין די האַפּסאָקעס באַ די רעפּעטיציעס, פֿלעגט ער מיך אַ כאַפּ טאָן אין אַ זײַט און אָנהייבן מיר דערציילן. אָן אַ שיר מײַסעס. פֿאַלן, פּאַסירונגען, אַנעקדאָטן, קאַלאַמבורן, כויזעקלעך, לירעקעס, אַזאַ אַקטיאָר און אַזאַ אַקטיאָר, אין דעם שטעטל און אין יענעם שטעטל, דאָ אינדערהיים און ערגעץ ווײַט אין דער פֿרעמד, מיט יאָרן צוריק און גאָר ניט לאַנג — צענדליקער און צענדליקער מײַסעס און מײַסעלעך. פֿאַרוואָס האָב איך אין גאָלדנבערגס דערציילן ניט געפֿילט דעמלט דעם טאַם, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט פֿילן? ס'קומט מיך גוט אָנצושמײַסן — קיין איין מײַסע זײַנע געדענק איך ניט. פֿאַרוואָס האָב איך זיי באַלד נאָך די רעפּעטיציעס ניט פֿאַרשריבן, כאָטש פֿאַרצייכנט? כ'וואָלט דאָך הײַנט געהאַט אַן אוצער. „איציקל גאָלדנבערגס טעאַטער־מײַסעס" וואָלטן שוין, מעגלעך, פֿון לאַנג געווען אויסגעשליפֿן, אויסגעלײַטערט און אָפּגעדרוקט. גיי, פֿאַרפֿאַלן! אַוועק פֿון דער וועלט אינײינעם מיט גאָלדנבערגן אַ פֿולע טאָרבע פֿאָלקסשאַפֿונג. כ'קאָן עס מיר ביז הײַנט ניט מויכל זײַן.

די צווייטע געשיכטע.

מישע פּישזאָן איז, ווי באַוווּסט, געווען אַן אַקטיאָר מיט אַ נאָמען אויף דער וועלט. אַווראָם פּישזאָנס אַ זון, גאָר יונג אַוועק קיין אַמעריקע, דאָרטן טאַקע „זיך אַרופֿגעאַרבעט", מיט דער צײַט געוואָרן — אויף די אַפֿישן — „דער גרויסער און וועלט־באַרימטער מישע פּישזאָן". אין יענעם ערשטן ווינטער מײַנעם אין טעאַטער האָב איך אַ האַלבן סעזאָן געזען מישע פּישזאָנען גאָר פֿונדערנאָענט, סײַ באַטאָג אויף די „פּראָבן", סײַ אָפּדערנאַכט באַ די פֿאָרשטעלונגען. פּישזאָן האָט דעמלט געבראַכט פֿון אַמעריקע צוויי האַרצרײַסנדיקע מעלאָדראַמעס, צוויי „שמאַטעס", ווי שאָלעם ברין האָט געזאָגט

(אײַ, וואָס דער אוילעם אין זאַל האָט דערארבעט בא די דאָזיקע שמאַטעס!). אין בײדע פּיעסעס זײַנע האָט פּישזאָן געשפּילט גראָבע־יונגען, אַמעריקאַנער אופגעקומענע אַלרײַטניקעס.

א הויכער, העכער פון אַלע אַקטיאָרן אין דער טרופּע, מיט א ברײט אַנגעגוידערט פּאָנעם, מיט בלישטשענדיקע רינגען אף בײדע הענט, מיט א שמײכעלע אף די ליפּן, מיט גאָר אן אופגעהויבענעם קאָפּ (די אַקטיאָרן האָבן געדאַרפט קוקן צו אים ארוף), איז פּישזאָן פונדעסטוועגן געווען זײער א צוגעלאָזטער, אָפט געשטאַנען מיט א רעדל אַקטיאָרן און גלאַט געפּלאַפּלט, אף די רעפּעטיציעס יעדן געוויזן, וואָס ער האָט צו טאָן, אָן קאַס, מיטן הוילן שמײכעלע זײַנעם, איז היימיש געווען אפילע מיט די בינע־„מאַשיניסטן", אפילע מיטן קלײנינקן און אײַנגעדאַרטן יאַקאָביקען — דעם אײביקן רעקוויזיטאָר אין יידישן טעאַטער. און איז טאַקע געווען זײער א גוטער אַקטיאָר. האָט געקאָנט טאָן מיטן אוילעם, וואָס ער האָט געוואָלט. געקענט ארויסקריגן אַלע זיפצן, וואָס זײַנען דעם אוילעם געלעגן פאַרשטײנערט אפן הארצן, אַלע טרערן, וואָס זײַנען געשטאַנען טיף אין האַלדז, געקענט באַלד נאָך די טרערן ארויסרופן אזוינע געלעכטערס, דער זאַל זאָל דונערן.

אײדער די פאַרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן, פלעג איך אף דער אויסגעשטעלטער בינע אומשפאַנען אהין און צוריק א פאַרטראַכטער, מיט דער פּיעסע אונטערן אָרעם. מיטאַמאָל פלעג איך דערפילן הינטער זיך פּישזאָנען. כ'האָב פריִער געזאָגט, אז פאַר א גוטן אַקטיאָר איז דער סופליאָר געווען, ווי א פינפטע ראָד צום וואָגן. בא פּישזאָנען — גראָדע פאַרקערט. א פאַרטיק אָנגעשמינקטער און אָנגעטאָנענער, פאַר יעדן אין דער טרופּע, פלעג ער ארופקומען אף דער בינע, א פּיר טאָן די אויגן, צי אַלץ איז אפן פלאַץ, איבערשטעלן א בענקל, אויסגלײַכן דעם טישטעך אפן טיש, כאַפּן א קוק דורכן לעכל אין פאָרהאַנג, וואָס עס הערט זיך אונטן, און פלעגט דערנאָך עפּעס גאָר שטיל און אפילע בעטנדיק מיר א זאָג טאָן:

— יונגערמאַן, האָט אין זינען. די ראַדיקאַלע ווערטער, ביפּראַט א האַרב לאַשנקוידעשדיק וואָרט — העכער א ביסל, מיט אַן אָפן מויל. קלאָרער. איר פאַרשטײט? איר זעט דאָך, ווען איך שפּיל. אז איך גײ ארײַן אין דער ראָל, ווער איך אינגאַנצן ער, דער גוטער אַמאָרעץ... העכער א ביסל, בעט איך אײַך, שאַרפער. שעמט זיך ניט.

אַקטיאָרן פלעגן זאָגן, אז מישע פּישזאָן איז שטומפּיקלעך אף דער איוורע. ווען ער שרײַבט עמעצן אָן א קאַרטל, שרײַבט ער עס מיט אזעלכע גרויסע אויסיִעס, אז באַלד נאָכן „ליבער פרײַנט אזוינער און אזוינער, כ'בין געזונט און שטאַרק, דאָס זעלבע פון אײַך צו הערן" ענדיקט זיך דאָס קאַרטל. אַקטיאָרן, לײַצים, ווײסן מיר וויל, האָבן ליב צו שפּעטן, כויזעקדיקס זען אין יענעם, ניט אין זיך. ביפּראַט, אז יענער איז געווען גרעסער, א גרויסער. נאָר פאַרוואָס פלעג איך, בא מײַן גאַנצער פאַרומערטקײַט און ערנסטקײַט, דעמלט, באַגעגענענדיק זיך, פונעם קאַסטן, מיט פּישזאָנס גרויסע אין בלאָווע בעטנדיקע אויגן, אויך ערגעץ אין זיך א שמײכל טאָן? כ'קאָן נאָך הײַנט ניט אָפּגעבן זיך קײן גוטן כעזשבן: עפּשער איז טאַקע געווען אזוי, ווי ער, פּישזאָן, האָט געזאָגט — דער אַקטיאָר איז אזוי ווײַט ארײַן אין זײַן ראָל, אז ער האָט אזש אופגעהערט קענען נאָכזאָגן א „ראַדיקאַל" וואָרט, ווי יענער, דער אַמאָרעץ, וועמען ער האָט געשפּילט, האָט ניט געקענט. צי האָט גאָר אין דעם ווידער געשטעקט א שטיק יידיש־טעאַטער־גוירל — אַמעריקע, אופגעקומענקײַט, גלאַנץ, בלישטשענדיקע רינגען אף די פינגער, „דער וועלט־באַרימטער" און... „ראַדיקאַלע ווערטער — מיט אַן אָפן מויל, קלאָרער, העכער א ביסל, בעט איך אײַך!"

די דריטע געשיכטע.

כ'האָב סופלירט בא לידע פּאָטאָצקאַיאַ. אַן אַקטריסע גאָר ניט קײן שלעכטע. א פרוי — א שײנע, א ליבהאַרציקע, זײער א ווילע. יונגערהײט, מײדלווײַז, האָט זי געשפּילט טעאַטער אין פּעטערבורג. דאַכט זיך, אפילע אין „פּעטערבורגסקי אַלעקסאַנדריִיסקי אימפּעראַטאָרסקי טעאַטער". נאָך דער רעוואָליוציע האָט זי זיך עטלעכע יאָר אומגעבלאָנקעט אין רומעניע. אף רוסיש ניט געהאַט ווו צו שפּילן, צי מ'האָט זי אף רוסיש ניט געלאָזט אין רומעניע שפּילן — זי איז פּאַוואָלינקע, באַלקאָרכע, מעגלעך, איבערגעגאַן שפּילן יידיש טעאַטער.

דעם גרעסטן דערפאָלג, געדענק איך, פלעג זי האָבן אין דער קרוין־ראָל אירער בא דער פּיעסע אָסיענדיקע פידלען" (זי האָט די פּיעסע טאַקע מיטגעבראַכט מיט זיך פון פּעטערבורג). אף דער בינע האָבן אירע אויגן אויסגעדריקט דעם גאַנצן אומעט און די גאַנצע בענקשאַפט, וואָס זי האָט געטראָגן אין זיך ניט נאָר בא דער פּיעסע און ניט נאָר שפּילנדיק אָדער רעפּעטירנדיק אַנדערע פּיעסעס, נאָר — טאָמיד, אומעטום, באַם פענצטער אין האָטעל־צימער, ווו זי האָט געוווינט, צי שפּאַצירנדיק אף דער גאַס, ווו מע פלעג זי באַגעגענען מיט די בלאָנדע צעפּ אירע, פאַרבײגלט הויך ארום קאָפּ, און מיט א סויבל־פוטערל ארום האַלדז, דאָס פּענעמל דעם סויבלס — פאָרנט, העכערן האַרצן, דאָס עקעלע — פאַרוואָרפן הינטן אפן רוקן.

ס'איז דעמלט געגאַנגען סאָמערסעט מאָעמס דראַמע „דער הײליקער פלאַם". די פּאָטאָצקאַיאַ האָט אין דער פּיעסע געשפּילט די מוטער. דער עלטערער זון אירער, א פליִער, איז פון אַן אוויאַ־

קאַטאַסטראָפע אַרויס אַ לעבעדיקער, נאָר אַ האַלב־פּאַראַליזירטער, אַ קאַליקע, מער ניט קיין מאַנצבל. אין ערשטן אַקט פירט מען אים אויף עטלעכע מינוט אַרויס אויף דער בינע אין אַ וועגעלע — ער זיצט אין וועגעלע מיט אַ פאַרגליווערט־אויסגעבלייכט פּנים, פון פּנים האַלדז ביז אונטן אַראָפּ איבער די פיס איבערגעדעקט מיט אַ דעק. די מוטער פילט, שפירט נאָך און ווייסט שוין, אַז צווישן יינגערן זון אירן און דער שנור, דעם אומגליקלעכן עלטערן זונס ווייב, קומט עפּעס פאָר ניט קיין ריינס. זיי לויפן ביידע אָן פון דער גאַס פאַרפלאַמטע, דערהיצטע, און די מוטער זעט, אַז די שנור אירע איז שוין אַפילו פאַרגאַנגען אין טראָגן (אַ ביסעלע פרימיטיוולעך: דער שנור ווערט עפּעס פּלוצעם שלעכט, עס קרעקט זי צום ברעכן). דעם אַנדערן גאַנצפרי טרעפט מען דעם עלטערן זון אין בעט אַ טויטן, אַן אָפּגעסאַמטן.

אין צווייטן אַקט און אין דריטן אַקט קומען אויף דער בינע פאָר אויספאָרשונגען: האָט דער פליער אַליין זיך געסאַמט, צי עמעצער האָט אים אָפּגעסאַמט? קאַלערליי פאַרדאַכטן, קאַליזיעס, דיאַלאָגן און סיכסוכים צווישן אויספאָרשער און הויז־דאָקטער, צווישן זיי ביידן און אַן אַלטן מיליטערמאַן, אַ שטענדיקער אַריינגייער אין שטוב. אין דער סאַמע מיט פון די אויספאָרשונגען געפינען זיך, פאַרשטייט זיך, דעם פליערס יונג ווייב און דער יינגערער ברודער זיינער. באַם סאָף פון דעם דריטן אַקט זיינען שוין דאָ אַלע באַוויזן, אַז זיי ביידע האָבן דעם מאַן און דעם ברודער פאַרסאַמט. די מוטער דרייט זיך אין ביידע אַקטן אום אויף דער בינע און שווייגט. שפּילט נאָר מיט די אויגן, מיט די פינגער פון אירע הענט, מיט יעדן ריר און קער אירן. אין פערטן אַקט (דעמלט פלעגט מען נאָך שפּילן פּיעסעס אין פיר אַקטן) הייבט די מוטער אָן רעדן. דער גאַנצער אַקט איז איין ווידע־מאָנאָלאָג אירער. זי דערציילט לאַנג און פּראָטימדיק, וויאַזוי דער היילעקער פלאַם אין איר פון אַ מוטער האָט געמאָנט, זי זאָל דעם ליידנדיקן זון באַפרייען פון דער גרויסער פּיין, וואָס איז אים ערשט איצט פאַרגעשטאַנען. און זי האָט אים באַפרייט. אויפן אָרט פון די געוויינלעכע שלאָף־פּילן איינגעגעבן אים סאַם־פּילן.

די פּאָטאַצקאַיאַ פלעגט, פאַרשטייט זיך, דעם גאַנצן מאָנאָלאָג אָפּשפּילן אָן מיר. די פּיעסע איז ניט געווען קיין נייע. זי האָט זי געשפּילט צענדליקער מאָל און דעם מאָנאָלאָג וואָרט בײַ וואָרט געקענט אויסווייניק אַפילו מיטסאַמע אין שלאָף. דעם גאַנצן פערטן אַקט פלעג איך זיצן אין קאַסטן און טראַכטן זיך מיינס, אַפילו די בלעטלעך ניט איבערמישן. פּאָטאַצקעס שפּילן האָב איך שוין אויך ניט איין מאָל געזען און פלעג שוין אויף דער בינע רעכט ניט אַ קוק טאָן. פּלוצעם, אין איינעם אַן אָפּדערנאַכט, דערפיל איך אַרום זיך אַ שטילקייט. איין רגע. אַ צווייטע רגע. עפּעס צו אַ לאַנגע שפּיל־פּויזע. איך טו אַ הייב דעם קאָפּ און דערזע פּאָטאַצקען שטיין אַ פאַרהילצערטע, מיט צעעפנטע אויגן. די אַקטיאָרן אַרום איר אויף די בענקלעך — אָפּגעטייטע. דער הויז־דאָקטער, גראָדע נאָענט צום קאַסטן מיינעם, שאַרט מיט די פיס, ברומקעט צו מיר: „אַ וואָרט. גיט אַ וואָרט!" ווו האָט זיך פּאָטאַצקאַיאַ אָפּגעשטעלט? איך הייב אָן מישן די בלעטלעך אַהין און צוריק. נאָך אַ רגע. ווער ווייסט ניט, וואָס עס באַטייט, בײַ אַן אָפענעם פאָרהאַנג, פּלוצעם אַזאַ לאַנגע האַפּסאָקע! ס'האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, מע זאָל דעם פאָרהאַנג אַראָפּלאָזן, ווען איך טו ניט אַ שעפּטשע די ערשטע שורע, וואָס איז מיר גלאַט געקומען צום אויג. און די דאָזיקע פאָר דערהערטע ווערטער האָבן דער פּאָטאַצקאַיאַ אַלץ דערמאָנט. און די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט בעשאָלעם, אָן אַ קאַטאַסטראָפע.

ווען איך בין דערנאָך אַרויף אין די קוליסן, זיינען מיך די אַקטיאָרן באַפאַלן מיט די אויסגעטאָנענע פאַריקלעך אין די הענט, מיט פּעט־אָנגעשמירטע פּנעמער, און מיך געוואָלט דורעס זיין. פּאָטאַצקאַיאַ האָט מיך אַ רוף געטאָן צו זיך, אַ גלעט געטאָן מיר די האָר אויפן קאָפּ און מיר אַ זאָג געטאָן:

— שאַט ניט, גאָלובטשיק. נישקאָשע!.. איך האָב זיך אינמיטנדרינען געמעגט פאַרטראַכטן, און איר — ניט? טראַכטן איז, דאַנקען גאָט, דאָ וואָס...

און זי האָט מיך אַרומגענומען און מיך אַ קוש געטאָן. אַ קוש — דאַפקע ניט גאָר קיין פויגלדיקן סופליאָר.

ז

בערל סעגאַל האָט מיך טאַקע גוט אָפּגעכוימלט. מערער נאָך, ווי ברין האָט נעוויעס געזאָגט. גיזי היידן האָט גראָדע אויסגענומען באַם עולם. מ'האָט ניט געשפּילט אַלע זיבן טעג אין דער וואָך, נאָר פיר טעג און אַמאָל אַפילו פינף טעג — וואָך בײַ וואָך.

נאָך דער פאָרשטעלונג פלעג איך בערל סעגאַלן קוים קענען כאַפּן. אָנעם רעקל, מיטן שוואַרצן באַנטיקל באַם האַלדז אויפן הוילן אָנגעשטייפטן „הערצל", האָט ער אומגעיאָגט, ווי אַ וויכער. אָט האָט ער זיך געכעזשבענט מיטן קאַסירער, אָט אויסגעטיינעט זיך מיט די אָרקעסטראַנטן, אָנגעשריגן

אַף אַ בינע־אַרבעטער, אַט האָב איך אים געזען און אַט איז ער ווידער נישטאָ. אַז כ׳האָב אים סאָפקאָלסאָף ערגעץ געפּאַקט איינעם אַליין, איז ער שוין געווען גוט בייז, אַזש הייזעריק פֿאַר בייזקייט, אויסגעגאָסן אַף מיר די גאַנצע באָד:

— וואָס לויפֿט איר מיר נאָך, ווי אַ לאָשעק אַ שקאַפּע? וואָסי, איר אויך? אײַך קומט אויך עפּעס אַרויס? איר האָטער געזען, וויפֿל בענקלעך עס זײַנען געשטאַנען ליידיק. צי איר זענט נאָך אינגאַנצן ניט קיין זעענדיקער, די אייגלעך האָבן זיך אײַך נאָך ניט אויפגעעפּנט. באַ אַזעלכע „אײַנאַמעס״ וועל איך בלײַבן אָן הויזן...

און ער האָט ביידע הענט אַרײַנגעשטעקט טאַקע אין ביידע הויזן־קעשענעס, די ליידיקע איבערגעקערטע קעשענעס אַרויסגעשלעפּט מיט קאַס אין דרויסן אַרויס, און טרעסענדיק מיט זיי אין ביידע זײַטן, געפּינעט:

— נאַט, נעמט מיך אַלע אָן באַם גאָרגל און קוילעט מיך. אָט דאָס־אָ איז מיר הײַנט איבערגעבליבן פֿונעם גאַנצן ראַש. וואָסי, ווו שטייט געשריבן, אַז מע דאַרף געבן „באַש״[1] אַלע טאָג? איין מאָל אין דער וואָך טויג ניט? זונטיק, זונטיק, אַז גאָט וועט וועלן, וועל איך אײַך אויסצאָלן גאַזשע פֿאַר אַ גאַנצער וואָך. כ׳האָב נאָך דערווײַל קיינעם ניט אָנגעזועצט. בערל סעגאַל הייסט נאָך דערווײַל בערל סעגאַל.

מיילע. זאָל זײַן זונטיק. זונטיק, נאָך אַ „פֿולגעפּאַקטן״ זאַל, איז טאַקע בערל סעגאַל געוואָרן פֿרייליכער. ער האָט מיך נאָר דערזען שטיין באַם פֿענצטערל, האָט ער מיך באַלד אַרײַנגערופֿן אין קאַסע־שטיבל און אָנגעהויבן אויסציילן מיר צענערלעך. געציילט און געציילט, אַלעמאָל אָנגעשפּיגן זיך אין די שפּיץ פֿינגער, אַלעמאָל אָנגעהויבן פֿונעם אָנהייב, ווידער געציילט, אָפּגעשטעלט זיך פּלוצעם, צענומען ביידע הענט אין דער ברייט און אַ מאַך געטאָן:

— כ׳פֿאַרשטיי ניט. וואָס קומט דאָ פֿאַר? אַ סופֿליאָר — גאַנצע פֿופֿציק צענערלעך? ס׳קאָן ניט זײַן. ווו זשע איז יושער אַף דער וועלט? די הײַדן אַליין גייט ניט אַהיים מיט אַזויפֿיל באַש. ניין, ס׳איז אָן אומרעכט, אָן אומרעכט. מע קאָן דאָך אַזוי בעדיל־האַדאַל ווערן. — און ער האָט מיר, מעכילע, דערלאַנגט פֿאַר אַלע פֿינף טעג, פֿאַר דער גאַנצער וואָך, גאָר אַ דין פּעקעלע: צוויי הונדערט ליי, צוואַנציק צענערלעך.

און איך האָב זיך געלאָזט. וואָס דען זאָל איך געווען טאָן — אויפהייבן אַ געשריי, אַ גוואַלד? כ׳פֿלעג אַלע זונטיק אַרויסגיין פֿונעם טעאַטער מיט דער האַנט אַפֿן דינעם פּעקעלע אין קעשענע, און ס׳איז מיר אין דער האַנט דאַפּקע געווען וואַרעם. צוויי פֿאַרדינטע הונדערטער גייען אויך ניט צופֿוס. צוואַנציק קנאַקנדיקע צענערלעך זײַנען אויך ניט קיין קליין פֿאַרמעגן. עמעס, אַ שטיקל פֿאַלטאָכל אַפֿן ווינטער האָב איך זיך ניט אָפּגעשפּאָרט. געמוזט איבערווינטערן אין אָפּגעריבענעם ענג געוואַרענעם און קורץ געוואַרענעם ראַשקעווער בעגעדל. דעם טאַטן אַהיים האָב איך אויך מיט גאָרנישט ניט אויפגעריכט — כוץ אַמאָל־אַמאָל מיט אַ בריוול. אי דאָס פֿלעג איך דאָס בריוול אונטערשרײַבן פֿאַרשטעלט. ניט „פֿון מיר דײַן זון״, נאָר ווי עפּעס אַן אַנדערער, אַ פֿרעמדער — „פֿון אים דעם פּאַטערס זון״. אויב דאָס בריוול וועט, כאָלילע, אַרײַנפֿאַלן אין שלעכטע הענט, זאָל מען ניט דערגיין דעם סאָד ווו איך בין. צוריק האָב איך אָנגעוויזן דעם אַדרעס פֿון דער סטודענטן־היים, נאָר ניט אַף מײַן נאָמען — אַף אַ נאָמען פֿון דער האַפּטוירע. דער ענטפֿער דעם טאַטנס וועט ליגן אין קעסטל צווישן די בריוו, וואָס אַלע סטודענטן באַקומען, און נאָר איך איינער וועל וויסן, אַז דער אויסגעטראַכטער נאָמען אַפֿן טאַטנס קאָנווערט איז מײַנער. אײַ, דעם טאַטנס ענטפֿערס אין יענער צײַט! ער מיר פֿלעגט שרײַבן נאָך פֿאַרשטעלטער. כ׳פֿלעג אַפֿילע רעכט ניט פֿאַרשטיין, וואָס ער מיינט. אונטערכאַסמענען פֿלעג ער זיך: „מימעני דער באַשעפֿער״. מאַמעש געוואָרן מיטאַמאָל אַליין דער באַשעפֿער. דער אָרעמער טאַטע מײַנער.

געהונגערט האָב איך שוין אָבער ניט. מיט דער מוירע — פּאַוואָלינקע אויך צוגעווינט זיך. כ׳האָב זיך געדונגען אַ בעטל, ערגעץ אין אַנדערן עק דודעשט, באַ אַ באַלעבאָסטע מיט אַ פֿול מויל גאָלדענע ציין, דאַכט זיך, אַ ציגײַנערטע — זי איז שוין מערער געווען ווײַס איידער שוואַרץ. דירעגעלט האָב איך איר באַצאָלט פֿאַר פֿופֿצן טעג פֿריִער. אין אַ שטיבל אירס אַפֿן הויף האָט איין אײַזערן אייוועלע אָנגעוואַרעמט צוויי ליידיקע צימערלעך, ווו עס זײַנען געשטאַנען נאָר אַכט בעטלעך און איבער זיי אַף די ווענט — שורעס צוועקעס, באַהאַנגענע מיט הויזן, העמדלעך, רעקלעך, היטלען אוקעדוימע. מיט די איבעריקע זיבן קוואַרטיראַנטן האָב איך זיך אין די צוויי וואָכן אַפֿילע ניט באַקענט — גוט באַקענט זיך נאָר מיטן כראָפּען זייערן, יעדער באַזונדער האָט זיך געהאַט זײַן אייגן כראָפּעניש. פֿאַרטאָג, ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, זײַנען שוין אַלע בעטלעך געווען פּוסט. און באַנאַכט, נאָכן טעאַטער מײַנעם, זײַנען שוין אַלע קוואַרטיראַנטן געלעגן אין די בעטלעך מיט די קאָל־

---

[1] באַש — געלט (קלעמזער־לאָשן).

דרעס איבער די קעפּ. נאָך די פֿופֿצן טעג האָט די באַלעבאָסטע אָפּאַנעם זיך דערמאָנט, אַז עפּעס בין איך איר ניט געפֿעלן, עפּעס זע איך איר אויס ניט דאָס. און זי האָט מיר אַ זאָג געטאָן, אַז פֿון דער פּאָליציי־טשירקומסקריפּציע האָט מען איר באַפֿוילן, זי זאָל אַהין ברענגען אַלע קוואַרטיראַנטנס דאָקומענטן, בעט זי מיך, הייסט עס, כ'זאָל איר אויך געבן מײַן דאָקומענט. „נו, פֿאַרשטייט זיך. מאָרגן וועל איך איר אים אײַך געבן". — „וואָס זשע עפּעס מאָרגן? פֿאַרוואָס ניט הײַנט, באַלד?" — האָבן אַ בלישטשע געטאָן אירע גאָלדענע ציין, אין די ציגײַנערישע אויגן אירע. און טאַקע ניט מאָרגן, טאַקע שוין הײַנט האָב איך ווידער אָנגעהויבן נעכטיקן אין דער סטודענטן־היים. בוזיעלע גרינבערג האָט מיך באַרויִקט: אין די ווינטער־נעכט קומען פֿאַר אָבלאַוועס גאָר־גאָר זעלטן, אַמאָל — אינגאַנצן ניט. כוץ דעם: אויב כ'וועל אַרײַנגיין און פֿאַרן שלאָפֿן באַצאָלן, וועט די קוויטאַנציע אײַנעם מיטן סטודענטן־בילעט זײַן די בעסטע שוץ מײַנע. קיינער וועט מיך ניט טשעפּען. כ'וועל קאָנען וווינען דאָ אַ גאַנצן ווינטער. עסן, אַבי כ'וועל נאָר באַצאָלן, קאָן איך אויך דאָ אונטן, אין דער גאַרקיך, גלײַך מיט אַלע סטודענטן. גלײַך מיט אַלע סטודענטן פֿלעג איך אין די נעכט, נאָך די ספּעקטאַקלען, אָפּטזיצן אין לײענזאַל בײַ אַ לערן־טישל. איייניקע מאָל איבערגעשריבן ראָלן, פּיעסעס; מערער מאָל — געשריבן זיך מײַנס. די סטודענטן זיצן און לערנען. זיך אַליין. איך זיץ, הייסט עס, און לערן סײַכל די וועלט. גוט, וואָס גוט הייסט. ביז איינמאָל אין אַ טאָג האָט מיר איינער אַ סטודענט, גרישע קאָגאַן, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ נערוועזן מאַך מיטן קאָפּ, פּלוצעם אַ זאָג געטאָן בעסאַד, אַז מ'האָט דאָ געזען דעם טשערנאָוויצער סיגוראַנצע־קאָמיסאַר ראָטענבערגן, ער זוכט דאָ אויסבאַהאַלטענע טשערנאָוויצער... מער האָט מען ניט געדאַרפֿט. כ'בין דעמלט נאָכן טעאַטער אַ גאַנצע נאַכט איבערגעזעסן אין אַזאַ קאַפֿע־הויז אויף וואַקאַרעשט, ווו דער אוילעם האָט ביז פֿאַרטאָג געשפּילט אין לאָטאָ. אויף אַ גרויסן אויסגעקעסטלטן טאָוול אַנטקעגן די טישלעך באַווײַזן זיך אַלעמאָל באַליכטענע ציפֿערן. פֿאַר דרײַ לײַ באַקומסטו אין קאַסע לאָטאָ־קאַרטלעך, הילצערנע לאָטאָ־רעדעלעך, זעצסט זיך אַנידער בײַ אַ טישל, צעלייגסט די קאַרטלעך, שטעלסט דאָרטן אַלעמאָל אַוועק אַ רעדעלע אויף די זעלבע ציפֿערן, וואָס באַווײַזן זיך אויפֿן טאָוול, און ווען עס פֿילט זיך אויס אַ גאַנצע שורע ציפֿערן אויף אַ קאַרטל, הייבסטו אויף אַ האַנט — געוווּנען! באַצאָלט האָסטו דרײַ לײַ, געווינען געווינסטו איין לײַ. קאָנסט אָבער אַזוי זיצן ביז פֿאַרטאָג און געווינען צוואַנציק מאָל, הונדערט מאָל — ווער לאָזט דיך ניט פֿאַר דרײַ לײַ אין איין נאַכט ניסאַשער ווערן? כ'בין געזעסן און מערער געדרעמלט איבער די קאַרטלעך, איידער געשפּילט. כ'האָב בעמיילע געוווּסט, וואָס פֿאַר אַ גרויסער געווינער איך בין. אין דרויסן איז נאָר ליכטיק געוואָרן, בין איך באַלד אַרויס אויף דער גאַס, געדרייט זיך אַהין, אַהער, מ'האָט די גאַסן באַשפּריצט, געקערט, ס'האָט זיך אָנגעהויבן הערן, ווי מע רוקט שוין אַרויף די שטאָרעס בײַ די קלייטן, כ'האָב זיך פֿאַוואָלינקע אַרײַנגעדרייט אין סטודענטן־הויף. ניט אַראָפּגעלאָזט זיך אונטן אין גאַרקיך אויסטרינקען אַ גלאָז טיי — ניט אײַנגעשטעלט זיך. מיטאַמאָל שטייט לעבן מיר גרישע קאָגאַן און לאַכט. אַ מאַך מיטן קאָפּ און אַ לאַך, אַ לאַך און אַ מאַך מיטן קאָפּ: „האָסט זיך איבערגעשראָקן, האַ? כ'האָב געמאַכט אַ שפּאַס. מע טאָר ניט זײַן קיין איבערגעשראָקענער!" אַ שיינער שפּאַס. דאַפֿקע געווען אַ בעסאַראַבער, גרישע קאָגאַן. כ'האָב דערנאָך ביז העט־העט ניט געקאָנט קוקן אין זײַן זײַט. אַ גרויסער כאָכעם געווען, גרישע קאָגאַן. מײַנע רייד זאָלן אים ניט זײַן שווער.

דער ווינטער האָט זיך פֿאַוואָלינקע געריקט. ס'איז געווען, ווי כ'האָב שוין דערציילט, פֿרייד אויך. כ'האָב שוין געהאַט אַ פּאָר שטיבער, וווּהין איך פֿלעג אַרײַנקומען. אַמאָל עפּעס מײַנס איבער־לייענען, אויסהערן שוואָכים, אָוועקמאַכעניש, אַמפּערן זיך. כ'האָב שוין דערפֿילט אַרום זיך פֿרײַנט, און, פֿאַרשטייט זיך, ווי דער שטייגער איז — ניט־פֿרײַנט. צווישן די סטודענטן אויבן אין צימער האָב איך זיך מערער געכאַווערט מיטן יונגן מאָלער, מיט האַריִ האָפֿמאַנען (ער האָט שפּעטער די מאָלע־רײַען זײַנע אונטערגעשריבן „דאַרו". פֿונעם וואָרט „דאַר" — בענקשאַפֿט). כוץ מאָלן, פֿלעג ער שרײַבן לידער. נאָר עפּעס גאָר שווערע, פֿאַרפּלאָנטערטע, מיט גאָר לאַנגע שורעס. הוילע ווײַזיִעס. זעונגען איבער זעונגען, און אַלץ פֿאַרהוילן, פֿאַרטונקלט — געזען האָט מען גאָרניט. אים זײַנען מײַנע לידער אויך ניט געפֿעלן. מיר האָבן אָבער געקאָנט אָפּזיצן ביידע שאָענווײַז און שמועסן. אַ קריגן זיך איינער מיטן אַנדערן, אַ אייניעם אַ טרוים טאָן, אַ פֿלי טאָן. און דער איקער — ער האָט מיך, קאָן מען זאָגן, צונויפֿגעפֿירט מיט אַלגען. ער האָט עס אַפֿילע אַליין ניט געוווּסט.

צוקאָפּנס אונטער האָפֿמאַנס מאַטראַץ האָט זיך אַ גאַנצן ווינטער געוואַלגערט, אײַנגעקאָרטשעט און צונויפֿגעפּלאָנטערט, שיר ניט ווי די לידער זײַנע, זײַנער אַ העלער קאָסטיום. העל — און קורצ, דאָס רעקל — באַם קאַלנער פֿאַרשמאַלצעוועט, די הויזן — פֿאַרשפּריצט מיט פֿאַרב, נאָר אַ גאַנץ נישקאָשעדיקער קאָסטיום. קימאַט נאָך אַ נײַער. האָפֿמאַן האָט געזאָגט, אַז ער האָט אים געטראָגן ניט מער, ווי אַ פּאָר כאַדאָשים זומער, מע דאַרף אים נאָר געבן אויספּוצן אין אַ כעמישער פּוצערײַ, וועט מען זיך דערנאָך שפּיגלען אין אים. און ער האָט מיר דעם קאָסטיום געשענקט. ס'הייסט, ניט אינגאַנצן געשענקט. ס'איז מיר עפּעס ניט אָנגעשטאַנען צו טראָגן אַ געשענקטן קאָסטיום. כ'האָב האָפֿמאַנען מאַמעש געצוווּנגען, ער זאָל בײַ מיר נעמען די צוויי הונדערט פֿופֿציק אָפּגעשפּאָרטע לײַ —

א שיבעש, א צענטכיילעק, וואָס אזא קאָסטיום האָט דעמלט געדאַרפט קאָסטן. און כ׳האָב ענדלעך אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס ראשקעווער ברוינע רעקל מײַנס, וואָס קאָפּל שנײַדער האָט עס מיר אזוי קונציק איבערגעניצעוועט, אז דאָס אייבערשטע קעשענקעלע אפן רעקל איז געשטאַנען ניט ווי עס שטייט בא אלע מענטשן א קעשענקעלע אף א רעקל, נאָר קאַפויר — אין דער רעכטער זײַט און ניט אין דער לינקער זײַט. כ׳האָב דעם קאָסטיום אָנגעטאָן און בין אין איין רעגע געוואָרן אן אנדער מענטש — אויס ראשקעווער. עפּעס האָט זיך דער רוקן מײַנער אויסגעגלײַכט אין אים, כ׳האָב אָנגעהויבן אויסזען אין אים העכער, אפילע אין די אייגענע אויגן — כאָשעווער. איז אָט: דער דאָזיקער העלער און שיינער קאָסטיום האָפמאנס האָט מיך געפירט צו אַלגען, האָט מיר געבראַכט אַלגען.

ניין, כ׳זאָג ניט גלײַך. ניט אַלגען האָבן געקאָנט נעמען קאָסטיומען, אפילע די בעסטע אין דער וועלט. דאָס איז אפּאָנעם ווידער געווען מײַנע א קאַפּוירקײַט: א נישטיק מאלבעש האָט מיר צעשמייכלט די אויגן, צעבונדן די צונג, מיך געמאכט געוואגטער. וויאזוי ס׳איז שוין ניט געווען — אין יענעם העלן זומער־קאָסטיום בין איך געקומען צו אַלגען און מיר זײַנען שוין דערנאָך געבליבן אינײינעם אף טאָמיד, אפן גאנצן לעבן, ביז אין לעצטן טאָג אירן.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן שיינע וואָכן און יאָרן מײַנע. ניט גרינגע, אָפּט — זייער און זייער שווערע, נאָר אייביק שיינע און אייביק דערהויבענע.

מאכמעס, וואָס איז נאָך שענער און דערהויבענער, ווייסן מיר וויל, פון דעם, וואָס מיר רופן אָן: „ליבע״, „ליבשאפט״?

אי אין ענגן, אי אין גאָר ברייטן זין פון דעם דאָזיקן פּאָשעטן וואָרט...

(פאָרזעצונג קומט)

מיר געפעלט אזא וועלט

דער מעלקער

כ׳זעץ זיך צו אַף מײַן בענקעלע צווישן צוויי אײַנגוסן, שלעפעריק
מרוקעט דער יאַם לעבן מיר — די לאַזורעווע קו.
אין צוואַנציק מינוט אַרום האָב איך אַ פולן בידאָן
מעטאַפאָרעס, כ׳טראָג אים אהיים: אבי ניט צעפּליעסקען!

אינדערפרי כ׳גיי אַרויס אַף דער לאָנקע: הויך איבער מיר
פליט אַ לײַנער, אַ רעאַקטיווער, כ׳שטרעק אויס אינדערלופטן
אַ פּאָר הענט — און איך לאָז אים ערשט אָפּ, ווען זײַן אײַטער איז פוסט,
און סע ציט זיך נאָך אים, נאָך אַ מאַנצבל, אַ מילכיקע ריטשקע.

כ׳מעלק די פייגל און בלומען, די אײַזערנע העלדן, דעם טויט.

באַנאַכט טאַפּ איך אָן אין דער פינצטער די קעלביקע נאַכט.

די ראָזעווע קיִעלעך פון די פּלאַקאַטן קוקן אַף מיר
און פינטלען, און ס׳קלעפּן זיך זיי אין דער זון־שײַן די וויִעס.

מאַמע ראָכל און טאַטעניו שמיליק,
צי האָט איר דען מיך געלערנט, אַ מעלקער כ׳זאָל זײַן?

עלעגיע באַם ריבינסקער יאַם

פאַרכאַד, דער אוזבעק, זעצט זיך צו אַף אַ שטיין און הייבט אָן זײַן פאַרסאַרפּעטע ליד.

וויפל צענדליקער קריגסצוגן, וויפל הונדערטער בלוטיקע מאַרשן
וואָלט ער מיטגעמאַכט מיט טאַמערלאַנען אַמאָל, מיט באַטיִען —
אַף צו קומען אהער!

הײַנט האָט ער דעם אַעראָפּלאַן: באַקוועם און רענטאַבל.

וויפל לענדער און טקופעס: דורך באַוול און רענעסאַנס,
דורכן דאַלעס אין די בעסאַראַבישע שטעטלעך, און ענדלעך
דורכן ווילדן האַמוין בא דער עלעקטריטשקע — בין איך דורכגעגאַן ביז אהער.

סענטיאַבער. מיר זיצן באַזונדער בא דעם קינסטלעכן וואַסער.
איך — אַף מײַן הילצערן בענקעלע,
ער — אַף שפּיץ שטיין.

איבער אים הענגט נאָך אַלץ, ווי א היץ, זײַן אומענדלעכע ליד.
אונטער מיר דרייט זיך פּילבאַר די ערד — ווי א ראָד
מיט דער וועווערקע אינווייניק.

רוימישער קינעמאַטאָגראַף

דער ייִד מאָרדעכײַ באַקומט שוין זײַן שילד און די שווערד.

פעדעריקאָ פעליני און זײַן קינאָ־גרופּע הענגען אין הימל
מיט זייערע דרײַ העליקאָפּטערס אויף א הייך פון 2 טויזנט יאָר
און וואַרטן, אַז דער אימפּעראַטאָר
זאָל געבן א מאַך מיט דער האַנט — און א לויטערע סרייפע
זאָל אַרומנעמען אַלע זעקס היגלען און דעם באַרג קאַליזיי אינדערמיט.

זיי האָבן נאָך אָבער צו וואַרטן: נעראָן
זיצט דערווײַל אויפן פּריפּעטשעק, זאָגט נאָך אַלפא און בעטא באַם רעבן סענעקאַ.

א דיוויזיע לעגיאָנערן ערגעץ אין טשאַד
צי אין קאָנגאָ כאַפּט ריזיקע לייבן און קראָקאָדילן.

פעדעריקאָ פאַרייכערט דערווײַל. איבער אים, אין דער הייך,
דרייט זיך, פּונקט ווי א ווענטילאַטאָר, דער שווערער פּראָפּעלער —
און פאַרטשעפּעט די סטעליע, און ס׳שיטן זיך ברעקלעך לאַזור.
פעדעריקאָ ציט אָן אויפן קאָפּ א פּאָר הערערס. דאָס האַרץ
גיט א קלאַפּ: א מין גרוס פון דער קינדהייט, א מין נאָסטאַלגיע
נאָך דער וועלט — בעני גודמענס קלאַרנעט.

דער ייִד מאָרדעכײַ אויף דער גרויסער אַרענע איז גרייט
שוין דעם לייב צו באַגעגענען ווי סע קער צו זײַן, ווי א גלאַדיאַטאָר.

פעדעריקאָ צעשפּיליעט דעם גאַרטל. ער מיינט, אַז סע זעט אים ניט קיינער.

צוויי פּאָר אויגן שפּירן נאָך אים: דער האר צבאָאות[1]
און איך.
ס׳גלוסט זיך ביידן אונדז וויסן: ווי פאַרענדיקט פעליני דעם פילם...

(איז וואָס מיינט איר אַצינד: וועמען טאַקע פון ביידע געהערט
האָט די געטלעכע ליד, וואָס איר לייענט, און אונדז האָט איר נאָך ניט געהערט...)
דער ייִד מאָרדעכײַ
גיט א הייב אויף די שווערד — לאָזט זי אָבער אַראָפּ ניט דעם לייב אויפן קאָפּ,
נאָר אויף דער אייגענער נאַקעטער האַנט: האַקט זיך איבער די ראָזעווע אָדער.

וועגן גאָלדענע זאַכן

מאַראַדאָנאַ, דער פוטבאָליסט,
פאַרסטראַכירט האָט די צוויי זײַנע גאָלדענע פיס
מיט א האַלבן מיליאָן, און טערעזאַ, די קינאָ־אַקטריסע,
אירע מאַרמאָרנע פּולקעס — מיט 700.000 דאָלאַרן. איך בעט:
פאַרסטראַכירט מיר דעם סאָלאָווײ אין די זילבערנע צווײַגן.

מײַנע גאַראַנטיעס?

איך פאַרמאָג א געזאַנגפולן אַקאָרדעאָן "Meisterspiel";
כ׳האָב אויף דער וואַנט א שעדעווער: מײַן מאַמעס א פּאָטאָ
פון די 20־ער יאָרן;

---

[1] צבאות (העבר.) — איינער פון די צען גאָטס נעמען.

כ'וואָלט געקאָנט אויך א שפּאַרביכל האָבן...

גענעראַל פינאַטשעטס א בייַסטריוק, מארק אוורעלי, פּאַרמאַגט
אַן אשירעס, זעקס מאָל אזוי גרעסער,
איידער זיַין לעגענדאַרער פאַרגייער, דער קייסער אין רוים.

מיר געפעלט אזא וועלט —
מיט גאַלאַקטיקעס ריַיך, מיט פּלאַנעטן,
און אַף איינער פון זיי — די קאַיאַרן און אָקעאַנען
און דער אָזוּרע־נעס, דער לאַך־נעס, די פּאַלאַצן און פּאַרקן און ווילעס
און קילקאַסטנס, פולע מיט אויבסן, מיט ווורשט, און דאָס קלינגעוודיק קליינגעלט
אין די בייַטעלעך, וועלכע הענגען אַראָפּ
פון די אָפענע העלדזער בא די סטודענטקעס — אך, פאַרסטראַכירט מיר
דאָס גאָלד פון דער זון!

די זייַטיקע טיר

וו'הין איך גיי ניט און ווו איך שטיי ניט — שלעפּ איך נאָך זיך
אינדערלופטן די זייַטיקע טיר,
וואָס זי הענגט און באַוועגט זיך: א בלאָווער און ווינטיקער דורכגאַנג.

קיינער קלאַפּט דאָרט ניט אָן — מע גייט זי אַרום פון רעכטס און פון לינקס,
מע ברעכט זיך אַריַין דורך די אָפענע ווענט,
ניט אָפּווישנדיק די שיך,
מע שפּאַרט אַף מיר אָן, א פריַינטלעכער פּאַטש אין דער פּלייצע...

איך שטיי א פּריטשמעליעטער. כ'קוק זיך אַרום: דער אייַנציקער אויסוועג —
די זייַטיקע טיר.

שרעקט מיך ניט

כ'לייג זיך שלאָפן, איך פּאַס צו דאָס בעטציַיג, די קישן
צום קאָפּ. דעם אַקסל, די פּלייצע —
צום געלעגער.

וואָס זשע שרעקט איר מיך מיטן טויט?

אין דריטן קוואַרטאַל

הויפנס גאָלדענע פּלאַטערלעך
פּרוּוון אופלעבן אונטער דעם ווינט.

מע פאַרברענט זיי. דאָס גאָלד ווערט פאַרשריבן
אין האַכנאָסע
פונעם דריטן קוואַרטאַל — פון דעם האַרבסט.

● ● ●

עלווירע פאַגעל

עס פלאַטערט א שמעטערלינג

די זון באַקט, און דער טונקעלער דאַך שלאָגט אָפּ די היץ. מישע רעשעטניאַק, וועלכער אַרבעט אויפן דאַך, זעט בעפּויעל מאַמעש די אָנגעוואַרעמטע לופט, ס׳דוכט זיך אים, אַז ער קען זי נעמען מיט די זשמעניעס. עס כאַפּט אים אָן אַ כיישעק זיך אויסצי̇ען אויף דעם וואַרעמען דאַך און האַנאָען האָבן פון דער זון. ביכלאַל אָבער איז מישע ניט צופרידן פון דער אַרבעט. ער פאַרשטייט לאַכלוטן ניט, פאַרוואָס מע דאַרף איצט, ווען דער ווינטער איז נאָך העט ווײַט, פאַרשטאָפּן מיט פּאַקליע און פאַרגיסן מיט סמאָלע די שפּאַלטן פונעם דאַך. עמעס, אין דער פּראָפעסי̇אָנעל־טעכנישער שול (פּע־טע־או) האָט מען אין אים גוט אַרײַנגערעדט, וואָס עס הייסט שטאָלץ און ערע בא אַן אַרבעטער־מענטש און אַז די אַרבעט אין אַ זאַוואָד אָדער אין אַ פאַבריק איז ניט אַלעמאָל אַ פאַרגעניגן, ס׳טרעפן אַפילע צאָרעס און אומאָנגענעמלעכקײַטן. אויב אַזוי, האָט מישע געטראַכט, איז ניט מײַן אייסעק, זאָלן די נאַטשאַלניקעס טראַכטן, זיי האָבן מיך געשיקט, הייסט עס, אַז מע דאַרף פאַרשטאָפּן און פאַרגיסן די דאַך־שפּאַלטן, און ווי ער טראַכט אַזוי, זאָגט ער צו ביידע ניקאָלײַען, וואָס אַרבעטן מיט אים אינײנעם, — געַנוג געגענעצט, נעמט זיך צו דער אַרבעט. און דאָ באַווײַזט זיך באַם ברעג דאַך אַ קאָפּ מיט צוויי קײַלעכדיקע ברוינע שאָקאָלאַדנע אויגן, אַ צעקודלטער גריוועקע, די ווי̇עס פלאַטערן און באַלד שטעלט זיך אַוועק די שטײַפע פיגורקע, וועלכע רופט זיך נעלקע רויטבורג. דאָס איז די מאָסקווער פּראַקטיקאַנטקע, וואָס וואַנדלט אַרום שוין באַלד צוויי וואָכן איבערן צעך און איצט שפּאַנט זי גלײַך צו מישקען.

— נו, וואָס הערט זיך דאָ בא אײַך? וואָס טוט איר? — פרעגט זי שטרענג מיט איר קלינגענדיק קעלכל.

— מע פאַרשטאָפּט צוביסלעך מיט פּאַקליע, — דערלאַנגט אַ הוסט אין פויסט מישקע.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט ער געני̇שטערט מיט זײַנע אויגן, ווי נאָר נעלקע האָט זיך באַוויזן. ס׳האָט זיך אים אַלץ געדוכט, עפּשער וועט זי צו אים צוגיין און זאָגן אַ צוויי ווערטער. צו אַנדערע גייט זי דאָך גראָד צו, אַפילע צו די באַיאָרטע שלאָסערס. אַשטייגער — צום שטרענגן אַלטן מײַסטער מיכײַטשן, אַפילע צום טאָקער פּאַל פּאַליטש, און יענער טוט זיך אָן שום מעני̇עס אַ קער צו איר און הערט זי אויס. אָבער צו אים, צו מישקען, האָבן נעלקעס אויגן קיינמאָל קיין קוק ניט געטאָן.

— איר פאַרשטייט, בא אונדז איז אַזאַ אייסעק, מיך האָט מען צו אײַך געשיקט אַלס טעכנישן קאָנטראָל, דעריבער ווײַזט מיר אַהער אַרבעט.

מישע פירט נעלקען לענגויס די פאַרגאָסענע דאַך־שפּאַלטן, ביידע שלאָסערס שטופּן זיך הינטער אים, פּרעפּלען עפּעס. נעלקע באַטראַכט די אַרבעט און שאַצט זי אַזוי:

— דאָס איז שלעכט, ס׳טויג ניט, מאַכט איבער! ס׳איז פּאָשעט כאַלטורע! — רופט זי אויס, נעמט צונויף די ברעמען און קנייטשט די נאָז.

מישקע מיט ביידע ניקאָלײַען קאַלופּען אַרויס דאָס, מיט וואָס זיי האָבן פאַרשטאָפּט די דאַך־שפּאַלטן, נעלקע באַטראַכט, וויאַזוי זיי טוען עס, און ס׳פינקלט אין די אויגן אַ געלעכטער. ביסכאַקל ווערט איר דערווידער צו קוקן אויף זייער אַרבעט און זי טוט זיך אַ זעץ אַוועק אויף דער הורבע פּאַקליע.

מישע פרעגט זיך אָן:

— איר קענט אונדז ניט זאָגן, צוליב וואָס מע פאַריכט דעם דאַך, ווען דער ווינטער איז נאָך העט־העט?

— ס'רוקט זיך אָן א טײַפון, מע האָט אים א נאָמען געגעבן מאַריִע. ניט נאָר ער אַליין, נאָר מיט א גוסרעגן, אינגיכן וועט ער זײַן דאָ...

— וואָס הייסט מאַריִע? — וויל וויסן מישע.

— אָט דאָס הייסט. די שטורעמס און די טײַפונען האָבן אַלערליי נעמען — מאַריִע, איוואַן, לויִזע, מוישע, פלאָרע, גלאָריִע. אַף אײַער דאַך וועט זיך אָנוואַלגערן „מאַריִע", זייער א בייזער הוראַגאַן.

— האַ, אויב אַזוי, איז אַן אַנדער זאַך.

נעלקע טוט זיך א רוק אַף דער פּאַקליע, ס'זאָל איר זײַן באַקוועמער צו זיצן, און זי פרעגט די געוויינלעכע פראַגע:

— איר ווילט עפּעס וויסן וועגן מאָסקווע?

ניט וואַרטנדיק אַף אַן ענטפער, הייבט זי די מינוט אָן צו דערציילן. בא איר קומט עס אויס זייער גוט, כאָטש זי מישט אַרײַן אויסטראַכטענישן, טיילט ניט אָפּ לעכערלעכס פון אומעטיקס, אומ־גלייבלעכע פון געוויינלעכע געשעענישן. אירע דערציילונגען וועגן מאָסקווע ענדיקן זיך פונקט אַזוי אומדערוואַרט, ווי זיי הייבן זיך אָן.

דאָס דערציילן איז נעלקעס הויפּט־אַרבעט אין צעך. זי דערציילט וועגן מאָסקווע און וועגן מאָסקווער לעבן, אירע רייד רופן אַרויס צוטרוי. די צעך־אַרבעטער הערן פאַרכאַפּטערהייט. נעלקע זאָגט ליגנס באַגײַסטערט, ניט ווײַל זי וויל, כאַ־לילע, עמעצן אָפּנאַרן, נאָר גלאַט אַזוי. אַפילע אַפן פּליאַזש קאָן זי צונויפנעמען א היפּש געזעמל און שאָענלאַנג דערציילן א געשיכטע, לעמאָשל — וועגן דעם פערד עאָאָ, אַזוי האָט זי עס אָנגערופן. זי מאָלט אָן דאָס בילד, ווי זי טרעט אַרויס מיט עאָאָ אין צירק, אַלע הערן מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם. אינמיטנדערינען דערציילט זי, ווי זי האָט פאַר־בלאָנדזשעט אין וואַלד אָדער אַפן בעסוילעם און ווי זי איז פאַרציטערט געוואָרן פון די פינצטערע שאָטנס, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. די באַ־האַוונטע צוהערער, דעריקער די, וואָס זײַנען אַמאָל

געווען מאַסקווער, הייבן אָן צו צווייפלען אין נעלקעס רייד. נאָר אין אַלגעמיין דערציילט זי אַלעמאָל זייער וואָרהאַפטיק. דעריקער — אירע אויגן, וואָס גיסן זיך איבער אין אַלערליי קאָלירן און פינקלען און דריקן אויס ליידן און גרימצאָרן, לאַכן און ווערן קילעכדיק פון אַנציקונג, ווייַל נעלקע לעבט איבער אַלץ, וואָס זי דערציילט.

אין קאַדרען־אָפּטייל פון דער זאַוואָד־פאַרוואַלטונג האָבן די באַכערימלעך געמאָלדן, אַז זיי ווילן גיין אַרבעטן אין צעך, ווו מע מאָנטירט די דיזעל־לאָקאָמאָטיוון, קעדיי זען מיט די אייגענע אויגן, וויִאַזוי מע מאָנטירט.

— נו, און דיך, מיידל, וווּהין זאָל איך אַהינטאָן? — האָט געפרעגט די פאַרוואַלטערן פונעם קאַדרען־אָפּטייל, באַטראַכטנדיק נעלקען.

— וואָס הייסט וווּהין? מיט די כעווּרע, אין מאָנטיר־צעך.

די פאַרוואַלטערן פון דעם קאַדרען־אָפּטייל האָט קיין צייַט ניט געהאַט אייַנצורײדן נעלקען, זי האָט אַפּגיך אויסגעשריבן אַ פאַפּירל, און נעלקע איז אַוועק אַרבעטן מיט די ייִנגלעך. איינײנעם מיט זיי איז זי אַרייַנגעגאַן אין הודזיענדיקן, קלינגענדיקן צעך, דער פאַרנומענער מייַסטער איז דערפרייט געוואָרן, וואָס ער האָט געקראָגן אַזעלכע באַכערימלעך, און גענומען דערקלערן, וואָס מע דאַרף טאָן. נעלקען האָט ער צוערשט ניט באַמערקט, אָבער ווען זי האָט אַ פרעג געטאָן: „און איך וואָס וועל טאָן?“, האָט ער זיך צעשמייכלט הינטער די וואָנצעס און איר אָנגעוויזן אַף די מעטערדיקע שטאָלענע באַלוואַנקעס:

— אָט, נעם דאָס, לייג אַרויף אַפן וועגעלע און פיר עס אָפּ.

און ער איז אַוועק אַכטונג צו געבן, ווי עס גייט די אַרבעט.

נעלקע האָט באַטראַכט די שטאָלענע באַלוואַנקעס און דערזען, אַז ס'איז ניט פאַר איר וווּקס און פאַר אירע קויכעס. די כעווּרע, ווידער, זייַנען צעגאַנגען געוואָרן ווי שניי אונטער דער זון, דער צעך איז געווען ליידיק. נעלקע איז אַ ווייַלע געשטאַנען פאַרטראַכט, דערנאָך איז זי אַוועקגעגאַן צוריק צו דער פאַרוואַלטערן פונעם קאַדרען־אָפּטייל.

— ווייסטו וואָס, מיידעלע, גיי אין עקספּערימענטאַלן צעך, — האָט געייצעט דער נאַטשאַלניק, וואָס האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט. — גיי אין צעך פון דיזעל־לאָקאָמאָטיוון, דאָרט וועט דיר זייַן טשיקאַווע.

נעלקע איז אַוועק אַהין, וווּהין דער נאַטשאַלניק האָט זי אָפּגעשיקט.

אַפן צווייטן טאָג האָט זי ניט אויסגעהאַלטן דאָס פּוסטעפּאַסעווען. זי האָט ניט אויפגעהערט צו בעטן באַם מייַסטער מיכייִטשן כאָטש אַוועלכע־ניט־איז אַרבעט. מיכייִטש האָט זי צוגעפירט צו אַ ווערקשטעל, באַוויזן איר אַ שטאָלענע פּליטקע, עפּעס אַ פיר געטאָן מיט אַ שטיקעלע קרייַד און געזאָגט:

— וועסט אָפּזעגן ביז דאַנען.

מיט די גאַנצע קויכעס האָט נעלקע געזעגט דאָס שטיקעלע שטאָל, אַ בלוטיקער בלאָז איז אויפגעלאָפן אַף איר פינגער, די צעקודלטע גריווקע איז געוואָרן פיטש־נאַס, און דאָס שטיקעלע שטאָל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט עס זעגן די גאַנצע צייַט פון איר פּראַקטיק.

ס'איז צוגעגאַנגען דער סטולעוואַטער פּאַל פּאַליטש און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מייַסטרעווסטו? — און אין אַ מינוט אַרום איז באַ אים שוין אַלץ געווען פאַרטיק. מיכייִטש איז צוגעגאַנגען און זיך דערפרייט: „מאָלאָדיעץ, נעלקאַ!“.

פּאַל פּאַליטש האָט צוגעבאָמקעט: יאָ, זי דערציילט זייער שיין.

דאָס מאָנטירן אין עקספּערימענטאַלן צעך האָט נעלקען פאַרכאַפּט, זי איז ווי צוגעקלעפּט געוואָרן צו מיכייִטשן.

— נו, קינפּטיקער אינזשעניער, וויִאַזוי דאַרף מען, לויט דיר, אַוועקשטעלן דעם מאָטאָר אַפן וואָגן פונעם דיזעל־לאָקאָמאָטיוו? — האָט געפרעגט מיכייִטש.

— וויִאַזוי? מע וועט דעם מאָטאָר צופּעסטיקן צו דער ראַמע און אַזוי וועט עס גיין, — האָט נעלקע באַשטימט.

אַ מינוט פּופּצן איז מיכייִטש אומגעלאָפן און הייזעריק געשריגן: „מייַנאַ! ווירא! לינקס! רעכטס! דערלאַנג!“. זייַנע אויערן זייַנען געוואָרן פלאַמרויט, ניט קוקנדיק אַף נעלקען, האָט ער אַזוי־אָקונציק אַראָפּגעלאָזט דעם מאָטאָר אַפן דיל פון דער ראַמע.

נעלקע האָט שטאַרק ראַכמאָנעס געהאַט אַף מיכייִטשן. פּאַוואָליטשקע האָט זי זיך אָנגעשאַרט אין אַ זייַט, ווייַטלעך פון אים, נאָר דאָ האָט זי דערהערט ווי עמעצער מאַכט כויזעק.

— שוין איינמאָל אַ פּראַקטיקאַנטקע, שיר ניט אייַנגעשלונגען אונדזער מייַסטער.

סאָף טאָג האָט מישע רעשעטניאַק געפּויעלט באַ זיך צוצוגיין צו נעלקען און אַ זאָג טאָן, אַז ער וועט זי באַגלייטן אַהיים, קלוימערשט, זי זאָל ענדיקן אים דערציילן די געשיכטע, וואָס זי האָט אָנגעהויבן אַפן דאַך אינדערפרי און ניט באַוויזן צו ענדיקן, ווייַל מיכייִטש האָט אַ געשריי געטאָן צו איר, ווי מע שרייַט צו אַ קאַץ — „בריס!“

פון דעם טאָג אָן איז מישע געוואָרן אַ געטרייַער פרייַנט נעלקעס. ניט נאָר אירער, נאָר דער גאַנצער גרופּעס. אין די אָוונטן פלעגט ער פלייַסיק איבערשרייַבן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייַכעס צו דער אַרבעט פון די מאָסקווער פּראַקטיקאַנטן. ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט אומבאַ־

דינגט ווערן א ספאָרטסמען און וועט אָנשרײַבן נעלקען אזא מין בריוול קיין מאָסקווע:

„טײַערע נעלעטשקע, אונדזער גאנצער צימער אין צוזאמענווינונג האָט באטראכט די ווערטער, וועלכע דו האָסט אונדז געזאָגט אפן וואָקזאל, און מיר אלע פיר האָבן זיך פארשריבן אין דער באָקס־סעקציע. זײַ אזוי גוט, שרײַב אונדז אָן, וואָס מיר זאָלן נאָך טאָן, קעדיי מיר זאָלן ווערן מוטיקע מאנצבלען, קעמפער פאר אונדזער סאָוועטיש פאָטערלאנד".

דאָס וועט זײַן שפעטער, און דערווײַל פאָרט מישע אין טראמווײַ צום עק שטאָט, ווו נעלקע וווינט, און ער איז מאמעש פארווונדערט, וואָס פאר א פריילעכע שיידים עס שפילן זיך אין נעלקעס אויגן.

נעלקע וווינט אין אזא ראיאָן, וואָס איז מיט א קורצער צײַט צוריק געווען א בײַשטאָט. זי לעבט אין „פריוואטן סעקטאָר" אין א צימער פון אן איינזאמער פרוי. די פרוי האָט געמאכט נעלקען א גוטן געלעגער מיט ריינע לײַלעכער, ארופגעוואָרפן א צודעק מיט האפט אָף די קישנס, געוויזן איר, ווו עס שטייט פארשיידן געפעס, און מער האָט נעלקע זי אין די אויגן ניט געזען. אָבער ווי זאָגט דאָס ווערטל: די וועלט באגייט זיך ניט אָן גוטע מענטשן. די נאָענטע שכיינע סאָרע האָט אָף נעלקען געווארט אלע אָוונט, אפילע אין אזויגע פאלן, ווען נעלקע פלעגט לאנג פארברענגען אָף די טאנץ־אָוונטן און קומען שפעט אהיים. די־אָ שכיינע, סאָרע, פלעגט פאר נעלקען באהאלטן א קאָטלעטקע פון דער זאוואָד־סטאָלאָווע, ווו זי האָט געוואשן דאָס געפעס. פונעם ערשטן אָוונט אָן האָט זיך נעלקע מיט איר באקאנט.

— האָרך נאָר, מיידעלע, צי ביסטו ניט אמאָל פון א יידישער מישפאָכע? — האָט פאָרזיכטיק געפרעגט די קליינוווקסיקע הינקעדיקע באָבע סאָרע.

— די מאמע און דער טאטע און די שוועסטער, אלע מומעס מיט די פעטערס, די באָבעס מיט די זיידעס זײַנען יידן, און אפילע אונדזער קאץ איז אויך א יידישע.

— אוי, פישעלע מײַנס, — האָט סאָרע געשמייכלט, גלעטנדיק נעלקען בא דער פלייצע. — א שוועסטערל האָסטו אויך, און א באָבען מיט א זיידן, איי־איי, וואָס פאר א גליקלעך קינד דו ביסט...

די באָבע סאָרע איז געווען אן איינזאמע, און נעלקען האָט זיך געדוכט, אז זי איז גרײַלעך אלט, טאקע דערפאר איז זי געבליבן אליין. אינדערעמעסן איז די באָבע סאָרע אלט געווען פיר און פופציק יאָר, קיין קינדער, קיין פלימעניקעס קיינמאָל ניט געהאט. איר זיידע מיט דער באָבען מיט אלע מומעס זײַנען אומגעקומען פײַנלעך פון די פאשיסטן. זי גופע איז מיט ניסים געבליבן לעבן.

נעלקעס היימלעך לעבן, איר זאָרגלאָזיקייט איז ארײַנגעפלויגן צו סאָרען ווי א קאָלירטער פויגל. זי האָט גלײַך דערפילט, ווי זי וואָלט נאָר וואָס געבוירן געוואָרן. זי פלעגט זיך אויסמאָלן אזעלכע בילדער, וואָס זי האָט געזען אמאָל־אמאָל. אנומלטן האָט זי דערציילט נעלקען:

— פון אלע מײַנע קרויווים איז מיר געבליבן נאָר מאניושקעלע, רוּוונס טעכטערל. אין מאָסקווע וווינט זי, אָף פיאטניצקי־גאס, דאָס הויז נומער זעקס, עפשער האָסטו זי באגעגנט?

וועגן רוּווענען גופע האָט די באָבע סאָרע געוווּסט דאָס, וואָס איר מאמע האָט דערציילט, גענוי — אז אנומלטן האָט ער פון איר אָפגעטריבן א קעלבל. ער איז אומגעקומען אפן פראָנט אין טויזנט נײַן הונדערט דרײַ־און־פערציקסטן, דאָס האָט זי זיך דערוווּסט ערשט שפעטער, דאן האָט זי זיך אויך דערקונדיקט, אז מאניוסינקע וווינט אין מאָסקווע. ווי־אזוי מאניוסינקע האָט א שײַכעס צו רוּווענען, האָט נעלקע ניט געקאָנט זיך דערוויסן. די באָבע סאָרע האָט איר געזאָגט, אז אמאָל אָף יאָמטעוו שרײַבט זי איר א קארטל. וואָס קאָן מען אין א קארטל שרײַבן? „איך לעב. איך בין נאָך דאָ אָף דער וועלט. איך טראכט וועגן אײַך, און זאָל גאָט אײַך היטן פון א צאָרע..."

בייס נעלקע האָט זיך געקליבן אָוועקפאָרן קיין מאָסקווע, האָט די באָבע סאָרע איר דערלאנגט א פעקעלע:

— פיר דאָס אוועק, מײַן פישעלע, א מאטאָנע מאניושינקען, וועסט א קוק טאָן אָף איר, עפשער האָט זי קינדערלעך, זאָלן זיי עסן מײַנע עפל. זי געפינט זיך אָף פיאטניצקער גאס, די שטוב נומער זעקס. וועסט זאָגן, אז זי איז רוּוונס טאָכטער, איר פאמיליע איז קאלדוואסער.

נעלקע האָט ארויסגעשלעפט פונעם טשעמאָדאן א פאטשיילקעלע פון יאפאנישן זײַד און עס אויסגעבונדן אָף דער באָבע סאָרעס קאָפ:

— גיט א קוק, באָבע סאָרע, וואָס פאר א שטיבעלעך און וועלכע ביימער עס זײַנען אָנגעריסעוועט אפן פאטשיילקעלע...

בא דער באָבע סאָרען האָבן א בלישטשע געטאָן אלע קנייטשעלעך אפן שטערן. זי האָט ניט געקאָנט אָפרײַסן די פײַכטע אויגן פון די פאגאָדעס, פון די ביימעלעך און שטיבעלעך, וואָס זײַנען געווען אָנגעמאָלט אפן זײַד.

פון אונטער נעלקעס פינגער האָט אינעם טירגלעקל א סווישטשע געטאָן א קלאנג פון א ווונדערלעך פייגעלע, ס'האָבן זיך דערהערט טריט, די טיר האָט זיך פאנאנדערגעעפנט, און ס'האָט זיך באוויזן א באָכער פון א יאָר פיר און צוואנציק. ער האָט מיט א מושקעטיאָר־העפלעכן זשעסט פון דער האנט, אין וועלכער ער האָט געהאלטן א גרויסן מעסער, ארײַנגעלאָזט נעלקען.

— דאָ וווינט מאניע קאלדוואסער?

— ביטע זייער! אין צימער, אין צימער! —

האָט אויסגערופֿן דער באָכער, און ער איז פֿאַרשווונדן געוואָרן אין קיך.

נעלקע האָט צוגעמאַכט די טיר, א זוך געטאָן מיט די אויגן טאַפּאַטשקעס, ניט געפֿונען און ניט געקאָנט מאַכן קיין טראָט אין אירע קעדעס. שטייענדיק א רגע אין פֿאַרלעגנהייט, האָט זי די קעדעס אַראָפּגעוואָרפֿן און איז אין די זאָקן אוועק לענגאויס דעם גרינבלעכן טעפּיך.

— מע קאָן? גוט־העלף... א גרוס פֿון סאַרע לוואָוונע פֿון וואָראָשילאָווגראַד, כ׳האָב געבראַכט א מאַטאָנע, איר זײַט מאַניע?

מיט יעדן וואָרט האָט נעלקע פֿאַרלאָרן דעם מוט, זי איז ווי פֿאַרפֿרוירן געוואָרן פֿונעם גרויס־האַלטערישן פּאָנעם בא דער אַזוי בלײַענדיקער פֿרוי אין איר שפּאָגל־נײַעם גרויסאַרטיקן כאַלאַט, פֿון די שיין־אויסגעלייגטע אויפֿגעקלאַפּטע האָר אויף איר קאָפּ. די פֿרוי איז געזעסן אין א פֿאָטעל, געווען באַלויכטן פֿון געלער שײַן, וואָס איז געפֿאַלן אויפֿן בוך, וואָס זי האָט געלייענט. דערזען נעלקען, האָט זי פֿאַוואָליע פֿונעם זשורנאַל־טישל גענומען דאָס לעדערנע פּאַסיקל, אַרײַנגעלייגט עס צווישן די בלעטלעך און צוגעמאַכט דעם בוך.

— יאָ, איך בין מאַריִע ראָמאַנאָוונא קאַלדוואַסער. פֿון וועמען, זאָגט איר, זײַט איר געקומען?

— סאַרע לוואָוונע האָט אײַך זייער ליב, טראַכט וועגן אײַך, באַאומרויִקט זיך, — האָט נעלקע אָנגעהויבן אויסרעכענען די סיבעס פֿון איר וויזיט. דערבײַ האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויפֿן צווייטן פֿאָטעל, אויף וועלכן די באַלעבאָסטע האָט אָנגעוויזן מיט א ווונק.

„שוין איינמאָל א דירע, אומעטום האַפּט און סאַמעט...” — האָט נעלקע זיך געוווּנדערט: „די גאַנצע וואַנט איז פֿאַרשטעלט מיט שאַפֿעס, צו וואָס טויגן אַזויפֿיל שאַפֿעס?” הינטערן גלאָז פֿונעם סערוואַנט האָט זיך איבערגעגאָסן פֿון גרין ביז בלוי, געבלאַנקט און געפֿינקלט א קרישטאָלענער פֿאַנטאַנטשיק. גלעזערנע טראָפּנס, העל־בלויע און ראָזע, זײַנען ווי פּאַרקילטע אַראָפּגעהאַנגען. נעלקע האָט זיך צוגעקוקט און האָט ענדלעך דערזען, אַז אויף א זילבערן טעצעלע, צוגעדעקט מיט אַן איבערגעקערטן פּוזשער, האָט געפּלאַטערט א ווײַסער שמעטערלינג. זי האָט א טראַכט געטאָן: „א טשיקאַווע צאַצקע!”, נאָר מאַריִע ראָמאַנאָוונע האָט איר איבערגעשלאָגן די געדאַנקען:

— עמעס, ס׳איז שיין און צוגעפּאַסט צום מעבל? דער שמעטערלינג איז אַרײַנגעפֿלויגן, האָב איך אים איבערגעלאָזט פֿאַר מײַנעטוועגן...

— א לעבעדיקער? לאָזט אים בעסער אַרויס! — האָט נעלקע אויסגעשריגן מיט האַרץ.

— אַלציינס וועט ער אומקומען, און דאָ איז ער זייער סימפּאַטיש. איז וואָס זשע זאָגט איר, וויִאַזוי לעבט זי, די דאָזיקע סאָרע, מיסטאַמע האָט זי א פּענסיע?

— ניין, זי אַרבעט אין דער גאַרקיך אויפֿן זאַוואָד, וואַשט דאָס געפֿעס.

— דאָס געפֿעס? — מאַריִע ראָמאַנאָוונעס נאָזלעכער האָבן א ציטער געטאָן, — וואָס זשע האָט זי געבעטן, איר זאָלט מיר איבערגעבן?

— אייגנטלעך, גאָרניט. א גרוס האָט זי געבעטן איבערגעבן. אָט האָט איר א מאַטאָנע פֿאַר אײַך און פֿאַר אײַער זון.

— כ׳האָב ניט קיין קינדער, — האָט מיט גײַווע צו וויסן געגעבן מאַריִע ראָמאַנאָוונע.

— א... — האָט נעלקע אומבאַשטימט א טרייסל געטאָן מיט דער גריוועקע צו דער קיך־טיר.

— דאָרט איז מײַן מאַן.

נעלקע האָט אַפּגיך גענומען אויפֿבינדן דאָס פּעקעלע מיט די עפּל.

— עפּל! אין מאָסקווע פֿעלט מיר עפּל?

נעלקע האָט זיך אויסגעמאָלט, ווי די באָבע סאָרע איז געגאַנגען אויפֿן מאַרק און האָט לאַנג אויסגעקליבן די עפּל, אַלץ געטראַכט ווי צו נעמען וואָס בעסער, עס זאָל קאָסטן וואָס וועלוועלער. קאָן זײַן, מע וואָלט דאָס אַלץ געדאַרפֿט זאָגן דער דאָזיקער גרויסאַרטיקער פֿרוי, נאָר נעלקען האָט זיך דאָס ניט געוואָלט. זי וועט בעסער אָנשרײַבן דער באָבע סאָרען, וויִאַזוי מאַניושע קאַלדוואַסער האָט זיך דערפֿרייט מיט די עפּל און מיטן לעבעדיקן גרוס.

ווען נעלקע האָט זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים, האָט זי איבערגעלייענט דעם ווײַלן בריוו, וואָס מישע רעשעטניאַק האָט איר אָנגעשריבן. זי האָט א זיפֿץ געטאָן און גענומען שרײַבן אַן ענטפֿער:

„א גרוס דיר, מישוטקא! דאָס איז ווונדערלעך, וואָס אַלע פֿיר האָט איר זיך פֿאַרשריבן אין דער באָקס־סעקציע. אַזוי וועט איר טאַקע ווערן מוטיקע מאַנצבלען. נאָר איך מוז אײַך זאָגן, אַז דאָס איז נאָך צו קנאַפּ. מיר דוכט, אַז דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז זיך אויסלערנען פֿאַרשטיין און ראַכמאָנעס האָבן אויף מענטשן. ניט שוין זשע דאַרף מען האָבן צוליב דעם באָקס? קעדיי צו באַזיגן אין באָקס, דאַרף מען דאָך גוט א קלאַפּ טאָן און קאָנען ניט באַמערקן, ווי שלעכט עס איז יענעם, ווער עס איז געפֿאַלן פֿון די פֿיס...”

איבערזעצונגען

איוואַן בונין

צום היימלאַנד

פאַר דיר קיין ליבּ זיי האָבּן קיינמאָל,
זיי קאָנען דיר ניט מויכל זײַן
די פּראָסטע מידעס דײַנע, היימלאַנד,
די כאַטעס שטרויִענע אַן שײַן.

אַזוי אַ פּרעכער זון מיסטאַמע
אין שטאָט, צווישן גענאַר און שפּאָט,
זיך שעמט מיט דער פאַרזאָרגטער מאַמע,
וואָס אים אַליין געבּוירן האָט.

מיט פאַלשן שמייכל ער באַגעגנט
די אַלטע, וואָס קעדיי זיך מיד
פאַרטרויִען וואָכנלאַנג די וועגן,
דעם לעצטן גראָשן האָט געהיט.

1891

אַ ליד

כ'בּין אַ פּראָסטע מויד אַף די באַשטאַנען,
מײַן געליבּטער ברענגט פון יאַם מיר פיש.
נאָך זײַן זעגל בענקען די לימאַנען.
ווען איך זע אים, ווער איך ווי צעמישט.

שיין אַפן באַספּאָר די מיידלעך יונגע
זײַנען. נו, און מיך פאַרלאָזן האָט דאָס גליק.
ס'ווערט דער זעגל אינעם יאַם דערטרונקען,
אומקערן ער וועט זיך ניט צוריק.

דעם באַשטאַן פאַרלאָזן וועל איך דאַרפן:
כ'וואַרט און וואַרט, פון זיבּן גיי אַראָפּ.
ס'פינגערל אין יאַם איך וועל פאַרוואַרפן,
זיך דערוואָרגן מיט דעם שוואַרצן צאָפּ.

1906

איוואַן אַלעקסייעוויטש בונין (1870—1953) האָט דעביוטירט אין דער ליטעראַטור אין 1887 מיט אַ ליד „איבּער נאַדסאָנס קייווער“. זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג איז דערשינען אין 1891. איינצײַטיק געשריבּן פּראָזע. פאַר זײַן וואָגיקן בײַטראָג אין דער ליטעראַטור ווײלט אים אויס די רוסלענדישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פאַר אַן אַקאַדעמיקער. פײַנטלעך אויפגענומען די אָקטיאַבּער־רעוואָליוציע, עמיגרירט ער אין 1920 קיין אויסלאַנד. געשטאָרבּן איז ער אין פּאַריזש. אין 1956 דערשײַנט אין מאָסקווע אַ פינפבענדיקע אויסגאַבּע פון זײַנע ווערק. אי. בונין האָט איבּערגעזעצט אַף רוסיש אַ סאַך ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור (לאָנגפעלאָ, בײַראָן און אַנד.). אים געהערט די ערשטע איבּערזעצונג פון מענדעלע מויכער־ספאָרימס „די קליאַטשע“ (1890).

דאָס זיבעצנטע יאָר

איך זע פאַר זיך אַן אויסגעהאַקטן וואַלד,
אָסינעס הויכע שטייען דאָרט פאַרציטערט,
די הימלען — אָפן צו דער וועלט און קאַלט.
איך פאָר אַרײַן באַנאַכט אין אָט די גיטער —
פון טונקלען טאָלעכל צום סאַמע קאָסאַגאָר.
אין וואַלד עס רויטלען זיך קוים־קוים די קרוינען,
וואָס מיט די שפּיצן שפּיגלען אָפּ ניט־קלאָר
די ווײַטע סרייפעס, וואָס דעם וואַלד ניט שוינען.
איך שטעל זיך אָפּ און קוק אַרום זיך: יאָ,
אַ סרייפע! און — באַ אונדז! כ׳בין גרייט צו שטוינען...
מיט אומרו כ׳טו אַ צי די לייצעס: וויאָ!
ס׳דערטראָגט זיך פון די הייכן, ניט פאַרשטענדלעך,
פונקט ווי אַ רעגן עמעצנס שעפּטשערײַ,
אַ גלײַכגילטיקס צו דעם, וואָס ס׳טוט זיך, ענדלעך,
און וואָס איז שרעקלעך נאָענט, שרעקלעך נײַ.

27 יון 1917

* * *

איך וואַרט אויף אַ געפּיל אַ פרישן.
די יוגנט־טרוימען, יונג און רײַך,
זיך שטויסן, ווי אַ סטאַדע הירשן
באַם וואַסער פון אַ קאַלטן טײַך.

דער שוואַכסטער קלאַנג אין וואַלד אין גרינעם
דערשרעקט די הירשן, און ס׳פאַרהאַלט
דעם אָטעם מײַן געפּיל — אַ סימען,
אַז ביימער רוישן אינעם וואַלד.

26 אוגוסט 1922

גלוסטעניש

ס׳קומט דער האַלבטאָג, עס פויזעט, דרייענדיק זיך טשיקאַווע,
איבערן בוים פון ווײַסן דער סאָטן — אויסגעבויגן און שלאַנק.
הערט מיך אויס, עפּשער ווײַסט איר, וואָס טאָן עס וועט כאַווע
און דער פאַרפירער דער שלאַנג.

כאַווע שיין איז און איימעס מאָוועס — דער סאָטן.
לעבן כאַוועֿן עס ליגן דער לײַב און דער אינד.
שטילערהייט נעמט די פאַווע די פּיירע, וואָס איז פאַרבאָטן,
טראָגט זי אָפּ צו דער יונגפרוי, וואָס ציט זיך פאַרשעמט צו דער זינד.

1952

מאַרינע צוועטאַיעוואַ

* * *

שווער צו זײַן אַ רײַכע און זאַטע,
און די גײַווע איז מיר פרעמד,
נאָר איך וועל פאַר דעם סאָלדאַט ניט
שטיין פאַרלאָרן און פאַרשעמט.

ס׳נעמט די שטאָט דעם ווינט פאַרשעפּן,
די לעוואָנע — איין אַליין.
קיינער וועט מיך הײַנט ניט טשעפּען,
אָרעם כ׳בין, נאָר שטאָלץ און שיין.

פעאָדאָסיע, 1917

* * *

„זײַט מיר מויחל, מײַנע הויך־בערג!
זײַט מיר מויחל, מײַנע טײַכן!
זײַט מיר מויחל, מײַנע פעלדער!
זײַט מיר מויחל, מײַנע גראָזן!"

ס׳טוט אַ ציילעם דעם סאָלדאַט אָן
אָפן האַרץ די מאַמע פּראָסיע,
און עס הערט זיך פון דער כאַטע:
„זײַט מיר מויחל... ווינטער... אָסיען..."

14 מײַ 1918

* * *

שלעפער — דו, וואָס געדענקסט ניט דײַן ייִכעס, —
יוגנט! פול איז די וועלט מיט זינד.
פונעם צימער אין שנייִקע וויכערס
דיך אַרויסגעפירט כ׳האָב אָפן ווינט.

קלינגט דאָס קאָל דײַנס אַזויווי אַ שווערד:
— מאַמע, שער מיר אָפּ די קוטשערן,
ווײַל זיי ציִען מיך צו דער ערד!

1919

* * *

ביז דעם אײַפעל — אַזוי נאָענט,
נעם און קריך אַף אים צו ענד,
נאָר מיר זײַנען אינעם לעבן
שוין געקראָכן אַף די ווענט.

אַזוי אומעטיק און מיִעס
אין פּאַריזש איז אונדז די זעל.
„רוסלאַנד, מײַן רוסלאַנד,
וואָס ברענסטו אַזוי העל?"

1931

מאַרינע איוואַנאָווני צוועטאַיעוואַ (1892—1941) האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע לידער־זאַמלונג („דער אָוונטיקער אַלבאָם") אין 1910. די הויפּט־טעמעס פון איר שאַפונג ווערן ליבע, רוסלאַנד, פּאָעזיע. פונעם 1922 לעבט זי אין אויסלאַנד (טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרײַך). אין משך פון די ווײַטערדיקע יאָרן דערשײַנען פיל אירע פּאָעטישע זאַמלונגען. נאָך דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע קערט זי זיך אום אין 1939 קיין פּסס״ר, פאַרנעמט זיך דעריקער מיט איבערזעצונגען (אי. פראַנקאָ, וואַזשאַ פּשאַוועלאַ, ש. באָדלער, גאַרסיִאַ לאָרקאַ און אַנד.), גרייט אַ נײַע לידער־זאַמלונג. געפינענדיק זיך אין עוואַקואַציע, זיך גענומען דאָס לעבן דעם 31 אווגוסט 1941.

די שטוב

מײַן שטוב, וואָס זי דערמאָנט די צײַט,
ווען גרויע עלטער איז נאָך וויַט, —
די שטוב באַגעגנט (שטרענג די ברעם...):
„גוט־מאָרגן, כ׳זע דיך אײַנדערפֿרעמד...״

דאָס אויג אונטער דער ברעם איז שטרענג,
די גרינע יוגנט מײַנע בענקט.
די שטוב פֿון דאָרטן קוקט אהער
איבער מײַן פּאָנעם רינט א טרער.

6 סענטיאַבער 1931, מעדאָן

* * *

— דײַן ליד איז ניט כּאל
צו האָבן א מײַן.
— מיר ווילן, דער קלאַל
די ליד זאָל פֿארשטיין.

— אין ליד דײַנער שרײַט
דער וואָס־אין־דער־קאָרט.
— מיר ווילן, די צײַט
זאָל קלינגען אין וואָרט.

— פֿינף יאָר. בלויז פֿינף יאָר.
פֿינפֿיאָריקע וואָר.
— איך זוך און געפֿין
יאָרהונדערטער פֿינף!

צי זײַן זאָל, צי ניט
אין רוסלאַנד די ליד, —
ווערט פֿאסקענען הײַנט
דער יוירעש, מיר שײַנט.

14 סענטיאַבער 1931

צום זון

צי פֿון דעם הארץ, צי פֿון פֿארשטאַנד, —
פֿאַר, זונעניו, צו זיך אין לאַנד,
אין קאַנט, וועלכער פֿון קליין מאכט גרויס,
ווו גיין צוריק איז — גיין פֿאָרויס,
אהין דארפֿסט גיין, דו ביסט דאָס קינד,
וואָס רוסלאַנד האָט עס ביז אצינד

באָך ניט געזען. א קינד ביסט מײַנס.
ניין, רוסלאַנדס קינד דו ביסט. מיר שײַנט,
אז אַלץ, וואָס פֿארן אויג, איז דרויב,
אויב ס׳ליגט אָף דעם ניט רוסלאַנדס שטויב.
געשיקט זיך, טראָגן צו דער וויג
מע הארף א זשמעניע ערד דעם קינד:
„אָט דאָס איז רוס, פֿארגעטער בלינד!״

פֿון דעם ניט־דורכגעלעבטן ווײַ,
ווּהין די אויגן קוקן — גײ!

די אויגן — פֿון דער גאנצער וועלט,
אויך דײַנע — בלוי פֿון צאָפֿן־קעלט,
וואָס כ׳שפּיגל אָפּ אין זיי מײַן גרוס,
און זיי געווענדט זײַנען צו רוס!

א ליוב די טיפֿקײַטן דעם גרונטס:
אײַך, ווען וועלט און צײַט געהער, —
אײַך — ווי א רוף — פּ.ס.ס.ר.,
א רוף פּונקט אין דער זעלבער מאָס,
ווי אין דעם יאם דעם בייזן — SOS.

ס׳געדולד דעם היימלאַנדס ווערט שוין אויס.
פֿאַר, זונעניו, אהיים — פֿאָרויס! —
פֿון אונדז — אוועק, אין מאסן־לאַנד,
פֿאַר אין דײַן צײַט, דײַן שאָ, דײַן קאַנט,
אין לאַנד־מע־ווילן! אין לאַנד־מע־שפּאַנט!
אין לאַנד־אָף־מארס! אָן־אונדז־אין־לאַנד!

יאנוואר, 1932

הערשל פּאָליאַנקער

געווען אַמאָל אַ שטעטל

ראָמאַן

דריטער טייל

קאַפּיטל פינף און דרייַסיק

ווען דאָס גליק קערט זיך אָפּ פון דיר

באַפּאָליע איז נאָך געשמאַק געשלאָפן, אייַנגעוויקלט אין אַ געדיכטן ערעוו־באַגינענדיקן נעפּל. אַט האָבן זיך אויסגעשיילט פונעם נעפּל די גרעסערע געסלעך, די סעדלעך, דער פּלאַץ, וואָס ניט ווייַט פונעם מאַרק.

ביסלעכווייַז האָבן גענומען זיך איבערופן פאַרשלאָפענע הינט, און די הענער האָבן אָנגעהויבן דערמאָנען וועגן זיך מיט זייער אייַנגעאַקשנטן קרייען.

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 4, 5, 6, 8, 9, 10, 1987, 1, 2, 1988.

דער פֿאַרשטויבטער און פֿולגעפּאַקטער אויטאָבוס, — אַ סקריפּענדיקער זאַקן, — אין וועלכן די נעשאָמע האָט זיך קוים געהאַלטן, וואָס איז געגאַן ניט געאײַלט מיטן טשומאַקישן שליאַך, האָט אַ סקריפּע געטאָן מיט די טאָרמאָזן, אָפּגעקערעוועט אין אַ זײַט און זיך אָפּגעשטעלט.

אַ טאָרע געטאָן שולאַמיסן מיטן עלנבויגן און גענומען די זאַכן איןביידע הענט, האָט פּעסיע מאַזור זיך דורכגעשטויסן דורך דער ענגשאַפֿט, אַ מאַך געטאָן צום שאָפֿער מיט דער האַנט, אָפּדאַנקענדיק אים, וואָס אירע מאַטערנישן האָבן זיך שוין, ענדלעך, פֿאַרענדיקט און זי איז שוין באַם ציל.

אַלץ אַרום איז געווען עפּעס ווי פֿרעמד. און ווען זי האָט דערקענט די בריק איבערן בוג, וואָס פֿירט צום שטעטל, האָט זיך איר פּאָנעם צעשטראַלט מיט אַ כּיינעוודיק־טרויעריק שמייכעלע:

— זעסט, שולאַמיס, אָט זײַנען מיר שוין געקומען...

— און ווו איז אונדזער שטוב?..

— באַלד וועסטו זי זען, זאָל נאָר דער נעפּל זיך צעגיין אַ ביסל, — האָט די מאַמע געזאָגט און אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פֿונעם אַלטן קאָסטיאָל.

מע האָט זיך געלאָזט גיין צו דער בריק, וואָס איז געהאַנגען איבערן טײַך. שנעל האָט גענומען אָפּטרעטן דער בלאַסער נעפּל. דער פֿרימאָרגן איז געוואָרן אַלץ ליטערער און שענער.

שולאַמיס האָט זיך באַמיט ניט אָפּשטיין פֿון דער מאַמען, טראָגנדיק אויף די פּלייצעס איר וואַליזקע מיטן ביסל האָב־און־גוטס, וואָס זי האָט געפֿירט מיט זיך. שווער אָטעמענדיק, אָן אָנגעלאָדענע מיטן טשעמאָדאַן און מיט אַ היפּשן קלומעק, איז פּעסיע געגאַן מיט דער געדרייטער גרינער סטעזשקע, וואָס לענגויס דעם שטיינערנעם טראָטואַר, זיך אײַנגעקוקט אין די שטיבלעך. זיי דערקענט און ניט דערקענט. דאָס שטעטל, וואָס איז איר געווען אַזוי באַקאַנט, ליב און האַרציק, האָט איצט אויסגעזען עפּעס פֿיל קלענער, נידעריקער, ווי געווען.

אָט קוקט אַראָפּ פֿון דעם קרומען גרינעם בערגל די גראַמע געבײַדע פֿון דער שול, ווו אירע קינדער האָבן געלערנט. אַמאָל האָט די געבײַדע אויסגעזען אַ מוירעדיק גרויסע, ברייטע, נאָר זי איז איצט ווי אײַנגעשרומפּן געוואָרן. דער צעמאַזיקטער קאָסטיאָל איז אויך ווי אַרײַן טיפֿער אין דער ערד. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען ווי אײַנגעשרומפּן און נעבעכדיק. די שטיבער ניט געקאַלכט, אָפּגעשטשיפּעטע ווענט, די פֿלויטלעך באַ די שטיבער צעקרימטע, גלײַך ווי די באַלעבאַטים וואָלטן ניט געוואָלט זיי פֿאַריכטן.

יאָ, לאָזט זיך אויס, אַז ניט בלויז מענטשן, ווען זיי ווערן עלטער, לאָזט מען זיך אַ ביסל אָפּ, — פּונקט אַזוי איז מיט שטעטלעך, געסלעך, הײַזער.

און דאָך האָט זי זיך געפֿילט גליקלעך, וואָס זי איז ווידער געקומען צו דעם שטעטל, ווו עס זײַנען דורכגעגאַן די יאָרן פֿון איר קינדהײַט און יוגנט, ווו זי האָט פֿאַרזוכט קאַלטס און וואַרעמס, זיך דערוווּסט פֿון אַ סאַך גוטסקײַט און בייז.

פֿאַרטאָן אין אירע אומרויִקע געדאַנקען, איז זי צוגעקומען צו איר שטיבל. זי האָט עס קוים דערקענט. פֿונעם געשניצטן פּאַרקן איז גאָרנישט ניט געבליבן, דאָס סעדל, דער פּאַליסאַדניק — ניט באַאַרבעט. וויפֿל קויעך האָט זי אַמאָל דאָ אַרײַנגעלייגט!

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַוועקגעשטעלט אויפֿן גראָז די זאַכן, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך שולאַמיסן און מיט טרערן אין די אויגן אַ זאָג געטאָן:

— זעסט, מײַן קינד, אָט דאָ ביסטו געבוירן געוואָרן... אָט דאָ האָבן מיר אַמאָל געוווינט...

שולאַמיס האָט מיט אַנטוישונג זיך אָנגערופֿן:

— אַזאַ קליינע שטוב?..

זי האָט ניט באַוויזן ענדיקן, ווי עס איז פֿון אַ נאָרע אַרויסגעשפּרונגען אַ לאָכמאַטער הונט מיט אַ שוואַרצער גלאַנצנדיקער פֿעל און אַ שטאַרק בייזער צורע און אַ ביל געטאָן אויף פּעסיען, נאָר מיטאַמאָל ווי ער זאָל זיך פֿאַרשעמען, שטיל געבליבן, גענומען דרייען מיטן לאַנגן עק, וואָס איז געווען באַשטעקט מיט בודזיקעס.

— פֿאַלקאַן... פֿאַלקאַן... — האָט פּעסיע זיך דערפֿרייט, ווען זי האָט דערקענט דעם הונט, וועלכן זי האָט באַם אַרויספֿאָרן איבערגעלאָזט באַ דער שכיינע. זי איז געווען איבעראַשט, וויאַזוי דער קעלעוו האָט נאָך אַזויפֿיל יאָרן צעשיידונג זי דערקענט.

די טיר האָט זיך צעעפֿנט און עס איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער שוועל בראָכע, פּעסיעס אַמאָליקע שכיינע, אויף וועלכער מע האָט איבערגעלאָזט די שטוב פֿאַרן אַוועקפֿאָרן.

אַ מיטלוווּקסיקע עלטערע פֿרוי מיט אַ לענגלעך ליכטיק פּאָנעם, ברייט־צעשטעלטע פֿאַרזאָרגטע אויגן, עטוואָס צעשויבערטע גראָוולעכע האָר, איז געשטאַנען, זיך אײַנגעקוקט אין די פֿריִע געסט, ניט דערקענט און פּלוצעם אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— מאַמע געטרײַע! — איך קאָן שווערן, אַז דאָס איז... נו, אַוואַדע — פּעסיע שויעלס!..

און זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר, שיר ניט אומגעוואַלגערט פון די פיס און זי אײַנגעקלעמט אין אירע אָרעמס.

— פעסיע, געזונט זאָלסטו זײַן! און איך האָב דיך פון דער אָדראַזע ניט דערקענט... ווערסט רײַך ווערן!..

אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט פון איר, קעדײַ זי בעסער באַטראַכטן, האָט זי איבערגעפירט דעם פײַכטן בליק אויף דעם מיידעלע:

— און דאָס וואָס איז, פעסיע?

— וואָס זשע, בראָכע, דו דערקענסט דען ניט מײַן מיזינקע, שולאַמיס? געדענקסט ניט, ווי דו האָסט זי געניאַנטשעט?

— מײַן גאָט! — האָט בראָכע אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, — זע נאָר, זע נאָר, אַ גאַנצע באַרישניע... אַ קאַלע־מויד! אַ געזונט דיר אין דײַנעביינער! — און זי האָט ארומגעכאַפּט דאָס כיינעוודיקע מיידעלע און עס געגנומען קושן און האַלדזן. שולאַמיס האָט זיך געפּרוּווט ארויסרײַסן פון אירע הענט. אַרום איר האָט זיך געדרייט פּאַלקאַן. דער קעלעוו האָט דערשמעקט, אַז אין דער וואַליזקע ליגט נאָך עפּעס פאַר אים און אַז בײַ דעם מיידעלע וועט ער קאָנען עפּעס נאַשן.

— מײַנע טײַערע, וואָס זשע שטייען מיר בײַ דער שוועל! — האָט בראָכע אויסגעשריִען, — אַזעלכע טײַערע געסט געקומען! איז קומט אַרײַן אין שטוב, טוט זיך אויס... אָט לויף איך צו דער קרענעצע נאָך פרישער וואַסער, וועט איר זיך ארומוואַשן פונעם וועג... אָט הייץ איך אײַן אין אויוון און וועל אָפּבריִען מילך, שטעלן יונגע קאַרטאָפּליעס קאָכן. אַ הערינג האָב איך, גיסט זיך פון אים די שמאַלץ... קומט אין שטוב, פילט זיך ווי בײַ זיך אינדערהיים... און איר זײַט דאָך טאַקע אינדערהיים!..

זי האָט געהאָלפן אַרײַנטראָגן די זאַכן אין שטוב אַרײַן, דערנאָך האָט זי געכאַפּט דעם עמער און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער קרענעצע נאָך וואַסער.

בראָכע האָט ניט געוווּסט, ווּ אַוועקזעצן די טײַערע געסט. לויט איר שײַנענדיק פּנים איז געווען צו זען, אַז זי איז גליקלעך, וואָס זי האָט הײַנט אין שטוב איר אַמאָליקע געטרײַע כאַווערטע פעסיען מיט איר קינד.

— פעסיע, טײַערינקע, טו זיך אויס און זעץ זיך צו... אָט באַלד וועט איר זיך ארומוואַשן, איך וועל אײַך אָנהאָדעווען, ווײַל, ווי האָט געזאָגט דײַן שויעל, ער זאָל בײַ דיר געזונט און שטאַרק זײַן: קוידעמקאָל דאַרף דער גאַסט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, ווײַל אַ טענצל גייט ניט פאַרן עסן... — די דאָזיקע ווערטער האָט זי אויסגעשריִען, לויפנדיק צו דער קרענעצע.

יאָ... מע וועט זיך פריִער אָנעסן און אָפּרוען... אַזוי האָט געזאָגט בראָכע. נאָר אַלץ הייסט געזאָגט! כאָטש בראָכע איז שוין אין פעסיעס יאָרן, נאָר עס האָט זיך נאָך בײַ איר פאַרהיט אַ שטאַרק קאָל נאָך פון די פריִערדיקע צײַטן, ווען בראָכע איז געווען אין באַרימטן באָפּאָליער דראַמקרײַז און זי האָט געזונגען אויף דער בינע — אַ מעכײַע געווען צו הערן. פאַר איר שטים האָט דאָס שטעטל זי ליב געהאַט און גערופן שטענדיק אויף אַלע יאָמטויוויום און מאָלצײַטן. איר זינגען האָט מען פאַרגעדענקט אויף שטענדיק. איז טאַקע ניט קיין כידעש, וואָס איר קאָל איז דערהערט געוואָרן אין די ארומיקע שטיבער, ווען זי האָט אָקאָרשט באַגעגנט פעסיען מיט איר קינד.

דער אוילעם איז ארויסגעלאָפן פון די הײַפלעך און זיך געלאָזט צו בראָכען זיך דערוויסן, וואָס איז געשען. און דאָ האָט מען דערזען פעסיען. מע האָט ארומגערינגלט די געסט פון אַלע זײַטן, זיך געקושט, געוויינט און געלאַכט.

אַזויפיל יאָרן זיך ניט געזען! און עס האָט זיך יעדן איינעם געוואָלט וויסן, וואָס און ווען. שוין לאַנג איז אינעם געסל ניט געווען אַזוי לעבעדיק, ווי אַצינד. מע האָט פעסיען גערופן צוגאַסט, געבעטן דערציילן, וואָס איז דאָס אַזוינס — ביראָבידזשאַן, ווײַל דאָס, וואָס מע שרײַבט וועגן דעם קאַנט אין די בלעטער, גיט ניט קיין גאַנצע פאָרשטעלונג, און אָט איז געקומען אַ לעבעדיקער מענטש פון דאָרטן.

און כאָטש פעסיע האָט זיך אָפּגעשלאָגן, זיך געבעטן, מע זאָל זי ניט טשעפּען, זי קאָן ניט ריידן פאַר אַ גרויסן אוילעם, זאָל מען קומען צו איר, וועט זי עפּעס דערציילן, נאָר פאַר אַ גרויסן אוילעם — גאָט באַהיט! האָט עס איר ניט געהאָלפן און זי האָט געמוזט גיין, וווּהין מע האָט זי אײַנגעלאַדן, ווײַל אין שול האָט מיט יאָרן צוריק געלערנט איר זון דאָווידקע און נאָך פריִער — ליזע און אַנדערע אירע קינדער. און וואָס איז שײַעך דעם זקיינים־הויז — פלעגט אַהין אָפטלעך אַרײַנקומען שויעל, איר מאַן, וועלכער האָט ניט ווייניק געהאָלפן די מענטשן פונעם הויז.

טעג זײַנען געגאַן, און פעסיע האָט ניט געקאָנט געפינען קיין פרײַע צײַט זיך אָפּרוען, זיך ארומקוקן.

יעדעס שטיינדעלע, יעדעס ביימל, יעדעס בערגל איז איר געווען נאָענט ביז ווייטיק. זי האָט יאָ דערקענט און ניט דערקענט איר לײַבלעך שטעטל. עס האָט דאָ געפעלט די אַמאָליקע לעבנסלוסטי-

קײַט. דער אוילעם האָט זיך געעלטערט. עס האָט אויסגעפּעלט דער אַמאָליקער געפּילדער פֿון קינדער אױף די גאַסן און געסלעך, אױפֿן ברעג טײַך. ניט געווען קיין יונגע מיידלעך און באָכערים, און אין די שיינע פֿאַרנאַכטן, ווען די לעוואָנע האָט געבלאָנקעט אינעם בלויען הימל, האָט מען ניט געהערט די האַרציקע ליבע לידלעך, וואָס פֿלעגן זיך אַמאָליקע יאָרן צעגיין מאַמעש אין יעדן אייוער. די יוגנט האָט פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל, זיך אַוועקגעלאָזט אין דער גרויסער וועלט אַרײַן, און דאָ זײַנען איצט געבליבן די עלטערן, פֿון וועלכע די פֿרייד און אַמאָליקע לוסטיקייט זײַנען אויך ווי ערגעץ אָפּגעטראָטן.

יאָ, אײַנגאַנצן ניט דאָס, וואָס פֿריִער, וואָס אַמאָל, נאָר דאָך איז עס געווען אַ לעבעדיק, פּולבלוטיק שטעטל. און כאָטש די יוגנט איז דאָ שוין ניט געווען, דאָך האָבן די עלטערע ווי־ניט־איז זיי פֿאַרביטן. אין קלוב זײַנען פֿון צײַט צו צײַט פֿאָרגעקומען אָוונטן, דאָס דראַמקרײַזל האָט נאָך געשפּילט „טעוויע דער מילכיקער" און „צוויי קונילעמלעך". דער כאָר האָט געזונגען און די באַפֿאַליער קלעזמער האָבן נאָך ניט פֿאַרוואָרפֿן אױף די בוידעמער זייערע אינסטרומענטן. עמעס, קלעזמער זײַנען געבליבן געציילטע, דערצו נאָך ניט יענע, וועלכע האָבן אַמאָל באַצויבערט דעם אוילעם מיט זייער שפּילן, נאָר דאָך האָט מען צוביסלעך געשפּילט, און מענטשן, הערנדיק די קליינינקע קאַפּעלע, האָבן זיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע יאָרן...

פֿון דעם אַלעמען איז שווער געווען אױפֿן האַרצן. און פּעסיע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ווײַטער וועט דאָס שטעטל ווערן נאָך שיטערער, נאָך אומעטיקער, ווײַל די צײַט האָט זיך געענדערט און ווי נאָר די כעוורע פֿאַרענדיקן די שולן, פֿאָרן זיי אַוועק, און אַהער, צו טאַטע־מאַמע, קומען זיי אָדער אױף אַ גרויסן יאָמטעוו אָדער אױף קייווער־אָוועס...

פּעסיע מיט דער טאָכטערקע האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג. עס האָט זיך שוין געדאַרפֿט אײַנגיכן ענדיקן איר אורלויב, און דער וועג איז דאָך אַ ווײַטער. דערצו נאָך האָט זי געוואָלט זײַן אַ פּאָר טעג אין מאָסקווע, באַ דער טאָכטער. עמעס, ווידער זיך באַגעגענען מיט בערנאַרד בענעדיקטאָווישן האָט זיך ניט געוואָלט, אָבער ליזע איז דאָך איר טאָכטער, און ליזעס קינד איז איר, פּעסיעס, ערשט אייניקל, ווי זשע קאָן מען דורכפֿאָרן און זיך ניט אָפּשטעלן כאָטש אױף אַ פּאָר טעג?

און זי האָט אונטערגעצײַלט די איניאָנים אירע. עטלעכע מאָל געקומען אױפֿן בעסוילעם צו די עלטערן און אורעלטערן. פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, האָט זי פֿאַריכט, געבראַכט אין אָרדענונג די קוואָרים, די מאַצייוועס, זי האָט מיט שוואַרצער פֿאַרב באַנײַט די אויפֿשריפֿטן אױף די שטיינער, זיך גוט דורכגערעדט מיט די אָוועס, זיך אָנגעזעגנט, ווי אַן עלטערע פֿרוי קאָן, בייס זי שטייט באַ די קוואָרים פֿון אירע ליבע און טײַערע.

און, דאַכט זיך, אויסגעפּילט אַלע אירע דײַגעס — זי האָט שוין געקאָנט זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

נאָר שולאַמיס האָט זיך צעבונטעוועט. איר איז דאָ שטאַרק געפֿעלן געווען. זי האָט זיך דאָ באַקענט מיט אַ כאָפּטע מיידעלעך און ייִנגעלעך, און מע איז אַלע גאַנצפֿרי געלאָפֿן צום בוג, זיך געוואָלגערט אױף דעם זילבערנעם זאַמד, געשפּרונגען איבער די מאָכיקע פֿעלדזן, וועלכע האָבן געטאָרטשעט פֿונעם וואַסער, שאָענלאַנג זיך געפּליוסקעט אױף די זויבערע כוואַליעס. זי האָט זיך באַפֿרײַנדעט מיט דער לעבעדיקער לוסטיקער כעווריַע שילער און עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז מע איז שוין באַקאַנט און באַפֿרײַנדעט ווייסעך וויפֿל צײַט.

ניין, שולאַמיס האָט זיך דאָ געוואָלט פֿאַרהאַלטן נאָך עטלעכע טעג, זי פֿילט זיך דאָ גוט אױפֿן טײַך, מיט די מיידעלעך און ייִנגעלעך, דערצו נאָך איז פֿאָלקאַן איר נאָכגעגאַן פּוסטריט, ניט געלאָזט אױף איר קיין שטויבעלע פֿאַלן.

שולאַמיס האָט זיך באַרימט פֿאַר אירע נײַע כאַווערטעס, אַז זי וועט מיטנעמען מיט זיך פֿאָלקאַנען קיין ביראָבידזשאַן, דאָרטן וועט ער זיך פֿילן אַ סאַך בעסער, ווי דאָ, ווײַל די מומע בראָכע לאָזט אים ניט אַרײַן אין שטוב, אַפֿילע ווען אין דרויסן איז קאַלט. זי האַלט פֿאָלקאַנען אינעם בײַדל, וואָס לעבן דער טיר, האָדעוועט אים דאָרטן, באַלעוועט אים ניט, שפּילט זיך מיט אים ניט, און ביכלאַל איז אים דאָ ניט גוט. וועט זי אים מיטנעמען מיט זיך.

בראָכע האָט געבעטן, זיי זאָלן ניט אײַלן אַהיים, זאָלן זיי זיך דאָ אַ ביסל אָפּרוען, ווײַל דער וועטער איז איצט זייער אַ גוטער, אָט וועלן זיך יאַווען אײַנגיכן גרויסע קאַרשן. אין וואַלד איז איצט אַ סאַך פּילניצעס. אין מאַרק איז פֿול מיט טרוסקאַווקעס, יונגע קאַרטאָפֿל, ציבעלקעלעך, רעטעכלעך...

און פֿון דער היים זײַנען געקומען בריוו. שויעל האָט געבעטן זיך לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן, די קינדער האָבן געשריבן, אַז זיי בענקען שטאַרק נאָך דער מאַמען און שולאַמיסן.

אי עס האָט געצויגן אַהיים, אי עס האָט זיך נאָך געוואָלט אַ ביסל פֿאַרברענגען. צווישן יאָ און ניין איז געגאַן די צײַט. שולאַמיס האָט זיך אײַנגעאַקשנט: זי וויל נאָך אַ קאַפּעלע זיך פּליוסקען אין טײַך. זי קאָן זיך ניט צעשיידן מיט די כאַווערטעס, מיט פֿאָלקאַנען. זי וואָלט אים גענומען מיט זיך, זאָגט מען אָבער, אַז מע וועט אים ניט אַרײַנלאָזן אין וואַגאָן. און אויב זי וועט זיך מיט אים דורכשמוגלען, אים אויסבאַהאַלטן, וועלן אים די קאָנדוקטאָרס דערזען און אַראָפּטרײַבן פֿונעם וואַגאָן אינמיטן

סטעפּ. וווּהין זשע וועט ער זיך אַהינטאָן? דאָ האָט ער כאָטש זײַן בײַדל און ווי־ניט־איז לעבט ער זיך לעבן דער מומע בראָכע... אין סטעפּ וועט ער פֿאַרפֿאַלן ווערן. די ווילדע כײַעס וועלן זיך אַף אים אַרופֿוואַרפֿן און צערײַסן אַף שטיקער.

אין אַן אויסגעשטערנטער יונג־נאַכט, טראַכטנדיק וועגן דעם וויסטן גורל פֿון איר פֿאַלקאָנען, איז שולאַמיס געשמאַק אײַנגעשלאָפֿן, און עס האָבן זיך אין קאָפּ געבאָמבלט שײנע כאַלוימעס. די לעוואָנע האָט אַרײַנגעקוקט אינעם צעעפֿנטן פֿענצטער און באַשײַנט דעם מײדלס פּאָנעם.

די מאַמע איז זיך ביז שפּעט פֿאַרזעסן אַף דער פּריזבע מיט דער מומע בראָכע. פֿאַר די אַלע טעג האָט מען אַ סאַך גערעדט, נאָר, לאָזט זיך אויס, אַז דאָס סאַמע וויכטיקסטע האָט מען נאָך ניט דערעדט. און אין אַ פּאָר טעג אַרום פֿאָרט שוין פּעסיע מיט שולאַמיסן אַהײם. שוין פֿאַראַן בילעטן.

נאָך האַלבער נאַכט האָט מען פֿאַרלאָזט די פּריזבע, אַרײַנגעגאַן אין שטוב און זיך געלײגט שלאָפֿן.

מע איז אַ ביסל אָפּגעשלאָפֿן, און פּלוצעם האָט זײ אױפֿגעטאָרעט פֿון געשמאַקן שלאָף אַ מוירע־דיקער דונער. די שטוב האָט געגומען זיך הוידען, ווי בעשאַס אַן ערדציטערניש. די פֿענצטער האָבן געקלונגען. פֿאַלקאַן איז אַרויס פֿון זײַן בײַדל און אױפֿגעהויבן אַ שרעקלעכן געוואָי. ניט ווײַט האָבן זיך אויפֿגעהויבן כמאַרעס רויך און פֿלאַם. דער הימל איז פֿול געוואָרן מיטן רעווען פֿון שווער־געלאָדענע עראָפּלאַנען.

וואָס איז דאָס?

וואָס איז געשען אין אַזאַ פֿריִער שאָ, ווען גאָט אַלײן איז נאָך פֿאַרזונקען אין שלאָף?

אַ טויט־דערשראָקענע, איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער שטוב פּעסיע און פֿאַריסן דעם קאָפּ צום הימל, וואָס איז שוין געווען דורכויס רויט. אַ שטאַרקער ווינט האָט געווײעט פֿון יענער זײַט טײַך, פּונעם טראַקט און דערטראָגן אַהער דעם שווערן גערוך פֿון סרײפעס.

וואָס איז געשען? וואָס רעוועט אַזוי אין הימל? פֿאַרוואָס ווערט ער אַלץ רויטער און פֿאַרכמאַ־רעטער פּונעם שטיקנדיקן רויך?

אױפֿן טונקל־בלויען פּאָן פּונעם הימל האָבן זיך דײַטלעך אָנגעזען סילועטן פֿון אַ גאַנצער סטײַע עראָפּלאַנען. זײ זײַנען געפֿלויגן נידעריק. מע האָט אָנגעזען, ווי עס טײלן זיך אָפּ פֿון זײ גלאַנצנדיקע

שטיקער און, צעטראַגנדיק איבערן ארום א ווילד פײַפערײַ, פאלן זיי, די דאָזיקע שטיקער, אַף דער ערד, אופהייבנדיק אפן טראקט פאָנטאנען ערד, צווײַגן, שטיינער.

פון אלע הײַזער זײַנען ארויסגעלאָפן מענטשן — האלב־נאקעטע, דערשראָקענע, צעשויבערטע. עס האָט זיך געהערט ארום א געוויין, א געשריי. קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס דאָס הייסט, וואָס איז געשען? וווהין פליִען אָט די מיִעסע כײַעס, וואָס רײַסן שטיקער פון דער ערד, וועלכע איז אזוי שיין און כיינעוודיק אונטער דער שײַן פון דער פולער לעוואָנע?

פעסיע איז געשטאנען, צוגעשפארט צו דער וואנט פון איר הויז און מיט פאכעד געקוקט אַף דער טשאטע אעראָפּלאנען. עמעצער פון די שכיינים האָט געזאָגט, אז ניט ווײַט געפינט זיך אן אעראָדראָם און דאָס פליִען די אעראָפּלאנען אַף מאנעווערס. נאָר אויב אזוי, האָט אן עלטערע פרוי איבערגעשלאָגן, פארוואָס זשע ווארפן זיי באָמבעס?

— און עפשער זײַנען דאָס דײַטשישע...

— מעשוגע מײַנע סאָנים! מע האָט דאָך ניט לאנג אונטערגעשריבן מיט זיי אן אָפּמאך... מע זאָל ניט טשעפּען איינער דעם צווייטן.

— וואָס זשע, איר ווייסט ניט, וואָס דאָס איז פאר א כײַע היטלער? פון דעם מאלעכהאמאָוועס קאָן מען אלץ דערווארטן...

— דער הונט האָט אונדז אָפּגענארט און אָנגעפאלן אומדערווארט.

פעסיע האָט געפילט, אז עס איז געקומען אַף דער ערד א מוירעדיקער אומגליק און קיינער קאָן זיך ניט פאַרשטעלן, וואָס עס וועט זײַן.

זי האָט א טראכט געטאָן וועגן איינס: וויִאזוי קלײַבט זי זיך ארויס מיטן קינד פונדאנען? זי האָט זיך אופגעגעסן לעבעדיקערהייט, לעמײַ איז זי צוריק מיט עטלעכע טעג ניט ארויסגעפאָרן? זיך דערווארט...

דער ארום האָט אלץ ניט אופגעהערט הודיען פון די באָמבארדירער, דאָס זײַנען אלץ געגאַן, ווי אַף א פאראד, אַף מיזרעך, אהין, ווו עס געפינט זיך די אײַזנבאן, ווו עס האָט זיך פאנאנדערגעשפרייט פון יענער זײַט וועלדער דער מיליטערישער אעראָדראָם און ווו עס געפינען זיך אונדזערע אעראָפּלאנען... פון יענער ריכטונג האָט זיך אהער דערטראָגן א טעמפּער געברום פון אופרײַסן. מיט יעדן מאָל איז דער האָריזאָנט געוואָרן אלץ מער פארכוישעכט פון רויך־כמארעס און פײַער־פלאמען.

שולאמיס איז געשטאנען א שווײַגנדיקע, אן איבערגעשראָקענע לעבן דער מאמען, זי שטײַף ארומגענומען, האָט געציטערט פון פאכעד און די ציינער האָבן בא איר געקלונגען. פאָלקאן האָט זיך געלאשטשעט בא אירע פיס, אן אנדערש מאָל וואָלט שולאמיס ארומגענומען דעם צוגעלאָזענעם קעלעוו, אים צוגעדריקט צו זיך, געזאָגט צארטע ווערטער און אים ארויסגעטראָגן פון דער שטוב עפּעס א נאשערײַ. נאָר איצט איז דעם מיידל גאָרנישט ניט געוועזן ליב, טײַער. זי האָט געזען דער מאמעס פארווייינטע אויגן, און קוים אײַנגעהאלטן דאָס געוויין, וואָס האָט זי געשטיקט. שולאמיס האָט, פונקט ווי די מאמע, געפילט, אז עס איז געשען עפּעס שרעקלעכס.

און ארום האָט זיך אלץ פעסטער ארומגעטראָגן דאָס שרעקלעכסטע וואָרט: „א מילכאָמע...“ „דער מאלעכהאמאָוועס היטלער איז אָנגעפאלן אַף אונדז...“

מע האָט זיך שוין ניט געדארפט אָנשטויסן. פון מײַרעוו זײַנען געגאַן אלץ נײַע טשאטעס שפּארבער, שווער־געלאָדענע, פּרעכע, עקלדיקע, מיט שווארצע קרייצן אַף די פליגלען, דאָ און דאָרט האָבן זיי געשלײַדערט פײַפנדיקע, גרילצנדיקע באָמבעס, און אין פארשיידענע זײַטן האָבן זיך געהויבן צום הימל נײַע און נײַע כמארעס רויך, שטויב, ציִנגער פלאם־פײַער, זיי האָבן געזייט איבער דער ערד טויט, שרעק, אומגליק.

פעסיע איז געשטאנען, ווי א צוגעשמידטע צום אָרט, און זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן, וואָס זי דאַרף טאָן. לויט דעם, וואָס זי האָט געזען און געהערט פון די שכיינים, האָט זי פארשטאנען, אז דאָס האָט זיך אָנגעהויבן א מילכאָמע. זי האָט א טראכט געטאָן, אז וויבאלד אזוי, וועט איר דאָווידקע גלײַך דארפן נעמען א ביקס און אוועקגיין אין זײַן טייל, וואָס געפינט זיך אַף דער סאמע גרענעץ. אויב היטלער האָט דאָ אָנגעהויבן א מילכאָמע, האָט זי א טראכט געטאָן, וועלן געוויס, די יאפּאָנישע סאמורײַען וועלן אָנפאלן אפן לאנד פון יענער זײַט.

אין אזא שרעקלעכער צײַט דאַרף זי זיך געפינען אזוי ווײַט פונעם זון, פון דער פאמיליע, פון די קינדער און אייניקלעך, פון דער שטוב. וויִאזוי דערקלײַבט מען זיך איצט אהיים און וואָס הייבט מען אָן טאָן?

זי האָט געכאפּט פאר דער האנט שולאמיסן, ארײַנגעלאָפן אין שטוב, באפוילן זיך גלײַך אָנטאָן. מעט וועט זיך לאָזן צו דער סטאנציע. עפשער וועט מען אָנטרעפן אַף א צוג. מע מוז זיך ארויסרײַסן פונדאנען אהיים, צו די אייגענע. אָט דאָ טאָר מען ניט פארבלײַבן קיין איבעריקע מינוט. באנאנד איז די גרענעץ. אָט דאָ ניט ווײַט געפינט זיך פוילן און דאָרטן געפינט זיך היטלער מיט זײַנע בלוטיקע

טאַליאַנים. זיי קאָנען דאָ אין עטלעכע שאָ ארום זיך אַרײַנרײַסן. סאַראַ קויער רײַסט זיך אַהער! דאָס איז צו זען לויט די הונדערטער שווערע עראָפּלאַנען, וואָס פליִען אַף מיזרעך און צינדן, פאַרניכטן אַלץ אַף זייער וועג.

פעסיע האָט געכאַפּט אירע זאַכן און אָנגעהויבן אוועקשלײַדערן יענע, אָן וועלכע זי קאָן זיך אין וועג באַגיין. זי האָט געכאַפּט דאָס סאַמע נייטיקסטע, געמאַכט פאַר זיך און שולאַמיסן קליינע קלומעקלעך.

בראָכע האָט עס דערזען, איז זי דערציטערט געוואָרן.

— וואָס טוסטו, פעסיע־לעבן? — האָט זי געוואָלט זיי אָפּשטעלן און איבער אירע בלאַסע עטוואָס אײַנגעפאַלענע באַקן זײַנען געפלאָסן טרערן.

— איך וועל זיך לאָזן צו דער סטאַנציע, בראָכע... עפּשער וועלן מיר זיך דורכרײַסן אַהיים...

— וואָס רעדסטו? וואַרט. מע ווייסט דאָך ניט, וואָס איז געשען... וווּהין וועסטו איצט גיין? וווּהין וועסטו לויפן? קאָנסט, כאַלילע, אַרײַנפאַלן אין די בלוטיקע לאַפּעס פון די פאַשיסטן...

— וואָס זשע טוט מען?

— מע דאַרף וואַרטן... מע וועט זיך עפּשער אײַנגיכן עפּעס דערוויסן. וווּהין וועסטו זיך שלעפּן אַזאַ וועג? אויב עס איז באַשערט שטאַרבן, אומקומען, איז גלײַכער בא זיך אין שטוב...

— נאָר דאָרטן וואַרט אַף מיר שויעל, די מישפּאָכע, ווי קאָן איך דאָ בלײַבן?

— וועסט דערוויַל אין ערגעץ ניט לויפן. וואָס עס וועט זײַן מיט אַלעמען, וועט זײַן מיט אונדז... — האָט בראָכע געזאָגט און באַזעצט די פאַרצווייפלטע כאַווערטע אַף אַ טאַבורעטקע, איר אונטערגעטראָגן אַ קוואָרט קאַלטע וואַסער.

די צײַט איז געגאַנגען, און באַפּאָליע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אופגעברויזטן, אין אַן אופגערודערטן בינשטאָק. אומעטום, אַף יעדן ראָג, אַף יעדן קרייצוועג זײַנען געשטאַנען רעדלעך מענטשן, גערעדט, זיך געאַמפּערט. די ערשטע שאָ האָט מען נאָך יאַקאָס געגלייבט, אַז דאָס האָבן זיך אָנגעהויבן בא אונדז מאַנעווערס, נאָר הערנדיק די מוירעדיקע אופרײַסן, קוקנדיק אַף די וואָלקנס רויך און פײַער, שפּירנדיק נאָך די שווער־געלאָדענע באָמבאַרדירער מיט די שוואַרצע קרייצן אַף די פליגל, וועלכע זײַנען געגאַן פון מײַרעוו אַף מיזרעך, פון דער דײַטשישער ריכטונג, האָט מען פאַרשטאַנען, סאַראַ אומגליק עס האָט אויסגעבראָכן.

און יעדער האָט גערעדט און דערוויזן דאָס, וואָס עס איז אים געקומען אַפן געדאַנק. אָבער קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס מע דאַרף טאָן און וווּהין זיך אַהינטאָן.

די יונגעלײַט האָבן זיך געקליבן אין ראַיאָן, אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, מע זאָל זיי אָפּשיקן אין די טיילן, וווּהין מע איז צוגעשריבן. די עלטערע האָבן געטראַכט, אַז מע דאַרף זיך ווי־ניט־איז אַרויסרײַסן ווײַטער פון דער גרענעץ. און דער זייגערמאַכער עליאָקום וועקסלער האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף אין ערגעץ ניט לויפן, מע דאַרף בלײַבן בא זיך אין די הײַזער.

— און אויב די פאַשיסטן וועלן אַהער קומען?

עליאָקום וועקסלער האָט געהאַט אַף דעם אַ גלײַכן ענטפער.

ער געדענקט יענע צײַט, דאָס הייסט, דאָס אַכצנטע יאָר, ווען עס זײַנען אַהער געקומען די דײַטשן, די קייזערישע גוואַרדיע. פאַרשטייט זיך, זיי האָבן געראַבעוועט אוקראַיִנע, דורכגעפירט עקזעקוציעס, נאָר אויסהאַרגענען גאַנצע שטעטלעך און דערפער, פאַרברענען, דערשטיקן — דאָס ניט! עס לייגט זיך אויך איצטער ניט אַפן זינען, אַז די דײַטשן זאָלן האַרגענען, קוילען גלאַט אַזוי. זיי פירן דאָך ניט קיין מילכאָמע מיט פרידלעכע מענטשן, אַלטע לײַט, קינדער...

— וואָס דרייט ער אַ ספּאָדעק, עליאָקום? — איז אַרויס פון די קיילים דער קאָניוך פונעם יידישן בײַשטעטלשן קאָלווירט זיסיע מאָזעס, — וואָס פאַרגלײַכט דער לעץ יענע דײַטשן צו דעם קוילער היטלער? וואָס זשע, ער האָט ניט געהערט, עליאָקום וועקסלער, וואָס די פאַשיסטן האָבן געטאָן מיט וואַרשע? אויסגעגלײַכט די שטאָט מיט דער ערד, פאַרטריבן טויזנטער אומשולדיקע מענטשן אין די טויט־לאַגערן... אַבי פלאַפּלען מיט דער צונג!..

דער אוילעם האָט זיך אוועקגעלאָזט צום יישעוו־ראַט, עפּשער קאָן מען זיך דאָרטן עפּעס דערוויסן? נאָר דאָרטן האָט קיינער ניט געקאָנט ענטפערן אַף די טויזנט פראַגן, וואָס זײַנען אופגעקומען צווישן אוילעם. און נאָך האַלבן טאָג, ווען אין ראַדיאָ האָט מען איבערגעגעבן די שרעקלעכע ידיִע, אַז דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אַף אונדזער לאַנד און לענגויס אונדזערע גרענעצן גייען פאַרביטערטע שלאַכטן, האָט דער פאָרזיצער פון יישעוו־ראַט, בוניע וואַקסמאַן, און דער פאָרזיצער פונעם יידישן קאָלווירט, פרידל לעמבערג, צוזאַמען מיטן פאָרזיצער פונעם שכייִנעסדיקן אוקראַיִנישן קאָלווירט, מיקאָלע זאַריצקי, אַף פערד רײַטנדיק, זיך אוועקגעלאָזט אין ראַיאָן זיך דערוויסן, וואָס מע דאַרף טאָן.

מע האָט זיך אומגעקערט, ווען די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט צום האָריזאָנט. געקומען פאַרצווייפלטע, דערשיטערטע, מיט שווערע ידיִעס. עס איז ביטער, וואָס ביטער הייסט! די פאַשי־

סטישע קאַהאָרטעס רײַסן זיך אױף זײערע טאַנקען טיף אין לאַנד צו אונדז, און די געפֿאַר װערט מיט יעדער שאָ אַלץ גרעסער.

אײַנמיטן דער נאַכט האָט מען אױפֿגעהױבן פֿון די געלעגערס די יונגע כװורע, די פּריזיװניקעס, אױפֿגעזעצט אױף עטלעכע װעגענער, אײַנגעשפּאַנטע אין די בעסטע פֿערד, און אָפּגעשיקט אין ראַיאָן. צוזאַמען מיט זײ האָט זיך אַװעקגעלאָזט אַ גאַנצע גרופּע מיטליעריקע מאַנצבלען, קעדײ פּרײַװיליק אַװעק אױפֿן פֿראָנט.

מאַמעס, קאַלעס, שכײנים האָבן אַרױסבאַגלײט די קאַלאָנע מיט געװײן ביזן טראַקט, און זיך אומגעקערט דערשראָקענע, פֿאַרצװײפֿלטע, ניט װיסנדיק, װער װעט זײ פֿאַרטײדיקן, אױב די הענקער װעלן זיך פּרוּװן אַהער אַרײַנרײַסן?

דער נײַער פּרימאַרגן האָט קײן גוטס ניט געבראַכט. די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן שרעקלעכע ידיעס. דאָס, װאָס אײניקע מענטשן האָבן נעכטן געזאָגט, אַז מע װעט אָפּשטעלן דעם סונע אױף דער גרענעץ, אים דערלאַנגען אַ פּאָר גוטע טױט־קלעפּ און אונדזערע װעלן אָנלערנען די אָקופּאַנטן אַזױ, אַז זײ װעלן פֿאַרזאָגן קינדס קינדער מער ניט קריכן אַהער מיט געװער, — דאָס אַלץ איז בלױז געװען אַ טרױם. דער סונע איז געװען שטאַרק און געקראָכן אַלץ טיפֿער אין לאַנד, גרױער זײַענדיק אונדזערע העלדישע טײלן, װעלכע האָבן געפּרוּװט אָפּשטעלן די צעיושעטע היטלערישע קאַהאָרטעס. און ידיעס זײַנען אָנגעקומען אַלץ שרעקלעכערע.

די אײַזנבאַן, װאָס האָט זיך געפֿונען װײַט פֿון באַפּאַליע, האָבן די דײַטשן צעבאָמבירט און אין יענער ריכטונג איז שױן ניט געװען קײן זין צו גײן. מעגלעך, אַז מע װאָלט נאָך געקאָנט זיך דורכרײַסן קײן װיניצע, קײן פּראָסקוראָװ, נאָר אַהין איז געװען זײער װײַט און װער װײסט, װאָס עס טוט זיך אױף די שליאַכן? מע גיט איבער, אַז די דײַטשן װאַרפֿן אַרױס דאָ און דאָרטן דעסאַנטן, אױטאָמאַטלער און אַפֿילו טאַנקיסטן...

פּעסיע האָט זיך אַװעקגעלאָזט צו פֿרידל לעמבערגן. זי האָט אים געפֿונען אין הױף פֿון דער קאָנטאָר פֿון אַרטעל. ער איז אױף זיך ניט געװען ענלעך — פֿאַרװאַקסן, אױסגעמאַטערט, מיט רױטע אױגן פֿון שלאָפֿלאָזע נעכט, פֿון שרעקלעכע יסורים. זי האָט אים לאַנג ניט געדאַרפֿט דערקלערן, אין װאָס פֿאַר אַ לאַגע זי איז געבליבן דאָ. ער האָט עס אַלײן גוט פֿאַרשטאַנען. װאָס האָט ער איר געקאָנט זאָגן? די פֿערד האָט ער אָפּגעשיקט אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט. די עטלעכע פֿערדלעך, װעלכע זײַנען איבערגעבליבן, װעט מען מאָרגן באַגינען אײַנשפּאַנען און זײ װעלן זיך לאָזן אױף מיזרעך מיט דער טשערעדע בעהײמעס, ציגן, שאָף... אַזאַ איז דער באַפֿעל. זיסיע מאָזעס װעט זײַן דער עלטסטער איבערן הורט, װאָס װעט זיך עװאַקוירן. און דער אײַנציקער אױסװעג פֿאַר פּעסיען, זי זאָל זיך באַװעגן צוזאַמען מיטן הורט. אַן אָרט אױף אַ װאָגן װעט זיסיע מאָזעס איר געבן...

דער פֿאָרזיצער פֿון אַרטעל פֿרידל לעמבערג איז געװען דערצאָרנט, װאָס מער האָט ער דער פֿרױ מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפֿן. ער האָט איר ניט דערציילט, אַז אַלײן װעט ער דאָ פֿאַרבלײַבן, און אױב דער דײַטש װעט זיך אַהער אַרײַנרײַסן, װעט ער מיט אַ גרופּע אַקטיװיסטן, פּאַרטײער און קאָמיוגיסטן אַװעק אין װאַלד, אין דער פּאַרטיזאַנקע, אין אונטערערד... פּעסיען האָט ער נאָר געזאָגט, אַז צוזאַמען מיטן הורט װעט אױך גײן זײַן, פֿרידל לעמבערגס, פֿרױ, די אַגראָנאָמשע, ליובע גלוזמאַן, און אַז צוזאַמען װעט מעגלעך זײַן לײַכטער און הײמלעכער.

מע האָט זיך האַרציק געזעגנט, זיך צעקושט, און אין אַ קאַלטן פּרימאָרגן האָט פּעסיע מאַזור מיט איר טעכטערל זיך געלאָזט צום גרױסן שליאַך נאָך דעם הורט פֿי, נאָך דעם קלײנעם אַבאָז.

דער װעג האָט געפֿירט אױף מיזרעך.

אַרום, אױף די פֿעלדער האָבן זיך געכװאַליעט די געדיכטע ברױטן מיט זײערע שװערקעפּיקע זאַנגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ערד קרעכצט אונטער די זאַנגען — שױן לאַנג ניט געװען אַזאַ גערעטעניש, װי אין דעם זומער. איז אָט האָסטו דיר אַזאַ אומגליק אױף דער װעלט! מע האָט געדאַרפֿט װאַרפֿן די הײם, אַלץ, און זיך לאָזן אין דער אומרויִקער געפֿערלעכער װעלט, ניט װיסנדיק, װאָס װאַרט אױף זײ דאָרטן, װוּהין מע שלעפּט זיך מיט דער טשערעדע, װאָס װײסט ניט פֿון קײן כאָכמעס, פֿון קײן מילכאָמעס, — גײט זיך באַ די זײַטן פֿון שליאַך, טאָפּטשעט און עסט געשמאַק די זאַנגען און קײנער טרײַבט זי ניט אַװעק — זאָלן די בעהײמעס עסן דאָס ברױט, אַבי עס זאָל ניט אָנקומען דעם סונע.

זײ האָבן ניט געװוּסט, די בעהײמעס, ציגן, שאָף, אַז מע האָט זײ ניט אַרױסגעטריבן אױף פּאַשע — מע דאַרף זיך באַװעגן װאָס שנעלער אַהין, אױף מיזרעך. נאָר װאָס װעסטו מיט זײ מאַכן? װי דו זאָלסט אױף זײ ניט הוקען, ניט שרײַען, הערן זײ דיך, װי דעם פֿאַראַיאָריקן שנײ. און זיסיע מאָזעס, זײער נאַטשאַלניק, האָט זיך געבײזערט, געשמיסן מיט דער בײַטש, זײ געזידלט מיט די לעצטע װערטער. שטאַרק נערװירט האָט ליובע, טראַכטנדיק, אַז אױב מע װעט זיך אַזױ שלעפּן, װעט מען האָבן אַ שײן פּאָנעם. דער דײַטש קאָן אָניאָגן, און דעמלט...

עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. דער הימל האָט ערגעץ געברומט פֿונעם גערויש פֿון אעראָפּלאַנען, נאָר דאָס האָט געזאָלט זײַן ווײַט פֿון דעם שליאַך. בעהיימעס האָבן זיך דערשלעפּט צו אַ טײַכל, זיך גוט אָנגעטרונקען, און ווי די פֿאַסטעכער און אָנטרײַבער האָבן זיי ניט געטריבן, האָבן זיי זיך ניט גערירט פֿון אָרט.

פּעסיע איז געשטאַנען באַם שליאַך, האַלטנדיק פֿאַר דער האַנט די פֿאַרמאַטערטע שולאַמיס. אויב מע וועט זיך באַוועגן אַזוי פּאַמעלעך, וועט מען צו אַ סטאַנציע זיך דערקלײַבן אַף איבעראַיאָר פּורים. זי האָט זיך געהאַלטן אַן אײַלעניש מיט בראָכען — עפּשער וועט מען זיך אַליין לאָזן אין וועג? נאָר עס איז געווען שרעקלעך זיך אָפּרײַסן פֿון די מענטשן, צוזאַמען מיט וועלכע מע איז אַרויסגעגאַנגען פֿונעם שטעטל.

שולאַמיס האָט געהאַט אַ טרייסט. לעבן איר, פּוסטריט, איז געגאַנגען פֿאָלקאַן. ער האָט פֿון איר קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. געקוקט אַף איר מיט מיטלײַד, ווי ער וואָלט געפֿילט, אַז עס רוקט זיך אָן אַן אומגליק.

עס האָט זיך מיטאַמאָל דערטראָגן אַהער אַ מוירעדיקער געברום. איבערן קאָפּ האָט זיך געיאָוועט אַ גאַנצע טשאַטע פֿײַנטלעכע באָמבאַרדירער. שוואַרץ-געלאָדענע, זײַנען זיי געגאַנגען אַף מיזרעך, פּונקט אין יענער ריכטונג, וווהין מע האָט געטריבן די טשערעדע. מע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי פֿון דער עסקאַדרע זײַנען אָפּגעשטאַנען דרײַ אעראָפּלאַנען, געמאַכט אַ גרויסן קרײַז, אַף אַ רגע געבליבן ווי הענגען אין הימל, און עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פֿון די אעראָפּלאַנען באָמבעס.

— לייגט זיך אויס אַף דער ערד! באַהאַלט זיך גיכער! — האָט ווי ניט מיט זײַן קאָל, באַמיִענדיק זיך איבערשרײַען דעם גערויש פֿון די מאָטאָרן, געשריִען זיסיע מאָזעס. די מענטשן זײַנען צוגעפֿאַלן צו דער ערד, אײַנגעוואַרנדיק די פּנעמער אין דעם פֿאַרשטויבטן גראָז. פֿון די אעראָפּלאַנען האָבן אָנגעהויבן שטעכן קוילנוואַרפֿערס, און מיטאַמאָל האָט זיך אַלץ צונויפֿגעמישט — דאָס שיסערײַ, דאָס גרילצערײַ פֿון די אעראָפּלאַנען, דאָס רעווען פֿון די פֿאַרווונדעטע בעהיימעס, וואָס זײַנען אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט.

ווידער האָבן די אעראָפּלאַנען געמאַכט אַ גרויסן קרײַז, זיך דערנעענטערט צו דער טשערעדע, וואָס איז זיך צונויפֿגעגאַנגען פֿון פּאַכעד און זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן, און אָפּסנײַ האָט זיך דערהערט דאָס שיסערײַ. די קוילן האָבן געפּײַפֿט גאָר נאָענט.

פּעסיע מאַזור איז געלעגן אַף דער ערד מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. מיט איר גוף האָט זי פֿאַרשטעלט שולאַמיסן, וואָס איז געלעגן און געציטערט פֿון שרעק. און פּלוצעם האָט זי דערהערט אַ מוירעדיקן געשריי, עמעצער האָט לעבן איר שטאַרק געקרעכצט, גערופֿן צו הילף. פּעסיע האָט געפּרוּווט זיך אונטערהייבן און אַ קוק טאָן, ווער עס קרעכצט און בעט הילף, נאָר ניט געקענט. אַן אומבאַוווּסטער קויעך האָט זי געהאַלטן, ווי מיט צוואַנגען. נאָר אָט האָט זי זיך אונטערגעהויבן און דערזען ניט ווײַט, אין אַ קאַנאַווע, ליגן אַ פֿאַרבלוטיקטן זיסיע מאָזעסן.

פֿאַרגעסנדיק אין דער געפֿאַר, וואָס האָט איבער איר געלויערט, איז זי אָפּגעשפּרונגען פֿון דער ערד, צוגעלאָפֿן צום פֿאַרווונדעטן. דערזען, ווי עס רינט פֿון דער ברוסט און פֿון אַ פֿוס בלוט, אַראָפּגעכאַפּט פֿון קאָפּ די פֿאַטשיילע, זי צעריסן אַף פּאַסן און אים גענומען איבערבינדן די וווּנדן.

נאָכן דריטן אָנפֿלי זײַנען די שפּאַרבערס אַוועקגעפֿלויגן דעריאָגן זייער טשאַטע און מע האָט זיך געקאָנט אַרומקוקן. דאָ און דאָרט זײַנען געלעגן אומבאַוועגלעכע בעהיימעס. פֿון דער ערד האָבן זיך אויפֿגעהויבן טויט-דערשראָקענע, פֿאַרווייִנטע מעלקערנס, פֿאַסטעכער. עטלעכע זײַנען געווען פֿאַרווונדעט, פֿאַרבלוטיקט, און ליובע גלוזמאַן האָט זיי איבערגעבונדן. פּעסיע און בראָכע האָבן זיך געפֿאָרעט לעבן דעם עלטסטן פֿאַסטעך. מע איז זיך צונויפֿגעקומען צו דעם פֿאַרווונדעטן זיסיען, געקוקט אַף זײַן בלאַסן שטערן, אַף זײַן פֿאַרבלוטיקטן אָנטאָן. זייערע בליקן זײַנען געווען געווענדט אָפּן. אַגראָנאָם — וואָס וועט זי באַשטימען טאָן ווײַטער?

די מענטשן האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זיסיע מאָזעס וועט ווײַטער ניט קאָנען זיך באַוועגן. ער איז ניט געשטאַנען אַף די פֿיס. מע האָט אים פֿאָרזיכטיק אַרופֿגעלייגט אַף אַ וואָגן. קיין אַנדער אויסוועג האָט מען ניט געפֿונען. מע האָט אים געמוזט אָפּפֿירן קיין באָפּאָליע, אַהיים.

ליובע גלוזמאַן האָט אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד די בײַטש, וואָס עס האָט ערשט ניט לאַנג געהאַלטן אין די הענט זיסיע מאָזעס. זי האָט געזאָגט די פֿאַסטעכער און מעלקערנס, אַז זי וועט פֿאַרבײַטן דעם עלטסטן פֿאַסטעך און געבעטן גיין שנעלער. מע האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיסיען, וואָס איז געלעגן אָפֿן וואָגן קוים אַ לעבעדיקער, זיך אַרומגענומען מיט פּעסיען און איר טעכטערל, מיט בראָכען, וואָס האָבן באַשטימט אָפּפֿירן אַהיים דעם שווער-פֿאַרווונדעטן.

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, ווען מע איז אַרײַנגעפֿאָרן אין שטעטל. פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן האָט מען געהערט דעם טעמפּן געברום פֿון שווערע האַרמאַטן, אין פֿאַרשיידענע זײַטן, ווײַט-ווײַט האָט זיך געשוואַרצט דער הימל פֿון געדיכטן רויך.

צווישן לעבן און טויט

ווען אַ מענטש פֿאַלט אַרײַן אין אַן אויסוועגלאָזער לאַגע, מאַכט ער איין פֿעלער נאָכן צווייטן. ער שטעלט זיך ניט פֿאָר, ווּ וועט ער געפֿינען און ווּ פֿאַרלירן.

אין יענער שוידערלעכער נאַכט, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן דערפֿילט דעם רייעך פֿון פּריש־פֿאַרגאָסן אומשולדיקן בלוט און זיך אומגעקערט פֿון וועג קיין באַפּאַליע, האָט פּעסיע מאַזור זיך שיִר ניט אופֿגעגעסן לעבעדיקערהייט.

אויב דעמלט, ווען זי איז געגאַנגען מיט דער טשערעדע, איז, מעגלעך, געווען אַ שטיקל אויסזיכט זיך אַרויסכאַפּן פֿונעם פֿײַער, זיך ווי־ניט־איז דערשלעפּן צו דער ווײַטער היים, ווּ מע האָט אויף דער מאַמען און אויף שולאַמיסן געוואַרט מיט אומגעדולד און זיך שיִר ניט גערירט פֿון די געדאַנקען, ניט ווייסנדיק וועגן זייער גורל, האָט זי איצט אינגאַנצן פֿאַרלוירן אַלע האָפֿענונגען זיך אַרויסרײַסן מיטן קינד פֿונעם פֿאַרקישעפֿטן קרײַז!

זי איז מעקאַנע געווען ליזען, די פֿאַסטעכער פֿון דער טשערעדע, די עטלעכע מעלקערנס, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און, ניט געקוקט אויף אַלע געפֿאַרן, זיך געלאָזט גיין ווײַטער, אויף מיזרעך.

ווי איז, זעט אויס, געווען גרינגער, און איר, פּעסיען מיט שולאַמיסן?

זי האָט דאָך ניט געקאָנט וויסן, אַז מיט יעדן טאָג איז שווערער געוואָרן זיך באַוועגן, אַלץ אָפּטער זײַנען אָנגעפֿלויגן פֿאַשיסטישע באָמבאַרדירער, מענטשן זײַנען געבליבן אַלץ ווייניקער, און די טשערעדע — אַלץ שיטערער. פֿונוואַנען האָט פּעסיע געקאָנט וויסן, אַז נאָך עטלעכע מעסלעס וואַנדערן איז מען צוגעקומען צו אַ ברייטן טײַך, ווּ די בריק איז שוין געווען אופֿגעריסן, און דער אייציקער אָפּגיך צונויפֿגעשטוקעוועטער פּראָם האָט געדאַרפֿט אַריבערפֿירן די אַבאָזן, מענטשן, מאַשינען מיט פֿאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, טשערעדעס פֿי, וואָס מע האָט געדאַרפֿט אַרויסטרײַבן ווײַטער, אין טיפֿן הינטערלאַנד. איז אויסגעקומען לאַנג וואַרטן אויף דער ריי, און ווען די ריי איז דערגאַן און מע איז שוין אויפֿן פּראָם מיטן ביסל האָב־און־גוטס צוגעשווּומען צום מיטן טײַך, זײַנען אָנגעפֿלויגן דײַטשישע באָמבאַרדירער און דערטרונקען דעם פּראָם, קיינעם האָט זיך ניט אײַנגעגעבן זיך ראַטעווען...

דערווײַל איז פּעסיע פֿון איין געהענעם אַרויס, און אין צווייטן, נאָך אַ מער שרעקלעכן, אַרײַן.

אין יענעם באַגינען, ווען די הענקער זײַנען אַהער אַרײַן, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אין פֿאַרשיידענע ערטער סנאַריאַדן און מינעס. דער אוילעם האָט זיך באַהאַלטן אין די גריבער, קעלערס און ווּ עס האָט זיך געמאַכט. עטלעכע שאָ האָט געדויערט דאָס שיסערײַ. אין פֿאַרשיידענע ערטער האָבן געבושעוועט סרייפֿעס, נאָר קיינער איז ניט געלאָפֿן לעשן. די גאַסן זײַנען פֿאַרכלינעט געוואָרן אין רויך און אין פֿײַער. מיט געפֿילדער און טראַסקערײַ האָבן זיך איבער די פֿאַרויכערטע גאַסן געטראָגן מאָטאָציקליסטן און געשאָסן פֿון די קוילנוואַרפֿערס אויף רעכטס און לינקס, קיינעם און גאָרנישט ניט געשאַנעוועט.

האַלבן טאָג האָט אופֿגעהערט דאָס שיסערײַ. אויפֿן פּלאַץ לעבן געוועזענעם יִשעוו־ראַט, וואָס האָט דערברענט און עס האָבן זיך געטשאַדעט, ווי אַ צאַנקענדיקער שײַטער, די קראַקוועס פֿונעם דאַך, איז געשטאַנען אַ כאָפּטע דײַטשן און געוואַרט, מע זאָל צונויפֿטרײַבן אַהער אַלע לעבעדיקע.

פֿאַרצווייפֿלטע, טויט־דערשראָקענע אַלטע לײַט, פֿרויען מיט קליינע קינדער אויף די הענט, קאַליקעס זײַנען זיך צונויפֿגעקומען.

אַ דיקער דײַטש מיט אַ ראָזעווען פּאָנעם, אין גרויסע ברילן מיט צוויי סטאַרטשענדיקע הערלע וואָנצעס, אין אַ קאַסקע אויפֿן קאָפּ, האָט מיט עקל באַטראַכט דעם אוילעם, און אויף אַ צעקאַליעטשעטן רוסיש, האַלב דײַטש, געמאָלדן, אַז פֿון הײַנט אָן איז ער קאָמענדאַנט און ער איז אַהער געקומען אײַנשטעלן אַ נײַע אָרדענונג. ווער עס וועט ניט אַרבעטן, איז קאַפּוט! טאָדט!.. אָט די צוויי ווערטער האָט ער איבערגעכאַזערט נאָך יעדער פֿראַזע. אַלע באַפֿעלן פֿון דער קאָמענדאַטור, דאָס הייסט, זײַנע באַפֿעלן, מוזן אויסגעפֿילט ווערן שנעל־שנעל. אויב ניט, איז טאָדט! קאַפּוט! ער איז אָבערלייטענאַנט האַנס פֿליטקע. און ניט בלויז זײַנע באַפֿעלן מוז מען אויספֿילן, נאָר אויך די באַפֿעלן פֿון זײַנע געהילפֿן און פּאָליציי־לײַט — האָט ער געוויזן אויף עטלעכע אָנגעכמורעטע טשובאַטע יונגען מיט ווײַסע בענדלעך אויף די אַרבל און אַלטע קאַראַבין־ביקסן אויף די אַקסלען. ווער עס וועט פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל — איז קאַפּוט! טאָדט! ווער עס וועט אַרײַנלאָזן אין שטוב אַ פֿרעמדן, ניט קיין באַפּאַליער אײַנוווינער, ווער עס וועט העלפֿן די פּאַרטיזאַנער און קאָמוניסטן, — איז טאָדט! קאַפּוט!..

און נאָך האָט דער קאָמענדאַנט באַפוילן, אַלע, ווי איינער, זאָלן גאַנצפרי אַרויסגיין מיט בעזעמער, לאָפּעטעס צוראַמען די שטיינער פון די וועגן, די רויִנען פון די צעקלאַפּטע הײַזער, ווער עס וועט ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, — איז קאַפּוט! טאָדט!

פאַרצווייפלטע און דערצאָרנטע, זײַנען די מענטשן זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען פונעם פּלאַץ. שווײַגנדיקע, מיט פאַרווייינטע אויגן איז מען געגאַן, ווי מע גייט אף אַ בעסוילעם, צו דער אַקידע.

גאַנצפרי האָט זיך אף די געסלעך באַוויזן עליאָקום וועקסלער, דער זייגערמאַכער. ער האָט געזאָגט, אַז דער קאָמענדאַנט האָט אים באַפוילן זײַן דער פאַרמיטלער צווישן די יודען און דער קאָמענדאַטור. דורך אים, הייסט עס, וועט מען איבערגעבן אַלע באַפעלן...

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַראַכטונג. מיט וואָס, אַשטייגער, האָט ער זיך פאַרדינט בא דער „נײַער מאַכט” אַזאַ מין קאָוועד? ניט אַנדערש, ווי יענע האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז ער האָט ערשט ניט לאַנג דערציילט, אַז די דײַטשן זײַנען אַ קולטורעל פאָלק און וועט מיט פרידלעכע מענטשן ניט פירן קיין מילכאָמע. מע דאַרף אויספילן אַלץ, וואָס זיי וועלן באַפעלן, וועט מען קיינעם ניט טשעפּען. ער געדענקט דאָס 1918 יאָר, ווען די דײַטשן זײַנען אויך אַהער געקומען, און זיי האָבן בלויז געראַבעוועט און קיין מענטשן ניט געהאַרגעט.

און נאָך האָט ער אַמאָל געטײַנעט צו די מענטשן, עליאָקום וועקסלער, אַז מע דאַרף זיך אופירן לאָיאַל צו דער נײַער מאַכט, ווײַל יעדער מאַכט איז געגעבן געוואָרן פונעם אייבערשטן. און וואָס קאָן מען מאַכן? מע מוז אויספילן אַלע באַפעלן, אויב מע וויל בלײַבן לעבן... גאָט גיט און גאָט נעמט צו. אַז מע וועט לעבן בלײַבן — און דאָס איז דער איקער, — וועט מען זיך, מעגלעך, דערוואַרטן אף בעסערע צײַטן...

און מע האָט זיך דערוואַרט.

באַגינען האָט מען דעם גאַנצן אוילעם צונויפגעטריבן אפן פּלאַץ לעבן דעם געוועזענעם יישעוו־ראַט. אַרומגערינגלטע פון דײַטשן און פּאָליצײַ־לײַט, האָט מען די מאַנצבלען, שטאַרקערע פרויען אַרויסגעטריבן צום טראַקט און באַפוילן פאַריכטן דעם שאָסיי, וואָס איז געווען צעמאַזיקט פון באָמבעס און פון טאַנקען. ווער עס האָט געפּרוווט זיך צוזעצן בייס דער אַרבעט, איבערכאַפּן דעם אָטעם, האָט מען געשלאָגן מיט די ביקסן—קאָלבעס, מיט שטעקנס. אָן עסן, אָן וואַסער, אונטער דער צעפּאַליעטער זון האָבן די מענטשן געשלעפּט אף זיך שטיינער, פאַרשאָטן די וואָראָנקעס, געגראָבן די ערד.

צוויי עלטערע מאַנצבלען זײַנען געפאַלן פאַרכאַלעשטע אפן וועג, ווען מע האָט דעם אוילעם געטריבן צוריק אין שטעטל. מע האָט זיך אף זיי אַרופגעוואָרפן מיט רעציכע, געטראָטן מיט די פיס און, זעענדיק, אַז זיי הייבן זיך ניט אוף, האָבן די דײַטשן זיי אפן אָרט דערשאָסן.

אַ מוירעדיקער פּאַכעד האָט אַרומגעכאַפּט די קאָלאָנע. מע האָט געוואָלט אופהייבן די האַרוגים און אַוועקטראָגן אין שטעטל, קעדיי זיי מעקאַבער זײַן אפן היגן בעסוילעם, נאָר די דײַטשן האָבן פאַרווערט. יעדער איינער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ סאָף דערוואַרט אים אויך.

פּעסיע מאַזור מיט איר טעכטערל האָט זיך אומגעקערט יעדן פאַרנאַכט פון דער אַרבעט אַ טויט־פאַרמאַטערטע. זי האָט ראַכמאָנעס געהאַט אף שולאַמיסן. וואָס האָט דאָס קינד זיך נאָך געדאַרפט לעבן איר אַזוי מוטשען? נאָר איבערלאָזן זי אינדערהיים האָט זי מוירע געהאַט. די דײַטשן און פּאָליצײַען זײַנען אַרומגעגאַן איבער די שטיבער, געזוכט, גענישטערט, און אויב מע האָט עמעצן געטראָפן אין שטוב, האָט מען זיי געשלאָגן, געמיימעסט. און שולאַמיס האָט געמוזט אַרבעטן, טראָגן שטיינער באַגלײַך מיט אַלעמען. פּעסיע האָט אף זיך געהאַט נאָך אַ שווערן אָל — זי האָט געדאַרפט אַרומגיין אַרום דעם פאַרווונדעטן זיסיע מאָזעסן. קעדיי מע זאָל אים ניט טרעפן אין שטוב און ניט טרײַבן צוזאַמען מיט אַלעמען אפן שליאַך פאַריכטן דעם שאָסיי, אָדער דערשיסן, האָט זי צוזאַמען מיט בראָכען אים אײַנגעאָרדנט אַ געלעגער אין קעלער, ווײַטער פון אַ זײַטיק אויג, און באַנאַכט, ווען קיינער האָט ניט געזען, אים איבערבינדן, געהאָדעוועט, מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

מיט יעדן טאָג איז געוואָרן אַלץ שווערער עפּעס צו קריגן. דער מאַרק איז געווען פּוסט. מע האָט שטרענג פאַרבאָטן די פּויערים פון די נאָענטע דערפלעך עפּעס־וואָס אַרויסטראָגן פאַרקויפן אין שטעטל, אָדער עפּעס אויסבײַטן. וואָס עס איז געווען אין שטעטל אף די גערטנער, האָט מען שוין אופגעגעסן, און די געפאַר פון אַ הונגער־טויט איז מיט יעדן טאָג אָנגעוואַקסן.

אין אַ צײַט אַרום האָט מען די מאַנצבלען, וועלכע האָבן זיך נאָך געהאַלטן אף די פיס, אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער קאָלאָנע, אָפּגעקליבן די באַלמעלאָכעס און זיי אַרויסגעפירט אין דער שכייניש שטאָט, וווּ מע האָט זיי טאָג און נאַכט געצווונגען האָרעווען ביזן זיבעטן שווייס. אַנדערע מאַנצבלען האָט מען פאַרטריבן פאַר עטלעכע צענדליק ווערסט פון באַפּאָליע אין די צעמאַזיקטע און האַלבפאַרברענטע געוועזענע קאַזאַרמעס. פון דאָרטן האָט מען זיי אַלע קאַיאָר געטריבן אופשטעלן די צעקלאַפּטע בריקן אפן טײַך, און קיינעם אפילע אף קיין טאָג ניט אָפּגעלאָזט צו זייערע מישפּאָכעס. אין שטעטל זײַנען איבערגעבליבן פרויען, קינדער, עלטערע לײַט, קאַליקעס, וועלכע זײַנען געווען אויסגעמאַטערט פון הונגער, דאָרשט און אומענטשלעכער אַווידע.

אין איינער א טונקעלער נאכט, ווען פעסיע און בראָכע האָבן זיך אומגעקערט פון דער ארבעט, האָבן זיי אָפגעקאָכט א טעפל קארטאָפליעס, און בראָכע האָט עס אוועקגעטראָגן אין עק הויף, ווו עס האָט זיך געפונען דער קעלער — זיסיעס באהעלטעניש. זי האָט ניט באמערקט, ווי פונעם שכיינישן דערפל האָט זיך אומגעקערט א שיקערער פּאָליצײַ. ער האָט זיך צוגעשארט צו א שטאם פון א בוים, שפּירנדיק נאָך דער פרוי. ער האָט צוגעווארט, ביז יענע האָט זיך אופגעהויבן פונעם קעלער, זי אָנגעכאפּט פאר די האר, געגומען שלאָגן מיט די פויסטן איבערן קאָפּ, פאָדערנדיק, זי זאָל זאָגן, ווער איז דאָרטן, אין קעלער.

בראָכע איז געלעגן אף דער ערד, קאָרטשענדיק זיך פון ווייטיק, געוויינט, זיך געבעטן בא אים, ער זאָל ראכמאָנעס האָבן אף איר. און זיסיע מאָזעס האָט דערהערט איר געוויין, זיך פאמעלעך אופגעהויבן פון זײַן געלעגער און, קוים האלטנדיק זיך אף די פיס, אָנשפארנדיק זיך אף א גראָבן שטעקן, איז ער ארויסגעגאן פונעם קעלער.

דער פּאָליצײַ האָט מיט די פארגלאָסענע שיקערע אויגן דערזען דעם בערדיקן אלטן, האָט ער אָנגעהויבן זידלען בראָכען, וואָס האָט זיך געמאטערט אף דער ערד און געגומען שרײַען:

— אך דו, פארפלוכטע, מיעסע שווײַן! באהאלטסט דאָ אויס א פארטיזאנער? — און פארהויבן איבער בראָכעס קאָפּ די קאָלבע פון קאראבין.

זיסיע האָט אין דער רעגע פארגעסן אינעם ווייטיק פון די ווונדן. ניט פארשטייענדיק, ווו עס האָבן זיך בא אים גענומען קויכעס, האָט ער מיטן שטעקן דערלאנגט דעם פארשוין איבערן קאָפּ, אויסגיסנדיק אף אים דאָס גאנצע ביטערע הארץ. יענער האָט א טעמפּן קרעכץ געטאָן און ווי אן אונטערגעשניטענער זיך א וואלגער געטאָן אף דער ערד.

זיסיע האָט געמאכט א פּאָר שפּאן צום פּאָליצײַ, וואָס האָט זיך געפרוווט אונטערהייבן, און מיט אַלע קויכעס נאָכאמאָל געגעבן מיטן שטעקן איבערן קאָפּ.

ווען זיסיע האָט דערזען א ריטשקע בלוט לעבן זײַנע פיס און אז יענער ליגט אן אומבאוועגלעכער, האָט ער פרײַער אָפגעעטעמט.

ער האָט פלוצעם דערהערט שנעלע טריט. עמעצער איז געלאָפן אהער און אין מויעך איז דורכגעלאָפן א שרעקלעכער געדאנק: „אויס...” ברייט צעעפנט די אויגן, האָט ער דערזען לויפן אהער פעסיען.

— וואָס איז דאָ געשען? — האָט זי קוים ארויסגעבראכט, זעענדיק דעם צעשויבערטן אופגעברויזטן זיסיען, און אף דער ערד בראָכען און א מאנצבל.

זיסיע מאָזעס האָט זיך אָנגעבויגן צו דער ערד, געהאָלפן בראָכען זיך אופהייבן און א ווונק געטאָן אפן פּאָליצײַ:

— דאָס האָב איך א קוילער צעשפּאָלטן דעם קאָפּ...

פעסיע האָט פארבראָכן די הענט. מיט פּאכעד זיך ארומגעקוקט:

— מײַן גאָט! וואָס זשע וועט איצטער זײַן? מיר זײַנען פארפאלן...

דער אלטער האָט ניט געענטפערט. זיך ארומגעקוקט אין אלע זײַטן, צי קיינער גייט ניט, האָט ער זיך געלאָזט צום סאָף הייפל, אהין, ווו עס הייבט זיך אָן אן אראָפּ־בערגל, א ווונק געטאָן צו פעסיען, זי זאָל ברענגען א זאסטעפּ. זי איז אוועקגעלאָפן צו דער שטוב און ער, זיסיע מאָזעס, האָט גענומען דעם פייגער פאר א פוס, בראָכע פארן צווייטן און מע האָט אים אוועקגעשלעפּט צו דער גרוב, מיט די פיס אים אראָפּגעקײַקלט אהין.

בײַטנדיק איינע די אנדערע, האָט מען שנעל גענומען פארווארפן די גרוב מיט ערד, מיט מיסט.

מע האָט לאנג זיך געפּאָרעט, ביז מע האָט צוגעדעקט דאָס שטיקל קיווער. דער אלטער האָט זיך אראָפּגעלאָזט צו זיך אין דער באהעלטעניש, אין קעלער, און די ווײַבער, נאָכאמאָל זיך איבערצײַגט, אז עס זײַנען ניט פארבליבן קיין שפּורן פון דער הארינגע, זיך אומגעקערט צו זיך אין שטוב.

שולאמיס, אן אויסגעמאטערטע פון דער ארבעט, איז געזעס אפן בעטל, גענומען דעם האנטעך, אײַנגעטונקען אים אין א שיסל וואסער און גענומען ארומוואשן בראָכען, וואָס האָט קוים געאָטעמט פון די קלעפּ.

פעסיע האָט אוועקגעלייגט די כאווערטע אף דער קושעטקע, זי אײַנגעדעקט און זיך אויסגעצויגן לעבן שולאמיסן אָפּנארן דעם שלאָף, ווײַל עס איז שוין געבליבן ווייניק צײַט, ווען מע וועט טרײַבן צו דער ארבעט.

זי האָט אָבער ניט באוויזן אײַנדרעמלען, ווי זי האָט דערהערט א געזאנג און אראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט. וואָס איז דאָס? ווער זינגט דאָס אינמיטן דער נאכט? וואָס איז געשען?

בראָכע איז געלעגן א צעשויבערטע, צעוואָרפן די הענט, ברייט צעעפנט די אויגן און געזונגען.

— בראָכעלע, טײַערע! — האָט פעסיע זיך שיר ניט צעוויינט, — שטילער... וועסט אופוועקן שולאמיסן... דער אוילעם וועט זיך צונויפלויפן... וואָס טוסטו?

נאָר ניט געקאָנט זי אײַנשטילן. בראָכע האָט געזונגען און געוויינט, און דאָס שרעקלעכע געוויין האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט איר געזאַנג.

אין דעם באַנאַכטיקן כווישעך האָט זיך געגאָסן א צאַרטע ליד, וואָס האָט צעריסן אָף שטיקער דאָס האַרץ:

ס'איז מיר פינצטער מײַן וועלט,
מײַן יוגנט איז פאַרשוואַרצט,
מײַן גליק איז מיר פאַרשטעלט,
עס פּלאַצט אין מיר דאָס האַרץ...
עס ציטערט אין מיר יעדער אייוועה,
עס קילט אין מיר דאָס בלוט,
מיט דיר אין איין קייווער
וואָלט מיר זײַן זייער גוט!

אוי, כ'האָב געטאָן אזא זאַך,
כ'האָב גאָרניט געטראַכט,
כ'האָב געמיינט, אז ס'איז טאָג —
צום סאָף איז גאָר נאַכט...
אוי מאַמע, מאַמע,
דו ביסט דאָך גערעכט,
אז מע פאָלגט ניט קיין עלטערן,
קומט ארויס שלעכט!

פעסיע האָט זי נאָך אַלץ געטוליעט צו איר לײַב, געבעטן זיך באַרויקן, נאָר אומזיסט, איר האָט גאָרניט געהאָלפן. די ליד האָט געריסן דאָס האַרץ אָף שטיקער, און פעסיע האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און זיך אויך צעוויינט.

א פּאַכעד איז זי באַפאַלן. זי האָט פאַרשטאַנען, אז בראָכע האָט זיך גערירט פון די געדאַנקען און קיין זאַך וועט זי שוין ניט קאָנען באַרויקן.

מע האָט זיך ניט באַוויזן ארומקוקן, אײַנדרעמלען, ווי מע האָט אָנגעהויבן טראַכקען אין פּלויטל. דאָס האָבן די העניקער געטריבן די מענטשן צו דער אַרבעט און מיט שטעקנס געשמיסן יעדן, ווער עס האָט זיך פאַרהאַלטן אָף א מינוט זיך שטעלן אין דער קאָלאָנע.

פעסיע האָט שנעל אָנגעטאָן די כאַווערטע אירע, וואָס איז געשטאַנען, ווי פאַרשטמעליעט. זי איבערלאָזן אין שטוב, האָט זי געוווסט, איז געפערלעך. דער אופזעער וועט זי טרעפן אין שטוב, וועט ער זי דערשיסן. און, גענומען בראָכען אונטער דער האַנט, איז זי מיט איר ארויסגעגאַנגען זיך שטעלן אין דער קאָלאָנע.

עס איז נאָך געווען פינצטער אין דרויסן. א לאַנגע קאָלאָנע אומגליקלעכע האָט געשפּאַנט איבערן ברוק. די אופזעער האָבן זיך געזידלט מיט די לעצטע ווערטער, מע זאָל גיין שנעלער, און אײַנעם ערעוו־באַגינענדיקן כווישעך האָט זיך פּלוצעם צעטראָגן איבעין טויט־דערשראָקענעם שטעטל א וווּנ־דערשיינע שטים:

אמאָל איז געווען א מײַסע,
די מײַסע איז גאָרניט פריילעך,
די מײַסע הייבט זיך אָן
מיט א יידישן מיילעך.
ליולינקע, מײַן פייגעלע,
ליולינקע, מײַן קינד,
כ'האָב אָנגעווירן אזא ליבע,
ווינ איז מיר און ווינד...

אין דער קאָלאָנע האָט זיך אופגעהויבן א גערודער, א שרעק: וואָס איז דאָס? ווער האָט זיך פּלוצעם צעזונגען? מע האָט זיך ארומגעקוקט, געזוכט מיט די אויגן די זינגערן. און איבער די רייען איז זיך צעגאַנגען:

— בראָכע, בראָכע האָט זיך גערירט פון די געדאַנקען. זי זינגט!..

א גרויל איז איבערגעלאָפן איבער די לײַבער פון די מענטשן. נאָר גראָדע די אופזעער איז גע־פעלן געוואָרן, וואָס עמעצער אין דער ריי האָט זיך צעזונגען, עמעצער פון די זעלנער איז צוגעלאָפן צו דער פרוי, און, דראָענדיק מיט דער נאַהײַקע, געפאָדערט זינגען.

און בראָכע האָט זיך צונויפגענומען מיט די לעצטע קויכעס און פאָרגעזעצט:

...דער מיילעך איז אָפּגעשטאָרבן,
די מאַלקע ז'געוואָרן פאַרדאַרבן,
דער בוים איז אָפּגעבראָכן,
דאָס פייגעלע פון נעסט אנטלאָפן.
ליולינקע, מײַן פייגעלע,
ליולינקע, מײַן קינד,
ווו' בעמט מען אזא מין דאָקטער,
וואָס זאָל היילן מײַן וווּנד!

די קאַלאָנע איז געגאַן מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, מענטשן האָבן געוויינט, און די אופזעער האָבן זיך געהאַלטן פאר די זייַטן פון געלעכטער, אונטערגעטריבן, מע זאָל גיין שנעלער און געשמיסן די זינגערן, זי זאָל וויַיטער זינגען.

מענטשן זייַנען געפאלן פון די פיס, האָבן אנדערע זיי אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט, געשלעפּט וויַיטער. יענע, וועלכע זייַנען אָפּגעשטאַנען האָבן די אופזעער אונטערגעשטויסן מיט די קאָלבעס, געמיימעסט. אנדערע האָט מען איבערן וועג צעשאָסן.

ווען די רעגנס און ווינטן האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן, איז דעם אוילעם געוואָרן עטוואָס לייַכטער. מע האָט די קאַלאָנעס געטריבן אפן קאָלווירטישן פעלד גראָבן בורעקעס און קארטאָפליעס, האָט מען געקאָנט צייַטנווייַז זיך מעכייַע זייַן מיט א געבראָטענער קארטאָפליע, א בורעק, באַהאַלטן עפּעס-וואָס אין בוזעם, קעדיי עפּעס אָפּקאָכן אין שטוב. דער אוילעם איז אויסגעצערט געוואָרן און א סאַך האָבן שוין אויסגעזען, ווי לעבעדיקע שאָטנס.

די רעגנס און קעלטן האָבן זיך געשטאַרקט מיט יעדן טאָג, און דער קאָמענדאַנט האָט באַמערקט, אַז די מענטשן פון שטעטל לעבן „צו ברייט".

אין איינעם א גאַנצפרי האָט מען געבראַכט אין שטעטל עטלעכע מאַשינען מיט שטעכלדראָטן. מע האָט די מענטשן ארויסגעטריבן גראָבן גריבער, פארגראָבן סלופּעס, וואָס מע האָט צונויפגעטראָגן פון די צעבראָכענע הייַזער.

צוויי טעג נאָכאנאַנד האָט מען עטלעכע געסלעך, ניט וויַיט פון דעם מארק-פּלאַץ, ארומגעצוימט מיט עטלעכע רייען שטעכלדראָטן, געמאַכט א ברייטן טויער מיט צוויי וועכטער-בייַדלעך בא דער זייַט און פארטריבן אהער די גאַנצע שטעטלשע באַפעלקערונג — קליין און גרויס. אין די אַלטע, קרומע, ניט-געהייצטע הייַזלעך, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אף הינערשע פיס, האָט מען ארייַנגעטריבן די גאַנצע באַפעלקערונג. עס איז ניט געווען ווו זיך א קערעווע טאָן. איצט איז דאָ געוואָרן אן עמעסער גענעם-פּוסט זייַנען געוואָרן די געסלעך פון באַפּאָליע. אַלעמען האָט מען פארטריבן אין דער געטאָ, פונוואַנען מע האָט קיינעם ניט ארויסגעלאָזט און קיינעם נאָענט צו די פארמישפּעטע ניט צוגעלאָזט.

פֿאַרוועריט עפּעס־וואָס איבערגעבן איבער די דראָטן. און דאָך האָבן זיך אַהער צײַטנווײַז דורכגעשמוגלט עלטערע פֿויערטעס, קינדער און אַריבערגעוואָרפֿן איבער דעם דראָט־פּאַרקן שטיקלעך ברויט, קאַרטאָפֿליעס, מערן... ווען די וועכטער האָבן עמעצן געפּאַקט בײַ אָט דער אַרבעט, האָבן זיי געשמיסן ביז טויט, נאָר דאָס האָט ווייניק געהאָלפֿן. פֿון די נאָענטע דערפֿלעך האָבן דאָך זיך פּאַרקליבן אַהער פֿויערטעס און איבערגעגעבן אין דער געטאָ אַ ביסל שפּײַז.

אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, ווי לעבעדיקע שאָטנס, זײַנען אַרומגעגאַנגען פֿון יענער זײַט דראָטן הונגעריקע, דאַרשטיקע מענטשן.

אין יענעם פֿרימאָרגן, ווען מע האָט פֿאַרטריבן אַלע ייִדן פֿון שטעטל אין געטאָ און זיי זײַנען געבליבן הינטער די שטעכלדראָטן, באַוואַכט פֿון די דײַטשישע טאַליאַנים און פּאָליצײַען, האָט פּעסיע פֿאַרשטאַנען, אַז מע טאָר ניט איבערלאָזן אין זײַן באַהעלטעניש זיסיע מאָזעסן. זי וועט זיך צו אים ניט קאָנען דורכרײַסן, עפּעס איבערגעבן, דערציילן, וואָס עס טוט זיך אין געטאָ. זי האָט אים שפּעט בײַנאַכט אַרויסגעפֿירט פֿון זײַן העקדעש און געבראַכט אין געטאָ. ער האָט זיך נאָך געפֿילט קראַנק, שוואַך געווען זיך באַוועגן. נאָר אים האָט מען געגעבן אַ קליאַטשע, אַ פֿורל, אויף וועלכן מע האָט צוגעפֿעסטיקט אַ פֿעסל, און ער האָט אָנגעהויבן פֿאָרן צום ברעג טײַך, אַהין, וווּ עס האָט געשלאָגן אַ קוואַל, און ער האָט אָנגעהויבן פֿירן וואַסער אין געטאָ.

פֿריִער איז פּעסיען אויסגעקומען אַרומגיין אַרום בראָכען, און איצט האָט זי געהאַט לעבן זיך אויך דעם וואַסערפֿירער, וועלכן מע האָט געדאַרפֿט העלפֿן.

פֿריִער, ווען דער אוילעם האָט נאָך געוווינט אין זייערע שטיבלעך און אַלע פֿרימאָרגן געגאַנגען, ווי די פֿי אויף דער שווערער אַרבעט, פֿאַריכטן דעם שליאַך, איבערטראָגן פֿון אָרט אויף אָרט שטיינער, מע זאָל ניט שטיין, כאַליִע, ליידיק, האָט דער אוילעם, באַגעגענענדיק זייער עלטסטן, וועקסלערן, זיך פּאַשעט מיט עקל אָפּגעקערט פֿון אים, נאָר דערנאָך, ווען מע האָט אַלעמען פֿאַרטריבן הינטער די שטעכלדראָטן, צונויפֿגעשטויסן אין יעדן שטיבל אָן אַ צאָל מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ געמאַטערט, ווי אויפֿן טויט, האָט מען דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ אויסגעגאָסן אויף אים:

— נו, רעב עליאָקום, ווי געפֿעלט אײַך עפּעס דער נײַער פּאָריאַדעק? אַ „קולטורנע נאַציע“, די דײַטשן?..

און עליאָקום וועקסלער האָט זיך שטאַרקער אײַנגעהויקערט, צעפּירט מיט די הענט:

— וואָס האָב איך געקאָנט וויסן? איך געדענק יענע דײַטשן, וועלכע זײַנען בײַ אונדז געווען אין אַכצנטן יאָר... גיי ווייס, אַז זיי וועלן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין ווילדע כײַעס...

מע האָט דעם „פּאַרמיטלער“ אויך פֿאַרשפּאַרט צוגלײַך מיט אַלעמען אין געטאָ, נאָר ער האָט זיך דאָ געפֿילט, ווי אויף אַן אָנגעגליטער סקאָוואָרדע, ווי אַרבעס לעבן וועג, — וווּ עס איז דורכגעגאַנגען, יענער האָט אַ שטשיפּע געטאָן...

ער האָט באַהאַלטן די אויגן פֿון די מענטשן, ניט געוווּסט, וווּהין זיך אָפּקערעווען.

און אין איינער פֿון די קאַלטע האַרבסטיקע נעכט האָט ער זיך פֿאַרקליבן אין אַ פּוסטן שפּײַכלער און זיך אויפֿגעהאַנגען אויף אַ פֿאַרזשאַווערטער קראָקווע. אין קעשענע פֿונעם רעקל האָט געסטאַרטשעט אַ צעטעלע:

„מײַנע טײַערע ברידער און שוועסטער! אויב איר קענט, בעט איך בײַ אײַך מיר מויכל זײַן. איך האָב ניט־ווילנדיק געהאָלפֿן דעם טײַוול. דערמאָנט מיך ניט צום שלעכטן. זײַט מיר טויזנט מאָל מויכל. איך גיי אַוועק פֿונעם לעבן, ווײַל איך קאָן אײַך ניט קוקן אין די אויגן. עליאָקום וועקסלער“.

דאָס פּאַפּירל איז איבערגעגאַן פֿון האַנט צו האַנט, און קיינער האָט ניט געקאָנט באַשטימען, צי האָט דער וועקסלער מיט זײַן טויט אויסגעקויפֿט זײַן שווערע זינד פֿאַרן אומגליקלעכן, געראַבעוועטן פֿאָלק, צי ניט.

קאַפּיטל זיבן און דרײַסיק

אין לעצטן וועג

די האַרבסטיקע רעגנס האָבן ניט געלאָזט לעבן. אַ ביטערע קעלט, בייזע ווינטן האָבן פֿאַרשלאָגן דעם אָטעם, און אַלע באַגינען, צעטוליענדיק זיך איינס צום אַנדערן, קעדיי וויניט־איז דערוואַרעמען די נעשאָמע, האָט זיך געצויגן איבערן בלאָטיקן וועג די קאַלאָנע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, אויסגעצערטע, אויסגעהונגערטע מענטשן פֿון דער געטאָ.

בלײַבן אין זײערע נאָרעס, זיך װי־ניט־איז אױסבאַהאַלטן פֿון די שוצמאַנעס, איז געװען שװער, װײַל יענע האָבן זיך אַרײַנגעריסן און גלײַך דערשמעקט, װוּ די אומגליקלעכע באַהאַלטן זיך אױס, און געשלאָגן מיט די קאָלבעס ביז טױט. אין געטאָ האָט מען זעלטן געבראַכט דאָס שטיקל ברױט, װאָס איז געװען ענלעך אױף ערד, דעם לױזן קוליש, צוגעגרײטן פֿון פֿױלע קאַרטאָפֿליעס און בלעטער קרױט, װאָס אַפֿילו כאַזײרים האָבן ניט געװאָלט עסן. אַז מע איז אַרױסגעגאַן מיט דער קאָלאָנע אױף דער אַרבעט, האָט מען דאָרטן אָפֿטער געקראָגן די געמײנע פּײַקע ברױט און דאָס ביסל געקעכטס.

די קעלט און די נױט האָבן געריסן שטיקער פֿלײש פֿון די לײַבער, מע איז געגאַן נאַקעט און באָרװעס, געשלעפּט אױף זיך שטײנער, געגראָבן די ערד, און געבעטן אױף זיך אַ גיכן און גרינגן טױט.

אין די איבערפֿולטע שטיבלעך, אױף דער איבערגעפֿױלטער שטרױ, אױפֿן הױלן קאַלטן דיל האָבן זיך געמוטשעט, שטילערהײט אױסגעהױכט די נעשאָמעס טױט־קראַנקע מענטשן, און עס איז ניט געװען, װער עס זאָל זיך אַרומקוקן אױף זײ, הײלן, אונטערטראָגן אַ רעפֿוע. און יענע, װעלכע זײַנען אין די שטיבלעך אױסגעגאַנגען, װי די ליכט, האָבן די שכײנים שטילערהײט באַװײנט, אַפֿילו זײ מעקאַנע געװען. עס זײַנען געגאַן טעג און נעכט, און די מײסים זײַנען אַלץ געלעגן באַנאַנד מיט די לעבעדיקע, ביז די הענקער האָבן דערלױבט זיסיע מאָזעסן זײ אַװעקפֿירן אױפֿן בעסוילעם און מעקאַבער זײַן אין אײן גרוב...

מענטשן אין געטאָ איז פֿון טאָג צו טאָג געװאָרן אַלץ װײניקער. די דיזענטעריע און אַנדערע קרענק האָבן געקאָסעט די מענטשן און מע האָט שױן קײנעם ניט באַװײנט.

דער צאַרן האָט געברענט אין האַרצן. קוקנדיק אױף די אָנגעפּרעסענע, אָנגעזױפֿטע, גראָבע, װי די אױסגעהאָדעװעטע כאַזײרים, דײַטשן און זײערע טרײַע הינט — געהילפֿן, די שוצמאַנעס־פּאָליצײַען, האָט זיך אַזױ געװאָלט װאַרפֿן אױף זײ, דערשטיקן, דערהאַרגענען, נאָר װאָס האָבן געקאָנט מאַכן די אױסגעמאַטערטע, אױסגעהונגערטע פֿרױען, קינדער, קראַנקע, אַלטע לײַט, פֿאַרצװײפֿלטע מענטשן, שוצלאָזע, רעכטלאָזע, דערשלאָגענע?!

איז געגאַנגען אַלע קאַיאָר דורך קעלטן, רעגנס, װינטן אַ קאָלאָנע מענטשן, געגאַן אױף קאַטאָרגע און אַ סאַך האָבן זיך ניט אומגעקערט אין געטאָ, געפֿאַלן טױטע אױף די װעגן און אָפּגיך האָט מען זײ װי־ניט־איז אין װעג מעקאַבער געװען, און פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך איבער דער קאָלאָנע צעטראָגן בראָכעס קאָל, איר געזאַנג. און דער אױלעם, הערנדיק איר ליד, האָט געװײנט, און די װאַך האָט זיך געהאַלטן פֿאַר די זײַטן פֿון געלעכטער, געשריִען צו איר:

— זינג, יודע, זינג!

און איבערן האַרבסטיקן טױטן פֿעלד האָט זיך געגאָסן אַ האַרציקע און טרױעריקע ליד:

אַמאָל איז געװען אַ מײַסע,
די מײַסע איז גאָרניט פֿרײלעך,
די מײַסע הײבט זיך אָן
מיט אַ ייִדישן מײלעך!
ליולינקע, מײַן פֿײגעלע,
ליולינקע, מײַן קינד,
כ׳האָב אָנגעװױרן אַזאַ ליבע,
װײ איז מיר און װינד.

דער מײלעך איז אָפּגעשטאָרבן,
די מאַלקע איז געװאָרן פֿאַרדאָרבן,
דער בױם איז איבערגעבראָכן,
דאָס פֿײגעלע פֿון נעסט אַנטלאָפֿן.
ליולינקע, מײַן פֿײגעלע,
ליולינקע, מײַן קינד,
װוּ נעמט מען אַזאַ מין דאָקטער,
װאָס זאָל הײלן מײַן װוּנד...

באַ פּעסיען האָט זיך שטענדיק, װען זי האָט געהערט בראָכען זינגען, דאָס האַרץ שיר ניט צעריסן פֿון װײטיק — װער זינגט עס אױף אַ בעסוילעם? נאָר זי האָט בראָכען ניט געקאָנט אָפּשטעלן, און די טײַװלאָנים האָבן אַלץ געלאַכט, אונטערגעטריבן, געפֿאָדערט, יענע זאָל זינגען נאָך. און זי האָט געזונגען, גלײַך װי אױף דער װעלט, אַרום װאָלט ניט געהערשט אַזאַ שרעקלעכער אומגליק, אַזאַ מאַגײפֿע, װי איצט. און זי האָט בראָכען פֿעסטער געהאַלטן אונטער דער האַנט, און פֿון דער צװײטער זײַט האָט זי אונטערגעהאַלטן שולאַמיס. דאָס מײדעלע האָט געבעטן:

— מומינקע, נו, מומינקע, איך בעט אײַך, מע דאַרף ניט זינגען... אין אַזאַ צײַט זינגט מען ניט. עס הערן דאָך אײַך די ראָצכים, זעט, װי זײ לאַכן, די װילדע כײַעס... מע דאַרף ניט, מומינקע...

נאָר אָט איז געקומען אַ קאַלטער, רעגנדיקער פֿרימאָרגן. די מענטשן האָבן זיך שנעל געטומען אָנטאָן אין זײערע שמאַטעס, אין די צעפּיצלטע שיך. נאָר אַ מאָדנע זאַך — קײנער פֿון די שוצמאַנעס איז ניט געקומען טרײַבן די מענטשן אױף דער אַרבעט!

צום טױער פֿון דער געטאָ זײַנען צוגעפֿאָרן צװײ גרױסע פֿורן און מע האָט פֿון דאָרטן אָנגעהױבן אַראָפּנעמען קױשן ברױט, קעסלען מיט זופּ און באַפֿױלן די מענטשן זיך אױסשטעלן אין דער רײ און באַקומען עסן.

דער אויסגעהונגערטער אוילעם האט פארוואונדערט געקוקט, ווי צוויי דייטשן מיט וויסע קאל־פעקעס אף די קעפ האבן געטיילט ברויט, אנגעגאסן אין די שיסעלעך און קאנסערוון־פודעלעך הייסן זופ.

מענטשן האבן אפגיך אויסגעליידיקט די שיסעלעך, אופגעגעסן דאס ברויט און ווידער צוגעגאנגען צו דער ריי. אן אנדערש מאל וואלט מען אזא פרעסער צעשלאגן ביז טויט, און איצט האבן די דייטשן אונטערגעשמייכלט, אנגעגאסן ווידער זופ און געגעבן נאך ברויט...

א מאדנע געשיכטע! מע האט קיינעם ניט געטריבן אף ארבעט, געגעבן זיך אנעסן צו זאט. וואס זשע קומט דא פאר?

סאף טאג זיינען ווידער געקומען די צוויי פורן און מע האט אפסניי געבראכט ברויט און זופ. דער אוילעם האט גענומען ארומריידן די זאך פון אלע זייטן. ניט אנדערש, אז די דייטשן ענדערן זייער פאליטיק בענעגייע די געטאס. מע וועט אופהערן הארגענען, מע וועט דערלויבן זיך אומקערן אין די הייזער...

עמעצער האט בעסאד־סוידעס איבערגעגעבן, אז מע האט געהערט, אז די פאשיסטן האבן געכאפט לעבן מאסקווע א מיסע מאפאלע, מע האט זיי געגעבן אין די ציין אריין און זיי טרעטן אפ... זיי האבן געמיינט, אז מע וועט פאר א קורצער צייט אוועקשטעלן רוסלאנד אף די קני, באזיגן, נאר — א פייג אונטער דער נאז! די רויטע ארמיי וועט איינגיכן צעשמעטערן היטלערס קאהארטעס... ניט אנדערש, אז די דייטשן ווילן אויסקויפן די זינד, ווייל זיי ווייסן, אז זיי וועלן פאר אלץ דארפן טייער באצאלן...

דעם צווייטן טאג האט מען דעם אוילעם פון דער געטא אויך ניט געטריבן אף דער ארבעט, געבראכט צוויי מאל עסן. אפן דריטן טאג איז געקומען דער קאמענדאנט מיט עטלעכע זיינע געהילפן. צונויפגעטריבן דעם אוילעם צו די טויערן פון דער געטא, האט האנס פליטקע זיך אופגעהויבן אף א בערגל און זיך געווענדט צו די מענטשן:

— דער פיורער האט באפוילן, מיר זאלן ענדערן אונדזער באציונג צו אייך!.. דאס, וואס איז געווען ביז איצט, וועט מער ניט זיין. דערום האט דער פיורער אויסגעטיילט א גרעמע שטאט, וווּ איר וועט קאנען רויק לעבן, ארבעטן. היינט דארפט איר זיך צוגרייטן, און מיינע סאלדאטן וועלן אייך באגלייטן צו דער סטאנציע, צו דער אייזנבאן. דארטן ווארטן אף אייך צוגן, און זיי וועלן אייך אפ־פירן אין דער שטאט, וואס איז פאר אייך אויסגעטיילט. באלד וועט איר באקומען ברויט אפן וועג. פארשטאנען?

דער אוילעם האט געקוקט אף דעם קאמענדאנט, געגלייבט און ניט געגלייבט זיירע אויערן. וואס פאר א שטאט? ווען איז דער פיורער געווארן אזא גוטער, וואס זארגט פאר זיי?

נאר דער קאמענדאנט האט פארגעזעצט:

— יעדער פון אייך דארף מיטנעמען מיט זיך די ווערטפולע זאכן, וואס ער האט. קיין מעבל, גרעסערע זאכן דארף מען ניט נעמען. אלץ וועט איר באקומען, ווען איר וועט קומען אף אייער ניי־ווינארט...

— עפעס געפעלט מיר ניט די מייסע... — האט שטילערהייט געזאגט דער וואסערפירער זיסיע מאזעס.

— נישקאשע, ערגער ווי אין דעם גהענעם, וועט ניט זיין!.. — האט אריינגעשטעלט אן עלטערע פרוי, הריזענדיק דאס שטיקל ברויט, וואס זי האט פריער באקומען.

— וויפל קאן מען רוידעפן, זיך איזדיעקעווען איבער אונדז? עס האט דאך געמוזט אמאל נעמען א סאף דערצו...

האנס פליטקע האט זיך א קרים געטאן, הערנדיק, ווי ארום האט מען זיך צערעדט, און ער האט אופגעהויבן די האנט, מע זאל בלייבן שטום:

— איר ווייסט, אז האנס פליטקע, דער קאמענדאנט, האט ניט ליב א סאך ריידן. איך דער־קלער — דאס האט באפוילן דער פיורער. ער וויל פארבעסערן אייער לאגע. אפן נייעם ארט וועט יעדער פון אייך האבן א דירע, ארבעט, ברויט. איר וועט קאנען לעבן רויק. פארשטאנען?

— פארשטאנען... — האט זיך דערהערט דא און דארט.

— יאוואל! אין דריי שא ארום דארפט איר זיין גרייט. נעמען מיט זיך די ווערטפולע זאכן. מער גארניט... קראנקע, יענע, וועלכע קענען ניט גיין, ווערט דערלויבט פארנעמען פלאץ אף מאשינען... דריי מאשינען טייל איך אויס...

— הערט נאר, וואס זשע ווילט איר? מאשינען וועלן זיין פאר קראנקע...

— לייטיש פון זייער זייט... און מיר וועלן ביז דער סטאנציע זיך יאקאס דערשלעפן צופוס...

— ביטער, קינדערלעך... אוי, ביטער!.. — האט זיסיע מאזעס געשטשיפעט די עקן פון זיינע גראווע וואנצעס, — מיר געפעלט ניט די גאנצע מייסע.

— מע פרעגט דען אן אייצע, זיסיע, צי געפעלט דיר יא, צי געפעלט דיר ניט?..

— דאָס איז דאָך אַ באַפעל... און דו ווייסט, וואָס באַטײַט פאַר דײַטשן אַ באַפעל? גיב זיי אַ באַפעל, וועלן זיי טאַטע־מאַמע קוילען...

— איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס זײַנען זיי צו אונדז פּלוצעם געוואָרן אַזוי גוט?

צווישן האַמוין איז געוואַקסן דער טומל. דער קאָמענדאַנט האָט זיך איבערגעקוקט מיט זײַנע געהילפן און ער האָט איבערגעכאַזערט:

— אין דרײַ שאָ אַרום זאָל אַלץ זײַן גרייט... פאַרשטאַנען?

און ער איז שנעל אַוועקגעגאַן צו זײַן מאַשין, וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט.

דער קאָמענדאַנט מיט זײַנע באַגלייטער האָט ניט באַוויזן פאַרקערעווען צו דער בריק, ווי עס זײַנען געקומען צו די טויערן צוויי וועגענער. זיך אָפּגעשטעלט, האָבן די סאָלדאַטן אין די ווײַסע קאָל־פּעקעס גענומען די טשערפּאַקעס און אָנגעהויבן אָנגיסן אין די טעפּלעך, אין די קאָנסערוון־באַנקעס הייס געקעכטס. פאַר די קליינע קינדער האָבן זיי געבראַכט צו ציגעלעך צוקער.

— נו, דאַנקען גאָט דערפאַר...

— עפּשער וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן...

— איך זעט, און איך האָט געזידלט עלי־אָקום וועקסלערן, אַלעווהאַשאָלעם. ער האָט דאָך וויפל מאָל געזאָגט, אַז די דײַטשן זײַנען אַ קולטורנע נאַציע.

— קינדער, מע דאַרף ניט זינדיקן... מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל! מיר דאַכט זיך, אַז דאָס האָט ער זיך דערמאָנט אין אונדז...

— אוי, מײַנע טײַערע, עפּעס געפעלט מיר ניט די מײַסע... — האָט, וואַרגנדיק זיך מיטן שטיק ברויט, איבערגעכאַזערט זיסיע מאָזעס.

— וואָס געפעלט דיר ניט? — האָט פּעסיע איבערגעשלאָגן. — ערגער, ווי דאָ, וועט ניט זײַן!..

— פּעסיע־לעבן, איך האַלט דיך פאַר אַ כאַכאָמע, — האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ דער וואַסער־פירער, — עפּעס זאָגט מיר אונטער דאָס האַרץ...

— דו ביסט פון שטענדיק אַ ניט־גלייבער... — האָט אַ צווייטע פרוי געזאָגט. — האָסט ניט געהערט, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט געזאָגט? מע וועט געבן אויפן וועג, ביזן צוג ברויט...

— און וואָס האָט דיר, זיסיע, געזאָגט דער וועכטער באַם טויער? — האָט אַ לאַנגער דאַרער אַלטיטשקער זיך אַרײַנגעמישט. — יענער האָט דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט אײַנשפּאַנען דײַן קליאַטשע און נעמען מיט זיך אַ פּעסל פרישע וואַסער. עפּשער וועלן מיר אויפן וועג וועלן זיך אָנטרינקען...

— אַוואַדע? וואָס זשע, ווען זיי פאַרטראַכטן עפּעס ערגערס, וואָלטן זיי זיך געשעמט פאַר אונדז? זיי ווייסן דאָך, אַז מיר זײַנען אומשולדיקע, קראַנקע לײַט... עס איז אַ מילכאָמע... ווילן זיי אונדז אַריבערפירן אין אַ שטאָט, און דאָרטן וועלן מיר קענען לעבן און אַרבעטן...

— אוי, סימכע, פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן!..

עס איז געווען שפּעטער האַרבסט. אין אײַנגעגעסן רעגנדל האָט זיך געזיפּט אָן אויפהער. הינטער די שטעכלדראָטן אין געטאָ האָט זיך געטומלט. דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די לעצטע דרײַ טעג, די זיסע רייד פון האַנס פליטקען, וועלכער האָט די גאַנצע צײַט צוגעטראַכט אַנדערע עקזעקוציעס אויף די מענטשן און מיטאַמאָל געוואָרן אַ צוגעלאָזענער און גוטער, האָט אַרויפגעפירט אויף שווערע מאַכשאָוועס. און דאָך האָבן ניט ווייניק אײַנוווינער פון דער געטאָ געגלייבט, עפּשער וועט מען זיי טאַקע אַריבערפירן אין אַ שטאָט, וווּ מע וועט לאָזן לעבן, אַרבעטן, אָטעמען...

צו די טויערן פון דער געטאָ זײַנען צוגעפאָרן עטלעכע גרויסע, שווערע לאַסטמאַשינען און מע האָט אַהין אַרויפגעזעצט די קראַנקע, וועלכע האָבן זיך ניט געקענט באַוועגן אָן זײַטיקער הילף, — אויסגעצערטע, דיסטראָפיקער — פרויען און מאַנצבלען. דערנאָך האָט זיך אויסגעצויגן אַ לאַנגע קאָלאָנע מענטשן מיט רענצלעך און זעקלעך אויף די פּלייצעס.

מאָדנע האָט אויסגעזען דאָס, וואָס עס האָט זיך געיאָוועט אַ גאַנצע טשאַטע דײַטשישע סאָלדאַטן, פּאָליצײַען. עפּעס פריִער האָט מען דאָ אַזויפיל ניט געזען. צו אויפגעלעבט איז געוואָרן דאָס אָפּגעשטאָרבענע פּוסטע שטעטל. דאָ און דאָרט זײַנען געשטאַנען אויטאָמאַטלער אויף די וועגן, אויף די ראָגן. הין און הער האָבן זיך געטראָגן לאַסטמאַשינען, אויף וועלכע עס זײַנען געזעסן באַוואָפנטע דײַטשן און פּאָליצײַען מיט ווײַסע בענדלעך אויף די אַרבל.

דער קאָמענדאַנט האַנס פליטקע איז געקומען, אַראָפּגעשפּרונגען פון זײַן „אָפּעל", זיך דורכגעגאַן לענגויס דער קאָלאָנע. איצט האָט ער אויסגעזען גאָר אַנדערש, ווי צוריק מיט עטלעכע שאָ, ווען ער האָט דערקלערט די מענטשן, אַז מע וועט זיי אַריבערפירן אין אַ גרויסער שטאָט, וווּ זיי וועלן קענען לעבן, אַרבעטן און זײַן ווײַטער פונעם פראָנט... דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען אָנגעדראָלן, ער האָט אַלעמאָל עפּעס באַפוילן זײַנע געהילפן, געשריִען אויף זיי, זיך געבייזערט.

די קאָלאָנע האָט אים, זעט אויס, אויסגעוויזן צו אַ גרויסע, און ער האָט באַפוילן, אַז אַ האַלבע זאָל מען אַרויספירן אין דער צווייטער ריי.

א ײַן ער האָט זיך אוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פונעם געדיכטן דעמבענעם וואַלד, וואָס איז געלעגן אַפֿן וועג צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, און נאָך אים האָט זיך גערירט פֿון אָרט די קאָלאָנע. פֿון בײדע זײַטן האָבן זיך באַוועגט די דײַטשן און פּאָליציײַען. זײ האָבן אונטערגעטריבן די אָפּגעשטאַנענע, אונטערגעשטויסן זײ מיט די קאָלבעס פֿון די ביקסן און אווטאָמאַטן. אױף אַלע ראָגן זײַנען געשטאַנען דײַטשן — אווטאָמאַטלער, אָנגעטאָנענע אין זײערע גרינבלעכע שינעלן מיט העלמען אױף די קעפּ, גלײַך ווי זײ זאָלן זיך גרייטן צו אַ שווערער מיליטערישער אָפּעראַציע.

מע איז געגאַנגען איבערן טויטן שטעטל, ווו כּוּץ סאָלדאַטן האָט מען קײן לעבעדיקן נפֿש ניט געזען. אַ פּאַכעד האָבן אָנגעוואָרפֿן די צעקלאַפּטע, צעוואַלגערטע שטיבלעך, די סטאַרטשענדיקע קוימענעס, אויסגעהאַקטע פֿענצטער, דאָס צעוואַלגערטע זקיינים־הויז, דער פֿאַרברענטער קלוב, די הרודעס לײם אָנשטאָט דער שול...

אָט דאָ איז אַמאָל דורכגעגאַן אַ לעבן! לעבנס פֿון טאַטעס און זײדעס. הונדערטער יאָרן, דורעס, האָבן דאָ געוווינט אײגענע, פֿרײַנט. און קײנמאָל האָט מען ניט געטריבן די מענטשן אַזוי ווי איצט, מענטשן, וועלכע זײַנען מיט גאָרנישט ניט געווען שולדיק, וועלכע האָבן ערלעך געאַרבעט, געלעבט.

מע איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. קײנער האָט ניט געקענט באַנעמען, פֿאַרוואָס גײט באַ די זײַטן פֿון דער קאָלאָנע אַזאַ שטרענגע און גרויסע וואַך? די אומגליקלעכע, אויסגעמאַטערטע, פֿאַרצווייפֿלטע מענטשן וועלן אין ערגעץ ניט אַנטלויפֿן. זײ האָבן ניט וווהין צו אַנטלויפֿן. אומעטום, אױף אַלע ווענט און סלופּעס, אױף פּלויטן און ביימער זײַנען צעקלעפּט שטרענגע באַפֿעלן: ווער עס וועט אויסבאַהאַלטן אַ ייִדן אָדער אַ פּאַרטיזאַנער, וועט גלײַך צעשאָסן ווערן אױפֿן אָרט... ווער עס וועט כאַפּן אַ ייִדן אָדער אַ פּאַרטיזאַנער, וועט באַקומען צוויי פּונט זאַלץ...

איבערן בלאָטיקן שליאַך איז געוואָרן אַלץ שווערער צו גײן. פּעסיע מאַזור און שולאַמיס האָבן געהאַלטן אונטער די הענט בראָכען, וואָס האָט קוים געפּלאָנטערט מיט די פֿיס. פּעסיע האָט געפֿילט, אַז זי קלײַבט זיך ווידער נעמען זינגען און זי קוים אײַנגעהאַלטן.

ניט ווײַט פֿון זײ איז געגאַנגען, שווער קנעטנדיק די בלאָטע מיט זײַנע צעריסענע, איבערגעבונדענע מיט שטריק שיך, זיסיע מאָזעס און געפֿירט דאָס פֿערדל אַפֿן צײַמל, דאָס פֿעסל וואַסער.

דער שווערער וועג האָט געדויערט, ווי די אײביקײַט. טויט פֿאַרמאַטערטע, האָט מען זיך דערנעענטערט צום וואַלד. דאָרטן, פֿון יענער זײַט, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפּגרונט, טיפֿע עטלעכע גרייבער. לינקס איז געפֿלאָסן דער טײַך, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אָנגעפֿילט מיט בלײַ. האַנס פֿליטקע האָט באַפֿוילן, די קאָלאָנע זאָל זיך אָפּשטעלן, די זאַכן אַרײַנוואַרפֿן אין די דרײַ לאַסטמאַשינען, עס זאָל זײַן לײַכטער זיך באַוועגן. פֿון רעכטס און לינקס זײַנען געלעגן באַ צוויי קוילנוואַרפֿערס סאָלדאַטן אין קאַסקעס. מע האָט די מענטשן צוגעטריבן צום וואַלד, צום אָפּגרונט, און די קוילנוואַרפֿערס האָבן אָנגעהויבן שטעפּן. אַ מוירעדיקער געשריי, גוואַלדן האָבן צעריסן אױף שטיקער דעם הימל. אַ געשרייען, די קלאָלעס, דאָס געוויין פֿון מענטשן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפֿן אין פֿאַרשײדענע זײַטן, האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער שיסערײַ.

זיסיע מאָזעס האָט אָנגעכאַפּט פּעסיען פֿאַר דער האַנט און אויסגעשריִען מיט די לעצטע קוי־כעס: „אַנטלויפֿט! צום טײַך!" און, ניט וויסנדיק, וווהין זיך אַהינטאָן, האָט ער זיך צוגעטוליעט אױף אַ רעגע צום פֿעסל וואַסער. זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזען ניט ווײַט דעם קאָמענדאַנט, וואָס איז געשטאַנען צוגעטוליעט צו אַן אַלטן דעמב. זעענדיק, ווי עס פֿאַלן מענטשן, הערנדיק די געשרײען און שיסערײַען, האָט ער זיך אָנגעבויגן און, ניט וויסנדיק, פֿונוואַנען עס האָבן זיך באַ אים גענומען קוי־כעס, אַרויסגעריסן דעם דישעל פֿונעם וועגעלע, צוגעשפּרונגען צו האַנס פֿליטקען און אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ. עמעצער פֿון די געהילפֿן האָט אויסגעשאָסן אינעם וואַסערפֿירער, און ער האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן באַנאַנד מיטן קאָמענדאַנט...

עטלעכע סאָלדאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום קאָמענדאַנט, וואָס איז געלעגן אין אַ קאַלוזשע בלוט אָן אומבאַוועגלעכער.

דאָס שיסערײַ האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. די געשרײען, די קלאָלעס און דאָס געוויין האָבן געריסן דעם הימל אױף שטיקער. דאָס שטיקל לאָנקע באַ די גריבער, באַם וואַלד־אָפּגרונט איז געווען פֿאַרגאָסן מיט בלוט, פֿאַרוואַלגערט מיט דערשאָסענע.

פּעסיע מאַזור האָט אָנגעכאַפּט שולאַמיסן, צוגעלאָפֿן מיט איר צום אָפּגרונט און זיך אַראָפּגעקײַקלט. פּרוּווונדיק זיך אויפֿהייבן אױף די פֿיס נאָכן אומפֿאַלן, האָט זי דערפֿילט אַ מוירעדיקן ווײטיק אין דער פּלייצע, און עס איז איר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. אָנגעכאַפּט שולאַמיסן, האָט זי געוואָלט צודריקן זי צו זיך, קעדיי דאָס קינד פֿאַרשטעלן מיטן אײגענעם לײַב פֿון די קוילן, נאָר דערפֿילט נאָך אַ גרעסערן ווײטיק אין דער זײַט, און מיט די לעצטע קויכעס אָפּגעשטויסן פֿון זיך דאָס קינד און קוים אַרויסגעבראַכט:

— לויף, קינד מײַנס, צום טײַך, שווים אַריבער... ראַטעווע זיך...

און פּעסיע איז געפֿאַלן אַ טויטע אױפֿן פֿאַרבלוטיקטן גראָז.

שולאמיס געדענקט ניט, ווי זי האָט זיך דערקליבן צום טײַך. איבערן קאָפּ האָבן געפּײַפט קוילן. צו אירע אויערן האָבן זיך דערטראָגן מוירעדיקע גוואַלדן, געשרייען. זי האָט זיך געוואָרפן אין טײַך, געמאַכט מיט די הענט, עס האָט זי געצויגן צום דעק, נאָר זי האָט זיך געדראַפּעט איבערן וואַסער, געשווומען, ניט פילנדיק די קעלט, וואָס האָט גענומען אין קלעמען איר גוף.

שולאמיס האָט דערפילט אונטער זיך די בלאָטע, דאָס גראָז, דעם טשערעט, וואָס איז פאַר איר אופגעשטאַנען, ווי א וואַלד.

זי האָט נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען, פונוואַנען האָבן זיך צו איר גענומען קויכעס אריבערשווימען דעם טײַך, ווי זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז געשען, וואָס איז מיט דער מאַמען און ביכלאַל, ווו געפינט זי זיך?

איין זאַך האָט דאָס מיידעלע פאַרשטאַנען, אַז זי טאָר זיך דאָ ניט פאַרהאַלטן, מע דאַרף לויפן. עס מוזן דאָך זײַן אויף דער וועלט גוטע, האַרציקע מענטשן, צו זיי דאַרף זי אוועק זוכן הילף, א ראַטונג.

און, ציטערנדיק פון קעלט, האָט זי זיך געלאָזט גיין מיטן הוילן פעלד אין יענער ריכטונג, ווו מע האָט קוים אָנגעזען א ווינטמיל, עטלעכע כאַטעס.

אָבער צו יענע כאַטעס דערגיין האָט זי ניט געהאַט קיין קויכעס. דערזען אינמיטן פעלד, צווישן געדיכטע עטלעכע קוסטעס, א האַלב צעוואַלגערטן קורין, האָט זי זיך פאַרקליבן אַהין און געפאַלן אויף דער שטרוי...

פון יענער זײַט טײַך, באַם שוואַרצן וואַלד, האָט זיך נאָך געהערט א שיסערײַ. שולאמיס האָט זיך דורך דעם צעלעכערטן קורין אײַנגעקוקט אין יענער זײַט, פונוואַנען זי האָט זיך דערקליבן אַהער, זיך אײַנגעהערט, צי גייט מער קיינער ניט אַהער? ניט נאָר זי איינע האָט זיך געבאָמבלט אין טײַך. באַנאַנד האָט זי געזען נאָך עטלעכע קינדער שווימען אין טײַך. נאָר צי האָבן זיי דערגרייכט דעם צווייטן ברעג, ווו זי? צי האָבן די דײַטשישע קוילן זיי ניט פאַרטשעפּעט?

שולאמיס האָט אויסגעדרייט דאָס נאַסע, אויסגעווייקטע אָנטאָן. זי האָט געציטערט פון קעלט. ווען זי האָט זיך עטוואָס דערוואַרעמט, האָט זי זיך אוועקגעלאָזט צום דערפל, צו דער עקסטער כאַטע, און אַן אַלטיטשקע פויערטע האָט איר געעפנט די טיר...

קאַפּיטל אַכט און דרײַסיק

דעם שטורעם אנטקעגן

שויעל איז ארומגעגאַנגען איבער דער שטוב, ווי א פריטשמעליעטער, און זיך קיין אָרט ניט גע־קאָנט געפינען.

גיי וויים, אַז דאָס לעבן קאָן זיך אַזוי מיעס א קערעווע טאָן און אומדערוואַרט זאָל דאָס ארומגע־כאַפּט ווערן מיט אַזא סרייפע. פעסיע האָט זיך לאַנג געקליבן אראָפּפאָרן אין איר אַלטער היים און אָט האָסטו דיר — א מילכאָמע!

די ראַדיאָ גיט איבער אַלעמאָל אַלץ שווערערע יעדיִעס. עס גרײַפן אָן די דײַטשישע כאַיאָלעס, אין יענעם ווײַטן פאָדאָליער קאַנט גייען בלוטיקע שלאַכטן. הונדערטער טויזנטער אײַנוווינער פון די שטעט, שטעטלעך, דערפער האָבן זיך אופגעהויבן פון זייערע באַוווינטע ערטער און באַוועגט זיך אויף מיזרעך. און ווו איז איצט פעסיע מיט שולאמיסן? הערט נאָר — זיך געלאָזט אין אַזא ווײַטן וועג! ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזוינס וועט געשען?! שויעל האָט זיך געמאַטערט און ניט געקאָנט צוטראַכטן, וואָס ער דאַרף טאָן, וויאַזוי געפינט ער דאָס ווײַב מיט דער מיזינקע! ער וואָלט געפאָרן, געפלויגן צו זיי, נאָר וויאַזוי? וווהין? ער האָט שוין אוועקגעשיקט עטלעכע טעלעגראַמעס צו דער טאָכטער קיין מאָסקווע, ליזען, און איר מאַן בערנאַרד בענעדיקטאָוויטשן, זיך אָנגעפרעגט, צי ווייסן זיי ניט, וואָס איז מיט פעסיען און שולאמיסן? וואָס קאָן מען טאָן, קעדיי זיי ראַטעווען? באַקומען פון דאָרטן אַן ענטפער, אַז די מאַמע מיט שולאמיסן זײַנען אינמיטן יון כוידעש דורכגעפאָרן מאָסקווע, נאָר לאַנג דאָרטן ניט פאַרבראַכט און געפאָרן ווײַטער, קיין באַפּאַליע.

א שוידער האָט ארומגעכאַפּט שויעלן. דער קאָפּ איז שיר ניט צעשפּאָלטן געוואָרן פון בייזע מאַכשאָוועס. איינס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די שטוב איז פאַריאָסעמט געוואָרן. עס האָבן געוויינט און געקלאָגט די קינדער. מע איז אָפּט געגאַן אויף דער סטאַנציע באַגעגענען די צוגן. מע האָט ניט

געלאָזט דורכגיין די גאס דעם בריוונטרעגער, אים געריסן פאר די פּאָלעס, עפּשער טראָגט ער א בריוול? נאָר אומזיסט...

אזוי קוקט מען אין יאם אַף יענעם אַרט, ווי א שיף מיט מענטשן איז דערטרונקען געוואָרן און מע וואַרט, מע קוקט זיך ארויס די אויגן — עפּשער וועט עמעצער פונעם גרונט ארויסשווימען, עפּשער וועט זיך עמעצער ראַטעווען?

דאָוויד מאזור האָט זיך געמאַטערט ניט ווייניקער, ווי דער טאַטע. ער האָט זיך געדאַרפט האַלטן אין די הענט און דערצו נאָך מונטערן דעם טאַטן, די צוויי שוועסטערלעך.

די ארבעט איז בא אים געגאַן, ווי נאַס האָלץ ברענט. צו גאָרניט האָבן זיך ניט געלייגט די הענט. דער האַס און צאָרן האָבן אין הארצן געברענט. ווי נאָר ער האָט דערהערט, אז די דײַטשישע הענקער זײַנען אָנגעפאַלן אַפן לאַנד, איז ער אוועק אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט בעטן, מע זאָל אים שיקן אַפן פראָנט.

ער איז געווען ניט דער איינציקער פרײַוויליקער, וועלכער האָט זיך געריסן אהין, אין פײַער. הונדערטער, טויזנטער זײַנען זיי געגאַן פאָדערן, מע זאָל זיי גלײַך אוועקשיקן אין דער ארמיי, אין יענע טיילן, וועלכע פירן א בלוטיקע שלאַכט מיט די פארכאַפּער.

אין עטלעכע טעג ארום האָט דאָוויד זיך אָפּגעזעגנט מיט זלאַטקען, מיט די קינדער, מיטן טאַטן און פרײַנט.

ער האָט געגלייבט, אז גלײַך וועט ער זיך אײַנשליסן אין קאַמף. ער האָט אָבער געהאַט א טאָעס. ער איז געווען אַף אייביק צוגעשריבן צו דער גרענעץ־זאַסטאַווע, ווו עס האָט אַמאָל געדינט זײַן ברודער שיקע מאזור און וואָס איז דאָרטן אומגעקומען אין קאַמף מיט דיווערסאַנטן.

דאָ, באַם אַמור, איז געווען אָנגעשטרענגט. מע האָט געדאַרפט זײַן גרייט צו גרויסע שלאַכטן. די יאַפּאַנישע סאַמורײַען האָבן געוואַרט אַף א גינסטיקן מאָמענט, זיי זאָלן אריבערגיין די גרענעץ. זיי האָבן פּלאַנירט עפּענען דאָ א נײַעם פראָנט, קעדיי מיטהעלפן זייער פרײַנט אדאָלף היטלערן. דאָ האָט מען געדאַרפט זײַן אַף דער וואָך. נאָר, זעט אויס, די יאַפּאַנער, שפּירנדיק נאָך די שלאַכטן אַף מײַרעוו, האָבן זיך איבערצײַגט, אז די רויטע ארמיי האָט אראָפּגעריסן היטלערס טײַוואָלאַנישן פּלאַן פון א בליצקריג, די יאַפּאַנער האָבן אָנגעהויבן שטאַרק בוקסעווען און זיך ניט געאײַלט אָנפאַלן אַף רוסלאַנד... און די געפאַר, וואָס האָט דאָ, באַם אַמור, געהערשט אין די ערשטע מילכאָמע־וואָכן, איז א ביסל שוואַכער געוואָרן.

דאָוויד מאזור האָט איצט פארנומען זײַן פּאָסטן ניט אַף דער גרענעץ, נאָר עטוואָס ווײַטער, צוזאַמען מיט א גרופּע סאָלדאַטן איז ער געווען אין דער אויסשפּירונג. דאָ, אין דער טײַגע, האָט די גרופּע דערלערנט די קונסט פון אויסשפּירער, וויאַזוי זיך אויפירן, ווען עס וועלן זיך אָנהייבן די שלאַכטן.

די צײַט איז געגאַן. פון די פראָנטן זײַנען געקומען אַלץ שווערערע יעדיִעס, און די כעוורע האָבן זיך געריסן אין שלאַכט. דאָס געפיל פון נעקאָמע האָט ניט געלאָזט רוען.

עטלעכע מאָל איז דאָוויד מאזור געגאַן צום קאָמיסאַר בעטן, מע זאָל אים שיקן אהין, אַף מײַרעוו, אין דער אָפּערירנדיקער ארמיי, נאָר יעדעס מאָל האָט מען אים דערקלערט, אז אָפּהיטן די גרענעץ דאָ איז ניט ווייניקער וויכטיק, ווי זײַן דאָרטן. דאָ קאָן אויך אין יעדער שאָ אויסברעכן די מילכאָמע...

עס איז שוין געווען שפּעטער הארבסט, ווען עס איז אָנגעקומען דער באַפעל אריבערוואַרפן הינטער מאָסקווע די ווײַטמיזרעכדיקע דיוויזיע, ווו עס האָט געדינט אין דער ראָטע אויסשפּירער דאָוויד מאזור. אינמיטן דער נאַכט זײַנען די טיילן פון דער דיוויזיע שוין געווען אין די טעפּלושקעס, און די עשעלאָנען זײַנען אָן אָפּשטעל אוועק אַף מײַרעוו.

לויט אַן „אָקאַזיע" האָט ער איבערגעגעבן א יעדיִע דעם טאַטן, אז אין דעם נאָענטן מעסלעס וועט דער צוג זײַנער דורכגיין דורך דער סטאַנציע בירָאָבידזשאַן. די פּינקטלעכע שאָ איז ניט באַוווּסט, נאָר אויב דער טאַטע וועט האָבן די מעגלעכקײַט, זאָל ער און זלאַטע מיט די קינדער וואַרטן. מעגלעך, אז מע וועט זיך קאָנען זען עטלעכע מינוט.

און ווירקלעך. אין א רעגנדיקן גאַנצפרי האָט זיך דער מיליטערישער עשעלאָן אָפּגעשטעלט אַף צען מינוט אַף דער סטאַנציע, און דאָוויד האָט דערזען צווישן געדיכטן אוילעם דעם טאַטן, די שוועסטערלעך, זלאַטקען מיט ביידע קינדער און א גאַנצע טשאַטע באַקאַנטע און פרײַנט.

דערזען דעם טאַטן, איז אים געוואָרן א לאָך אין הארצן! גראָוו און אַלט געוואָרן!

אין זײַן נײַעם מונדיר האָט דאָוויד אויסגעזען שטאַלטנע, פעסט, מוטיק. ער האָט געפּרוווט באַרויִקן זלאַטקען, דעם טאַטן, די פרײַנט זײַנע. צוגעזאָגט, אז ער וועט זיך אומבאַדינגט אומקערן, נאָר ניט פריִער, ווי ער וועט זײַן אין בערלין און זען אדאָלף היטלערן אין דער טליִע...

מע האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער, זיך הארציק אָפּגעזעגנט, און דער עשעלאָן האָט זיך געלאָזט אין זײַן צענטויזנטווערסטיקן וועג.

מאָסקווע האָט באַגעגנט די ווײַטמיזרעכניקעס מיט א שטאַרקן רעגן, אַן איבערגעמישטן מיט שניי. עס איז געווען טיפע נאַכט, און אַף א קליינער דאַטשע־סטאַנציע האָט מען זיך שנעל גענומען אויסלאָדן, אַרויספירן פון די וואַגאָנען די אײַנגעשטאַנענע פערד, אַראָפּנעמען די האַרמאַטן, דאָס שווערע געווער, די גרויסע באַלעבאַטישקײַט.

ערגעץ דאָרטן ניט גאָר ווײַט האָט מען שוין געזען די קאָנטורן פון דער אײַנגעשטילטער שטאָט, פון די הויכע מויערן. דײַטלעך האָט זיך אָנגעזען די שטאָט, ווען עס זײַנען פּלוצעם אופגעלויכטן געוואָרן די בלאַסע שטראַלן פון פּראָזשעקטאָרס, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן אינעם אָנגעכמורעטן הימל. אין דער קנאַפּער לויפנדיקער שײַן פון די פּראָזשעקטאָרס האָט מען אָנגעזען די מעכטיקע אַעראָסטאַטן, וועלכע זײַנען געהאַנגען אינדערלופטן, היטנדיק די שטאָט פונעם סוינע. פון ווײַט־ווײַט האָט זיך אַהער דערטראָגן דער טעמפּער געבורעם פון שווערע האַרמאַטן.

דער אָטעם פון דער מילכאָמע האָט זיך געפילט אַף יעדן שריט און טריט. זעט אויס, ביז דער פראָנט־ליניע איז פונדאַנען געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

דאָוויד מאַזור האָט זיך אײַנגעהערט אינעם געבורעם פון די האַרמאַטן. דאָס האַרץ האָט ווײ געטאָן, טראַכטנדיק, אַז דער סוינע איז אַזוי נאָענט צו דער קרוינשטאָט פונעם לאַנד און אַף איר רוקט זיך אָן א שרעקלעכע געפאַר. צי דען קאָנען זיך אַהער אַרײַנרײַסן די פאַשיסטישע כאַיאָלעס און מאַכן פון דער שטאָט א כורווע? דאָוויד מאַזור איז דאָ א פּאָר מאָל געווען און גוט געקענט די פּאַלעצער און גאַסן פון מאָסקווע. סאַראַ וווּנדערלעכע שטאָט! סאַראַ פּראַכט! מיליאַרדן לעמפּ צינדן זיך אָן און, צעווייפגיסנדיק זיך מיט די פּילקאָליריקע פײַערלעך פון די אויטאָמאָבילן און אויטאָבוסן, זעט אויס די שטאָט מיט הויכע הײַזער, מיטן רויטן פּלאַץ, מיט די קרעמל־טורעמס, ווי א מײַסעלע, ווי א שיינער, אומפאַרגעסלעכער כאָלעם! איצט איז אַלץ פאַרפינצטערט געוואָרן. די שטאָט איז אין א גרויסער סאַקאָנע! דער סוינע איז אַזוי נאָענט! דער אָטעם פון דער מילכאָמע פילט זיך אומעטום.

סאָלדאַטן האָבן געהאַוועט. מע האָט אויסגעלאָדן דאָס פאַרמעגן פון די וואַגאָנען. די אַרבעט איז געגאַן פלינק, שנעל. מע האָט זיך פאַרשטאַנען אַפּן ווונק. די פאַרפּאַליעטע און פאַרהאַרטעוועטע פון דער סיבירער קעלט כעווּרע, וועלכע האָבן אין די טעפּלושקעס געזונגען, געלאַכט, געווען אופגעלייגט, זײַנען איצט געווען אָנגעשטרענגט, ערנסט. יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז אָט־אָט וועט מען אַרײַנטרעטן אין שלאַכט, אָט־אָט וועט מען זיך באַגעגענען פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן בלוטיקן סוינע, וועלכן מע מוז אום יעדן פּרײַז דאָ אָפּשטעלן באַ די טויערן פון דער הויפּט־שטאָט, אָדער פאַלן אין שלאַכט. מע טאָר ניט אַרײַנלאָזן קיין מאָסקווע די פאַשיסטישע כאַיאָלעס.

די קעלט האָט דורכגענומען אַף דורך און דורך. א קאַלטער ווינט, דער רעגן און דער שניי האָבן פאַרשלאָגן דעם אָטעם. מע איז געווען פאַרמאַטערט פון דעם לאַנגן שווערן וועג, נאָר ניט געטראַכט וועגן אָפּרו, וועגן דעם, אַז מע דאַרף איבערכאַפּן דעם אָטעם.

ניט ווײַט פון דער סטאַנציע האָט זיך דערהערט א רעווען פון לאַסטמאַשינען מיט פאַרלאָשענע פאַרעס. א לאַנגע קאָלאָנע האָט זיך אָפּגעשטעלט, און די סאָלדאַטן האָבן שנעל פאַרנומען זייערע ערטער אין די קוזאָוועס. די מאַשינען האָבן זיך האַסטיק געיאָגט אין יענער ריכטונג, פונוואַנען עס האָט זיך אַהער געטראָגן דער געבורעם פון די שווערע האַרמאַטן.

פאָרן איז אויסגעקומען ניט לאַנג. די פינצטערניש האָט אײַנגעשלונגען די קאָלאָנע. לעבן א געדיכטן וואַלד האָט די קאָלאָנע זיך אָפּגעשטעלט, און ווײַטער טאָר מען שוין ניט פאָרן. פון יענער זײַט וואַלד ציִען זיך די טראַנשייען. דאָרטן איז די פאָדערשטע פּאָזיציע. די געקומענע שלאַכטלײַט דאַרפן גלײַך פאַרנעמען זייערע ערטער אין די טראַנשייען.

עס האָט נאָך ניט שאַריִעט אַף טאָג, ווען עס איז געקומען א פאַרפּאַליעטער קאַפּיטאַן און זיך נאָכגעפרעגט, ווער איז דאָ דער וויזוואָדנער פונעם ערשטן אויסשפּיר־וויזוואָד? דאָוויד מאַזור האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן קאַפּיטאַן, יענער האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און געפרעגט, ווו זײַנען זײַנע כאַווײרים אויסשפּירער? אוועקגעפירט זיי עטלעכע הונדערט מעטער צום ראַנד וואַלד, האָט ער זיי געבראַכט אין א הייס־אָנגעהייצטן בלינדאַזש, וואָס איז געווען קנאַפּ באַשײַנט מיט א קאַרביד־לעמפּעלע. אַף דער וואַנט זײַנען געווען צעהאַנגען מאַפּעס מיט אָן א שיר רויטע און שוואַרצע פענדעלעך. פון דער נאַרע האָט זיך אופגעהויבן א ווּקסיקער גענעראַל אין א צעשפּיליעטן קיטעל, מיט אַן אָנטבלויזטן קאָפּ האָר, א ציכטיק אָפּגעגאָלטער. ער האָט מיט א גוטמוטיק מיד שמייכעלע באַטראַכט די פּעסטע, פאַרהאַרטעוועטע, ניט געגאָלטע יאַטן, זוכנדיק צווישן זיי דעם עלטסטן. דאָוויד האָט געמאַכט א טראָט פאָרויס און אָפּגעראַפּאָרטירט:

— כאַווער גענעראַל! לויט אײַער באַפעל האָט זיך מײַן אויסשפּיר־וויזוואָד אין באַשטאַנד פון אַכט מענטשן געיאַוועט. סערזשאַנט מאַזור...

שמייכלענדיק, האָט דער קאָמאַנדאַרם באַטראַכט דעם פּעסטן, שלאַנקן אויסשפּירער, זײַנע בראַווע כעווּרע, א ווונק געטאָן אַף דער נאַרע, יענע זאָלן זיך צוזעצן, צעעפנט דאָס פּעקעלע „קאַזבעק“, פאַרגעלייגט פאַררייכערן און אַליין פאַררייכערט.

— הייסט עס, זײַט איר סיביריאַקעס? מע זעט גלײַך, עכטע סאָלדאַטן. שוין געדינטע? פון דער גרענעץ? פונעם ווײַטן מיזרעך?..

— טאַק טאָטשנאָ, כאַווער גענעראַל! — האָט געענטפערט דאָוויד מאַזור.

— איך פאַרשטיי גוט, מײַנע טײַערע, — האָט דער גענעראַל זיך ווייך אָנגערופן, — אַז איר זײַט פאַרמאַטערט פונעם ווײַטן וועג. נאָר איר זעט, אַז דער סוינע איז בײַ די טויערן פון מאָסקווע... אָט, מאַמעש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען... דאָס איז ניט קיין באַפעל... אַ גרויסע ביטע צו אײַך. מיר דאַרפן האָבן אַ „צונג", ווי לופט... די דײַטשן שטייען דאָ ניט ווײַט. און מיר דאַרפן וויסן, וואָס עס טוט זיך בײַ זיי און וואָס ער האָט פאַרטראַכט.

— פאַרשטאַנען, כאַווער גענעראַל! — האָט דער ווזוואָדנער אָפּגעהאַקט.

— איך האָב נאָך ניט געענדיקט, סערזשאַנט, — האָט דער גענעראַל מיט זײַן גוטמוטיקן שמייכעלע פאַרגעזעצט, — אויב איר פילט, אַז עס איז פאַר אײַך צו שווער, איר זײַט פאַרמאַטערט, וועל איך בעטן אַנדערע און איר וועט גיין זיך אָפּרוען...

— גאָט באַהיט! מיר וועלן אויספילן!.. — האָט מאַזור זיך געכאַפּט, — מיר זײַנען ניט מיד...

דער גענעראַל האָט נאָך אַלץ אונטערגעשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איר זײַט ווײַטמיזרעכניקעס, און אַזעלכע הייסע... איך האָב געדינט אויפן ווײַטן מיזרעך... און וויים, אַז די פראָסט דערלויבן זיי ניט זײַן אַזעלכע היציקע...

— כאַווער גענעראַל, אויפן ווײַטן מיזרעך וווין איך אַ יאָר אַכט... — האָט דער סערזשאַנט געזאָגט. — מײַנע כעווירע־אויסשפּירער זײַנען אויפן ווײַטן מיזרעך געבוירן געוואָרן... איך בין פון די איבערוואַנדערער, עפּשער האָט איר געהערט: ביראָבידזשאַן... דאָרטן וווין איך און האָב געאַרבעט ביזן אָנהייב פון דער מילכאָמע... איך בין אַ גרענעצלער געווען... ביז דעמלט האָב איך געוווינט אויף פּאָדאָליע, אין אוקראַיִנע... דערנאָך איבערגעוואַנדערט אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. ביראָבידזשאַן... עפּשער האָט איר געהערט?..

— געוויס געהערט! איך בין אַפילע דאָרטן געווען דורכפאָרנדיק... דאָרטן געווען בײַ מאַנדזשוריע. — האָט דער גענעראַל געזאָגט און אַ ווונק געטאָן צום קאַפּיטאַן, זעט אויס, זײַן אַדיוטאַנט.

יענער איז אַרויסגעגאַנגען פונעם בלינדאַזש און אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיך אומגעקערט, געבראַכט אַ גרויסן טשײַניק טיי און אַ סאָלדאַטיש זעקל, פון וועלכן ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר ברויטלעך און רעדלעך וווּרשט.

— איז הערט, סיביריאַקעס, — האָט דער גענעראַל זיך פאַרזיכטיק אויפגעהויבן, האַלטנדיק אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ער זאָל ניט פאַרטשעפּען די נידעריקע סטעליע, — דערווײַל כאַפּט עפּעס איבער און טרינקט זיך אָן מיט הייסער טיי, און איך וועל אײַך דערקלערן אײַער אויפגאַבע...

ער איז צוגעגאַנגען צו דעם וואַנטל, ווו עס איז געהאַנגען די פעלד־מאַפּע און גענומען דערקלערן דעם מאַרשרוט פון דער גרופּע.

אינגיכן האָט דער גענעראַל זיך העפלעך אָפּגעזעגנט מיט זײַנע נײַע באַקאַנטע, און דער אַדיוטאַנט, דער קאַפּיטאַן, האָט זיי אַרויסבאַגלייט פונעם בלינדאַזש.

דאָוויד מאַזור איז געווען באַגײַסטערט פונעם גענעראַל, וועלכער האָט זיי אַזוי גוט אויפגענומען און אַלץ דערקלערט. און דעריקער דערפון, וואָס ער האָט דער גרופּע פאַרטרויט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע. אַ קוק געטאָן אויפן קאַפּיטאַן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אַ טײַערער מענטש, אײַער נאַטשאַלניק...

— יאָ, אַ גאָלדענער מענטש... אַלע — סײַ די סאָלדאַטן, סײַ די אָפיצערן האָבן אים ליב. פאַר אים איז מען גרייט גיין אין פײַער און אין וואַסער... — און, אַ טראַכט געטאָן, פאַרקוקנדיק זיך אויפן טונקעלן הימל, צוגעגעבן: — אַוואַדע, גענעראַל ראָקאָסאָווסקי דאָס איז אַ מענטש!

— איז דאָס געווען, זאָגט איר, ראָקאָסאָווסקי אַליין? אָט יענער? — האָט צעעפנט דאָס מויל דער ווזוואָדנער. — עס קאָן ניט זײַן!..

— יאָ, יאָ, כעווערע, — האָט יענער זיך צעשמייכלט, — דאָס האָט איר געטרונקען טיי בײַ קאָנסטאַנטין קאָנסטאַנטינאָוויטש ראָקאָסאָווסקין...

אין אַ פערטל שאָ אַרום האָט דאָוויד מאַזור מיט זײַן גרופּע אויסשפּירער זיך געלאָזט מיט די זײַטיקע באַלקעס צום נאָענטן דערפל, וואָס האָט זיך געשווארצט אויפן ראַנד פון אַ סאָסנע־וואַלד. מע איז געגאַן שנעל, שווײַגנדיק, און דער סאָף נאַכט האָט זיי אײַנגעשלונגען.

ערגעץ הויך איבערן קאָפּ האָבן געהודזשעט עראָפּלאַנען. פון מאָל צו מאָל האָבן פון לינקס און רעכטס געברומט האַרמאַטן, און שווערע באָמבעס האָבן געריסן שטיקער פון דער פאַרקאָוועטער ערד. אין אַ לאַנג קייטל האָט זיך צעצויגן די גרופּע אויסשפּירער, געגאַנגען ניט געאײַלט, אַרומקוקנדיק זיך אַרום. דאָס האַלב־צעקלאַפּטע און פאַרברענטע דערפל איז געווען אײַנגעהילט אין שלאָף. דער

שוואַרצער הימל האָט זיך פֿון מאָל צו מאָל צעצוויטעט פֿון פֿאַרשיידנקאָליריקע באַלויכטונג־ראַקעטעס. ניט ווײַט פֿונעם וואַלד, אין די נידעריקע איוויניאַק־קוסטעס האָט מאַזור א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, מע זאָל זיך לייגן אױף דער ערד און שפּירן, זיך אַרומקוקן. מע האָט באַטראַכט, אַז צוויי כעווריע זאָלן זיך דורכשמוגלען צו דער עקסטער שטוב, וואָס לויכט זיך א ביסל פֿון אינווייניק. דאָרטן איז, מעגלעך, עמעצער פֿון די דײַטשן...

נאָר פּלוצעם האָט אױפֿן געדרייטן וועג, וואָס לענגויס דעם וואַלד, זיך דערהערט א זשום פֿון אַן אויטאָמאָביל. עמעצער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער מאַשין, זיך הילכיק אויסגעזידלט, אויפֿגעהויבן דעם קאַפּאָט פֿון דער מאַשין, באַלויכטן דעם מאָטאָר מיט א קעשענע־לעמפּעלע, ניט אויפֿהערנדיק זיך זידלען. פֿון דער מאַשין האָט זיך אַרויסגערוקט נאָך א דײַטש, אַן אָנגעפּעלצטער, א פֿולער און שווער־באַוועגלעכער. ער האָט אויך אַרויסגעכאַפּט א קעשענע־לעמפּעלע און באַשײַנט דעם מאָטאָר פֿון דער אַנדערער זײַט. אין מאַשין איז געבליבן זיצן איינער. די דרײַ לײַט האָבן עפּעס שנעל גערעדט צווישן זיך, געבייזערט זיך, אונטערגעײַלט דעם שאָפֿער, און יענער האָט זיך געפּאָרעט אין דעם מאָטאָר.

שטילערהייט איבערגעגעבן די כעוורע, מע זאָל זיך גרייטן צו דער אַרבעט, בעשום־אופֿן ניט שיסן, נאָר אַרויסנעמען די „פּינקעס”, האָט מאַזור און זײַן בעסטער פֿרײַנט מישקע זשוראַוולִיאָוו זיך געלאָזט פּויזען צו דער מאַשין. די איבעריקע זעקס כעוורע האָבן זיך פּאַרזיכטיק באַוועגט נאָך זיי.

ווי פֿון אונטער דער ערד זײַנען פֿון ביידע זײַטן מאַשין אויסגעוואַקסן מאַזור און זשוראַוולִיאָוו, יענע האָבן ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן, ווי זיי זײַנען שוין געלעגן דערשטאָכענע אױף דער ערד. דער דריטער, וואָס איז געזעסן אין דער מאַשין, האָט דערזען פֿאַר זיך צוויי פּינקעס און צעעפֿנט דאָס מויל, נאָר ניט געקענט א געשריי טאָן...

האַלטנדיק מיט איין האַנט יענעמס מויל, ער זאָל ניט שרײַען, האָט מאַזור מיט דער רעכטער אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָלנער און אַרויסגעשלעפּט פֿון דער מאַשין. די איבעריקע כעוורע זײַנען אונ־טערגעשפּרונגען, און עמעצער האָט דעם דײַטש אַרײַנגערוקט א הענטשקע אין מויל, מיטן רימען צונויפֿגעבונדן די הענט און אָפּגעפֿירט צו די קוסטעס.

דאָוויד האָט א נישטער געטאָן אין דער מאַשין און אַרויסגעכאַפּט פֿון דאָרטן א דיקן לעדערנעם פּאָרטפֿעל, צוויי אויטאָמאַטן, אַן אָפֿיצעריש טשעמאָדאַנדל.

מע האָט זיך א יאָג געטאָן אין דער טיפֿער באַלקע, און מיט געדרייטע שטעגן זיך געלאָזט לויפֿן מיט דעם „צונג”. ערשט איצט האָט מען זיך אַרומגעקוקט, דערזען בוילעטער דאָס דיקע קײַלעכיקע פּאָנעם, די דערשראָקענע אויגן, די גרויסע ברילן. די כעוורע האָבן ניט געוווּסט, אַז זיי האָבן פֿאַר־כאַפּט א גאָר וויכטיקן „פּוקס”, א פּאָלקאָווניק מיט א גרויסן פּאָרטפֿעל פּאַפּירן.

די אַרומיקע פּינצטערניש איז ביסלעכווײַז צעשוועבט געוואָרן, און דער בלאַסער פֿרימאָרגן האָט זיך צעעפֿנט, ווען דאָוויד מאַזור מיט זײַנע כעוורע האָבן געשלעפּט דעם „צונג” צום ראַנד סאָסנע־וואַלד, און נאָך פֿונדערווײַטנס דערזען דעם גענעראַל, וואָס איז געשטאַנען אינעם העמד, אָנגעבויגן לעבן אַן אַלטער סאָסנע, און דער קאַפּיטאַן האָט אים געגאָסן אױפֿן האַלדז קאַלטע וואַסער פֿון אַן עמער.

דערזען ווי די אויסשפּירער שלעפּן צום בלינדאַזש א דיקן דײַטש, האָט דער גענעראַל זיך אײַנ־געקוקט, אויסוווּשנדיק מיטן האַנטעך דאָס נאַסע פּאָנעם, דעם האַלדז. זײַנע ליכטיק־בלאָוולעכע אויגן האָבן פֿאַרכידעשט און צופֿרידן אונטערגעשמייכלט. זע נאָר, די סיביריאַקעס שלעפּן, זעט אויס, ניט קיין געוויינלעכן דײַטש.

— כאַווער גענעראַל! אײַער באַפֿעל האָבן מיר אויסגעפֿילט! — האָט מאַזור אויסגעשריִען און אויפֿגעהויבן די האַנט צו דער „אושאַנקע”.

— מאָלאָדצי!.. — האָט דער גענעראַל א זאָג געטאָן, — א דאַנק, סיביריאַקעס!

ער האָט דערלאַנגט די האַנט דעם פֿאַרלוירענעם ווזוואָדנעם, די איבעריקע אויסשפּירער און געבעטן אַרײַנפֿירן דעם „צונג” אין בלינדאַזש, דרינגענד רופֿן דעם איבערזעצער און באַפֿוילן, די כעוורע זאָלן גיין זיך גוט אָפּרוען און אויסשלאָפֿן.

דער דײַטש, דערזען פֿאַר זיך א הויכן „טשין”, האָט נאָך דעם, ווי מע האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן מויל די הענטשקע, זיך אָנגעהויבן קלאָגן אױף די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען זיך אַזוי פּרעך באַגאַנ־גען מיט א הויכן אָפֿיצער פֿון דעם רײַך... פֿאַרשטעקט דאָס מויל מיט אַזאַ עקלדיקער הענטשקע!.. עס קאָן דאָך זײַן אַן אינפֿעקציע... דאָס איז ניט היגיִעניש, פּרעך...

דער גענעראַל האָט זיך הילכיק פֿאַנאַנדערגעלאַכט:

— איר זעט, סיביריאַקעס, פֿריץ איז אױף אײַך אין קאַס! איר זײַט זיך, זאָגט ער, ניט איידל באַגאַן מיט אים... נישקאָשע, אינגיכן וועלן מיר זיך מיט זיי אַלעמען גוט באַגיין, אַז עס וועט זיי ווערן פֿינצטער אין פּאָנעם...

דער גענעראַל האָט גיך אָנגעטאָן דעם קיטעל, דעם שינעל. דאָס פּאָנעם איז געוואָרן בא אים ערנסט, אָנגעשטרענגט, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין בלינדאַזש. זיך געדאַרפֿט דורכשמועסן מיטן דײַטש, מיט דעם פֿרישן „צײַג”.

צווישן מענטשן און כײַעס

דאַכט זיך, זינט די וועלט שטייט, האָט זיך נאָך דער ווינטער ניט אָנגעהויבן מיט אַזעלכע שטאַרקע פֿרעסט, ווי איצט. די ערד איז געווען פֿאַרקאַוועט, געהערט די זאַסטעפּעס און די קירקעס פֿאַר אַ פּיטאַק, זיך ניט אונטערגעגעבן, און דאָך האָבן די סאָלדאַטן זיך טיף אײַנגעגראָבן אין דער ערד.

דער גענעראַל האָט קימאַט אַלע טאָג באַזוכט די טראַנשייען, געקוקט, ווי די סאָלדאַטן פֿאַרפֿעסטיקן זיך. די סיביריאַקעס האָבן געטײַנעט, אַז זיי זײַנען ניט געקומען אַהער, קעדיי לאַנג זיצן אָט דאָ, לעבן די ווענט פֿון דער הויפּט־שטאָט, זיי וואַרטן אויפֿן באַפֿעל אָנצוגרײַפֿן, גיין פֿאָרויס, אָפּטרײַבן, צעשמעטערן די דײַטשישע כאַיאָלעס... דעם גענעראַל זײַנען אַזעלכע רייד גראָדע געווען צום האַרצן, ער האָט אויך געטראַכט וועגן אָנגרײַפֿן, אָפּטרײַבן דעם סוינע פֿון דער שטאָט, נאָר ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז ניט ווײַט שטייען נאָך אַ סך פֿאַשיסטישע טאַנקען, וואָס גרייטן זיך צום לעצטן שטורעם, און מע דאַרף זיי פֿריִער צעקלאַפּן, דערנאָך איבערגיין אין אַ קאָנטער־אָנגריף און טרײַבן פֿון אונדזער ערד.

די פֿרעסט האָבן זיך געשטאַרקט, און עס האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ טיפֿער שניי.

דאָס וויפֿלטע מאָל האָט דער פֿירער באַפֿוילן אום יעדן פּרײַז נעמען די שטאָט! אין אַ קאַלטן באַגינען האָט ניט ווײַט אַ טשאַטע טאַנקען פֿאַרגענומען דעם אָנגריף. זיי זײַנען געגאַן אויף די טראַנשייען, וווּ עס האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט די דיוויזיע פֿון די ווײַטמיזרעכניקעס. עטלעכע קעגנטאַנקען־טיילן זײַנען געשטאַנען אויפֿן ראַנד פֿונעם וואַלד, און ווען די גרויזאַמע מאַשינען מיט די שוואַרצע קרייצן האָבן זיך דערנעענטערט, געגאַן פֿאָרויס, האַלטנדיק, אַז קיין שום קויעך וועט זיי ניט אָפּשטעלן, האָט זיי באַגעגנט אַ קוואַליע פֿון פֿײַער. די האַרמאַטלער האָבן אַרויסגעקײַקלט די האַרמאַטן פֿון די באַהעלטענישן און געשאָסן גלײַך אין די מאַשינען. יענע, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן פֿאַרבײַ דעם פֿײַער, זײַנען ווײַט ניט אַוועק — עס האָבן זיי פֿאַרוואָרפֿן מיט קעגנטאַנקען־גראַנאַטעס, פֿלעשער מיט ברענשטאָף די סיביריאַקעס.

אַ גאַנצן טאָג האָבן די פּעכאָטינצעס און אַרטילעריסטן אָפּגעשלאָגן די אײַנגעאַקשנטע טאַנקען־אַטאַקעס. אַרום און אַרום האָבן געברענט פֿײַנטלעכע מאַשינען, דאָס פֿעלד איז געווען פֿאַרוואַלגערט מיט סאָלדאַטן אין גרינע שינעלן, יענע זעלבע טאַליאַנים, וועלכע האָבן געכאָלעמט, געטרוימט איבערווינטערן אין מאָסקווע, נאָר אויף אייביק פֿאַרבליבן אויף די פֿאַרשנייטע פֿעלדער אַרום מאָסקווע.

סאָף טאָג איז געקומען דער באַפֿעל — אין אָנגריף! טרײַבן דעם סוינע ווײַטער פֿון מאָסקווע! די סיביריאַקעס האָבן פֿאַרלאָזט זייערע טראַנשייען און אָנגעהויבן נאָכיאָגן, פֿאַרפֿאָלגן די אָפּטרעטנדיקע, פֿאַרפֿרוירענע, צעשמעטערטע פֿײַנטלעכע טיילן.

מאַזור מיט זײַנע כעווערע אויסשפּירער האָבן זיך געשטעלט אויף די ליזשעס. באַוואָפֿנטע מיט אויטאָמאַטן, גראַנאַטעס, פֿאַרפּוצטע אין ווײַסע מאַסקיר־כאַלאַטן אַזוי, אַז זיי האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן מיטן שניי, האָבן זיי זיך פֿאַרקליבן אין הינטערלאַנד פֿונעם סוינע, אַלעמאָל אויסגעוואַקסן, ווי פֿון אונטער דער ערד, אין פֿאַרשיידענע ערטער, מיט זייער שיסערײַ אָנגעוואָרפֿן אַ פּאַכעד אויפֿן סוינע. מע האָט ניט געלאָזט די לויפֿנדיקע דײַטשן איבערכאַפּן דעם אָטעם. די סאָוועטישע דיוויזיעס האָבן זיך שנעל באַוועגט פֿאָרויס.

...העכער אַ כוידעש צײַט איז געגאַן דער אָנגריף, און אַלעמאָל האָט מען געוואָרפֿן אין שלאַכט אַלץ פֿרישע טיילן. טויזנטער, טויזנטער דײַטשן האָבן זיך איבערגעגעבן אין פּלען, איבערגעלאָזט זייער געווער, זייערע סקלאַדן.

דאָס איז געווען דער גרעסטער קלאַפּ, וואָס די סאָוועטישע אַרמיי האָט דערלאַנגט דעם סוינע פֿון אָנהייב מילכאָמע. די הויפּט־שטאָט האָט פֿרײַער אָפּגעעטעמט.

די ווײַטמיזרעכדיקע דיוויזיע האָט זיך דעראָבערט אין די ווינטערדיקע שווערע שלאַכטן, הינטער מאָסקווע, קאָוועד און ערע. איר איז צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל גוואַרדייִשע. הונדערטער סאָלדאַטן און אָפֿיצערן זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאַלן. צו זײַן אָרדען, מיט וועלכן דאָוויד מאַזור איז באַלוינט געווען שוין לאַנג, אויף דער גרענעץ, איז צוגעקומען אַ מעדאַל „פֿאַר געוואַגטקײַט“ און אַן אָרדען פֿון דער רויטער שלאַכט־פֿאָן.

די דיוויזיע האָט מען נאָך די שלאַכטן אָפּגעפֿירט אויף אָפּרו, ברענגען אין אָרדענונג און פֿאַרפֿולן די שיטער־געוואָרענע פּאָלקן און באַטאַליאָנען, פֿאַרהיילן די ווונדן, זיך ברענגען אין שלאַכט־גרייטקייט.

עס האָבן אויף זיי געוואַרט נײַע פֿראָנטן, נײַע שלאַכטן, נײַע אויספּרוּוון.

די זעלטענע בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פֿון דער היים, האָבן אים קיין פֿרייד ניט צוגעגעבן. פֿון דער מוטער און שולאַמיסן זײַנען אַלץ ניט געווען קיין שום ידיעות, און דאָס האָט דאָווידן געמוטשעט, ניט געלאָזט לעבן.

וואָס איז מיט זיי? ווו האָבן זיי זיך פֿאַרלוירן אין דעם שרעקלעכן מילכאָמע־קאַראַהאָד? אויף וויפֿל צײַט האָט זיי דער גוירל צעשיידט און צי וועלן זיי זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען?..

די מאַמע... וואָס קאָן זײַן טײַערער פֿון דער מאַמען? ווען ער באַקומט כאָטש פֿון איר אַ גרוס, אַז זי לעבט, אַז זי געפֿינט זיך מיט שולאַמיסן אויסער דער געפֿאַר, וואָלט ער געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, וואָס עס טוט זיך איצט מיטן טאַטן, ווי ער מאַטערט זיך, אַן אײַנזאַמער, אַ דערשטוינטער, מיט צוויי קינדער, וועלכע ער דאַרף אויסכאָווען, אוועקשטעלן אויף אַ וועג. זיי, די שוועסטערלעך, לערנען, און אויף אים, אויפֿן טאַטן, ליגט דער גאַנצער עול, די שטוב, די אַרבעט. און איצט מוז ער דאָך אַרבעטן פֿאַר דרײַען. דער גרעסטער טייל אַרבעטער פֿונעם קאָמבינאַט, אַרײַנרעכענענדיק דעם נאַטשאַלניק, אָשער מאַזינען, איז דאָך אַוועק אויפֿן פֿראָנט און בלויז יאַשקע איז איבערגעבליבן אויפֿן אָרט — אים האָט מען ניט געקאָנט שיקן אויפֿן פֿראָנט...

ער וועט, מעגלעך, זיך קענען עפּעס דערוויסן וועגן דער מאַמען און שולאַמיסן, ווען מע וועט פֿאַרטרײַבן די פֿאַשיסטישע טאַליאָנים פֿון אוקראַיִנע, און אים, אויב ער וועט לעבן, וועט זיך יאַקאָס אײַנגעבן באַזוכן זײַן אַלטע היים. עמעס, דאָס איז נאָך גאַנץ ווײַט. אין יענע מעקוימעס בושעווען די פֿאַשיסטן. עס וועט נאָך געגוג בלוט פֿאַרגאָסן ווערן, ביז מע וועט זיך אַהין דורכשלאָגן. נאָר די לעצטע שלאַכטן הינטער מאָסקווע האָבן דאָך באַוויזן, אַז מע קאָן דעם דײַטש דערלאַנגען גרויסע קלעפּ. מע האָט דעם הונט אָפּגעהאַקט דעם עק און מע האָט אים אויסגעלערנט לויפֿן, אָפּטרעטן, וואַרפֿן דאָס גרויזאַמע געווער, זײַנע טאַנקען, האַרמאַטן, באָמבאַרדירער, און לויפֿן אין די אײגענע גאַטיעס ראַטעווען דאָס נעשאָמעלע. הינטער מאָסקווע האָט מען אים דערלאַנגט אַזעלכע קלעפּ, אַז ער וועט שוין פֿאַרזאָגן קינדס קינדער מער זיך אויף מאָסקווע ניט וואַרפֿן. מע האָט אים אָפּגעהאַקט די פֿליגל. זײַן געטרײַער שוטעף — די יאַפּאָנער סאַמורײַען האָבן געוואַרט אויפֿן ווײַטן מיזרעך אויף אַ גינסטיקן מאָמענט, זיי זאָלן אָנפֿאַלן אויף רוסלאַנד, נאָר, זעט אויס, זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז מע טאָר זיך ניט רוקן, מע קאָן כאַפּן דאָס, וואָס מע האָט אַרײַנגעכאַפּט אויף דער אָזערע כאַסאַן, אויפֿן טײַכל כאַלכין־גאָל.

אויב דאָרטן, אויפֿן ווײַטן מיזרעך, וועט זײַן רויִק, איז אַוודע גוט.

די לעצטע צײַט, געפֿינענדיק זיך ווײַטער פֿון די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס, אויף אָפּרו, האָט זיך דאָווידן אַלץ אָפֿטער געכאָלעמט די מאַמע און דאָס שוועסטערל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָך האָט שוין דער טאַטע באַקומען גרוסן פֿון זיי און ער וועט אים אינגיכן אָנשרײַבן. און דאָ האָט זיך דאָוויד דערמאָנט, אַז, מעגלעך, די שוועסטער ליזע ווייסט עפּעס וועגן דער מאַמען און באַהאַלט עס אויס? זי וווינט דאָך דאָ ניט ווײַט, אין מאָסקווע, און מע דאַרף אַ פּרוּוו טאָן באַקומען אַ דערלויבעניש זיך אַראָפּכאַפּן אויף אַ טאָג אַהין און זיך זען מיט דער שוועסטער. מע האָט זיך טאַקע שוין אַ גאַנצע אייביקייט ניט באַגעגנט!

און אין איינעם פֿון די פּראָסטיקע פּעוּראַל־טעג, ווען די זאַווערוכע האָט מעשוגעדיק געדרייט, האָט זײַן נאַטשאַלניק אים דערלויבט אויף אַ טאָג זיך דערקלײַבן קיין מאָסקווע. ער האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט און אָנגעפֿרוירן, ביז ער האָט מיט עטלעכע צופֿעליקע מאַשינען, וועלכע זײַנען געגאַנגען אין דער ריכטונג צו מאָסקווע, זיך דערקליבן קיין מאָסקווע, וואָס איז שוין אויפֿגעלעבט געוואָרן אַ ביסל. זיך דערקליבן צום הויז, ווו עס האָט געוווינט ליזע מיט איר מאַן, האָט דאָוויד געטראָפֿן אויף דער טיר אַ טריוואַקס־שטעמפּל, און דער דוואָרניק האָט אים געזאָגט, אַז ערשט ניט לאַנג, אינמיטן אָקטיאַבער, ווען די דײַטשן זײַנען שוין געווען לעבן מאָסקווע, האָט זיך די באַלעבאָסטע מיטן באַלעבאָס, דעם פּראָפֿעסאָר בערנאַרד בענעדיקטאָוויטש, זיך ערגעץ עוואַקויִרט, און ניט איבערגעלאָזט קיין אַדרעס...

עס האָט זיך איבערגעריסן דאָס לעצטע פֿעדעמל, וואָס האָט דאָווידן פֿאַרבונדן מיט דער שוועסטער, און ער איז מיט אַ צעבראָכן האַרץ אַוועקגעפֿאָרן צוריק אין זײַן טייל.

די צײַט איז געגאַן ניט אַזוי שנעל, ווי עס האָט זיך געוואָלט. די גוואַרדייִשע דיוויזיע, ווו דער סערזשאַנט האָט געדינט, האָט געדינט, האָט מען פֿון מאָל צו מאָל אַריבערגעוואָרפֿן אויף פֿאַרשיידענע פֿראָנטן. דעם זומער האָט זי געקעמפֿט אויפֿן דאָרעם־פֿראָנט און דערנאָך פֿאַרטיידיקט סטאַלינגראַד. דער מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי האָט די גאַנצע צײַט ניט אַרויסגעלאָזט די העלדישע ווײַטמיזרעכניקעס פֿון אויג, זײַענדיק איבערצײַגט אין דעם, אַז די גוואַרדייער וועלן אים ניט אונטערפֿירן. ער

האָט אויך געהאַלטן אין אויג די געוואָגטע אויסשפּירער, מיט וועלכע ער האָט זיך באַפֿרײַנדעט הינטער מאָסקווע. און אין סטאַלינגראַד, ווען מע האָט געדאַרפֿט דורכפֿירן אַן ערנסטע אָפּעראַציע, האָט ער אַרויסגערופֿן די אויסשפּירער.

ווי עס זאָל ניט געווען זײַן שווער און געפֿערלעך, האָבן זיך אין הינטערלאַנד פֿונעם סוינע דורכגעשמוגלט די אויסשפּירער, און צווישן זיי דאָוויד מאַזור מיט זײַנע אויסגעפּרוּווטע כעווריע. זיי האָבן גוט באַהערשט די ראַדיאָסטאַנציע, מיט וועלכער מע האָט זיך ניט צעשיידט, זיך פֿאַרקליבן אין הינטערלאַנד פֿון דעם סוינע און פֿון דאָרטן איבערגעגעבן וויכטיקסטע יעדיעס.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט, האָט מען די כעווריע פֿאַרטרויט אָפּהיטן דעם קאָמאַנדע־פּונקט פֿונעם קאָמאַנדאַרם, וועלכער האָט זיך געפֿונען אויפֿן סאַמע ראַנד פֿון דער וואָלגע, פֿאַרגראָבן אין דער ערד, אָפּגעשניטענע פֿון די שכייניש טיילן. עס איז איבערגעבליבן איין קוואַל, פֿון וועלכן מע האָט געקאָנט שעפּן וואַסער, זיך אָנטרינקען, נאָר דעם דאָזיקן קוואַל האָבן די דײַטשן די גאַנצע צײַט געהאַלטן אונטער זייער פֿײַער, און קיינער האָט צום קוואַל זיך ניט געקאָנט דערנענטערן... דאָוויד מאַזור מיט זײַנע כעווריע האָבן אויסגערעכנט די עטלעכע מינוט, ווען די דײַטשן האָבן ניט באַשאָסן דעם קוואַל, און די אויסשפּירער האָבן זיך דורכגעשמוגלט צו אים און אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָר עמער וואַסער... ווען מע האָט אין די שווערע ווינטער־שלאַכטן צעשמעטערט די דײַטשישע דיוויזיעס און זיי געצוווּנגען אויפֿהייבן די הענט, — יענע, וועלכע זײַנען געבליבן לעבן, — איז דאָוויד מאַזור מיט זײַנע כעווריע געווען צווישן יענע, וועלכע האָבן קאָנוואָירט דעם פֿעלדמאַרשאַל פּאַוליוס מיט זײַנע גענעראַלן...

די גוואַרדייִשע דיוויזיע האָט זיך נאָך סטאַלינגראַד אַריבערגעקליבן אויפֿן קורסקער בויגן, די ערשטע באַגעגנט די פֿאַשיסטישע קאַהאָרטעס און זיי ניט דורכגעלאָזט.

עטלעכע מאָל איז דאָוויד מאַזור געווען פֿאַרוווּנדעט, זיך געמוטשעט וואַלגערן און מאַטערן זיך אין די שפּיטאָלן, און כאָטש עס איז געווען אַ שטרענגער באַפֿעל, אַז די פֿאַרוווּנדעטע זאָל מען ניט אומבאַדינגט נאָכן אויסהיילן שיקן אין זייערע טיילן, נאָר שיקן אַהין, וווּ מע האָט זיך אין זיי גענייטיקט און ניט ווײַט פֿון די שפּיטאָלן, האָט דאָוויד אַלעמאָל זיך דאָך דורכגעשלאָגן אומבאַדינגט צו זײַן דיוויזיע, צו זײַנע אויסשפּירער, וועלכע זײַנען אָן אָט דעם האַרציקן, שרעקלאָזן גוואַרדיע־סערזשאַנט געווען ווי די יעסוימים.

נאָכן קורסקער ניצאָכן, נאָכן גרויסן בראָך פֿון די פֿאַשיסטישע כאַיאָלעס אויף דער ערד, איז אויפֿן האַרצן געוואָרן אַ סאַך פֿרײלעכער, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנטער־אָנגריף אויף אַלע פֿראָנטן. אונדזערע אַרמייען האָבן שנעל געגומען באַפֿרײַען אוקראַיִנע, די רויטע פֿאָן האָט ווידער געפֿלאַטערט איבער קיִעוו, די קאָלאָנעס זײַנען געגאַן איבער פּאָדאָליע, און דאָ איז דאָס האַרץ בײַ דאָוויד מאַזורן געוואָרן איבערפֿולט מיט פֿרייד, דערוואַרטונג, אַז זײַן טרוים וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן — ער וועט פֿאַרקערעווען אויף אַ פּאָר שאָ, אויב דאָס מאַזל וועט אים ניט אונטערפֿירן און ער וועט בלײַבן לעבן, צו דער אַלטער היים זײַנער, קיין באַפּאָליע, מעגלעך, אַז ער וועט אָנפֿאַלן אויף אַ שפּור פֿון דער מוטער, פֿון שולאַמיסן, אָדער זיך עפּעס דערוויסן וועגן זייער גורל.

די דיוויזיע האָט געשטורעמט פּראָסקוראָוו. עטלעכע צענדליק ווערסט פֿון דעם שליאַך איז געווען ביז באַפּאָליע. די אַלטע היים זײַנע! נאָר מיטאַמאָל האָט דער גורל אים אונטערגעפֿירט. טשוי־קאָווס אַרמײ, אין באַשטאַנד פֿון וועלכער די ווײַטמיזרעכדיקע גוואַרדייִשע דיוויזיע איז אַרײַנגעגאַן, האָט מען פֿאַרקערעוועט אין דער זײַט, אויף לוואָוו. און דאָוויד מאַזור האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ניט אָפּגעגליקט. דער טרוים וועט ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן.

אין איינעם אַ זומער־פֿרימאָרגן, ווען די דיוויזיע האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין אַ געדיכטן דעמבענעם וואַלד נאָך אַ שווערן אויסמאַטערנדיקן מאַרש, נאָך אַ גרויסער שלאַכט און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לענגערן פּריוואַל, איז געקומען דער קאָמאַנדאַרם טשויקאָוו באַגריסן די גוואַרדייער און אָפּדאַנקען פֿאַר די לעצטע שלאַכטן. אויף אַ ברייטער גרינער לאָנקע האָבן זיך אויסגעשטעלט עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן און אָפֿיצערן, וועמען דער קאָמאַנדאַרם האָט געבראַכט זייערע באַלוינונגען — אָרדענס און מעדאַלן פֿאַר די לעצטע שלאַכטן.

דער גראָוו־געוואָרענער קאָמאַנדאַרם האָט מיט קורצע ווערטער באַגריסט און געדריקט די האַנט זײַנע גוואַרדייער, צוגעטשעפּעט צו זייערע דורכגעווייקטע פֿון שווייס, אויסגעבריענטע אויף דער זון גימנאַסטיאָרקעס די אָרדענס און מעדאַלן. און ווען עס איז מיט זײַן פֿעסטן טראָט צוגעגאַנגען צום קאָמאַנדאַרם דער ווזוואָדנער דאָוויד מאַזור, האָט זיך אויף זײַן פֿאַרברוינטן עטוואָס פֿאַרוואַקסענעם און מוטיקן פּאָנעם צעגאָסן אַ פֿאַרוווּנדערט שמייכעלע.

— באַ! אַ באַקאַנט פּאָנעם! — האָט דער גענעראַל זיך אָנגערופֿן. — אַן אַלטער באַקאַנטער! דאַכט זיך, דו האָסט אונדז אין סטאַלינגראַד געפּאָיעט מיט פֿרישער קוואַל־וואַסער אונטערן פֿײַער פֿון די פֿריצן?..

— טאַק טאָטשנאָ, כאַווער קאָמאַנדאַרם! — האָט געענטפֿערט דער ווזוואָדנע.

טשויקאָוו האָט אים ארומגענומען, דערנאָך צוגעטשעפּעט צו זײַן ברוסט א סאָלדאַטישן שטערן „סלאַווא".

— איך דין דעם סאָוועטנפארבאנד! — האָט דאָוויד מאַזור א דערהויבענער אָפּגעהאַקט, נאָר ניט געײַלט זיך אומקערן אין סטראָי.

— איך האָב צו אײַך א פּערזענלעכע באַקאָשע, כאַווער גוואַרדיע־גענעראַל.

— איך הער... — האָט טשויקאָוו א קוק געטאָן אויף אים, — זאָג...

— אָט דאָ ניט ווײַט געפינט זיך דאָס שטעטעלע באַפּאַליע... מײַן היים... — האָט אומרויִק זיך אָנגערופן דאָוויד. — דאָרטן איז געווען מײַן מוטער, דאָס שוועסטערל...

דער גענעראַל האָט דורכדרינגענדיק, מיט טיפן מיטגעפיל געקוקט אויף דעם פאַרומערטן סערזשאַנט און זיך פאַרטראַכט. א קוק געטאָן אויף דער מאַפּע, צי איז דאָס שטעטל שוין באַפרײַט, און זיך אָנגערופן:

— פּאָר א מעסלעס וועסטו זיך ספּראַווען? וועסט ניט אָפּשטיין פון אונדז?

— איך וועל באַווײַזן... כ׳וועל אײַך דעריאָגן, כאַווער קאָמאַנדאַרם...

— גיב איבער דײַן נאַטשאַלניק, אַז איך בעט דיר דערלויבן זיך אַראָפּכאַפּן אַהיים... נאָר אַהין און צוריק! אונדז שטייט פאָר א סאַך אַרבעט...

א שײַנענדיקער, האָט דאָוויד מאַזור א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אויף זײַנע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

אין פופצן מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען אויפן שיידוועג און מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויף א מאַשין, וואָס וועט גיין אין זײַן ריכטונג.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. די היץ האָט געברענט. דאָס סאָלדאַטישע זעקל אויף די פּלייצעס, דער אַווטאָמאַט אויפן האַלדז, די אָרדענס און מעדאַלן האָבן געשײַנט אויף זײַן ברוסט, נאָר, דאַכט זיך, שטאַרקער פון אַלץ האָבן געשײַנט פון אומרו און אומגעדולד זײַנע אויגן. ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער וועט זײַן א פּאָר שעה אין זײַן שטעטל, און פון דער אַנדערער זײַט, האָט דאָס האַרץ געקלעמט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, וואָס ער וועט אינדערהיים טרעפן. וויפל שטעט און דערפער איז ער פאַר דער צײַט דורכגעגאַנגען מיט זײַן טייל, און אומעטום האָט ער געטראָפן חורבֿות ליים, סטאַרטשענדיקע אָפּגעסמאַליעטע קוימענס אַנשטאָט שטיבער, מאַסן־קוואָרים פון צעשאָסענע, דערמאָרדעטע מענטשן.

און וואָס וועט ער טרעפן אין באַפּאַליע? מיט וואָס איז זײַן שטעטל אַנדערש, בעסער צי ערגער פון הונדערטער אַזעלכע שטעטלעך פאַרניכטעטע, דערמאָרדעטע, אויסגעגלײַכטע מיט דער ערד, וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען, געזען מיט זײַנע אויגן?

פון פאַרשיידענע זײַטן האָט זיך אַהער דערטראָגן דער געהילך פון שווערע האַרמאַטן. הויך אין הימל האָבן געהודזשעט באָמבאַרדירער, און פון מאָל צו מאָל האָט אונטערגעציטערט די ערד פון שווערע באָמבעס. אין פאַרשיידענע זײַטן איז דער הימל געווען שוואַרץ פון רויך־וואָלקנס. די לופט אַרום איז געווען אָנגעזאַמט פון סרייפּעס. ניט ווײַט זײַנען געגאַנגען שלאַכטן. דער סוינע, פּילנדיק זײַן וויסטן סאָף, אַז עס גרײַפן אָן די נעקאָמענעמער, האָט געפּרוווט אָפּשטעלן דעם אָנגריף, אָפּציִען די שאָ פון זײַן סאָף, און די שלאַכט איז געגאַנגען אויף לעבן און אויף טויט.

דאָוויד מאַזור איז געשטאַנען באַם וועג און שטאַרק נערווירט. ווי אָפּצולאָכעס איז אין זײַן ריכטונג ניט געגאַנגען קיין איין מאַשין, קיין איין וואָגן. זיך לאָזן גיין צופוס, ווען וועסטו זיך דערקלײַבן אַהין?

ווען ער האָט שוין פאַרלאָרן די האָפענונג, אַז ער וועט זיך דערוואַרטן אויף א מאַשין, האָט ער דערזען א קליינע קאַלאָנע לאַסטמאַשינען, געלאָדענע מיט קעסטלעך סנאַריאַדן. ער האָט אָפּגעשטעלט א מאַשין. יאָ, דער שאָפער וועט אונטערפירן א ביסל דעם גוואַרדיע־סערזשאַנט, נאָר וועט אײַגיכן אָפּקערעווען אין א זײַט פון באַפּאַליע... דעם איבעריקן וועג וועט אים אויסקומען צוּוואַרטן אויף אַן אַנדער מאַשין אָדער גיין צופוס.

און דאָס איז אויך געווען א גליק. בעסער ווי שטיין דאָ אינמיטן וועג און אַרויסקוקן אויפן נעכטיקן טאָג.

א פּאָר צענדליק קילאָמעטער איז ער געפאָרן, זיצנדיק אויף די קעסטלעך סנאַריאַדן, און אָט האָט ער געדאַרפט אַראָפּקריכן און ווידער וואַרטן. נאָר ער האָט באַשטימט זיך לאָזן צופוס מיטן פעלד־וועג. א שײנע פּאָר שאָ איז ער געגאַנגען, און אָט האָט זיך באַוויזן דער צעמאַזיקטער קופּאָל פונעם אוראַלטן קאָסטיאָל, און דאָוויד האָט זיך דערפרייט. שוין ניט ווײַט. אים וועט אויסקומען דורכגיין לאָבאַשיווקע, און דערנאָך דאַרף זיך אָנהייבן באַפּאַליע.

זיך אָפּגעשטעלט לעבן וועלדל, וווּ עס האָט באַ די פּיס געפּלאָפּלט א זויבערער קוואַל, האָט דער פאַרשוויצטער און אויסגעמאַטערטער וואַנדערער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, צוגעפאַלן צום קוואַל און זיך אָנגעטרונקען מיט אײַז־קאַלטער וואַסער. עס וואָלט ניט שלעכט געווען זיך אָפּרוען,

כאַפּן אַ דרעמל, נאָר קיין צײַט ניט געווען. אויפֿן אַרומיקן פֿעלד, אין פֿאַרשיידענע זײַטן האָבן זיך געוואַלגערט דײַטשישע מאַשינען, וועגענער, קערפּערס פֿון דײַטשישע אויטאָמאַטלער זײַנען געלעגן אין פֿאַרשיידענע פּאָזעס. די פֿרישע לופֿט איז געווען אָפּגעסאַמט פֿון טל״ענדיקע סרייפּעס. אָן אַ שיר שוואַרצע קוימענעס האָבן זיך געהויבן צווישן די רו״נעס פֿון כאַטעס. זעט אויס, ערשט ניט לאַנג זײַנען דאָ נאָך געגאַן שלאַכטן, און דאָס, וואָס מע האָט צווישן די רו״נעס ניט אָנגעזען קיין לעבעדיקע מענטשן, איז געווען אַ סימן, אַז די דײַטשן האָבן אַרויסגעטריבן די לעבנגעבליבענע באַפֿעלקערונג.

דאָוויד מאַזור האָט זיך שנעלער געלאָזט גיין. באַם אַרײַנגאַנג אין דאָרף איז געשטאַנען אַ האַלבפֿאַרניכטעטע כאַטע מיט אַן אָראָפּגעריסענעם דאַך. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער, אָנגעקלאַפּט אין דעם ראַמל פֿון אַן אויסגעזעצטן פֿענצטער, אויף אַ קאָל אַ פֿרעג געטאָן, צי איז עמעצער פֿאַראַן אין דער כאַטע. נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. ער האָט זיך שוין געקליבן אַוועקגיין ווײַטער, אַהין, אין דער ריכטונג פֿון שטעטל, נאָר פּלוצעם דערהערט אַ סקריפּען פֿון אַ טיר און זיך אַרומגעקוקט. די טיר האָט זיך פֿאָרזיכטיק, פּאַוואָליע געעפֿנט. פֿון קעלער, וואָס איז געשטאַנען אין עק הויף, האָט זיך באַוויזן אַן אַלטע צעקנייטשטע פֿויערטע מיט אַ שוואַרצער פֿאַטשיילע, אין פֿוישטן, אין אַן אָפּגעריבענער סוויטקע אויף די דאַרע פּלייצעס.

די אַלטיטשקע האָט זיך פֿאַרקוקט מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן אויף דעם אומבאַקאַנטן סאָלדאַט, זיך איבערגעצייליעמט און ניט זיכער זיך אָנגערופֿן:

— דאַכט זיך, אונדזערע? דאַנקען גאָט... זיך דערוואַרט... — און זיך געלאָזט צום אומבאַקאַנטן מיט אַ ביטערן געוויין. — זאָג מיר, סינאָק, די סופּאָסטאַטן וועלן זיך אַהער מער ניט אַרײַנרײַסן? ווילדע כײַעס זײַנען לײַטישער פֿון זיי!.. טוט אַ קוק, וואָס זיי האָבן געמאַכט פֿון דעם דאָרף... פֿאַרן אָפּטרעטן האָבן זיי אַלעמען אַרויסגעטריבן, און ווער עס האָט ניט געוואָלט מיט זיי גיין, האָט מען צעשאָסן... איר שטעלט זיך דען פֿאָר, ווי זיי האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער אונדז?! און אין שטעטל, אין באַפּאָליע, וואָס האָבן זיי געטאָן מיט דער באַפֿעלקערונג!.. אַלעמען, קינד און קייט, צעשאָסן. דרײַ טעג און נעכט האָט מען געטריבן די אומגליקלעכע צו די גריבער, אָט דאָרטן, באַם דעמבענעם וואַלד, לעבן דעם טײַך...

זי האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן, געריידט שנעל, מוירע האָבנדיק, דער סאָלדאַט זאָל ניט אַוועקגיין און זי זאָל ניט האָבן פֿאַר וועמען אויסגיסן דאָס האַרץ.

זי האָט פֿאַרנומען אונטערן שוואַרצן טיכל די גראָוע האָר, אויסגעווישט מיטן אַרבל די ליפּן און, באַטראַכטנדיק דעם פֿאַרומערטן שלאַנקן זעלנער, זיך געכאַפּט:

— אוי, זונעניו, דו קערסט זײַן הונגעריק? באַלד וועל איך דיר עפּעס מאַכן... מײַנע צוויי זין זײַנען אויך אויף דער מילכאָמע, נאָר גאָט ווייסט, צי זיי לעבן און וווּ איז זייער געביין...

זי איז אַרײַנגעלאָפֿן אין קעלער און אַרויסגעטראָגן פֿון דאָרטן אַ פּעקעלע, גענומען עס צעבינדן און, אַרומקוקנדיק זיך, צי קיינער שפּירט ניט, אַרויסגענומען צוויי קאַרטלעך, פֿון וועלכע עס האָבן אַראָפּגעקוקט צוויי סאָלדאַטן מיט אָנגעשטרענגטע פּנעמער:

— עפּשער האָסטו זיי ערגעץ אויף דער מילכאָמע באַגעגנט?

— ניין, מאַמאַשע, צום באַדויערן, ניט באַגעגנט. נאָר זיי וועלן אומבאַדינגט זיך אומקערן... זיי לעבן אויף געוויס, מאַמאַשע...

— האַלעווײַ, זונעניו! פֿון דײַן מויל אין גאָטס אויערן...

צוזאַמען מיטן פּעקעלע האָט זי געבראַכט אַ שטיקל ברויט און פֿלייש:

— עס, זונעניו, דו קערסט גוט זײַן הונגעריק... עפּשער וועט ערגעץ דײַן מאַמע אָנהאָדעווען מײַנע צוויי סאָלדאַטן...

— ניין, מאַמאַשע, איך בין ניט הונגעריק. עפּשער אַ קוועטל וואַסער?

זי האָט גענומען אַן עמער און זיך געלאָזט צום ברונעם.

זי האָט געבראַכט ניט בלויז וואַסער, נאָר אויך אַ פּעקעלע, אײַנגעוויקלט אין אַ צײַטונג, עס צעוויקלט און אַרויסגענומען אַ העפֿטל מיט עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר, פֿאַרשריבענע אויף ביידע זײַטן מיט אַ דריבנעם קסאַוו.

— מיר האָבן דאָ אויסבאַהאַלטן אַ ייִדיש מיידעלע... פֿון באַפּאָליע... צוריק מיט עטלעכע טעג האָט זי בײַ מיר געגעכטיקט דאָ אין קעלער... אָט דאָס האָט זי בײַ מיר איבערגעלאָזט און געבעטן, איך זאָל עס איבערגעבן עמעצן פֿון די ערשטע רויטאַרמייער, וועלכע וועלן קומען און אונדז באַפֿרײַען... אַזאַ טײַער מיידעלע. וויפֿל זי האָט זיך אָנגעמאַטערט... מיר האָבן זי אַרויסגעריסן באַם טויט פֿון די ציינער. ווען די דײַטשן געפֿינען זי בײַ אונדז, וואָלטן זיי דאָס גאַנצע דאָרף פֿאַרברענט און אונדז צעשאָסן... אָט דאָס האָט זי בײַ מיר איבערגעלאָזט און געבעטן עס איבערגעבן דעם ערשטן, וואָס וועט קומען. ער זאָל דאָס איבערשיקן צו אירע אייגענע, וועלכע וווינען זייער ווײַט. זײַ אַזוי גוט, זונעניו, און נעם עס צו. עפּשער וועסטו עס קענען אַוועקשיקן?..

ער האָט גענומען דאָס צעקנייטשטע העפטל, איבערגעלאָפן מיט די אויגן דאָס ערשטע פאַרשריבענע זײַטל און דערציטערט געוואָרן. דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט, און ווען ער איז געקומען צו־זיך, אָנגעהויבן לייענען:

„גוטע מענטשן, איך האָב צו אײַך א ביטע! אויב עס וועט צו אײַך אין די הענט אַרײַנפאלן אָט דער בריוו מײַנער, בעט איך אײַך איבערשיקן אים לויט דעם אדרעס: שטאָט ביראָבידזשאַן... שאָלעם־אַלייכעם־גאַס, שויעל מאַזורן, אָדער דאָוויד מאַזורן... מעגלעך, אז איך וועל אומקומען פון די הענט פון די פאשיסטישע טאַליאָנים, טאָ זאָל דאָס זײַן מײַן ערשטער און לעצטער בריוו...”

דאָווידן האָט זיך געדאַכט, אז דאָס האַרץ האָט זיך בא אים אָפּגעשטעלט, אז ער זעט פאַר זיך א שווערן כאָלעם, נאָר ווידער דורכגעלאָפן מיטן בליק די ערשטע ווערטער און זיך איבערצײַגט, אז ער האָט ניט קיין טאָעס, אז דאָס איז ניט קיין כאָלעם.

שולאמיס האָט געשריבן...

„מײַן ליבער טאַטע, מײַנע טײַערע ברידער און שוועסטערלעך!

דאָס שרײַבט אײַך שולאמיס, אײַער שוועסטערל... איר האָט מיך שוין, געוויס, שוין לאַנג באַגראָבן און באַוויינט, נאָר דערווײַל לעב איך נאָך, אויב דאָס הייסט לעבן. שוין עטלעכע מאָל זיך געוואָלט אַרײַנוואַרפן אין טײַך און זיך אופהערן מוטשען, נאָר אלעמאָל האָט זיך געיאַווועט א פונק פון האָפענונג און כ׳האָב זיך פאַרטשעפּעט פאַרן לעבן... ס׳האָט אויסגעפעלט מוט. עפשער וועט מיר אָפּגליקן און איך וועל אײַך נאָך אמאָל זען, אַרומנעמען, צעקושן... גאָט מײַנער, האָב איך אלעמאָל געטראַכט, פאַר וואָס בין איך אזוי באַשטראָפט? פאַר וואָס? פאַר ווען? איך האָב נאָך ניט באַוויזן לעבן, איך האָב ערשט אָנגעהויבן לעבן אוף דער וועלט, און מיטאמאָל, אומדערוואַרט אַרײַן אין געגעם. שרעקלעכער פונעם געגעם! ווען איר וועט לייענען מײַן בריוו (אויב ער וועט אַרײַנפאלן אין גוטע הענט און מע וועט אים אײַך איבערשיקן), וועל איך שוין געוויס ניט זײַן אוף דער וועלט, ווײַל איך בין אַרומגערינגלט מיט ווילדע שלענג, און אויב איך וועל זיך באַווײַזן פאַר זייערע אויגן, וועלן זיי מיך דערשיסן. גוט, וואָס עס זײַנען פאַראַן א סאַך גוטע מענטשן, וועלכע שטעלן אײַן דאָס לעבן און באַמיִען זיך מיך ראַטעווען, אויסבאַהאלטן. אוף יעדן שריט און טריט זײַנען צעהאַנגען באַפעלן פון די קאָמענדאַנטן: פאַר אויסבאַהאלטן א ייִדן — קאַפּוט! טאָדט! ווער עס וועט פאַרהאלטן א ייִדן און אים ברענגען אין קאָמענדאַנטור, באַקומט ער צוויי פונט זאַלץ... אזויפיל גוטהאַרציקע מענטשן האָב איך באַגעגנט! נאָר עס לעבן ניט ווייניק פּאָליצײַען, פאַרקויפטע נעשאָמעלעך, פאַרעטער, הינט... נאָר דאָס זײַנען ניט קיין מענטשן... שלענג...

מײַנע טײַערע און ליבע, איז דען מעגלעך אײַך אַרויסשרײַבן כאָטש א צענטכיילעק, וואָס איך בין דאָ אויסגעשטאַנען צווישן מענטשן און כײַעס? עס לייגט זיך דען אפן זינען, אז אן אויסגעמאַטערט, אויסגעהונגערט, פאַרצווייפלט מיידעלע, בא וועלכן קיין פליגלען זײַנען נאָך ניט אויסגעוואַקסן, זאָל בעקויעך זײַן אזוינס איבערטראָגן? און אָט איז שוין קימאַט דרײַ יאָר...

געווען א שיין, גרין, לעבעדיק און פריילעך שטעטל באַפּאָליע, און די הענקער האָבן עס אויסגעגלײַכט מיט דער ערד... קיין סימען פון דעם ניט געבליבן. ווען איך מיט דער מאמען זײַנען אהער געקומען, זײַנען מיר אַרומגעגאַנגען איבער די שטילע גאַסן, וואָס זײַנען געווען מאָלע כיין, פאַרבראַכט מיט טײַערע קינדער, שכיינים, געגאַנגען אין קלוב, אין קינאָ, זיך געפרייט באַגלײַך מיט אלע. נאָר די צײַט איז געגאַן, און מיר האָבן זיך שוין געקליבן פאָרן אהיים, צו אײַך, איז געקומען פּלוצעם אזא אומגליק אוף דער ערד, די טאַליאָנים האָבן זיך אַרײַנגעריסן צו אונדז, ווי א ווילסטער וויכער, און אלעמען פון שטעטל פאַרוואַנדלט אין קנעכט. א שוואַרצע נאַכט האָט זיך אוף אונדז אַראָפּגעלאָזט. מע האָט אונדז, ווי די כודאָבע, געטריבן אוף קאַטאָרגע, טראָגן שטיינער, גראָבן די ערד. מע האָט אונדז געשלאָגן, געמיימעסט, און ווער עס האָט ניט געקענט פּלאָנטערן מיט די פיס, ווײַל מע איז געווען הונגעריק און אָפּגעשוואַכט, האָבן די קוילער און זייערע געהילפן, די עקלדיקע פּאָליצײַען, געשלאָגן ביז טויט, דערשאָסן אוף די וועגן... אזוי האָט זיך געצויגן עטלעכע כאָדאָשים... די מאַנצבלען, וועלכע וואָלטן געקאָנט אונדז פאַרטיידיקן, האָט מען פאַרטריבן און צעשאָסן. דאָ זײַנען געבליבן אָנמעכטיקע אלטע לײַט, עלטערע פרויען און קינדער. און פאַר זיי האָבן די דײַטשן, די שוצמאַנעס ניט מוירע געהאַט און זיך איזדיעקעוועט איבער זיי, ווי זיי האָבן געוואָלט. נאָר די הינט האָבן געטראַכט, אז דאָס איז נאָך ווייניק פאַר אונדז, און מע האָט אונדז פאַרשפּאַרט אין געטאָ. זיי האָבן אָפּגעצוימט מיט שטעכלדראָטן א פּאָר געסלעך לעבן אלטן מאַרק און פאַרטריבן אהין אלע ייִדן. צו צוואַנציק מענטשן אין איין צימערל. פון דער ענגשאַפט האָט מען געקאָנט אומקומען. מענטשן זײַנען אויסגעגאַן פון הונגער, געשטאָרבן פון קרענק. ניט קיין דאָקטער, ניט קיין רעפּועס, ניט קיין ברויט. מע האָט אונדז געטריבן אוף דעם שליאַך טראָגן שטיינער, געגעבן צו ברעקלעך ברויט, א קעסעלע פּאַמאַיעס, וואָס די כאַזיירים וואָלטן ניט געקאָנט נעמען אין מויל אַרײַן.

איבערגעבן אײַך כאָטש א צענטכיילעק, ווי מע האָט אונדז געמוטשעט, געראָדעפט אין געטאָ, קאָן פּלאַצן דאָס האַרץ. מענטשן האָבן זיך געריירט פון זינען. נאָך עפּעס א גליק, וואָס פון די אַרו־

מיקע דערפלער פלעגן זיך דורכשמוגלען צו די שטעכלדראָטן פויערים, וואָס האָבן אונדז פון מאָל צו מאָל אַריבערגעוואָרפן לעבלעך ברויט, קאַרטאָפליעס, וואָס עס האָט זיך געמאַכט. און ווען די שוצמאַנעס האָבן זיי דערזען, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ שיסערײַ אויף די פויערים און אויף יענע, וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן די דראָטן און אונטערגעכאַפּט דאָס, וואָס מע האָט אַריבערגעוואָרפן...

אַלע גאַנצפרי האָט מען פון דער געטאָ אַרויסגעפירט די דערשאָסענע, די געשטאָרבענע פון הונגער און עפּידעמיעס...

די מענטשן פון געטאָ זײַנען ענלעך געוואָרן אויף לעבעדיקע שאָטנס, זיי האָבן קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס, געפאַלן אויף די וועגן, און די הינט האָבן זיי דערשאָסן.

די מאַמע איז שוין געבליבן אָן קויכעס. זי האָט ניט געקאָנט גיין, נאָר ווער עס איז ניט אַרויסגעגאַן אויף דער אַרבעט, האָט מען דאָס ביסל זופּ ניט געגעבן, געשלאָגן, געמאָרדעוועט. און איך האָב די מאַמע אונטערגעהאַלטן. איך האָב מוירע געהאַט, אַז מע וועט זי דערשיסן. די מאַמע איז געוואָרן גראָוו און קראַנק, שווער געווען זי דערקענען.

און אָט איז געקומען דער קאָמענדאַנט מיט זײַן סוויטע. צונויפגעטריבן די אומגליקלעכע פאַרמוטשעטע מענטשן און געמאָלדן, אַז מע וועט אונדז אַרויספירן אין אַ גרעסערער שטאָט און דאָרטן וועט ניט זײַן קיין געטאָ, מע וועט לאָזן די מענטשן לעבן, אַרבעטן...

נאָר מע האָט אונדז אָפּגענאַרט, אַרויסגעפירט אַהין צום דעמבענעם וואַלד, ניט ווײַט פונעם בוג, ווו עס זײַנען געווען עטלעכע טיפע גריבער, מע האָט געזאָגט, אַז מע פירט אונדז צו דער סטאַנציע, ווו עס וואַרטן אויף אונדז עשעלאָנען, צוגן.

מיר זײַנען געווען אַרומגערינגלט מיט דײַטשן און פּאָליצײַען. קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מע האָט באַפוילן זיך אָפּשטעלן. מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ און לעבן מיר זײַנען געפאַלן מענטשן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוירעדיקער גוואַלד, אַ געוויין, אַ לויפעניש. די מאַמע האָט מיך אַרומגעכאַפּט און צוגעדריקט צו זיך. לעבן אונדז איז געשטאַנען אונדזער שאָכן, דער אַלטער זיסיע מאָזעס. ער איז געפאָרן מיט זײַן פעסל וואַסער. דערזען בײַ דער זײַט לעבן אַ בוים דעם קאָמענדאַנט, האָט זיסיע אַרויסגעכאַפּט דעם דישעל, און זיך געוואָרפן אויפן קאָמענדאַנט, אים צעשפּאָלטן דעם קאָפּ מיטן דישעל, און אַ דײַטש האָט דעם אַלטן דערשאָסן.

עס איז געוואָרן אַ לויפעניש, אַ גערודער. איך האָב דערפילט, ווי די מאַמע איז פאַרכאַלעשט געוואָרן, זי האָט מיט די לעצטע קויכעס מיך אָפּגעשטויסן פון זיך און, פאַלנדיק אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד, אויסגעשריִען:

— קינד מײַנס, איך שטאַרב... לויף גיכער צום טײַך! ראַטעווע זיך!

איך בין געשטאַנען אַ רגע, געקוקט אויף דער מאַמען, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד מיט צעשפּרייטע הענט, אָן אומבאַוועגלעכע. עמעצער האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן פאַר דער האַנט, לויפנדיק צום טײַך, און איך האָב זיך אויך געלאָזט אַהין לויפן.

די קוילן האָבן געפּײַפט איבערן קאָפּ, און איך האָב זיך אָנגעבויגן צו דער ערד. עטלעכע מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אין טײַך און מיך האָט מען פאַרשלעפּט אין וואַסער. און פונקט ווי אַנדערע, האָב איך אָנגעהויבן שווימען צו יענעם ברעג...

ניט ווײַט פון מיר זײַנען עטלעכע קינדער מיט שטאַרקן געוויין און געשרייען אַוועק אונטערן וואַסער, דערטרונקען געוואָרן. איך האָב דערפילט, אַז איך גיי אויך צום דנאָ, זיך שוין אָפּגעזעגנט מיט דער וועלט, נאָר איך ווייס אַליין ניט, ווו האָבן זיך בײַ מיר גענומען קויכעס. איך האָב זיך דערקליבן צום ברעג. מיר האָט שוין באַנג געטאָן, וואָס איך בין דאָרטן, ווו מע האָט געשאָסן, ניט פאַרבליבן לעבן דער מאַמען. איצט בין איך געלעגן אויפן בלאָטיקן ברעג אינעם נאָסן אַנטאָן, וואָס האָט געוויגן צען פונט, און די קעלט האָט געריסן שטיקער פלייש.

און די שיסערײַ, די מוירעדיקע גוואַלדן, דאָס געוויין, וואָס האָט זיך געטראָגן פון יענער זײַט ברעג, האָט געריסן דאָס האַרץ אויף שטיקער. און איך האָב געטראַכט, אַז דאָ וועל איך שוין שטאַרבן. פאַרבײַ זײַנען דורכגעלאָפן עטלעכע ייִנגעלעך און מיידעלעך. זיי זײַנען אויך אַנטלאָפן פון יענעם געהנום.

— וואָס ליגסטו, מיידעלע, אַנטלויף גיכער! — האָב איך מיטאַמאָל דערהערט אַ קאָל פון אַ ייִנגעלע, וואָס איז אַוועקגעלאָפן אין פעלד אַרײַן.

איך האָב זיך קוים אויפגעהויבן און אויך גענומען לויפן אין פעלד. נאָר איבערן קאָפּ האָבן אָפּגעפּײַפט עטלעכע קוילן. דאָס האָבן די דײַטשן אַהער געשאָסן אויף די אַנטלאָפענע. איך האָב זיך דערקליבן צו די הויכע בוריאַנעס, זיך אויסגעצויגן און געציטערט פון קעלט און שרעק, ביז עס איז גוט טונקל געוואָרן.

ביז דעם דערפל סיניצע איז געווען ניט ווײַט. און איך האָב זיך געלאָזט גיין צו דער עקסטער כאַטקע. אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. מיר האָט געעפנט אַן אַלטיטשקע פויערטע, אַן אײַנגעוויקלטע אין

אַ גרויסער שאַל. דערזען מיך אַ פּיטש־נאָסע, אַ פֿאַרפֿרוירענע, אַ ציטערנדיקע, האָט זי מיך אַרײַנגעפֿירט אין כאַטע, אָוועקגעזעצט לעבן אויוון, אַראָפּגענומען פֿון מיר דאָס אָנטאָן און מיך אַרופֿגעשטויסן אויפֿן אויוון. זי האָט צעשפּרייט לעבן פֿײַער טריקענען דאָס אָנטאָן, מיר דערלאַנגט אַ שיסעלע באָרשטש, אַ שטיקל ברויט. נאָר עסן האָב איך ניט געקאָנט. און ווי נאָר איך האָב זיך עטוואָס דערוואַרעמט, האָט די פֿויערטע מיך אײַנגעדעקט מיט אַ קאָלדרע און געהייסן שלאָפֿן, ניט אויפֿהערנדיק די גאַנצע צײַט שעלטן מיט די לעצטע קלאָלעס די סופּאָסטאַטן, די דײַטשן, וואָס האָבן געבראַכט אויף דער וועלט אַזאַ אומגליק.

אינמיטן דער נאַכט האָט די מומע מאַריִע סטעציוק — ווי מע האָט די באַלעבאָסטע גערופֿן, — מיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף און געהייסן זיך גיך אָנטאָן. מע טאָר דאָ ניט בלײַבן. עס האָבן זיך אין צווייטן עק דאָרף באַוויזן עטלעכע דײַטשן. זיי נישטערן, זוכן די אַנטלאָפֿענע פֿון יענעם ברעג טײַך. אין דרויסן איז געווען שטאָק־פֿינצטער. עס האָט געגאָסן אַ רעגן. די מומע מאַריִע האָט מיר געגעבן אַ טאָרבעלע שפּײַז. מיך אַרויסגעפֿירט פֿון דער כאַטע. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. וווּהין וועל איך גיין אין אַזאַ כוישעך? נאָר די מומינקע מאַריִע איז געווען לויטן אויסזען אַ בייזע, נאָר מיט אַ גאָלדענער נשמה. „האָב ניט מוירע, קינד מײַנס, — האָט זי געזאָגט, — איך וועל גיין מיט דיר. אַריבערפֿירן צו מײַן קומאַ...״

און מיר האָבן אַ פּאָר שאָ זיך געשלעפּט איבערן נאַסן סטעפּ. געקומען אין אַ קליין דערפֿל, אין אַ וואַרעמער כאַטע, וווּ מיר האָבן געטראָפֿן צוויי באַיאָרטע פֿרויען. עפּעס האָט די מומע מאַריִע זיך מיט זיי געשעפּטשעט. מע האָט מיך אַרופֿגעפֿירט מיט אַ לייטער אויף אַ בוידעם, וווּ עס זײַנען געווען אָנגעוואַלגערט פּעסלעך, שטיקלעך מעבל, קעסטלעך, שמאַטעס. מע האָט פֿאַר מיר געמאַכט אין אַ ווינקל אַ באַהעלטעניש און געזאָגט, אַז איך זאָל ניט מוירע האָבן.

איך האָב אַרומגענומען די מומע מאַריִע. מיר האָבן זיך צעקושט. און, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, איז זי אַראָפּגעקראָכן פֿון דעם בוידעם און אַוועק אַהיים.

כאָטש איך בין געווען טויט־פֿאַרמאַטערט, נאָר דער שלאָף האָט מיך ניט גענומען. דעמלט, ווען איך בין געלעגן אין דער בלאָטע אויפֿן ברעג טײַך אַ פֿאַרצווייפֿלטע און געהערט, ווי קוילן פֿײַפֿן איבערן קאָפּ, געהערט די גוואַלדן, די קלאָלעס און זידלערײַען פֿון די דײַטשן און פּאָליצײַען, האָב איך געטראַכט, אַז די וועלט גייט אונטער, אַז קיין גוטע, האַרציקע מענטשן זײַנען שוין אויף דער ערד נישטאָ. נאָר די גוטסקייט פֿון דער מומע מאַריִע און פֿון אָט די צוויי פֿאַרזאָרגטע, שווײַגנדיקע פֿרויען, וואָס זײַנען אַרום מיר אַרומגעגאַנגען, באַרויִקט, געטרייסט, געהאָדעוועט, האָבן מיר אומגעקערט דעם גלויבן אין מענטשן. יאָ, פֿאַראַן עכטע מענטשן! קיין שום סאָקאָנע קאָן זיי ניט צווינגען זײַן ענלעך אויף יענע וועלף, וואָס האָבן אומגעבראַכט אַ גאַנץ שטעטל מיט אומשולדיקע פֿרויען, קינדער, עלטערע לײַט...

איך האָב ניט געוווּסט, פֿאַרוואָס איך ברען אַזוי, און מיט וואָס נאָר איך דעק זיך ניט אײַן, מוטשעט מיך אַלץ די קעלט. איך ציטער. די ציין קלינגען, דער קאָפּ טוט מיר ווײ, קיין קויכעס ניטאָ. די פֿרויען האָבן מיך געפּאָיעט מיט הייסער מילך, אײַנגעגעבן רעפֿועס פֿון גראָזן. איך בין געווען זייער קראַנק, שטאַרק געהוסט, און ביידע פֿרויען האָבן מיך, ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט, געהיילט. ווען עס איז פֿינצטער געוואָרן, האָבן זיי מיך פֿאַרזיכטיק אַראָפּגעפֿירט אין כאַטע, מיך גוט אײַנגעדעקט מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט. באַגינען האָבן זיי מיך ווידער אַוועקגעפֿירט אין מײַן באַהעלטעניש.

ערשט אין אַ צײַט אַרום האָבן די פֿרויען מיר געזאָגט, אַז איך בין געווירן געוואָרן אַ גליקלעכע. איך בין געווען געפֿערלעך קראַנק, און דורך אַ נעס האָבן זיי מיך אָפּגעראַטעוועט.

דער ווינטער איז געווען אַ מוירעדיק קאַלטער, מיט גרויסע פֿרעסט און טיפֿע שנייען. באַטאָג בין איך געלעגן אין מײַן באַהעלטעניש און זיך אײַנגעהערט ווי די זאַווערוכע וואָיעט. פֿאַרנאַכט האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אין כאַטע, זיך דערוואַרעמט. נאָר שרעקלעך איז געוואָרן, ווען די פּאָליצײַען האָבן אָנגעהויבן גיין איבער די כאַטעס, אַרויסטרײַבן קליין און גרויס אויף דעם וועג רייניקן דעם שניי. איך האָב ראַכמאָנעס געהאַט אויף מײַנע רעטערנס, וואָס האָרעווען אַזוי שווער. איך וואָלט מיט פֿאַרגעניגן געגאַנגען מיט זיי, קעדיי העלפֿן רייניקן דעם שניי, נאָר ווי האָב איך זיך געקאָנט באַווײַזן אויף דער לעבעדיקער שײַן? מע וואָלט מיך גלײַך אַוועקגעטריבן צום קאָמענדאַנט און פֿון דאָרטן וואָלט איך זיך ניט אומגעקערט. פֿאַרהאַקט די טיר, בין איך געזעסן אין מײַן באַהעלטעניש און געטאָן, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, — געניט, געשטריקט, געוואַשן גרעט, אויפֿגעראַמט אין כאַטע און ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט נאָענט אַ באַוועגונג, אַזוי בין איך אַוועק אין מײַן באַהעלטעניש.

אַזוי איז געגאַן די צײַט, וואָס האָט זיך געצויגן, ווי די אייביקייט.

עס איז געקומען דער געגאַרטער פֿרילינג. די זון האָט אָנגעהויבן וואַרעמען. די פֿרויען האָבן געוואַשן זייער גרעט. זיי האָבן אויך אויסגעוואַשן מײַן קאָפּטל און אויפֿגעהאַנגען אין הויף עס טריקענען. זיי האָבן דערלאָזט אַ גרויסע אַוולע. ניט ווײַט פֿון זייער כאַטקע האָט געוווינט אַ פּאָליצײַ. דער־

זעץ דאָס קאָפּטעלע, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָ זײַנען קיין קינדער ניט געווען, ווי זשע האָט זיך דאָ גענומען אַ קאָפּטעלע פֿון אַ קינד? דער הונט איז אַוועק אין דער אופּראַווע, גענומען נאָך אַ פּאָליצײַ און געקומען אין כאַטע מאַכן אַן אונטערזוכונג, צי באַהאַלט זיך ניט אויס עמעצער? איך בין גראָדע געזעסן אין קעלער און איבערגעקליבן קאַרטאָפּליעס, וואָס איז איבערגעבליבן פֿונעם ווינטער. די פּאָליצײַען האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין כאַטע און גענומען זוכן, נישטערן, איבערקערן די שטוב. נאָר די אַלטע באַלעבאָסטע, די מומע קאַטיע, האָט זיך אַרויסגעשאַרט פֿון דער שטוב, זיך דורכגעשמוגלט צום קעלער, מיך אַרויסגעפֿירט פֿון דאָרטן הינטער דער קלוניע און מיט זײַטיקע גערטנער אַנטלאָפֿן מיט מיר אין פֿעלד. זי האָט מיר אָנגעטאָן אַפֿן האַלדז אַ ציילעמל און געזאָגט, איך זאָל גיין אין שכייִנישן דאָרף, ווו עס וווינט איר ברודער סטעפּאַן, לעבן דער וואַסערמיל, און אים זאָגן, אַז זי האָט מיך געשיקט צו אים. אויב אַפֿן וועג וועלן פֿאַרהאַלטן דײַטשן אָדער פּאָליצײַען, זאָל איך ווײַזן דאָס ציילעמל און זאָגן, אַז איך דערקלײַב זיך אַהיים, קיין קיִעוו, צו די עלטערן און אַז איך הייס מאַרוסיע קאַרפּענקאָ.

צום ערשטן האָב איך אַ ביסל געפּלאָנטערט, ווען מע האָט מיך ניט ווײַט פֿונעם דאָרף אָפּגע־שטעלט און געפֿרעגט, ווער איך בין און וווהין איך גיי, נאָר דערנאָך האָב איך זיך צוגעוווינט צו מײַן נײַעם נאָמען און אַז איך גיי צו מײַנע עלטערן, קיין קיִעוו.

ווען איך האָב זיך דערקליבן אין דאָרף און שוין געהאַט פּאַרקערעוועט צו דער וואַסערמיל, האָבן מיך אָפּגעשטעלט צוויי דײַטשן, אַ פּאָליצײַ. זיי האָבן ניט געוואָלט מיך הערן און אַוועקגע־שלעפּט אין דער קאָמענדאַטור. מע האָט מיך גענומען שלאָגן, איך זאָל זאָגן, אַז איך בין אַ פּאַרטי־זאַנקע, אַן אויסשפּירערין, נאָר איך האָב געזאָגט איינס, אַז איך גיי צו די עלטערן... לאַנג האָבן זיי זיך איזדיעקעוועט איבער מיר, און אַ צעבלוטיקטע, צעשלאָגענע אַוועקגעפֿירט צו אַ גרויסן שפּײַכלער איך אַ זײַטיקן הויף. ווען מע האָט מיך געפֿירט איבער דער גאַס, זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן מענטשן, די טאַליאַנים האָבן מיך אַרײַנגעשטויסן אינעם שפּײַכלער, אופֿגעהאַנגען אַ שלאָס און איך האָב פֿאַר־שטאַנען, אַז עס איז געקומען מײַן סאָף.

באַנאַכט האָב איך דערהערט אַ גערודער פֿון יענער זײַט טיר. איך בין צוגעגאַן צו דער שפּאַרונע און זיך אײַנגעקוקט. בא דער טיר איז געשטאַנען אַ פּאָליצײַ מיט אַ ביקס, אַ ווײַס בענדל אַף דעם אָרבל. ניט ווײַט פֿון אים איז געשטאַנען אַ מיידל, געשפּאַסט מיטן קעלעוו, געלאַכט און אים אונטער־געטראָגן אַ פֿלעשל, געהייסן אויסטרינקען, ער זאָל ניט פֿאַרפֿרוירן ווערן. יענער האָט אויסגעטרונקען, און אײַנגיכן זיך אַוועקגעלאָזט פֿון דער טיר. איך האָב דערהערט אַ ליאַזגען פֿונעם שלאָס. די טיר האָט זיך צעעפֿנט און דאָס מיידל, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג געשפּאַסט מיטן פּאָליצײַ, האָט פֿאַר־זיכטיק מיך געכאַפּט פֿאַר דער האַנט, געזאָגט, איך זאָל ניט מוירע האָבן, און מיט מיר אַנטלאָפֿן צו די גערטנער אין צווייטן עק דאָרף. דאָס מיידל האָט מיך געבראַכט צו זיך אין שטוב, מיך אָנגע־האָדוועט, איבערגעטאָן, געהאָלפֿן זיך אָרומוואַשן און באַלייגט אַפֿן הייסן אויוון זיך אויסשלאָפֿן.

עטלעכע טעג האָט דאָס מיידל מיך אויסבאַהאַלטן בא זיך און אַוועקגעגאַן אין דאָרף, קעדיי עפּעס אײַנקויפֿן, נאָר אַהיים זיך ניט אומגעקערט. אַ שכײנע איז אַרײַנגעלאָפֿן אַהער אַ טויט־דערשראָקענע און מיר געזאָגט, אַז מײַן באַלעבאָסטע האָט פֿאַרהאַלטן די געסטאַפּאָ.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז איך טאָר זיך דאָ קיין איבעריקע מינוט מער ניט פֿאַרהאַלטן, אַז מע קאָן קומען אַהער מיט אַן אונטערזוכונג, און בין אַרויס פֿון דער שטוב, פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף, ניט ווייסנדיק, וואָס מע הייבט אָן צו טאָן.

עמעצער האָט מיר געזאָגט, אַז אין שאַכנעטשקע איז נאָך פֿאַראַן אַ געטאָ, און די מענטשן נוצט מען אויס אַף פֿאַרשיידענע אַרבעטן. איך האָב באַשטימט זיך דערקלײַבן אַהין. פּאָרט צווישן אייגענע מענטשן.

לאַנג בין איך געגאַנגען מיט די פֿעלדער און יאַרן, מיט די באַלקעס, זיך געהאַלטן ווײַטער פֿון מענטשן, און ווען איך האָב זיך גוט אויסגעהונגערט, האָב איך פּאַרקערעוועט אין אַ דערפֿל צו אַן אָרעמער כאַטקע, געבעטן אַ שטיקל ברויט און אַ קווערטל וואַסער. די באַלעבאָסטע האָט מיך אַוועק־געזעצט צום טיש, אָנגעגאָסן אַ שיסל באָרשטש, געגעבן ברויט מיט סאַלע און, זיך דערוווּסט, אַז איך גיי אין שאַכנעטשקע, פֿאַרבראָכן די הענט:

— וווהין, מײַן קינד, וועסטו גיין? די קאַטן האָבן פֿאַרניכטעט די געטאָ נאָך אין אָסיען, די גאַנצע באַפֿעלקערונג, זקיינים, ווײַבער, קינדער צעשאָסן לעבן בעסויִלעם... אַהין זאָלסטו זיך ניט דערוועגן גיין.

זי האָט מיך געלאָזט איבערנעכטיקן, נאָר געבעטן גאַנצפֿרי זאָל איך אַוועקגיין, ווײַל די זשאַנדאַרמען קומען אַרײַן אָפֿטלעך. נאָר וווהין גיין? ווו קאָן מען געפֿינען אַ רעטונג?

די באַלעבאָסטע האָט בעסאָד־סוידעס געזאָגט, איך זאָל זיך דערקלײַבן צום טושאַנעווער וואַלד. ערגעץ דאָרטן, זאָגט מען, דאַרפֿן זײַן פּאַרטיזאַנער.

באַגינען האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג, ווּ עס האָט געדאַרפט זײַן דער וואַלד. אפן וועג זײַנען געפאָרן לאַסטמאַשינען, אף וועלכע עס זײַנען געזעסן דײַטשן. איך האָב זיך פאַרקליבן אין פעלד, אין א גרוב, און דאָרטן איבערגעזעסן ביז נאַכט. ווען אַרום איז שטילער געוואָרן, האָב איך זיך געלאָזט לויפן צום וואַלד, וואָס האָט מיך אײַנגיכן אַזוי ווי אײַנגעשלונגען. מאַמע געטרײַע, האָב איך זיך געטראַכט, די ווילדע כײַעס אף צוויי פיס האָבן מיך ניט דערמאָרדעט, וועט מיך צערײַסן א וואָלף אף פיר פיס! ווּ טוט מען זיך אַהין? איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף לויפן טיפער אין וואַלד, זיך ניט אָפּשטעלן באַם וועג, איבער וועלכן עס יאָגן דײַטשישע מאַשינען.

איך האָב דערזען אין דער געדיכטעניש פון די ביימער א האַלב־צעוואַלגערטן קורין און זיך פאַרקליבן אַהין, זיך פאַרניוועט אין א קופּע איבערגעפּרעטע בלעטער, זיך צונויפגעדרייט אין א קופּע איבערגעפּרעטע בלעטער, זיך צונויפגעדרייט אין א קולעקל און אײַנגעשלאָפן. לאַנג בין איך געשלאָפן, און ווען איך האָב אופגעריסן די אויגן און זיך געפּרוּווט אופהייבן און גיין טיפער אין וואַלד, האָבן די פיס זיך אָפּגעזאָגט מיך האַלטן און איך בין ווידער געפאַלן אף די בלעטער.

איך האָב זיך אופגעכאַפּט, דערפילנדיק, ווי עמעצער וועקט מיך. איך בין דערציטערט געוואָרן פון פּאַכעד. איבער מיר זײַנען געשטאַנען עטלעכע פרויען, אײַנגעקוטעטע אין קאָפּטיכלעך. זייערע אויגן זײַנען געווען פול מיט טרערן. זעט אויס, זיי האָבן פאַרשטאַנען, ווער איך בין און פון וואַנען איך לויף. זיי זײַנען געפאָרן אף צוויי וועגעלעך אין וואַלד נאָך האָלץ. עמעצער פון זיי האָט מיר געגעבן א שטיקל ברויט, א שטיקל פלייש, זיך אָנטרינקען פון א קריגל, מיך אַוועקגעזעצט אף א פור און אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים, אין א דאָרף, וואָס איז געלעגן פון יענער זײַט וואַלד. וויפל איך בין געפאָרן, געדענק איך ניט, פונקט ווי איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, וויפל צײַט בין איך געווען אין וואַלד. איך האָב זיך אופגעכאַפּט אף א ציכטיק, ריין בעט. די קאָלווירטניצעס האָבן מיך געהאָדעוועט, געהיילט פונעם שווערן הוסט. אין עטלעכע טעג אַרום איז אַרײַנגעקומען אין כאַטע אַן עלטערער מענטש אין א קאַפּעליוש. מיך דערזען, האָט ער אָנגעהויבן מיך אויספרעגן, ווּהין איך קלײַב זיך, און האָבנדיק זיך דערוווּסט, אַז איך בין איינזאַם, אָן א דאַך איבערן קאָפּ און מײַנע קרוֹיווים זײַנען אומגעקומען, האָט ער געזאָגט, אַז איך וועל ווערן זײַן קינד און גאַנצפרי וועט ער קומען, מיך נעמען און אַוועקפירן קיין ליטין, ווּ ער האָט באַקאַנטע אין דער אָפּראַווע, דאָרטן וועט ער מיך פאַרשרײַבן פאַר זײַן קינד...

א פּאַכעד האָט מיך אַרומגעכאַפּט, ווען איך האָב דערהערט דאָס וואָרט „אָפּראַווע". אינמיטן דער נאַכט האָב איך זיך אַרויסגעשמוגלט פון דער כאַטע און זיך געלאָזט אין דער וועלט אַרײַן. ווּהין — האָב איך אַליין ניט געוווּסט. איך בין געגאַן און זיך געסטאַרעט אויסמײַדן מענטשן, געטראַכט, אַז איך וועל זיך דערקלײַבן צו די פּאַרטיזאַנער.

אין פעלד האָב איך באַגעגנט אַן עלטערן פויער, וואָס האָט געפירט אף א וועגעלע שטרוי פון א צעוואַלגערטער סקירדע. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, זיך באַהאַלטן, נאָר עס איז שוין געווען שפּעט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, גענומען אויספרעגן, נאָר, זעט אויס, ער האָט פאַרשטאַנען, ווער איך בין. געפרעגט, ווּהין איך שלעפּ זיך אַרום אין אַזאַ בייזער צײַט, ווען יעדער פאַרשיווער פּאָליצײַ קאָן מיך דערשיסן אפן וועג, האָט ער געזאָגט, אַז ער מיט זײַן קראַנקער ווײַב, וואָס ליגט צו בעט, וועלן מיך נעמען צו זיך אין שטוב, ביז דער אומגליק וועט זיך ענדיקן, און איך וועל קענען זיך דערקלײַבן צו זיך אַהיים.

אַזאַ גוט פּאָנעם, סאַראַ ערלעכע, שיינע אויגן! און כאָטש איך האָב דעם מענטשן, וואַסיל זאַריצקין, געזען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, נאָר איך האָב א טראַכט געטאָן, אַז אף אים מעג מען זיך פאַרלאָזן. ער האָט מיך פאַרפירט צו זיך אין כאַטע, אין א קליין דערפל, ווּ אין שטוב האָט געוווינט א קליין מיידעלע פון א יאָר צוויי, און איך בין דאָרטן איבערגעבליבן. עטלעכע כאָדאָשים האָב איך דאָ געוווינט. דער באַלעבאָס איז געווען אַן אָנטרײַבער. ער איז אַנומלטן געפאָרן מיטן שליאַך, און א דײַטשישע מאַשין מיט שיכורע עסעסאָווצעס, וועלנדיק זיך מאַכן פריילעך, זײַנען אַרופגעפאָרן אף דעם וואָגן און דערהאַרגעט דעם אָנטרײַבער מיט זײַן פערדל. אין עטלעכע טעג אַרום איז געשטאָרבן דאָס ווײַב און עמעצער פון די שכיינים האָט צוגענומען צו זיך דאָס קינד. בין איך ווידער געבליבן, ווי אפן וואַסער, פאַרלאָזט די שטוב.

אין דרויסן איז שוין געווען שטאַרק קאַלט. איך האָב זיך געשלעפּט איבער די פעלדער. דער הונגער האָט מיך געמאַטערט, און איך האָב אף די גערטנער געפונען קאַרטאָפליעס, בוריעקעס, זיך פאַרקליבן אין די באַלקעס, צעלייגט א פײַער, אָפּגעבראָטן א פּאָר קאַרטאָפליעס, איבערגעכאַפּט דעם הונגער, זיך פאַרקליבן אין א סטערטע שטרוי, איבערגענעכטיקט. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פאַרפרוירן ווערן, און זיך דערשלעפּט צו א האַלב־פאַרברענטן קאָלווירטישן טויק. דאָרטן איז געווען אָפּגעצוימט א ווינקל, פאַרוואָרפן מיט שטרוי. אין אָט דעם ווינקל האָב איך זיך באַזעצט, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון מענטשן. מיר איז שוין געווען אַלצאיינס. דאָס לעבן איז מיר שוין לאַנג נימאס געוואָרן. איך האָב אף זיך געבעטן דעם טויט. איך איינעם אַן אינדערפרי זײַנען אַרײַנגעקומען דרײַ

עלטערע פויערטעס. מיך דערזען און ארומגערינגלט, גענומען מיך אויספרעגן, ווער איך בין און פונוואנען. זיי זײַנען אוועקגעלאָפן אהיים און מיר געבראַכט עסן, א ווארעמע סוויטקע, א טיכל, אַלטע שטיוול, און איך האָב זיך דערפילט פאר א גליקלעכער. זיי האָבן מיך געוואָלט צונעמען צו זיך, נאָר מוירע געהאַט, אז אויב מע וועט מיך טרעפן אין א שטוב, וועט מען דאָס גאַנצע דערפל לאָזן מיטן פײַער. עטלעכע טעג בין איך געלעגן אין מײַן נײַער באהעלטעניש, און די קאַלווירט־ניצעס האָבן מיר געטראָגן וואָס עס האָט זיך געמאַכט. איצט בין איך געווען א ביסל אָנגעטאָן און כ׳האָב זיך געקענט ראַטעווען פון דער קעלט.

אינמיטן דער נאַכט איז געקומען די מומע פּאַשע ריבאַלקאַ. זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר, זיך צעוויינט און געזאָגט, אז זי איז גרייט אײַנשטעלן דאָס לעבן און מיך אוועקגעפירט צו זיך אין כאַטע. עטלעכע טעג האָב איך בא איר געוווינט. אין איינער א פראָסטיקער נאַכט זײַנען ארײַן אין שטוב צוויי דײַטשן. דערזען מיך, האָבן זיי גענומען מיך אויספרעגן ווער איך בין. א פּאַרטיזאַנקע? א ייִדישקע? די מומע פּאַשע איז געפאַלן פאר זייערע פיס, געבעטן, זיי זאָלן מיך ניט טשעפּען, איך בין, הייסט עס, ניט קיין ייִדישקע און ניט קיין פּאַרטיזאַנקע... ווען מע האָט מיך גענומען שלעפּן צו דער טיר, האָט פּאַשע פארשטעלט מיט איר קערפּער די טיר, א שאָט געטאָן אף איר אוקראַיִנישער שפּראַך מיט קלאָלעס, נאָר איינער פון די דײַטשן האָט פארשטאַנען אירע ווערטער, אויסגעשאָסן אין פּאַשען און זי דערהארגעט...

איך בין צוגעפאַלן צו פּאַשעס טויטן קערפּער, געוואָלט זי אופהייבן, געגאָסן ביטערע טרערן און געוואַרט, אז אָט־אָט וועלן די הענקער מיך אויך דערשיסן לעבן דער טײַערער, הארציקער מומינקע, נאָר איינער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאר די האָר, דערלאַנגט מיטן פּריקלאַד א קלאַפּ און מיך ארויסגע־שטויסן אין דרויסן אפן פראָסט.

מע האָט מיך געשלאָגן און געטריבן, געזידלט מיט די לעצטע ווערטער. מע האָט מיך ארײַנ־געשטויסן אין א קעלער און פארהאַקט די טיר. איך בין ארײַנגעפאַלן אין א לעבעדיקן קייווער.

צוויי טעג האָב איך זיך אָפּגעוואַלגערט אינעם פינצטערן קייווער, זיך שוין אָפּגעזעגנט מיט דער וועלט. איך האָב נאָך געהערט, ווי אויבן טומלט זיך שטאַרק. עס האָבן געיאָגט אהער, אהין מאַשי־נען, פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן א שיסערײַ. שפּעט באַנאַכט איז אַלץ שטיל געבליבן, און איך האָב דערהערט, ווי בא דער טיר פּאָרעט זיך עמעצער. „דאָס איז אַלץ!״ — האָט א געדאַנק א שניט געטאָן דעם מויעך. באַלד וועט מען מיך ארויספירן שיסן. נאָר איך האָב דערהערט א שטילן רוף. „גיי ארויס, מיידעלע, גיכער, האָב ניט מוירע...״ איך האָב זיך פאַרטײַעט, געשוויגן, נאָר ווידער האָט זיך דערטראָגן די שטים. עפּעס א גוטע, א הארציקע שטים, און איך האָב זיך געלאָזט מיט די טרעפּלעך ארויף. איך האָב דערזען אן אַלטיטשקן פויער אף קוליעס. ער האָט אף מיר א לאַנגע רעגע געקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ: „האָב ניט מוירע, מיידעלע. די סופּאָסטאַטן זײַנען ערגעץ אוועק־געפאָרן. קום מיט מיר״.

איך האָב געמיינט, אז דאָס איז עפּעס א כאָלעם. נאָר ניין. דער אַלטיטשקער פויער האָט מיך צוגעפירט צו א שליטעלע, וואָס איז געשטאַנען בא דער קלוניע אײַנגעשפּאַנט אין א פארשנייט פערדל, מיך ארײַנגעזעצט, צוגעדעקט מיט א גרויסער רעדנע און אוועקגעפירט אין פעלד. איך האָב געציטערט מיט אַלע אייוורים, ניט געוווּסט, וווּהין ער פירט מיך. פרעגן האָב איך מוירע געהאַט. נאָר מיר איז שוין געווען אַלצײנס. איך האָב זיך גערייכט אפן ערגסטן. איך האָב דערזען אין פעלד עטלעכע געבײַדעס. דער אַלטיטשקער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן א פערמע, ווו עס האָבן זיך געפונען א פּאָר צענדליק בעהיימעס. אין עק האָט זיך געעפנט א טירל און עס זײַנען ארויסגעגאַן אנטקעגן צוויי אײַנגעקוטעטע פרויען, זעט אויס, מעלקערנס. דער אַלטער, וועלכן די פרויען האָבן גערופן פּעטער דאַנילאָ, האָט אָנגעוויזן אף מיר און געזאָגט, אז איך וועל ארבעטן לעבן זיי און אז זיי זאָלן מיך ניט באַליידיקן. די פרויען האָבן געקוקט אף מיר און קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויס־ברענגען. מע האָט מיך ארײַנגעפירט אין א ווארעם־אָנגעהייצט צימערל, אָנגעוויזן אף א טאָפּטשאַן, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שטרוי. מיך אוועקגעזעצט בא א טישל, אָנגעפּאָיעט מיט הייסער מילך, און איך האָב זיך א ביסל דערוואַרעמט.

די פרויען האָבן מיך גאָרנישט ניט געפרעגט. זיי האָבן פארשטאַנען, ווער איך בין און ווי קום איך אהער. זיי האָבן נאָר געזאָגט, אז איך זאָל וואָס ווייניקער ארויסגיין פון דער שטאַל. איך האָב זיי געהאָלפן ארומגיין ארום די בעהיימעס. איך האָב געאַרבעט ביז דער ווינטער איז אדורך. ווי נאָר עמעצער, א פרעמדער, איז געקומען אהער, אזוי האָבן זיי מיך באהאַלטן, א בייז אויג זאָל מיך ניט דערזען. זאָסיע כאָמענקאָ, טאַמאַרע שעווטשוק און מאָטריע זײַנען דאָ פאר מיר געוואָרן עמעסע מאַמעס. מע האָט מיך אָפּגעהיט. ווען די פרעסט האָבן זיך פארשטאַרקט, האָבן זיי מיך אף באַנאַכט גענומען אהיים נעכטיקן, ריזיקירט מיטן לעבן. זייערע מענער זײַנען געווען אפן פראָנט. דאָ, אף דער פערמע, צוזאַמען מיט די הארציקע פרויען האָט זיך מיר געלעבט גרינגער. נאָר אָט האָט מען צוגעשיקט א בריגאַדירקע, א יונגע בייזע מויד, וואָס האָט אף אַלעמען געשריִען,

אפילו צעלאָזט אָפּטלעך אירע הענט. בייס א גרויסן פראָסט איז זי געבליבן נעכטיקן מיט אונדז אין צימער — טעקליע טשומאק האָט זי געהייסן. זי איז געשלאָפן ניט ווײַט פון מײַן טאָפּטשאַן. גאנצפרי האָט זי זיך אופגעכאפּט, אָנגעשטעלט אויף מיר אירע בייזע אויגן און געזאָגט, אז איך האָב באנאכט גערעדט פונעם שלאָף, גערעדט אויף ייִדיש, און געפּאָדערט, איך זאָל זאָגן, ווער איך בין! מײַנע רעטערנס האָבן דאָס דערהערט, זײַנען זיי געוואָרן אויסער זיך. מע איז אָנגעפאלן אויף דער טעקליע, געשריִען, אז זי לײַגט, אז עס איז ניט עמעס, אז איך האָב פונעם שלאָף גערעדט אויף ייִדיש. און יענע איז ווידער צוגעשטאנען צו מיר, איך זאָל זאָגן, ווער איך בין.

מײַנע דרײַ רעטערנס האָבן פארשטאנען, אז עס קאָן געשען אן אומגליק. די טעקליע איז אן אויסגעלאסענע מויד, שלעפּט זיך ארום איבערן דאָרף מיט פּאָליצײַען און דײַטשן, זי וועט מיך פארראטן. זיי האָבן פארשטאנען, אז איך מוז פון דער פערמע אנטלויפן, נאָר איך האָב ניט באוויזן. עס זײַנען דורכגעפאָרן אויף א שליטל צוויי פּאָליצײַען. טעקליע איז צו זיי ארויסגעלאָפן, לאנג זיך מיט די קאָטן געשושקעט, געוויזן אויף מיר, און זיי האָבן מיך געכאפּט, ארײַנגעשלעפּט אין שליטן און אוועקגעפירט אין דער אופּראווע.

אָנהייבן אײַך דערציילן, וויאַזוי די הענקער האָבן מיך געשלאָגן, זיך איזדיעקעוועט איבער מיר, קאָן מען זיך רירן פון די געדאנקען. זיי האָבן געפּאָדערט, איך זאָל מעלדן, ווער איך בין און פונוואנען איך שטאם. מע האָט מיך געשלאָגן מיט די הענט און פיס, דערנאָך אָפּגעגאָסן מיט קאלטער וואסער און ווידער געשלאָגן. עטלעכע טעג האָב איך זיך געוואלגערט אין דער קאלטער קלוניע אָן טרינקען.

דעם זעקסטן טאָג, ווען איך בין שוין אויף קיין מענטשן ניט ענלעך געווען און מע האָט מיך שוין ניט געפירט אויף דעם פארהער צום קאָמענדאנט, נאָר געטראָגן, ווײַל איך האָב שוין קיין קויעך ניט געהאט צו גיין, איז אין דער קאָמענדאטור ארײַנגעקומען עפּעס א דײַטשישער אָפיצער. דער קאָמענדאנט האָט לאנג מיט אים גערעדט, טײַטנדיק אויף מיר מיטן פינגער. דער אָפיצער האָט א מאך געטאָן אויף מיר מיט דער האנט און געזאָגט, מע זאָל מיך ארויסווארפן אפן שניי, איך וועל אליין אומקומען, פארפרוירן ווערן...

איך האָב זיך שוין געזעגנט מיטן לעבן. דער פראָסט האָט זיך אײַנגעשניטן אין לײַב, אין די ביינער.

מער האָב איך גאָרניט געפילט. איך האָב נאָר דערפילט דורכן שלאָף, אז עמעצער האָט מיך אופגעהויבן פונעם שניי און ערגעץ אוועקגעטראָגן. איך האָב זיך אופגעכאפּט אין א ווארעמער כאטע, איבער מיר איז געשטאנען זאָסיע כאָמענקאָ און טאמארע שעווטשוק. זיי האָבן מיך לאנג געמינטערט, ביז זיי האָבן מיך אָפּגעראטעוועט. עטלעכע טעג באהאלטן בא זיך אפן בוידעם, און ווען איך בין געקומען א ביסל צו־זיך, האָבן זיי מיך אוועקגעפירט צו זייערע קרוויים אין שכייניש דאָרף לוקאשיווקע, וואָס ניט ווײַט פון באפּאָליע. זיי האָבן מיר דערציילט, אז אין איינער פון די נעכט איז טעקליע טשומאק געקומען אויף דער פערמע א טויט־שיקערע פון א הוליאנקע. מע האָט זי אוועקגעשלעפּט צום נאָענטן טײַך און ארײַנגעוואָרפן אהין. זי איז מער ניט ארויסגעקראָכן...״

דאָוויד מאזור האָט געלייענט, פילנדיק, ווי די ווערטער גיסן זיך צונויף און דאָס העפטל רוקט זיך אָפּ פון אים. דאָס הארץ איז פארקלעמט געוואָרן פון ווייטיק. די נעשאָמע האָט אין אים געוויינט. סארא שוידער! ווי האָט א קינד געקאָנט אזוינס אריבערטראָגן? ווו האָבן זיך בא איר גענומען קויכעס דורכגיין אזא שרעקלעכן וועג? ווי האָט שולאמיס דאָס געקאָנט אויסהאלטן? ווו האָט זי גענומען קויכעס אָנשרײַבן אזא בריוו? פאר די מילכאָמע־כאדאָשים האָט ער געזען פארברענטע שטעט און דערפער, גריבער, יארוגעס מיט דערמאָרדעטע פרידלעכע מענטשן. ער האָט געזען שרעקלעכע פארברעכנס פון די היטלערישע שלענג, נאָר דאָס, וואָס ער האָט נאָרוואָס איבערגעלייענט, האָט איבערגעפולט אלע זײַנע פאָרשטעלונגען וועגן פארברעכנס. ער האָט זיך ניט געשאנעוועט, נאָר איצט האָט ער געפילט, אז ער האָט זיך נאָך ניט צעצאָלט פולקום פאר דעם, וואָס עס איז אויסגעקומען איבערלעבן אומשולדיקע מענטשן, דערין קינדער...

ער האָט באהאלטן דאָס העפטל אין זײַן סאָלדאטיש רענצל. ער קאָן נאָך בא זיך ניט באשטימען, צי דאָרף ער דאָס איבערשיקן דעם טאטן? ער האָט זיך אופגעהויבן, גרייטנדיק זיך ווײַטער אין וועג, נאָר ער האָט נאָך געדארפט עפּעס אויספרעגן, זיך עפּעס דערוויסן בא דער הארציקער און אומגליקלעכער באלעבאָסטע פון דער האלב־צעוואלגערטער כאטקע מיט דער שטרויענער סטריכע. נאָר זי, די באלעבאָסטע, לאָזט זיך אויס, איז אוועקגעלאָפן צו דער קלוניע ברענגען עפּעס איבערבײַסן פאר דעם סאָלדאט. זי איז ארײַנגעלאָפן א צעטראָגענע און פארטומלטע. דערזען, אז דער גאסט גרייט זיך אוועקצוגיין, האָט זי גענומען בא אים זיך בעטן, ער זאָל עפּעס נעמען אין מויל, ער קער דאָך זײַן טויט־הונגעריק, נאָר ער האָט זי בארויִקט. ניין, עסן וויל ער ניט. צי ווייסט זי ניט, וואָס איז געוואָרן מיט דעם מיידעלע, וואָס האָט איבערגעלאָזט אָט דאָס העפטל?

די אַלטיטשקע האָט אַרויסגעלייגט אויפֿן טיש דאָס שטיקל ברויט, די עטלעכע קאַרטאָפֿליעס אין די מונדירן, דאָס ביסל זויערקרויט אין אַ טעלערל און זיך אויפֿמערקזאַמער אײַנגעקוקט אין דעם דערשלאָגענעם און טרויעריקן סאָלדאַט, טראַכטנדיק, צי מעג זי אים אַלץ אויסזאָגן. איר האָט זיך נאָך אַלץ ניט געגלייבט, אַז זי האָט שוין ניט פֿאַר וועמען מוירע האָבן, אַז זי דאַרף זיך שוין פֿאַר קיינעם ניט שרעקן.

— סאָלדאַט, צי נאַטשאַלניק, — האָט זי אָפּגעשטעלט איר פֿײַכטן בליק אויף זײַנע פּאָגאָנעס, אויפֿן רויטן שטערנדל, וואָס אויף זײַן פּילאָטקע, און לאַנג געקנייטשט מיט די אַקסלען. — איר זײַט אונדזערע, צי... איך געדענק, אַז פֿאַר דער מילכאָמע האָבן אונדזערע סאָלדאַטן ניט געטראָגן קיין פּאָגאָנעס... עפּעס, זונעניו, זײַט איר אַנדערע... אין די פּאָגאָנעס.

— יאָ, מומינקע, מיר זײַנען איצט אַנדערע. דאָס, וואָס מיר האָבן איבערגעטראָגן, דאָס, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעזען... אָבער, זאָגט מיר, מומינקע, עפּשער ווייסט איר דעם גוירל פֿון דעם מיידעלע, וואָס האָט אײַך איבערגעלאָזט דאָס העפּטל, די בריוו?

— פֿאַרוואָס זאָל איך ניט וויסן? איך האָב זי, ווי נאָר איך האָב געקענט, אויסבאַהאַלטן בײַ זיך. אַזאַ טײַער מיידעלע, אַזאַ אומגליקלעכע... דאָס לעבן אײַנגעשטעלט און געזען זי ראַטעווען. — און אַ טראַכט געטאָן, פֿאַרבונדן בעסער דאָס קאָפּטיכל, דער ווינט זאָל עס בײַ איר ניט אַראָפּשלעפּן. און אַרויסגעגאַן מיט דאָווידן פֿון דער כאַטקע.

אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן און עס איז געווען שווערלעך צו גיין. די פֿויערטע האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אומגעקוקט:

— מע האָט די כײַעס ווײַט פֿאַרטריבן?.. זיי קאָנען זיך ניט אומקערן?

— ניין, מומינקע, זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן... — האָט דאָוויד געענטפֿערט, — עס וועט אונדז נאָך אויסקומען שווער, נאָר דאָס, וואָס איז געווען, וועט זיך מער ניט איבערכאַזערן...

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געגאַן צום צווייטן דאָרף, וווּ מע האָט אָנגעזען עטלעכע צעשעדיקטע שטיבלעך.

— אוי, זונעניו, וואָס ווייסט איר, וואָס די שלענג האָבן דאָ אָפּגעטאָן! ווען איר האָט צײַט, וואָלט איך אײַך באַוויזן די גריבער, וווּ די טאַליאַנים האָבן דערהאַרגעט אַ גאַנץ שטעטל, גאַנץ באַפֿאַליע, קינד און קייט, קיינעם ניט געשאָנעוועט, די גאַנצע געטאָ...

זי האָט מיטן עק פֿאַטשײַלע געווישט די טרערן פֿונעם אָפּגעצערטן בלאַסן פּאָנעם און צוגעקרימען צו אַ קליין, ביז האַלב אײַנגעזונקען אין דער ערד שטיבל.

זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום שטיבל און געפֿרעגט:

— היי, עמעצער איז דאָ אַ לעבעדיקער? דאָס בין איך, מאַטריע...

אין אַ ווינקל, צוגעטוליעט צו אַן אַלטער סקריניע, איז געזעסן, אײַנגעקוטעט אין אַן אַלט פֿאַטעלע, מיט אַ טיכל אויפֿן קאָפּ, אַ מיידעלע מיט אַ פּאָר גרויסע איבערגעשראָקענע אויגן.

— דאָס זײַט איר, מומע מאַטריע? — האָט זיך געהערט אַ שוואַכע שטים.

דערזען אַ זעלנער מיט אַן אויטאָמאַט, האָט דאָס מיידעלע דערשראָקן זיך אַ צי געטאָן צום ווינקל.

— דאָס זײַנען אונדזערע געקומען, דאַנקען גאָט... — האָט מאַטריע באַרויִקט דאָס מיידעלע.

דאָוויד איז געשטאַנען מיט פֿאַרטײַעטן אָטעם, געקוקט אויף דעם מיידעלע, קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען, און צום סוף געזאָגט:

— שולאַמיס, טײַערינקע, האָסט מיך ניט דערקענט? דאָס בין איך, דאָוויד...

— דאָוויד? דאָוויד?! פֿאַרוואָס זשע ביסטו אַזוי לאַנג אַהער געגאַן?

און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך צעוויינט אַזוי, ווי זי האָט נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געוויינט.

דאָוויד איז צוגעפֿאַלן צו איר, אַרומגענומען איר אויסגעדאַרטן גוף, געגלעט, געבעטן זיך באַרויִקן, ניט וויינען, נאָר ניט געפֿילט, ווי עס גיסן זיך איבער זײַנע באַקן ביטערע, ווי דער טויט, טרערן.

פֿון די נאָענטע כאַטקעס זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן פֿויערטעס, באַטראַכט דעם פֿאַרווייניטן אומאָטלער, און קיינער האָט ניט געוואָגט פֿרעגן, ווער איז ער און וואָס קער ער זיך אָן מיט דעם אומגליקלעכן מיידעלע, וואָס האָט די גאַנצע צײַט פֿון אים ניט אַראָפּגענומען דעם פֿאַרווייניטן בליק.

איבערן בלאָטיקן שליאַך, וואָס האָט געפֿירט אַהין, צום טײַך, צו די גריבער, וווּ עס איז געווען דער קיווער פֿונעם אומגעבראַכטן שטעטל, איז געגאַן מיט זײַן שווערן סאָלדאַטישן טראָט דאָוויד מאַזור. האַלטנדיק אים בײַ דער גרויסער, פֿאַרהאַרטעוועטער האַנט, איז אונטערגעלאָפֿן שולאַמיס.

איר איז מוירעדיק שווער געווען גיין אױף אירע האַלב־אָפּגעפרוירענע פיס, נאָר זי איז געגאַנגען אקשאַנעסדיק, ניט ארויסווײַזנדיק, אז איר איז שווער צו גיין. נאָך זיי זײַנען געגאַנגען די עטלעכע לעבנגעבליבענע פויערטעס און אַן אָפּשטעל דערציילט דעם פאַרומערטן סאָלדאַט וועגן דער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך דאָרטן, לעבן וואַלד, באַ די גריבער, פאַנאַנדערגעשפּילט. מע איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. פון מאָל צו מאָל אופגעהויבן דעם בליק אױף די צעוואַלגערטע שטיבלעך. אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר די רויִנעס פון זײַן שטיבל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, דורכגעלעבט די בעסטע יאָרן פון דער קינדהײַט און יוגנט. עטוואָס ווײַטער האָט זיך צוגעטוליעט צו אַן אַלטן דעמב די האַלב־צעבראָכענע הײַזקע, ווו עס האָט געוווינט זאַלמען דער באַנדער, יאָשקע. איצט האָט אַלץ ארום אַנגעוואָרפן אױף אים א שוידער. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אַלץ ניט געקאָנט אײַנהאַלטן דעם צאַר, דעם ווייטיק. ער האָט שוין ניט געהערט, וואָס די פּויערטעס דערציילן אים. ער איז געשטאַנען, ווי פאַרקישעפט, אַלעמאָל אָנגערוקט די פּילאָטקע אױף די אויגן, וועלנדיק באַהאַלטן פון שולאַמיסן און אירע רעטערנס די פאַרווייִנטע אויגן, און זיך שטילערהייט אָנגערופן:

— יאָ, געקומען אהיים... געווען אמאָל א שטעטל...

אין א האַלבער שאָ ארום איז מען צוגעקומען צו די גריבער. ארום האָט גערוישט דער ווינט אין די קרוינען פון די אַלטעביימער. דאָווידן האָט זיך געדאַכט, אז די ערד אונטער אים באַוועגט זיך, אז דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די אומשולדיק־אויסגעהארגעטע בושעוועט נאָך. ער האָט זיך באַמיט האַלטן, נאָר שולאַמיס האָט גענומען שטאַרקער יאָמערן און רופן די מאַמע. די פרויען האָבן אױף א קאָל געוויינט, זיך געציילעמט. דאָוויד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אױף די קני, צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו דער דורכגענעצטער פון די שנייען און רעגנס ערד. ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אױף אזא בעסוילעם, און ער האָט דאָ אַן ווערטער געשווירן, אז ער וועט ניט רוען, ער וועט נאָך שטאַרקער, ווי ביז איצט, נעמען נעקאָמע.

עס איז שוין געווען טונקל דער הימל, ווען דאָוויד מאַזור, האַלטנדיק שולאַמיסן פעסט פאַר דער האַנט, איז געגאַנגען מיטן פוסטן שליאַך, אומקוקנדיק זיך אַלעמאָל, צי דעריאָגט זיי ניט קיין צופעליקע מאַשין, קיין וואָגן. דאָווידקע האָט געטראַכט, וואָס זאָל ער איצטער טאָן. עס זײַנען געבליבן געציילטע עטלעכע שאָ, ביז ער דאַרף זיך אומקערן אין זײַן טייל, ווו עס וואַרטן אױף אים זײַנע שלאַכט־כאַווײרים. ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויאַזוי וועט ער זיי איבערגעבן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, וואָס ער האָט געזען און געפילט פאַר דעם הײַנטיקן טאָג.

ביז דער טאָג וועט אויסגעלאָשן ווערן, שטייט אים נאָך פאָר א סאַך זאַכן דערלייזן.

אָט האָט זיך דערהערט א טומל פון א מאַשין, וואָס האָט אים דעריאָגט, און דאָוויד, ארומגענומען שולאַמיסן, איז אָפּגעגאַנגען אין א זײַט און א מאַך געטאָן צום שאָפער מיט דער האַנט. יענער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געהייסן, מע זאָל זיך שנעלער אופזעצן.

עס איז שוין געווען פינצטער אין דרויסן, ווען דער סערזשאַנט דאָוויד מאַזור מיטן שוועסטערל האָבן אינעם גערודער פון דער ערשט ניט לאַנג באַפרײַטער שטאָט געפונען דעם האָספּיטאַל, וואָס האָט זיך געפונען אײַנגאָרדענען אין א שול־געבײַדע. דערזען דעם נאַטשאַלניק, א באַיאָרטע פרוי, א דאָקטערן, האָט דאָוויד דערציילט איר די טראַגישע געשיכטע פונעם שוועסטערל. די דאָקטערן האָט באַטראַכט דאָס אויסגעמאַטערטע, אויסגעטריקנטע מיידעלע, דאָס שוועסטערל פונעם באַרימטן אין דער דיוויזיע אויסשפּירער, און אים באַרויִקט, געזאָגט, אז זי וועט זיך באַמיִען וואָס גיכער שטעלן דאָס מיידעלע אױף די פיס, אונטערהיילן, און ווי נאָר יענע וועט זיך פילן בעסער, קענען זיך לאָזן אין וועג, וועט זי איר געבן א באַגלייטערן, א באַרעמהאַרציקע שוועסטער, וועלכע וועט שולאַמיסן אָפּפירן אהיים, צו דעם פאָטער.

באַגעגנען האָט דאָוויד זיך צעשיידט מיטן שוועסטערל. ער האָט געוווּסט, אז זי איז אַרײַנגעפאַלן אין גוטע הענט און מע וועט איר העלפן, זי וועט בעשאָלעם זיך דערקלײַבן צו די אייגענע.

און ער איז מיט א רויִק הארץ ארויסגעגאַנגען אפן שליאַך דעריאָגן זײַן טייל, זײַנע פרײַנט. עס זײַנען נאָך פאַרגעשטאַנען שווערע שלאַכטן, לאַנגע אומרויִקע וועגן און גרויסע אויספּרוּוון. אים איז נאָך פאַרגעשטאַנען נעמען נעקאָמע, אָפּצאָלן פאַר דער שוועסטער, פאַר דער מוטער, פאַר די שרעקלעכע פאַרברעכנס פונעם בלוטיקן סוינע. אים איז נאָך פאַרגעשטאַנען אויספילן ביזן סאָף זײַן הייליקע שווּע, די שטילע צוואָע, וועלכע ער האָט געגעבן דאָרטן, באַ די גריבער, לעבן דעם אַלטן וואַלד, לעבן דעם גרויסן ברודער־קייווער, ווו עס הערט ניט אױף צו בושעווען דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט.

מענטשן האָבן א גוטן זיקאָרן

זינט יענעם פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך צעשיידט מיט שולאמיסן און דער דאָקטערן פון האָספיטאַל, איז אוועק עטוואָס מער פון א יאָר.

וויפל איז אונדזער באַשיידענעם און ענערגישן אויסשפּירער מיט זײַן גרופּע אויסגעקומען אויסצושטיין! וויפל מאָל איז זיי אויסגעקומען מיטן גאַנצן קלאָפּערגעצײַג זייערן, מיט דער קליינינקער ראַדיאָסטאַנציע זיך דורכשמוגלען אין הינטערלאַנד פונעם סוינע, זיך פאַרמאַסקירן און פון דאָרטן אלעמאָל איבערגעבן, וואָס עס טוט זיך באַם סוינע! מע האָט זיך אַזוי אַרײַנגעצויגן אין דער שווערער און געפערלעכער מעלאָכע, אז עס האָט זיך פון דער זײַט געקאָנט דוכטן, אז אָט דער ענערגישער און שרעקלאָזער באָכער מיט זײַנע פרײַנט, צוזאַמען מיט וועלכע ער איז געקומען אַפן פראָנט פון א ווײַטן עק לאַנד, פאַרנעמען זיך מיט דער מעלאָכע ווער ווייסט וויפל צײַט. מע האָט זיך פאַר דער צײַט אַזוי צונויפגעלעבט און זיך באַפרײַנדעט, דאַכט זיך, שטאַרקער ווי אייגענע ברידער. איינעמס צאָרן איז געוואָרן אלעמענס צאָרן, איינעמס ווייטיקן — די ווייטיקן פון אלע. אלע צוזאַמען האָבן מיט גרויס אומגעדולד און אומרו געשפּירט, וואָס איז מיט דעם ווזוואָדנעמס שוועסטערל, וואָס געפינט זיך אין האָספּיטאַל? און מע האָט פרײַער אָפּגעעטעמט, ווען עס איז געקומען א ידיִע צו דאָווידן, אז זײַן שוועסטערל איז שוין דאָרטן, אין איר ווײַטער היים.

איצט איז אַפן הארצן געוואָרן א סאַך גרינגער. און אָט די שטרענגע, שווײַגנדיקע און ניט לויט די יאָרן ערנסטע סיביריאַקעס, זײַנען געוואָרן פריילעכער און שוין אפילע אָפטער געשפּאַסט און געלאַכט.

צען זײַנען זיי געקומען אַף דער מילכאָמע פון זייער ווײַטער היים, און דרײַ זײַנען ניט דערגאַנגען ביזן סאָף — געפאַלן אין די שווערע שלאַכטן באַם פאַרסירן דעם אָדער-טײַך, וואָס איז צעטיילט אַף צוויי אַרבל-שטראָמען און אינמיטן — בלאָטעס, בלאָטעס... דאָוויד מאַזורס ווזוואָד איז אויסגעקומען אויסלערנען, אויסשפּירן דעם ברייטן טײַך, זײַנע ברעגן, העלפן אַריבערוואַרפן אַף יענער זײַט טײַך הארמאַטן, טאַנקען, מאַשינען, אָן א שיר סנאַריאַדן, ברענשטאָף...

צוזאַמען מיט די פאָדערשטע טיילן האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן קיין בערלין און געביטן אַף א צײַט זייער מעלאָכע פון אויסשפּירער. איצט האָט מען זיך ניט געדאַרפט פאַרקלײַבן אין סוינעס הינטערלאַנד. פון די אונטערשטע שטאָקן, פון די קעלערס האָבן די עסעסאָווצעס געשאַטעוועט נאָך די רוסישע טאַנקען און זיי באַשאָסן פון פאַוסט-פאַטראָנען, ניט געלאָזט דורכגיין, און דאָוויד מאַזורן מיט זײַנע לעבנגעבליבענע אויסשפּירער זײַנען די פאַטראָנען גראַדע געפעלן געוואָרן. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין די הונדערטער אַף די גאַסן, און מיט דעם סוינעס געווער האָבן די כעוורע פאַרוואַרפן די קעלערס און נידעריקע שטאָקן, דורכלאָזנדיק די טאַנקען אהין, צום צענטער פון דער שטאָט, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט מוירעדיקע סרייפעס.

אין לעצטן טאָג פון שטורמעווען די שטאָט, ווען די דײַטשן האָבן זיך געוואָרפן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, באַמיִענדיק זיך אַרויסרײַסן פון דער אַרומרינגלונג, האָט דער ווזוואָדנער באַמערקט א קליינע קאָלאָנע פראַכט-מאַשינען, א שטאַרק באַוואַכטע פון עטלעכע צענדליק עסעסאָווצעס-מאָטאָציקליסטן. די כעוורע האָבן באַשטימט, אז דאָס דאַרף זײַן זייער א וויכטיקע קאָלאָנע, וואָס שטרעבט זיך אַרויסרײַסן פונעם קלעם. פאַרניכטעט מיט פאַוסט-פאַטראָנען די ערשטע און לעצטע מאַשין, וועלכע האָבן פאַרשטעלט די איבעריקע מאַשינען דעם וועג — ניט אהער, ניט אהין, האָבן די אויסשפּירער פאַרוואָרפן די מאָטאָציקליסטן מיט גראַנאַטעס, פאַרניכטעט מיטן אווטאָמאַטן-פײַער.

דער אָנפאַל אַף דער קאָלאָנע האָט געדויערט אינגאַנצן עטלעכע מינוט. ווען מע האָט צעעפנט די טירן פון די בראָנירטע מאַשינען, האָט דער ווזוואָדנער דערזען עטלעכע צענדליק גרויסע געקאָוועטע שאַפעס, אין וועלכע עס זײַנען, זעט אויס, געלעגן בערג מיט גוטס, דאָקומענטן פון דער רייכסקאַנצעליאַריע. פון די באַגלייטער איז געבליבן לעבן איין פאָלקאָווניק...

דאָוויד מאַזור האָט באַטראַכט דעם אַף טויט-דערשראָקענעם העכט און, א מאַמזערישן ווונק געטאָן צו זײַנע כעוורע, זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— א שאָד, — האָט ער געזאָגט, — וואָס דאָ איז נישטאָ דער מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי! איך געדענקט, ווען מיר האָבן מיט אײַך אָנגעהויבן די מילכאָמע לעבן מאָסקווע, האָבן מיר פאַרכאַפּט א דײַטשישן פאָלקאָווניק און אים איבערגעגעבן ראָקאָסאָווסקין. און איצט, ווען מיר ענדיקן די מילכאָמע, האָבן מיר ווידער גענומען אין געפענקעניש א פאָלקאָווניק... נאָר מיט א גוטן צוגאָב — א גאַנצן אוצער... — האָט ער א ווונק געטאָן אַף די געקאָוועטע מיט אײַזן קאַסטנס.

ארום איז נאָך געגאַן די אָנגעשטרענגטע שלאַכט מיט די לעצטע רעשטלעך עסעסאָווצעס, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. די שטאָט האָט געברענט פון אַלע זײַטן. די שטאָט איז געלעגן אין רויִנעס, און דאָס האַרץ האָט זיך געפרייט דערפון, וואָס עס איז שוין געגאַן צום סאָף.

פון פאַרשיידענע ריכטונגען זײַנען סאָלדאַטן געלאָפן צו דעם רײַכסטאַג, אַפן קופּאָל פון וועלכן עס האָט אין דעם שיינעם, נאָר אָפּגעסאַמטן מיט רויך און שטויב, מײַ־פרימאָרגן געפלאַטערט די רויטע פאָן פון ניצאָכן.

דאָוויד מאַזור מיט זײַנע כעווערע וואָלטן זיך אויך געלאָזט לויפן אַהין, האָט מען אָבער ניט געקאָנט איבערלאָזן דאָ, צווישן די צעוואַלגערטע ווענט, די פאַרכאַפּטע מאַשינען, דעם געפאַנגענעם פאָלקאָווניק...

נאָר אינגיכן האָט מען זיך געגעבן אַן אײַצע. איינציקווײַז זײַנען די כעווערע געלאָפן צום צעקלאַפּטן, פאַרויכערטן, פאַרוואָרפענעם מיט ברוכשטיקער, מיט קערפּערס פון דײַטשישע סאָלדאַטן געזעצטער געבײַדע פונעם רײַכסטאַג.

און באַנאַנד מיט הונדערטער, טויזנטער רוסישע סאָלדאַטן און אָפיצערן האָבן די אויסשפּירער, גליקלעכע, איבערגעפולטע מיט פרייד דערפון, וואָס מע איז אַהער דערגאַן, אויסגעפילט דעם הייליקן כויוו, זיך צעשריבן אַף די פאַרכוישעכטע ווענט און קאָלאָנעס פון דער פרײַסישער קאַזאַרמע, — פון רײַכסטאַג.

אין אַ פּאָר כאַדאָשים אַרום איז פונעם בערלינער צעקלאַפּטן וואָקזאַל אָפּגעגאַן אַ פּאָלגעפּאַקטער מיט דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן עשעלאָן. דער לאָקאָמאָטיוו איז געווען באַפּוצט מיט טראַנספּאַראַנטן, פאַרביקע פּלאַקאַטן, אַף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסיִעס: „באַגעגן, היימלאַנד, דײַנע געטרײַע זין, די זיגער!“.

צווישן דעם אופגעברויזטן, פריילעך־שײַנענדיקן, פאַרברוינטן און פאַרהאַרטעוועטן עולעם, אַף וועמענס ברוסטן עס האָבן געשײַנט אַף דער זון אָנצאָליקע שלאַכט־באַלוינונגען — אָרדענס און מעדאַלן, איז געווען דאָוויד מאַזור, דער אויסשפּירער־ווײַטמיזרעכניק מיט זײַנע שלאַכט־פרײַנט. מע האָט זיך מיט פרייד, מיט געזאַנג אומגעקערט אַהיים.

אין איינעם אַ שיינעם סענטיאַבער־באַגינען איז דער אומגעוויינלעכער עשעלאָן, וואָס איז געווען געדיכט באַדעקט מיטן שטויב פון העכער צען טויזנט קילאָמעטער וועג, צוגעגאַן צו דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן.

דאָוויד מאַזורס וואַגאָן האָט זיך נאָך אינגאַנצן ניט אָפּגעשטעלט, און ער, דאָוויד, איז שוין אַראָפּגעשפּרונגען פונעם הויכן טרעפּל און אַרײַנגעפאַלן אין די אָרעמס פון זלאַטקען, פון די קינדער, פון שולאַמיסן, דעם פאָטער און די פרײַנט...

אינעם פריילעכן, גליקלעכן גערודער, ווו עס האָבן זיך איבערגעפלאָכטן פרייד, טרויער, געלעכטער, געוויין, מוזיק און לידער, האָט גערוישט דער פאַרפלייצטער מיט מענטשן וואָקזאַל־פּלאַץ.

די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט צו זייער לײַבלעכער היים, האָבן זיך אַרומגעקוקט אַף דער שטאָט און זי ניט דערקענט, זי איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן שטרענגער און שענער, דאַכט זיך, אַפילע ברייטער, ווי געווען.

דאָוויד מאַזור האָט זיך אויסגעבענקט נאָך זײַנע קינדער, דער פרוי, די אייגענע, די פרײַנט.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט צו זײַן אַרבעט, זיך ווידער געשטעלט בויען די שטאָט. ער האָט אָבער אַף קיין מינוט ניט פאַרגעסן אויך זײַן אַלטע היים, וואָס האָט צו די פילצאָליקע מילכאָמע־ווונדן איבערגעלאָזט די שטאַרקסטע און אומהיילבאַרע ווונד — די גריבער באַם אַלטן דעמבענעם וואַלד, די גריבער באַם שטרענגן בוג, די מאַמע, די קרויווים, די פרײַנט, גאַנץ באַפּאָליע, ווי אויך אייביקע דאַנקבאַרקײַט יענע מענטשן, שכיינים, וועלכע האָבן געראַטעוועט שולאַמיסן אין יענער שוידערלעכער צײַט.

עטלעכע יאָר זײַנען אַדורך. עס האָבן זיך פאַרהיילט אַ סאַך ווונדן, נאָר איינע האָט ניט אופגעהערט מוטשען, זיך ניט געוואָלט פאַרהיילן. דאָס שטעטעלע באַפּאָליע...

אין איינעם אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן האָבן דאָוויד, שולאַמיס און דער טאַטע זיך אַוועקגעלאָזט קיין כאַבאַראָווסק אַפן אַעראָדראָם. אַ מעכטיקער לײַנער האָט זיך אופגעהויבן אינדערלופטן און זיך געלייגט אַפן קורס פון פּאָדאָליע. אַפן צווייטן טאָג זײַנען זיי געווען אין דער אַלטער היים, וואָס מע האָט שוין ניט דערקענט. אַפן אָרט פון די רויִנעס האָט מען געמאַכט אַ בולוואַר, מע האָט אויסגעבויט נײַע געסלעך, הײַזער דאָ און דאָרט, און באַפּאָליע איז שוין געווען אַ דאָרף...

צוזאַמען מיט דאָווידן, שויעלן, שולאַמיסן זײַנען געקומען נאָך אַ סאַך עלטערע און ייִנגערע מענטשן, דעריקער יענע, וועלכע זײַנען געווען אַף דער מילכאָמע, אַף וועמענס פרידלעכע רעקלעך האָבן געשײַנט אָרדענס און מעדאַלן, באַקומענע אַף די שלאַכטפעלדער, עס האָבן זיך אומגעקערט

זין און טעכטער פון יענע קדושים, וועלכע זײַנען געלעגן אין זייער אייביקער רו באַם דעמבענעם וואלד, לעבן בוג. עס זײַנען געקומען קינדער און אייניקלעך, וועלכע האָבן לויט א נעס באוויזן פארלאָזן דאָס שטעטעלע און זיך דערקליבן אין הינטערלאַנד.

עס זײַנען געקומען אף קיוועראָוועס ייִנגערע מענטשן, היגע פריִערדיקע טוישווים פון באַפאָליע, וועלכע האָבן איצט שוין געוווינט אין פארשיידענע עקן לאַנד.

א גרויסער אוילעם איז געקומען צום וואלד, באטראכט די ארומיקע ערד, אונטער וועלכער עס זײַנען געלעגן די ביינער פון הונדערטער, הונדערטער דערמאָרדעטע, אומשולדיקע מוטערס, טאַטעס, ברידערלעך און שוועסטערלעך. עס זײַנען געקומען יענע, וועלכע האָבן אין די שווערע טעג, אײַנשטעלנדיק דאָס לעבן, געראטעוועט מענטשן פון די בלוטיקע לאַפּעס פון די דײַטשישע הענקער, פון די עקלדיקע פארעטער, פּאָליציײַען, שוצמאנעס, בורגאָמיסטערס...

לעבעדיקע, געקומענע פון אלע עקן לאַנד, האָבן זיי באוויינט און באערט דעם אָנדענק פון די קדושים. עטלעכע אלטע לײַט האָבן געזאָגט א מאָלע, און די קינדער, די יונגע, וואָס זײַנען ארום די גריבער געשטאנען, האָבן זיך צוגעקוקט צו די אלטע, גראָווע באַפאָליער טוישווים, זיך צוגעהערט צו זייער טפילע און ניט פארשטאנען די ווערטער...

דאָס הייליקע אָרט איז געלעגן איינזאם, און בלויז די אלטע דעמבעס אין וואלד האָבן טאָג־אײַן, טאָג־אויס גערוישט, געבושעוועט, זיך געשושקעט, געפּראוועט זייער אייביקע טפילע אין אָנדענק פון די קדושים.

די מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען קיין באַפאָליע אף קיוועראָוועס, האָבן אף דעם הייליקן אָרט אופגעשטעלט א מאצייווע, א דענקמאָל — געבראכט אהער א מעכטיקן, ניט־געשליפענעם, ניט־געטעסעטן פעלדז, וואָס איז נאָך געווען אין איין זײַט באדעקט מיט גרויען מאָך, א שטיין, וואָס עס איז, דאכט זיך, אלט געווען אזויפיל הונדערטער יאָרן, וויפל דאָס שטעטל באַפאָליע איז געווען אלט.

און מיט פּראָסטע ייִדישע און רוסישע אויסיִעס האָט עמעצער אפן פעלדז אויסגעהאקט פּאָשעטע ווערטער, פּאָשעטע, ווי די ארומיקע ערד, ווי דער אלטער דעמבענער וואלד, ווי דער גרויער בוג, ווערטער, וועלכע וועלן פאר דאָר־דוירעס דערציילן וועגן דער שוידערלעכער הארוגע פון דײַטשישע קאניבאלן, אומענטשן איבער צוויי טויזנט אומשולדיקע, הארציקע, טײַערע האָרעפּאשניקעס, מענטשן, עכטע מענטשן פון באַפאָליע...

פון יענעם טאָג אָן, עס מוז דונערן און בליצן, גיסן א שלאקסרעגן, דרייען די זאווערוכע, מאָרדעווען מיט שטיינער, קומען זיך צונויף פון אלע עקן לאַנד צו דעם גראניט־פעלדז באַפאָליער טוישווים, וועלכע האָבן אויסגעמיטן יענע שרעקלעכע שכיטע, די זין און קינדער, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן אף די שלאכטפעלדער קעגן דער ברוינער בעסטיִע, וועלכע האָט פארטראכט פארגיסן מיט בלוט, פארטיליקן די גאנצע ערד אונדזערע, איבערלאָזן אפן אָרט פון שטעט און שטעטלעך, דערפער און כוטערס גריבער, יאַרן מיט אומשולדיקע מענטשן, דערפאר, וואָס זיי זײַנען געווען מענטשן...

אלע יאָר, אין די שפּעטע אָסיען־טעג, קומען זיי זיך צונויף, די זין און טעכטער, אייניקלעך פון די קדושים אף קיוועראָוועס, עס קומען יענע, וועלכע האָבן געשווירן באַ די גריבער, באַ די קוואָרים פון די אייגענע און נאָענטע, אז מע וועט קיינמאָל ניט פארגעסן און ניט פארגעבן, קיינמאָל ניט דערלאָזן, אז אזוינס זאָל זיך ווען־ניט־איז איבערכאזורן.



געלייענט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן"

„סאָוועטיש היימלאַנד" אינפאָרמירט רעגולער די לייענער וועגן אינטערעסאַנטע פּובליקאַציעס אין דער צײַטונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט „ביראָבידזשאַנער שטערן". אין הײַנטיקן נומער ברענגען מיר אַן אָפּקלײַב פון אַזעלכע מאַטעריאַלן.

באָריס דאָרפמאַן

ווער איז געווען „אַלעקס"?

מײַן לײַדנשאַפט צו באַזוכן מוזייען האָב איך דאָס מאָל באַפרידיקט אינעם מאָסקווער מעלוכישן מוזיי פון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אין די טעג, ווען מע האָט זיך געגרייט פײַערלעך אָפּמערקן דעם רומפולן יובילײ פון דער סאָוועטישער מעלוכע, איז דאָ געווען באַזונדערס אויפגעלעבט. צווישן די עקספּאָנאַטן פונעם מוזיי האָט מײַן אויפמערקזאַמקײַט צוגעצויגן דער סטענד, וווּ עס פאַרהיטן זיך דאָקומענטן פון אַ לעגענדאַרן מענטשן, וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען „אַלעקס". מיט דער דערלויבעניש פון די מוזייטוער האָב איך איבערגעקוקט אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט זײַן לעבנסוועג.

דער נאָמען „אַלעקס" האָט זיך פאַרהיט אין מײַן זיקאָרן זינט יענער צײַט, ווען איך האָב איבערגעלייענט יוליאַן סעמיאָנאָווס ראָמאַן „זיבעצן אויגנבליקן פונעם פרילינג" — וועגן יענע געשעענישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין פרילינג 1945, אין דער צײַט, ווען די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע איז געגאַנגען צום סאָף, ווען שטירליץ פלעג איבערגעבן דורך ראַדיאָ זײַנע שיפרירטע טעקסטן: „יוסטאַס — אַלעקסן".

„יוסטאַס" — דאָס איז דער שטאַנדאַרטענפיורער שטירליץ, און „אַלעקס" — דער שעף פון דער סאָוועטישער אויסשפּירונג. לויט יו. סעמיאָנאָווס ראָמאַן האָט מען געשאַפן דעם באַוווּסטן טעלעוויזיע־פילם, וועלכער איז אין פאַרלויף פון פיל יאָרן באַוויזן געוואָרן בײַ אונדז אין לאַנד, אין פיל לענדער פון דער וועלט. מיר איז באַזונדערס געפעלן די הויפּט־ראָל, וועלכע עס האָט געשאַפן וויאַטשעסלאַוו טיכאָנאָוו, מיט פאַרגעניגן הער איך די לידער, וועלכע עס פילט אויס יאָסיף קאָבזאָן...

שטירליץ איז לויטן אויטאָרס פאַרטראַכט אַ פאַראַלגעמיינערט געשטאַלט, זײַן פּראָטאָטיפּ זײַנען עטלעכע סאָוועטישע אויסשפּירער. ווער זשע איז „אַלעקס"?

זײַן נאָמען איז צום ערשטן מאָל באַוווּסט געוואָרן ניט לאַנג צוריק דער ברייטער אַודיטאָריע. פון אים מעג מען שוין אַלץ דערציילן, פּונקט אַזוי ווי וועגן די אַנדערע סאָוועטישע אויסשפּירער, אַזעלכע ווי מאַניעוויטש, קוזניעצאָוו, זאָרגע.

צווישן די אויסשפּירער איז געווען אויך לייב ראָזענטאַל, וועלכער האָט געאַרבעט אונטערן פּסעוודאָנים „אַלעקס". קיין רוסלאַנד איז ער געקומען אין 1915 פון לאָדז און זיך אײַנגעאָרדנט אין באַקו.

געבוירן איז ער אין פּוילן אין אַן אָרעמער מישפּאָכע. זײַענדיק אַ שילער פון דער גימנאַזיע, האָט ער שוין אָנטיילגענומען אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פון זײַן שטאָט, פלעג ארויסטרעטן אויף מיטינגען און סכאָדקעס, גערופן די

אַרבעטנדיקע פירן אַ קאַמף מיט דער בורזשואַזיע. ראָזענטאַל איז געוואָרן אַן אַקטיווער מאַרקסיסט און אַ טרייַער לעניניץ.

ווען לאָדז האָבן אין דער צייַט פון דער וועלט־מילכאָמע פאַרכאַפּט די דייַטשישע און עסטרייַך־אונגאַרישע אַרמייען, זייַנען טויזנטער יונגעלייַט אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, קעדיי אויסמייַדן די מאָביליזירונג אין אַרמיי. צווישן זיי איז אויך געווען דער אַכצניאָריקער לייב ראָזענטאַל.

אין באַקו האָט ער פאַרענדיקט אַ פּראָפטעכשול, און צו זייַנע פיר גימנאַזישע קלאַסן איז צוגעקומען טעכנישע בילדונג. ער באַטייליקט זיך אין דער רעוואָליוציאָנערער טעטיקייַט, באַגעגנט צוויי רעוואָליוציעס — אין פעווראַל און אָקטיאַבער.

פונעם 1918 איז ל. ראָזענטאַל אַ רויטגוואַרדייער. אין 1919 טרעט ער אַרייַן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און פאַרבינדט אַף ווייַטער זייַן לעבן מיט די קאָמוניסטישע אידעאַלן. בייַסן בירגערקריג קעמפט ער אַפן מיירעוודיקן פראָנט, געווען אַן אַקטיווער אויספּירער אין אַ ספּעציעלער בריגאַדע, וועלכע איז געווען אונטערגעאָרדנט דעם רעוואָליוציאָנערן ראַט. פאַר גענויט אויספילן אַ גאַנצע ריי אָפּעראַציעס ווערט ל. ראָזענטאַל נאָמינירט אַלס פאַרטרעטער פון שעף פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אָפּטייל און שפּעטער — אַלס פאַרטרעטער פונעם שעף לויט פּאָליטישע עניאָנים פון דער בריגאַדע.

פאַר די אויספּירער זייַנען אין יענער צייַט געשטאַנען ביז גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבעס. זייערע ידיעס און אינפאָרמאַציעס, וועלכע זיי פלעגן צושטעלן דער רויטער אַרמיי, זייַנען געווען אומאָפּשאַצבאַר. שפּעטער האָט ל. ראָזענטאַל אָנגעפירט מיט אַן אויספּיר־אָפּטייל אין מינסק. דאָ האָט ער באַקומען אַ נייַעם פאַמיליע־נאָמען —„באָראָוויטש”. דער געוואַגטער אויספּירער האָט גוט געוווּסט פיל שפּראַכן: דייַטש, פראַנצויזיש, פּויליש און, פאַרשטייט זיך, ייִדיש.

נאָכן בירגערקריג אַרבעט ל. ראָזענטאַל־באָראָוויטש אינעם הויפּט־שטאַב פון דער רויטער אַרמיי אַלס שעף פונעם אויספּיר־אָפּטייל. זייַן אומיטלבאַרער שעף איז געווען דער באַווּסטער פּראָפעסיאָנעלער רעוואָליוציאָנער, דער אַלטער קאָמוניסט יאַן קאַרלאָוויטש בערזין, וועלכן מע פלעג אָנרופן „סטאַריק”. אַף דער נייַער שטעלע האָט ראָזענטאַל באַקומען זייַן נאָמען „אַלעקס”. ער פלעג אויספילן פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבעס, באַזוכן אַ סאַך שטעט, איז געווען אין אַ ריי אויסלענדישע מעלוכעס, און אין אייניקע פון זיי פלעג ער זיך פאַרהאַלטן אַף עטלעכע יאָר. זייַן לעבן איז געווען פאַרבונדן מיט שרעקלעכער סאַקאָנע.

ווען די וועלט האָט זיך דערוווּסט פון ריכאַרד זאָרגעס נאָמען, פון זייַן העלדנטאַט־טעטיקייַט, האָט מען אינקורצן אויך דערמאָנט דעם נאָמען „באָראָוויטש”. און אַפילע גוט צוגעגרייטע ספּעציאַליסטן האָבן ניט געוווּנדט זייער אויפמערקזאַמקייַט אַפן דאָזיקן נאָמען.

„באָראָוויטש” האָט צוזאַמען מיט זייַנע מיטהעלפער פאַנאַנדערגעאַרבעט און קאָנטראָלירט די אָפּעראַציע „ראַמזיי”, צוליב פאַרווירקלעכן זי האָט מען זיך געגרייט עטלעכע יאָר.

אין אַפּרעל 1936 איז קיין שאַנכייַ אָנגעקומען פון וולאַדיוואָסטאָק אַף דער פּאַסאַזשיר־שיף „סעווער” דער סויכער לעוו אַלעקסאַנדראָוויטש לידאָוו צוזאַמען מיט זייַן פרוי. זיי האָבן זיך באַזעצט אין איינעם פון די בעסטע האָטעלן פון דער שטאָט. שפּעטער זייַנען זיי איבערגעפאָרן אין אַ פּאַנסיאָנאַט. אין שאַנכייַ האָבן זיי געביטן עטלעכע וווינונגען צוליב קאָנספּיראַטיווע צילן.

די שטאָט שאַנכייַ איז דאַן געווען פאַרפלייצט מיט אויספּיר־אָרגאַנען פון קימאַט אַלע לענדער פון דער וועלט. די כינעזישע פּאָליציי פלעג ניט אַרויסלאָזן פון אויג יעדן אָנגעקומענעם אויסלענדער.

ווען פון זאָרגען איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון טאָקיאָ, האָט „אַלעקס” אים באַפוילן קומען קיין פּעקין. און דאָ האָט ריכאַרד זאָרגע איבערגעגעבן מיקראָפילמען און געהיימע דאָקומענטן, וואָס האָבן אינטערעסירט אונדזער מעלוכע.

אין 1937 האָט מען ל. ראָזענטאַלן אַרויסגערופן קיין מאָסקווע. דעם 7 יול האָט ער מיט זייַנע גוטע־פרייַנט אָפּגעמערקט אין זייַן מישפּאָכע דער טאָכטערס האַלביאָריקן יובילייַ. דעם 11 יול איז ער אַוועקגעגאַנגען און צוריק זיך שוין ניט אומגעקערט...

אין זייַן פאָרוואָרט צום ראָמאַן האָט יו. סעמיאָנאָוו געשריבן: „...דער אָנדענק, דער גוירל און די נעמען פון די, וואָס האָבן געקעמפט מיט די סאָנים אין שווערע שלאַכטן ניט בלויז אַפן פראָנט, נאָר אויך אַף די אומזיכטבאַרע פראָנטן, מוזן זייַן באַוווּסט”. איינער פון זיי איז לייב אַלעקסאַנדראָוויטש ראָזענאַל. ער איז אויך באָראָוויטש, לידאָוו, „אַלעקס”.

■

סעמיאָן בענציאַנאָוו

אין גאָלדפֿאַדענס הײמשטאָט

מיט רעגונג בין איך צוגעפֿאָרן צו אָט דעם שטילן און גרינעם שטעטעלע אויף פּאָדאָליע. דער אוראַלטער אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו — דאָ ניט לאַנג איז אים געוואָרן 460 יאָר — געפֿינט זיך אויף די ברעגן גלײַך פֿון צוויי טײַכן — איקאָפּאָט און סלוטש. אין אָט דעם ראַיאָן אויף היסטאָרישע געשעענישן קאַנט, וועלכער האָט אַמאָל זיך אָנגערופֿן וואָלין, איז קימאַט צוריק מיט הונדערט פֿופֿציק יאָר, דעם 22 יולי 1840, אין דער מישפּאָכע פֿון אַן אָרעמען ייִדישן זייגערמאַכער געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע, וועלכן מע האָט אָנגערופֿן מיטן ביבלישן נאָמען — אַוורהאָם. טאַקע אים איז געווען באַשערט וווּרן אַן עכטער שטערן אין דער אַנטשטייונג פֿון דעם ייִדישן טעאַטער אין צאַרישן רוסלאַנד, פֿאַרנעמען אַ געהעריק אָרט אין דער ייִדישער דראַמאַטורגיע און דיכטונג.

אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו האָט דעמלט זיך געפֿונען אינעם טרויעריקן באַוווּסטן תּחום־המושבֿ. בײַ דער אַלגעמײנער צאָל אײַנוווינער פֿון העכער פֿופֿצן טויזנט מענטשן זײַנען ייִדן געווען בײַ אַכט טויזנט, מערסטנטייל פֿון זיי האָבן געלעבט אין זייער שווערע באַדינגונגען. הויפּטזאַכלעך זײַנען דאָס געווען באַלמעלאָכעס — שנײַדער, שוסטערס, מולערס, טעסלערס, שמידן, באָנדערס. געאַרבעט האָבן זיי אין 63 וואַרשטאַטן. אַ טייל האָט זיך געמיט אויף קלײנינטשקע זאַוואָדן, אויף וועלכע מע פֿלעג אויסאַרבעטן ליכט, פּאָטאַש, ביר, פּאַפּיראָסן. שוין אין סאָף יאָרהונדערט האָט גאָלדשטיינס אַקציאָנערע געזעלשאַפֿט אויסגעבויט דאָרט אַ צוקער־זאַוואָד.

אין דער היגער ראַיאָנישער ביבליאָטעק האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַן אינטערעסאַנטער באַשרײַבונג פֿון אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו, וועלכע עס האָט אין 1883 צונויפֿגעשטעלט דער פּאָרוטשיק ל. זוץ פֿונעם דיסלאָצירטן דאָרט אַזאָווער פּאָלק און וועלכע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ. אָרענבערגס אָרטיקער דרוקערײַ. באַזונדערס האָט מיך דערשטוינט איין פֿאַקט — אין 1882 זײַנען אינעם שטעטל געבוירן געוואָרן 763 מענטשן און געשטאָרבן — אויף 115 מער. אַזאַ איז געווען דאָס לעבן, דאָס געזונט־פֿאַרהיטונג — צוויי שפּיטאָלן מיט 20 בעטלעך אין יעדערן, און איינע פֿון זיי — פֿאַר ייִדן.

אַוורעמעלען האָט מען צוערשט געשיקט אין כיידער. כאָטש די גאָלדפֿאַדענס (אַזאַ איז געווען זייער עמעסער פֿאַמיליע־נאָמען) פֿלעגן זיך ניט האַלטן אין אַ זײַט פֿון די פּראָגרעסיווע גײַסטן פֿונעם אויפֿקלערערישן יאָרהונדערט, האָבן זיי פֿונדעסטוועגן געוואָלט זען דעם זון פֿאַר אַ קענער פֿונעם טאַנאַך און האָבן נאָכן כיידער אָפּגעגעבן אַוורהאָמען זיך לערנען אין דער זשיטאָמירער יעשיווע. נאָר די טראַדיציאָנעלע וועלט פֿון דער ייִדישער רעליגיע האָט ניט געקאָנט צוציִען דאָס שפּירעוודיקע האַרץ פֿונעם פֿעיִקן יונגלינג. אים האָט מער געריצט די רעאַלקײַט פֿונעם ווירקלעכן לעבן פֿון זײַן פֿאָלק, זײַנע קלײנע פֿריידן און גרויסער אומעט. אין אים האָט פֿרי אויפֿגעוואַכט דער פּאָעטישער טאַלאַנט, די פֿעיִקײַט צו אימפּראָוויזירן, צו שעפֿערישע זוכונגען אין געביט פֿון דראַמאַטורגיע.

גאָלדפֿאַדן פֿאַרלאָזט די יעשיווע, לעבט און אַרבעט אין פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, ווערט אַ לערער, פֿאַרנעמט זיך מיט זשורנאַליסטיק, טוקט זיך אײַן אינעם ליטעראַטור־לעבן. צוערשט שאַפֿט ער אויף העברעיִש, דערנאָך הייבט ער אָן שרײַבן אויף דער לעבעדיקער פֿאָלקס־שפּראַך — אויף ייִדיש. און אַלס רעזולטאַט פֿון די שעפֿערישע זוכונגען האָט שוין דער זעקס־און־צוואַנציקיאָריקער גאָלדפֿאַדן אַרויסגעלאָזט זײַן ערשטע פּאָעטישע זאַמלונג „דאָס ייִדעלע“, און אין דרײַ יאָר אַרום די צווייטע זאַמלונג „די ייִדענע“.

אין זײַנע פֿריִע דראַמאַטורגישע פּרוּוון — אין די „צוויי שכײנעס“ און אין דער קאָמעדיע „מומע סאָסיע“ שפּירט זיך לעבעדיק די ווירקונג פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר און פֿון די פּורים־שפּילן. שוין אין יענעם פּעריאָד האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָלדפֿאַדענס פּראָגרעסיווע וועלט־אָנשויונג, די ליבע צום פּאָשעטן מענטשן, פֿײַנטשאַפֿט צו שלעכטס און גוואַלדטאַט, צו די אונטערדריקער — רעליגיִעזע פֿאַנאַטיקער און נעגידים.

די אײַנדרוק פֿון די קינדער־יאָרן און פֿון דער יוגנט האָבן אין אים געלאָזט אַ טיפֿן שפּור. אַלץ, וואָס ער האָט געזען אין אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו, איז אויף שטענדיק פֿאַרבליבן אין זיקאָרן, פֿאַרקערפּערט אין פּערזן־געשטאַלטן, העל באַשײַנט אין די פּערסאָנאַזשן פֿון זײַנע דראַמעס און קאָמעדיעס.

יאַס — אַ היפּשע שטאָט אין מיזרעך־רומעניע, וווּ גאָלדפֿאַדן האָט זיך באַזעצט, ווען ער איז אַלט געוואָרן 36 יאָר, — איז אַ וויכטיקער ריכטצייכן אין זײַן לעבן און שאַפֿונג. גראָד דאָרט גיט זיך אים אײַן, בײַקומענדיק פֿיל שוועריקײַטן, אָרגאַניזירן די ערשטע ייִדישע פּראָפֿעסיאָנעלע טרופּע — דעם פּראָטאָטיפּ פֿונעם ייִדישן טעאַטער. גאָלדפֿאַדן איז געווען ניט נאָר דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפֿי־

רער פון דער דאָזיקער טרופּע — זײַן טאַלאַנט האָט זיך דאָרט פאַרווירקלעכט אין טעאַטראַלע פאַרשטעלונגען.

זײַן טרופּע האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך פיל טאַלאַנטפולע מענטשן, ליבהאָבער און מײַסטערס פון טעאַטראַלער קונסט, און צווישן זיי — א סאַך אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד. די טרופּע איז א סאַך ארומגעפאָרן איבער די רוסלענדישע שטעט און שטעטלעך, וווּ עס האָבן געלעבט ייִדן. גאָלדפאַדענס אַרטיסטן האָט מען געזען אַף דער בינע פון אָדעס און קיִעוו, פּעטערבורג און מאָסקווע, כאַרקאָוו און קעשענעוו, אין די שטעט פון טראַנסקאַווקאַז. קימאַט די גאַנצע טעטיקײַט פונעם טעאַטער איז געווען פאַרבונדן מיט אוקראַיִנע, וווּהין די טרופּע האָט זיך אַריבערגעקליבן פון רומעניע.

גאָלדפאַדן האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן זײַן היימשטאָט, וווּ זײַנע אייגענע האָבן געלעבט אין א נעבעכדיקער שטוב אַף דער אַלעקסאַנדראָווער גאַס. ער האָט זיך געסטאַרעט בײַ יעדע גאַסטראָלן זיך אַרײַנכאַפּן מיט דער טרופּע אין שטעטל און שטעלן עטלעכע ספּעקטאַקלען פאַר זײַנע לאַנדסלײַט.

סאַכאַקל זיבן יאָר האָט עקזיסטירט גאָלדפאַדענס טעאַטער. די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן זײַנע שאַרפע אַרויסטרעטונגען. קעדיי פאַרהיטן דעם קאָלעקטיוו, א געשאַפענעם מיט אַזעלכע שוועריקײַטן, איז גאָלדפאַדענען אויסגעקומען אָנרופן זײַן טעאַטער „דײַטשישע טרופּע”. קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען. אונטער דעם דאָזיקן נאָמען האָט מען זײַנע שטעלונגען געזען אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט פון אייראָפּע.

די שוועריקײַטן צו אַרבעטן שעפעריש, די פאַרבאָטן פון די מאַכט־אָרגאַנען, די אַרטיסטן זאָלן אַרויסווײַזן אין דער פולער מאָס זייער טאַלאַנט, האָבן געצווונגען גאָלדפאַדענען אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, עמיגרירן פונעם אייגענעם לאַנד, וווּ עס זײַנען פאַרבליבן זײַנע וואָרצלען, זײַן לײַבלעך פאָלק. ער האָט פאַרגעזעצט זײַן שאַפונג אין פראַנקרײַך, ענגלאַנד און אין אַמעריקע. אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט האָט ער זיך באַזעצט אינעם ייִדישן קוואַרטאַל פון ניו־יאָרק. געשטאָרבן איז גאָלדפאַדן אין 1908.

די ליבע צו זײַן פיללײַדנדיקן פאָלק, זײַן טאַלאַנט און אַרבעטספעיִקײַט דערלויבן אים אַרײַנטראָגן א וואָגיקן צושטײַער אינעם אויצער פונעם ייִדישן טעאַטער און דראַמאַטורגיע ניט בלויז פון רוסלאַנד, נאָר אויך אין דער גאָרער וועלט, דערציִען אין גײַסט פון אויפקלערערישקײַט און הומאַניזם א גאַנצע פלעיאַדע ייִדישע אַקטיאָרן. עס איז, מיסטאַמע, מער ניטאָ קיין אין ייִדישער דראַמאַטורג, וועמענס שעפערישע ירושה וואָלט געווען אַזאַ רײַכע. און ניט בלויז לויט דער צאָל געשאַפענע ווערק, נאָר לויט זייער הויכער מײַסטערשאַפט. די דאָזיקע מײַסטערשאַפט האָט מיט אַנציקונג אויפגענומען סײַ דער ייִדישער צושויער, סײַ די פּראָגרעסיווע קרײַזן פון דער רוסישער געזעלשאַפט, ווען גאָלדפאַדענס טעאַטער פלעגט אַרויסטרעטן אין די רוסישע שטעט. עס איז גוט באַוווּסט אויך די ווירקונג אַף זײַן שאַפונג פון דער רוסישער און אוקראַיִנישער ליטעראַטורן.

העלדן פון די ווערק פונעם אויסנעמלעכן דראַמאַטורג זײַנען געווען מענטשן פונעם פאָלק, פּאָשעטע, נאָר אײַנצײַטיק אויך פעיִקע אַף א העלדנטאַט, מענטשן מיט זייערע פריידן און לײַדן, מיט הומאָר און סאַטירע, כאָכמעס און וויצן. גאָלדפאַדן האָט געשאַפן העכער פערציק דראַמאַטורגישע ווערק, קאָמעדיעס און דראַמעס, אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס. אַמערסטן באַוווּסט זײַנען אין דער וועלט זײַנע „די קישעפמאַכערן”, „שולאַמיס”, „באַר־קאָכבאַ”, „דער צענטער געבאָט”, „די שטומע קאַלע”, „די באָבע און דאָס אייניקל”. אייניקע פון זיי גייען נאָך ביז איצט אַף דער בינע פון פּראָפעסיאָנעלע און ליבהאָבערישע טעאַטערס סײַ באַ אונדז, אַזוי אויך אין אויסלאַנד. די בעסטע מוסטערן פון זײַן שאַפונג זײַנען פאַרקערפּערט אַף דער בינע פונעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער, אינעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער־סטודיע. מיט זײַן שאַפונג באַנוצן זיך די שאָו־גרופּע „פריילעכס”, דער ווילנער און ביראָבידזשאַנער פאָלקס־טעאַטערס.

פיל יאָרן זײַנען אַדורך זינט יענער צײַט, ווען איבער די געסלעך פון אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו איז אַרומגעלאָפן מיט אַזעלכע זשוואַווע ייִנגעלעך, ווי ער אַליין, אוורעמעלע גאָלדפאַדן, דער זון פונעם שטעטלשן זייגערמאַכער. פיל דורות האָבן זיך געביטן פאַר די פאַרלאָפענע פּאָפּצן יאָרצענדליקער, דאָך אָבער לעבט ביז איצט דאָרט דער אָנדענק וועגן דעם אויסנעמלעכן ייִדישן טעאַטער־טוער, אויפקלערער און דראַמאַטורג. דער דאָזיקער אָנדענק ווערט זאָרגפעליק אָפּגעהיט אויך אין די זאַלן פונעם שטאָטישן היסטאָרישן מוזיי. וו. אי. מעך, זײַן דירעקטאָר, א גרויסער ענטוזיאַסט אין זײַן זאַך, האָט מיר באַווײַזן דאָס ווינקעלע, וווּ צווישן אַנדערע באַוווּסטע לאַנדסלײַט, וועלכע האָבן אַרײַנגעטראָגן א ווירדיקן צושטײַער אין דער ליטעראַטור און קונסט, זײַנען פאַראַן אויך א. גאָלדפאַדענס פּאָטאָבילד און דער טעקסט אונטער דער פאָטאָגראַפיע, אין וועלכן עס ווערן געבראַכט די גרונט־ידיִעס וועגן דעם לעבן און דער שאַפונג פון דעם גרויסן קינסטלער. באַנאַנד מיט אים זײַנען פאָטאָגראַפיעס פון אַנדערע באַוווּסטע מענטשן, אָפּשטאַמיקע פונעם שטעטל: דעם אוקראַיִנישן היסטאָריקער אָ. אי. באַראַנאָוויטש, דעם שרײַבער פ. פ. ווערביצקין, שרײַבער און טעאַטער־קענער וו. א. טשאַגאָוועץ, דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן א. פ. נאַומאָוו.

מיט אינטערעס קוקן די באַזוכער פונעם מוזיי אויך שײַע ווערקסלערס פאָטאָגראַפיע — דעם ערשטן פאַרזיצער פונעם ייִדישן קאָלווירט פון סאָף

פון די צוואַנציקער יאָרן אינעם דאָרף אַלט־אָסטראָפּאָל. טאַקע פון אָט דעם דאָרף, וואָס געפינט זיך דרײַסיק קילאָמעטער פון אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו, שטאַמט איינער פון די סאַמע אַקטיווע אָנטיילנעמער פון דער רוסלענדישער פּלעיאַדע וואָלאָדאַרסקי (מאָיסיי מאַרקאָוויטש גאָלדשטיין), וועמען די עסערן האָבן דערהאַרגעט אין 1918 יאָר. אין אַלט־אָסטראָפּאָל איז וואָלאָדאַרסקין אוועקגעשטעלט אַ דענקמאָל, מיט זײַן נאָמען רופט זיך אָן דער אָרטיקער קאָלווירט. אין אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו טראָגט אַ גאַס זײַן נאָמען.

אין שטעטל ווערט אויך אָפּגעהיט דער אָנדענק פונעם קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור שאָלעם־אַלייכעמען. מיט זײַן נאָמען איז אָנגערופן איינע פון די אָרטיקע גאַסן.

אַצינד לעבן אין אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו ניט קיין סך ייִדן. העכער פינף טויזנט ייִדן זײַנען דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן בײַם דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע. אויפן ברודער־קייווער איז אין אָנדענק פון די אומגעקומענע אוועקגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל. די אָרטיקע ייִדן מיִען זיך, באַגלײַך מיט די אַנדערע אײַנוווינער פון דער שטאָט, אויף די אונטערנעמונגען, אין די שולן, שפּיטאָלן, זיי אינטערעסירן זיך מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, שרײַבן אויס דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ און די צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן“, לייענען ביכער פון די ייִדישע שרײַבער. אין דער ראַיאָנישער ביבליאָטעק האָט מען מיר באַוויזן צענדליקער ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און פון קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, צווישן זיי — שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, ווי אויך ייִצחאָק־לייבוש פּערעצעס און מענדעלע מוכער־ספֿאָרימס ביכער, ווערק פון נאָטע לוריע, יעקבֿ פאַליקמאַן, דאָוויד בערגעלסאָן, פּערעץ מאַרקיש, בוזי מילער.

■

אַלעקסאַנדער שלײַען

פארן זון־אופגאנג

עס האָט קוים אָנגעהויבן שאַריִען, ווען מע האָט זי דערהאַרגעט. דערהאַרגעט די ערשטע. נאָר ביז דער לעצטער רעגע האָט קיינער פון זיי ניט געגלייבט, אַז זיי אַלעמען — קינדער, פרויען, זקיינים — וועט מען אָט אַזוי פּאָשעט אַוועקשטעלן בײַם ראַנד פונעם ריוו אינעם וועלדל פעסטשאַניע און צעשיסן. אָפּנעמען דאָס לעבן נאָר דערפאַר, וואָס זיי, הונדערטער אײַנוווינער פונעם ניט־גרויסן אוקראַיִנישן שטעטל ליובאַר אויף זשיטאָמירשטשינע, זײַנען ייִדן.

ווי נאָר די פאַשיסטן האָבן אין סענטיאַבער פון איין־און־פערציקסטן זיך אַרײַנגעריסן אין ליובאַר, האָט דער קאָמענדאַנט גלײַך באַפוילן אַלע ייִדן זיך צונויפזאַמלען אין דער געבײַדע פון דער שול. דערנאָך האָט מען אַ טייל פון זיי אַריבערגעטריבן אויף דער טעריטאָריע פונעם געוועזענעם מאָנאַסטיר. אונטער טויט־געפאַר האָט מען פאַרבאָטן די געבליבענע אויף דער פרײַ אײַנוווינער פונעם שטעטל, ניט־ייִדן, אַפילע זיך דערנעענטערן צו די אסירים. עס זײַנען געווען פיל, וואָס האָבן געוואָלט כאָטשבי מיט עפּעס־וואָס העלפן אָט די אומשולדיקע מענטשן. ביפראַט איר, הינדע באָריסאָוונע קאָפּמאַן־דעכטיאַר. אין ליובאַר איז געווען שווער געפינען אַ מענטשן, וועלכער וואָלט זי ניט געקענט, ניט ליב געהאַט. ווײַל וויפל מע האָט זי געוווּסט, האָט זי געטאָן פאַר אַנדערע נאָר גוטס.

פיל אויספּרוּוון זײַנען אויסגעפאַלן אויף איר גורל. און וואָס קאָן מען טאָן, אויב אַזוינס איז באַשערט? נאָר קיין איינער פון אָט די אויספּרוּוון, אַפילע דער סאַמע ביטערסטער, האָבן ניט אָפּגעקילט איר האַרץ. פאַרקערט, אויפגעוועקט מיטלײַד צו מענטשן. אַפילע צו אַזעלכע, מיט וועמען זי איז געווען בלויז עטוואָס באַקאַנט.

נאָך גאָר אַ יונגע, בײַם דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען איבערן שטעטל האָבן זיך אַ ציגעטאָן אָבאַזן מיט פאַרוווּנדעטע, מיט קאַליקעס, האָט הינדע באַשלאָסן ווערן אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער. פאַרענדיקט ספּעציִעלע קורסן, איז זי אַוועק אויפן פראָנט.

...אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער. קלערט זיך אײַן אין אָט די ווערטער. פאַר איר איז אין זיי גע־

פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט זיך!

בירָאבידזשאַנער שטערן

דאָנערשטיק, 1 יאַנואַר 1987 יאָר ◆ נומ. 1 (10343)

דער בויערונג־מײַסטער פֿונעם ביראָבידזשאַנער אויטאָרעמאָנט־זאַוואָד, דעפּוטאַט פֿונעם געגנטלעכן סאָוועט פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן וואַלערי זאַקס

מאַטעריאַלן

פֿון דער צײַטונג

„ביראָבידזשאַנער שטערן“

ער איז פֿון ביראָבידזשאַן

מאַרק פֿרענקעל און וולאַדימיר גאַסידעוו לעבן אין ריגע. מאַרק אַרבעט אויפֿן ריגער עלעקטראָמאַשינבוי־זאַוואָד, וולאַדימיר — אין קלוב „אָקטאָבריס“. זיי האָבן זיך באַקענט מיט זיבן יאָר צוריק און באַשלאָסן אָנטייל־נעמען אינעם אָרגאַניזירן די ערשטע יוגנט־לעכע טעאַטראַליזירטע קאַפּע אין ריגע „אַלעגראָ“. זיי האָבן אָנגעהויבן שרײַבן לי־דער און מוזיק פֿאַר ספּעקטאַקלען. זינט דאַן זײַנען זיי פֿרײַנט און סובאָווטאָרן פֿון זייערע שוין פּילצאָליקע לידער, געוואָרן לאַורעאַטן פֿון עטלעכע פֿעסטיוואַלן פֿון זעלבסטטעטיקע לידער אין לחאָוו, טאַלין, פּענזע. אויפֿן פּאָפּולערן לענינגראַדער פֿעס־טיוואַל, וועלכער גייט דורך אין סאָסנאָווי באָר, האָבן זיי אויסגעקעמפֿט אַ פּריז פֿון זשוריער־סימפּאַטיעס.

אין זייער רעפּערטואַר — לידישע און שפּאַס־לידער. זיי נוצן אויס צוליב דער אויספֿילונג פֿאַרשיידענע אינסטרומענטן: מאַרק שפּילט אויף אַ גיטאַרע, פֿלייטע, האַר־מאָניק, און וולאַדימיר—אויף אַ באַלאַלײַקע, סאַראַטאָווער האַרמאָניק.

דאָ ניט לאַנג איז מאַרק פֿרענקעל גע־ווען צוגאַסט אין ביראָבידזשאַנער קלוב פֿון זעלבסטטעטיקע לידער. און בכלל איז ער געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין אונדזער שטאָט, האָט זיך דאָ געלערנט, דאָ זײַנען בײַ אים פֿאַראַן אַ סאַך פֿרײַנט. פֿאַר דער צײַט פֿון זײַן געפֿינען זיך אין ביראָ־בידזשאַן האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע לי־דער וועגן דער שטאָט.

אויפֿן בילד: מאַרק פֿרענקעל (פֿון לינקס) און וולאַדימיר גאָסאַרעוו.

פֿאָטאָ — כ. הידשמאַן.

ביראָבידזשאַנער שטערן ◆ 20 סענטיאַבער 1987 יאָר

אויף שאָלעם־אַלייכעם־גאַס

ווערטער — ליובע וואַסערמאַן מוזיק — מאַקס עפּשטיין



דײַן גאַס איז דאָ מיט טאָפּאָלן באַזוימט,
און הויז צו הויז קומט צו דאָ הויך און העכער.
אויף יעדן הויז איז אויסגעקריצט דײַן טרוים:
אויף שילדל אײַנגעזאַבן — גאַס שאָלעם־אַליכעם...
כ׳האָב ליב צו זיצן דאָ אין שײַנעם, גרינעם סקווער,
פֿון יונגע מיידלעך הערן דאָס געלעכטער
און וויסן — ס׳וועט ניט אומקערן זיך מער
דער אַלטער ווײ פֿון טעוויעס טעכטער...
און דו האָסט דאָך אין יענע טונקלע טעג
געגלויבט, אַז ס׳וועט דער הימל לויטער ווערן—
און אָט באַשײַנט איז יעדער שטעג און וועג,
נישטאָ שוין מער קיין „בלאָנדזשנדיקע שטערן“.
און ווײַל דו האָסט אין צײַטן ליכטיקע געגלויבט,
געוווּסט, אַז ס׳וועט דאָס פֿאָלק זײַן גליק דערגרייכן —
הײַנט טראָגן פֿעלקער דיך מיט גרויסער ליבע
אַ ברייטן, פֿרײַנטלעכן — „שאָלעם־אַליכעם“...

ווען דאָס אַלץ, וואָס איז שפּעטער געוואָרן ניט פּאַשעט איר פּראָפעסיע, נאָר דער באַרוף, דער זין פונעם לעבן. אַגעוו, צי קאָן מען ביכלאַל צעטיילן אָט די באַגריפן אין באַצוג צו מענטשלעכער גוטסקייט, בענעגייע ליבע צו מענטשן? טאַקע דערפאַר, ווען זי איז נאָך דער רעוואָליוציע פּריווויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי אַלס א באַרעמהאַרציקע שוועסטער. און פון דעמלט אָן איז די רעוואָליוציע געוואָרן דער זין פון איר לעבן. אין איר האָט זי דערזען די העכסטע אַנטפּלעקונג פון סאָציאַלער באַרעמהאַרציקייט צו מיליאָנען באַרויבטע און אונטערדריקטע. טאַקע דערפאַר איז גאַנץ נאַטירלעך און געזעצמעסיק געווען דאָס, וואָס זי האָט זיך באַוויזן אינעם אַטריאַד פּריווויליקע מעדיקער, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף מיט דער טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט אין 1919 געווילדעוועט אַף אוקראַינע.

הונגעריקע, קימאַט אָן מעדיקאַמענטן, האָבן זיי געטאָן אַלדאָס מעגלעכע און ניט זעלטן אומעגלעכע, קעדיי ראַטעווען פון טויט די איינוווינער פון ליובאַר און פון די אַרומיקע דערפער. נאָר ווען מע איז גוויווער געוואָרן די דאָזיקע צאָרע, האָט זיך אַרופגעוואַלגערט נאָך א מער שרעקלעכע. די מילכאָמע און די עפּידעמיעס האָבן געבוירן יעסויימעשאָפט. מע האָט געדאַרפט ווערן א מאַמע פאַר הונדערטער אומגליקלעכע קינדער. טאַקע דאָ, אין ליובאַר, האָט זי, אינאיינעם מיט איר קינפטיקן מאַן אַקיווע דעכטיאַר, געהאָלפן דער יונגער סאָוועטנמאַכט אָרגאַניזירן א קינדערהיים פאַר יעסוימים. נאָר אַף דעם האָט פאַר איר די מילכאָמע זיך ניט פאַרענדיקט. אינגיכן, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט אין ביי־וואָלגע אויסגעבראָכן א שרעקלעכער הונגער. הונדערטער טויזנטער קינדער האָט מען פון דאָרט אַרויסגעפירט אַף אוקראַינע, קעדיי ראַטעווען פון טויט. און ווידער נעמען זיך הינדע באַריסאָוונע און איר מאַן פאַר א נייער באַרעמהאַרציקער זאַך — אינאיינעם מיט די לאַנדסלייט שאַפן זיי פאַר די דאָזיקע קינדער א ספּעציעל שטעטל. אין אים האָט מען די הונגעריקע קינדער ניט פּאַשעט געראַטעוועט פון טויט, נאָר אויך געלערנט גראַמאָטע, געלערנט לעבן. פאַר איר איז דאָס פיזישע געזונט געווען ענג פאַרבונדן מיטן מאָראַלישן, זיטלעכן געזונט.

לערער האָבן אויסגעפעלט. אין יענע יאָרן האָט מען גראַמאָטנע מענטשן, באַזונדערס נאָך אין פאַרוואָרפענע ערטער, געקאָנט איבערציילן אַף די פינגער. איז זי געוואָרן א לערערן, דערוואָרבן א צווייטע פּראָפעסיע — אָן ענלעכע אַף דער ערשטער, קעדיי אירע קינדער, — און געווען זיינען זיי בא איר א סאַך, — זאָלן וואַקסן אַלס ווירדיקע בירגער פון דער נייער, סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. טאַקע פון דעמלט אָן זיינען קינדער געוואָרן איר הויפּטזאָרג. זי פלעג זיי אָפּגעבן די גאַנצע נעשאָמע, זי האָט זיי ניט געטיילט אַף אייגענע און פרעמדע.

אַלע זיינען זיי געווען אירע קינדער, אייגענע. און מיט זייערע דערפאָלגן פלעגט זי אויך שטאָלצירן, ווי מיט אירע אייגענע.

יעדן לימעד מיט אירע שילער פונעם ערשטן קלאַס פלעג זי אָנהייבן פון זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל”. דעמלט, אין די ערשטע נאָכרעוואָליוציע־יאָרן, האָבן אַלע געטרוימט וועגן אַן אַלוועלטלעכער רעוואָליוציע. האָט זיך איר געטראַכט, אַז גראָד דער פּראָלעטאַרישער הימן, א פאַרשטענדלעכער דעם אַרבעטס־מענטשן פון דער גאָרער וועלט, וועט ווערן פאַר אירע קינדער, אירע שילער אַן אייגנאַרטיקע שפּראַך פון צווישנפעלקערלעכן קאָנטאַקט. דערנאָך זיינען אַזעלכע לימודים געוואָרן טראַדיציאָנעלע, האָבן שוין באַקומען אַן אַנדער זין. דערצו נאָך, וואָס הינטער ליובאַר האָט זיך אָרגאַניזירט דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָלווירט, אין וועלכן עס האָבן האַנט בא האַנט זיך געמיט מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. דאָס האָט פאַרמירט די מענטשן. און די קינדער? זי האָט געהאַלטן, אַז דער ערשטער, דער סאַמע ערשטער לימעד אין לעבן פון יעדער קינד פאַרבלייבט אין זיין זיקאָרן אַפן גאַנצן לעבן, אַף שטענדיק. און אָנהייבן דאַרף מען אים פונעם איקערדיקן, פון דעם, וואָס וועט פאָרמירן דעם מענטשן פאָרויס אַף לאַנגע יאָרן.

דעם ערשטן לימעד האָט זי אָנגעהויבן פונעם „אינטערנאַציאָנאַל”. זי האָט געלייענט זיין טעקסט אַף רוסיש און אוקראַיניש. יעדעס וואָרט פלעג זי אויסריידן דייטלעך, קעדיי די קינדער זאָלן פאַרגעדענקען. דערנאָך פלעג זי אים זינגען, שוין אַף דריי שפּראַכן. די שול, לויט איר טיפער איבערצייגטקייט, האָט געדאַרפט געבן די קינדער ניט פּאַשעט קענטעניש, נאָר פאָרמירן דעם באַוווסטזיין אין גייסט פון יענע פּרינציפּן, וועלכע זי האָט אַליין איינגעזאַפּט אין זיך אין יענע יאָרן. קאָן זיין, אַז טאַקע אַדאַנק דעם זיינען צווישן אירע שילער אויסגעוואַקסן אַזעלכע מענטשן, ווי דער ברייט באַוווּסטער שרייבער יעכיעל פאַליקמאַן, וועמענס ביכער זיינען אַצינד איבערגעזעצט אַף פיל שפּראַכן, ווי אויך דער דיכטער אַרן ווערגעליס. קאָן זיין, אַז דערפאַר איז צווישן אירע שילער געווען אויך אייגער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם אַנטלויפן פון די פאַרורטיילטע אַף טויט אַסירים פונעם סירעצקער קאָנצלאַגער אינעם קיעווער באַבי יאַר יאַקאָוו קאַפּער. קאָן זיין, אַז אויך דערפאַר, אין יאָרצענדליקער אַרום, שוין אין אונדזערע טעג, רופן זיך אָן פיל ליובאַרער איינוווינער אַלס אירע שילער.

זי האָט געגלייבט אין אונדזערע אידייען, זי האָט געגלייבט אין דער זאַך פון דער פּאַרטיי. און אַפילע דעמלט, ווען אין די דרייסיקער יאָרן איז לויט א מיִעסן בילבל אַרעסטירט געוואָרן איר מאַן אַקיווע דעכטיאַר, האָט זי זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אָט דעם גלויבן.

יאָ, אַף איר לעבן זײַנען אויסגעפאַלן ניט ווייניק אויספּרוּוון. נאָר וואָס טוט מען — אַזוי האָט געוואָלט דער גורל. נאָר זי פלעג שטענדיק טאָן אַלדאָס מעגלעכע, קעדיי מיט ווירדע אַרויסגיין פון זיי. און טאַקע דעם האָט זי געלערנט אירע אייגענע קינדער. באַריסן, אָדער ליוטיקן, ווי מע האָט אים גערופן צווישן זיך, — וועלכער איז איצט געווען ווײַט פון איר, אין אַרמיי, און האָט באַגעגנט די מילכאָמע אַף דער גרענעץ, און די טעכטער, לאַרען און מײַען — זיי זײַנען געווען מיט איר.

דאָס איז געווען דער לעצטער אויספּרוּוו, וועלכער איז אויסגעפאַלן אַף איר גורל. און זי דאַרף אים אויסהאַלטן מיט ערע. זי מוז, און ניט נאָר אַליין, זי מוז העלפן אירע שילער, וועלכע זײַנען איצט געווען לעבן איר, אויך אַזוי זיך אויפירן. אין אָט די שרעקלעכע מינוטן זײַנען לעבן איר, אין אַן אַרומרינגלונג פון באַוואָפנטע דײַטשן, געווען פיל פון יענע, וועמען זי האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן אויסגעלערנט שרײַבן אויסיעס און צונויפלייגן זיי אין ווערטער. אין די ערשטע ווערטער פונעם אַלעפבייס: „מיר זײַנען ניט קיין קנעכט".

מענטשן, אויסגעמאַטערטע פונעם פּאַכעד פון אומבאַוווּסטקײַט, האָבן זיך געטוליעט צו איר, געקוקט אַף איר, געוואַרט, וואָס וועט זאָגן זי, זייער ערשטע לערערן. איר וואַרט זײַנען זיי געווען געוווינט צו גלייבן. זי האָט זיי נאָך קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט. עס האָבן געוואַרט אויך אירע טעכטער. זי האָט דאָס פאַרשטאַנען. נאָר קיין טרייסטווערטער זײַנען ניט געווען. זי האָט זיי ניט געקאָנט געפינען. זיי זײַנען ניט געקומען...

— קינדער, — האָט זי שטיל, ווי אַף אַ לימעד, געזאָגט, ווײַל פאַר איר זײַנען זיי אַלע, אַפילע די דערוואַקסענע, פאַרבליבן אירע קינדער, — אויב אונדז איז באַשערט אומקומען, געפינט אין זיך קויכעס נישט בעטן בא די סאָנים ניט קיין ראַכמאָנעס, ניט קיין דערבאַרעמונג, געפינט אין זיך קויכעס אופהייבן הויך דעם קאָפּ... טוט דאָס, וואָס איך... גוט?

ווען עס האָט קוים אָנגעהויבן שאַריען אַף טאָג, האָט מען זיי צוגעפירט צום סאַמע ראַנד פונעם ריוו, און די פאַשיסטן האָבן זיך צוגעגרייט שיסן. זי האָט ניט געלאָזט קיין טרער, ניט צוגעדריקט צו זיך די איבערגעשראָקענע טעכטער, נאָר אופגעהויבן הויך דעם קאָפּ, פעסט געגומען זיי פאַר די הענט. די טעכטער האָבן איבערגעכאַזערט איר באַוועגונג, זיי האָבן געגעבן זייערע הענט די שטייענדיקע באַנאַנד. אַזוי האָבן זיי אַלע פעסט זיך גענומען פאַר די הענט, געשאַפן איין גאַנצעס. וואָס האָבן זיי געקאָנט קעגנשטעלן די אָנגעצילטע אַף זיי קוילנוואַרפערס און אויטאָמאַטן? וואָס האָט געקאָנט אָט די ניט הויכע פרוי, מיט איר פריגראָ-געוואָרענעם קאָפּ? עפשער... עפשער זײַנען צווישן יענע, וועלכע האָבן זיך צוגעגרייט שיסן אין זיי, פונדעסטוועגן פאַראַן געוועזענע אַרבעטער, וועלכע וועלן פאַרשטיין די צווישנפעלקערלעכע שפּראַך פונעם „אינטערנאַציאָנאַל"? עפשער וועט בא זיי אין דער לעצטער רעגע אַ ציטער טאָן די האַנט?.. ווער ווייסט, וועגן וואָס זיי האָבן געטראַכט אין יענע מינוטן?..

און הינדע באַריסאָוונע האָט הויך אָנגעהויבן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

פון אָט דער באַוועגונג — פון פעסט זיך נעמען פאַר די הענט, פון הויך אופהייבן דעם קאָפּ (דעם „אינטערנאַציאָנאַל" טאָר מען ניט זינגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ), פון די ווערטער „שטייט אוף, איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן...", — פלעג זי אָנהייבן איר ערשטן לימעד מיט די שילער פונעם ערשטן קלאַס. דער לימעד האָט זיך פאַרגעזעגנט. דער לימעד פון לעבן.

אַף עפעס אַ רעגע זײַנען די מערדער פאַרגליווערט געוואָרן. אַלץ האָבן זיי דערוואַרט, נאָר ניט אַף אַזעלכס. פאַר זיי זײַנען געשטאַנען מענטשן, ניט פאַראַליזירטע פונעם טויט-פּאַכעד. קיינער פון זיי איז ניט געפאַלן אַף די קני, קיינער האָט זיך ניט געוואָרפן אין היסטעריע, ניט געבעטן קיין ראַכמאָנעס. עס זײַנען געשטאַנען מענטשן. און מיט שטאָלץ אופגעהויבענע קעפּ געזונגען. געזונגען, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

די פאַשיסטן האָבן געזען, ווער עס האָט דער ערשטער אָנגעהויבן זינגען. און זייערע ערשטע קוילן האָבן זיי געשיקט טאַקע איר, דער לערערן.

זי האָט מען דערהאַרגעט די ערשטע. עס האָט זיך ערשט פאַרנומען דער קאָאָר, נאָר פאַרטויבן דעם „אינטערנאַציאָנאַל" האָבן די געשאָסענע ניט געקענט. ער איז אַנשוויגן געוואָרן מיטן לעצטן מענטשן, אַ געפאַלענעם טויט אין ריוו.

שימען פרוג

(1916—1860)

שימען פרוג

די טראַיקע

דער שניי איז געגאַנגען צוויי טעג נאָכאַנאַנד,
אַ שליטוועג אַ כּיעס געוואָרן,
די פערדעלעך שטייען אין שליטן געשפּאַנט,
אַלץ גרייט שוין און פאַרטיק צום פאָרן.

איַ, פערדעלעך־כּיעס! נו, זעץ זיך און פאָר! —
מיט צאַצקעס געטאָקט איז דער שליטן,
צוויי פערד פון די זייַטן — ווי הירשן אַ פּאָר,
אַ לעמפּערט, אַ לייב אינדערמיטן.

דער קוטשער נעמט באַלד אַלע לייצעס אין האַנט:
— „נו, קינדערלעך, לעבעדיק, פריילעך!"
דעם שליטן כאַפּט אויף מיטאַמאָל ווי אַ בראַנד...
— שטיי, אײַל זיך ניט, וואָרט־וואָרט, פּאַמעלעך!

ניין, ברודער, אומזיסט! ווי אַ פויגל, אַ ווינט,
אַ פייַל פונעם בויגן, אַ וויכער,
זיי לויפן, זיי שוועבן, — זיי פליִען, געשווינד,
וואָס ווייַטער — אַלץ גיכער און גיכער.

דער וועג איז אין פעלד ווי אַ לאָקשנברעט גלאַט,
די זון שייַנט פון אַלע פיר זייַטן,
דער קוטשער — אַ מאַזיק, די פערדעלעך — זאַט,
די גלעקעלעך קלינגען פונוויַיטן.

שווער צו זינגען

לידער, דורכגעגליט פון צאָרן,
לידער, אָנגעזאָפּט מיט פּײַן;
אויסגעלאָשן איז געוואָרן
זייער היץ און זייער שײַן.

עלנט קינד מײַנס! שווער צו זינגען,
ווען עס גייט די שטורעם-נאַכט,
ווען די שווערע קייטן קלינגען
און דער בייזער טאַליען לאַכט!..

זעסט? א שוואַרצער קוואַרעס-גאָרטן
האָט באַפּלאַנצט אי באַרג, אי טאָל:
ניט קיין ביימער וואַקסן דאָרטן —
טליִעס, טליִעס אָן א צאָל...

קינד מײַנס! קינד מײַנס! שווער צו זינגען,
ווען עס רוישט די שטורעם-נאַכט,
ווען, ווי גלעקער, קייטן קלינגען,
און דער בייזער טאַליען לאַכט!..

ס׳ברענט און פלאַמט דאָס האַרץ פון צאָרן —
און דעם פלאַם פאַרלעשט דער ווינט,
ווי א שפּינוועבס — פון א דאָרן
פּלאַצט די סטרונע... עלנט קינד.

יאָסעם מײַנער! שווער צו זינגען,
ווען עס רוישט די שטורעם-נאַכט,
ווען די קייטן קלינגען, קלינגען,
און דער טאַליען — לאַכט און לאַכט!..

דער פרילינג

1

דער פרילינג גייט מיט בליץ און דונער,
מיט העלע שטראַלן, פרישע לופט...
איך הער א ליבע, זיסע שטימע —
זי קלינגט און לאַכט, זי זינגט און רופט:

צו מיר, אין מײַנע גרינע גערטנער,
אויף מײַנע פעלדער פריש און פרײַ;
דאָרט הערשט פון אייביק און ביז אייביק
דער ליבער, שיינער קיניג מײַ!

ער גייט באַקראַנצט מיט פרישע רויזן,
באַשפּריצט מיט טוי, ער שײַנט און בליט:
און גרינע גראָזן, און בלומען וואַקסן
דאָרט, וווּ ער גייט אויף יעדער טריט.

ניטאָ פאַר אים ניט רײַך, ניט אָרעם,
ניטאָ פאַר אים ניט קליין, ניט גרויס,
ניט קיין שטאַרקער, ניט קיין שלאַפער...
צו מיר — רופט ער — פאָרויס! פאָרויס!

צו מיר, צו מיר, איר קרומע רוקנס,
פאַרווייַנטע אויגן, ס׳קראַנקע האַרץ!
איך וועל פאַריאָגן אײַער טרויער,
איך וועל פאַרהוילן אײַער שמאַרץ!

2

עס וואַרעמט זיך, עס פעסטעט זיך
דאָס גרינע אַקער-פעלד.
עס שפּראָצט ארויס דאָס קערנדל,
דערזעט די ליבע וועלט,

דערפילט די זון די ליכטיקע,
דעם פרישן, פרײַען ווינט,
עס ציט זיך צו דער הימל-שײַן
און קוויקט זיך, ווי א קינד...

געגנוג געלעגן טיף אין דער ערד,
פון ליכט און לעבן ווײַט,
די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער-צײַט!

שפּראָצט אויף איר, זאַנגען גאָלדענע,
און פילט זיך אָן מיט זאַפט!
פאַרגיס, פאַרפלייץ דאָס פרײַע פעלד,
אָ, יונגע, פרישע קראַפט!

דער פרילינג גייט... עס בליצט, עס רוישט...
פאַרשווונדן ווערן ווײַט
די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער-צײַט...

צום שרײַבער

מײַן ברודער! שלעכט איז דיר, איך ווייס;
נאָר גיי און טראָג דעם יאָך דעם שווערן,
שטיי שטאָלץ און קרעפּטיק אַף דײַן אָרט:
עס מוז, עס וועט דאָך ליכטיק ווערן!

ניט שרעקלעך איז די פינצטערניש —
ס'וועט אָנהייבן צו טאָגן;
די שטראַלן וועלן פון דער וועלט
די שוואַרצע נאַכט פאַריאָגן.

עס וועלן אופוואַכן פון שלאָף
גאָר נײַע לײַט מיט נײַע מוחס;
זיי וועלן ברענגען אַף דער וועלט
פיל נײַע, פרישע, שטאַרקע קויכעס.

פיל העלע שטראַלן, גרויסע ליכט
וועט דעמלט ווערן אָנגעצונדן;
דער שלאָפער וועט באַקומען קראַפט
און ליכטיק ווערן וועט דעם בלינדן.

דאָס מוז זײַן, ברידער!.. אָבער איצט,
דערווײַל — איז גאָט צו דאַנקען, כ'לעבן,
פאַר יעדן שטראַל, פאַר יעדן פונק,
וואָס צינדט זיך אָן אין אונדזער לעבן!

די פאָן

ניט פון גאָלד־שטאָף, ניט פון זײַדנס
איז די פאָן געמאַכט;
אין אַ שרעקלעכן געוויטער,
אין אַ שטורעם־נאַכט

האָט גערוישט די אַלטע שפּינראָד
און די בלייכע נויט,
אין אַ פײַכטן קעלער־ווינקל,
בײַ אַ כיילעוו־קנויט,

האָט געוועבט די גרויע פעדעם
ריין און שטײַף און גוט,
און געפאַרבט זיי מיט די לעצטע
טראָפּנס אייגן בלוט.

אַלע ווייטיקן און לײַדן,
יעדע פרישע ווונד
פון די טיפע טפיסע־גריבער,
פונעם שוואַרצן גרונט,

פון די הונגעריקע דערפער,
פון די דושנע שטעט,
ווו עס איז פאַרבלענדט דאָס לעבן
ווי פון הינערפּלעט;

אַלע ווייטיקן און לײַדן,
אַלץ, וואָס יאָרנלאַנג
האָט פאַרגיפטעט איר נעשאָמע,
ווי די בייזע שלאַנג.

אַלץ, מיט וואָס געדריקט איר לעבן
האָט די טיראַנײַ,
אין געמיט איר גאַל געגאָסן
און אין הארצן בלײַ —

האָט די פאָלקס־נויט אין די רויטע
פעדעם אײַנגעוועבט...
זעסט? די פאָן — זי ווייט, זי פלאַטערט
און צום הימל שטרעבט,

און די שאָטנס ווערן בלייכער,
און עס קרייט דער האָן —
און עס שײַנט דער מאָרגנשטערן
אַף דער רויטער פאָן!..

וויגליד

די נאַכט איז קאַלט, עס רוישט דער ווינט.
שלאָף אײַן, מײַן קינד! שלאָף אײַן, מײַן קינד!

דו ביסט נאָך קליין,
דו ביסט נאָך ריין,
ווייסט נאָך ניט פון שמערץ און צאַרן,
מיט פרייד און לוסט
בא מוטערס ברוסט
שײַנען דיר די קינדהײַטס־יאָרן...

די נאַכט איז קאַלט, עס רוישט דער ווינט.
שלאָף אײַן, מײַן קינד! שלאָף אײַן, מײַן קינד!

ס'וועט זײַן אַ צײַט —
פון יעדער זײַט

וועסטו נײַס זען, הערן:
נײַע פרייד,
נײַע לייד,
נײַ געלעכטער, נײַע טרערן...

די נאכט איז קאלט, עס רוישט דער ווינט.
שלאָף אײַן, מײַן קינד! שלאָף אײַן, מײַן קינד!

פרעמדע לײַט
פון דער ווײַט,
וועלן נײַע לידער זינגען,
ווײַט פון דיר
אָן א שיר
וועלן שווערע קייטן קלינגען...

דו הערסט, ווי ביטער וויינט דער ווינט?..
שלאָף אײַן, מײַן קינד, שלאָף אײַן, מײַן קינד!

ס'איז דאָ א לאַנד,
ווו פײַן און שאנד
האָט באדעקט דאָס גאנצע לעבן.
גיט קיין ציל
דעם געפיל,
דעם געדאנק — קיין פרײַען שטרעבן...

דו הערסט, ווי ביטער וויינט דער ווינט?..
שלאָף אײַן, מײַן קינד, שלאָף אײַן, מײַן קינד!

נאכט און טאָג,
שמערץ און קלאָג
זינגען טרויעריקע לידער...
דאָרט, מײַן קינד,
קראנק און בלינד
לעבן דײַנע אלטע ברידער...

דו הערסט, ווי ביטער וויינט דער ווינט?..
שלאָף אײַן, מײַן קינד, שלאָף אײַן, מײַן קינד!

מײַן עפּיטאפיע

פיל ביטערע, פיל טרויעריקע לידער
האָב איך אײַך שוין געזונגען, ליבע ברידער!
מיט אלע קויכעס, מיט דעם לעצטן צאָן
געביסן און געריסן דעם זשארגאָן,
געקײַט די ליבע שפּראך פון אונדזער מאמען,
געפעפערט מיט צעזור, געזאלצט מיט גראמען,
צו מאכן זי א ביסעלע כאָטש ווייך
און צו פארדושען יענעם ליבן רייעך
פון ווילנער מארק און דינאבורגער יאטקעס
מיט אלערליי פארוואלגערטע אָסטאטקעס,
וואָס שמעקט אוף דרײַצן מײַל ארום דעם אָרט,
ווו נאָר עס בליט כאָטש איין זשארגאָניש וואָרט...
אך, ברידער, וויפל יאָר האָב איך צו טאָן
מיט דעם געשמאקן, טײַערן זשארגאָן;
מע האָט מיך שוין געלויבט און אויך געזידלט —
איך האָב געהערט און האָב מיר אלץ געפידלט...
נאָר יידן זײַנען דאָך אָנעם קשיי אוירעף,
א ביטער פאָלק, גאָר ניט ווי אלע לײַט:
נאָך פון דעם יאם־סוף ביז דעם מידבער־קוירעוו,
פון מידבער־קוירעוו און ביז אונדזער צײַט
האָט גאָט אליין באשײַמפערלעך באוויזן,
אז כאָטש צערײַס זיך — גלעט זיי, לויב זיי, בענטש —
ניטאָ קיין סאָף צו זייערע קאפריזן,
הײַנט וואָס קאָן טאָן מיט זיי א שלאפער מענטש?
ביפראט נאָך א זשארגאָן־מעכאבער?
„— שרײַבן?
איר ווילט, רעב קאָרעוו, שרײַבן? — זאָגט א ייד. —
גוט, שרײַבט אײַך; נאָר איר זאָלט קיין נאר ניט בלײַבן,
ניט קומען מיטן בײַטשל פון יאריד,
פארגעסט ניט, אז איר האָט צו טאָן מיט יידן.

איז שרײַבט אזוי — פארשטייט איר מיך — אזוי,
אז אלע זאָלן זײַן מיט אײַך צופרידן...
פארשטייט איר מיך?.."

אוי, ליבע ייִדן! אוי!
איך האָב ביז איצט פון אלע, אלע זאכן
נאָר איינס פארשטאנען, שרײַבן דאַרף מען דאָס,
לעמאנעשעם, נאָר טאקע דאָס, פון וואָס
דער אוילעם זאָל האנאָע האָבן, לאכן.
„אײַ, לאכן! אײַ, א כיִעס! שרײַבט, הער פרוג!
גענוג אײַך זיפצן, כ'לעבן, עט, גענוג!
א כאָכמעלע, א פּשאטעלע, א וויצל,
קאטאָוועסלעך מיט גראמען אָן א שיר.
אזוי, אז יעדער אָס זאָל טאָן א קיצל..."

איך קען עס ניט, איך קען ניט, — ווײ צו מיר!
איך קען קיין ווילדע, קרומע כיינדעלעך מאכן,
איך קען ניט לאכן, גוואלד — איך קען ניט לאכן
דערפאר אַף מײַן מאציייווע, אז מיר וועט,
אימירצעשעם, דאָס לעבן געבן גאָט —
קעדיי איר זאָלט אין מיר נעקאָמע האָבן
שרײַבט אוף:
„פוי ניטמען — אָט דאָ ליגט באגראָבן
א טיפּעש, א מעשוגענער פּאָעט,
א ווילדע זאַך, א כאָסערדייע, כ'לעבן:
ער האָט געוויינט, געוויינט דאָס גאנצע לעבן!!!.."

בראָניק

צום 90־טן געבורטסטאָג פון שמואל האַלקין

די געזעלשאפטלעכקײַט פון ראָהאטשאָוו (ווײַסרוסלאנד) האָט אָפּגעמערקט דעם 90־טן געבורטסטאָג פון זייער לאנדסמאן, דעם באוווּסטן סאָוועטישן ייִדישן דיכטער און דראמאטורג שמואל האַל־קין, וועמענס ווערק זײַנען אַרײַן אין גאָלדענעם פאָנד פון דער סאָוועטישער פילנאציִאָנאלער ליטעראטור.

אין ראָהאטשאָוו איז אַף דעם דיכטערס נאָמען אָנגערופן א גאַס. אין דער געגנטלעכער צײַטונג „גאָמעלסקאיא פראוודא" איז פארעפנטלעכט געוואָרן אן ארטיקל וועגן ש. האַלקינס לעבן און שעפערישן וועג.

ד אָ ו י ד כ א י ע ט,
האָמעל

קינסטלער
יעפים ראַיאַק
(1987 — 1906)

זע דאָס ארטיקל אף דער ז. 163

אױטאָפּאָרטרעט

מילכאָמע

פּאָרטרעט פון דער קינסטלערן
נ. ראָזאַנאָווא

פּאָרטרעט פונעם קינסטלער
ק. מאַלעוויטש

ניצאָכן

וויטעבסק

א טאַנץ

א שנײַדער

אלעקסאַנדער טווערסקאָי

פינף און זיבעציק פּראָקטבאַרע יאָר

(שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון א יוביליאַר)

מיט א באַזונדער וואַרעמקייט ווייעט פון דעם באַרימטן רוסישן דיכטער און דראַמאַטורג סערגיי מיכאַלקאָוו... אָט באַגעגנט ער דיך אין גאַס, א הויכער, דאַרער, עפּעס א באַזונדערס גראַציעזער, און ניט, אַזוי צו זאָגן, א צערטלעכער, נאָר א דערעכערעצדיקער, אַן אויפמערקזאַמער, וואָס איז באַשאָנקען מיט אויסערגעוויינלעכן כיין, און פרעגט בא דיר, עטוואָס פאַרהיקעגדיק זיך:

— ד־דו דאַרפסט גאָרניט, האַ?..

ווי געפעלט אײַך די פראַגע! א מענטש נייטיקט זיך קעסיידער אין עפּעס.

איך שווײַג, קנייטש מיט די אַקסלען.

— א ד־דירע דאַרפסטו ניט? — ער איז דאָך דער פּאָרזיצער פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע.

— אַדאַנק, סערגיי וולאַדימיראָוויטש, א דירע איז בא מיר א גוטע.

— נ־נו, און רעפּועס? איך האָב געהערט, אַז דו ביסט געווען קראַנק.

— א גרויסן דאַנק, אַלץ האָב איך.

— און נאָך וואָס דאַרפסטו?

— גאָרניט.

— נ־נו, אויב ניט, איז ניט. גיי צום טײַוול.

און איינמאָל האָב איך טאַקע גדאַרפט. איך בין געקומען צו אים, און ער האָט געזאָגט מיט אַזא טאָן, גלייך ווי איך האָב אים עפּעס געשאָנקען.

— נ־נו, דאַנקען גאָט. ענדלעך...

און איך האָב פאַרשטאַנען: עס פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן צו טאָן מענטשן גוטס. ער פאַרמאָגט אַזויפיל גוטס, אַז ער האָט עס ניט וווהין אַהינצוטאָן.

אַנומלטן האָט דער גרויסער מיכאָעלס געזאָגט, אַז אַף דער בינע איז שווער אויסצובאַהאַלטן נאַרישקייט און בייז. פיל מאָל האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי. וויאַזוי דער אַרטיסט זאָל זיך ניט סטאַרען, וועט זיך ניט באַקומען. אינעם לעבן — דאָס זעלבע. זיך מאַכן פאַר א גוטן קאָן מען ניט, און פאַר א קלוגן — אויך, פאַר א שאַרפזיניקן — אַוודאי.

מיכאַלקאָוו האָט איינמאָל אין אַן עפנטלעכער אַרויסטרעטונג אָנגערופן א באַוווסטן פּאָעט „פּאָליטישער קלאָון". יענער איז שפּעטער צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: „איך רוף אײַך אַרויס אַף א דועל". ניט טראַכטנדיק אפילע קיין רגע, האָט מיכאַלקאָוו געענטפערט: „איך קאָן ניט אָננעמען אײַער אַרויסרוף, ווײַל איר זײַט ניט קיין אַדלמאַן". אַליין סערגיי וולאַדימיראָוויטש געהערט צו אַן אַלטן אַדלשטאַנד. איך האָב אָבער ניט געזען נאָך אַזא מענטשן, ווער מען עס זאָל אַמווייניקסטן זײַן אייגנטימלעך וואָסער־ניט־איז גײַווע אָדער גרויסהאַלטערײַ. מיט אים איז טאָמיד לײַכט, פריילעך און דעמאָקראַטיש. ניט געקוקט אַף זײַנע פינף און זיבעציק יאָר, זעט ער אויס ווי א ייִנגל, און דאָס

באטײַט לאַכלוטן ניט „באקומען קינדערשן סייכל". ער איז פּאַשעט דאָס גאַנצע לעבן געווען אזא, און אזא איז ער פארבליבן. „טײַערער, כּאַשעווער און ליבלעכער סערגיי מיכאלקאָוו, — שרײַבט אים די אמעריקאַנער שריפטשטעלערן בעל קאופמאַן, שאָלעם־אַליכעמס אייניקל. — הײַנט האָב איך באקומען אײַער בוך און ווידער האָב איך מיט א קאַלאָסאַלן פארגעניגן געלייענט... מיר דוכט, אז איר האָט אינגאַנצן ניט פארגעסן, וויאַזוי צו זײַן א קליינינק קינד צווישן דערוואַקסענע און אז איר געדענקט קלאָר, וויאַזוי קינדער טראַכטן, וויאַזוי קינדער פילן..."

אָ, דער זיקאָרן פון דער קינדהײַט! אָן אים איז ניטאָ און עס קאָן ניט זײַן קיין קינדער־שרײַבער.

איך קאָן נישט ניט זאָגן וועגן מיכאלקאָווס ראַפינירטער אינטעליגענטישקײַט. דער אויסדרוק פון זײַן פּאָנעם איז קעסיידער אַן איראָנישער בענעגייע צו זיך אַליין, אַפילע א שעמעוודיקער. און ער איז דאָך אַזוי באַרימט און באַליבט בא די מענטשן!

זײַן באַוווּסטקײַט נייטיקט זיך ניט, מע זאָל זיך דאַרפן דערמאָנען אין די טיטלען זײַנע: לאַורעאַט, דעפּוטאַט, אַקאַדעמיקער, הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם סאַטירישן זשורנאַל „פיטיל" (ציגדשנור), סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פארבאַנד פון פססר.

מיכאַלקאָוו. — און דאָס איז איבערגענוג.

פּושקין האָט געהאַט א וויזיט־קאַרטל, אַף וועלכן ס'איז געווען בלויז איין וואָרט: „פּושקין". איך פארגלײַך, פארשטייט זיך, ניט מיכאַלקאָוון מיט פּושקינען. אָבער ערגעץ לעם קרילאָוון, אַפּאָנעם, וואָלט מען אים געקאָנט פארגלײַכן. מיכאַלקאָווס מעשאָלים שטייען אין דער זעלבער ריי. איבערדערציילן זיי איז אויך ניט קעדײַ, עס ווייסן זיי אַלע. פונקט ווי די לידער „דער פעטער סטיאָפּע" אָדער „מיר פאָרן, פאָרן, פאָרן...".

מע וואָלט זיך געקאָנט דערמאָנען, אז מיכאַלקאָוו איז איינער פון די אַווטאָרן פונעם הימן פון דעם סאָוועטנפארבאַנד, לאַנג און אויספירלעך אַנאַליזירן זײַנע פּילצאָליקע און פּאָפּולערע פּיעסעס. אָבער צוליב וואָס? דאָס אַלץ איז גוט באַקאַנט.

עס ווילט זיך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן מיכאַלקאָוון, ווי וועגן א גרויסן פרײַנט פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

ער האָט מיר דערציילט, אז איינער פון די ערשטע האָט ער איבערגעזעצט זײַנע באַליבטע פּאָעטן, מיט וועלכע ער איז געווען פארבונדן מיט צאַרטער פרײַנטשאַפט: לייב קוויטקאָ, איציק פעפערן, פּערעץ מאַרקישן, שיקע דריזן.

— לייב קוויטקאָ איז געווען פאַר מיר ניט בלויז א כאַווער, נאָר אַן אָביעקטיווער שעצער פון מײַן שאַפונג. עס זײַנען אים זייער געפעלן געוואָרן די איבערזעצונגען, וועלכע כ'האָב געמאַכט,

ער האָט געזען אין זיי קינדערשע אומיטלבאַרקײַט און אופריכטיקײַט. און די דאָזיקע איבערזעצונגען שליס איך אײַן אין מײַנע ביכער. איך ווייס, אז קוויטקאָס לידער זײַנען געוואָרן באַגלייטער פון אַלע קינדער, צווישן זיי פון די ייִדישע, וואָס לייענען אַף רוסיש, אומאָפּהענגיק, ווו זיי זאָלן ניט וווינען, — אין פארשיידענע עקן פון אונדזער לאַנד און אויך אין אַמעריקע, ייִסראָעל א. אַנד. לענדער, וווהין עס פאָלן איצט אַרײַן קינדער, דערצויגענע אין סאָוועטנלאַנד. איך באַקום פון זיי בריוו. עס טרעפט, אז קינדער, וואָס לעבן אין אויסלאַנד, ווערנדיק שוין טאַטעס און מאַמעס, דערמאָנען די דאָזיקע לידער און צוזאַמען מיט זיי אויך זייער סאָציאַליסטיש היימלאַנד.

איך וועל צוגעבן: קאָרניי טשוקאָווסקי האָט הויך אָפּגעשאַצט מיכאַלקאָווס איבערזעצונגען פון קוויטקאָן: „דאָס איז אַן אַרבעט פון א מײַסטער, וואָס איז ווײַט פון בוכשטאַביזם, אָבער ער געפינט געניט דעם פּאָעטישן אַדעקוואַט".

מיכאַלקאָוו איז נאָענט באַקאַנט געווען אויך מיט שמועל האַלקינען. ער רעדט וועגן אים ווי וועגן איינעם פון די זעלטענע ליריקער, וועלכער האָט דערגרייכט די פילאָסאָפיע פון דעם ליבעגעפיל און דעם אינטים־מענטשלעכן מיין פון הויכער פילאָסאָפיע. „קעדיי איבערזעצן האַלקינען אַף אַן אַנדער לאָשן, — זאָגט מיכאַלקאָוו, — דאַרף מען גוט ווייסן די ביבל און אַפילע די קאַבאָלע..."

אַנומלטן האָט סערגיי מיכאַלקאָוו געשריבן אין דער וואָכנשריפט „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִיאַ":

„פיל מענטשן זײַנען הײַנט אופגעבראַכט, לייענענדיק די פּובליקאַציעס אין דער פּרעסע וועגן דער געזעלשאַפט „פּאַמיאַט". די אופרעגונג איז א פארשטענדלעכע. דאָס וואָרט „זיקאָרן" איז פאַר אונדז אַלעמען הייליק. מיר פארשטייען אויסגעצייכנט, אז אָן דעם זיקאָרן וועגן דעם אָוואָר איז אומעגלעך צו בויען די צוקונפט. יעדע שורע אין דער געשיכטע, וועלכע זאָגט איידעס וועגן מוט, נאָבעלקײַט, גרויסמוטיקײַט און גוטסקײַט פון אונדזערע אָוועס, איז אונדז טײַער. ביפּראַט נאָך טײַערער, וואָס אין דער געשיכטע פונעם פאָטערלאַנד זײַנען פאַראַן ניט ווייניק שורעס, וועלכע ריידן אויך וועגן אַנדערע שטריכן, וואָס האָבן לאַכלוטן ניט די ווערט, מע זאָל שטאָלצירן מיט זיי. מיר פארשטייען אויסגעצייכנט, וואָס אַזוינס מיר ווילן פארהיטן אַף דוירעס און פון וואָס פאַר א יערושע מיר זאָגן זיך אָפּ.

פארוואַנדלען דאָס אָפּהיטן דענקמעלער פון דער געשיכטע אין אַן אַלפּאָלקישער זאַך איז נייטיק... אָבער די געזעלשאַפט „פּאַמיאַט" זאָרגט, ווי ס'איז צו זען, וועגן גאָר עפּעס אַנדערס. אומפאַראַנטוואָרטלעכע, היסטאָריש־אַמעראַצישע רעדעס פארפלאַנצן אין ניט קיין צוגעגרייטע, דעריקער אין יוגנטלעכע אַאודיטאָריעס, נאַציאָנאַליסטישע, שאָוויניסטישע, אַנטיסעמיטישע שטימונגען. וואָס קאָן

מען זאָגן? אפּאַנעם, די אָנפירער פון דער געזעל־שאַפט „פּאַמיאַט" האָבן א פאַלשע פאַרשטעלונג וועגן אונדזער דעמאָקראַטיע. געשיקט זיך, מיינען זיי, אַז אין דער אומגעבונג פון עפנטלעכקייט וועט זיך זיי איינגעבן אויסבאַהאַלטן זייער אומאָנשטענ־דיקן מאָראַלישן אָנבליק, די אַמעראַצישקייט, די שמוציקע קאַוואָנעס? ווייזט אויס, ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז קיינער קאָן זיי ניט געבן קיין ווי־דערשטאַנד, אַוועקשטעלן אַפּן אָרט, אויסלאַכן, סאָפּקאָלסאָף? זיי האָבן געמיינט, אַז מירן זיי ניט זאָגן מיט דער גאַנצער אופריכטיקייט: נאַציאָנאַ־ליזם, שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם פאָרן זיך ניט מיט סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, און קיין שום אָנ־שטענדיקער מענטש וועט זיך ניט שטעלן אונטער אַזעלכע לאָזונגען, פאַרקערט, ער וועט האַלטן פאַר זיין כויוו צו פאַרורטיילן זייער פאַלשע קאַוואָנע, זייער צעשמעטערנדיקע קראַפט.

איך בין א רוס. איך בין דערצויגן געוואָרן אין א רוסישער אינטעליגענטישער סוויווע, אין טראַדיציעס פון עכטער רוסלענדישער אינטעליגענץ. אַלעמען איז באַוווּסט, אַז פאָרשטייער פון אָט דעם טייל פון דער געזעלשאַפט זיינען פאַר רוסלאַנד געגאַנגען אַף באַליביקע, דערונטער אויך אַף זייער שרעקלעכע קאָרבאָנעס. אָבער אידייען, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט אין דער געזעלשאַפט „פּאַמיאַט" (זיי זיינען לאַכלוטן ניט קיין נייע), האָבן רוסישע אינטעליגענטן שטענדיק באַקעמפט. און אָט דער קאַמף איז אונדזער זיקאָרן, אונדזער היי־ליקע טראַדיציע, וועלכע מיר זיינען מעכויעוו היטן".

אַזאַ איז דער באַרימטער קינדער־שרייבער סערגיי מיכאַלקאָוו. לאָמיר אים ווינטשן צו לעבן 120 יאָר. ביפראַט נאָך, אַז איינער פון זיינע יונגע לייענער האָט מיט זיכערקייט געזאָגט:

— מיכאַלקאָוו וועט מיסטאַמע אינגיכן אַלט ווערן הונדערט פּופציק, אָדער אפילע צוויי הונ־דערט יאָר!

בראָניק

די סטודענטן פון דער בירָאבידזשאַנער קאַנטישער קולטור־אופקלער־שול האָבן געפּייַערט כאַנוקאַס־האַבאַיס. אין דער נייער געביידע זיינען פאַראַן גערעמע אַודיטאָריעס, א קלוב אַף 300 ערטער, א ביבליאָטעק, ספּאָרטיווע־ און לייענזאַלן. פאַר 40 יאָר עקזיסטענץ האָט די שול צוגעגרייט בא פיר טויזנט ספּעציאַליסטן, וועלכע אַרבעטן אין די קלובן, ביבליאָטעקן, קולטור־הייזער פונעם ווייטן מיזרעך.

אַף די בילדער: די סטודענטקע פונעם צווייטן קורס זש. גריגאַ, א קינפּטיקער קלוב־טוער; אַף א לימעד פון פאָלקס־טענץ.

פּאָטאָ — וו. טאַראַבאַשטשוק (טאַסס)

פון דער ליטעראַטור־געשיכטע

ה. לייוויק — דער איבערזעצער פונעם „אינטערנאַציאָנאַל"

דער אינטערנאַציאָנאַל.

שטעהט אויף, איהר אַלע, ווער ווי שקלאַפען
אין הונגער לעבען מוז, אין נויט!
דער גייסט — ער קאָכט, ער רופט צו וואַפען
אין שלאַכט אונז פיהרען איז ער גרייט...

די וועלט פון גוואַלדהייטען און ליידען
צושטערען וועלען מיר, און דאַן
פון פרייהייט, גלייכהייט אַ גן־עדן
בעשאַפען וועט דער אַרבייטס־מאַן.

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און ענטשיידענער שטרייט!
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטעהט אויף, איהר אַרבייטס־לייט!

ניין, קיינער וועט אונז ניט בעפרייען:
ניט גאָט אַליין און ניט קיין העלד —
מיט אונזער אייגענעם כלי־זיין
אַ רעטונג ברענגען מיר דער וועלט.

די גרויסע שטורם־טעג זיי וועלען
נור פאַר טיראַנען שרעקליך זיין,
זיי קענען אָבער ניט פאַרשטעלען
פון אונז די העלע זונען־שיין.
דאָס וועט זיין שוין א. אַז. וו.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" איז צום 100־יאָריקן יובילײ פונעם וועלט־באַרימטן פּראָלעטאַרישן הימן „אינטערנאַציאָנאַל" געווען פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן זײַן שעפער עזשען פּאָטיע (1816—1887) און וועגן די פילצאָליקע איבערזעצונגען פונעם טעקסט אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט.

הײַנטיקס יאָר מערקט אָפּ די געזעלשאַפטלעכקײַט פון אַלע קאָנטינענטן דעם 170־טן געבורטסטאָג פונעם פּראָלעטאַרישן דיכטער, איינעם פון די אָנטיילנעמער אין די שלאַכטן פון דער פּאַריזשער קאָמונע.

ווי באַוווּסט, האָט דעם „אינטערנאַציאָנאַל" איבערגעזעצט אויף ייִדיש נאָך אין סאָף פונעם פאַריקן יאָרהונדערט ש. אַן־סקי (ש.־ז. ראַפּאָפּאָרט), און דעם פּראָלעטאַרישן הימן האָבן די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן געזונגען אויף זייער מוטער־שפּראַך, נאָך איידער א. קאָץ האָט דעם פראַנצויזישן טעקסט איבערגעזעצט אויף רוסיש.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז ניט איין מאָל זײַנען (שוין אין דער צײַט פון דער סאָוועטנמאַכט) געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אָפּסנײַ איבערצוזעצן אויף רוסיש דעם פראַנצויזישן טעקסט. די צײַטונג „איזוועסטיִא" האָט אין 1918 דערקלערט א קאָנקורס אויף א נײַער איבערזעצונג פונעם „אינטערנאַציאָנאַל" און שפּעטער פאַרעפנטלעכט די צוגעשיקטע טעקסטן. אָבער קיין איינע פון די נײַע איבערזעצונגען, האַגאַם זיי זײַנען געווען א סאַך נעענטער צום אָריגינאַל, האָט זיך ניט אײַנגעבירגערט — א. קאָצס איבערזעצונג איז פאַרבליבן אַלס קאַנאָניזירטער ביז הײַנט־צו־טאָג.

עס זײַנען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויך אָפּסנײַ איבערצוזעצן דעם פּראָלעטאַרישן הימן אויף ייִדיש. איינע פון די דאָזיקע איבערזעצונגען געהערט דעם גרויסן ייִדישן דיכטער ה. לייוויק. מיט אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר צוריק האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" שוין פאַרעפנטלעכט דעם דאָזיקן טעקסט, נאָר מיר האַלטן פאַר נייטיק אים נאָכאַמאָל איבערצוכאַזערן, קעדיי די נײַע לייענער זאָלן האָבן א מעגלעכקײַט מיט אים זיך צו באַקאַנען.

שטייט אויף, איר קנעכט פון אַלע לענדער,
פון קלעם, פון הונגער און פון נויט;
ראַמט אָפּ דעם שינדער און דעם שענדער,
צום קאַמף אויף לעבן און אויף טויט.

די אַלטע וועלט פון גוואַלד און ליידן
צעשטערן וועלן מיר ביז גרונט.
און פרײַ, און גלײַך אין גליק און פריידן
פאַרשנײַדן וועלן מיר א בונד.

דאָס וועט זײַן שוין דער לעצטער
און אַנטשיידענער קריג,

מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
וועלן מיר גיין (און קומען) צום זיג.

מיר אַלע אַרבעטער־אַרמייען,
מיר קומען אָן מיט גוווּרע־טריט.
דער רײַכער שנײַדט, וואָס מיר פאַרזייען,
איצט מאָנען מיר אויך אונדזער שניט.

דער רוף פֿון קאַמף גיט מוט דעם מידן
און מאַכט אים שטאַרק, צום אַלעם גרייט;
צעבלאָזט דעם פֿלאַם, און לאָמיר שמידן,
קאָלזמאַן דאָס אײַזן פֿלאַקערט רויט.

דאָס וועט זײַן שוין דער לעצטער
און אַנטשיידענער קריג,
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
וועלן מיר גיין (און קומען) צום זיג.

ווי מיר זעען, שיידט זיך לײַוויקס איבערזעצונג אָף א סאַך אונטער פֿון ש. אַנ־סקיס. נאָר דער גורל פֿון דער ערשטער ייִדישער איבערזעצונג פֿונעם „אינטערנאַציאָנאַל" איז געווען ענלעך אָפֿן גורל פֿון דער ערשטער רוסישער איבערזעצונג — זי איז קאַנאָניזירט געוואָרן אָף שטענדיק און איז געבליבן אומבאַרירט. וואָס איז שײַך לײַוויקס טעקסט, רופֿט ער איצט אַרויס בלויז א היסטאָריש־ליטעראַרישן אינטערעס.

אַז דער באַוווּסטער ייִדישער דיכטער איז געווען פֿאַרכאַפּט מיט דער רעוואָלוציאָנערער טעמאַטיק באַווײַזן אויך א ריי אַנדערע מוסטערן פֿון זײַן שאַפֿונג, דערונטער פֿון זײַן איבערזעצערישער אַרבעט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אינטערעסאַנט צו ברענגען נאָך איין היסטאָריש־ליטעראַרישן פֿאַקט — זײַן איבערזעצונג פֿון דער פּאָפּולערער ליד «Солнце всходит и заходит» („די זון גייט אויף און פֿאַרגייט"), וועלכע האָט אויך איר געשיכטע. זי איז געוואָרן פּאָפּולער נאָך דעם, ווי מאַקסים גאָרקי האָט אַרײַנגעשטעלט צוויי אירע קופּלעטן אין זײַן פּיעסע „אָפֿן דעק" („נא דניע"). אָט זײַנען זיי, די דאָזיקע קופּלעטן:

Солнце всходит и заходит,
А в тюрьме моей темно,
Дни и ночи часовые
Стерегут мое окно.

Как хотите — стерегите,
Я и так не убегу.
Мне и хочется на волю,
Цепь порвать я не могу.

די ליטעראַטור־פֿאָרשער און פֿאָלקלאָריסטן זײַנען ביז איצט ניט געקומען צו אַן אײנמוטיקער לייזונג פֿון דער פֿראַגע, ווער עס איז געווען דער אווטאָר פֿונעם טעקסט. „אָפֿן דעק" איז געשטעלט געוואָרן אין 1902, און אין די קאָמענטאַרן צו דער ליד אין א פֿאַרעפֿנטלעכטער אויסגאַבע ווערט געזאָגט:

„...א ברייט באַוווּסטע פֿאָלקסליד, צוויי קופּלעטן פֿון וועלכער א. מ. גאָרקי האָט אַרײַנגעשטעלט אין זײַן פּיעסע „אָפֿן דעק". אַלגעמיין באַוווּסט איז דער פֿאָלקס־טעקסט (פֿאַרשריבן דורך א. מ. נאָוויקאָווא אין 1919 אין טולער געגנט)"[1].

אין דער זאַמלונג, וועגן וועלכער עס גייט א רייד, ווערן צו די צוויי שוין ציטירטע קופּלעטן צוגעגעבן נאָך דרײַ:

Эх вы, цепи, мои цепи,
Вы железны сторожа,
Не порвать вас, не порезать,
Мне без острого ножа.

Не гулять мне, как бывало,
Темной ночью по лесам,
Моя молодость увяла
По острогам и тюрьмам.

Черный ворон, черный ворон,
Что ты вьешься надо мной?
Или чуешь ты добычу?
Черный ворон, я не твой![2]

אין 1957 איז אינעם פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" (לענינגראַדער אָפּטיילונג) דערשינען אין דער קלײנער סעריע „ביבליאָטעקא פּאָעטאַ" א זאַמלונג „לידער פֿון רוסישע פּאָעטן". די דערמאָנטע ליד איז אויך דאָ פֿאַרגעשטעלט, עמעס, בלויז מיט דרײַ קופּלעטן — די ערשטע צוויי פֿאַלן פּינקטלעך צונויף מיט דער פֿריִער אָנגעוויזענער זאַמלונג, דער דריטער אָבער איז געגעבן אין אַזאַ רעדאַקציע:

И-эх вы, цепи, мои цепи,
Вы железны сторожа,
Не порвать мне, не разбить вас
Никому и никогда.[3]

די ליד ווערט צוגעשריבן מ. גאָרקין, און זי איז באַצייכנט מיט דער דאַטע — 1902.

איז דאָס, הייסט עס, טאַקע גאָרקיס ליד? אי. נ. ראָזאַנאָוו, דער קאָמענטאַטאָר פֿון די טעקסטן אין דער זאַמלונג, שרײַבט:

„אַז דער אווטאָר איז גאָרקי, ווערט פֿעסטגעשטעלט דורך זײַן פֿאָלגנדיקער פֿאַרנאָטירונג אין איינעם פֿון זײַנע נאָטיץ־ביכלעך:

„פֿון אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט, איז ברייט אָנגענומען און געפֿינט זיך בא יעדערן אין זיקאָרן דאָס לידעלע:

---

1 Русские народные песни. Государственное издательство художественной литературы. Москва, 1957, стр. 673.
2 Там же, стр. 434.
3 Песни русских поэтов. «Советский писатель». Л., 1957, с. 478.

Как хотите — стерегите,
Я и так не убегу.
Мне и хочется на волю —
Цепь порвать я не могу.

די ליד איז געוואָרן פּאָפּולער גלײַך נאָך דעם, ווי ס׳איז געשטעלט געוואָרן די פּיעסע. אין פּע־ריאָד פון דער רעוואָליוציע פון 1905 איז די ליד דערשינען אין באַזונדערע אויסגאַבעס... באַם זינגען פלעגט מען געווייִנלעך צוגעבן נאָך צוויי סטראָפעס..."1

מיר וואָלטן זיך ניט אָפּגעשטעלט אַזוי גענוי אויף דער געשיכטע פונעם רוסישן טעקסט פון דער דאָזיקער ליד, ווען ניט נאָכאמאָל... לייוויק, וועלכער האָט זי איבערגעזעצט, ווען ער איז געזעסן אין דער מינסקער טורמע אין 1909.

אָט איז זי, לייוויקס איבערזעצונג:

זונען גייען און פאַרגייען
און מײַן טורמע ווייסט נאָר נאַכט.
און דער וועכטער בײַ מײַן פענצטער
שטייט און היט מיך טאָג ווי נאַכט.

היט מיך, וועכטער, פיל איר ווילט נאָר,
לויפן וועל איך סײַווי ניט,
כאָטש מיר ווילט זיך פרײַהייט קריגן —
ס׳קלינגט די קייט אויף יעדן טריט.

1 Там же, стр. 486—487.

אוי, איר קייטן, מײַנע קייטן —
וועכטער אײַזערנע זענט איר —
ניט צו רײַסן, ניט צו ברעכן,
אייביק וואַכט איר איבער מיר.

קיינמאָל וועל איך מער ניט שפּילן
אויף די פעלדער, אויפן גראָז —
מײַנע יונגע יאָרן גייען
דאָ אין טורמע אונטער שלאָס.

די איבערזעצונג, ווי מיר זעען, אַנטהאַלט בלויז פיר סטראָפעס, און ניט פינף, ווי אין דער זאַמ־לונג רוסישע פאָלקסלידער, וועלכע מיר האָבן אָנגערופן. מע קאָן זיך מעשאַער זײַן, אַז אין 1909, ווען לייוויק האָט געהערט די ליד, האָט זי נאָך קיין פינפטע סטראָפע ניט פאַרמאָגט. מ. גאָרקי אַליין האָט דאָך אָנגעוויזן צוערשט אויף דרײַ קופּלעטן.

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר לייוויקס ביידע אי־בערזעצונגען זאָגן אײדעס וועגן זײַן פּאָליטישן כוש, וועגן דעם, אַז די סאָציאַלע מאָטיוון זײַנען אים געווען נאָענט. אין עכטער שעפער, האָט ער געלעבט מיט די פּראָגרעסיווע טענדענצן פון זײַן צײַט — ניט צו פאַרגלײַכן מיט אייניקע הײַנטיקע בירגערלעכע דיכטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וועלכע באַמיִען זיך צו פאַרגעסן, אַז די ייִדישע פּאָעזיע איז שטענדיק געווען פילבאַר צו דער רעוואָליוציאָנערער איבערגעשטאַלטיקונג פון דער וועלט.

כ. ביידער

ליטעראַטור־קריטיק || ביבליאָגראַפיע || פּראָגן פון קונסט

זאַלמען ליבינזאָן

שימען פרוג

באַם פאָרשן שימען פרוגס ליטעראַרישע יערושע שטייט גלײַך אוף די פראַגע — וועלכער שרײַבער איז ער געווען: א רוסישער, א ייִדישער? ס'איז באַוווּסט, אַז די מערהײַט ווערק האָט שימען פרוג אָנגעשריבן אַף רוסיש, און אַלס אַזאַ איז ער אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור[1], אַף ייִדיש האָט ער געשריבן פאַרהעלטניסמעסיק ווייניקער, צו דער ייִדישער שפּראַך האָט ער א געוויסע צײַט אפילע זיך באַצויגן מיט ביטל, און פונדעסטוועגן איז ער אין טאָך געווען און געבליבן א ייִדישער דיכטער!

יאָ, שימען פרוג איז א האַרט ניסל, און ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז א צווייִשפּראַכיקער שרײַבער (ריכטיקער געזאָגט — א דרײַשפּראַכיקער, ער האָט געשריבן אויך אַף העברעיִש). זײַן וועלט־אָנשויונג איז פול מיט ווידערשפּרוכן, זײַן קינסטלערישער מעטאָד איז אָפטמאָל א ניט־שטאַנדהאַפטיקער. האַגאַם דער דיאַפּאַזאָן פון זײַן שאַפונג איז שטרענג באַצייכנט, איז ער א דיכטער אָן אומרויִקער, א לײַדנשאַפטלעכער, א העכסט־אופריכטיקער. ער איז טאָמיד געווען אין וועג, אין אומופהערלעכע זוכונגען. אין 1900 יאָר אין א ליד, וואָס איז אָנגערופן „סאַכאַקלען”, האָט ער געשריבן (אין רוסיש) וועגן זיך: מיר איז פערציק יאָר, אָבער כ'האָב נאָך ניט געהאַט קיין איינציקן טאָג א פריידיקן: ווי א נאַווענאַדניק, בלאָנדזשע איך אין א מידבער, צווישן זאַמדן און הוילע פעלדזן.

אַלס דיכטער האָט זיך פרוג באַוויזן אין די אַכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, אין דער צײַט, ווען אין רוסלאַנד האָט זיך פאַרשטאַרקט די רעאַקציע, ווען די רעוואָליוציאָנערע קרײַזן האָבן איבערגעלעבט א געוויסן קריזיס — די פּאָפּוליסטישע באַוועגונג האָט זיך שוין אויסגעוועפּט און די פּראָלעטאַרישע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע האָבן געמאַכט בלויז די ערשטע טריט. שימען פרוג האָט אין די דאָזיקע אומשטאַנדן ניט דערזען די פּראָגרעסיווע קרײַזן, וועלכע האָבן געקאָנט אַרויספירן דאָס לאַנד צו א רעאַלן ציל. ער האָט זיך אַליין באַגרענעצט מיט די פּראָבלעמען פונעם גאָלעס, און איז ניט פעיִק געווען צו באַגרײַפן, אַז די באַפרײַונג פונעם ייִדישן פאָלק איז ענג פאַרבונדן מיט דער סאָציאַלער באַפרײַונג פון גאַנץ רוסלאַנד. בעלי־סאָפּעק איז אָבער זײַן טיפע און ביז גאָר אופריכטיקע ליבע צום פאָלק, פון וועלכן ער איז אַרויסגעקומען און פון וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעטיילט.

שימען־שמואל פרוג האָט אַליין ניט געוווּסט די פּינקטלעכע דאַטע פון זײַן געבוירן, ער האָט אָנגעוויזן בלויז דאָס יאָר — 1860. באַוויזן האָט ער זיך אַף דער וועלט אין איינער פון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, וועלכע זײַנען געגרינדעט געוואָרן אין דאָרעם־רוסלאַנד אין די צײַטן פון ניקאָלײַ דעם ערשטן — אין באָבראָווי קוט (כערסאָנער גובערניע). דאָס לעבן האָט דעם קומענדיקן דיכטער ניט געשאַנעוועט, ס'איז אים אויסגעקומען גאַנץ אָפּט זיך מאַטערן, אָבער ער האָט אַף שטענדיק פאַרהיט די צוגעבונדנקײַט צום ייִדישן דערפל, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די גריִנע כערסאָנער סטעפּעס, צום פאָטער — מוישע צווי, וועלכער האָט א גאַנץ לעבן באַגאָסן מיט שוויס די ניט־נאָכגיביקע רויערד. שפּעטער האָט פרוג ניט איין מאָל געשילדערט די קאָלאָניע לעם פריילעכן טײַכל אינגולעץ. צו פינף יאָר האָט מען אים, ווי עס איז אײַנגעפירט געווען, אָפּגעגעבן אין כיידער, דערנאָך קומט ער אָן אין דער היגער קאַזיאָנער דאָרף־שול, ווו ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן רוסיש. דרײַ יאָר האָט ער באַזוכט די שול, און מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט זײַן בילדונג. אָבער בא אים האָט זיך אַרויסבאַוויזן א שטאַרקער דראַנג צו וויסן, און שפּעטער האָט ער זיך געלערנט זעלבשטענדיק, אָן א שיר

---

[1] זע דאָס קאַפּיטל „די פּאָעזיע פון די 70—80־ער יאָרן” אין דער אַקאַדעמישער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור:
История русской литературы, т. IX, ч. I, изд-во АН СССР, изд. 4, Скабичевский А. М. История новейшей литературы, изд. 4, СПБ, 1900, стр. 486—488.

געלייענט. צו זעכצן יאָר פאַרלאָזט ער דאָס מישפּאָכע־הויז און גייט אוועק צופוס קיין כערסאָן, זוכט א שטעלע צו האָבן עפּעס אָפּן לעבן. באַקענענדיק זיך מיט זײַן קסאַוו, האָט אים גענומען אַף אַרבעט אין דער קאַנצעליאַריע דער כערסאָנער קאַזיאָנער ראַוו. כערסאָן איז דעמלט געווען א פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע שטאָט מיט א היפּשער ייִדישער באַפעלקערונג. פאַר פרוגן האָט זיך געעפנט א נײַע וועלט, ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם שווערן לעבן פון די ייִדן אין טכום־האַמוישעוו.

א שטאַרקע ווירקונג אַף פרוגס ווײַטערדיקן גורל האָט געהאַט די צופעליקע באַקאַנטשאַפט מיט א קאָרעקטאָר פון די כערסאָנער „גובערנסקיִע וועדאָמאָסטי", וועלכער האָט געדרוקט אַרטיקלען אין עטלעכע אָדעסער רוסישע צײַטונגען. דער קאָרעקטאָר האָט אופגעוועקט בא זײַן יונגן פרײַנט דעם פאַרלאַנג צו פּאָעטישער שאַפונג און געגעבן אים די ערשטע לימודים פון ווערסיפיקאַציע. פרוג האָט אָנגעהויבן שרײַבן לידער אין רוסיש. אייניקע אוועקגעשיקט קיין פּעטערבורג, אין דער רעדאַקציע פון דער וואָכנשריפט „ראַססוועט" — א רוסישע צײַטונג, באַשטימט פאַר ייִדן. פרוג איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, ווען די צײַטונג האָט פאַרעפנטלעכט זײַן ערשטע ליד. דערנאָך זײַנען געקומען נאָך אַנדערע לירישע לידער וועגן דער טרויעריקער לאַגע פונעם ייִדישן פאָלק, מאָטיוון אַף ביבלישע סוזשעטן. זיי האָבן זיך געדרוקט צוערשט אין די רוסיש־ייִדישע צײַטונגען („רוסקי יעווריי", ראַססוועט"), שפּעטער אויך אין א ריי פּאָפּולערע רוסישע ליבעראַלע זשורנאַלן („רוסקאַיאַ מיסל", „ניעדעליאַ", „וועסטניק יעוורָאָפּי" אאַ.).

פרוגס נאָמען ווערט באַוווּסט בא דער ייִדישער אינטעליגענץ, אין די רוסישע ליטעראַרישע קרײַזן, און מע לאַדט אים אײַן קיין פּעטערבורג, וווּהין ער איז אין 1881 אַריבערגעפאָרן. דער אופהאַלט אין פּעטערבורג האָט שטאַרק פאַרטיפט זײַן טראַגישע שטימונג. קיין רעכט אַף וווינען אין דער הויפּט־שטאָט פון דער צאַרישער אימפּעריע האָט ער ניט געהאַט און האָט זיך געמוזט פאַרשרײַבן אַלס א לאַקיי בא איינעם פון די ייִדישע מעצענאַטן, דעם אַדוואָקאַט מאַרק וואַרשאַווסקי, אָבער דער היגער זשאַנדאַרם האָט זיך באַלד דערוווּסט, ווער עס איז אינדערעמעסן וואַרשאַווסקיס נײַער באַדינער און אַרויסגעגעבן א באַפעל, יענער זאָל אין מעשעך פון א מעסלעס פאַרלאָזן פּעטערבורג. אַדאַנק די השתדלעסן פון א ריי מענטשן — רוסישע און ייִדישע — האָט זיך אײַנגעגעבן צו אָפּשאַפן דעם באַפעל, אָבער די געפאַר פון א פּלוצעמדיקער אַרויסזעצונג איז געבליבן, און געווינט האָט פרוג אין פּעטערבורג פּראַקטיש בעסאָד, האַגאַם מע פלעגט אים אופנעמען אַלס א כאַשעוון גאַסט אין עטלעכע באַרימטע סאַלאָנען. צו דעם זײַנען צוגעקומען מאַטעריעלע נויטן און מאָראַלישע איבערלעבונגען. די האָנאָראַרן פאַר דער דיכטונג זײַנען געווען גאַנץ קליינע און דער יונגער דיכטער האָט געמוזט אונטעראַרבעטן אַף פאַרשיידענע ווייניק־באַלוינטע שטעלעס. ניט געקאָנט האָט ער ווי געהעריק אײַנאָרדענען זײַן פּערזענלעך לעבן — ער האָט זיך פאַרליבט אין א דינסטמיידל, א רוסישער, און אויספירעמען זייער חתונה האָט דאָס פּאַרפאָלק ניט געקענט, לויט די דעמלטיקע צאַרישע געזעצן האָט די קאַלע ניט געטאָרט זיך מעגייַער זײַן.

אין 1885 גייט אַרויס אַף רוסיש פרוגס ערשטע לידער־זאַמלונג, וועלכע איז זייער וואַרעם באַגעגנט געוואָרן מיצאַד דער קריטיק, מע האָט אים גלײַך צוגערעכנט צום דאָר דיכטער, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין דער רוסישער פּאָעזיע אין די זיבעציקער—אַכציקער יאָרן, — די „פּאָעטן פון שמערץ". דאָס זײַנען קודעמקאָל סעמיאָן נאַדסאָן (זײַן ערשטע זאַמלונג לידער איז אַרויס אינעם זעלבן 1885 יאָר), ניקאָלײַ מינסקי און אַנדערע. די טעמע פון וועלט־שמערץ איז שוין פון לאַנג געווען פאַרשפּרייט אין דער רוסישער פּאָעזיע, און ניט נאָר אין דער רוסישער.

האַגאַם די אָנגערופענע דיכטער — נאַדסאָן, מינסקי — שטאַמען פון ייִדישע מישפּאָכעס, האָבן זיי ניט אָנגערירט די נאַציאָנאַלע טעמע, אין דער צײַט, ווען אין פרוגס דיכטונג האָט זי דאָמינירט. אַדאַנק דעם טאַקע האָט פרוג צוגעצויגן די אופמערקזאַמקײַט. ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער רוסישער פּאָעזיע מאָטיוון, וועלכע האָבן דאָרט נאָך ניט געקלונגען, און אויסגעדריקט זיי מיט גרויסער לײַדנשאַפט.

אין די אַכציקער יאָרן האָט די רעאַקציע אין רוסלאַנד זיך געווענדט אויך צום אַנטיסעמיטיזם. „היט זיך, עס גייט דער זשיד!" — האָט אָפּן געשריבן א. סוּוואָרין אין זײַן צײַטונג „נאָוואָיע ווּרעמיא". און ניט צופעליק האָט זיך אין 1881—1882 איבער א ריי שטעט דורכגעטראָגן א כוואַליע פון ייִדישע פּאָגראָמען. דער אופברויז פון אַנטיסעמיטיזם האָט אַרויסגערופן פּראָטעסטן מיצאַד דער פּראָגרעסיווער רוסישער אינטעליגענץ, ס'זײַנען קעגן אים אַרויסגעטראָטן סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, שעלגונאָוו, מאָרדאָווצעוו און אַנדערע רוסישע שריפטשטעלער.

שימען פרוג האָט פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק געשריבן וועגן די עצעם פּאָגראָמען, אין א ריי לידער שילדערט ער די אונטערדריקטע לאַגע פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס האָט א רײַכע דוירעסדיקע קולטור און וועמען מע פאַרפאָלגט קעסיידער.

פרוג איז געקומען אין דער רוסישער ליטעראַטור ווי א פּאָעט א שטאָלצער און הויך־ערודירטער. זײַנע לידער האָבן באַוויזן, אַז ער איז דורכגעגאַן די שול פון די גרויסע רוסישע דיכטער פּושקין, לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו, געווען באַהאַוונט אין דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער פּאָעזיע (העינריך היינע). אין דער רײַכער רוסישער ליטעראַטור האָט זיך ניט פאַרלאָרן פרוגס שטים, כאָטש זי איז געווען ניט קיין הילכיקע.

די מאָטיוון פון צאַר, פון לײַדן גייען בא פרוגן איבער פון איין ליד אין דער אַנדערער. „לידער פון שמערץ" — הייסט בא אים א באַזונדער ציקל, ווו ער שטרײַכט אונטער: „וועגן אונדזער שמערץ, וועגן אונדזער שאַנד האָב איך געזונגען און קיין ענטפער ניט באַקומען". ער שרײַבט וועגן זײַן פּר־

לער אַנטוישונג אינעם לעבן. ווי נאָדסאָן, פאַלט ער אָפט אַרײַן אין ייִעש. אַזוי וואַריִרט ער די פאַרשפּרייטע אין יענע צײַטן, אין טאָך גענומען, דעקאַדענטישע מאָטיוון פון אייביקן צער.

באַגלײַך דערמיט קאָן מען ניט זאָגן, אַז די פּעסימיסטישע מאָטיוון דאָמינירן אין פרוגס דיכטונג. ווען ער שרײַבט וועגן די אומענדלעכע צאָרעס, שטעלט ער גלײַך די פראַגע — פאַרוואָס איז עס אַזוי? ווי איִעוו, ווענדט ער זיך צום ריבוינע-שעלוילעם — פאַרוואָס? ווו זײַנען די גאָלדענע צײַטן, וועלכע ער האָט צוגעזאָגט, פאַרוואָס קומען זיי ניט אָן? פרוג געפינט ניט קיין ענטפער אויף זײַן פראַגע. ער האַלט אָבער, אַז עס מוז קומען די שאָ פון באַשטראָפונג, און באַשטעטיקט זײַן געדאַנק מיט די געבאָטן פון די ביבלישע נעוויִים.

עס איז ביז גאָר באַדײַטונגספול, וועלכע נעוויִים עס ניצט אויס פרוג. איינע פון זײַנע ערשטע לידער איז געווידמעט ייִרמעיאָהון, זי הייסט „אין טפיסע". אַרײַנגעוואָרפן אין דער גרוב, דיקטירט ייִרמעיאָהו זײַנע נעוויִישע פײַערדיקע ווערטער: עס וועט קומען די שאָ פון באַשטראָפונג. יעשײַע זאָגט בא פרוגן אין דער ליד „צוקונפט": „עס וועט קומען די צײַט, ס'וועט פאַרשווינדן די סינע. אין איין מישפּאָכע, אונטער דער פאָן פון ליכט און פרײַהײַט, וועלן זיך צונויפקלײַבן די פרידלעכע פעלקער, און אויף דער אויפגעלעבטער ערד וועט זיך אײַנשטילן דער געהילך פון בלוטיקע שלאַכטן, זיך אויסלעשן אויף אייביק דער ברען פון פײַנטשאַפט".

א באַזונדערע ליד ווידמעט פרוג אַמאָסן — דעם נאָווי-פּאַסטעך, וועלכער ווערט געשילדערט אַלס אַ העראָלד „פון דעם עמעס דעם גרויסן, פון פרײַהײַט און גליק". דער דיכטער ווייסט, אַז די פּלאַמיקע ווענדונגען פון די נעוויִים זײַנען נאָך ניט מעקויִעם געוואָרן. דער איצטיקער פאַר אים צײַט פון מאָרעשכוירע און אומגלויבן שטעלט ער קעגן די העראָיִשע פיגורן פונעם אָוואָר: שימשן האַגיבער („שימשן און גאָליִאַס"), דאָוויד האַמעלעך („שויעל און דאָוויד"). אַזעלכע העלדן געפינט ער ניט נאָר אין דער ביבל, ער ווידמעט, לעמאָשל, אַ ליד פּראָמעטייען, דעם גריכישן טיטאַן.

אינעם בוך „לעגענדעס און מעסוירעס" שטעלט פאַר זיך פרוג אַ ציל צו באַקענען דעם רוסישן לייענער מיט די אוצרעס פונעם ייִדישן פאָלקלאָר. איינע פון די בעסטע לידער אין דער זאַמלונג — „די לעגענדע וועגן דעם קאָס" איז אַדאַנק דער איבערזעצונג פון י.־ל. פּערעצן געוואָרן אַן עכטע ייִדישע פאָלקסליד. דורך דעם לײַדנשאַפטלעכן שמועס פון אַ קינד מיט דער מוטער גיט דער דיכטער איבער זײַן טיפע אַנטוישונג מיטן וועלט-סיידער. דאָס קינד פרעגט בא דער מאַמען, צי עס איז עמעס, אַז „פאַר גאָט דאָרט שטייט אַ בעכער — און ווען מיר מוטשען זיך דאָ שווער, האָט דער גרויסער גאָט ראַכמאָנעס און לאָזט אין קאָס אַרײַן אַ טרער?", און ווען דער קאָס וועט ווערן פול, וועט מאָשיִעך קומען. ס'איז אַזוי, ענטפערט די מאַמע. טאָ ווען זשע וועט דער בעכער ווערן פול? — כידעשט זיך דאָס קינד. „צי איז אָן אַ דנאָ דער בעכער, און מיר וועלן לײַדן אָן אַ סאָף?".

פרוג שילדערט אין אַ פּאָעטישער פאָרם די מײַסעס, וואָס ער האָט געהערט פון דער באָבע, פון דעם זיידן, פון דער ניאַניע. ער לייגט איבער אין רוסישע פערזן די מעגילע עסטער („האָמען"), די טראַגישע געשיכטע פון ייִפטעכס טאָכטער, אַ טאַלמודישע מעסוירע („די לעצטע טרעפונג"), אַ היסטאָרישע לעגענדע („דער קאָרבן"), אַ פאָלקס-מײַסע („דער שאַמעשס טאָכטער"). זײַן אויפפאַסונג איז אַן אַקטיווע. ער מאָלט העראָיִשע געשטאַלטן, קאַמפּס-עפּיזאָדן, וועלכע דאַרפן דינען אַלס אַ מוסטער פאַר דער הײַנטצײַטיקײַט. אַזאַ כאַראַקטער טראָגן די פּאָעמעס „דעבאָרע" און באַזונדערס „שימשנס טויט" — אַ פּאָעמע וועגן נעקאָמע, וועגן גרויִלעכער און הערלעכער נעקאָמע.

די ערשטע זאַמלונג פון פרוגס דיכטונג, וועלכע איז דורכויס געווידמעט דעם גוירל פונעם ייִדישן פאָלק, איז גלײַך באַמערקט געוואָרן אין דער רוסישער ליטעראַטור. אין אַ רײ צײַטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך באַוויזן קלענערע און גרעסערע רעצענזיעס. אָפּמערקנדיק אייניקע פאָרמעלע כעסרוינעס פון דעם יונגן דיכטער, האָט די קריטיק הויך געשעצט זײַן באַגאַבונג. אַ. סקאַביטשעווסקי, לעמאָשל, האָט געשריבן, אַז כאָטש פרוגס קאָל איז ניט קיין הילכיקס, איז ער איינער פון די סאַמע סימפּאַטישע, סאַמע אויפריכטיקע צווישן די הײַנטצײַטיקע דיכטער. ווײַטער באַמערקט דער קריטיקער, אַז פרוגס דיכטונג איז באַגרענעצט מיט דער ייִדישער טעמאַטיק, „און דאָך איז זי פרעמד דעם ענגן נאַציאָנאַליזם".

שימען פרוג האָט בעפירעש אַרײַנגעטראָגן אַ געוויסן צושטײַער אין דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער פּאָעזיע. באַווירקט פון נעקראַסאָווס בירגערלעכער מוזע, האָט ער זיך געווענדט צו די ברייטע רוסישע קרײַזן, זיי זאָלן זיך פאַראינטערעסירן מיט דער אונטערדריקטער לאַגע פונעם ייִדישן פאָלק, פון דעם פאָלק, וואָס האָט געשאַפן אַזעלכע גרויסע גײַסטיקע אוצרעס און ווערט פאַרפאָלגט.

פרוג וואַרפט אויף אויך זײַן אייגענעם פאָלק, אַז עס האָט זיך צוגעוווינט צו דער אונטערדריקטער לאַגע. באַזונדערס לײַדנשאַפטלעך זײַנען זײַנע פאָרוואורפן דער ייִדישער יוגנט, וועלכע האָט שוין „זקײַנישע נעשאָמעס", זי זעט „אין יעדן דראַנג אַן אומזין" און נעמט אויף יעדע ליכטיקע האָפענונג „אַלס אַ פּרוכטלאָזן ברויז". ער האָט, זעט אויס, דערפילט, אַז זײַנע ווענדונגען באַקומען ניט קיין אָפּקלאַנג, זיי דערגייען פּשוט ניט צום פאָלק, און ער האָט באַשלאָסן ווענדן זיך צום פאָלק אויף מאַמע-לאָשן. רוסיש פאַרלאָזט ער ניט, פאַרעפנטלעכט נאָך צוויי זאַמלונגען פּאָעטישע און פּראָזאַיִשע ווערק, וועלכע האָבן, אַגעוו, ניט באַקומען אַזעלכע פּאָזיטיווע אָפּרופן, ווי זײַן ערשטער בוך, און אײַנצײַטיק פאַרפאַסט ער פיל ווערק אויף ייִדיש. מע קאָן ניט זאָגן, אַז ס'איז געווען אַן אומדערוואַרטער איבערגאַנג. איך מיין, אַז פאַר פרוגן איז עס געווען גאַנץ אָרגאַניש. אין ייִדיש איז ער דערצויגן געוואָרן, אָבער ניט געהאַלטן ייִדיש פאַר אַ ליטעראַרישער שפּראַך. ווי פאַר פיל אַנדערע, איז ייִדיש פאַר אים אַ זשאַרגאָן, וואָס טויג בלויז

פאר מינדלעכן פארקער. אפילע ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן פארפאסן יידישע לידער און פעליעטאָנען, טרעט ער ארויס קעגן יידיש אלס ליטערארישע שפראך. אין 1889 פארעפנטלעכט ער אין דער וואָכנבלאט „וואָסכאָד" אן ארטיקל „א שטורעם אין א גלאָז וואסער", ווו ער לייקנט קאטעגאָריש אָפּ דעם פארלאנג צו קולטיווירן יידיש.

זיינע אידעאָלאָגישע און עסטעטישע אָנשויונגען זיינען זייער אָפט ווידערשפרעכלעכע, צומאָל אפילע צווישן זיך קעגנזעצלעכע, און ער אליין באהאלט ניט אויס די ווידערשפרוכן. פונדעסטוועגן, טראָץ דעם, קאָן מען נישט ניט זען, אז ער האָט טאָמיד געזוכט זיין וועג צום פאָלק, דער ווילזיין פונעם פאָלק איז געווען דער העכסטער ציל פון זיין טעטיקייט און שאפונג. מיט דעם דערקלערט זיך זיין איבערגאנג אף יידיש. פרוגס א גוטער פריינט, דער שרייבער דאָוויד פרישמאן, דערמאָנענדיק די ערשטע פעטערבורגער יאָרן פונעם דיכטער, באמערקט, אז „ער האָט געכאָלעמט אף איין שפראך און געשריבן אף דער צווייטער". פרישמאן האָט דערזען אין דער צווייִשפראכיקייט א טראגעדיע, וועלכע פלעגט ווערן אלץ גרעסער, ווייל „אין דער דאָזיקער צווייטער שפראך ווערסטו א מייסטער און שרייבסט אף איר אזוי וואונדערבאר־שיין". עפשער איז די צווייִשפראכיקייט גאָר ניט געווען קיין טראגעדיע פאר פרוגן, אין רוסיש האָט ער געשריבן לייכט, אָן קיין שום אָנשטרענגונגען, און געפונען פאר זיך א ברייטע אאודיטאָריע, אָבער ניט געקוקט דערויף האָט אים געצויגן צו דעם מאמע־לאָשן. אינגיכן האָט ער איבערגעביטן זיין מיינונג וועגן יידיש. באטראכטנדיק דעם צושטאנד פון דער דעמאָלטיקער יידישער דיכטונג, האָט ער אין 1909 יאָר געשריבן: „אָרעמע, עלנטע יידישע ליד! ווו איז דיין זיסער פרילינג, דיין ליכטיקער פרימאָרגן, די פרישע שטאָלצע יוגנט דיינע?" שטעלנדיק אזעלכע פראגעס, רופט ער אויס צום סאָף: „לעבן און בליען און וואקסן און קלינגען זאָל די אָרעמע, עלנטע יידישע ליד!"

אין דעם, וואָס די יידישע פאָעזיע האָט זיך אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט אזוי שיין און פארשיידנארטיק פאנאנדערגעבליט, איז פאראן אויך פרוגס פארדינסט. עס איז אפילע ארויסגעזאָגט א מיינונג, אז פרוגס אופטו קאָן מען פארגלייכן מיט מענדעלעס: דאָס, וואָס מענדעלע האָט אופגעטאָן אין דער יידישער פראָזע, האָט פרוג אופגעטאָן אין דער פאָעזיע. זיכער איז עס איבערגעטריבן. אָבער פרוגס ביישטייער דארף מען אויך ניט פארמינערן, פון אים הייבט זיך אָן א ניי בלעטל אין דער יידישער דיכטונג.

פון אָנפאנג האָט פרוג איבערגעזעצט אין יידיש אייניקע זיינע רוסישע לידער. אים האָט זיך עס איינגעגעבן, און ער האָט גענומען שרייבן אויך אָריגינעלע ווערק אין יידיש. אין 1883 ווערט פארעפנטלעכט זיין ערשטע יידישע ליד — „דאָס יידיש קינד". אין איר הערן זיך די זעלבע מאָטיוון, וועלכע דער דיכטער האָט פריער אויסגעדריקט אין רוסיש. ביטער איז דאָס לידעלע, וואָס די מאמע זינגט באם וויגל, עס הערן זיך בלויז „טיפע זיפצן, הייסע טרערן" און די צוקונפט איז פארן קינד אויך א טרויעריקע:

און פון וויגל ביז צום קייווער
אף דעם לאנגן וועג,
וואקסן גאנצע וועלדער צאָרעס
אָן א ברעג.

אין דער באמערקונג פון דער רעדאקציע, מיט וועלכער ס'איז געווען באגלייט די פובליקאציע פון דער ליד, אין ספעקטאָרס „הויז־פריינד", איז ספעציעל אונטערגעשטראָכן, אז ס'איז ניט קיין איבערזעצונג, נאָר „אָריגינעל אָנגעשריבן אין יידיש פונעם בארימטן רוסישן פאָעט ש. פרוג". לויט דער דאָזיקער ליד קאָן מען ניט זאָגן, אז דער מעכאבער איז אן אָנפאנגער. זי קלינגט פאָשעט, נאטירלעך, ווילקלאנגיק און ריטמיש, דערמאָנט א וויגליד, דעם זשאנער, וואָס איז שטארק געווען פארשפרייט אינעם יידישן פאָלקלאָר. ניט צופעליק איז זי גלייך באמערקט געוואָרן. אין שאָלעם־אלייכעמס „פאָלקס־ביבליאָטעק" איז געווען אָפגעדרוקט א רעצענזיע אף דעם באנד „הויז־פריינד", ווו א באזונדערע שטעלע איז געווידמעט פרוגן: „די אלע, וואָס מאכן כויזעק פונעם זשארגאָן־לאָשן, דארפן פרוגס שירים לעזן, וועלן זיי קיין מויל ניט עפענען. יאָ, — אונדזער זשארגאָנישע ליטעראטור מעג שטאָלצירן מיט אזא ליכטיקן שטערן, וואָס באשיינט אונדז דאָס לעצטע יאָר".

פרוגן האָט גלייך באמערקט אויך י.־ל. פערעץ, וועלכער פארעפנטלעכט אין דער „יידישער ביבליאָטעק" די איבערזעצונג פון דער „לעגענדע וועגן דעם קאָס". שאָלעם־אלייכעם דרוקט אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" זיין ליד „א בלעטל ווידוי".

אין 1891 באזוכט פרוג אָדעס, ווו ער באפריינדעט זיך מיט די יידישע שרייבער, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, אין דער ערשטער ריי — מיט מענדעלע מויכער־ספאָרימען. מענדעלעס ווערק, וועלכע פרוג האָט גוט געקענט, מענדעלעס אויסזען האָבן געמאכט אף אים אן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. ער ווידמעט מענדעלען א ליד, וואָס איז אָנגערופן „דער אָדלער":

זיין הארץ ווייסט פון שרעק ניט
זיין קאָפ ניט געבויגן,
ניט פינטלענדיק קוקן אין הימל אריין
די ליכטיקע אָדלערשע אויגן.

נאָך א גרעסער לויב־געזאנג לעקאָוועד מענדעלען איז פרוגס רעדע, וועלכע ער האָט געהאלטן אפן אָוונט, געווידמעט דעם 75־יאָריקן געבורטסטאָג פונעם גרויסן שרייבער: „דורך דעם פארקישעפטן, פארוישטן יידישן וואלד האָט איר דער ערשטער א שטעגעלע דורכגעטראָטן, און פונעם שטעגעלע איז א גרויסער ברייטער שליאך געוואָרן". באזונדערס האָט פרוג אָפגעמערקט די ראָליע פון מענדעלען אין שאפן די ליטערארישע יידישע שפראך. מענדעלען האָט פרוג געווידמעט נאָך א ליד — „מוישע ראביינוס קייווער". די שאפונג פונעם זיידן

האָט באַגײַסטערט פרוגן און געהאַט אַן אַנטשיידנדע ווירקונג אַף זײַן ווײַטערדיקן וועג אין דער ליטעראַטור, אַף אַלע זײַנע ווערק, אָנגעשריבענע סײַ אין רוסיש, סײַ אין ייִדיש.

ווי מענדעלע מויכער־ספֿרים, האָט אויך פרוג געפּרוווט שאַפֿן אַ פּאַראַלגעמיינערט בילד פֿון אַ ייִדיש שטעטל אין טכום־האַמוישעוו, עס הייסט בא אים אַט שמאַינאַווקע, אַט גראַינאַווקע און פיגורירט אין עטלעכע הומאָריסטישע און סאַטירישע דערציילונגען, אָנגעשריבענע אין רוסיש אין די טראַדיציעס פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. „ציז אײַך באַקאַנט דאָס שטעטל גראַינאַווקע?" — מיט אַזאַ ווענדונג צום לייענער הייבט זיך אָן די דערציילונג „אַ געשיכטע פֿון אַ שטעטל". פֿאַרשטייט זיך, ווער ווייסט ניט דאָס דאָזיקע שטעטל, וואָס ברענט צוויי מאָל אין יאָר און צוויי מאָל ווערט עס פֿאַרפֿלייצט. אָבער מער פֿון אַלץ איז דאָס שטעטל באַרימט מיט דעם, וואָס עס איז געלעגן אַף דער גרענעץ פֿון צוויי גובערניעס, פֿון איינער, וועלכע איז אַרײַן אין דעם געבענטשטן טכום־האַמוישעוו, און פֿון דער אַנדערער, שוין אויסער דעם טכום, ווו ייִדן האָבן ניט געטאָרט וווינען, און עס זײַנען איבער דעם געקומען גזיירעס, בלויז גזיירעס.

מענדעלעס ניוואָ האָט פרוג אין די דאָזיקע דערציילונגען ניט דערגרייכט, אָבער זיי באַווײַזן, ווי אין אַ גרויסער מאָס אַדאַנק מענדעלען האָט זיך געביטן דער כאַראַקטער פֿון פרוגס שאַפֿונג, זי איז געוואָרן קאָנקרעטער, אָנגעצילטער. די שאַרף־סאַטירישע דערציילונג „טאַשלעך אָדער אין אַלץ איז שולדיק דער זשידאָווסקער העכט" איז די בעסטע אינעם פּראָזאַישן ציקל „עסקיזן", געשריבן אין רוסיש. זי דערמאָנט סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס באַרימטע מײַסעס און איז אָנגעצילט קעגן דער כוואַליע פֿון אַנטיסעמיטיזם, וועלכע האָט זיך אויפֿגעהויבן אין לאַנד אין די אַכציקער יאָרן. ווי אַ סאַך פֿון סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס מײַסעס, איז פרוגס אויך אַן אַלעגאָרישע, און די אַלעגאָריע איז קלאָר פֿאַר אַלעמען.

אין איינעם אַ לאַנד האָט געפֿלאָסן אַ טײַך, אין וועלכן ס'זײַנען געווען פֿיש — קליינע און גרויסע. ווי ס'פֿירט זיך אייביק, האָט זיך די גרויסע פֿיש געלעבט גוט און די קליינע — שלעכט. און אַט האָט מען אַף די ברעגן פֿונעם טײַך אויפֿגעבויט שטעט און ייִשוווים, פֿאַבריקן און זאַוואָדן, דער טײַך איז געוואָרן פֿאַרשמוציקט. האָבן זיך צונויפֿגעקליבן די פֿיש, קעדיי האַלטן זיך אָן אייצע, וויאַזוי זיך אויסלייזן פֿון דער צאָרע. זיי האָבן געשיקט הישטאַדלעס־שליכים צו די מענטשן און געבעטן ניט פֿאַרקויטיקן דעם ריינעם טײַך. די מענטשן האָבן אויסגעהערט די טײַנעס פֿון די פֿיש, און איינער האָט זיי געענטפֿערט: ס'איז טאַקע עמעס, דער טײַך איז שטאַרק פֿאַרשמוציקט, אָבער שולדיק אין דעם זײַנען די ייִדן, פֿון זיי גייט דער גרעסטער סאַם — זיי קומען אין האַרבסט צום טײַך, טרייסלען זייערע מאַלבושים און וואַרפֿן אַרײַן אין טײַך זייערע כאַטאָיִם. האָט מען באַשלאָסן אויפֿבויען אַ הערבליע — זאָלן די ייִדן פֿאַר דער הערבליע וואַרפֿן זייערע כאַטאָיִם, און מע האָט אַזוי געטאָן. אָבער אומאָפּהענגיק פֿון דעם, איז דער טײַך געוואָרן מיט דער צײַט נאָך מער קויטיק.

די מײַסע פֿאַרענדיקט זיך מיט אַזעלכע ווערטער: „אין דעם גרויסן און טיפֿן טײַך גייען די זאַכן גאָר ניט גוט, און אין דער ענגער און דושנער הערבליע, וועלכע מע האָט ספּעציעל אויסגעטיילט פֿאַר די ייִדן, איז די לאַגע נאָך ערגער...". „אומעטיקע מײַסעס, אומעטיק לעבן", — קאָנסטאַטירט דער מעכאַבער.

אויך אין דער ייִדישער דיכטונג קומען פֿאָר בא פרוגן וויכטיקע ענדערונגען. אין 1896 לאָזט ער אַרויס אין אָדעס זײַן ערשטע זאַמלונג אין ייִדיש „לידער און געדאַנקען". ווען מע לייענט איצט די דאָזיקע זאַמלונג, וואַרפֿן זיך אין די אויגן דײַטשמעריזמען, רוסיזמען. ייִדיש איז פֿאַר פרוגן נאָך אַ זשאַרגאָן („לידער פֿון דעם ייִדישן זשאַרגאָן", הייסט בא אים אַ ציקל). אָבער ווען מע פֿאַרגלײַכט זי מיט דער ייִדישער דיכטונג פֿון יענער צײַט מיט דער מאַסקילישער, דורכויס ראַציאָנאַליסטישער, זעט מען בולעט דעם גרויסן שריט פֿאָרויס, וואָס שימען פרוג האָט געמאַכט. ער האָט געשטעלט פֿאַר זיך אַ ציל פֿאַרוואַנדלען דעם זשאַרגאָן אין אַ פּאָעטישער שפּראַך און איז זיך מוידע, אַז שוין אַכט יאָר האָט ער צו טאָן מיטן „געשמאַקן, טײַערן זשאַרגאָן", פֿאַר וועלכן מע האָט אים אי געלויבט, אי געזידלט:

מיט אַלע קויכעס, מיט דעם לעצטן צאָן,
האָב איך געביסן און געריסן דעם זשאַרגאָן.
געקײַט די ליבע שפּראַך פֿון אונדזער מאַמען,
געפּעפּערט מיט צענזור, געזאַלצט מיט
גראַמען,
צו מאַכן זי אַ ביסעלע כאָטש ווייך...

אין דער ליד „מײַן עפּיטאַפֿיע", פֿונוואַנען ס'זײַנען גענומען די ציטירטע שורעס, פֿאָרמולירט ער זײַן עסטעטישע פּראָגראַם. פֿון אַ ייִדישן דיכטער פֿאָדערט מען געוויינלעך, ער זאָל פֿאַרווײַלן דעם לייענער, מאַכן אים לוסטיקער, אַף וואָס דער דיכטער ענטפֿערט:

איך קען עס ניט, איך קען ניט — ווײ צו מיר!
איך קען קיין ווילדע, קרומע כײנדלעך מאַכן.
איך קען ניט לאַכן, גוואַלד, איך קען ניט לאַכן...

ער קאָן ניט זײַן קיין זאַרגלאָזער באַדכן. אַף זײַן מאַציייווע בעט ער אויסקריצן:

דאָ ליגט באַגראָבן
אַ טיפּעש, אַ מעשוגענער פּאָעט,
אַ ווילדע זאַך, אַ כאָסערדייע, כ'לעבן,
ער האָט געווײנט, געווײנט דאָס גאַנצע לעבן!!!

דאָס געזאָגטע אַנטשפּרעכט ניט פֿולקום דער ווירקלעכקײַט. פרוג שרײַבט:

קינד מײַנס, קינד מײַנס! שווער צו זינגען,
ווען עס רוישט די שטורעם־נאַכט —

דוען, ווי גלעקער, קייטן קלינגען,
און דער בייזער טאליען לאכט!..

דאָס איז גאָר אַן אַנדער קער פונעם אָנגעווייטיקטן געפיל. דער דיכטער האָט דערהערט די קלאַנגען פון אַ שטורעם, זײַן מוזע ווערט הילכיקער און מוטיקער.

זוכנדיק אַן אידעאַל, אַן אידעאַל אַ רעאַלן, האָט פרוג מיט אַנדערע אויגן אַ קוק געטאָן אַף זײַנע לאַנדסלײַט, אַף די פויערים פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניע, אַף זייער לעבן, אַף דער נאַטור, וואָס רינגלט זיי אַרום. ער שרײַבט אַ ריי לירישע לידער, אין וועלכע ער באַזינגט דעם סטעפ, די שווערע פראַצע פון די ערדאַרבעטער. שימען פרוג האָט אַרײַנגעטראָגן אין דער ייִדישער פּאָעזיע דעם גערוך פון אויפגעאַקערטער ערד, פון שמעקנדיקע גראָזן, די קלאַנגען פונעם דאָרפישן לעבן, די פאַרבן פון בליִענדיקע פעלדער. דאָס זײַנען געווען פרישע לידער, וועלכע האָבן באַפרוכפּערט די ייִדישע דיכטונג. ביז אַדהײַעם מאַכן זיי אַ טיפן אײַנדרוק. פרוג מאָלט פּרעכטיקע נאַטורבילדער, און פאַר יעדן בילד געפינט ער אַנטשפּרעכיקע פאַרבן, קלאַנגען. אין דער ליד „אַ זומערנאַכט" איז דער נוסעך אַ רויִקער, אַ דערציילערישער, דער דיכטער גיט איבער זײַנע באַאָבאַכטונגען. גאָר אַן אַנדער נוסעך, אַ דינאַמישער, אַ ברויזיק־פריידיקער, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער „פרילינגס־ליד":

עס וואָרעמט זיך, עס פּיעשטשעט זיך
דאָס גרינע אַקער־פעלד,
עס שפּראָצט אַרויס דאָס קערנדל,
דערזעט די ליבע וועלט,
דערפילט די זון די ליכטיקע,
דעם פרישן פרײַען ווינט,
ציט זיך צו דער הימל־שײַן
און קוויקט זיך ווי אַ קינד...

פרוג שאַפט רעאַליסטישע לידער וועגן דער שווערער און פריידיקער מי פון די פויערים, דערמאָנט זײַן דערפל באַבראָווי קוט, וואָס ער האָט פאַרלאָזט — „מײַן סאָכע איז די פעדער, מײַן פעלד איז דאָס פּאַפּיר", — אָבער ער איז געבליבן דער זעלבער האָרעפּאַשניק (די ליד איז אָנגערופן „אַ מײַסעלע פון אַ געוועזענעם ערדאַרבעטער"), און זײַן גורל איז דער זעלבער — אַ טרויעריקער. מיט אַנדערע אויגן נעמט ער איצט אויף דעם גורל פון די אַרבעטנדיקע, ער האָט דערזען אין זיי די שעפער פון אַלע מאַטעריעלע ווערטן, אַף זיי האַלט זיך אויף דער וווילזײַן פון דער וועלט. דער דיכטער שאַפט אַ הימן דער אַרבעט, די פּאָשעטע האָרעפּאַשניקעס:

אַ לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן, ליבנדיק, הייס!
געזונט זאָלן זײַן די הענט מיט מאָזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווייס!

„די ליד פון דער אַרבעט" באַווײַזט, אַז פרוג האָט געפונען אין זיך מוט און קויעך, אויב ניט פולקום גוויוער צו זײַן די פּעסימיסטישע שטימונגען, איז אָפּווענדן זיך פון זיי. אין די אַרבעטנדיקע האָט ער דערזען ניט בלויז קאָרבאָנעס פון אומענדלעכער נויט, נאָר מענטשן שטאָלצע, וועמען עס שטייט פאַר אַ גרויסע מיסיע!

דער סערפּ איז פון שטאָל, די סאָכע פון אײַזן,
קיין צירונג קיין גרויסע זײַנען זיי ניט;
אין זיי אָבער ליגט אונדזער קראַפט, אונדזער לעבן,
אָן זיי איז אוממעגלעך איין־איינציקער טריט.

אַזעלכע מונטערע לידער האָט שימען פרוג פריִער ניט געשריבן. און ניט אומזיסט האָט „די ליד פון דער אַרבעט" געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין פאָלק און איז געוואָרן פאַרשפּרייט אין די רעוואָלוציאָנערע קרײַזן.

אַזאַ גורל האָט געהאַט אויך די ליד „די פאָן", אַ זייער אָריגינעלע לויטן פאַרטראַכט, לויט דער סטרוקטור. אַלע ווייטיקן און פּלאָגן, אַלע וווּנדן און צאָרעס פונעם פאָלק האָט אין זיך „די רויטע פעדעם אײַנגעוועבט", די פלאַטערנדיקע פאָן איז אַ סימבאָל פון קאַמף פאַר דער ליכטיקער צוקונפט.

אין דער זעלבער צײַט שאַפט פרוג אויך סאַטירישע ווערק, אין וועלכע ער דעקט אויף די שלעכטע מידעס פון זײַן צײַט, אין דער ערשטער ריי — די זײַטן פון דער בורזשואַזיע, ריכטיקער געזאָגט,— איר אומזיטלעכקײַט. אין דער דערציילונג „אָפּסנײַ" איז געשילדערט אַ געוויסער פּישקין — „אַ מענטש אַ געשיקטער, פון גאָרנישט האָט ער גאַנצע אַשירעס געמאַכט און איז געוואָרן, קאָן מען זאָגן, דער ערשטער מענטש אין שטעטל". אַ פאַראַלגעמיינערט סאַטיריש בילד פון דער הײַנטצײַטיקער בורזשואַזיע איז געגעבן אין דער ליד „דרײַ", אין טאָך אַ קלייניקע פּאָעמע וועגן דרײַ דורעס פון דער באַוווּסטער מענדעלסאָן־מישפּאָכע. דער אָנהייבער, דער עלטערזיידע איז געווען מוישע מענדעלסאָן, פון אים האָט זיך אָוועקגעצויגן „די ריינע שײַן". דער צווייטער — דער וועלט־באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקאַנט פעליקס מענדעלסאָן־באַרטאָלדי, אין וועמענס מוזיק האָט געפונען אַ טרייסט אויך דער „פאַרקלאָגטער, קראַנקער ייִד". אָבער דער אַקצענט אין דער ליד איז אַף דעם דריטן טייל — „דאָס אייניקל", וועלכער נייטיקט זיך ניט אין קיין שום פילאָסאָפיע, אין קיין שום מוזיק, זײַן „פירמאַ מענדעלסאָן־קאָמפּאַניע פלאַמט און פינקלט, גלאַנצט און שײַנט". ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דער שפּאָגל־נײַער פילאָסאָפיע: „בלוט איז געלט, געלט איז בלוט".

אַזוי אַרום, האָט זיך שימען פרוג אין סאָף פונעם 19־טן יה. אַרויסבאַוויזן אַלס אַ דיכטער אַ שאַרף סאָציאַלער. בײַגעקומען דעם ייִעש, רופט ער מיט היספּײַלעס די יוגנט „פאָרויס":

„וואָלקנס שוועבן אַף דעם אָפּגרונט,
שווער אין שטורעם איז דאָס שווימען.
נאָר פאָרויס מיט האָפענונג, ברידער!" —

זינגען פֿרישע יונגע שטימען,
יונגע זיסע שטימען זינגען,
און איך זינג מיט זיי צוזאַמען.

ער האָט באַ זיך אין דער נעשאָמע דערפֿילט „נײַע קרעפֿטן, נײַע פֿלאַמען“.

די דאָזיקע און אַ רײ אַנדערע לידער זײַנען הייס אויפֿגענומען געוואָרן מיצאַד די יונגע ייִדישע פּראָלעטאַרישע דיכטער דאָוויד עדעלשטאַט, מאָריס ראָזענפֿעלד. עס איז פֿעסטגעשטעלט, אַז שימען פֿרוג האָט געהאַט אַ געוויסע האַשפּאָע אויף דער שאַפֿונג פֿון י.־ל. פּערעצן, אַווראָם רייזענען, ביאַליקן און באַזונדערס — אויף דעם פֿאָלגנדיקן דאָר ייִדישע דיכטער, אויף מ. ל. האַלפּערנען, מאַני לייבן און אויף אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער דיכטונג פֿונעם 20־טן יה.

זײַענדיק אַ פּאָעט אַ זייער פּילבאַרער, האָט זיך שימען פֿרוג צוגעהערט צום רעוואָליוציאָנערן שטורעם, וואָס האָט געהילכט אין דער אַרומיקער ווירקלעכקײַט. אים אינטערעסירט שוין ניט נאָר די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און נאַציאָנאַלע באַפֿרײַונג פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, נאָר די באַפֿרײַונג פֿון אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער. אים דאַכט זיך אַפֿילע, אַז די פֿינצטערע קויכעס האָבן שוין געכאַפּט אַ מאַפּאָלע.

איר הערט, כאַווײרים, ער טרעט אָפּ,
ער, אונדזער טאַליען און רעציייעך,
וואָס האָט געאָטעמט מיטן רויך
פֿון בלוט און סריפֿעס... ער טרעט אָפּ!
אַ סאָף איז צו אים געקומען —
און אַשמעדײַ באַקרוינט זײַן קאָפּ
מיט געהענעם־בלומען...

אָבער ניין, פֿאַרענדיקט ער זײַן יישועו־האַדאָס אין דער ליד „דער רויטער קראַנץ“, — עס „הערשן נאָך פּרײַ, פֿון עק ביז עק די שאַרפֿע האַק, די הויכע טליִע...“ די רעוואָליוציע פֿונעם 1905 יאָר איז דערשטיקט, די רעאַקציאָנערע קויכעס האָבן גענומען דעם אויבנאָן, און פֿרוג, ווי פֿיל אַנדערע דיכטער פֿון רוסלאַנד, איז ווידער אַנטוישט, ווידער לעבן באַ אים אויף מאָרעשכוירעדיקע טעמעס פֿון אייביקן לייד און שמערץ.

כוץ דעם, זײַנען געקומען שווערע צײַטן אין דעם דיכטערס פּערזענלעך לעבן. דאָס יאָגן זיך נאָך פּאַרדינסטן, דער פֿאַרבאָט צו וווינען אין פּעטערבורג האָט נישט געקאָנט ניט האָבן אַן אײַנפֿלוס אויף זײַן שאַפֿונג.

אין 1909 פּאָרט ער אַריבער קיין אָדעס. אויסערלעך איז זײַן לעבן אין אָט דער שטאָט געוואָרן אַ ביסל בעסער, ער האָט געטראָפֿן אַ רײַכע ייִדישע קולטורעלע סוויווע בעראָש מיט מענדעלען און ביאַליקן. דאָרט איז פֿײַערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן זײַן 50־ער געבורטסטאָג. עס גייען אַרויס „אַלע שריפֿטן פֿון ש. פֿרוג“ (דרײַ בענדער אין ייִדיש און זעקס אין רוסיש). דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געקאָנט פֿאַרשטעלן זײַנע אינערלעכע מאָראַלישע מאַטערנישן. דעם אָנשפּאַר, וועלכן ער האָט געפֿונען — די טעמע וועגן די אַרבעטנדיקע מענטשן, האָט ער פֿאַרלאָזט און זיך ווײַטער גענומען פֿאַר די טעמעס, וועלכע ער האָט פֿריִער שוין באַאַרבעט.

ער שרײַבט אין רוסיש נײַע „לעגענדעס פֿון גאַניידן“, „מיזרעך־לעגענדעס“, נײַע באַלאַדעס און מײַסעלעך, אין וועלכע ער כאַזערט איבער די באַקאַנטע מאָטיוון. אויב אין די אַכציקער יאָרן זײַנען זיי פֿאַרן לייענער געווען אַן אַנטדעקונג, וואַריִירט ער איצט דאָס פֿריִער געפֿונענע, און די מיטצײַטלער האָבן באַמערקט, אַז אין די ווערק איז „ניטאָ קיין טראָט פֿאָרויס, האַגאַם עס איז ניטאָ קיין ירידע פֿונעם טאַלאַנט“[1].

שימען פֿרוגס דיכטונג איז קיינמאָל ניט געווען אייניקהײַטלעך, און צום סאָף האָבן זיך די ווידערשפּרוכן נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט. ער שאַפֿט נאָך איין ציקל „לידער פֿון אָרעמקײַט“, קיין אויסגאַנג זעט ער ניט. ס׳באַהערשט אים נאָכאַמאָל אַ טיפֿע טראַגיק.

אין די לעצטע צען יאָר פֿון זײַן לעבן ווענדט ער זיך צו דער ציִעניסטישער באַוועגונג. מע דאַרף גלײַך זאָגן, אַז קיין קאָנסעקווענטער ציִעניסט איז ער ניט געווען, ס׳האָט אים געצויגן צו דעם לאַנד פֿון די אָוועס, ווײַל ער איז געווען פֿאַרכאַפּט מיט דער אוראַלטער ייִדישער קולטור, מיט דער וועלט פֿון דער ביבל. ער שרײַבט אָן אויף רוסיש צוויי נײַע ציקלען לידער „ציאָנידן“ („ציִען־שירים“) און „לידער פֿון אויסגאַנג“. ווי מע האָט שוין פֿון לאַנג באַמערקט, זײַנען זיי די שוואַכסטע אין פֿרוגס דיכטונג[2] — אַבסטראַקטע, צווייטמאָליקע.

פֿאַר זײַן היימלאַנד האָט פֿרוג געהאַלטן רוסלאַנד, „איך בין אַ רוסישער, — דערקלערט ער אין זײַנע „לידער פֿון צאַר“, — פֿון די ערשטע מײַנע טעג האָב איך ניט געזען קיין פֿעלדער אַנדערע, קיין אַנדער ניגן ניט געהערט. איך בין אַ רוס, מיט רוסלאַנד אייניינעם האָב איך געקרענקט מיט אַ מאַטערנדיקן ווייטיק...“

שימען פֿרוג האָט געיאַרשנט ניט נאָר די טראַדיציעס פֿון די גרויסע רוסישע פּאָעטן פּושקין, לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו, ער האָט זיך פֿאַרנייגט אויך פֿאַר דעם אוקראַיִנישן קאָבזאַר טאַראַס שעווטשענקאָ, וועמענס ליכטיקן אָנדענק ער האָט געווידמעט אַ גרויסע ליד.

דער סאָף פֿון פֿרוגס לעבן איז געווען זייער אַ שווערער: דאַכקעס, פֿיזישע און מאָראַלישע ווייטיקן. געשטאָרבן איז ער אין אָדעס דעם 9 (22) סענטיאַבער 1916.

---

[1] Л. Меньшин, Очерки русской поэзии, 1904, стр. 294.

[2] זע: ראַוויטש, ש. ש. פֿרוג, אַ סקיצע פֿון זײַן לעבן און שאַפֿן, וואַרשע, 1922; מ. פּינעס, די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואַרשע, 1912.

באָריס גערשמאַן

סוידעס פון מײַן באַרוף

אײדער זיך נעמען פאַר דער פען און אָנשרײַבן די דאָזיקע נאָטיצן, האָב איך לאַנג געטראַכט, און סאָפּקאָלסאָף האָבן פרײַנט און כאַווײרים מיך אײַנגערעדט, איך זאָל עפּעס אָנשרײַבן וועגן מײַן העכער פערציקיאָריקער דערפאַרונג פון א ייִדישן קאָרעקטאָר.

פון וואָס אָנהײבן? שרײַבן אין דער פאָרם פון זיכרוינעס ווילט זיך ניט. און איך האָב באַקלערט, אַז מע דאַרף שרײַבן וועגן א קאָרעקטאָר, ווי וועגן א מענטשן, וואָס קאָן דערצײלן וועגן פּראָטים און סוידעס אין אָט דעם פאַך.

זײַן א קאָרעקטאָר איז ניט פון די גרינגע זאַכן. ניט אַלע מענטשן, וועלכע ווײסן גוט די שפּראַך, אַפילע אויסגעצײכנט, קאָנען זײַן קאָרעקטאָרן.

דאָס וואָרט „קאָרעקטור" נעמט זיך פונעם לאַטײַנישן correctura, ד.ה. אויסבעסערן, פאַריכטן טעקסטן אין א באַליביקער געדרוקטער אויסגאַבע. דעריבער דאַרף א קאָרעקטאָר זײַן אַן אַבסאָליוט גראַמאַטנער מענטש, זאָל אויך זײַן באַהאַוונט אין קאָלערלײ קענטענישן, האָבן געדולד, זײַן אויפמערקזאַם, קאָנצענטרירט אדג. קאָרעקטאָרן ווערן ניט געבוירן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע פּראָפעסיעס.

איך, לעמאָשל, בין געוואָרן א קאָרעקטאָר צופעליק. אינקורצן וועל איך דערצײלן, וואָס פאַר א וועג איך האָב דורכגעמאַכט, ביז כ'בין געקומען צו אָט דעם פאַך.

...אין אײנעם א כמאַרנעם אינדערפרי בין איך געקומען פון קאַזאַן קײן מאָסקווע נאָך דער הײלונג אין האָספּיטאַל, ווו איך בין געלעגן, א פאַרווונדעטער אַפן פראָנט. פונעם הימל האָט ווי דורך א זיפּ געשפּריצט א דריבנער נודנער רעגן. די גאַסן זײַנען געווען אײַנגעהילט אין נאַסקײַט. כמורנע מענטשן האָבן געזוכט ערטער, וווּהין זיך אויסבאַהאַלטן.

איך בין געשטאַנען אַפן פּעראָן און געטראַכט, וווּהין זיך אַהינטאָן. לאַנג שטײן און קלערן אונטערן אײַנגעגעסענעם רעגן איז געווען ניט אָנגענעם. איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט צו דער סטאַנציע פונעם מעטראָ — באַשלאָסן צופאָרן צו מײַן שוועסטערקינד קײן איזמײַלאָוואָ.

געקומען בין איך אַהין אַזײגער עלף אינדערפרי. ס'האָט מיך באַגעגנט דאָס שוועסטערקינד מיט א געוויין, קוים זי אָפּגעמינטערט. איר מאַן איז אומגעקומען אַפן פראָנט, זי איז געבליבן מיט א קלײן קינד אַף די הענט. איר שטיבל, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי קלײנע צימערלעך, איז געווען אײַנגעהילט אין בײמער, אַף וועלכע ס'האָבן ווו־ביט־ווו זיך באַוויזן קנאָספּן — אַן אָנזאָג אַף א פּריִען זומער. דערווײַל האָב איך אויסגעטאָן די שינעל, אַוועקגעלײגט דאָס רוקזעקל און געקומען א ביסל צו־זיך. בײַסן איבערבײַסן האָבן מיר געהאַלטן אין אײן רײדן, דערמאָנט די נאָענטע און קרויווים, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין די געטאָס און אַף די פראָנטן. דאַכט זיך, אַז מיר האָבן שוין אַלץ אַרומגערעדט, שוין צײַט זיך גײן אָפּרוען, זיך לײגן שלאָפן.

אינדערפרי, בײַסן פרישטיק, האָט מיך מײַן שוועסטערקינד, ליזע, א פרעג געטאָן:

— וואָס קלײַבסטו זיך טאָן ווײַטער? אַף דער בינע וועסטו שוין מיסטאָמע ניט קאָנען שפּילן, אָן א פוס...

— מירן זיך אָן אײצע האַלטן. איך וועל צופאָרן אין טעאַטער, זיך באַגעגענען מיט די אַקטיאָרן, עפשער וועלן זײ מיר עפּעס אונטערזאָגן.

אין 1941 האָב איך פאַרענדיקט די מאָסקווער ייִדישע טעאַטראַלע שול. נאָך דער פאַנאַנדערטײלונג האָב איך געדאַרפט אָנקומען אינעם ריגער ייִדישן טעאַטער. די מילכאָמע אָבער האָט צעבראָכן אַלע פּלענער. מע האָט שוין געדאַרפט טראַכטן ניט וועגן אָנקומען אין טעאַטער, נאָר וועגן דעם פראָנט... פיר יאָר בין איך געווען אַף דער מילכאָמע, עטלעכע מאָל געווען פאַרווונדעט. זיך אומגעקערט אָן דעם לינקן פוס...

וויפל טעג און נעכט האָב איך געטרוימט, ליגנדיק אינעם האָספּיטאַל, וועגן אומקערן זיך אין טעאַטער! טרוימען, טרוימען... די וואָר אָבער איז געווען שטאַרקער.

און דאָך האָב איך ניט געקאָנט גלײבן, אַז מער וועל איך ניט קאָנען אַרופגײן אַף דער בינע, אָנטײלנעמען אין די ספּעקטאַקלען, אין וועלכע איך בין געווען פאַרנומען, זײַענדיק נאָך א סטודענט פון דער טעאַטראַלער שול.

נאָכן פרישטיק בין איך אַוועקגעפאָרן אין טעאַטער.

מיט האַרצקלאַפּעניש האָב איך זיך אופגעהויבן אַף די אַזוי שטאַרק באַקאַנטע שטײנערנע טרעפּ, וועלכע פירן הינטער די קוליסן. פּונקט דאַן האָט זיך פאַרענדיקט א רעפּעטיציע. פונעם רעפּעטיציע־זאַל איז אַרויסגעגאַן די באַרימטע אַקטריסע סאַרע ראָטבאַום, מײַן געוועזענער פּעדאַגאָג פון אַקטיאָרישער מײַסטערשאַפט. זי האָט מיך גלײַך דערקענט און גענומען וויינען. עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די אַקטיאָרן, מיך אַרומגערינגלט, אָנגעהויבן אויספרעגן. כ'האָב זיך קוים אַרויסגעריסן פונעם קרײַז, בין צוגעגאַנגען צו מיכאָעלסן. ער האָט א קוק געטאָן אַף מיר מיט זײַן דורכדרינגלעכן בליק און נאָך א קלײנער פּויזע א פרעג געטאָן:

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם ליטעראַטור־רעדאַקטאָר און אַווטאָר פונעם זשורנאַל באָריס גערשמאַן מיט זיַין 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אַריכאַס־יאָמים און שעפערישע דערפאָלגן.

— נו, אָפּגעפּראַקטיקט זיך מיטן פראָנט? איך זע, אַז דו האָסט ניט שלעכט מילכאָמע געהאַלטן, — (אַ קוק געטאָן אַף מיַינע באַלוינונגען). — וואָס זשע קליַיבסטו זיך טאָן וויַיטער?

— דעם עמעס געזאָגט, ווייס איך נאָך דערוויַל ניט. עפשער וועט זיך געפינען פאַר מיר עפעס אַן אַרבעט אין טעאַטער?

— גוט. גיי אַריַין צום דירעקטאָר און זאָג אים פון מיַין נאָמען, אַז איך האָב געבעטן אונטערזוכן פאַר דיר אַן אַרבעט, דערנאָך קום אַריַין צו מיר אין קאַבינעט.

איך האָב אים באַדאַנקט און בין אַוועק צום דירעקטאָר.

— ס'איז דאָ אַ וואַקאַנסיע פון אַ פאַרוואַלטער פונעם רעפּערטואַר־אָפּטייל, — האָט ער געזאָגט. — אויב איר זיַיט מאַסקים, גייט אַריַין אין קאַדרען־אָפּטייל, דאָרט וועט מען איַיך אַלץ דערקלערן, און מאָרגן קאָנט איר קומען אַף דער אַרבעט.

די אַרבעט מיַינע איז געווען ניט אַזוי שווער, ווי פאַראַנטוואָרטלעך. מע האָט געדאַרפט צונויפשטעלן יעדן כוידעש דעם רעפּערטואַר, אויסהערגען אָפן טאָוול, ווער און ווען די אַקטיאָרן דאַרפן קומען אַף די פאַרשטייענדיקע רעפּעטיציעס, ווער עס שפּילט היַינט אין ספּעקטאַקל אאַזוו.

קימאַט יעדן טאָג פלעג איך זיך טרעפן מיט סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש מיכאָעלסן, וועלכער האָט מיר איבערגעגעבן די רעשימע פון די רעפּעטיציעס און אָנגעוויזן, ווו זיי דורכפירן — אַף דער בינע צי אין זאַל. באַצויגן האָט ער זיך צו מיר ווי אַ טאַטע, זיך אָנגעפרעגט, צי ס'איז ניט שווער פאַר מיר די אַרבעט, ווו איך וווין, מיט וועמען איך באַגעגן זיך, וועלכע טעאַטערס באַזוך איך אאַזוו.

איַינגיכן איז שלוימע מיכאָעלס אַרויסגעפאָרן קיין מינסק אַלס מיטגליד פונעם קאָמיטעט איבער מעלוכישע פרעמיעס אין געביט פון קונסט, ליטעראַטור און אַרכיטעקטור, און ס'איז צופעליק געשען אַזוי, אַז איך בין געווען אין טעאַטער דערשטער, וואָס האָט זיך דערוווּסט וועגן זיַין טראַגישן אומקום.

אין יענעם טאָג בין איך געזעסן אַלס דעזשורנער אין מיכאָעלסעס אופּנאַם־צימער באַם טעלעפאָן. עס האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער קלונג. כ'האָב אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל און געפרעגט, ווער עס רעדט. ס'האָט זיך דערהערט אַ זייער צערודערט קאָל:

— עס רעדט פעפער, פון מינסק... מיכאָעלס איז אומגעקומען!

באַ מיר האָט אָפּגענומען הענט און פיס, איך האָב ניט געקענט אַרויסריידן קיין וואָרט. קוים געקומען אַ ביסל צו־זיך, האָב איך אַרויסגעשריִען:

— ס'קאָן ניט זיַין!

נאָך אָט דעם אויסגעשריי איז אַריַינגעלאָפן פונעם רעפּעטיציע־זאַל ביניאָמין זוסקין און געמאַכט מיר אַן אויסרייד, לעמיַי איך שטער פירן די רעפּעטיציע. ווען ער האָט אָבער דערזען מיַין בלייך פּאָנעם און די טרערן אין מיַינע אויגן, האָט ער אַרויסגעכאַפּט באַ מיר דאָס טרײַבל און גענומען זיך אָנפרעגן:

— ווער איז באַם טעלעפאָן? פעפער? וואָס איז געשען?

דערהערט פון פעפערן די זעלבע פינצטערע יעדיִע, איז זוסקין ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. די אַקטיאָרן זיַינען אַריַינגעלאָפן פונעם רעפּעטיציע־זאַל.

שווער איז צו באַשרײַבן, וואָס אין טעאַטער האָט זיך אָפּגעטאָן... קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס אַזוינס איז פאָרגעקומען אין מינסק. איינע האָבן געזאָגט, אַז ער איז צוזאַמען מיטן זשורנאַליסט גאָלובאָוו אַריַינגעפאַלן אין אַן אַווטאָמאָביל־אַוואַריע, אַנדערע, אַז מע האָט אים דערהאַרגעט...

אַלנפֿאַלס, קלאַנגען זײַנען געווען פֿאַרשיידענע. ערשט אין אַ צײַט אַרום האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַ ספּעציעל צוגעגרייטע „אַקציע". די בעריִא־לײַט האָבן געוואָלט פֿאַרניכטן די ייִדישע קולטור. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן. פֿיל קולטור־טוער און שרײַבער זײַנען שפּעטער רעפּרעסירט געוואָרן ווי סאָנים פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק...

נאָך מיכאָעלסעס אומקום האָט בעראָש פֿונעם טעאַטער זיך געשטעלט ביניאָמין זוסקין. צוביסלעכווײַז האָט דער טעאַטער אָנגעהויבן זיך שטעלן אַף די פֿיס, קומען צו־זיך. אַזוי האָט געדויערט ביז דער צײַט, ווען מע האָט אָנגעהויבן פֿאַרקירצן די שטאַטן, מיר האָט מען פֿאָרגעלייגט אַן אַנדער אַרבעט, פֿון וועלכער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. אַזוי־אַרום, איז מיר אויסגעקומען צו זוכן אַן אָרט אַף צו אײַנאָרדענען זיך. צו יענער צײַט האָב איך שוין כאַסענע געהאַט און געהאַט אַ קליינינק זונדעלע. וואָס זשע טוט מען ווײַטער?

איך האָב באַשלאָסן זיך האַלטן אַן אײַצע מיט מײַן געוועזענעם לערער פֿון ייִדישער שפּראַך עליע פֿאַלקאָוויטש, דעמלט דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם פֿאַרלאַג „דער עמעס". ער האָט מיר געזאָגט:

— איר קענט דאָך גאָר ניט שלעכט די ייִדישע שפּראַך, ווערט אַ קאָרעקטאָר...

— וואָס הייסט ווערט אַ קאָרעקטאָר? איך ווייס דאָך ניט, מיט וואָס מע עסט דאָס...

— עסן עסט מען דאָס מיט ברויט, — האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפֿערט. — האָט קיין מוירע ניט, די ערשטע צײַט וועל איך אײַך צוהעלפֿן, און ווײַטער וועט אַוועק אַ גאַנג. איך קען דאָך אײַך, ניט אומזיסט האָב איך אײַך פֿיר יאָר געלערנט. קומט מאָרגן אינדערפֿרי צו 8 אַזייגער, און מיר וועלן אָנהייבן אַרבעטן...

עליע פֿאַלקאָוויטש האָט זיך באַצויגן זייער שטרענג צו דער שפּראַך. מע פֿלעג אַמאָל בא אים פֿרעגן:

— פֿאַרוואָס האָט איר אָט דעם סטודענט געשטעלט אַ „פֿיר" און ניט קיין „פֿינף"? ער האָט דאָך גלענצנדיק געענטפֿערט אַף אַלע פֿראַגעס...

אַף דעם האָט ער געענטפֿערט:

— איך אַליין קען ניט די שפּראַך אַף אַ „פֿינף". אַזוי אַז מערער פֿון אַ „פֿיר" איז ניטאָ...

אַף מאָרגן בין איך צו 8 אַזייגער אינדערפֿרי געקומען אין פֿאַרלאַג. פֿאַלקאָוויטש האָט מיך אַרײַנגעפֿירט צום דירעקטאָר לייב סטראָנגין און געזאָגט:

— אָט דער באָכער קאָן ווערן אַ קאָרעקטאָר.

צוביסלעכווײַז האָב איך זיך טאַקע אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט, זי ליב באַקומען. אָן ליבע צו שפּראַך, צו ליטעראַטור איז אַ קאָרעקטאָר קיין קאָרעקטאָר ניט.

אַזוי זײַנען פֿאַרבײַ עטלעכע כאַדאָשים.

אין איינעם אַ שיינעם זומערדיקן טאָג גייט אַרײַן אין דער קאָרעקטאָרסקע דער דירעקטאָר פֿון דער טיפּאָגראַפֿיע באַם פֿאַרלאַג גאָלדבערג און טוט צו מיר אַ זאָג:

— גערשמאַן, לויט סטראָנגינס אָנווײַזונג וועסטו אַריבערגעפֿירט אין דער דרוקערײַ. דאָרט וועסטו טאָן די לעצטע אָפּעראַציעס, נאָך וועלכע דו וועסט אונטערשרײַבן צום דרוק די בויגנס.

איך בין געבליבן געפּלעפֿט. סטײַטש, ווי נעמט מען אַ מענטשן, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט קוים מיט צאָרעס עטלעכע כאַדאָשים, און מע שיקט אים אַף אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט?

— נישקאָשע, וועסט זיך ספּראַווען... איך דאַרף האָבן אַ מענטשן אין דרוקערײַ. פֿאַלקאָוויטש און סטראָנגין האָבן דיך רעקאָמענדירט.

נו, וואָס האָב איך געקאָנט ענטפֿערן? כ'בין געוווינט אויסצופֿילן באַפֿעלן...

אין מײַן פּראַקטישער אַרבעט אַלס קאָרעקטאָר פֿלעגן זיך טרעפֿן אומגעלומפּערטע, פֿאַרדריסלעכע פֿעלערן. עס זײַנען געווען אַזעלכע אַווטאָרן, וועלכע האָבן בִיכלאַל געשריבן מיט פֿיל גרײַזן און די מאַשיניסטקעס האָבן אַליין אַ סאַך אויסגעבעסערט און דורכגעלאָזט. אַזוי אַז מע האָט געדאַרפֿט זײַן זייער פֿאָרזיכטיק. אַ קאָרעקטאָר טאָר ניט דורכלאָזן קיין איין פֿעלער... אויך די רעדאַקטאָרן האָבן אָפֿט ניט אָפּגעהיט די קלאָלים, רעדאַגירט אַ דערציילונג, אַ ראָמאַן, אָדער לידער, ניט באַמערקנדיק גראַמאַטישע פֿעלערן, און צומאָל אַליין זיי געמאַכט. דאָס אַלץ האָט געדאַרפֿט באַמערקן דער קאָרעקטאָר, וועלכער מוז פֿאַרמאָגן צען פּאָר אויגן...

האַקלאַל, איך האָב זיך אײַנגעטאָן אין דער אַרבעט. באַוויזן אָבער האָב איך אָפּאַרבעטן אין דער דרוקערײַ פֿונעם „עמעס"־פֿאַרלאַג בלויז אַכט כאַדאָשים. ס'איז אָנגעקומען די פֿינצטערע צײַט, ווען אין דער אַטמאָספֿער פֿונעם פּערזאָנען־קולט האָט מען די טיפּאָגראַפֿיע צוזאַמען מיטן פֿאַרלאַג ליקווידירט. מע האָט אַלע מיטאַרבעטער אײַנגעאָרדנט אין אַנדערע דרוקערײַען. איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין דער טיפּאָגראַפֿיע „איסקראַ רעוואָליוציִי" (אַגעוו, האָט טאַקע דאָרט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1961 דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"), וווּ איך האָב אָפּגעאַרבעט בעסאַכאַקל 20 יאָר.

בײַס דער אַרבעט אין „איסקראַ רעוואָליוציִי" האָב איך, קאָן מען זאָגן, אַף קיין איין טאָג ניט איבערגעריסן די פֿאַרבינדונג מיט דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". אַפֿילע ווען איך האָב נאָך דער צוואַנציקיאָריקער אַרבעט אין דער טיפּאָגראַפֿיע געאַרבעט אין אַלפֿאַרבאַנדישן טעלעוויזיע־ און ראַדיִאָ־קאָמיטעט אַלס דיקטאָר און איבערזעצער אין דער ייִדישער אַודיציע, האָב איך אויך מיטגעהאָלפֿן די קאָרעקטאָרן פֿון דער רעדאַקציע אַרויסלאָזן צו דער צײַט דעם זשורנאַל.

אין 1981 בין איך אַריבערגעגאַן אַף שטענדיקער אַרבעט אין דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", וווּ איך פֿיר ביז הײַנט די קאָרעקטור. ניט געקוקט אַף מײַנע 70 יאָר, טראַכט איך נאָך ניט אַריבערגיין אַף פּענסיע.

אָט אַזוי, „צופֿעליק", בין איך געוואָרן אַ קאָרעקטאָר...

ווערן אַ קאָרעקטאָר און זײַן אַ קאָרעקטאָר זײַנען צוויי פֿאַרשיידענע זאַכן. ווערן אַ קאָרעקטאָר קאָן יעדער איינער, וואָס פֿאַרענדיקט אַ פּאָליגראַפֿישן אינסטיטוט אָדער טעכניקום. אָבער זײַן אַ

קאָרעקטאָר הייסט — וויסן אַלע סוידעס פונעם פאך. בייס דער ארבעט טרעפן זיך אזעלכע אומגעלומפערטע, פארקריפלטע און פארדריסלעכע פעלערן, אז די האָר שטעלן זיך קאפויר. דאָס זייַנען גרייַזן, וועלכע עס מאכט דער לינאָטיפיסט און דער זעצער. דער קאָרעקטאָר דארף זיי געפינען און אויסבעסערן. עס טרעפן זיך אזעלכע, וועלכע ענדערן אבסאָליוט דעם טאָך און דעם באטייַט פונעם וואָרט, פון דער פראזע. בלויז איין בוכשטאב, וואָס שטייט ניט אויף זייַן אָרט, קאָן פארוואנדלען איין וואָרט אין אן אנדערן. לאָמיר ברענגען א פאָר בייַשפילן, וועלכע באווייַזן פראקטיש, וואָס דערפון באקומט זיך. מירן נעמען, לעמאָשל, דאָס וואָרט „פוטער". אויב אין אָט דעם וואָרט וועט א באליביקער בוכשטאב שטיין ניט אויף זייַן אָרט, וועט זיך באקומען „פוטער", „מוטער", „גוטער", פונעם וואָרט „ביכער" — „גיכער", „זיכער", „וויכער", פונעם וואָרט „ווינט" — „וואנט", „בינט", פונעם וואָרט „שטול" — „שטאל", „שטיל", „שטאָל" אאוו.

ווי כ'האָב שוין אויבן דערמאָנט, טרעפן זיך גרייַזן פארשיידענע: אין ווערטער זייַנען איבערגעשטעלט די בוכשטאבן און עס שאפן זיך אנדערע ווערטער (שטעלט — שטעטל, שטראָם — שטאָרם), עס פעלט אינעם וואָרט אן אָס (שטול — שול, רעוואָליוציע — עוואָליוציע, וואָרט — אָרט, ווערטער — וועטער), ס'האָט זיך באוויזן אן איבעריקער אָס (ברעג — ברענג, אלע — קאלע, כאלע), עס פעלט א פאסעך אונטער צוויי יודן און א קאָמעץ (שיין — שייַן, ניין — נייַן, בייס — בייַס, נאר — נאָר, דאר — דאָר) אאוו. אדג.

די לינאָטיפיסטן פלאָנטערן גאנץ אָפט יענע אויסיעס, וועלכע זייַנען אין געדרוקטן טעקסט ענלעך איינער אפן אנדערן. דאָס זייַנען די בוכשטאבן „פ" און „פּ", „נ" און „ג", „ב" און „כ", „מ" און „ט", „ס" און „ם". אויב דער לינאָטיפיסט גיסט אויס ניט דעם אָס, וואָס מע דארף, באקומט זיך גאָר אן אנדער וואָרט. צום בייַשפיל: פאָלק — פאלק, פּאס — פאס, פייַן — פייַן, ניין — גיין, נאָר — גאָר, ווינט — וויגט, וואנט — וואגט, כיבער — ביכער, הייכן — הייבן, מוט — טוט, מאָל — טאָל, מיר — טיר, איידעס — איידעם, רוס — רום, שויס — שוים אאוו.

אזעלכע מינים פעלערן הייסן „אויגן־פעלערן" (глазные ошибки), וועלכע טרעפן זיך באזונדערס אָפט. דער קאָרעקטאָר דארף זייַן זייער אויפמערקזאם צו אָט די גרייַזן, ווייַל עס ענדערט זיך ניט נאָר דער טאָך און דער באטייַט פונעם וואָרט, אָן אנדער טאָך און באטייַט באקומט צומאָל די גאנצע פראזע.

עס טרעפט גאנץ אָפט, אז דער זעצער שטעלט אריַין די אויסגעבעסערטע שורע ניט אהין, ווו זי דארף שטיין. דער קאָרעקטאָר מוז אין אזא פאל זוכן די דאָזיקע שורע אין אן אנדער אָרט, ווייַל די ניט־אויסגעבעסערטע איז געבליבן דאָרט, ווו געווען. א מענטש, וואָס איז צעשטרייט, ניט אויפמערקזאם, טראכט בעשאסמייַסע וועגן אנדערע זאכן, — ער וועט, פארשטייט זיך, ניט קאָנען זייַן א גוטער קאָרעקטאָר.

לאָמיר, אשטייגער, נעמען דעם פראָצעס פון אויסלייענען דעם אָריגינאל. די מאשיניסטקע קאָן אויך אָפדרוקן, צום בייַשפיל, אָנשטאָט „רעוואָליוציע" — „עוואָליוציע". דער קאָרעקטאָר דארף אומבאדינגט זיך אריַינטראכטן אינעם באטייַט פון דער פראזע, זיך פארוואנדלען צומאָל אין א רעדאקטאָר, די פראזע אויסבעסערן, קעדיי זי זאָל קלינגען לאָגיש, פארשטענדלעך, דייַטלעך.

מיינט ניט, כאָשעווער לייענער, אז איך וואַרף אָן א שרעק אויף די קינפטיקע קאָרעקטאָרן. ניין, דאָס אלץ, וואָס איך האָב אויבן געשריבן, איז בלויז א וואָרענונג, אויף וועלכע פעלערן מע דארף לייגן מערער אכט.

אויסער דעם, וואָס דער קאָרעקטאָר קאָן דורכלאָזן „אויגן־פעלערן", טרעפן זיך נאָך אנדערע מינים גרייַזן: איבערגעפלאָנטערטע שורעס, ווערטער, אויסיעס. דאָס נעמט זיך פון א נאכלעסיקער באציִונג צו דער ארבעט, פון ניט־אויפמערקזאמקייַט. מע טאָר ניט רעדן בעשאסמייַסע מיט עמעצן וועגן אנדערע זאכן, וועלכע האָבן קיין שייַכעס ניט צו קאָרעקטור. אויב אזא מענטש פארנעמט זיך בייס דער ארבעט מיט אָט די אלע זאכן, קאָן ער קיין קאָרעקטאָר ניט זייַן, זאָל ער גלייַך בייַטן זייַן פראָפעסיע, זוכן פאר זיך אן אנדער ארבעט.

ביכלאל דארף מען זאָגן, אז א קאָרעקטאָר, וועלכער ארבעט איבער ביכער, ווערט באריַיכערט אדאנק דער ליטעראטור, וועלכע עס קומט אים אויס צו קאָרעקטירן נאָך איידער זי איז דערגאנגען צום מאסן־לייענער. מיר איז, לעמאָשל, אויסגעקומען צו ארבעטן איבער פיל ביכער פון די ייִדישע קלאסיקער און פון די הייַנטצייַטיקע שריפטשטעלער. דאָס איז א גלענצנדיקע שול אויף צו פארפולקומען די שפראך, דעם קולטורעלן ניוואָ.

איך בין זיכער, אז א יונגער לייענער, וועלכער איז פאראינטערעסירט אין אונדזער ייִדישער ליטעראטור און שפראך, וואָלט געקאָנט ווערן א גוטער קאָרעקטאָר. מיר, דערפארענע קאָרעקטאָרן, וואָלטן געהאָלפן בעסער צו וויסן די „סוידעס" פון דער שפראך, אויסלערנען די צייכנס, מיט וועלכע דער קאָרעקטאָר באניצט זיך. דעריקער — מע דארף וועלן זייַן א קאָרעקטאָר.

דאָס איז זייער אן אינטערעסאנטע ארבעט. דער קאָרעקטאָר באקאנט זיך דער ערשטער מיט נייַ־אָנגעשריבענע ווערק, מיט אָפגעזוכטע מאנוסקריפטן, ער קאָן אליין אָפשאצן דעם אָדער יענעם ראָמאן, די אָדער יענע ליד און ארויסזאָגן דעם אוטאָר זייַן מיינונג נאָך איידער דאָס האָט געטאָן דער פראָפעסיאָנעלער ליטעראטור־קריטיקער. דאָס אליין, וואָס דער אוטאָר רעכנט זיך מיט דער מיינונג פונעם קאָרעקטאָר, רעדט אן און פאר זיך.

אלזאָ, דער קורצער שמועס וועגן קאָרעקטור גייט צום שלום. עפשער וועט עמעצער זיך פאראינטערעסירן מיט אָט דעם פאך, ביטע, שרייַבט אונדז אָן אפן אדרעס פון דער רעדאקציע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". איר וועט באקומען אן אויספירלעכן ענטפער.

לייב ווילסקער

יעהודע האַלייוויס בריוו צו מוישע איבן־עזרא

צווישן די פּערל, וועלכע אונדז האָט געגליקט ביז הײַנט־צו־טאָג צו באַמערקן אין דער צווייטער פירקאָוויטשער זאַמלונג, צייכענען זיך אויס קסאַוויאַדן, וואָס אַנטהאַלטן מאַטעריאַלן פאַר א ספּעציעלן זשאַנער: יעהודע האַלייוויס עפּיסטאָלאַרישע ירושע — זײַנע בריוו, צו וועלכע עס זײַנען געוויינלעך בײַגעלייגט לידער. די דאָזיקע מאַטעריאַלן — אייגנטלעך, קנאַפּע שיראַיִם פון א ביז גאָר רײַכער, מערסטנטייל פאַרפאַלענער קאָרעספּאָנדענץ — זײַנען נאָך מער אינטערעסאַנט אין דעם פּראַט, וואָס זיי האָבן ניט סײַ אין צאָל, סײַ אין קוואַליטעט קיין גלײַכע צו זיך „קאָנקורענטן” אין אַלע באַוווּסטע קסאַוויאַד־זאַמלונגען פון גאָר דער וועלט, אײַנגעשלאָסן אויך די אַנדערע קסאַוויאַד־זאַמלונגען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אז מיר האָבן קיין טאָעס ניט, קאָן אין א געוויסער מאָס, אַלס בײַשפּיל, דינען אויך אונדזער איצטיקע אָפּהאַנדלונג, כאָטש געווידמעט איז זי בלויז אַן איין־און־איינציקן בריוו — דעם בריוו פון יעהודע האַלייווין צו מוישע איבן־עזרא.

דער פולער טעקסט פון יעהודע האַלייוויס בריוו צו מוישע איבן־עזרא, וועלכן מיר פּובליקירן דאָ, שטיצט זיך אַף זעקס מעקוירים: צוויי פון דער טיילאָר־שעכטער־זאַמלונג אין דער קעמברידזשער אוניווער־סיטעט־ביבליאָטעק און פיר פון דער צווייטער פירקאָוויטשער זאַמלונג.

די מאַטעריאַלן פון דער טיילאָר־שעכטער־זאַמלונג

עס האַנדלט זיך וועגן צוויי בלעטער. אַן איינצלנעם בלאַט, וועלכער איז געשריבן בלויז אַף דעם לינקן זײַטל און אַנטהאַלט דעם אָנהייב פונעם בריוו, האָט אַנטדעקט י. דאַווידזאָן (1870—1939) צווישן די געניזע־קסאַוויאַדן פון דער דאָזיקער זאַמלונג. ער האָט אים פּובליקירט אינעם 3־טן באַנד פון דער אויסגאַבע „גנזי שכטר” (שעכטערס אויצרעס, 1928, ז. 319). עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס דער טעקסט פונעם דאָזיקן בלאַט, וועמענס צושטאַנד איז ווײַט ניט קיין אידעאַלער, איז, ניט געקוקט אַף דער אויסערגעוויינלעכער באַהאָוונטקײַט פונעם ארויסגעבער, פּובליקירט געוואָרן מיט אייניקע אומפּינקטלעכקײַטן.

די פאָרזעצונג פונעם בריוו האָט אָפּגעפונען דער פּראָפ. ש. אבראַמסאָן (געב. 1915) אין דער זעלבער זאַמלונג, — אויך אַף אַן איינצלנעם בלאַט, געשריבן אַף ביידע זײַטלעך. דער צושטאַנד פונעם דאָזיקן בלאַט איז נאָך פיל ערגער איידער פון דעם פריקן.

אַפּן סמאַך פון די ביידע בלעטער האָט ש. אבראַמסאָן ארויסגעזאָגט א מיינונג, אַז „די ביידע קסאַוויאַדן שטעלן מיט זיך פאָר א טייל פון יעהודע האַלייוויס א גאַנצן דיוואַן, וועמענס פראַגמענטן זײַנען צעשפּרייט אין פיל ביבליאָטעקן, אַזעלכע ווי קעמברידזש, אָקספאָרד, ניו־יאָרק און ירושאַלאַיִם, און זייערע פאָטאָקאָפּיעס געפינען זיך בא מיר אין די הענט”.

די לעצטע באַהויפּטונג רופט ארויס א צווייפל. שוין די ביידע בלעטער האָבן פון לעבאַטכײַ אָן געהערט צו צוויי פאַרשיידענע קאָפּיעס, געשריבן מיט אַנדערע הענט. דאָ שטימען ניט: ערשטנס, די מאַניר פון שרײַבן פון די אויסיעס ד, ז, ף, ק,

און ש; צווייטנס, דער פּרינציפּ פון פאַרפּולן מיטן טעקסט די לינקע זײַט פון די שורעס; דריטנס, די פּראַפּאַרצן פון דעם רעכטן און לינקן ראַנדן אין פאַרגלײַך מיטן אָרט, וואָס עס פאַרנעמט דער טעקסט; פערטנס, דער נומער 46 איז געשריבן מיט א „בלאַט־היטער" — מיטן וואָרט „הקשיתם", (זע די אויסגאַבע, שורע 31), ד״ה., דער קומענדיקער בלאַט אינעם קסאַוויאַד האָט זיך אומבאַדינגט געזאָלט אָנהייבן מיט דעם זעלבן וואָרט. דאָס איז דאָך געווען אַן אומבאַדינגטער געזעץ בײַ אַלע קאָפּיסטן (און ניט נאָר ייִדישע). אַזוי־אַרום, זײַנען די צוויי בלעטער פון די ביידע קסאַוויאַדן, לויט מײַן באַשיידענער מיינונג, פראַגמענטן פון צוויי פאַרשיידענע קאָפּיעס פון יעהודע האַלייוויס דיוואַנען.

די קסאַוויאַדן פון דער צווייטער פירקאָוויטשער זאַמלונג

דאָ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף פיר ביז הײַנט־צו־טאָג ניט באַוווּסטע אין דער וויסנשאַפט קסאַוויאַדן, וועלכע אַנטהאַלטן, צווישן אַנדערע, פראַגמענטן פון יעהודע האַלייוויס בריוו צו מוישע איבן־עזרא. נומערן 43, 11—105, 1—209 און 4—458. געשריבן זײַנען זיי אויף פּאַפּיר פון מיזרעכדיקער אָפּשטאַמונג אָן וועלכע־ניט־איז וואַסערצייכנס. ווײַזט אויס, זייער מאָקער (אַגעוו, פּונקט ווי דער מאָקער פון די קסאַוויאַדן פון דער טיילאָר־שעכטער־זאַמלונג) איז איינער און דער זעלבער — די קאַירער געניזע. ליידער איז אין קיין איינעם פון די לענינגראַדער קסאַוויאַדן ניט דערהאַלטן געוואָרן ניט דאָס אַראַבישע קעפּל און ניט די ערשטע שורעס פונעם בריוו, וועלכע מיר האָבן צו פאַרדאַנקען אויסשליסלעך דעם קסאַוויאַד נומער 46 פון דער טיילאָר־שעכטער־זאַמלונג און די גלענצנדיקע פאָרשער י. דאַווידזאָן און ש. אַבראַמסאָן.

נאָכן טעקסט פונעם בריוו צו מוישע איבן־עזרא גייט אין אַלע פיר לענינגראַדער קסאַוויאַדן, ווי אינעם קסאַוויאַד 19—2 פון דער טיילאָר־שעכטער־זאַמלונג, אַן אַראַביש קעפּל און דער טעקסט פונעם בריוו, וואָס יעהודע האַלייווי האָט געשריבן אין נאָמען פון איבן־מיגאַש יויסעף האַלייווי — דעם דעמאָלטיקן הויפּט־אויטאָריטעט אויף די געביטן פון דער פילשפּראַכיקער געזעצגעבערישער ליטעראַטור בײַ ייִדן — אַדרעסירט און געשיקט צו די געלערנטע פון דער דאָרעם־פראַנצויזישער שטאָט נאַרבאָנע (זע באַשרײַבונג פון פּ2 43, נומער 2). עמעס, דער אינהאַלט פונעם אַראַבישן קעפּל איז ניט אין אַלע פאַלן אידענטיש.

די באַשרײַבונגען (ווײַטער געקירצט: באַשר.) פון די ווערק אין די דערמאָנטע לענינגראַדער קסאַוויאַדן זײַנען געגעבן אין העסקעם מיט די הויפּט־פּרינציפּן פון דעם מעטאָד, וועלכן מיר האָבן אָנגענומען אין פריִקע אַרבעטן, געדרוקטע אין אונדזער זשורנאַל.

דער קסאַוויאַד פּ2 43 און זײַן אינהאַלט

דער קס. פּ2 43 שטעלט מיט זיך פאָר דעם הויפּט־מאָקער פון דער אויסגאַבע פון יעהודע האַלייוויס בריוו צו מוישע איבן־עזרא. דער קסאַוויאַד באַשטייט פון 56 בלעטער פּאַפּיר 21,5 אויף 14,7 סמ. די גרייס פונעם טעקסט גופע — 15 אויף 9,6 סמ. צו 21 שורעס אויף א זײַטל. אין דער קורצער העברעיִשער באַשרײַבונג, וועלכע ס'האָט געמאַכט פירקאָוויטש, איז פאַראַן א טשיקאַווער זאַץ: „און העיויס די פאָרגעשטעלטע דאָ ווערק, ווי אויך די בלעטער, זײַנען ניט נומערירט און עס פעלן אויך די אַזוי־גערופענע „בלעטער־היטער" אין סאָף פון די בלעטער, ווו עס ווערט אָנגעוויזן דאָס קומענדיקע וואָרט, מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן דער פאָלגנדיקער בלאַט, לייג איך צונויף די בלעטער און די ווערק אַזוי, ווי זיי זײַנען מיר אויסגעפאַלן: איין בלאַט אַהער, אײנעם אַהין". דערײַבער איז אונדז אויסגעקומען צו זוכן די נייטיקע שליסלען אויף צונויפשטעלן די בלעטער ווי געהעריק, אַזוי אַז אַלע פאָרגעשטעלטע אינעם קסאַוויאַד ווערק זאָלן זײַן גענוי דאָקומענטירט און זאָלן קאָנען שפּילן זייער ווײַטערדיקע ראָליע באַם ענדגילטיקן פעסטשטעלן דעם אַוטענטישן טעקסט פון זייער אויטאָר. אָט איז דער אינהאַלט פונעם קסאַוויאַד.

1. ב. 1—:2 א בריוו פון יעהודע האַלייווי צו מוישע איבן־עזרא. זע די אויסגאַבע, ווי אויך די באַשרײַבונגען פון פּ2 11—105, פּ2 1—209 און 4—458.

2. ב. :2—:3. א בריוו צו די געלערנטע פון נאַרבאָנע. דאָס אַראַבישע קעפּל: וכתב עלי לסאן רבינו יוסף הלוי זכ׳ לב׳ אלי עלמא נרבונה (און ער — יעהודע האַלייווי — האָט געשריבן אין נאָמען פון יויסעף האַלייווי, זיכרוינוי ליווראָכאָ, צו די געלערנטע פון נאַרבאָנע). קס. פּ2 1—44, ב. 36—:36, 26; פּ2 6—105, ב. 1—2; פּ2 11—105, ב. 1—:1; פּ2 12—105, ב. 1; פּ2 3—110, ב. 15; פּ2 1—208, ב. 39—:39; פּ2 1—209, ב. 32—:32; פּ2 3—458, ב. 1—:1; פּ2 4—600, ב. 1 (?). אויסג.: בראָדי 1, ז. 217—218. אינעם בריוו ווערן די אַדרעסאַטן געבעטן אָפּזוכן א קסאַוויאַד און מאַכן פון אים א קאָפּיע פאַר יויסעף האַלייווי.

3. ב. 4—:6. א בריוו צו כאַביבן. דאָס אַראַבישע קעפּל: ולה מגאובה אלי בעץ תלאמיד אלמהדיה אסמה ר׳ חביב ומעהא אלקציד אלדי אולהא מי יעבור לנו (און אים — יעהודע האַלייווי — געהערט אויך אַן ענטפער צו איינעם א טאַלמיד פון מאַהדיאַ [א שטאָט אין צאָפן־אַפריקע.—ל. וו.]),

וועלכן מע האָט גערופן כאביב. מיט א בײַגלייגטער קאסידע מיט אן אָנהייב: „מי יעבור לנו" (ווער וועט פאר אונדז איבערגיין? — זע באשר. נומער 44). קס. פּ2 1—44, ב. 37—:37; פּ2 1—72, ב. :11; פּ2 3—110, ב. 15—:17; פּ2 1—209, ב. 33; פּ2 4—458, ב. 2—:2; פּ2 895, ב. 5—:5. אויסג.: Старкова К. Б. Письмо Иегуды Галеви к Хабибу ал-Махдеви.— Советское востоковедение, т. VI, 1949, с. 423—437.

די געלערנטע האָט אויסגעניצט אין איר פאָרשונג די קסאוויאדן פּ2 1—44 און פּ2 1—110 און אזויארום פארעפנטלעכט דעם גרעסטן טייל פון יעהודע האַלייווים בריוו.

4. ב. 7—9. א בריוו פון יעהודע האַלייווי צום נאָגיד פון מיצראַיִם שמועל (שמואל) בן כאַנאניא (חנניה). א טיילווײַזע אויסגאבע פונעם טעקסט פון דעם בריוו האָט פארעפנטלעכט דער פּראָפ. ש. אבראַמסאָן אינעם זשורנאַל „קיריאַס סייפער (קרית ספר)", 1953, ז. 133—144. מיר פאָרשן איצט נײַן קסאוויאדן, וועלכע געבן צוזאמען גענומען דעם פולן טעקסט פונעם דאָזיקן בריוו.

5. ב. 9—12. א בריוו פון יעהודע האַלייווי צו דאָוויד בען יויסעף פון נארבאָנע. דאָס אראַבישע קעפּל: ולה מכאתבה אלי רבינו דוד הרב נרבוני נ"ע (און אים — יעהודע האַלייווי — געהערט אויך דער פאָלגנדיקער בריוו צו דאָוויד פון נארבאָנע, זאָל זײַן נעשאָמע רוען אין גאניידן). קס. פּ2 4—72, ב. :2—5; פּ2 3—110, ב. 18—:19; פּ2 1—208, ב. 38—:38; פּ2 4—600, ב. :7—:8. אויסג.: בראָדי 1, ז. 219—222 (אלס בריוו נומער 5 פון יעהודע האַלייווי) און ז. 224—225 (אלס בריוו נומ. 7 פון יעהודע האַלייווי).

6. :12—:13. אן ענטפער־בריוו פון יעהודע האַלייווי צו נאָסן בען שמועל. דאָס אראַבישע קעפּל: והדא מא גאוב בה ז"ל אלנזר סופר הישיבה ואלענואן מנה (און דאָס איז, מיט וואָס ער — יעהודע האַלייווי, זיכרוינוי ליווראָכאָ, האָט געענטפערט דעם סויפער פון דער יעשיווע, ווי אויך די ווענדונג זײַנע). קס.: פּ2 4—72, ב. 5—:5; פּ2 3—110, ב.: 19—:21. אויסג.: האַרקאַווי, ב. 1, ז. 158—160, ווי אונדז איז געלונגען פעסטצושטעלן, באזירט זיך אפן קס. פּ2 43; בראָדי 1, ז. 214—216. געשריבן אין מיצראַיִם אין יאָר 1140 אָדער 1141.

7. ב. 14. א בריוו פון יעהודע האַלייווי צו יעהוישוא בען דוסא אבו סאיד, וועלכער איז באַוווסט מיטן צונאָמען בען קארקא. דער קאַירער טוישעוו און געוועזענער מעלוכע־מאַן האָט זיך דעמלט געפונען אין טפיסע. קס. פּ2 3—110, ב. 21—:23; פּ2 614, ב. 69. אויסג.: בראָדי 2, ז. 328—329. געשריבן אין מיצראַיִם אין יאָר 1140 אָדער 1141.

8. ב. 14—17. אן ענטפער־בריוו פון יעהודע האַלייווי צו אַרן (אהרן) בען ישועה (לייען: יעשוע) איבן־אלעמאני (א באוווסטער דיכטער, רויפע און קאָהאַל־טוער). דאָס אראַבישע קעפּל: ולה מגאובה אלי אלחבר באלאסכנדריה מע אלקציד אלדי אולה יפה קול (און אים — יעהודע האַלייווי — געהערט אן ענטפער צום „חבר" (לייען: כאווער — אן ערן־טיטל) אין אלעקסאנדריִע. מיט א בײַגעלייגטער ליד, וואָס איר אָנהייב איז „יפה קול" (דער, מיט דער שיינער שטים. זע נומער 22). קס. פּ2 6—105, ב. 1—:2; פּ2 5—110, ב. 23—:23; פּ2 4—600. געשריבן אין קאַיִר, ווײַזט אויס, אינעם יאָר 1141.

9. ב. 17—18. א בריוו פון יעהודע האַלייווי צום דיכטער שלוימע איבן גיאת (לייען: גײַאַט). דאָס אראַבישע קעפּל: וכתב אלי מר' שלמה בן גיאת ז"ל מע אלקציד אלדי אולהא עין נדיבה (און ער — יעהודע האַלייווי — האָט געשריבן דעם פאָלגנדיקן בריוו צו שלוימע איבן גײַאַט, זיכרוינוי ליוורָאכאָ, מיט דער בײַגעלייגטער קאסידע, וואָס איר אָנהייב איז „עין נדיבה" (דאָס אויג, וואָס שפענדעט, זע נומער 45). קס. פּ2 1—44, ב. 36—:37. נומער 358; פּ2 6—105. ב. :2; פּ2 1—208, ב. 39—:39, פּ2 4—600, ב. :9. אויסג.: בראָדי 2, ז. 329—350. געשריבן אין שפּאַניע.

10. ב. 18—:19. עמדו עמודו קט מעט אחינו (שטעלט זיך אָפּ א ווײַלע, ברידער אונדזערע!). דאָס קעפּל אויף אראַביש: כמל מא אתבת לה מן אלכלאם אלמנתור והדא מא אתבת לה מנטום פאול דלך מה צדרה לאבי הרון בן עזרא ז"ל והו אול מא כאטבה בה ענד קדומה מן בלדה (ס'איז פארענדיקט דאָס, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון דעם, וואָס עס געהערט צו אים אין פּראָזע. און אָט פאָלגט דאָס, וואָס עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון דעם, וואָס עס געהערט צו אים אין פּאָעזיע. און דאָס ערשטע איז דאָס, וואָס ער האָט געשיקט צו אבי־הארין איבן עזרא, זיכרוינוי ליוורָאכאָ. און דאָס איז גענוי דאָס ערשטע, וואָס ער [געמיינט: יעהודע האַלייווי] האָט אים [מוישע איבן עזרא] געשריבן נאָך דעם ווי ער איז אָנגעקומען פון זײַן לאַנד [אָדער: שטאָט]). קס. פּ2 1—110, ב. 15; פּ2 353. אויסג.: בראָדי 2, 273—276. די ליד האָט יעהודע האַלייווי פארפאסט נאָך דעם, ווען ער האָט פיל געוואנדערט איבער די שטעט פון דער קריסטלעכער שפּאַניע און איז ענדלעך געקומען קיין אנדאַלוסיִע. די ליד האָט ער געווידמעט מוישע איבן עזרא.

11. ב. :19—:20. ילדי ימים חשו לצבוא על לב הכחיד יגון רבו (עס האָבן טאָג־אײַן, טאָג־אויס געשעענישן געײַלט זיך צו זאמלען צו א האַרץ, דאַסראָוו פון וועלכן ס'האָט אומגעבראַכט דער טרויער). דאָס אראַבישע קעפּל: פגאובה אבי הרון עלי דלך וקאל (ס'האָט אים דערויף [אויף דער באַ־

שריבענער ליד אונטער דעם נומער 10] געענטפערט אבי הארון און האָט געזאָגט). קס. פ2 3—110; ב. 1. אויסג.: „רבי יהודה הלוי״. ארויסגעבער: י. זמורה (זמירא), 1964, ז. 7—8. דאָס איז א לויב־ליד פון מוישע איבן־עזרא, געווידמעט דעם דעמלט ביז גאָר יונגן יעהודע האלייווי.

12. ב. :20—21. רדה עב טל רדה רוה אדמות וחיה הנשמות (לאָז זיך אראָפּ, דו וואָלקן פון טוי, לאָז זיך אראָפּ, טרינק אָן די ערד און מאַך לעבעדיק די פארוויסטע נעשאָמעס). קס. פ2 1—110, ב. 16; פ2 3—110, ב. 1—:1; פ2 1—208, ב. 31—:31. אויסג.: בראָדי 1, ז. 108—110. א ליד פון יעהודע האלייווי, געווידמעט אבו־איוב שלוימע איבן־אלמואלעם.

13. ב. 21—:21. עמדו ברקים קט והתמהמהו (בליצן, שטעלט זיך א ווײַלע אָפּ און פארהאַלט זיך!). דאָס אראבישע קעפּל: ולה ענד מפארקתה רב יאשיה בן בזאז נ״ע (און אים — יעהודע האלייווי — געהערט אויך די פאָלגדיקע ליד, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט יאָשיא איבן־באזאז, זאָל זײַן נעשאָמע רוען אין גאניידן). קס. פ2 1—106, ב. 11, :16; פ2 3—110, ב. :1—2; פ2 1—208, ב. :31. אויסג.: בראָדי 2, ז. 221—222. א געזעגענונגס־ליד, געווידמעט אבו־אלפאראדזש יאָשיא איבן באזאז, א טוישעוו פון אנדאלוסיע.

14. ב. :21—22. לא מתמול פיות שחוק נמלאו עד כי בך יוסף לבבות גאו (שוין גאָר א גרויסע צײַט איז פאַריבער, ווען איך האָב זיך געפרייט, ביזוואנען הערצער האָבן דיך, יויסעף, דערקענט און מיט דיר אָנגעהויבן זיך גרויסן!). דאָס אראבישע קעפּל: וקאל ימדח אבו עמר בן ברון רח׳ אללה (און ער האָט פארפאסט א לויב־ליד פאר אבו־אמר איבן באראָן, זאָל גאָט אף אים ראכמאָנעס האָבן). קס. פ2 1—104, ב. 80—:80; פ2 3—110, ב. 2—:2; פ2 1—208, ב. :31—32. אויסג.: בראָדי 1, ז. 1—2. א לויב־ליד פאר אבו־אמר יויסעף איבן־באראָן.

15. ב. 22—:22. דמע אשר היה כטל חרמון למה ואיך נהפך למי דימון (א טרער, וואָס איז געווען לויטער און ריין, ווי דער טוי פונעם בארג כערמאָן, פארוואָס און וויאזוי איז ער פארוואנדלט געוואָרן אין וואסערן פון דימאָן — געמיינט: די מיט בלוט אָנגעזאפּטע וואסערן פונעם טײַך דיבאָן). קס. ג 1331, ב. 37—:37; פ2 39, ב. :13—14; פ2 3—110, ב. :2; פ2 1—208, ב. 32—:32; פ2 614, ב. 70. ליד נומער 12. אויסג.: בראָדי 2, ז. 278—280. די ליד איז געווידמעט מוישע איבן־עזרא און זײַנע ברידער.

16. ב. 23. [זמן אסר בעוד ליל רכובו] (די צײַט האָט נאָך אין דער נאַכט אײַנגעשפּאנט איר רײַטוואָגן). קס. ג 1331, ב. :5—7; פ2 39, ב. 14—15; פ2 2—51, ב. 5—:5. ליד נומער 69; פ2 20—:21; פ2 3—110, ב. 7; פ2 206, ב. 64—:64. אויסג.: בראָדי 1, ז. 7—10. יעהודע האלייווי דאנק־ און לויב־ליד לעקאָוועד דעם באַרימטן פילאָלאָג אבו־איבראהים ייִצכאָק איבן באראָן, וועלכער האָט אים געשיקט פון מאלאגע א מאַטאָנע מאנדלען, ראָזשינקעס, פײַגן, און עסרויגים.

17. ב. 23—24. התמיר בזקונים הבחורות ותחליף השחורות בצחורות (צי וועסטו פארבײַטן דאָס אלטקײַט מיט יוגנט אין דער צײַט, ווען די שווארצע האָר ענדערן זיך בא דיר אין ווײַסע?). קס. ג 1331, ב. :56; פ2 3—110, ב. 7—:7. אויסג.: בראָדי 1, ז. 77—81. איבערז. אף ייִדיש: י. י. שווארץ, אונדזער ליד פון שפּאניע, ניו־יאָרק, 1931, ז. 233—235. דער אָנהייב:

ס׳ווערט דײַן יוגנט פארביטן אף עלטער,
און דײַן קאָפּ שווארצע האָר איז שוין גרוי—
און דו בײַטסט ניט דײַן קנעכטשאפט אף
פרײַהײַט.
און דו ווייסט נאָך דײַן וועג ניט גענוי.

די ליד איז געווידמעט מוישע איבן עזרא.

18. ב. 24—:25. אמור לצבא שחקים איך כליתם ולשני המאורות איך שניתם (דו מעגסט צו דער הימל־ארמיי [געמיינט: די שטערן] זאָגן: „אך, ווו זײַט איר פארשוווּנדן געוואָרן?״ און צו די צוויי לײַכטער [געמיינט: די זון און די לעוואָנע]: „אך, ווי איר האָט זיך געענדערט!״). קס. ג 1331, ב. 68—69; פ2 1—106, ב. 37—38. ליד נומער 235; פ2 1—110, ב. 3; פ2 3—110, ב. 5—:5; פ2 1—209; פ2 614, ב. 4—:4, 9—:9. ליד נומער 148. אויסג.: בראָדי 1, ז. 144—148. די ליד איז געווידמעט דעם נאָגיד פון מיצראַיִם אבו־מאנסור שמועל בען כאנאניע, וועלכער איז געווען דער לײַב־מעדיקער פונעם כאליף אלכאפּט (לייען: אלכאפעז).

19. ב. :25. הפשט הזמן בגדי חרדות ולבש את בגדיו החמודות (צי האָט די צײַט אויסגעטאָן פון זיך שרעקלעכע בגאָדים און אָנגעטאָן אירע רייצנדע קליידער?!). קס. ג 1331, ב. 9—10; פ2 1—49. ליד נומער 931; פ2 3—110, ב. :8—:9; פ2 1—209, ב. 22—:23. ליד נומער 59; פ2 614, ב. 4—:4. אויסג.: בראָדי 1, ז. 112—115. איבערז. אין ייִדיש פון י. י. שווארץ, אונדזער ליד פון שפּאניע, ז. 277, אונטערן קעפּל „פרילינג אין עגיפּטן״. דער אָנהייב:

האָט די צײַט דען איר טרויער פארוואָרפן,
און אין גלאנץ און אין שײַן זיך געקליידט?

די ליד, וועלכע יעהודע האלייווי האָט פארפאסט אין יאָר 1140 אָדער אין 1141, האָט ער געווידמעט דעם שרײַבער פון שמועל בען כאנאניע, וועלכן מע האָט גערופן נאָסן בען שמועל.

20. ב. 26. [בלבי משכנות יוסף חקוקים] (יויסעפס וווינונגען זײַנען אויסגעקריצט בא מיר אין הארצן). קס. ג 1331, ב. :52—53, פ2 3—110, ב. :10—11; פ2 1—209. ב. 24—:24. ליד נו־

מער 61. אויסג.: בראַדי 1, ז. 41—42. די ליד איז געווידמעט יוסף איבן־צאַדיק. עס ווערן דאָ אויך דערמאָנט יוסעפס דרײַ זין.

21. ב. 26. גביר תורה וגבור התעודה יהודה קדמה פניו בתודה (יהודע, באַגעגן מיט דאַנקבאַרקײַט דעם גרויסן קענער פון טוירע!). קס. ג 1331, ב. 10; 2פ 1—49. נומער 926; 2פ 3—110, ב. 11—:11; 2פ 1—209, ב. :24. נומער 62. אויסג.: בראַדי 1, ז. 12. יעהודע האַלייווי האָט פאַרפאַסט די ליד אינעם טאָג, ווען ער איז אַפּגעפאָרן פון קאָרדאָווע, געווידמעט איז זי יוסף איבן־צאַדיק.

22. ב. 26—27. יפה קול קדמו כנור ליפות (איר, מיט די שיינע שטימעס, באַגעגנט מיט ציטרעס די בילדשיינע מיידלעך!). קס. ג 1331, ב. 45—:46; 2פ 3—110, ב. :11—:13; 2פ 614, ב. 69—:69. ליד נומער 8. אויסג.: בראַדי 1, ז. 99—102. טײַלווײַזע איבערז. אין ייִדיש פון י. י. שווארץ, א. ט. „א הארעם אין עגיפּטן" (אונדזער ליד פון שפּאַניע, ז. 278—279). דער אָנהייב:

איר, זינגער, באַזינגט זייער שײנקײַט,
און שפּילער, איר זאָלט זיי באַגלייטן —
די טעכטער די שענסטע פון מיזרעך,
דעם כיין, וואָס פון זיי טוט זיך שפּרייטן.

דאָס איז א לויב־ליד, געווידמעט אַרן איבן־אַלעמאַני, דעם טוישעוו פון אַלעקסאַנדריִע.

23. ב. 27—:27. איה כבוד האל ומוראו (ווו נאָך איז צו געפינען אַפשײַ און מוירע פאַר גאָט?). קס. ג 1331, ב. 4; 2פ 1—49. נומער 927; 2פ 3—110, ב. 13. אויסג.: בראַדי 1, ז. 2—3. די ליד האָט יעהודע האַלייווי פאַרפאַסט, זײַענדיק אין אַלעקסאַנדריִע, און זי געשיקט צו איבן־אַלעמאַני.

24. ב. :27. שאו הרים ומדברים וימים שלומי אל ידידי הנעימים (בערג, מיטבאַריעס און יאַמען טראָגט מײַן גרוס צו מײַנע אָנגענעמע פרײַנט). קס. ג. 1331, ב. :37—38; 2פ 3—110, ב. :13—:14; 2פ 1—209, ב. :25. ליד נומער 71. אויסג.: בראַדי 2, ז. 257—258. די ליד איז געווידמעט אַרן איבן־אַלעמאַני.

25. ב. 28. [בנות ליל אשר ליל עמיתן] (טעכטער פון דער נאַכט, וועמענס פרײַנט איז די נאַכט). קס. ג 1331, ב. 64—:65; 2פ 1—106, ב. 5—:5. ליד נומער 40; 2פ 1—208, ב. :32—:33 — בנות ליל אשר לבי עמיתן (טעכטער פון דער נאַכט, וועמענס פרײַנט איז מײַן הארץ). 2פ 614, ב. 7—:7, 70—:70. ליד נומער 226 — בנות ליל אשר לבי עמיתן. אויסג.: בראַדי 2, ז. 280—283. א לויב־ליד פאַר נאָסן בען שמועל, דעם שרײַבער פונעם נאַגיד פון מיצראַים.

26. ב. 28—:28. בעוד איש יהלוך ברצון בני איש אזי לא ימצאו עליו תנואות (קאָלזמאַן א מענטש באַגייט זיך אַזוי ווי לײַט ווילן, טרעפט ער זיך ניט אָן אויף קיין קעגנערשאַפט). קס. 2פ 1—106, ב. 6—:6; ליד נומער 42; 2פ 1—208, ב. :33. אויסג.: בראַדי 1, באַמערקונגען־טייל, ז. 182. די ליד האָט פאַרפאַסט יוסף אבו־עמר איבן־מאַסקא (מאתקה) און צוגעשיקט יעהודע האַלייווי.

27. ב. :28—29. אם הנדוד מכל שכם שכמי (אויב דער גורל פון וואַנדערן ליגט אויף מײַנע פּלײצעס מער ווי אויף יעטווידערע אַנדערע). קס. 2פ 1—110, ב. 8; 2פ 3—110, ב. 3—4; 2פ 1—208, ב. 34—:34. אויסג.: בראַדי 2, ז. 249. יעהודע האַלייוויס ליד אַלס ענטפער אויף א בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון אבי־אַלכאַסאַן איבן־עזרא, מוישע איבן־עזראס יינגסטן ברודער.

28. ב. 29—:29. שיבה פני השחרות חומדת (די גרײַז־גרוייקײַט באַציט זיך מיט באַגערן צו יוגנט־יאָרן). קס. ג 1331, ב. :8; 2פ 39, ב. 12; 2פ 1—110, ב. :11; 2פ 3—110, ב. 4; 2פ 1—208, ב. :34. אויסג.: בראַדי אין זשורנאַל „צײַטשריפט פיר העברעישע ביבליאָגראַפיע", 3־טער יאָר־אַרויסגאַנג. ז. 178. די ליד האָט פאַרפאַסט יעהודע איבן־מאַר־אַבון און געשיקט צו יעהודע האַלייווי.

29. ב. :29—30. נפשי לשלום אותך פוקדת על שערי אהבתך שוקדת (מײַן נעשאָמע דערמאָנט דיך צום גוטן און היט אָפּ די טויערן פון דײַן ליבע). קס. ג 1331, ב. 8—:9; 2פ 3—110, ב. 4—:4; 2פ 1—208, ב. :34. אויסג.: בראַדי 1, ז. 88—89. די ליד שטעלט מיט זיך פאַר יעהודע האַלייוויס ענטפער אויף דער ליד פון יעהודע איבן־מאַר־אַבון (זע נומער 28).

30. ב. 30—31. הם הם ימי תבל ולילה (אָט אַזוי זײַנען די טעג און די נעכט פון דער וועלט). קס. ג 1331, ב. 29—:30; 2פ 4—104, ב. 1—:1; 2פ 3—110, ב. :4; 2פ 1—208, ב. 35—:36; 2פ 4—600, ב. 3—:3. אויסג.: בראַדי 2, ז. 222—226. די ליד האָט יעהודע האַלייווי געשריבן אויך (זע נומער 29) לעקאַוועד יעהודע איבן־מאַר־אַבון. די אַראַבישע קעפּלעך אין די קסאַוויאַדן באַווײַזן, אַז די ליד האָט יעהודע האַלייווי געהאַט פאַרלוירן און דערנאָך געפונען.

31. ב. :31. ימיני אשכחה תדבק לשוני למלקוחי (זאָל איך אין מײַן רעכטער האַנט פאַרגעסן, זאָל מײַן צונג זיך צוקלעפּן צו מײַן גומען). קס. ג 1331, ב. :30; 2פ 4—104, ב. :1; 2פ 1—106, ב. :22; 2פ 1—208, ב. 36. אויסג.: בראַדי 1, באַמערקונגען־טייל, ז. 160. לויט די אַראַבישע קעפּלעך אין אונדזערע קסאַוויאַדן איז דער אויטאָר פון דער ליד א דיכטער פון דער שטאָט דעניִא (Denia), וואָס געפינט זיך אַפן ברעג פונעם יאַם אין דעם מיזרעך־טייל פון שפּאַניע. כ. שירמאַן האָט אַפן סמאַך פון א קסאַוויאַד, וועלכער איז אונדז ניט צוגענגלעך, פעסטגעשטעלט, אַז דער נאָמען פונעם דיכטער איז איבן־כאַזן. די ליד האָט דער דיכטער געווידמעט און געשיקט צו יעהודע האַלייווי.

32. ב. :31—33. לא הענגים הם אשר נבקעו כי אם שתי עיני אשר דמעו (דאָס זײַנען ניט די וואָלקנס, וועלכע זײַנען צעשפּאָלטן געוואָרן, נאָר מײַנע אויגן, וואָס האָבן געטרערט). קס. 2פּ 1—106, ב. 9—:10. ליד נומער 46; 2פּ 1—208, ב. 36—:37; 2פּ 4—390, ב. 3. אויסג.: בראָדי 1, ז. 95—97. יעהודע האַלייוויס ענטפער דעם דיכטער פון דער שטאָט דעניא (זע נומער 31).

33. ב. 33—:34. למי בקעו דמעיך נחלים (פאַר וועמענס וועגן האָבן דײַנע טרערן צעשפּאָלטן זיך אין טײַכלעך?). קס. ג 1331, ב. :30; 2פּ 1—208, ב. 37—:37; 2פּ 1—209 (בלויז דאָס פאַרגייענדיקע אַראַבישע קעפּל, נאָר דער טעקסט גופא פעלט); אויסג.: בראָדי 1, ז. 53—55. די ליד האָט יעהודע האַלייווי פאַרפאַסט, געפינענדיק זיך אַף דער טעריטאָריע פון קאַסטיליע. זי איז גע־ווידמעט יעהודע איבן־גיאַט, וועלכער איז געווען א טוישעוו פון גראַנאַדע.

34. ב. :34—35. ישא צבי צבאות בני יצהר מאוהבו שלום כמו נהר (זאָל דער הירש פון די אַרמייען פון ייִצהאַרס זין — געמיינט: וואָס איז א לייווי — באַקומען פון זײַן פרײַנט א באַגרי־סונג ווי א טײַך די גרייס). קס. ג 1331, ב. :53; 2פּ 1—49. נומער 940; 2פּ 1—208, ב. :37. אויסג.: בראָדי 1, ז. 179—180. יעהודע האַלייוויס ליד שטעלט מיט זיך פאָר א באַגריסונג פאַר אַבו־איסכאַק איבן־אַלראַביב אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן כאַסענע מיט איבן־מוהאַדזשערס טאָכטער.

35. ב. 35—:35. בכנפי החלום אעוף כיונה (אַף די פליגל פונעם כאָלעם וועל איך פליִען ווי א טויב). דאָס אַראַבישע קעפּל: וכתב אלי אלמדכור מהניא לה באלערס (און ער — יעהודע האַלייווי — האָט געשריבן צום דערמאָנטן, באַ־גריסנדיק אים מיט דער כאַסענע). אויסג.: בראָדי 2, ז. 276—278 (זע נומעד 34).

36. ב. :35—36. שלומתי שאי יונת רחוקים לכופר (מיט א וואַריאַנט: לעופר) מדברי עדיו רביבים (דו, ווײַטע טויב, טראָג מײַנע גרוסן אַלס אויסלייז־געלט (לויטן וואַריאַנט: פאַרן גאַזעל) פאַר דעם, וועמענט ווערטער, וועלכע באַצירן אים, זײַ־נען ווי א רעגן). קס. ג 1331, :4—5; 2פּ 1—49, ב. 13. ליד נומער 119; 2פּ 614, ב. 8. ליד נומער 186. אויסג.: בראָדי 1, ז. 61—63. די ליד האָט פאַרפאַסט יעהודע האַלייווי פאַר אַן אומבאַוווּסטן דיכטער וועגן. איר וווּנדערלעכן געבוי מיט דער סיסטעם פון גראַמען האָט אונטערגע־שטראָכן בראָדי אין זײַנע קאָמענטערן.

37. ב. 36—:36. ימיננו בחיק קוצר עצורה (אונדזער רעכטע האַנט איז אין בוזעם פון קורצקײַט פאַרהאַלטן). אויסג.: ש. ד. לוצאַטו, בתולת בת יהודה (די יונגפרוי, די טאָכטער פון יעהודע), פּראָג, 1840, ז. 58—59. די ליד האָט פאַרפאַסט יויסעף איבן־צאַדיק לעקאָוועד יעהודע האַלייווי, ווען יעהודע האַלייווי איז דורכגעפאָרן קאָרדאָווע. צו דער ליד האָט ער בײַגעלייגט א מאַטאָנע.

38. ב. :36—37. שפתי היתה אתמול יתרה אבל היום מצאתיה חסרה (מײַן שפּראַך איז נעכטן געווען א באַשעפעדיקע, און הײַנט זע איך, אַז זי איז מיט מאַנגל). קס. 2פּ 1—49. נומער 883; 2פּ 3—110, ב. 5; 2פּ 1—600, ב. 1. אויסג.: בראָדי 1, ז. 118—119. די ליד שטעלט מיט זיך פאָר יעהודע האַלייוויס ענטפער יויסעף איבן־צאַדיק אַף זײַן ליד און מאַטאָנע. זע נומער 37.

39. ב. 37—:37. יקיר עלי פלגי יקר פורח שמש צדקה בעדו זורח (א טײַערער, וועלכער בליט אַף טײַכלעך פון אַכטונג, די זון פון צדאָקע שײַנט דורך אים). קס. ג 1331, ב. :17; 2פּ 39, ב. 16—:16; 2פּ 1—208. ב. 30. אויסג.: בראָדי 1, ז. 24—25. די ליד האָט יעהודע האַלייווי פאַר־פאַסט אין נאָמען פון א גוטוּוענדיקן, זי איז גע־ווענדט צו אַן אוישער מיט דער האָפענונג צו באַ־קומען פון אים שטיצע.

40. ב. :37. הקולך זה אחי אחוה ואהבה (צי איז עס דײַן קאָל, פרײַנט פון ברודערשאַפט און ליבע?). קס. ג 1331, ב. 5—:5; 2פּ 1—99; 2פּ 3—110, ב. :5; 2פּ 1—208, ב. 30—:30. אויסג.: בראָדי 1, ז. 6. מיט דער ליד האָט יעהודע האַ־לייווי געפּרוּווט איבערבעטן איינעם א דיכטער, וועלכער האָט פאַרפאַסט א ברוגעזדיקע ליד קעגן אים.

41. ב. :37—38. [ידענוך נדוד מימי עלומים ונחל הבכי נחל קדומים] (דיך קען איך, דאָס וואַנ־דערן, פון יוגנט־יאָרן, און דער טײַך פון וויינען איז פון אוראַלטע צײַטן). קס. 2פּ 39, ב. :7—8:; 2פּ 1—44, ב. 7—9. ליד נומער 48; 2פּ 1—209, ב. 3. ליד נומער 33; 2פּ 614, ב. :9. ליד נומער 147 און ב. 71—:71. אויסג.: בראָדי 1, ז. 154—157. איבערז. אין ייִדיש פון י. י. שוואַרץ (אונדזער ליד פון שפּאַניע, ז. 236—239). דער אָנהייב:

איך בין פרײַנט נאָך מיט וואַנדער פון יוגנט,
מיטן אוראַלטן טײַך פון געוויין.

דאָס איז א געזעגענונגס־ליד, געווידמעט מוי־שע איבן־עזרא.

42. ב. :38—39. ארץ כילדה היתה יונקת גשמי סתו אתמול ועב מינקת (נאָך נעכטן די ערד, ווי א קליין קינד, געזויגן ווינטערדיקע רעגנס, און א וואָלקן האָט אָנגעזויגן). קס. 2פּ 2—110, ב. :2 — ארץ כיולדה היתה מינקת (די ערד, ווי א פרוי א געווינערן, האָט אָנגעזויגן...). 2פּ 1—209, ב. 3—:4; 2פּ 614. ב. :71. אויסג.: בראָדי 1, ז. 82—85. איבערז. אין ייִדיש פון י. י. שוואַרץ א. ט. „פרילינג" (אינעם בוך: אונדזער ליד פון שפּאַניע, ז. 221—222). דער אָנהייב:

די ערד האָט נעכטן נאָך געזויגן, ווי א קינד,
די שטראָמען פון דעם ווינטערדיקן רעגן —
צי ווי א קאַלב, שמאַכטנדיק נאָך איר באַגערטן,
פאַרבענקט נאָך זומער, שווייגנדיק געלעגן.

דאָס איז א ליד, געווידמעט איינעם א פּילאַנ־טראָפּ, וועלכן מע האָט גערופן יִצחאָק איבן־אַליאַ־טאַם.

43. ב. 39 —:39. מה לי לרוות פני ארץ בדמעתי אשקה אדמה אשר לא מזריעתי (נאָך וואָס פּעלט מיר אויס צו אָנזעטיקן די ערד מיט מײַן טרער, אָנטרינקען דעם באָדן, וועלכן איך האָב ניט פאַרזייט?) קס. ג 1331, ב. 65:—65 ...אשר לא מחרישתי (וועלכן איך האָב ניט געאַקערט?); 2פּ 1—44, ב. 9; 1פּ 1—106, ב. 4:—4; 2פּ 1—209, ב. 4:—6. ליד נומער 35. אויסג.: בראָדי 1, ז. 151—154. די ליד איז געווידמעט יהודע איבן־גייאַט.

44. ב. 40. [מי יעבר לנו לעבר ים] (ווער וועט פאַר אונדזערטוועגן אַריבערגיין אויף יענער זײַט יאַם?). קס. ג 1331, ב. 25:—26; 2פּ 1—44; ב. 37—:37; 2פּ 1—209, ב. 10. ליד נומער 40; 2פּ 1125, ב. 3—:6. ליד נומער 44. אויסג.: בראָדי 2, ז. 251—255. יהודע האַלייוויס א ליד, א בײַלאַגע צו זײַן בריוו, געווידמעט כאַביב אַלמאַהדאַווי (זע באשר. נומער 3).

45. ב. 40—:40. עין נדיבה אשר תשוט כסוחרת (א ווײלטעטעריש אויג, וואָס שווימט אַרום ווי א סויכערטע). קס. ג 1331, ב. 53:—54; 2פּ 39, ב. 11; 1פּ 1—44, ב. 8—:8; 2פּ 1—99, ב. 1—3; 2פּ 1—110, ב. 17—19; 2פּ 1—209, ב. 11—:11; 2פּ 1125, ב. 3—4:. אויסג.: בראָדי 1, ז. 137—141. יהודע האַלייוויס ליד, א בײַלאַגע צו זײַן בריוו, געווידמעט שלוימע איבן־גייאַט (זע באשר. נומער 9).

46. ב. 41. [בן אדמה יזכור במולדתו כי לעת קץ ישוב ליולדתו] (דער זון פון דער ערד דער־מאָנט זיך אין זײַן היימלאַנד, אַז סאָפּקאַלסאָף וועט ער זיך אומקערן צו זײַן געווינערן — געמיינט: צוריק אין דער ערד אַרײַן). קס. 2פּ 1—44, ב. 48:—48. נומער 406; 2פּ 22—194, ב. 1; 1פּ 1—208. ב. 5; 2פּ 614, ב. 1. אויסג.: כ. שיר־מאַן, השירה העברית בספרד ובפרובאנס (די העב־ברעישע פּאָעזיע אין שפּאַניע און אין פּראָוואַנס, 1961, ב. 588—590) אַלס ווערק פון אַווראַהאַם איבן־עזרא. אין אָט דער ליד ווערט דערציילט וועגן דעם גורל פונעם מענטשן פון געבוירן אָן ביזן שטאַרבן.

47. ב. 41—:41. לבי מעירי... (מײַן האַרץ וועקט מיך אויף...). קס. 2פּ 1—44, ב. 46. נו־מער 396; 2פּ 178, ב. 5:—6; 2פּ 1—208, ב. 4—:4; 2פּ 614, ב. 1—:1. אויסג.: בראָדי 1, ז. 73—74. די ליד איז געווידמעט אַבו־סעיִד כאַל־פאַן האַלייווי אַלדעמיאַטי, געשריבן אין דער פאָרם פון א מוואַשעך.

48. ב. 41: שלום לצביה נערה ואם אש חשקה בי בערה (א גרוס דער אינדין, דעם מיידל, כאָטש דאָס פײַער פון גלוסט צו איר ברענט אין מיר). קס. 2פּ 178, ב. 6; 2פּ 22—194, ב. 1:; 2פּ 206, ב. 8. אויסג.: כ. שירמאַן, השירה העברית בספרד ובפרובאנס, ז. 437—438. אויך א מוואַשעך.

49. ב. 42. [רעית צבי אל תנודי כי מאד חשקתיך מעודי] (אינדין, הער אויף צו וואַנדערן, ווײַל זינט איך לעב באַגער איך דיך!). אויסג.: בראָדי 2, ז. 26—27. אויך א מוואַשעך.

50. ב. 42—:42. פעמון זהב ורמון אבני זכרון שבו לבני יעקב והיו על לב אהרן (א גאָל־דענער גלאָק און א מילגרוים צוזאַמען מיט די אָנדענק־שטיינער האָבן זיך אומגעקערט צו די קינדער פון יאַנקעוו און זײַנען אפן האַרצן פון אַרענען). קס. 1פּ 808, ב. 82:—82. ליד נומער 113; 2פּ 1—44, ב. 46:—46; ליד נומער 397; 2פּ 1—208, ב. 4:—5. אויסג.: בראָדי 1, ז. 93—94. א מוואַשעך, געווידמעט אַרן איבן־אַלע־מאַני.

51. ב. 43—:43. שור אם קרעה (אין קסאַור־יאַד: אקרעה) בת שחר שחרות שריוניה (גיב א קוק, צי עס האָט די באַגינען־רײַט צעריסן די שוואַרצקײַט פון אירע פאַרפאַנצערונגען?). קס. 2פּ 1—44, ב. 45:—45. ליד נומער 393; 2פּ 1—49, ב. 12. ליד נומער 214; 2פּ 5—191, ב. 1—:1; 2פּ 1—208, ב. 3; 2פּ 4—568, ב. 1:—2. אויסג.: בראָדי, ב. 2, ז. 29—31. א מוואַשעך, געווידמעט יִצחאָק איבן־אַלראַביב אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן כאַסענע אויף איבן־מוהאַדזשערס טאָכטער.

52. ב. 43:—44. מלאכי האהבה יתרפקו הנאהבים איך יתאפקו (די מאַלאָכים פון ליבע טוליען זיך איינער צום צווייטן. ווי זשע קאָנען זיך די געליבטע אײַנהאַלטן?). קס. 1פּ 808, ב. 83—:83. ליד נומער 114; 2פּ 1—44, ב. 48; 2פּ 2—589, ב. 1:. אויסג.: בראָדי, ב. 2, ז. 24—25. א כאַסענע־ליד אין דער פאָרם פון א מוואַשעך.

53. ב. 44:—45. על אהבתך אשתה גביעי (פאַר מײַן ליבע צו דיר וועל איך אויסטרינקען מײַן בעכער). קס. 2פּ 1—208, ב. 5—:5. אויסג.: רבי יהודה הלוי... ע״י א. א. הרכבי, ב. 2. וואַרשע, 1895, ז. 126—127, א מוואַשעך, געווידמעט שאַבעס.

54. ב. 45—:45. דורשי תורה יתהלכו מעיר אל עיר דין יחפשו קול אומר אל יוסף לכו אשר יאמר לכם תעשו (די, וואָס פאָרשן די טוירע, גייען אַרום פון שטאָט צו שטאָט און באַטראַכטן, וויאַזוי מע האַלט זיך בא דעם אָדער יענעם דין. דאָ הערט זיך א קאָל: גייט צו יויסעפן און טוט, וואָס ער וועט אײַך זאָגן). קס. 1פּ 808, ב. 83:—84. ליד נומער 115, 2פּ 1—208, ב. 3:—4.

אויסג.: בראַדי 1, ז. 173—174. א מוואשעך, געווידמעט יויסעף האַלייווי איבן מיגאַש.

55. ב. :45—46. שיר חדש בפי כלנו כי ילד ילד לנו (א נײַע ליד אין מויל פון אונדז אַלע־מען, ווײַל א ייִנגעלע איז בא אונדז געבוירן גע־וואָרן). אויסג.: בראַדי 1, ז. 189—190. א מוואשעך, פאַרפאַסט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס בא ייִצכאָק איבן־באַרוך איז געבוירן געוואָרן א זון.

56. ב. 46—:46. הוד והדר שים חבלו (מאַך זײַן גוירל שיין און פּרעכטיק). קס. 2פּ 1—207, ב. 7. נומער 233: הוד והדר שים פעלו (מאַך זײַן טוּונג שיין און פּרעכטיק). אויסג.: בראַדי 2, ז. 63—64; אן אַקראָסטיך „הלוי חזק" (האַלייווי, שטאַרק זיך!), געשריבן אין דער פאָרם פון א מוואשעך, געווידמעט אן אומבאַוווּסטן כאָסן.

57. ב. :46—:47. ראשי עם עת התאסף ומלכים בסודם כלהם הודו ליוסף כי הוא עין כבודם (ווען די הויפּטן פונעם פאָלק זאַמלען זיך צונויף און מעלאָכים געפינען זיך אויך אין זייערע פאַר־טרוילעכע שמועסן, דאַנקען זיי יויסעפן, ווײַל ער איז דער קוואַל פון זייער אַכטונג). דאָס אַראַבישע קעפּל: ולה מושח פי סדילה (און אים געהערט אויך דער פאָלגנדיקער מוואשעך, געווידמעט סאַדילאַ). קס. 2פּ 1—44, ב. 38. אויסג.: בראַדי 1, ז. 157—158. דער אַרויסגעבער האָט געהאַלטן, אַז די ליד איז געווידמעט יויסעף האַלייווי. א מוואשעך לעקאָוועד יויסעף איבן־פערוציִעל (Ferruziel), וועלכן מע האָט גערופן סידעלוס, אָדער סידעלאָ (Cidellius, Cidello).

58. ב. :47—48. שאלו מעפרי שלומי (פרעגט בא מײַן הירשעלע א גרוס פון מיר). קס. 2פּ 1—44, ב. :39. ליד נומער 372; 2פּ 178, ב. :4. אויסג.: בראַדי 2, ז. 14—15. א מוואשעך.

59. ב. 48—:48. רב לכם מוכיחי בריב (הערט אויף, איר פריידיקער, די קריגערײַען). קס. 2פּ 1—44, ב. 38—39. ליד נומער 370. אויסג.: בראַדי 2, ז. 321—322. דער אווטאָר פונעם מוואשעך איז, לויט כ. שירמאַן, אַפּאָנעם — איבן־צאַדיק (שירמאַן, צו דער געשיכטע פון דער העב־רעיִשער פּאָעזיע און דראַמע — לתולדות השירה והדראמה העברית, 1979, ז. 99, באַמ. 13), און לויט אונדזערע קסאַוויאַדן, איז דער אווטאָר — יעהודע האַלייווי.

60. ב. :48—49. שלום לגבר ששוניו הגלו חדלו מנחמיו אהה חדלו (מײַן גרוס פאַר א מאַן, וועמענס פרייד איז פאַרטריבן געוואָרן און מע האָט אויפ־געהערט אים צו טרייסטן). דאָס אַראַבישע קעפּל: ולה מושח עזא בה אבי הרון פי אכיה (און אים געהערט א מוואשעך, אין וועלכן ער האָט גע־טרייסט מוישע איבן־עזרא אין צוזאַמענהאַנג מיטן טויט פון זײַן ברודער). אויסג.: בראַדי 1, ז. 168—169. דעם מוואשעך האָט יעהודע האַלייווי פאַר־פאַסט אין 1128, נאָכן טויט פון יויסעף איבן־עזרא.

61. ב. 49—50. בי הצבי בי אדוני (ביטע, הירש, ביטע, מײַן הער). אויסג.: בראַדי 1, ז. 192—193. א מוואשעך, געווידמעט איינעם פון יעהודע האַלייוויס פרײַנט.

62. ב. 50—:50. עופר בין אנוש יתיחד בלבד לשמש אחותו נצמד (א הירשעלע צווישן מענטשן האַלט זיך באַזונדער. עס באַהעפט זיך בלויז מיט זײַן שוועסטער — דער זון). קס. 2פּ 178, ב. :4—5. אויסג.: בראַדי 2, ז. 322—323. א מוואַ־שעך, געווידמעט אן אומבאַקאַנטן פרײַנט.

63. ב. :50. פני אדום וצח לבבי לבבו (דאָס פרישע, רויטלעכע פּאָנעם פון מײַן פרײַנט האָט מײַן האַרץ באַצויבערט). אויסג.: בראַדי 1, ז. 169—171. א מוואשעך, געווידמעט אן אומ־באַוווּסטן פרײַנט.

64. ב. 51—52. למיטב כפרים ומבחר נרדים (צו די בעסטע לאַווסאָניע־פלאַנצן און די אויסדער־וויילטע נאַרדן [בסאָמים־פלאַנצן]). קס. 2פּ 2—106. ב. 1—:1. ליד נומער 70; 2פּ 3—110, ב. :13; 2פּ 178, ב. 7—:7. אויסג.: בראַדי 2, ז. 258—260, א לויב־ליד לעקאָוועד אַרן איבן־אַלעמאַני און זײַנע זין. די ליד אַנטהאַלט א פּרעכ־טיקע באַשרײַבונג פונעם סאָד מיט די פאָנטאַנען, וועלכע האָבן געהערט צו אַרן איבן־אַלעמאַני.

65. ב. 52. ראה כי ענני גשמי וטלי עצורים לא בשלך כי בשלי (זע, אַז די וואָלקנס פון מײַנע רעגן און טוי — געמיינט: מײַן מוזע — זײַנען געהאַמעוועט ניט איבער דײַן שולד, נאָר איבער מײַנער). קס. ג 1331. ב. 34; 2פּ 2—106, ב. 2; 2פּ 1—209, ב. 25. נומער 67, אויסג.: בראַדי 1, 44—45. אן ענטפער אף אַרן איבן־אַלעמאַניס ליד.

66. ב. 52—:52. הרף שאון ים עד אשר יקרב תלמיד וישק את פני הרב (הער אוף, גערודער פון יאַם, ביזוואַנען עס וועט זיך דערנעענטערן א טאַלמיד און וועט א קוש טאָן אין פּאָנעם דעם לערער). קס. 2פּ 1—209, ב. 25. ליד נומער 68; 2פּ 614, ב. 76. אויסג.: בראַדי 1, ז. 10—11. א ליד, געווידמעט אַרן איבן־אַלעמאַני.

67. ב. :52. הלא יכון הלוך גוים לאורך (עס וואָלט דאָך געפּאַסט, אַז פעלקער זאָלן גיין נאָך דער שײַן פון דײַן ליכט). קס. ג 1331, ב. :62; 2פּ 1—49. נומער 985; 2פּ 1—110, ב. :4, 14; 2פּ 1—209; ב. 25—:25. ליד נומער 69. אויסג.: בראַדי, ב. 1, ז. 37—38. א לויב־ליד, געווידמעט מבורך (לייען: מעוויראך), דעם זון פון אַרן איבן־אַלעמאַני.

68. ב. :52. אלהים העלני מתהומות (גאָט האָט מיך אויפגעהויבן פון אָפּגרונטן). קס. ג 1331, ב. :56; 2פּ 1—49, ב. 42—:42. ליד נומער 847; 2פּ 3—110, ב. 14; 2פּ 1—209, ב. :25. אויסג.:

בראָדי, ב. 2, ז. 262. א לויב־ליד פאר ארן איבן־אלעמאני.

69. ב. 53—55. [מבין עפאים המות יונים כהמיתי מה זה מרי שיחכם האם לאנחתי] (פון צווישן די צווייגן לאָזט זיך הערן דאָס וואָרקען פון די טויבן, ענלעך צו מיין געמיט־אופברויז. „פונוואנען נעמט זיך דאָס ביטערקייט פון אייער געשפּרעך? עפשער איבער מיינע קרעכצן?). קס. ג 1331. ב. :65—67; פ2 1—99, ב. 23—:24 פ2 1—209, ב. 6—8. ליד נומער 36; פ2 614, ב. 72—:72; פ2 1125, ב. 2—:2. ליד נומער 40. אויסג.: מבחר השירה העברית (אויסדערוויילטע העברעיִשע פּאָעזיע), 1923, ז. 189—191. יעהודע איבן־גייאטס אן ענטפער אף א ליד, וועלכע יעהודע האלייווי האָט אים געווידמעט.

70. ב. 55—:55. אבי מוסר וגבר רב פעלים וכל מדות יפיפיות גנזן (פאָטער פון מאָראל און פילטעטיקער מאַן, וועלכער האָט אופגעהיט אין זיך אלע שענסטע אייגנשאפטן). קס. ג 1331, ב. :15—16; פ2 1—44, ב. 9—:9. ליד נומער 50; פ2 1—99, ב. :24—25; פ2 1—209, ב. 8—:8; פ2 614, ב. 7. ליד נומער 229; פ2 1125, ב. :2, ליד נומער 41, אויסג.: שירמאן, המשוררים בני דורם של משה אבן עזרא ויהודה הלוי (דיכטער, מיטצייטלער פון מוישע איבן־עזרא און יעהודע האלייווי) דריטע סעריע (1945, ז. 259—260). א ליד פון יִיצכאָק איבן־אלשאמי, געווידמעט א כאזן פון דער ייִדישער קעהילע אין דער שטאָט אלכעסיראס (Algeciras), וואָס געפינט זיך אפן ברעג פון מיטללענדישן יאם. די ליד האָט ער איבערגעשיקט צו יעהודע האלייווי, אונטערשטרייכנדיק דערביי, אז ער האָט אין איר אויסגענוצט אלע (אויסער איינעם) מעגלעכע ווערטער, וועלכע לאָזן זיך גראמען אף ־זן (לייען: ־זאַן).

71. ב. :55—56. הגם לכבוש ארי שדי וזיזן (ניט שוין זשע דארף מען באהערשן דעם לייב פונעם ווילדן פעלד און די קריכנדע ווערעם?) קס. ג 1331, ב. 16; פ2 1—44, ב. :9—:10. ליד נומער 51; פ2 1—99, ב. 22—:22; פ2 1—209, ב. :8—:9. ליד נומער 38; פ2 1125, ב. 5. אויסג.: בראָדי 2, ז. 285—287. א ליד, געווידמעט יִיצכאק איבן־אלשאמי, ווו יעהודע האלייווי האָט אויסגעניצט ווערטער, וועלכע גראמען זיך אף ־זן (לייען: ־זאַן) און זיינען ניט אריין אין יִיצכאק איבן־אלשאמיס ליד (זע נומער 70).

72. ב. :56. העוד לילדות נפשך נכספת אחר אשר התלבנה מחלפת (באגערט נאָך דיין נעשאָמע צו קינדישקייט נאָך דעם, ווי די האָר־פלעכט איז שוין ווייס געוואָרן?!) קס. ג 1331, ב. :45—46; פ2 1—44, ב. :10. ליד נומער 52; פ2 1—209, ב. :9—10. ליד נומער 39; פ2 1125, ב. 5—:6. ליד נומער 43. אויסג.: בראָדי 1, ז. 129—

131. יעהודע האלייוויס ליד, געווידמעט אבו־אלכא־כאן שמועל איבן־מאָריל.

דער קסאוויאד פ2 11—105 און זיין אינהאלט

1 בלאט 20 אף 14 סמ. 22 שורעס אף א זייטל. דער טינט — שווארצער.

1. ב. 1. הוד על הודו וכבוד על כבודו אמן — דאָס זיינען די לעצטע זיבן ווערטער פונעם בריוו פון יעהודע האלייווי צו מוישע איבן־עזרא. זע די אויסגאבע, שורע 17.

2. ב. 1—:1. די בריוו צו די געלערנטע פון נארבאָנע. זע באשר. 2 פון דעם אינהאלט פון פ2 43.

וועגן דעם קס. פ2 1—209

דער איצטיקער צוזאמענשטעל פונעם דאָזיקן קסאוויאד איז א צופעליקער. ער באשטייט פון 66 בלעטער, וועלכע בילדן אייגנטלעך עטלעכע קאָפּיעס. דער קסאוויאד פאָדערט נאָך א דויער־האפטע פאָרשונג. אין געגעבענעם פאל וועלן מיר זיך באגרענעצן מיט דער באהויפּטונג, אז אפן ב. 37—:37 געפינט זיך א טייל פון יעהודע האלייוויס בריוו צו מוישע איבן־עזרא: פונעם וואָרט „ויכנעו" ביזן וואָרט „חן" (זע אונדזער אויסגאבע, שורעס 44—62).

דער קסאוויאד פ2 4—458 און זיין אינהאלט

2 בלעטער 24,5 און 17,2 סמ. דער טעקסט — 20,4 אף 12 סמ. שווארצער טינט.

1. ב. 1. על כבודו — דאָס זיינען די צוויי לעצטע ווערטער פונעם בריוו פון יעהודע האלייווי צו מוישע איבן־עזרא. זע די אויסגאבע, שורע 71.

2. ב. 1—:1. בריוו צו די געלערנטע פון נארבאָנע. זע באשר. 2 פון פ2 43.

3. יעהודע האלייוויס בריוו צו כאביב אל מאהדאווי. זע באשר. 3 פון פ2 43.

אייניקע באמערקונגען וועגן אונדזערע מעקוירים

ערשטנס. דער קס. פ2 43, נאָך דעם, ווי ער האָט באקומען זיין איצטיקן אויסזען, שטעלט מיט זיך פאָר אן אומבאקאנטע רעדאקציע פון יעהודע האלייוויס דיוואן. דער הויפּט־פּרינציפּ פון זיין צוזאמענשטעלער דרינגט ארויס פונעם אראבישן קעפּל, וואָס איז געבראכט אין דער באשרייבונג פון נומער 10. ער האָט צעטיילט דעם דיוואן

פון יעהודע האלייווי אין צוויי — אגעוו, ווײַט ניט קיין גלײַכע — טיילן. דער ערשטער איז געווידמעט יעהודע האלייוויס געגראמטער פּראָזע, וואָס איז פאַרגעשטעלט מיט זײַנע בריוו. דער צווייטער — מיט לידער, ווײַזט אויס, אויסשליסלעך געשריבענע אף וועלטלעכע טעמעס, פאַרפאַסט סײַ דורכן דיכטער זעלבסט און סײַ די, וועלכע עס האָבן אים געווידמעט זײַנע פילצאָליקע קאָרעספּאָנדענטן. ניט אויסגעשלאָסן, אז דער קסאוויאד 46 פון דער טיילאָר־שעכטער־זאמלונג האָט אויך געהערט צו דער זעלבער רעדאקציע.

צווייטנס. באזירנדיק זיך אף אַלע אונדזערע מעקוירים, שטעלן מיר צונויף צום ערשטן מאָל דעם פולן טעקסט פון יעהודע האלייוויס בריוו צו מוישע איבן־עזרא. דאָס אראבישע קעפּל און די ערשטע פינף שורעס פונעם בריוו זעלבסט זײַנען געגעבן גענוי לויטן קס. 46 פון דער טיילאָר־שעכטער־זאמלונג, און די שורעס 6—71, דה. ביזן סאָף פונעם בריוו — אזוי ווי זיי זײַנען געשריבן אינעם קס. 2פ 43, דורכקאָנטראָלירנדיק יעדעס וואָרט באזונדער אויך אין די אנדערע קסאוויאדן, נאָר אין ערגעץ ניט געפונען קיין וועזנטלעכע ענדערונגען. קעדיי בוילעט מאכן, אז דער בריוו איז געשריבן אין געגראמטער פּראָזע, טיילן מיר אָפּ די טעקסטן מיט אן איינהײַטלעכן גראם פון די אנדערע מיט צוויי ווערטיקאַלע ליניעס...

דעם טעקסט פונעם בריוו גיבן מיר דאָ בלויז אין דער איבערזעצונג אף ייִדיש.

אָט דאָס זײַנען די בריוו, געשריבן פון יעהודע האלייווי, זיכרוינוי ליווראָכאָ, וואָס זײַנען געפונען געוואָרן. פון זיי גייט דער בריוו, וועלכן ער האָט געשריבן צו אבי הארון בען עזרא, זאָל זײַן נעשאָמע רוען אין גאניידן.

„זאָל פיל שאָלעם און א יעשוע זיך דערנענטערן צו דער ליכטיקײַט פון מײַרעוו, צום גרויסן קענער פון דער העברעיִשער און אראבישער ליטעראטור, צו דער מעכטיקער פעסטונג אינעם טאָג פון קאמף, צום גענאָדפולן שאָטן אין א שטארקער היץ, צום גוטן ליבלעכן נאָמען פונעם גרויסן רעב מוישע, צום פרײַנט פון ווילטעטיקײַט און ליכט פון הערצער, צום אָנוואָלקנדיקן פרימאָרגן, וואָס שפּריצט מיט רעגן פון שעפע, פון וועלכן די וועלט ווערט אָנגעפילט מיט א גערעטעניש. די הענט פון זײַן כעסעד זײַנען צוזאמענגעפלאָכטן מיט די גענאָדיקע הענט פון די אָוועס, גרייט צו פירן א קאמף לעטוויוועס טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, ווײַל פאַר כעסעד איז א קוואַל פאַראנען, און א הילף געפינט זיך אין א צײַט פון צאָרעס. דער גײַסט פון גאָט האָט אים אָנגעקליידט, און א גוטווויליקער געמיט[1] שטיצט

[1] פונדאנען הייבט זיך אָן דער טעקסט אינעם קס. 43, ב. 1, לויט וועלכן מיר גיבן דעם ווײַטערדיקן טעקסט און איבערזעצונג פונעם בריוו.

אים אונטער. אָט אזוי וועט שטענדיק זײַן. דאָס מײַרעווודיקע ליכט וועט ניט פארלאָשן ווערן, און זײַן זאָרגלאָזיקײַט וועט וואקסן און זיך מערן!

דאָס שרײַבט א געפאַלענער יוגנטלעכער, וועלכער וועקט דאָס הארץ פון פרײַנטשאפט און צינדט אָן דאָס פײַער פון ליבע. ער קומט פון סייאיר, קעדיי באשײַנט ווערן מיטן ליכט פון מענער, באריממטע מיט וויכטיקע אופטועס, ער קומט צו די גרויסע געליכטן, צו די כאכאָמים פון מײַרעווו־שפּאניע, וואָס ווען נאָר איך דערמאָן זיך אין זיי, שפּרינגט אונטער דאָס הארץ און הערט ניט אויף צו ציטערן. זינט איך האָב אײַנגעשפּאנט די פרײַנטשאפטס־וועגענער פירט מיך די צײַט ביז גאָר שווער. ווענדנדיק מײַן פּאָנעם אין דער ריכטונג פונעם דורך גאָט געהייליקטן מאָן, זוכנדיק זיי, האָב איך געריכט מײַנע וועגן זייער לאנגזאם, עטוואָס אין איין ריכטונג, עטוואָס אין א צווייטער, ביזוואנען איך האָב זיך דערבראכט צו דער גרענעץ פון זייער קאנט, נאָר מיר איז ניט דערלויבט געוואָרן איבערטרעטן זייער גרענעץ. די צײַט איז אָבער באשוואָרן געוואָרן, זי זאָל מיך ניט פארניכטן. נאָך דעם, ווי איך בין איבערגעזעטיקט געוואָרן מיט וואָגלענישן, האָב איך א וווינונג געקראָגן, די צײַט האָט מיך געשפּײַזט און מיט פרײַנטשאפטס־לידער אויסגעבעט מײַן געלעגער, מיך געזעטיקט מיט ווײַן פון גוטע פרײַנט. איך האָב זיך אויסגעלערנט ביז גאָר פײַן שפּילן מיט די בעכער פון דיכטער, וועלכע שאפן אן אָנגענעמע ליד. זיי האָבן דאן געלייגט דעם טראָפּ אף א ליד פונעם הויפּט פון זייערע ארמייען. דער אָנהייב פון דער ליד „ליל מחשבות לך אעירה"[1] (אין דער נאכט, ווען איך וועק אוף מאכשאָוועס וועגן דיר). דער אָנהייב פון דער ליד האָט זיך זיי גאנץ גוט אײַנגעגעבן, נאָר דערפירן זי צו א סאָף איז זיי ניט געלונגען. זיי האָבן מיך געבעטן בעזע האלאָשן: „אָט האָבן מיר אָנגעהויבן די ליד, און דו פארענדיק זי!" איך האָב זיי געענטפערט: „כאָלילע, איך זאָל דאָ עפּעס פארברייטערן, אָדער פארגרעסערן און איך זאָל פּרוּוון ארויסווײַזן הערשאפט אין דעם, וואָס איך ווייס ניט, ווײַל ווער עס וועט נאָר דערפון הערן, וועט מיך קאָנען פארשעמען. איך האָב זיך נאָך פוסגייער געיאָגט, און זיי האָבן מיך פארמאַטערט, ווי זשע קאָן איך זיך פארמעסטן מיט פערד, איך וועל דאָך דורך זיי געשטרויכלט ווערן. ביפראט נאָך, אז איך בין א שטאמלער און שווער אפן צונג פון דישאן און דישאָן (די קריסטן) — א דרייסט פאָלק מיט א שווערער שפּראך, וועמענס יאָם פון נארישקײַט האָט גאָר קיין ברעג ניט, און איר האָט אויך צו שווער געפרעגט און די שטרויכלונגען אין וועג ניט באמערקט. צי איז ווייניק פון אײַער זײַט, וואָס איר מאכט מיד די מענטשן, ווײַל גע־

[1] אינעם קסאוויאד לאָזט זיך מערקן, אז אָנשטאָט „לך" איז פריִער געווען געשריבן „לב" (הארץ).

זונטע גראַמען זײַנען פֿאַראַן ווינציק און זיי זײַנען שווערע. אויסער דעם, ווייס איך גאַנץ גוט, אַז איך וועל זיי ניט געפֿינען, צו וואָס דאַרף איך אומזיסט און אומבישט זיך מיִען? ווער קאָן וואָגן צו פֿאַרפֿאַסן אַ ליד לויטן הויפּט פֿון זײַן אַרמיי? ווי קאָן זיך דערוועגן אַן אָרעמער אומגליקלעכער מאַן אַרײַנגיין אַהין, וווּ דער מײַלער איז שוין דאָ?".

מע איז אָבער שטאַרק צוגעשטאַנען צו מיר און אַזויפֿיל געבעטן, אַז איך האָב זיך פֿאַרשעמט און באַשלאָסן מאַכן לויט מײַנע קויכעס. איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז עס וועט קיין נוץ ניט זײַן, אַז איך וועל זיך אַרויסווײַזן אין דאָזיקן איניַען דער לעצטער. איך האָב זיך באַטראַכט. זאָל זײַן, וואָס עס וועט זײַן, לאָמיר אָנהייבן לויפֿן און עפּשער, קעדיי צו פֿאַרענדיקן, אויספֿילן דעם ווונטש פֿון מײַנע כאַווײרים, וועל איך אויך אַרויסזאָגן מײַנע מיינונגען. ווען איך האָב דערזען, אַז די גראַמען זײַנען שטאַרקער פֿון מיר און איך בין ניט בעקויעך זיי צו פֿאַרפֿאַסן און צעשטעלן זיי אין אַ סיידער אַזוי, ווי מיר האָט זיך געוואָלט, האָב איך פֿאַרטראַכט אַ קונץ און זיי איבערגעכיטרעוועט; אין נאָמען פֿון מוישען האָב איך זיי באַזיגט. דאָס פּעסטע איז באַזיגט געוואָרן, דאָס שווערע איז לײַכטער געוואָרן. ניט געקוקט דערויף, וואָס די גראַמען זײַנען געווען האַרבע, האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן מיר אַף אַזויפֿיל, אַז איך האָב זיי אַרײַנגעפֿירט אין אַ צווייפֿאַכיק צײַמל און פֿון זיי צונויפֿגעשטעלט אַ סיסטעמאַטישע ליד, אַזאַ ווי מײַן הער זעט מיט די אייגענע אויגן. איך האָב זיך ניט באַמיט, אַז די ליד זאָל געניי אַנטהאַלטן די גראַמען, ווי די דיכטער האָבן פֿריִער געמאַכט. אַלץ האָב איך געמאַכט אַזוי, ווי עס פֿאָדערט די שפּראַך. עס זײַנען געווען אַזעלכע גראַמען און פֿערזן, וועלכע איך האָב געביטן אַף נײַע, אַנדערע האָב איך געלאָזט אומגעענדערט, נאָר דעם זין פֿון די פֿערזן האָב איך געביטן. און עס האָט זיך באַקומען די ליד. איך האָב זי פֿאַרפֿאַסט אַלס אַן ענטפֿער אַף דײַן ליבלעכער ליד, וועלכע אַנטהאַלט שיינע רייד, איז שענער פֿון אַ הענגל ציפּערבלומען, קאָן ניט אָפּגעשאַצט ווערן מיט אויפֿיר־גאָלד, מיט טײַערן אָניקס (אײדלשטיין). דער הימלשער פּאָן פֿונעם קסאַוו איז ענלעך צו אַ פּלאַטשיקער זילבערנער פּלאַטע. פֿון דער שוואַרצקײַט פֿון די שפּאַלטן שלאָגט זיך אַדורך אַ לעוואָנע־שײַן. די צייכנס פֿון דײַן בריוו האָב איך געמאַכט פֿאַר צייכנס אין מײַן ענטפֿער, און די ווערטער זײַנען אויסגעגראַווירט אַלס מוסטערן. מײַן ענטפֿער איז צוזאַמענגעהעפֿט מיט די גלוסטיקײַטן פֿון דײַן גרויסאַרטיקײַט און דערציילט וועגן זיסקײַט פֿון דײַן גומען. מײַן ענטפֿער איז געוואָרן מײַן טרייסט אין מײַן אָרעמקײַט, די רעפֿוע פֿאַר מײַן קרענק. דעם ענטפֿער האַלט איך אַלס מײַנע אַ געצערטלטע פּלאַנצונג און מיט איר בלומען־זאַפֿט האָב איך אָנגעפֿילט מײַן בעכער, דערפֿאַר האָב איך זיך דערפֿרייט מיט דײַנע ליבונגען, ווײַל דו האָסט מיך דערפֿרייט מיט דײַן ווערק און אַרויסגעוויזן גוטע באַציִונג צו דײַן דינער. און דו בירסט אים מיט גוטן ווילן, ער זאָל זיך באַשײַנען מיט דײַן ליכט. און מיט וואָס נאָך קאָן מען זיך דערוויסן, אַז איך בין דיר געפֿעלן געוואָרן, אויב ניט מיט דעם, וואָס דו וועסט אויסשטרעקן דעם סצעפּטער פֿון ליבע און זיך ווענדן צו מיר מיט אַ גוטוויליקאויג, אויב דיר איז געפֿעלן כאָטש עפּעס־וואָס פֿון מײַנע רייד. טאָמער פֿאַרקערט, שווער איך בײַ דײַן נעשאָמע, וועל איך זיך אומקערן צוריק. ווײַל עפּעס ענלעכס איז מיט מײַן האַרצן נאָך קיינמאָל ניט געשען. פֿון דײַגע זאָגט עס צו מיר אַזוי: עפּשער וועסטו גיין גלײַך אַף די גלײַכע שטעגן און ניט אין קרומע וועגן, ווײַל וואָס נאָך איז מיר געבליבן צו זאָגן און יוגנטלעכע נאַרישקײַטן צו פֿאַרפֿאַסן, ווען מײַן הער איז אַ כאַכעם, ווי אַ מאַלעך פֿון גאָט. זאָל גאָט מאַמשיך זײַן אָן איבערײַס דײַן פּראַכט, קייפּלען דײַן באַלוינונג, מערן פֿרעכטיקײַט צו דײַן פֿרעכטיקײַט און קאָוועד צו דײַן קאָוועד. אָמײַן".

דער יובילײ פון א רעזשיסער

דער זאַל פונעם ווילנער פּראָפּאַריינען־פּאַלאַץ איז געווען פולגעפּאַקט. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך געעפנט, זײַנען אַף דער בינע געזעסן... „ריכטער", געקליידט אין מאַנטיעס, „באַשולדיקער" און „פאַרטיידיקער", ווי בײַס אַן עמעסן געריכט. זיי האָבן געפירט א „מישפּעט" איבער עמיל כערסאָנסקין, דעם אָנפירער און רעזשיסער פונעם ייִדישן טעאַטראַלן קאָלעקטיוו, אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 50־טן געבורטסטאָג.

דאָס איז געווען א לוסטיקע פאָרשטעלונג, א בופאָנאַדע, בײַס וועלכער די דערפינדערישע כעווריע פונעם זעלבסטטעטיקן שוישפּילער־קאָלעקטיוו האָבן אַף אַזאַ אומדערוואַרטן, אָריגינעלן אויפן געשילדערט כערסאָנסקיס לעבנסוועג, זײַן פּיליאָריקע טעטיקײַט אַלס רעזשיסער און אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעטאָן דאָ, אַף דער ייִדישער פאָלקס־בינע. „זאַכלעכע באַוויזן" און „א דין־טוירע" זײַנען געווען סצענעס פון זײַנע ספּעקטאַקלען. ס'זײַנען אויך באַוויזן געוואָרן פּאַראָדיעס, וויצן, קאָנצערט־נומערן. סאָפּקאָלסאָף האָבן די „ריכטער" אים „פאַרמישפּעט" צו 180 יאָר לעבן און דערין — צו 50 יאָר „קאַטאָרזשנע רעזשיסער־אַרבעט" אינעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער.

נאָך דער פרייִלעכער בופאָנאַדע איז פאָרגעקומען א פײַערלעכע פּראָגראַם. פאָרשטייער פון אַלע זעלבסטטעטיקײַט־קאָלעקטיוון פונעם פּראָפּאַריינען־פּאַלאַץ — פון דעם רוסישן, ליטווישן, פּוילישן — און פון די פאָלקס־טעאַטערס פון דער שטאָט האָבן באַגריסט דעם יובילאַר. עס זײַנען אַרויסגעטראָטן די אָנפירער פונעם פּאַלאַץ, טוער פונעם קולטור־מיניסטעריום און פונעם שטאָטישן סאָוועט. ע. כערסאָנסקי איז באַלוינט געוואָרן מיטן צייכן „אויסגעצייכנטלער פון קולטור־ און בילדונגס־אַרבעט אין דער ליטווישער סּסר".

די העכער אַכט יאָר, וועלכע כערסאָנסקי האָט אָפּגעגעבן דעם ייִדישן פאָלקס־טעאַטער, זײַנען געווען ניט קיין לײַכטע. די אַרטיסטן זײַנען געווען שטאַרק פאַרנומען — געאַרבעט, זיך געלערנט, געמוזט אויסניצן יעדע פרײַע שאָ. אָבער כיישעק האָט געשטײַעט, ענטוזיאַזם אויך. די יוגנט האָט געהאַט שוועריקײַטן מיט דער שפּראַך (דער רעזשיסער אויך). ס'האָט זיך געפאָדערט פיל אָנשטרענגונגען און מעסירעסנעפעש.

איצט קאָן מען שוין אונטערציִען א סאַכאַקל. אין משך פון די לעצטע פיר יאָר איז דער ווילנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער צוויי מאָל געווען לאַורעאַט פון דער ווילנער בינע, פאַרנעמענדיק דאָס ערשטע אָרט אינעם פאַרמעסט פון 14 פאָלקס־טעאַטערס פון דער שטאָט.

— באַזונדערס פרייִדיק איז דאָס, — זאָגט כערסאָנסקי, — וואָס די זשורי האָט הויך אָפּגעשאַצט אונדזער לעצטן ספּעקטאַקל „די נאַכט ערעוו באַבי יאַר" לויט אַלעקסאַנדער באָרשטשאַגאָווסקיס פּיעסע. די פאָרשטעלונג פאַרענדיקט זיך מיט אַרן ווערגעליסעס ליד „לאָמיר רעדן פון די קדושים" (מוזיק פון וולאַדימיר טערלעצקי). אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערגרייכן אין פינאַל אַזאַ שטײַגנדיקע דראַמאַטישע שפּאַנונג, אַז דער אוילעם הייבט זיך אויף פון די ערטער און הערט די ליד שטייענדיק...

ווען די שוישפּילער טראָגן אַרויס אַף דער בינע זעקס ליכט אין אָנדענק פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע קדושים, שטייען די צושויער ווי פאַרגליווערט, מע אַפּלאָדירט ניט, און בלומען טראָגן זיי ניט אונטער די אַרטיסטן, נאָר לייגן זיי אַוועק בײַ די ליכט.

עמיל כערסאָנסקי האָט אין משך פון די אַכט יאָר געשטעלט אַף דער ווילנער ייִדישער בינע א גאַנצע ריי ספּעקטאַקלען: מוישע גערשענזאָנס „כעלמער כאַכאָמים", שאָלעם־אַלייכעמס „200.000", א פאָרשטעלונג „צום לעבן" (לויט דערציילונגען פון ייִדישע, ליטווישע, רוסישע שרײַבער), א טעאַטראַליזירטע פאָרשטעלונג, געווידמעט דעם 40־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, די ספּעקטאַקלען „בראָדער זינגער" לויט אַווראָם קאַהאַנס פּיעסע און „לאַכן איז געזונט" — לויט פּראַגמענטן פון דער ייִדישער קלאַסישער קאָמעדיעדראַמאַטורגיע. איצט גרייט מען א ספּעקטאַקל לויט שאָלעם־אַלייכעמס „דער געט".

דער קאָלעקטיוו אונטער דער אָנפירונג פון ע. כערסאָנסקין איז שטענדיק געווען טעטיק בײַם אָרגאַניזירן ליטעראַרישע אָוונטן (אַן אָוונט, געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמס 125־טן געבורטסטאָג, א באַגעגעניש מיטן שרײַבער גריגאָרי קאַנאָוויטש, אַן אָוונט, געווידמעט דעם אָנדענק פונעם וועטעראַן פון דער קאָמפּאַרטיי פון ליטע און פּיליאָריקן פאָרזיצער פונעם ראַט פון דער ייִדישער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט אין ווילנע יאַנקל וויניצקי).

מיט א יאָר אָנדערהאַלבן צוריק האָט עמיל כערסאָנסקי געשאַפן בײַם טעאַטער א סטודיע פאַר יוגנט — 22 אָנטיילנעמער. אייניקע פון זיי האָבן שוין געשפּילט אַף דער בינע זומער בײַס די לעצטע גאַסטראָלן אין דרוסקינינקײַ און פּאַלאַנגע.

— אַגעוו, — פרעג איך, — ווי אַזוי זײַנען דורכגעגאַנגען די דאָזיקע גאַסטראָלן?

— דער אוילעם פון די ליטווישע קוראָרטן, איבערהויפּט פון דרוסקינינקײַ, — ענטפערט ער, — קען אונדז שוין, און מענטשן קויפן אויס די בילעטן פאַרפריִער. טיילמאָל קומט אונדז אויס צו שפּילן צוויי פאָרשטעלונגען נאָכאַנאַנד אין משך פון איין טאָג...

דער ווילנער פאָלקס־טעאַטער לעבט. אונטער דער אָנפירונג פון עמיל כערסאָנסקין איז ער געוואָרן א געייניקטער קאָלעקטיוו, וווּ אָנטיילנעמער בײַטן זיך ניט קימאַט — זיי קומען צו, און יעדערער גייט אַהין, ווי צו זיך אַהיים.

ע ל י ש ע וו ע ק א נ צ ע ד י ק

אָלעג געראַסימאָוו

אַף דעם אינדזל דזשערבא

דאָס ניט גרויס היימלעך שטעטל כאָמט סוק, דער אַדמיניסטראַטיווער צענטער פונעם טוניסער אינדזל דזשערבא, איז איבערגעפולט מיט קרעמלעך און קראָמען, וואָס זייערע טירן עפענען זיך גלײַך צו דער גאַס. דאָ קאָן מען קויפן טעפּיכער, קעראַמישע זאַכן, אויסאַרבעטונגען פון פּאַלמעס־בלעטער. נאַטירלעך, אַז אין דעם דאָזיקן שטעטל, וווּהין עס פאָרן זיך צונויף טוריסטן פון פיל לענדער, זײַנען פאַראַן עטלעכע בענק און צעבײַט־קאָנטאָרן, אָפענע קאַפע־הײַזער און רעסטאָראַנדלעך, אַ פילפאַרביקער געדעקטער מאַרק און צענדליקער גרויסע און קליינע האָטעלן, פּאַנסיאָנאַטן און קעמפּינגן. די טוריסטן קאָנען דאָ דינגען אַ שטיבל פון פּאַלמעס־בלעטער, אויסלײַען אַ פערד, אַ קעמל, אַן אייזל, אָדער אַ וועלאָסיפּעד. מע דאַרף נאָר צאָלן געלט.

אַ טייל טוריסטן קומען צו פאָרן אַפן אינדזל אין אויטאָמאָבילן. אין צענטער פון דער שטאָט, לעם די געבײַדעס פונעם טעלעגראַף און פון דעם מוניציפּאַליטעט, איז אײַנגעאָרדנט אַן אויטאָ־אָפּשטעל, און יעדער אויטאָמאָביל־פירער דאַרף איבערלאָזן אַ מאַטבייע אין צייל־אַפּאַראַט. אַ הויכוווקסיקער מאַנצבל אין אַ לאַנגן, ביז די פּיאַטעס, געשטרייפטן בורנעס מיט אַ קאַפּיושאָן גייט אַרום צווישן די אויטאָמאָבילן, קוקט אַף די ציפערבלאַטן פון די צײלערס און שטעלט זיך אַמאָל אָפּ בײַ אַ „פאַרשולדיקטער“ מאַשין. זײַן געהילף ברענגט צו שלעפּן אַ שווערן קאַפּקאַן, וועלכער פּעסטיקט זיך צו אַף דער פאָדערשטער ראָד אַזוי, אַז דער שולדיקער קאָן שוין ניט אָוועקפאָרן, ווײַל קעדיי אופשליסן דעם קאַפּקאַן איז נייטיק אַ ספּעציעלער מוטערקע־שליסל. מיר דוכט, אַז אַט דעם שטרענגן מענטשן, וואָס פאַרשמידט די אויטאָמאָבילן אין קייטן, האָבן אַלע ניט ליב, כאָטש ער טוט דאָך אַ נייטיקע אַרבעט. דעריבער איז ער אַ שווײַגער, ענטפערט ניט אַף די פרײַלעכע ווערטלעך און באַגריסונגען פון די טוריסטן, וואָס זיצן בײַ די טישלעך מיט קאַווע.

דער קלימאַט אַפן אינדזל דזשערבא איז דער הויפּט־פאַקטאָר, וואָס ציט צו פון אייראָפּע טוריסטן פון מיטעלן שטאַנד. כוץ דעם, איז דאָ צונויפגעפאָרט דער מיטללענדישער יאַם און דער מידבער סאַכאַרע. דער סאַמע הייסער כוידעש איז אַווגוסט, מיט אַ דורכשניטלעכער טעמפּעראַטור 20+. דער סאַמע קאַלטער — יאַנוואַר, 12+. אַזאַ טערמישע סטאַבילקייט ברענגט צו דעם, אַז דער ווינטער און דער פרילינג האָבן אַפן אינדזל אַן אומפאַרגלײַכלעכע פּראַכט. אין דעקאַבער באַדעקן זיך די נאַקעטע אַבריקאָס־צווײַגן מיט אַ געדיכטן ווײַס־פּיאַלעטאָוון צוויט, און די אייביק גרינע מאַראַנצן־ און לימענע־ביימער שטייען שוין באַלאָדן מיט גאָלדענע און געלע פּרוכטן, שאַפנדיק אַן אײַנדרוק פון עפּעס אומרעאַלס, פאַנטאַסטישס. דעריבער איז ניט צופעליק, וואָס אין דעקאַבער, ווען אין מיזרעוו־אייראָפּע איז קאַלט און נאַס, קומען אָן אין די לעצטע יאָרן אַפן אינדזל דזשערבא העכער 40 טויזנט טוריסטן. אין אַפּרעל און אין מײַ שטייט דאָ אַ וואַרעמער וועטער, און ערשט אין יון גאַנוועט זיך אונטער אַ הייסער זומער. נאָכדעם הייבט אָן, פּונקט ווי פרילינגצײַט, די טעמפּעראַטור צו פאַלן.

מײַנע פרײַנט, וואָס האָבן באַזוכט טוניס, האָבן מיר געזאָגט, אַז אַפן אינדזל דזשערבא אַרבעט מען אויס זייער גוטע, פון וואָל געוועבטע טעפּיכער. מיר פרעגן וועגן דעם באַם באַלעבאָס פונעם האָטעל, און ער ווײַזט אונדז אָן אַף אַ מענטשן, וואָס קאָן אונדז אָפּפירן אין אַ טעפּיכער־וואַרשטאַט. אין עטלעכע מינוט אַרום באַגעגנט אונדז שוין בײַ אַן אײַנשטאָקיק הויז דער באַלעבאָס, וועלכער פירט

אונדז אוועק אַפן סקלאַד. און אָט כאַזוערט זיך איבער די סצענע, וואָס מיר האָבן ניט איין מאָל געזען אין קאַיר, אין באַגדאַד, טעהעראַן. ייִנגלעך און באַיאָרטע אַרבעטער פונעם סקלאַד שווּבלען אַרום, ווי די מוראַשקעס, שלעפּן אַראָפּ פון די פּאַליצעס פילפאַרביקע זײַדענע און וואָלענע טעפּיכער פון פאַרשיידענער גרייס. זיי וויקלען פאַנאַנדער פאַר אונדז פינף, צען, פופצן טעפּיכער! איך שטעל אַפּ די דאָזיקע שפּיל און זאָג, אַז כאָטש די טעפּיכער זײַנען זייער גוטע, נאָר מיך אינטערעסירן אַנדערע — אַזעלכע, וואָס מע וועבט זיי אַף האָריזאָנטאַלע ווערקשטעלן. דער באַלעבאָס איז אָבער אומדערבאַרעמדיק. ער רעכנט אויס די מײַלעס פון זײַנע טעפּיכער, זאָגט צו, אַז ער וועט זיי אָפּשיקן אין וועלכן איר ווילט אייראָפּעיִשן לאַנד פאַר א קליינער צוגאָב־פּרײַז, און צוליב מער סאָלידקייט טיילט ער מיט, אַז אין בערלין האַלט ער אײַנײנעם מיט זײַן ברודער נאָך איין מאַגאַזין, אין וועלכן עס פאַרמאַכט זיך ניט די טיר פון דער גרויסער צאָל קוינים.

יאָ, פון אָט דעם געניטן באַלעבאָס איז שווער זיך אָפּטשעפּען, און מיר זײַנען געווען געצוווּנגען אָנצוווענדן א שוין אויסגעפּרוּווט מיטל: געפרעגט, וויפל עס קאָסט דער סאַמע קלענסטער טעפּיך פון די צעוואָרפענע בא אונדזערע פיס; דער באַלעבאָס רופט אָן א פרײַז, און מיר זאָגן, אַז, צום באַדויערן, פאַרמאָגן מיר ניט אַזויפיל געלט. גלײַך נאָך דעם פאַלט דער אינטערעס צו אונדז מיצאַד דעם באַלעבאָס, און ער אײַלט שוין צו אַן אַנדער גרופּע טוריסטן. מיר לאָזן זיך פאַמעלעך צום אַרויסגאַנג. צוריק פירט אונדז א יאַטל פון א יאָר צען.

בא וווּרטיקאַלע מעטאַלענע ראַמען, וואָס זײַנען פאַרצויגן מיטן שפּינוועבס פון בוימוואָל־פעדעמער, זיצן פרויען, אַלטע, יונגע און גאָר מיידלעך. זיי ציִען דורך מיט די פלינקע פינגער פאַרביקע בײַוול. בא יעדער בריגאַדע פון דרײַ־פינף מענטשן איז אַף דעם פעדעם־גרונט צוגעשפּיליעט א געמעל (געמאַכט אַף מילימעטער־פּאַפּיר) פונעם קינפטיקן טעפּיך.

דאָס זשוואווע יאַטל האָט אונדז געפירט איבערן וואַרשטאַט, אַפילע ניט פרעגנדיק קיין דערלויבעניש באַם באַלעבאָס. דערפילנדיק א קעגנזײַטיקע סימפּאַטיע צווישן אונדז, פרעגן מיר אים, וואָס פאַר א שײַכעס ער האָט צו דעם וואַרשטאַט און פאַרוואָס לערנט ער זיך ניט.

— דאָ אַרבעט מײַן מאַמע, — ענטפערט דאָס ייִנגל. — דער טאַטע איז אוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד זוכן אַרבעט. ווען זשע זאָל איך זיך לערנען, אַז איך דאַרף העלפן דער מאַמען האָדעווען די קלענערע פון מיר שוועסטער און ברידער?

מיר געזעגענען זיך, און ווען מיר זיצן שוין אין אווטאָמאָביל, הערן מיר, ווי דאָס ייִנגעלע שרײַט אונדז נאָך:

— אַף דער צענטראַלער גאַס בא דער מעבלקראָם איז דאָ א וואַרשטאַט, ווו מע מאַכט אַזעלכע טעפּיכער, וואָס איר דאַרפט. דער מײַסטער הייסט מונדזשי. ער איז א ווילער און וועט אײַך אַלץ באַווײַזן.

און ווירקלעך, לעם א ניט־גרויסער מעבלקראָם שטייט א הויכער סאַרײַ, א באַקלאַפּטער מיט גאָפּרירטן מעטאַל. אַף דער צעפּראַלטער טיר הענגען טעפּיכער, געוועבטע פון דיקע ניט געפאַרבטע וואָלענע בײַוול פון ווײַסן, שוואַרצן און ברוינעם קאָליר און מיט פאַרשיידענע אָרנאַמענטן: אָט איז אַף א ווײַסן פאָן אויסגעוועבט א הענגל ווײַנטרויבן, נאָר אויב איבערקערן דעם טעפּיך פאַרקערט, קאָן עס שוין אויסזען ווי א בוים. אין אַנדער אוזאָר שטעלט מיט זיך פאָר געבראָכענע רעכטווינקלדיקע ליניעס, וואָס גייען בא די עקן פונעם טעפּיך. דער דריטער טעפּיך איז פּאַשעט א ווײַסער, און בלויז א ברייטער זוים באַטאָנט דעם ווײַסן פאָן.

מונדזשי, א יונגערמאַן פון א יאָר 25, איז אַליין געוואָרן אונדזער פרײַוויליקער גיד. אַף האָריזאָנטאַלע צוויי־יאַרוסדיקע ווערקשטעלן זײַנען אָנגעצויגן אַף א פאַרשיידענעם ניוואָ די גרונט־פעדעם פון בוימוואָל. מונדזשי באַווײַזט אונדז אַן אָפּן־אָפּגעפּאָלירט הילצערן וועבער־שיפל, 40 סאַנטימעטער די לענג, מיט פאַרשניצטע עקן און אײַנגעפּאַסטע בלײַענע בלעכלעך צוליב פאַרשווערערן זײַן וואָג. דעם ניוואָ פון די גרונט־פעדעם אינעם ווערקשטעל בײַט דער אַרבעטער מיט די פיס, דריקנדיק אַף די פעדאַלן, וואָס זײַנען אונטערגעבונדן דורך א בלאָקן־סיסטעם צו דער ראַם מיט די גרונט־פעדעם. לענגויס דעם ווערקשטעל ציט זיך א שטאַנג, אַף וועלכער עס שפּאַרט זיך אָן דער וועבער בייס ער בײַט מיט די פיס די הייך פונעם ניוואָ, פון די גרונט־פעדעם. יעדן טעפּיך, וואָס האַלט 1,5×1 מעטער די גרייס, אַרבעט אויס אַפן ווערקשטעל איין מײַסטער פאַר 4 טעג און דערנאָך צעקעמט ער אים מיט א מעטאַלן בערשטל. דער טעפּיך קאָסט 15—20 טוניסער דינאַרן. צום פאַרגלײַכן קאָן מען זאָגן, אַז אין דעם ערשטן וואַרשטאַט איז די פרײַז אין 100—150 מאָל טײַערער.

מיר פאַרלאָזן מונדזשין, אוועקטראָגנדיק א פּאָר געקויפטע מוסטערן פון זײַנע אויסאַרבעטונגען, וואָס גיבן אַרויס א ספּעציפישן רייעך פון שלעכט אויסגעוואַשענעם שעפּסן־וואָל. איינעם א טעפּיך האָב איך געשענקט מײַנע מאָסקווער פרײַנט און זיי דערציילט, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם ניט־לײַכטן לעבן פונעם דזשערבינער וועבער מונדזשי און וועגן דעם צעניאָריקן זאַיד, וואָס אַרבעט אַפן טעפּיכער־סקלאַד.

אַף דעם געדעקטן מיזרעכדיקן מאַרק, אין צענטער פון כאָמט סוק, קאָן מען זען צווישן טעפּיכער קעראַמישע אויסאַרבעטונגען, פאַלמע־צי־

נאַווקעס און סכוירעס פון לעדער, אויך האנטווערקער-שעדעווערן פון גאָלד און זילבער. די גאָלדשמידן ארבעטן עפנטלעך אין זייערע קלייטלעך, פאר אלעמען אין די אויגן, אויסארבעטנדיק וואַגיקע האנט- און פיס-בראַסלעטן און בראָשקעס. פארקערט, די זילבער-מײַסטערס האָבן ניט ליב צו דעמאָנסטרירן זייער קונסט, און זיי ארבעטן מערסטנס בא זיך אינדערהיים, איבערגעבנדיק זייערע סוידעס פון דאָר צו דאָר. 99% צווישן די דזשערבינער גאָלדשמידן זײַנען ייִדן. זייערע אורעלטערן זײַנען אהער געקומען מיט 2.500 יאָר צוריק. אין דעם דאָרף גריבא אפן אינדזל דזשערבא געפינט זיך איינע פון די עלטסטע סינאַגאָגעס אין דער אראַבישער וועלט. ס'האָבן זי אויסגעבויט איבערוואַנדערער פון ביזאַנץ. אויב איר וועט זיך אינטערעסירן מיט דער יוּוועליר-קונסט אף דזשערבא, וועט מען אײַך אומבאַדינגט דערמאָנען דעם נאָמען פונעם גאָלדשמיד נעמני, וועלכער האָט דאָ געלעבט אין אָנהייב פון XX יה. זײַנע בראַסלעטן און מאָסיווע פארשפּילעכצן זײַנען געווען געמאכט פון באזונדערס פײַן-באארבעטן זילבער, און קיינער פון די שפּעטערדיקע מײַסטערס האָט ניט געקאָנט איבערכאַזערן די דאָזיקע קונסטווערק.

די געשיכטע וועגן דעם, וויאַזוי עס איז אופגעקומען צירונג פון ווערטפולע מעטאלן און שטיינער, ווי אויך מער ביליקערע באפּוצונגען, ציט זיך פון די טיפע אוראַלטע צײַטן. אונדזערע אָוועס, מאנצבלעץ און פרויען, פלעגן אָנטאָן האלדזבענדער, געמאכטע פון ציין פון ווילדע כײַעס, אָדער פון באארבעטע פארביקע שטיינער. יעדע באפּוצונג טראָגט אין זיך, אין טאָך גענומען, א סאָציאַלע אָנלאָדונג. מיט איר וויל מען אונטערשטרײַכן אָדער דאָס אָרט, וואָס מע פארנעמט אין דער געזעלשאפט, דעם ווילשטאנד און פארמעגן, אָדער דעם געשמאק און די שיינקײַט. די טוניסער זײַנען אין דעם פראט ניט קיין אויסנאם. א סימען פון ווילשטאנד רעכנט זיך, לויט דער טראדיציע אין טוניס, דאָס האָבן אין אייגנטום ניט בלויז ערד און א הויז, נאָר אויך פּערזענלעכע ווערטפולע זאכן, וועלכע זײַנען צוגעטיילט דער פּרוייִשער העלפט פון דער מישפּאָכע. וועגן דעם פארמעגן פון א מישפּאָכע אפן אינדזל דזשערבא אורטיילט מען לויט דעם, וויפל ווערטפולע באפּוצונגען עס פארמאָגן די פרויען פון דער מישפּאָכע, און ניט לויט דעם, צי די מישפּאָכע האָט א קאָנטע אין באנק אָדער אקציעס אין וועלכער-ניט-איז קאָמפּאניע. אגעוו, די דעראָבערונג פון ווערטפולע גאָלדענע זאכן באטײַט לוינבאר מאטעריאליזירן די פרײַע געלט-מיטלען. אזוי טוט אפילע א קאלע, ווען זי באקומט א געוויסע סומע געלט פונעם כאָסן פאר דער כאסענע. אין א סיטואציע פון פינאנסיעלע שוועריקײַטן קאָן יעדער טוניסער בירגער אראָפּנעמען פונעם ווײַב און פון דער טאָכטער א פּאָר בראַסלעטן און זיי פארלייגן אין לאָמבארד, ווו ער באקומט גלײַך 60% פון זייער נאָמינאלער פרײַז. די דאָזיקע פראקטיק איז פארשפּרייט איבער גאַנץ טוניס און באזונדערס אפן אינדזל דזשערבא.

די גרעסטע פּראָבלעם פאר די יוּוועלירער באשטייט איצט אין קריגן רויוואַרג. קיין גאָלד איז ניט פאראן אינעם פרײַען פארקויף. די מעלוכע טיילט אויס עפּעס-וואָס בלויז פאר יענע יוּוועלירער, וואָס באקומען א ספּעציעלן סערטיפיקאט, וועלכער זאָגט אײדעס וועגן זייער קוואליפיקאציע. דעריבער זוכן אויס די מײַסטערס אלטע גאָלדענע אויסארבעטונגען אָדער מאטבייעס, שמעלצן זיי איבער און מאכן פון זיי באפּוצונגען לויט דער באשטעלונג פונעם קוינע. אייניקע אלטע צירונגען, וואָס מע שמעלצט איבער, זײַנען אליין ווערטפולע, נאָר אויב זיי אנטשפּרעכן ניט דעם טראדיציאָנעלן געשמאק פון די דזשערבינער, ווארפט מען זיי ארײַן אָן שום באדויערונג אין טיגעל.

אין זייערע אויסארבעטונגען פון גאָלד און זילבער באנוצן זיך די דזשערבינער מײַסטערס מיט די מער ביליקערע איידלשטיינער, אזעלכע, ווי ליאַפּיס-לאזור, אגאט, נעפריט, פּערל און באזונדערס קאָראלן, וועלכע מע באקומט ארויס פונעם מיטללענדישן יאם און מע באארבעט זיי ספּעציעל אין דער טוניסער שטאָט טאבארקא. אין דעם טראדיציאָנעלן דזשערבינער צירונג באנוצט מען אינגאנצן ניט קיין דימענטן, שמאראגדן, רובינען אָדער סאפּיר-שטיינער, אף וויפל זיי קאָסטן זייער טײַער. די גווירים, אויב זיי ווילן, קאָנען באשטעלן זײַער צירונג אין אויסלאנד.

די מערהײַט דזשערבינער באפּוצונגען זײַנען אויסגעארבעט אין פיליגראַן-סטיל, וועלכער קומט פון דער אראבישער אנדאלוזיע, פון דאָרטן שטאַמען דאָך די ייִדן-יוּוועלירער. פון גאָלד און זילבער מאכט מען אויריגלעך אין דער פאָרם פון א דרײַעק מיט אונטערגעהאנגענע באָמבערלעך. די דאָזיקע טראדיציע געפינט מען אין אוראלטן מיצראַיִם. עס טרעפן צווישן די באפּוצונגען ניט ווייניק זאכן מיט היפּשע ביליקערע איידלשטיינער אין דער פאָרם פון א קאבאשאָן. דער דאָזיקער סטיל שטאמט פון דער מיטלאלטערלעכער טערקישער טראדיציע: טוניס איז, אָנהייבנדיק פון 1574 און ביזן 1881, ארײַנגעגאַן אין באשטאנד פון דער אָטאָמאנער אימפּעריע. פון די פראנצויזישע קאָלאָניזאטאָרן, וואָס האָבן פארביטן די טערקן, איז פארבליבן דער מינהעג צו טראָגן האלדזבענדער, געמאכטע פון גאָלדענע ענגלישע גינייעס, זילבערנע דאָלארן, גאָלדענע טערקישע לירעס און אנדערע אויסלענדישע מאטבייעס. ווער ווייסט, וויאַזוי זיי זײַנען געקומען קיין טוניס און אפן אינדזל דזשערבא...

אמולעטן און טאליסמאנען זײַנען בארופן צו אָפּהיטן פון א גוט-אויג און ברענגען האצלאָכע. זיי פארנעמען א וויכטיק אָרט אין די טראדיציאָנעלע באפּוצונגען פון דער דזשערבינער פרוי. דאָ

האָט די הויפּט־באַדײַטונג דער סימבאָל פֿונעם געמעל און ניט דער מאַטעריאַל אָדער די מאַניר פֿון אויספֿילונג. צווישן די טאַליסמאַנען איז באַזונדערס פּאָפּולער דאָס בילד פֿון אַ פֿיש. נאָך אין די אַנטישע צײַטן, אין קאַרפּאַגען, האָט דאָס בילד פֿון אַ פֿיש זיך אַסאָציִירט מיט דער פּונישער געטין טאַניט. דאָס קאַרפּאַגענער מיידל סאַלאַמבאָ אין ג. פֿלאָבערס ראָמאַן אונטער דעם זעלבן נאָמען האָט געקלאָגט איבערן אומקום פֿון די הייליקע פֿיש, בײַ וועלכע די פֿיסקעס זײַנען געווען באַפּוצט מיט ווערטפֿולע שטיינער. געשטאַמט האָבן די דאָזיקע פֿיש פֿון די בערייִשיסדיקע נאַלימען, און זיי האָבן געבוירן דאָס מיסטישע איי, אין וועלכן ס׳איז געזעסן די געטין טאַניט. אין אָנהייב פֿון אונדזער ערע האָבן די פּאַרצײַטיקע קריסטן, וואָס זײַנען גערודפֿט געוואָרן מיצאַד די רוימישע הערשער, געמאַכט דאָס בילד פֿון אַ פֿיש פֿאַר אַ סימבאָל פֿון יעזוס קריסטוס, און די יעהודייער האַלטן דאָס בילד פֿון אַ פֿיש פֿאַר דער בעסטער סגולע פֿון אַ גוט־אויג. אַזוי איז שוין, ווײַזט אויס, היסטאָריש פֿאָרגעקומען, אַז אויף דעם אינדזל דזשערבאַ זאָלן זיך צונויפֿמישן פֿאַרשטעלונגען פֿון אַלטע און נײַע רעליגיִעזע אָנשויונגען, וואָס האָבן געהאַלטן דעם פֿיש־סימבאָל פֿאַר אַ זיכערן טאַליסמאַן קעגן פֿאַרשיידענע אָנשיקענישן און אומגליקן פֿונעם לעבן.

דאָס צווייטע אָרט צווישן די אַמולעטן נאָך דעם פֿיש־סימבאָל פֿאַרנעמט דאָס בילד פֿון אַן אָפֿענער דלאָניע פֿון דער רעכטער האַנט, וואָס אויף דזשערבאַ רופֿט מען עס „כאַמסאַ“. בײַ די אײראָפּייער הייסט עס „די דלאָניע פֿון פֿאַטימאַ“. אַלפֿיטאָעס מיינט מען, אַז פֿינף פֿינגער סימבאָליזירן די פֿינף זײַלן פֿונעם איסלאַם (טפֿילע, טאָנעס, פּיליגרים־נעסיִע, צדאָקע־שטײַער און דאָס גלייבן אין איינציקן גאָט אַלאַך). יעדנפֿאַלס, האָט זיך אין דער מאַגיִע פֿון די פֿיניקייער און פֿון די פּאַרצײַטיקע מיצרים און ייִדן שטענדיק גערעכנט די ציפֿער פֿינף און די אָפֿענע דלאָניע פֿאַר אַ שמירע־סימבאָל. אַן אַנדער אַמולעט, וועלכער קומט פֿון די אוראַלטע פֿאַרשפּילעכצן, שטעלט מיט זיך פֿאָר דאָס בילד פֿון אַ האַלבער לעוואָנע. פּונקט ווי דער פֿיש, איז די האַלבע לעוואָנע געווען דער סימבאָל פֿון דער קאַרפּאַגענערן טאַניט — דער געטין פֿון דער לעוואָנע. די זעלבע סאַלאַמבאָ אין פֿלאָבערס ראָמאַן שעפּטשעט, קוקנדיק אויף דער לעוואָנע, ווערטער פֿון אַ טפֿילעדיקן הימן:

„ווי לײַכט קרײַזסטו אַרום אַן אונטערגעהאַלטענע פֿונעם אומוואָגיקן עפּיר! אין דער מאָס, ווי דו ווערסט גרעסער אָדער קלענער, פֿאַרלענגערן זיך אָדער פֿאַרשמעלערן זיך די אויגן בײַ דער קאַץ און די פֿלעקן בײַ דער פּאַנטערע. פֿרויען רופֿן אָן מיט געשריי דײַן נאָמען אין די קימפּעט־לײַדן! און אַלע געבוירטן, אָ, געטין, קומען אַרויס פֿון דער פֿינצטער פֿון דײַנע פֿײַכטע טיפֿענישן... וווּהין גייסטו? פֿאַרוואָס ענדערסטו קעסיידער דײַן אויסזען? אָט ביסטו אויסגעבויגן און דין און גליטשסט זיך איינעם רוים ווי אַ גאַלערע אָן זעגלשטריק, אָט באַווײַזסטו זיך צווישן די שטערן, ווי אַ פּאַסטעך, וואָס היט די סטאַדע...“

צווישן די אַמולעטן טרעפֿט זיך אָפֿט דאָס קעפּל פֿון אַ שלאַנג, וואָס עס גייט פֿון די טראַדיציעס פֿונעם פּאַרצײַטיקן מיצראַיִם. מער פֿאַרשפּרייט איז געווען דאָס בילד פֿון דער קאָברע, וועלכע האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ סימבאָל פֿון דער געטלעכער פֿאַרויסבאַשטימונג און פֿון דער קייסערלעכער מאַכט. די קאָברע־פֿיגורקע פֿון בראָנזע, אין אַ צעבלאָזענעם קאַפּיושאָן, וואָס רופֿט זיך אוריי, האָט אומבאַדינגט באַפּוצט די קרוין בײַ די מיצרישע פּאַרעס. אוריי האָט אויך באַפּוצט די קרוין פֿון פּאַרעס ווײַב, און דעם קאָפּ פֿון דער געטין איסידאַ האָט באַפּוצט אַ קראַנץ, וואָס איז געווען פֿאַרפֿלאָכטן פֿון די דאָזיקע קאָברעס (טאַקע די פֿיגורקע פֿון בראָנזע אין אַ קראַנץ פֿון אוריי, וואָס שטעלט פֿאָר די גייענדיקע געטין איסידאַ, געפֿינט זיך אין דעם מעלוכישן מוזיי פֿון אָפּבילדנדיקער קונסט אויפֿן נאָמען פֿון א. ס. פּושקינען). אַ סאַך געטער פֿון דעם מיצרישן פּאַנטעאָן זײַנען אין זייער צײַט אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן, עס זײַנען אויפֿגעקומען נײַע קולטן, נאָר בלויז איסידאַ האָט פֿאַרהיט איר ווירקונג אַלס שטיצערן פֿון דעם מישפּאָכע־לעבן, אַ סימבאָל פֿון אַ טרײַער ווײַב און פֿון אַ ליבנדיקער מוטער. איר קולט איז באַזונדערס געווען פֿאַרשפּרייט אין 1־טן יאָרטויזנט פֿאַר אונדזער ערע, ניט בלויז אין מיצראַיִם, נאָר אויך אויסער זײַנע גרענעצן, דאַרף מען זיך דען וווּנדערן, וואָס די דזשערבינער פֿרוי טראָגט אַמולעטן אין דער פֿאָרם פֿון אַ שלענגל, אָדער בראַסלעטן, וואָס שטעלן פֿאָר קעפּלעך פֿון צוויי קאָברעס אין צעבלאָזענע קאַפּיושאָנען. אין אַלע אַראַבישע לענדער טראָגן די פֿרויען אויף דער ברוסט קלייניקע צילינדערלעך, געמאַכטע פֿון גאָלד אָדער זילבער. אַזעלכע צילינדערלעך הייסן „כאַרז“, און אַליין פֿאַר זיך רעכענען זיי זיך ניט פֿאַר אַמולעטן. אין זיי לייגט מען אַרײַן אַ פֿאַרשריבענעם פּאַסעק פֿונעם קאָראַן, אָנגעצייכנטע מאַגישע ווערטער אָדער ציפֿערן. שפּעטער קאָן די פֿרוי אַהין אַרײַנלייגן אַ קאָפּיע פֿונעם כאַסענע־קאָנטראַקט.

דאָס שענסטע און בעסטע צירונג טוט אַ פֿרוי אָן, פֿאַרשטייט זיך, בײַס דער כאַסענע, דער פֿאַרגעדענקלעכסטער געשעעניש אין איר לעבן. אַ דזשערבינער קאַלע זיצט אויף אירע קישעלעך און פֿינקלט און שײַנט, ווי אַן איקאָנאָסטאַס, אָדער ווי אַ געצנדינערישער אָפּגאָט.

דער קאַלעס שטערן באַצירט אַ דיבע דיאַדעמע פֿון קײַלעכיקע גאָלדענע מעדאַלן אָדער מאַטבייעס. ווי אַ גאָלדענער וואַסערפֿאַל לאָזן זיך אַראָפּ פֿון די שלייפֿן אויף דער ברוסט לאַנגע אויערינגלעך, וואָס זײַנען צוגעפּעסטיקט צו דעם קאָפּ־צודעק,

אין א קלייטל פון א הענדלער מיט סוווענירן

א גאס פון די בערבערן אין די מידבר־ראַיאָנען פון טוניס, אַף דאָרעם פונעם אינדזל דזשערבא

אין א סינאַגאָגע
פונעם אינדזל דזשערבא

פעלדער אין דעם צענטראַל־טייל פונעם אינדזל דזשערבא.
אויפן פאָדערפּלאַן — מוסולמענישע קוואָרים

זיי הייסן „ריכאנאט“ און „מאכבוב“. די דאָזיקע שלייפן־אוירינגלעך זײַנען צונויפגעשטעלט פון עטלעכע רייען גאָלדענע קייטעלעך, אַף זיי זײַנען ארופגעסילעט גאָלדענע שילדלעך, האלבע לעוואַנעס, מאטבייעס. דער קאלעס אויערן ציִען אָפ שווערע קײַלעכיקע אוירינגלעך, באצירטע מיט בייליקע איידלשטיינער אָדער מיט עמאל.

די קאלע קאָן אין טאָג פון איר כאסענע אָנטאָן 15 פארשיידענע האלדזבענדער אָדער קאָליען: פאצערקעס פון גאָלד, וואָס הייסן „שערקא“, קארעלן פון איידלשטיינער, אײַנגעפאסטע אין גאָלד אָדער זילבער, פערל־שנירלעך, גאָלדענע קייטעלעך פון פארשיידענעם קאליבער, האלדזבענדער פון אמולעטן און אפילע קארעלן פון סאנדאלבוים־געהילץ. צווישן די פילצאָליקע באפוצונגען טשעפען אמאָל צו די פרויען א פארשפילעכץ אין דער פאָרם פון א האלבער לעוואָנע מיט צוגעטשעפעטע קייטעלעך און אמאָל האלט דאָס דאָזיקע פארשפילעכץ דעם שטאָף, אין וועלכן ס'איז פארדראפירט די קאָליע. די דאָזיקע פארשפילעכצן שטאמען, ווי עס שײַנט, פון רוים, האגאם הײַנט רעכנט מען, אז די בעסטע פארשפילעכצן־פיבולן מאכן די מײַסטערס אין דער שטאָט בערבער (סאָמאלי).

די הענט בא דער קאלע זײַנען באפוצט מיט בראסלעטן פון פארשיידענע סטילן און פאָרמען. זיי קאָנען זײַן געמאכט פון מאסיוון גאָלד אָדער זילבער, אויסגעארבעטע אין פיליגראן־טעכניק אָדער פון גאָלדענע מאטבייעס, גראווירטע אָדער גלאטע, אויסגעהוילטע אָדער געגאָסענע. אנדערע בראסלעטן זײַנען געמאכט אזוי, אז זייערע עקן דערמאָנען שלאנגען־קעפלעך.

אלס קלאל, זײַנען די פינגער בא דער קאלע אויסגעפארבט מיט כנא. קימאט אף יעדער פינגער — א פינגערל מיט אַן איידלשטיין. פארקנאס־פינגערלעך האָט מען אָנגעהויבן באנוצן בלויז אין דער לעצטער צײַט אונטער דער אייראָפּעִישער ווירקונג, האגאם די יִדישע קאלעס אפן אינדזל דזשערבא האָבן טאָמיד אָנגעטאָן קידושן־פינגערלעך.

אף די פיס טראָגט די קאלע גאָלדענע אָדער זילבערנע בראסלעטן. פריִער, ווי עס האלטן אייניקע עטנאָגראפן, זײַנען די דאָזיקע בראסלעטן געווען די פריווילעגיִע בלויז פון פארהייראטע פרויען.

די אויבנדערמאָנטע באפוצונגען רעכענען זיך פאר טראדיציִאָנעלע, און הײַנט־צו־טאָג באנוצט מען זיי אלץ ווייניקער — מע שמעלצט זיי איבער אָדער מע פארקויפט זיי די אויסלענדישע טוריסטן. די דזשערבינער פרוי אָריִענטירט זיך אלץ מער אף דער אייראָפּעִישער מאָדע, וואָס איז ניט גענייגט צו מאסיווער שווערער און אין אלגעמיין זייער טײַערער צירונג. אין דעם דזשערבינער קאנטקענטעניש־מוזיי איז פאראן א קליינער זאל, ווו עס זײַנען צונויפגעזאמלט טראדיציִאָנעלע פרויען־באפוצונגען. האגאם קעדיי צו דערפרייען דאָס אויג, ווי מע זאָגט דאָ אפן אינדזל דזשערבא, קאָן מען פאָשעט זיך דורכגיין איבערן געדעקטן מארק, ווו קימאט אין יעדן קלייטל זײַנען אָנגעוואלגערט אוניקאלע לויט זייער אויסארבעטונג שווערע זילבערנע האנט־ און פיס־בראסלעטן מיט פארביקע איידלשטיינער און קאָראלן.

אין דעם אלטן פאָרט פון דער שטאָט כאָמט סוק געפינט זיך א פיש־רעסטאָראן „די פרינצעסן כארון“. אין דער מעלדונג, וואָס עס דרוקט די אָרטיקע צײַטונג, גיט מען צו וויסן, אז די קעכערס פון דעם רעסטאָראן זײַנען פון א צווישנפעלקערלעכן קלאס, און זיי גרייטן מײַכאָלים פון דער טוניסער און פראנצויזישער קיך. כוץ דעם, האָט דער רעסטאָראן א טעראסע, פונוואנען מע קאָן מיט פארגעניגן קוקן אפן יאם. נאָך אזא רעקלאמע, וואָלט געווען נישט לאָגיש ניט צו באזוכן דעם רעסטאָראן און ניט פארזוכן פיש־מײַכאָלים. אין איינעם אַן אָוונט זײַנען מיר אוועק פאזע דער ברעג־גאס, וואָס איז באזעצט מיט הויכע עווקאליפטן, פארבײַ די האָטעלן „פאִיז“ און „לאָטאָס“ צו דעם אלטן פאָרט.

דער רעסטאָראן איז דאָ דאָס איינציקע צווייִשטאָקיקע הויז, און ער זעט זיך פונדערווײַטן. באם ארײַנגאנג שטייט א גרויס פישער־שיפל, אײַנגעוויקלט אין אלטע זעגל־שטריק און אין פישער־נעצן. באנאנד איז געמאכט א פאָנטאַן פון עטלעכע גרויסע ליימענע טעפ. דאָס וואסער, וואָס שפריצט פון א באהאלטענער טרויב, גיסט זיך איבערן ראנד פון אן אונטערגעשטעלט קריגל און רינט אראָפ אין א ניט־גרויסן באסיין. א פאָנטאַן אין די דזשערבינער באדינגונגען איז א גרויסער לוקסוס. וואסער איז אפן אינדזל א דעפיציט, אין יעדן האָטעל־נומער הענגט א מעלדונג אין דרײַ שפּראכן: פראנצויזיש, ענגליש און דײַטש — „ביטע, שפּאָרט וואסער“.

דער מיטללענדישער יאם איז ניט זייער רײַך מיט פיש. סיבעס זײַנען פאראן א סאך און פארשיידענע. די ערשטע צווישן זיי איז די פארמיסטיקטקײַט איבער די גיפטיקע אָפּפאלן, וואָס עס ווארפן אין אים ארײַן די אינדוסטריִעל־אנטוויקלטע לענדער פון אייראָפּע. אין אייניקע בײַ־ברעגלענדער פונעם מיטללענדישן יאם איז אפילע פארבאָטן זיך באָדן איבער דער דראָונג צו אָנשטעקן זיך. פונדעסטוועגן איז דער אויסוואל פון יאם־פּראָדוקטן אין רעסטאָראנדל ניט קיין שלעכטער: א קאָקטייל פון קרעווועטקעס, געבראָטענע קאלמארן, עטלעכע מײַכאָלים פון סטאווורידע, קעפאל, פאלטוס, קאמבאלא און יאם־אָקון. דער אזויגערופענער טוניסער סאלאט האָט אונדז פארוווּנדערט — דריבנע אָנגעהאקט גאָרטנווארג, איין סארדינקע און א ריפטל פון א מאראנץ...

געדענקענדיק די פילפארביקע פיש־מערק אין די פאָרטן באם רויטן יאם און אין דעם אדענער

אײַנגוס, פיר איך אוועק מײַנע מיטרײַזנדער אין צענטער פון דער שטאָט, ווּ בישכיינעס מיט די יאַטקעס ציט זיך א לאַנגע טאָמבאַנק מיט פיש־סכוירע. נאָר דאָס דערוואַרטע פאַרביקע בילד האָבן מיר דאָ ניט דערזען. אַף דער מאַרמאָרנער סטאָיקע זײַנען געשטאַנען קעסטלעך מיט זילבערדיקע סאַרדינען. אין אַן אַנדער קעסטל — גרוי־גרינע יאַם־אָקוניעס. אַלע פיש — דריבנע. מיר זײַנען געווען אַנטוישט. דערפאַר אָבער האָט אונדז באַלוינט מיט א טשיקאַווער דערציילונג מאַסמוד — א באַיאָרטער פישער אין אייראָפּעיִשע הויזן און אין א צעקנייטשטש העמדל פון כאַקי־קאָליר.

די פיש פירט מען אין קוישן אַף וועלאָסיפּעדן, אַף מאָטאָציקלען אָדער פּאָשעט אַף טאַטשקעס. גאַנצפרי, — זאָגט מאַסמוד, — ווי נאָר מע קומט אַפן מאַרק, דאַרף מען דעם געפאַנג ווײַזן דעם מוניציפּאַלן פינאַנץ־אינספּעקטאָר, וועלכער וועגט אָפּ די פיש און נעמט אָפּ א שטײַער. נאָכדעם גיט מען זיי איבער אין די הענט פון צוויי מיטאַרבעטער פונעם מאַרק, וועלכע סאָרטירן זיי און סילען זיי אָן צו עטלעכע אַף א שטריקל פון מאַלמע־בלעטער אַזוי, אַז יעדעס בינטל זאָל וועגן א קילאָגראַם אָדער עטוואָס מער. די בינטלעך נעמט נאָכדעם אָן אַרבעטער פונעם מאַרק, וועלכן מיר רופן „דאַליאַל", — זעצט פאָר מאַסמוד. — ער פירט דעם האַנדל מיט די פיש אַף אַן אַאוקציאָן.

און ווירקלעך, אַף א הויכן טאַבורעט בא דער סטאָיקע זיצט א יונגער באָכער און שרײַט אויס די ווערטער „באַבאַלאַ!", „גידעש, גידעש!". דאָס ערשטע וואָרט פאַרשטיי איך ניט, נאָר דאָס צווייטע איז מיר קלאָר: „גידעש" אַפן אַראַביקן דיאַלעקט הייסט „וויפל?", „וויפל קאָסט?". אָט גיט ער איבער דאָס בינטל דעם קוינע, און יענער צאָלט אויס געלט דעם פישער. לינקס פונעם אַאוקציאָן, אַף א קליינער סטאָיקע, פאַרקויפט מען גרויסע פיש און קיניגלעכע קרעוועטקעס לויט פעסט־אײַנגעשטעלטע פרײַזן. די דאָזיקע סטאָיקע געהער דער טוניסער נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג פון פישפאַנג, און דאָ קויפן אײַן פיש סאָלידע קוינים, פאַר וועלכע עס פּאַסט ניט אויסצושרײַען די פרײַזן באַם אַאוקציאָן און זיך שטופן צווישן דעם האַמוין.

ביכלאַל ווערן די פיש־רעזערוון אין מיטללענדישן יאַם אַלץ קלענער, אָבער די אַקוואַטאָריע אַרום דעם אינדזל דזשערבאַ איז איינער פון די וויכטיקסטע צענטערס פון פישפאַנג און פון דער איבעראַרבעטונג פון די פיש־פּראָדוקטן. די ברעג־ליניע פונעם אינדזל דזשערבאַ ציט זיך אַף 130 קמ. דער צאָפנדיקער יאַם־ברעג, ווּ עס געפינען זיך די שטעט כאָמט סוק, טורגענעס און אַנדערע יישובֿים, זײַנען אָנגעשפּיקעוועט מיט קאָראַל־ריפן. דאָרט פאַנגט מען יאַם־אָקוניעס, קאָרעסן, קעפאַל און סטאַווּרידע. דער יאַם באַם דאָרעם־ברעג איז א ניט־טיפער, מערסטנס מיט זאַמדבענק, בא וועלכע עס האָבן ליב אַרומשווימען קאַמבאַלאַ און פּאַלטוס.

דעם פישפאַנג שטערט דאָ דער שטאַרקער דאָרעם־ווינט גיבלי, וועלכער בלאָזט פונעם קאָנטינענט און ברענגט וואָלקנס שטויב און א הויכע טעמפּעראַטור. דער מיזרעכדיקער און מײַרעוודיקער ברעגן זײַנען פול מיט ריפן, און די דזשערבינער פישער קומען אַהין זעלטענער, מאַכמעס ס'איז זייער ווײַט פון די צענטערס פון די יישובֿים פון געברויכער.

כאַפּן פיש אַף א האַטשיקל רעכנט זיך אַפן אינדזל דזשערבאַ אַן אַרבעט פאַר ליבהאָבער, ניט פאַר פּראָפעסיאָנאַלן. א דזשערבינער פישער, וואָס דער יאַם האָדעוועט אים און זײַן מישפּאָכע, וועט נעמען מיט זיך א ווענטקע מיט איין גרויסן האַטשיק, קעדיי צו פאַנגען א גרויסן יאַם־אָקון אַף 8—10 קג. די דזשערבינער פישער אַרבעטן איבערהויפּט מיט נעצן, און צוליב דעם נעמען זיך צונויף גרופּעס מענטשן, וועלכע האָבן געניג דערפאַרונג אין באַגיין זיך מיט די נעצן און מיט די שיפלעך. נעצן זײַנען פאַראַן פאַרשיידענערליי. דער אויפן פון דעם פישפאַנג איז אין גרונט דער זעלבער, ווי אין אַנדערע לענדער. אָבער טשיקאַווע איז, וויאַזוי מע טיילט דעם געפאַנג. בעראָש פון דער קאָמפּאַניע פון 16—17 פישער שטייט א קאַפּיטאַן, וועלכער איז אײנצײַטיק דער וויכטיקסטער אַקציאָנער — אים געהער אָפּטמאָל די נעץ און איינס אָדער עטלעכע שיפלעך. דער באַקומענער געפאַנג — פאַר איין מאָל, וואָס קאָן באַטרעפן 80—100 קג. פיש — ווערט פאַרקויפט אין דעם זעלבן טאָג, און דעם פידיען צעטיילט מען אַזוי: 50% באַקומט דער אייגנטימער פון דער נעץ. די געבליבענע סומע ווערט צעטיילט צווישן די אָנטיילנעמער און... די שיפלעך, דערבײַ גלײַכט מען צו איין שיפל צו איין מענטשן.

מיר שמועסן זיך דורך מיט די פישער. ס'איז שוין מיטיק־צײַט, און עס באַווײַזט זיך דער צווייטער אומבײַט. איינער ברענגט אַן אַכטפיסלער, און מײַן מיטשמועסער מאַסמוד ווערט ווידער אופגעלעבט. ער דערציילט מיר א פאַרצײַטיקע לעגענדע וועגן דעם, וויאַזוי מע האָט דערפונדן אַפן אינדזל דזשערבאַ אַן אייגנאַרטיקן אויפן צו כאַפּן אַכטפיסלער. אָט איז די לעגענדע.

איינמאָל אין די אוראַלטע צײַטן איז פונעם פּאָרט גאַלאַלאַ אַרויסגעגאַן א שווערע דרײַמאַסטןשיף, אָן אָנגעלאָדענע מיט ליימענעם געפעס. ס'האָט זיך אופגעהויבן א שטורעמווינט, און די כוואַליעס, וואָס ער האָט אָנגעטראָגן אַף דער שיף, האָבן צעבראָכן א סאַך ליימענע טעפּ. די צעבראָכענע טעפּ האָבן די מאַטראָסן גלײַך אַרויסגעוואָרפן איבערן באָרט.

אין א צײַט אַרום האָט א פישער פון דער שטאָט אַדזשים פאַרוואָרפן זײַן נעץ איז די בײַברעגיקע וואַסערן און האָט אַרויסגעשלעפּט אײַנײנעם מיט די פיש א טעפּל, אין וועלכן ער האָט געפונען א בומסיקאַ, אַן אַכטפיסלער, א קאַרליק. זײַענדיק אַן אָנשטענדיקער פישער, האָט ער דעם

אכטפיסלער אריַינגעוואָרפן צוריק אין יאם. פלוצעם דערהערט ער, ווי דער בומסיקא רעדט צו אים מיט א מענטשלעכער שטים: „דו ביסט געווען אזוי גרויסמוטיק צו מיר און האָסט געטאָן א גוטע זאך, פריַינט פישער, — האָט געזאָגט דער בומסיקא, — נאָר דו וועסט זיַין נאָך מער גרויסמוטיק, אויב דו וועסט מיר אָפּגעבן דאָס דאָזיקע נישטיקע טעפּל, וואָס דו דאַרפסט עס ניט, און מיר דינט עס פאר א הויז...”

— נאָר ניט דאָס! — האָט געענטפערט דער פישער. — די דאָזיקע טעפּלעך וואַלגערן זיך זייער א סאך אפן דעק, און איך ריזיקיר אַלעמאָל צעריַיסן מיַין נעץ. צוליב וואָס זאָל איך צוגעבן נאָך א טעפּל, אז אפן דנאָ ליגן שוין אזויפיל?

— גיב אָפּ דאָס טעפּל, איך בעט דיך זייער, — האָט ווידער געזאָגט דער בומסיקא. — דאָס איז בלויז איין טעפּל, וואָס דו דאַרפסט עס ניט. דו וואָלסט בעסער אופגעהויבן פונדאנען די טעפּ, וואָס ליגן אין די הונדערטער און א קוק געטאָן, וואָס אין זיי געפינט זיך.

בא די ווערטער איז דער בומסיקא אראָפּ ווי א שטיין צום גרונט.

קומענדיק אהיים, האָט דער פישער דאָס אַלץ דערציילט דעם וויַיב.

— דו האָסט גאָרניט פארשטאנען, — האָט זי אים געמוסערט. — בומסיקא איז אן אכטפיסלער, א קאַרליק און לייַדט זייער פון דעם רויבער, דעם גיגאנטישן אכטפיסלער גערמיטא. און אויב דער כיטרער בומסיקא האָט דיר אַלץ דערציילט פונקט ווי דו האָסט מיר איבערגעגעבן, הייסט עס, אז ער האָט פארטראכט נעקאָמע נעמען אין גערמיטאָן. גיי מאָרגן און טו א קוק, וואָס עס געפינט זיך אין די דאָזיקע טעפּלעך, וועלכע שטערן דיר כאפּן פיש.

אפן אנדערן טאָג, ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן שאַריַען, איז דער פישער שוין געווען אפן ברעג...

צום מיטיק האָט ער זיך אומגעקערט, זיַין שיפל איז געווען פול מיט גיגאנטישע אכטפיסלער, וועלכע ער האָט ארויסגענומען פון יעדן טעפּל, וואָס ער האָט אופגעהויבן פונעם דנאָ.

די דאָזיקע אכטפיסלער האָט געגעסן דאָס גאנצע דאָרף אין מעשעך פון דריַי טעג. קעדיי זיי זאָלן ווערן ווייך, פלעג מען זיי אָפּשלאָגן אף א שטיין, קלאַפּנדיק צו הונדערט מאָל. פון יענער ציַיט אָן כאפּן די קינדער פון די פישער אף אזא אופן די אכטפיסלער. נאָכדעם גיבן זיי איבער דעם סאָד זייערע קינדער, און אַלע פישער האָבן זיך דערוווּסט דעם סאָד פון די גיגאנטישע אכטפיסלער און וויאזוי זיי צו פאנגען.

נאָר גערמיטא האָט זיך סאָפּקאָלסאָף אָנגעשטויסן, אז בומסיקא האָט אים פאראטן, און ער האָט אָנגעהויבן צו פארפאָלגן אים אומעטום מיט אזא בייזקיַיט און צאָרן, אז בומסיקא האָט ניט אויסגעהאלטן און איז אנטלאָפן פונעם יאם. איצט לעבט ער אין די ניט־טיפע לאגונעס, אין וועלכע דאָס וואסער קומט בלויז בייס די צופלוסן. אזוי ליגט ער איַינגעקאָרטשעט און פארגראָבן אין זאמד, ווו דאָס וואסער איז געזאלצן און ביטער, ווי טרערן.

מאסמוז', וועלכער האָט דערציילט די לעגענדע, זאָגט, אז דער אכטפיסלער האָט ווירקלעך ניט ליב די העלע שיַין און באהאלט אין אוועלכן־ניט־איז גריבל' אָדער שפּאלט זיַין נאקעט, ניט אָנגענומען אויג קערפּערל מיט די טאָפּ־הערנערלעך. נאָר באהאלטנדיק זיך פון דער שיַין און פון אנדערע יאם־באשעפענישן, איז דער אכטפיסלער שטענדיק גרייט אָנצופאלן. ער איַילט זיך צו פארנעמען א באקוועמע דירע אין אן ארויסגעוואָרפן טעפּל. דערביַי באזעצט ער זיך אזוי פעסט, אז מע קאָן איבערוקן דאָס טעפּל, אופהייבן עס פונעם דנאָ — ער זיצט רויִק, אָן מוירע. די בעסטע באהעלטעניש פאר אן אכטפיסלער שטעלט מיט זיך פאָר א טאָפּ פון א האלבן מעטער די הייך, מיט א ברייט העלדזל, וואָס הייסט „דזשאדווא”. אזעלכע טעפּ ארבעט מען אויס אין א גרויסער צאָל אינעם דאָרף גאלאלא, און גראָד דאָ קויפן איַין די פישער פארבראקירטע עקזעמפּליארן. זיי האקן אָפּ באם טאָפּ דאָס הענטל אינייגעם מיטן העלדזל, קעדיי דער אכטפיסלער זאָל רויִק דורכקריכן אין זיַין דירע. דערצו מאכט מען נאָך א לעכל אין דער זיַיט, מע זאָל קאָנען מיט א האטשיק פארטשעפּען און ארויסבאקומען דעם טאָפּ אינייגעם מיט זיַין איַינוווינער. יעדער פישער האָט צוליב דעם אין זיַין שיפל פערציק־פופציק צוגעגרייטע טעפּ. ער לאָזט זיי אראָפּ אין וואסער און לייגט זיי דאָרט אוועק האָריזאָנטאל. אין עטלעכע טעג ארום קאָן מען שוין אראָפּנעמען די גערעטעניש. מיט דער הילף פון א לאנגן שטעקן, אף וועלכן ס'איז אָנגעטאָן א מעטאלענער האטשיק, הייבט ער אוף די טעפּלעך אין שיפל אריַין. די ליידיקע קערט ער אום צוריק אין וואסער, און די, אין וועלכע ס'האָבן זיך באזעצט די אכטפיסלער, בלייַבן אין שיפל. שפּעטער, אפן ברעג, נעמט דער פישער ארויס זיַין געפאנג, און אפן אנדערן טאָג שטעלט ער ווידער ארויס אונטערן וואסער די אָריגינעלע פאסטקעס.

אין טוניס לעבן בא 60 טויזנט יידן, פון וועלכע עטלעכע טויזנט וווינען אפן אינדזל דזשערבא אין דעם דאָרף גריבא. צווישן די יידן פון טוניס עקזיסטירט א מעסוירע, אז זייערע אָוועס האָבן זיך באזעצט אין דעם לאנד א סאך פריִער פאר דעם כורבן פונעם ביישהאמיקדעש.

די רוימישע אימפּעראטאָרן, וועלכע האָבן גערודפט די יידן אין פאלעסטינע, האָבן געפירט א פּאָליטיק פון פאנאנדערבאזעצן זיי אין די גרענעצן פון דער אימפּעריע. די יידן האָבן זיך באשעפטיקט מיט ערדארבעט, פיצוכט און האנדל. זיי זיַינען געווען איַינגעטיילט אין געמיינדעס, בעראָש פון וועלכע עס זיַינען געשטאנען די עלטסטע, וואָס זיַינען געווען פאראנטוואָרטלעך פאר אויסצאָלן די

שטײַערן לעטוויוועס די רוימער. אין זיבעטן יה. איז די ייִדישע באַפעלקערונג אין טוניס אויסגעוואַקסן אַדאַנק די פליטים פון שפאַניע. די דאָזיקע איבערוואַנדערער האָבן זיך שטאַרק אויסגעמישט מיט די בערבערן, און זיי האָבן אַפילע איבערצײַגט אײניקע שוואָטים פון צווישן די טוישווים אָנצונעמען דעם יודאַיִשן גלויבן. די ייִדן האָבן געשפילט אַן אָנגעזעענע ראָליע אין פּאָליטישן לעבן פון טוניס אין דעם פריִען מיטלאַלטער. א באַווײַזלעכער פאַקט אין דעם פראַט איז דאָס, וואָס אין 698 יאָר, ווען די אַראַבער האָבן באַלאַגערט די שטאָט ביזערטאַ, האָט מיטן קרײַז פאַרוואַלטעט א ייִד. די ייִדן האָבן געהאַט זייערע באַוואָפנטע מאַכנעס, און ניט זעלטן האָבן זיי אָנטיילגענומען אין די מילכאָמעס צווישן פאַרשיידענע אַראַבישע הערשער. אזא אַרײַנגעצויגנקײַט אין די אינערלעכע איניאָנים האָט געבראַכט צו דעם, אז די ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך בעהאַדראָגעדיק פאַרקלענערט. פיל האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד און געזוכט א מאָקעם־מענוכע אין אַנדערע ערטער.

אפן אינדזל דזשערבא האָבן די ייִדן זייער בייס־טפילע און רעכענען זיך פאַר די קינדס קינדער פון יענע ייִדן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיטן אימאַם אידריס און זײַנען אין VIII יה. אַנטלאָפן פון אים אַף מיזרעך. זיי געהערן צו דער גרופּע מיסראַ, וואָס עס קלינגט אזוי ווי דאָס וואָרט מיצראַיִם — אַף אַראַביש „מיסר“, און ס׳איז גאַנץ וואַרשײַנלעך, אז די ייִדן האָבן זיך דאָ צוערשט באַוויזן פון מיצראַיִם, ווו די ייִדישע קאָלאָניע איז שטענדיק געווען א פילצאָליקע און ווירקזאַמע.

מיר האָבן באַזוכט די סינאַגאָגע אין דאָרף גריבאַ, וועלכע איז אופגעבויט געוואָרן אין 588 יאָר. א צווייִשטאָקיק הויז, א טפילע־זאַל מיט בעגק פון געשניצטן געהילץ. די ווענט זײַנען באַדעקט מיט קעראַמישע פליטקעס. אויפשריפטן אַף איווריט און סימבאָלן פון יודאַיִזם. באַגעגנט האָט אונדז א דינער פון דער סינאַגאָגע, וועלכער האָט פליסיק גערעדט אַף אַראַביש און פלינק געהאַנדלט מיט פאָטאָגראַפיעס פון דער סינאַגאָגע־געבײַדע און מיט זײַן אייגענעם פאָרטרעט.

דער אַקטיווער אָנטייל אינעם לעבן פון דעם לאַנד האָט געבראַכט דערצו, אז די ייִדן אין טוניס ביכלאַל און אפן אינדזל דזשערבא ביפראַט האַלטן זיך בא אַנדערע מינהאָגים און זיטן, איידער די אַנדערע ייִדן. אַשטייגער, אייניקע טפילעס זאָגט מען אַף אַראַביש, און די אויסשפּראַך איז ביכלאַל זייער נאָענט צו דער אַראַבישער. פון קיין מאַצע ווייסט מען דאָ ניט, מע באַקט ניט געזאַלצענע ברויטלעך אין דער פאָרם פון בייגל. באַם שעכטן רינדער האַלט מען זיך ניט אזוי שטרענג בא די געזעצן. כאַסענע מאַכט מען דאָ גאָר יונגע קינדער. דער כאַסענע־ריטואַל קומט פאָר אין דער סינאַגאָגע.

אַלע פרײַטיק גייען די פרויען אפן בעסוילעם און ברענגען אין אָרדענונג די קוואָרים פון זייערע פאַרשטאָרבענע קרויווים. די מאַציוועס זײַנען געווײַנלעך באַשיידענע און זיי וואַרפן זיך ניט אין די אויגן, האַגאַם צווישן די טוניסער ייִדן זײַנען פאַראַן גאַנץ פאַרמעגלעכע.

אזוי ווי אונדזער וויזיט איז געגאַנגען צום סאָף, האָבן מיר באַשטימט מאַכן א רײַזע אין דער טיפקײַט פון דעם אינדזל. אַף יעדן טריט באַגעגענען זיך הויכע טייטלביימער. אין פולן בלי זײַנען די אַבריקאָסן־ביימער, און בא די ווײַנטרויבן־לאָזעס זײַנען שוין אויסגעוואַקסן צו עטלעכע בלעטלעך. בלויז די עפּלביימער האָבן שוין אָפּגעבליט, און אַף די צווײַגן זעט מען קליינינקע עפּעלעך.

אין דער טיף פונעם אינדזל איז אין פולן ברען די פרילינגדיקע פעלד־אַרבעט. די פרויען זײַנען פאַרוויקלט אין בונטע פינפמעטערדיקע שטיקער שטאָף, די עקן פונעם שטאָף זײַנען פאַרפעסטיקט אפן קאָפּ אונטער א ברייטראַנדיקן שטרויענעם הוט. זיי יעטן אויס ווייץ און גערשטן פון רויטע מאָן־בלומען. די מאַנצבלען זעגן אַרום די אָליוונביימער, די קינדער שאַרן צונויף טרוקענע צווײַגלעך אין הויפנס. יעדער ערד־כיילעק איז אָפּגעטיילט פונעם אַנדערן מיט א פאַרצאַמונג פון ליים, א באַזעצטע מיט שטעכלקעס. די שטיבער זײַנען מערסטנס איינשטאָקיקע מיט פאַרשיידנפאַרביקע פענצטער און לאָדנס, אַף די פענצטער אזשור־מעטאַלענע גראַטעס. אין יעדער שטוב איז פאַראַן א צעמענטירט שטיקל פלאַץ מיט אַן עפענונג אין דער מיט, קעדיי דאָס וואַסער פון די זעלטענע רעגנס זאָל אַראָפרינען אין דעם אונטערערדישן רעזערוואַר.

ניט געקוקט אפן קלײַנעם פאַרנעם, ציט דאָס אינדזל צו די אופמערקזאַמקײַט פון דער טוניסער רעגירונג און פון די אויסלענדישע טוריסטישע פירמעס. דאָ אַרבעט אַן אעראָפּאָרט פון א צווישנפעלקערלעכן קלאַס, וואָס פאַרבינדט דאָס אינדזל דורך דירעקטע פאַרקער־רייסן מיט א ריי מײַרעוו־אייראָפּעיִשע הויפּט־שטעט. מענגעס בונט־אָנגעטאָנענע טוריסטן, וואָס קומען אהער צו געניסן פון דער אַפריקאַנישער עקזאָטיק, ווערן באַדינט מיצאַד פויערים, פישער, בוי־אַרבעטער, הענדלער, וועבער, באַלמעלאָכעס. זיי שאַפן אַף זייער אינדזל באַדינגונגען פאַרן אָפּרו פון פילצאָליקע אויסלענדישע געסט.

די אָרטיקע אײַנוווינער האָבן זייערע פּראָבלעמען און זייערע זאָרגן. דאָס לעבן אַף דעם אינדזל דזשערבא גייט ניט אזוי שטיל און רויִק, ווי עס קאָן זיך דוכטן. אינעינעם מיט זייער פאָלק זײַנען די מענטשן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט, אומרויִק פאַר דער צוקונפט פון זייער לאַנד, פאַר זייער גוירל אין דער וועלט, וואָס איז פול מיט אָנגעשטרענגטקײַט און אומרו.

■ ■ ■

בריוו פון דער ווײַט

עפשער דערפאַר, וואָס אין דער וועלט קומען פאָר פראָצעסן, וועלכע שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער דערנעענטערונג צווישן לענדער און פעלקער, און דאָס הייסט, צווישן מענטשן סתּם, צי ווײַל אונדזער לאַנד האָט פאַרגענומען א דרייסטע איבערבויונג, וועלכע ס׳איז אוממעגלעך פאַרווירקלעכן אָן עפנטלעכקײַט, אָן נײַע צוגענג צו דער אָפשאַצונג פון דער ווירקלעכקײַט, אָן א נײַעם אויפן פון דענקען, צי עפשער גאָר מאַכמעס אָפּשטאַם־לאַנד, נאָסטאַלגיע — פאָשעטן בענקען, אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר אין דער לעצטער צײַט האָט זיך מערקבאַר פאַרשטאַרקט דער צופלוס אין רעדאַקציע פון בריוו, צוגעשיקטע פון אויסלענדישע מעקוימעס.

אויך פריער האָט די פאָטשט ניט געקאַרגט קיין ווענדונגען פון אַנדערע לענדער, מיר האָבן זיך לאַכלוטן ניט געפילט פאַרטיילט אין דעם הינזיכט. אַלע 27 יאָר, זינט „סאָוועטיש היימלאַנד" עקזיסטירט, באַקומען מיר אָן אויפהער גרוסן פון מײַרעוו, פון מיזרעך, פון דאָרעם — פאַרשיידענע, גוטהאַרציקע און אויך בייזע, מיט אַנערקענונג אין פרײַנטשאַפט און אויך באַשפּריצטע מיט סינע. די מערהײַט, פאַרשטייט זיך, פרײַנטלעכע בריוו. אייניקע וואַרטן שוין אַף אָט דעם איבערזיכט א לענגערע צײַט.

מיט פיל כאַדאָשים צוריק איז צו אונדז דערגאַנגען דער בריוו פון נאַגוטשערקעס, אין אונגאַרן, וועלכן עס האָט געשריבן יאָסיף פאָקאָראַצקי, דעמלט נאָך סטודענט פונעם פעדאַגאָגישן אינסטיטוט. ער האָט געלעכצט וויסן וועגן אונדז, וועגן די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס מערער. ס׳קומט אים אויס אָפט צו לייענען דעם כוידעש־זשורנאַל „ספּוטניק", און אין איינעם א נומער האָט ער אָנגעטראָפן אַף א מאַטעריאַל וועגן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". ביז דאַן האָט ער ניט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזא מין אויסגאַבע, א ליטעראַרישן זשורנאַל אַף ייִדיש. ווענדט ער זיך צו אונדז מיט א באַקאָשע, מיר זאָלן אים גענוי דערציילן וועגן אונדזער אויסגאַבע, וועגן אונדזער לעבן, מיר זאָלן, אויב עס איז מעגלעך, אים שענקען א נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". מיר האָבן די ביטע באַפרידיקט. ס׳האָט אויך אַרויסגערופן באַדויערונג, וואָס אויסלענדישע פּאָטענציעלע לייענער זײַנען ביז גאָר ווייניק אינפאָרמירט וועגן אונדזער זשורנאַל. א סאַך מענטשן, וואָס וואָלטן געקאָנט און געדאַרפט לייענען „סאָוועטיש היימלאַנד", האָבן קיין אַנונג ניט וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, וועגן דעם פאַרגעניגן, וועלכן זיי וואָלטן געקאָנט האָבן, בלעטערנדיק „סאָוועטיש היימלאַנד".

דאָך איז אונדזער וואָרט דערגאַנגען, ווײַזט אויס, צו ברייטע לייענער־קרײַזן אין אַנדערע לענדער, ווײַל פאָשעטע מענטשן האָבן וועגן זיך אַלעמאָל דערמאָנט אין צוגעשיקטע בריוו און נאָטיצן.

קימאַט אין איין צײַט מיט יאָסיף פאָקאָראַצקיס ווענדונג איז אין רעדאַקציע דערהאַלטן געוואָרן א בריוו פון א מענטשן, וועלכער איז זײַנערצײַט געווען א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון קובאַ, א מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון מאָפּר אין אָט דעם לאַנד. זײַן נאָמען איז יויסעף כאַזאַן. ער טיילט זיך מיט אייניקע דערינערונגען וועגן דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער קולטור אין קובאַ אין סאָף פון די צוואַנציקער, אָנהייב דרײַסיקער יאָרן.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן א סאַך ייִדישע אַרבעטער, פּאָליט־עמיגראַנטן פון פּוילן, ליטע און אַנדערע לענדער, געיאָגטע פון פאַרפאָלגונגען און אַרבעטלאָזיקײַט, זיך באַזעצט אין קובאַ. א גרויסער טייל פון זיי האָט שוין אין די ערשטע כאָדאָשים נאָכן קומען אין לאַנד זיך אָנגעשלאָסן אַקטיוו אין דער נאָך יונגער דאַן קאָמוניסטישער באַוועגונג. איינצײַטיק האָבן די קאָמוניסטן־ייִדן געשאַפן א פּראָגרעסיוון קולטור־צענטער, אײַנגעשלאָסן דעם קולטור־פאַריין, וועלכער איז געוואָרן דער הויפּט־פאַרשפּרייטער פון פּראָגרעסיווע אידייען צווישן די עמיגראַנטן. א וואָרטפולן בײַטראָג אין דער אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פון דער טעאַטער־קונסט האָט אַרײַנגעבראַכט דער דראַמאַטישער קרײַז באַם קולטור־פאַריין, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער באַגאַבטער א. סילווער. דער דראַמקרײַז פלעגט מיט דערפאָלג שטעלן פּיעסעס פון סאָוועטישע דראַמאַטורגן. אין 1929 האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע ייִדישע געדרוקטע אויסגאַבעס. זייער וואַרעם האָבן די לייענער אויפגענומען דעם ערשטן געדרוקטן זשורנאַל „יונגע שפּראָצונגען", אין וועלכן עס זײַנען, צווישן אַנדערע, געווען פאַרעפנטלעכט די לידער פון די דיכטער־אָנפאַנגער אַווראָם ווײַנשטיין, יויסעף כאַזאַן, יויסעף רעזניק, וועלכע האָבן צו־

זאמען מיט יאשע פינעסן, עליעזער אראנאָווסקין און אנדערע געגרינדעט אין 1928 די גרופּע „יונג־קובא“. דער דאָזיקער גרופּע האָט זיך איינגעגעבן אָפּדרוקן א קליינע זאמלונג לידער פון א. וויינשטיין, ווי אויך א. אראנאָווסקיס פּאָעמע. לידער פון די יונגע פּאָעטן האָבן זיך געדרוקט אין די פּראָגרעסיווע צייטונגען פון קובא און אמעריקע.

אין די שווערע צייטן פון דער בלוטיקער דיקטאטור פון מאטשאדא איז געווען ניט פּאַשעט צו פארשפרייטן פּראָגרעסיווע אידייען צווישן די ייִדישע ארבעטנדיקע. דעם קולטור־פאריין האָט מען פארמאכט. פיר מיטגלידער פון דער פארוואלטונג, צווישן זיי אויך דער אוטאָר פונעם בריוו, זיינען ארעסטירט געוואָרן. דעם בריוו זיינעם אין רעדאקציע פארענדיקט יויסעף כאזאן אזוי: „בא דער געלעגנהייט ווילט זיך אויסדריקן א הארציקן דאנק דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ פארן הויכן ליטעראַרישן ניוואָ פונעם זשורנאל, פאר זיין טיפער אידיישקייט, פארן עכטן פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם“. ביכדיי דער לייענער זאָל באַקומען אן אלזייטיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם כאַווער יויסעף כאזאן, דארף מען צוגעבן צו דעם אויבנגעזאָגטן, אז אונדזער קאָרעספּאָנדענט איז אין 1932 געווען דעפּאָרטירט פון קובא קיין פּוילן, דאָרט מעסירעסנעפעשדיק געקעמפט אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי, געווען א פּארטיזאנער. איצט איז ער א זשורנאליסט.

מיט נאָך איין יויסעף, וועמענס פאמיליע איז ראָט און וועלכער וווינט אין קארלאָווי ווארי, טשעכאָסלאָוואקיע, פירט די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ א ווארעמען בריוו־אויסטויש, אמאָל אן אָפּטערן, אמאָל א פארזאמטן. אָבער, ווי עס דוכט זיך אונדז, א סיסטעמאטישן. אין די בריוו, וואָס מיר באקומען פון אונדזער פריינט יויסעף ראָט און אין אונדזערע צו אים, ווערן באהאנדלט פארשיידענע פּראָבלעמען. יויסעף ראָט איז א ליידנשאפטלעכער ליבהאָבער פון דער ייִדישער קולטור, מוזיק, קונסט. ער איז א פארערער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, א הויך קולטורעלער מענטש מיט אייגנארטיקע געדאנקען און מאכשאָוועס.

אין איינעם א בריוו האָט ער געשריבן: „כאָשעווע רעדאקציע! ל. שומסקיס ארטיקל „שאָלעם־אליינכעם אינעם אָקעאן פון דער וועלט־ליטעראטור“ קאָן איך צוגעבן, אז כוץ די איבערזעצונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק, אָנגעוויזענע אין דעם דערמאָנטן ארטיקל, וואָס איז געווען פארעפנטלעכט בא אייך אין זשורנאל, זיינען אין אונגאריש און טשעכיש פאראן נאָך פאָלגנדע: 1) איך אליין פארמאָג אויסגאבעס (פון קעשענעפאָרמאט) פון צוויי שאָלעם־אלייכעמס ווערק, איבערגעזעצטע אין אונגאריש — „טעוויע דער מילכיקער“ (טיראזש 13.000 עקזעמפּליארן) און „דאָס קינד מאָטל“ (30.000 קאָפּיעס).ביידע ביכלעך האָט איבערגעזעצט ערזשעבעט בראָדסקי; 2) אין דער אָרטיקער ביבליאָטעק פון קארלאָווי ווארי, מיירעוו־טשעכישע געגנט, זיינען פאראן אַף טשעכיש „טעוויע דער מילכיקער“, „דער שלימאזל מענאכעם־מענדל“ און „מאָטל דער שטיפער“, וועלכע עס האָט געמאכט יאקוב מארקאָוויטש. פון אָט די דריי ווערק ווייזט אָן ל. שומסקי אין זיין ארטיקל בלויז דאָס ערשטע. מיינער א פריינט, וועלכער לעבט אין בראטיסלאווא, דער הויפּט־שטאָט פון סלאָוואקיע, האָט מיר די טעג מיטגעטיילט, אז ער פארמאָגט אן עקזעמפּליאר פון שאָלעם־אלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן“, וואָס איז ארויסגעגעבן אַף דער סלאָוואקישער שפּראך אין 1962 מיט א טיראזש פון 17.000 עקזעמפּליארן. מיין פריינט איז איצט קראנק, אַף א קוראָרט. נאָכן צוריקקער אהיים וועט ער זיך דורכגיין איבער די בראטיסלאווער ביבליאָטעקן, עפּשער וועט ער נאָך עפּעס אָפּזוכן...“

אין מעשעך פון העכער 10 יאָר האָט ניט געהאט קיין מעגלעכקייט צו לייענען „סאָוועטיש היימלאנד“ דאָוויד מינצער פון דער ארגענטינער שטאָט מענדאָזא. „איר ווייסט דאָך, אז בא אונדז איז געווען „פינצטער“, — האָט ער געשריבן אין זיין בריוו צו אונדז. — דערצו נאָך וווין איך וויט פון בוענאָס־איירעס, און צו מיר איז דער זשורנאל, נאטירלעך, ניט דערגאנגען. אזויווי עס איז געוואָרן א ביסעלע ליכטיק, האָף איך אָנהייבן באקומען דעם זשורנאל. וויאזוי באצאָלט מען פאר דעם? טוט מיר די טויווע...“

מוישע העלפגאָט פון דער שטאָט לימע אין פּערו ווייסט אויך ניט, וואָס מע טוט, קעדיי דער מאָסקווער זשורנאל זאָל דערגיין צו די דאָרעם־אמעריקאנער ברעגן. עס איז געווען א צייט, מיט פיל יאָרן צוריק, ווען די כאווײרים אין פּערו פלעגן באקומען „סאָוועטיש היימלאנד“ מיט דער הילף פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט“. איצט איז די לאגע א קאָמפּליצירטע. „ווען די רעדאקציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט“ איז אָפּגעגאנגען פון איר פריערדיקער פּראָגרעסיווער פּאָזיציע, — שרייבט מוישע העלפגאָט, — האָט דער זשורנאל אופגעהערט צו אונדז אָנקומען. איך האָב זיך אונטערגעשריבן אַף „סאָוועטיש היימלאנד“ אין איינער א ניו־יאָרקער פירמע, נאָר דעם זשורנאל זע איך ניט. די פירמע פארופט זיך אַף דער פּאסיווקייט אין אָט דעם איניען מיצאד דער סאָוועטישער האנדלס־אָרגאניזאציע. איך בעט אייך, העלפט מיר. כ'מיין, אז די פּראָבלעם איז ניט אזא שווערע, זי זאָל ניט קאָנען געלייזט ווערן פּאָזיטיוו. אויב ס'איז אזוי, וואָלט איך געקאָנט שאפן אויך אנדערע נייע לייענער, אופשטעלן די צאָל אמאָליקע פארערער פון „סאָוועטיש היימלאנד“ אין אונדזערע מעקוימעס. איך האָף, אז אזוי וועט טאקע זיין“.

ענלעכע בריוו באווייזן זיך אַפן רעדאקציאָנעלן טיש גאנץ אָפט. זיי זאָגן איידעס וועגן דעם, אז אין אויסלאנד איז סטאביל דער אינטערעס צו „סאָוועטיש היימלאנד“. מענטשן, וואָס קענען ייִדיש, ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראטור, שטרעבן צו באקומען אונדזער כוידעשאויסגאבע. עס זיינען אָבער פאראן קאָלערליי מעניעס, וועלכע שטערן דער זאך. אָט די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע, מע וואָלט אפילע געקאָנט זאָגן צומאָל בעקיוונדיקע שטערונגען דארף מען אומבאדינגט באזייטיקן.

די אלפארבאנדישע פירמע „מעזשדונאראדנאיא קניגא" דארף אקטיוויזירן די ארבעט מיטן זשורנאל אין אירע פיליאלן אין פארשיידענע לענדער. אויב אורטיילן לויט די בריוו, וועלכע קומען אן אין רעדאקציע פון אויסלאנד, קאן מען זאגן, אז עס איז נאך פאראן א היפשער רעזערוו פון פאטענציעלע לייענער אין פשא, קאנאדע, ארגענטינע, בראזיליע, אוסטראליע, יִסראעל, פראנקרײַך אא. ערטער. דאס געדרוקטע ייִדישע ווארט ווערט דארט אבער פראפאגאנדירט שוואך מיצאד דעם בוך־האנדל און די פארערער פון דער ליטעראטור, סײַ די, סײַ יענע האבן א מעגלעכקייט פארבעסערן ראדיקאל אט דעם מאצעוו. עס דארף בלויז ארײַנגעלייגט ווערן מער ענערגיע און ווילן.

בא אונדזער פרײַנט ארן פיקמאן פון בוענאר־אײַרעס האט געטראפן א שווערער אומגליק: עס איז געשטארבן זײַן דרײַסיקיאריקער זון. אין זײַן בריוו האט פיקמאן צוגעשיקט א ליד מיט אן אופשריפט: „דאס איז מײַן קאדיש נאך מײַן אייניציקן אוועקגעגאנגענעם יוירעש לאזארא פיקמאן־פערלין". דעם קאדיש פון אן אלטן טאטן נאך זײַן בעניאכיד ברענגען מיר דא.

ווען איך וואלט געווען בלינד, זון מײַנער,
וואלט איך ניט באדארפט קיין באגלייטער.
קעדיי דיך צו געפינען, וואלט איך געגאנגען
נאכן געזאנג פון די פייגל.
געוויס האסטו זיך צוגעלייגט אפרוען
אין שאטן פון דיביימער,
אדער אין דופטיקן גראז.
כ'וואלט געגאנגען, זון מײַנער,
נאכן זשומען פון דעם וואסער.
כ'וואלט געווען צוזאמען מיט זיי,
מיט די פיס די נאקעטע.
כ'וואלט געגאנגען דורך די פעלדער
פארזייטע,
אונטערן פלאטער פון אקאציעס גרינע,
דורך באפעלקערטע דערפער,
דורך טונעלן, דורך וויסטעס,
וואס פירן צו דער זון, צו דער לעוואנע,
צו די שטערן.
כ'וואלט דיך געזוכט, זון מײַנער טײַערער,
דארט, ווו עס קאן זיך פארייניקן הײַנט
דײַן ליבע און מײַן ליבע,
כ'וואלט דיך געזוכט אינדערנאענט,
אין דעם, וואס פילט אן דײַנע אויגן
און מײַן נעשאמע.
און אויב איך וואלט דיך ניט געפונען דארט,
ווייס איך אן אנדער איינזאם ארט,
ווו דו ביסט אייביק, זון מײַנער, הארץ
מײַנס —
ווו דו ביסט הימל,
ווו דו ביסט ערד —
ווו דו ביסט א פאראקערט און פארזייט
פעלד.

ס'איז קעדײַ צו ברענגען דעם אבזאץ פון ארן פיקמאנס בריוו, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן זײַן אייגענער ביאגראפיע. ער שאצט ניט איבער זײַנע פאעטישע קויכעס. „ס'ווילט זיך מיר א סאך שרײַבן, — באמערקט ער, נאר גיט דערבײַ גלײַך צו: — צום באדויערן, האב איך ניט קיין שרײַבערישע פעיקייטן, און אין מײַן לעבן האב איך געלערנט בלויז זעקס זמאן — דרײַ יאר, בא א רעבן מיט א לאנגער בארד, אין א קליין שטיבעלע מיט פיצינקע פענצטערלעך אין פאדערצימער. באהערשט האב איך א קאפיטל טילים, א ביסל כומעש און ראשע, ניט מער. מײַן לעבנסוועג איז ניט געווען באצירט מיט בלומען. מיט שטיינער — יא, מיט דערנער — אוואדע, און מיט נאך קעדוימע אזעלכע מיִעסע זאכן. ווען מײַן מאמע האט געקנאטן די דייזשע מיט טייג, האבן אהין געקאפעט ביטערע טרערן. איך האב געגעסן אזא מין ברויט — אן אויסגעווייקטס אין וויי..."

פון דער שטאט לען אוליס, פראנקרײַך, שרײַבט אין רעדאקציע אונדזער לייענער און געזעלשאפטלעכער פארשפרייטער מאריס מארגנשטערן. די בריוו זײַנע לייענען מיר טאמיד מיט א באזונדערן אינטערעס, ווײַל אין זיי געפינען מיר ערנסטע אפשאצונגען וועגן אונדזער ארבעט, ווערטפולע פארשלאגן, אינטערעסאנטע אינפארמאציע.

„איך האב געהאט די געלעגנהײַט צו קויפן אין דער פאריזשער קראם פון „מעזשדונאראדנאיא קניגא" דעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך, וואס איז דערשינען אין מאסקווע, — שרײַבט מאריס מארגנשטערן מיט באפרידיקונג, — איך האב אײַך אמאל געשריבן, זיך אנגעפרעגט, ווו מע קריגט אזא מין סייפער. איצט מוז איך אײַך באדאנקען. נוצנדיק אט דעם ווערטערבוך, האב איך זיך איבערצײַגט אין זײַנע הויכע מײַלעס. עס ווערן געגעבן אלע פראטים וועגן יעדן ווארט, וועגן זײַן באנוץ. דער גראמאטישער טייל פונעם ווערטערבוך איז א פולשטענדיקער. וועגן איין זאך טרוים איך איצט: עס זאל דערזען די ליכטיקע שײַן דער ייִדיש־רוסישער באנד.

„סאוועטיש היימלאנד" ברענגט מיר א בילד פונעם לעבן אין סאוועטנפארבאנד, ביפראט די שילדערונג פון דעם לעבן פון די ייִדן אין פססר, א לעבן, וואס האט גארניט צו טאן מיט דעם, וואס מע ברענגט ארויס אין דער עפנטלעכקײַט אפן מײַרעוו. ס'איז, אגעוו, א בושע דער אופן, מיט וועלכן די מײַרעוודיקע מיטלען פון אינפארמאציע (דאס ווארט דעזינפארמאציע וואלט געטויגט בעסער) רעדן וועגן דעם לעבן אין סאוועטנפארבאנד".

מאריס מארגנשטערן האלט, אז די יִסראעלדיקע פאליטיק פון אונטערדריקן די פאלעסטינער אראבער ברענגט שאדן אלע ייִדן. דעריבער מוזן די פראגרעסיווע ייִדן, ווו זיי זאלן ניט זײַן אף דער וועלט, פארורטיילן די רעדיפעס. „ווען מיר דעמאסקירן דעם ציִעניזם, העלפן מיר דערמיט צו פארמינערן דעם אנטיסעמיטיזם. מע טאר ניט דערלאזן, אז די יִסראעלדיקע רעגירונג זאל ריידן אין נאמען פון אלע ייִדן אין דער וועלט!".

מאריס מארגנשטערן ווײַזט אן, אז די אופווירקונג פונעם זשורנאל „סאוועטיש היימלאנד"

אין די מײַרעוודיקע לענדער איז נאָך ניט אַזוי, ווי זי וואָלט געדאַרפֿט זײַן. „אײַער זשורנאַל איז זייער א נוציקער, אן אינטערעסאַנטער, — דערקלערט מאָריס מאָרגנשטערן אין איינעם פֿון זײַנע בריוו, — א נייטיקער. ס'איז בעפֿיירעש א שאָד, וואָס ער איז אין פֿראַנקרײַך ניט גענוג באַוווּסט". אונדזער קאָרעספּאָנדענט האַלט, אַז יעדער פֿאַרערער פֿון דעם זשורנאַל איז מעכויעוו צו ווערן זײַנער א פֿאַרשפּרייטער. ער האַלט אַזוי און טוט אַזוי.

עס זײַנען שוין דורכגעגאַן יאָרן, זינט דער מעלבורנער טוישעוו ש. שיימאַן איז געווען געצוווּנגען אָנשרײַבן פֿאַר דער אויסטראַליער צײַטונג „יידישע נײַעס" אן ענטפֿער דעם בונדישן באַנז ה. באַכראַך אויף זײַנע אינסינואַציעס אַרום פֿאָלקס-פּוילן, וועלכע די דאָזיקע אויסגאַבע האָט פֿאַרעפֿנטלעכט. אין זײַן בריוו צו אונדז קערט זיך אום ש. שיימאַן צו דער דאָזיקער געשיכטע. ער דערציילט, אַז די רעדאַקטאָרן פֿון דער מעלבורנער „יידישע נײַעס" האָבן דעם ענטפֿער ניט געוואָלט אָפּדרוקן. „זעט אויס, ס'האָט זיי געשטאָכן אין די אויגן דער עמעס, וואָס איך האָב געשריבן". בײַ דער געלעגנהייט, ווען עס גייט אַן איבערזיכט פֿון אויסלענדישע בריוו צו אונדזער רעדאַקציע, איז קעדײַ אין אים אײַנשליסן אַן אויסצוג פֿון ש. שיימאַנס ניט דערגאַנגענער צום אויסטראַליער לייענער פּאָלעמישער אַרויסטרעטונג.

אין זײַן ליידנשאַפֿטלעכן אַרטיקל האָט ש. שיימאַן געשריבן: „ווי דערלויבט זיך עס א מענטש, דערצו נאָך א בונדיסט, א סאָציאַליסט, אויסצוטראַכטן אַזעלכע געמיינע ליגנס און פּאַסקווילן, אַזוי נידערטרעכטיק באַשולדיקן די פֿאָלקס-מאַכט אין פּוילן אין דורכפֿירן דעם פּאָגראָם אויף יידן אין בעלץ, אין 1946? פֿון ה. באַכראַכס אַרויסטרעטונג אין דער צײַטונג „יידישע נײַעס" איז צו זען, אַז ער האָט א געוואַלדיקן צוטרוי צו די אַנטיסעמיטישע פֿירער פֿון „סאָלידאַרנאָשטש". און דאָ זעט זיך שוין אַרויס ה. באַכראַכס קאַוואָנע. הערט זיך אײַן אין די רייד, וועלכע עס האָט אַרויסגעבראַכט מאַריאַן יורטשיק, דער צווייטער נאָך לעכא וואַלענסאַ מענטש אין דער „סאָלידאַרנאָשטש". אויף א טרעפֿונג מיט די אַרבעטער פֿון דער אונטערנעמונג אין טשעביאַטאָוו האָט ער געטײַנעט: „אין טשעכאָסלאָוואַקיע, דײַטשלאַנד און אונגאַרן — וועלכע נאַטור-אוצרעס זײַנען דאָרט פֿאַראַן? גאָרניט מיט נישט. אָבער וואָס פֿאַר א לעבנס-נאָרמע איז דאָרט פֿאַראַן? איר ווייסט אַליין. פֿרעג איך אײַך — פֿאַרוואָס? דער ענטפֿער איז אַן איין-און-איינציקער — דערפֿאַר, ווײַל דאָרט זײַנען ניטאָ קיין זשידלאַקעס, ווי בײַ אונדז אין פּוילן. דאָרט זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וואָס טראַכטן א ביסל וועגן זייערע פֿעלקער. אונדזערע מענטשן טראַכטן ניט, דערפֿאַר, וואָס צווישן זיי איז דאָ א פֿערטל יידן, וואָס פֿאַראַטן אונדזער היימלאַנד, און דאָס דאַרף מען ענדערן, מײַנע הערן... ס'קען זײַן, אַז פֿאַר באַשטימטע מענטשן וועט מען דאַרפֿן אויפֿבויען טליע-סלופּעס, און זיי אויפֿהענגען, אויב דאָס וועט זײַן דער ווילן פֿון דער געזעלשאַפֿט, אָדער דער געזעלשאַפֿטלעכער געריכט וועט דאָס טאָן..." דיבורים קלאָרע. און מיט אָט די, וואָס שאַרפֿן שוין לאַנגע מעסערס אויף יידן, כאַווערט זיך ה. באַכראַך, ער פֿאַררופֿט זיך אויף זיי און איינעם מיט זיי שרײַבט ער רעכילעס אויף די פּוילישע קאָמוניסטן. ס'עגבערט מיך, פֿאַרוואָס ה. באַכראַך זעט ניט דעם לעגאַליזירטן אַנטיסעמיטיזם אין דער מײַרעוו-וועלט, אַרײַנגערעכנט אויסטראַליע, ווו די נאַציס זײַנען א לעגאַלע פּאַרטיי און טראָגן היטלעריסטישע מונדירן מיט האַקנקרייצן אויף די אָרעמס... קעגן דעם האָט עמעצער פֿון אײַך פּראָטעסטירט, מיסטער ה. באַכראַך? קיינער ניט. איר פֿאַרנעמט זיך מיט דעמאַגאָגישע אויסטראַכטענישן און בילבולים, מיט ניט-געשטויגן, ניט-געפֿלויגן-אַרטיקלען קעגן די סאָציאַליסטישע מעדינעס".

אין שיימאַנס רעפּליק זײַנען שאַרף אוועקגעשטעלט א ריי אַנדערע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן פֿאַרדינט, מע זאָל זיי באַהאַנדלען זעלבשטענדיק. א בריוו-איבערזיכט איז פֿאַר דעם ניט דאָס באַקוועמסטע אָרט.

וועגן דעם, פֿאַרוואָס ער האָט אויפֿגעהערט צו זײַן אַן אָנהענגער פֿון דער צײַטונג „מאָרגן-פֿרײַהייט", דערציילט אין זײַן בריוו צו אונדז ר. קראַמער פֿון שטעטל טאָמס ריווער (אַמעריקע, שטאַט ניו-דזשערסי). „מיט א יאָר 35 צוריק בין איך געווען געצוווּנגען פֿאַרלאָזן די שטאָט ניו-יאָרק, — שרײַבט ר. קראַמער. — די באַלעבאַטים פֿון מײַן פֿאַך האָבן מיך ניט געדונגען צו אַרבעטן פֿאַר זיי, ווײַל זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך בין א מיטגליד אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון מײַן יוניאָן. איך און מײַן פֿרוי האָבן אויסגעקליבן דאָס שטעטל טאָמס ריווער אויף צו פּרובירן קריגן דאָרט אַן אַרבעט. דאָ אָבער האָב איך באַגעגנט די זעלבע באַציִונג צו מיר. אין שטעטל זײַנען די יידן געווען „הינער-פֿאַרמערס". איבער דעם, וואָס כ'האָב ניט געקראָגן קיין אַרבעט אין מײַן פֿאַך, בין איך געצוווּנגען געווען צו ווערן „א הינער-פֿאַרמער". אין שטעטל זײַנען געווען אַן ערך 50 לייענער פֿון דער צײַטונג „מאָרגן-פֿרײַהייט". די גרופּע האָט אָרגאַניזירט א קלוב, אין וועלכן עס פֿלעגן פֿאָרקומען פֿאַרזאַמלונגען, לעקציעס, באַהאַנדלונגען פֿון לויפֿנדע וויכטיקע פֿראַגן. צווישן די לעקטאָרן זײַנען געווען שרײַבער פֿון דער „מאָרגן-פֿרײַהייט". אין יענער צײַט איז ניט געשטאַנען די פֿראַגע, צי די לעקטאָרן זײַנען קאָמוניסטן, צי ניט. די לייענער פֿון דער „מאָרגן-פֿרײַהייט" האָבן געוווּסט, אַז די שרײַבער זײַנען לינק געשטימט, און זיי וועלן אונדז ניט פֿאַרפֿירן. ס'איז א פֿאַקט, אַז די שרײַבער, וועלכע האָבן געאַרבעט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פֿ. נאָוויקן, זײַנען ביסלעכווײַז אָפּגעטראָטן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי-ליניע. די אויפֿגאַבע זייערע איז געווען, און איז איצט אויך די זעלבע, — וואָס שאַרפֿער באַשולדיקן די סאָוועטישע רעגירונג אין אַנטיסעמיטיזם.

בײַ אונדז אין קלוב האָבן אָט די באַשולדיקונגען צוערשט אַרויסגערופֿן הייסע דיסקוסיעס. מיר האָבן געוואָלט וויסן, אויף סמאַך פֿון וועלכע כאַטאָיִם ווערן באַשולדיקט די סאָוועטן. די באַשולדיקער האָבן ניט געבראַכט קיין קאָנקרעטע

פאקטן. פארשיידענע טערוצים האָבן זיי ארויסגעשטעלט, נאָר אלע אינײנעם און יעדער טערוץ באזונדער האָבן אונדז ניט געקאָנט איבערצײַגן אין דעם, אז די „מאָרגן־פרײַהײַט" האנדלט אופריכטיק. מיר האָבן פארשטאנען, אז די צײַטונג קריכט פון דער הויט, קעדיי צונויפבינדן דעם סאָציאליזם מיטן ציוניזם. ניין, שפּאנען ווײַטער צוזאמען מיט דער „מאָרגן־פרײַהײַט" האָבן מיר ניט געקאָנט, און מיר האָבן זיך מיט איר צעשיידט".

ליינענדיק די רעדאקציאָנעלע פּאָטשט, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף א צעטעלע פונעם באוווסטן אמעריקאנער יידישן שרײַבער און געזעלשאפטלעכן טוער דאָוויד סעלצער: „טײַערע קאָלעגן פון „סאָוועטיש היימלאנד"! איך שיק אײַך דאָ אָפּצוגן פון צוויי ארטיקלען, וואָס גייען ארײַן אין קומענדיקן נומער פון אונדזער זשורנאל „דזשויש אפערס". מיט כאַווערשאַפט דאָוויד סעלצער". דאָס צעטעלע האָט אונדז דערמאָנט וועגן א בריוו, וועלכן עס האָט צוגעשיקט אין רעדאקציע א לערער פון דער וואָלגאָגראדער שול נום. 50 יולי לערנער. „אין אונדזער קלוב פון אינטערנאציאָנאלער פרײַנטשאפט איז פאָרגעקומען א באגעגעניש מיט די געוועזענע דערציִגלינגען פון די סטאלינגראדער קינדערהיימען, וועגן וועלכע עס האָט מיט גרויסער הארציקייט געשריבן אין זײַן דאָקומענטאלער דערציילונג „זילבערנע סאָזשלקעס" דער אמעריקאנער שרײַבער ד. סעלצער, — טיילט מיט דער לערער. — פּאָפּצן טויזנט סטאלינגראדער קינדער זײַנען געבליבן יעסוימים. א שווערער איז געווען זייער גורל. ראַיסא שטשעגלאָווא, א דערציִערין אין קינדערהיים „זילבערנע סאָזשלקעס" האָט דערציילט אויף דער באגעגעניש, אז די קינדער האָבן מוירע געהאט אנשלאָפן ווערן באנאכט — עס האָבן זיך זיי געכאָלעמט די אומגעקומענע מאמעס. דעריבער האָבן די ארבעטערנס פונעם קינדערהיים באשטימט צו נעמען די יעסוימימלעך אהיים — אָנרופן זיך מאמעס. און אזוי זײַנען זיי געבליבן בא די יעסוימים מאמעס אויפן גאנצן לעבן.

אין וואָלגאָגראדער קאנטקענטעניש־מוזיי ווערן אָפּגעהיט פארשיידענע געמעלן, אויסהעפטונגען און זאכן, וועלכע ס'האָבן געשאפן די סטאלינגראדער קינדער. דאָס קליינוואַרג האָט נאָך לאנג נאָך דער מילכאָמע געמאָלט באָמבארדירונגען, לופט־שלאכטן, טאנקען־אטאקעס. אויף איינעם פון די בילדער איז אָנגעמאָלט א דאמף־שיף מיט א הויכער רער און מיט א רויטער פאָן. אויפן באָרט פון דער שיף — גרויסע אויסיעס „דער זיג!" און אן אונטערשריפט פון אונטן: „סאָלדאטן קערן זיך אום פונעם פראָנט. עמעצנס טאטעס פאָרן אהיים". דער קליינינקער מעכאבער פונעם בילד האָט גוט געוווּסט, אז זײַן טאטע איז אומגעקומען... אין 1946 האָט מען אָט די עקספּאָנאטן דעמאָנסטרירט אויף אן אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק. די אמעריקאנער זײַנען געווען אנציקט פון זיי. די געמעלן זײַנען געוואָרן א סימבאָל פון פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער פון אמעריקע און סאָוועטנפארבאנד. דער געוועזענער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פונעם וואָלגאָגראדער קאנטקענטעניש־מוזיי וולאדיסלאוו מאמאָנטאָוו, וואָס האָט, א זיבניאָריקער, דעם 23 אווגוסט 1942 איבערגעלעבט אין סטאלינגראד די בארבארישע באָמבארדירונג פון דער פאשיסטישער אוויאציע, אין וועלכער ס'זײַנען אומגעקומען טויזנטער מאמעס, — האָט דערציילט אויף דער באגעגעניש אין דער וואָלגאָגראדער שול נום. 50 די געשיכטע פון די אומשאצבארע עקספּאָנאטן. וולאדיסלאוו מאמאָנטאָוו האָט גערעדט וועגן דאָוויד סעלצערס מוט. אָט דער געטרײַער פרײַנט פונעם סאָוועטנפארבאנד האָט אין די יאָרן פון „קאלטן קריג" אָפּגעהיט די געמעלן בא זיך אין דער ניו־יאָרקער קוואַרטיר. הגאַם דאָס איז דעמלט געווען אין א געוויסן זין געפערלעך. שפּעטער האָט דאָוויד סעלצער איבערגעגעבן די עקספּאָנאטן דעם וואָלגאָגראדער קאנטקענטעניש־מוזיי, וועלכער האָט זיי אײַנגעשלאָסן אין זײַן עקספּאָזיציע. וולאדיסלאוו מאמאָנטאָוו האָט אָפּגעזוכט א סאך מעכאַברים פון די געמעלן. די געוועזענע קינדערהיימניקעס האָבן פריידיק דערקענט זייערע ארבעטן.

דאָוויד סעלצער האָט געווידמעט וולאדיסלאוון א ליד. מיר ברענגען דאָ איר טעקסט:

דער ארכעאָלאָג וולאדעק

שלאנק און ספּריטנע, ווייך און הארציק
איז דער געהילף פון וואָלגאָגראד־מוזיי.
וווּנדער גראָבט ער אויס פון קווארצן —
און ווי ער טוט עס, איך פארשטיי.

— דערצייל מיר, כ'בעט דיך, וולאדעק
טײַערער,
וועגן די פרײַנט דײַנע — די קינדער,
נעם זיי ארויס פון סטאלינגראדער פײַער —
זאָל ווערן ליכטיק, צארט און לינדער.

— פרי מע האָט מיך אופגעוועקט,
נאָר ס'האָט די שטאָט שוין הייס געברענט.
לעם מיר מײַן מאמע האָט פארדעקט
א יידיש קינד מיט אירע הענט.

איעדער שאָס האָט נײַעם שרעק
אויף אונדז אויף ביידינקע געטראָגן,
איך האָב געפילט, לעם מיר דער שנעק
וואָלט אין דער ערד זיך אײַנגעגראָבן.

כ'האָב אָנגעכאפּט זײַן ציטער־האנט:
„ליג, קליינינקער, מע טאָר ניט שרײַען.
די רויטארמייער וועלן באלד
אי אונדז, אי אונדזער שטאָט באפרײַען".

וולאדיסלאוו מאמאָנטאָוו שרײַבט זיך איבער מיט זײַן אמעריקאנער פרײַנט. אגעוו, דאָוויד סעלצער האָט עטלעכע מאָל באזוכט די שטאָט וואָלגאָגראד.

פונעם שטעטל איוורי לעבן פאריזש האָט אונדז צוגעשיקט א בריוו בערנארד קליינבערג. ער טיילט מיט עטלעכע פאקטן פון זײַן ביאָגראפיע און אין צוזאמענהאנג מיט זיי דערמאָנט ער

זיך וועגן א ליד פון זײַן יוגנט, וועלכע האָט זיך אים אײַנגעקריצט אין זיקאָרן. דעם טעקסט פון אָט דער ליד אַף ייִדיש האָט אונדזער פרײַנט בערנארד קליינבערג באשטימט איבערגעבן דער רעדאקציע. „אין יאָר 1927, צו מײַנע 18 יאָר, האָט מען מיך אויסגעוויילט אלס סעקרעטאר פון דער יוגנט־סעקציע באם רעוואָליוציאָנערן לערער־פאריין אַף סטאווסקי־גאס, 41, אין ווארשע, — דערציילט אונדזער קאָרעספּאָנדענט. — אין א שאָ נאָך מיטיק האָט מען אין די נאָיאבער־טעג געפײַערט די ערשטע צעניאָריקע עקזיסטענץ, די באפרײַונג נאָך שווערע קאמפן פון דעם „זעקסטל פון דער וועלט". אַף דעם יאָמטעוו האָבן מיר געזונגען לידער. דער אווטאָר פון איינער פון זיי איז געווען דער גוט באקאנטער פּראָלעטארישער פּאָעט וולאדיסלאוו בראָניעווסקי, וועלכער האָט א לאנגע צײַט געלעבט אין ווארשע און איז געשטאָרבן אין 1962. ס'זײַנען מיר שטארק געפעלן סײַ די ווערטער, סײַ דער ניגן פון דער ליד. צומאָל, אָדער פאר פרייד, אָדער פאר אומעט, זינג איך זי שטילינקערהייט". די ליד, וועלכע עס האָט אונדז צוגעשיקט בערנארד קליינבערג, איז אין די צוואנציקער יאָרן געווען פּאָפּולער בא אונדז אין לאנד. די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד", וועלכע זײַנען אין די צוואנציקער יאָרן געווען יונגע מענטשן, וועלן זיכער זיך דערמאָנען, וויאזוי אָט די ליד האָט געקלונגען. דער הײַנטצײַטיקער יוגנט וועט אויך ניט שאטן צו וויסן, וועלכע לידער זײַנען געווען באליבט בא זייערע פאָרגענגער.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע סטראָפעס פון דער ליד, וועלכע ס'האָט איבערגעזעצט אונדזער לייענער פון פראנקרײַך בערנארד קליינבערג.

אין שטורמישע צײַטן, אין בלוטיקער שלאכט
א רויטער אָטריאד איז געגאנגען,
נאָר שטארק איז דער סוינע געווען אין דער נאכט
און די קאָמונארן געפאנגען.

א גענעראל פאָרט ארויס אַף א פערד
אנטקעגן, די ליפּן פארביסן,
די פויסטן געבײַלט, א הוילע זײַן שווערד.
זײַן אורטייל: זיי אלע צעשיסן.

ער זאָגט צו די רויטע סאָלדאטן מיט שפּאָט:
— פאר פרײַהײַט און ערד ווילט איר זיגן?
פרײַהײַט אין הימל וועט געבן אײַך גאָט,
און ערד דאָ בא מיר וועט איר קריגן.

— ניט כויזעק פון אונדז, היי, דו, ווײַסער באראָן,
עס שלאָגט שוין די שאָ דײַנע לעצטע,
מיר זײַנען מארטירער, נאָר זע — אונדזער פאָן
ווערט רויטער, מיט בלוט א באנעצטע.

אין א בריוו פון ווארשע, וועלכן עס האָט צוגעשיקט מערל שיינבויגן, גייט א רייד וועגן דעם אלוועלטלעכן קאָנגרעס פון געלערנטע און קולטור־טוער. פאָרשטייער פון פארשיידענע לענדער האָבן זיך צונויפגעזאמלט אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט, קעדיי באהאנדלען, וויאזוי צו פארטיידיקן די פרידלעכע צוקונפט פון דער פּלאנעטע. צווישן אנדערע איז אַף דעם קאָנגרעס ארויסגעטראָטן דער הויפּט־רעזשיסער פונעם ווארשעווער ייִדישן טעאטער שימען שירמעיאָהו. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אז דער קאמף פאר פרידן ווערט געפירט אין נאָמען פון דעם אַוואר, לעטויוועס דער קעגנווארט און לעטויוועס דער צוקונפט. בייס דער פאשיסטישער אינוואזיע זײַנען אין פּוילן אומגעקומען 3 מיליאָן 200 טויזנט ייִדן. 200 טויזנט האָבן געראטעוועט די פּאָליאקן, וועלכע האָבן דערבײַ ריזיקירט מיטן אייגענעם לעבן. „מיר וועלן ניט פארגעסן אונדזערע פרײַנט, — האָט געזאָגט שימען שירמעיאָהו. — מיר וועלן געדענקען, ווער עס זײַנען געווען אונדזערע הענקער".

בא דער געלעגנהײַט דערציילט מערל שיינבויגן וועגן די אײַנדרוקן, וועלכע עס האָט אַף איר געמאכט דער ספּעקטאקל „די ליד פונעם אויסגעהארגעטן ייִדישן פאָלק". די סצענישע ווערסיע פון ייִצחאָק קאצענעלסאָנס פּאָעמע מיט דעם זעלבן נאָמען האָבן אופגעפירט אַף דער בינע פונעם ווארשעווער ייִדישן טעאטער גאָלדע טענצער, שימען שירמעיאָהו, דער סצענאָגראַף פון דער שטעלונג איז מאריאן סטאנטשאק.

„די אָרטיקע רעצענזענטן דערקלערן, אז דער ספּעקטאקל איז אויסגעהאלטן אין דער טאָנאלקײַט פון א ראַפּסאָדיע, — שרײַבט מערל שיינבויגן, — איך בין ניט קיין ספּעציאליסט, איך ווייס אָבער איינס: פונעם ספּעקטאקל בין איך דערשיטערט געוואָרן, עס האָבן מיך אפּסנײַ אופגעטרייסלט די לײַדנשאפטלעכע שורעס פונעם דיכטער־מארטירער. איך האָב נאָך טיפער פארשטאנען, סארא גרויזאמען העלדנטאט עס איז באגאנגען דער דאָזיקער טאלאנטפולער מעסירעסנעפעשדיקער מענטש.

מיט זײַן פּאָעמע בין איך געווען באקאנט א סאך פריִער, אָבער נאָכן ספּעקטאקל האָב איך אויסגעקלאָרט פאר זיך אייניקע פּראָטים. איך האָב ניט געוווּסט, אשטייגער, אז ייִצחאָק קאצענעלסאָן האָט געשריבן זײַן פּאָעמע אין פראנקרײַך, אין קאָנצלאגער וויטעל. ס'איז אים אויסגעקומען אויסדיכטן ניט בלויז דאָס ווערק גופע, נאָר אויך דעם אויפן, ס'זאָל דערגיין צו די מענטשן, וואָס וועלן זיך ארויסרײַסן פון די פאשיסטישע לאפּעס, — ער האָט געגלייבט, אז דאָס ייִדישע וואָרט וועט איבערלעבן היטלערן מיט זײַנע קלאָווים. דער דיכטער האָט צוליב דעם אויסגעקליבן א קאָמפּליצירטן און ניט־געוויינלעכן וועג: ער האָט פארשטאָפּט זײַן קסאוויאד אין דרײַ פלעשער און זיי באגראָבן אונטער א סאָסנע־קאָרטש. ער איז געווען א ווײַטזיכטיקער מענטש — א סימען האָט איר: זײַן ווערק איז דערגאנגען צו אונדז, צו די לעבנגעבליבענע, צו די ניצלגעוואָרענע און צו די נײַ־געבוירענע.

זײַן לעבנסוועג האָט ייִצחאָק קאצענעלסאָן פארענדיקט אין אָשווענטשים — אינייִנעם מיט

זײַן זון איז ער אומגעקומען אין אַ גאַז־קאַמער. אין טרעבלינקע זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן זײַנע צוויי ייִנגערע זין און זײַן פֿרוי. איך וויל אונטערשטרײַכן, אַז דער אײַנדרוק, וועלכן עס האָט אויף מיר געמאַכט דער ספּעקטאַקל מיט קאַצענעלסאָנס טעקסטן, איז אַזאַ קאָלאָסאַלער דערפֿאַר, ווײַל ער איז געבויט אויף אַ דאָקומענטאַלן באַזן, „דאָס ליד פֿונעם אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק" איז דאָך אַ גוויִעס־אײַדעס פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט איבערגעטראָגן אויף זיך אַלע גרוילן פֿונעם היטלערישן פֿעלקער־מאָרד. איך ווייס ניט, ווער פֿון די ייִדישע שרײַבער האָט מער עמאָציאָנעל געשילדערט דעם שוידער פֿון די מאַסן־שחיטות בײַם דער פֿאַשיסטישער אינוואַזיע.

דער וואַרשעווער ייִדישער טעאַטער האָט אין דער פּוילער מאָס פֿאַרהיט און דערטראָגן צום צושויער דאָס, וואָס עס האָט אַרײַנגעלייגט אין זײַן פּאָעמע יצחק קאַצענעלסאָן: זײַן מענטשלעכן יאָמער, זײַן נעוויִעס־געפֿיל, זײַן טראַגישן ביטאָכן".

אויפֿן רעדאַקציאָנעלן טיש ליגט אַ בריוו פֿון טשיקאַגאָ. צוגעשיקט האָט אים גדליה לאַנדמאַן, אַן אַקטיווער טוער פֿון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, איינער פֿון די לאַנגיאָריקע און באַגײַסטערטע לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". אונדזער קאָרעספּאָנדענט דערציילט וועגן דעם באַוווּסטן אַמעריקאַנער ייִדישן פּראָזע־שרײַבער מוישע גיציס, וועמענס ווערק זײַנען אין די לעצטע יאָרן געווען געדרוקט אין זשורנאַל. דער לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט הויך געשאַצט מ. גיציסעס טאַלאַנט. ווי עס איז צו זען פֿון גדליה לאַנדמאַנס בריוו, איז ער געווען באַפֿרײַנדעט מיטן שרײַבער און מיט זײַן מישפּאָכע.

פֿאַרן טויט האָט מוישע גיציס געבעטן די פֿרוי מאַניע, אַז גדליה לאַנדמאַן זאָל זײַן דער, וואָס זאָל ריידן בײַ זײַן אָפּשיידונג. און אַזוי איז עס טאַקע פֿאָרגעקומען. ווען אין דעקאַבער 1986 איז מוישע גיציס ניפֿטער געוואָרן, איז אויף זײַן לעוויִע מיט אַ געזעגענונגס־וואָרט אַרויסגעטראָטן גדליה לאַנדמאַן, וועלכער האָט בײַם אָפֿענעם קייווער דערקלערט מיט אַ שווערן געפֿיל, אַז עס איז אַוועק „דער לעצטער ייִדישער פּראָגרעסיווער שרײַבער פֿון אַמעריקע".

גדליה לאַנדמאַן שרײַבט: „די פּראָגרעסיווע ייִדישע סוויווע האָט פֿאַרלאָרן איינעם פֿון די בעסטע בעלעטריסטן פֿון אונדזער צײַט. מיר זײַנען פֿאַראָרעמט געוואָרן. ניטאָ קיין צווייטער בײַ אונדז אין לאַנד, וואָס וועט קאָנען פֿאַרנעמען מוישע גיציסעס אָרט אויף דער ליטעראַרישער אַרענע. די פּאַשעטע פֿאָלקס־שפּראַך פֿון זײַנע דערציילונגען, די בילדערישקייט זייערע האָבן אים דעראָבערט אַ גרויסע צאָל פֿאַרערער. ער האָט געשילדערט דעם קאַמף פֿונעם אַרבעטער־קלאַס פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און האָט אַליין מוטיק געקעמפֿט פֿאַר שאָלעם אויף דער וועלט, פֿאַר גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון די פֿעלקער, קעגן אַנטיסעמיטיזם, נעאָנאַציזם, ראַסן־דיסקרימינאַציע. מוישע גיציס האָט זיך ניט איבערגעשראָקן, ווען די רעאַקציאָנערן און רענעגאַטן האָבן אים אַרײַנגעלייגט אין כיירעם פֿאַר דער אַקטיווער מיטאַרבעטערשאַפֿט אַלס אוטאָר אין אונדזער באַליבטן „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס איז פֿונעם ערשטן נומער, זײַענדיק אַן אויסגאַבע פֿון די סאָוועטישע ייִדישע שריפֿטשטעלער, געוואָרן אויך אונדזער זשורנאַל".

גדליה לאַנדמאַן דערציילט אין זײַן בריוו וועגן אייניקע פּראָטים אין שײַכעס מיט מוישע גיציסן, וועגן וועלכע מיר האָבן ביז אַהער אָדער אינגאַנצן ניט געוווּסט, אָדער מיר האָבן געוווּסט ווייניק. מוישע גיציס האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט מאָלערײַ, געשאַפֿן פּילצאָליקע פּאָרטרעטן פֿון פּאָעטע אַמעריקאַנער. ער איז אויך דער שעפֿער פֿון אַ פֿילם־אינטערוויו מיט אַ ריי אַמעריקאַנער ייִדישע שרײַבער. צוליב דעם האָט ער פֿאָרגענומען אַ רײַזע איבער אַלע שטאַטן פֿון פּשאַ. דער פֿילם געפֿינט זיך איצט אין די אַרכיוון פֿון ייִוואָ. גיציסעס פֿרוי מאַניע דערציילט, אַז איר מאַן האָט אָנגעהויבן שרײַבן נאָך אין דער קינדהייט. ווען זי איז אַלט געווען פֿופֿצן יאָר, האָט מוישע גיציס איר שוין געשענקט אַ גאַנצע פּאָעמע. זי געדענקט, אַז אין דער צײַט פֿון זייער יוגנט־ליבע האָט ער אָנגעשריבן פֿיל ווערק, בעסויכעם אין דער רוסישער שפּראַך. מאַניע גיציס באַשטעטיקט, אַז איר מאַן איז קעסיידער געווען פֿאַרנומען מיט אַרבעט — אָדער אין אַפּטייק, אָדער בײַם שרײַבטיש. „רוען" האָט זי אים קיינמאָל ניט געזען.

גדליה לאַנדמאַנס בריוו האָט אונדז ווידעראַמאָל איבערצײַגט, אַז אונדזער שעפֿערישע מיטאַרבעט מיטן אַמעריקאַנער שרײַבער מוישע גיציס איז געווען ניט קיין צופֿעליקע, נאָר אַן אָרגאַנישע און נאַטירלעכע, און מיר זײַנען צופֿרידן, וואָס עס איז אַזוי געשען.

אַ בריוו מיט אַ מאַטאָנע — אַ שיינער פֿאָטאָגראַפֿיע — האָט אונדז צוגעשיקט בומי ברונוואַסער פֿון מעץ, פֿראַנקרײַך, ער שרײַבט: „טײַערע פֿרײַנט, ווי איר קאָנט זען אויפֿן בילד, פֿאַרנעמט „סאָוועטיש היימלאַנד" דעם גרעסטן פּלאַץ אין מײַן ביבליאָטעק. פֿאַר מיר איז דאָס אַ רײַכטום און אַ שטאָלץ. מיט דער אויסגאַבע פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור קאָן איך באַווײַזן די אַלע, וואָס פֿאַרלייקענען די עקזיסטענץ אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד פֿונעם ייִדיש וואָרט, אַז זיי זײַנען ניט גערעכט. איך בין געווען בײַ אײַך אין רעדאַקציע אין מאַרט 1982, און איך ווייס, אַז אײַער אַרבעט איז ניט קיין לײַכטע. נאָר די לייענער לייגן זייער גאַנצע האָפֿענונג אויף אײַך. איך בעט אײַך, אַרבעט אַזוי אויך אויף ווײַטער, דערציט נײַע מיטאַרבעטער. איך בין טאַקע אַלט 75 יאָר, אָבער איך האָף נאָך זייער לאַנג צו לייענען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", ביז הונדערט מיט צוואַנציק איז נאָך געגוג ווײַט".

אונדזער איבערזיכט האָבן מיר אָנגעהויבן מיט אויסצוגן פֿון בריוו, אין וועלכע עס ווערן אַרויסגעזאָגט באַקאָשעס, די מערהייט פֿון זיי — אין שײַכעס מיט באַקומען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". ווען דער איבערזיכט איז נאָך

ניט געווען געענדיקט, האָט די בריוונטרעגערן ארופגעלייגט אפן רעדאקציע־אָנעלן טיש די אָרדנטלעכע פּאַטשט, און מיר האָבן באמערקט עטלעכע קאָנווערטן מיט שטעמפּלען פון דער צווישנפעלקערלעכער לופט־פּאַטשט.

מארקאָ עסעלינג פון מינכען, מערעוו־דייטשלאנד, שרייבט: טייערע דאמען און הערן, כאַוויירים. איך האָב געהערט וועגן אייער צייטשריפט. איך בין פאראינטערעסירט מיט דער ייִדישער קולטור און מיטן לעבן אין סאָוועטנפארבאנד. דערפאר באגער איך לייענען „סאָוועטיש היימלאנד". איך בעט אייך: שיקט מיר א פּאָר פּרווו־נומערן. ביי־געלייגט זיינען דריי דאָלארן (מע באקומט דאָ ניט קיין רובלען). מיט דאנק און כאַווערישע גרוסן". די רעדאקציע האָט ארויסגעשיקט מ. עסלינגן צוויי פרישע נומערן פונעם זשורנאל און, נאטירלעך, אומגעקערט אים די דאָלארן.

דאָקטאָר וואָלף בערנשטיין פון נאטאניא, ייִסראָעל, ווענדט זיך אויך מיט א באקאָשע: „זייער געערטער רעדאקטאָר! אין די זעכציקער יאָרן (עפשער ענדע פון די זעכציקער יאָרן) איז אין אייער זשורנאל געווען פארעפנטלעכט א ליד „איך האָב געליבט אמאָל א מיידל". דעם נאָמען פונעם אווטאָר געדענק איך ניט. אין דער ליד האָט זיך גערעדט וועגן א מיידל, וועלכע דער אווטאָר האָט געליבט. אָבער עס זיינען געקומען די דייטשן מיט שטעקנס און מיט בייטשן, ארייַנגעיאָגט דאָס מיידל אין געטאָ. מער האָט ער זי ניט געזען. ער האָט פאר איר נעקאָמע גענומען, קעמפנדיק אפן פראָנט קעגן די דייטשן. אויב עס איז מעגלעך לויט די דאָזיקע אָנגאבן צו געפינען די ליד, וואָלט איך מיט גרויס דאנקבארקייט געוואָלט זי קריגן". דאָקטאָר וואָלף בערנשטיין האָט באקומען אן ענטפער:

„געערטער ד״ר וואָלף בערנשטיין! מיר באַפרידיקן אייער באקאָשע. די ליד, וועלכע אינטערעסירט אייך, איז פארעפנטלעכט אינעם ערשטן נומער פון אונדזער זשורנאל פארן 1962 יאָר. איר אווטאָר איז אווראָם ראַכמאַן. דעם טעקסט פון דער ליד שרייבן מיר פאר אייך איבער".

איך האָב אמאָל געליבט א מיידל

איך האָב אמאָל געליבט א מיידל,
ווי דאָס אייגן לעבן,
פאר איר שיינקייט, פאר איר שמייכל
אלץ כ׳וואָלט אָפּגעגעבן.

נאָר געקומען זיינען דייטשן
אין מיין קליינינק שטעטל
און מיט שטעקנס, און מיט בייטשן
זי פאריאָגט אין געטאָ.

און מיט אלעמען צוזאמען —
מיט די שוועסטער, ברידער,
מיט דעם טאטן, מיט דער מאמען
ליגט זי אין די גריבער...

כ׳האָב אין שלאכט פאר זיי גענומען
ניט איין מאָל נעקאָמע,
איצטער וויל איך, ס׳זאָל ניט קומען
ווידער א מילכאָמע.

אוי, געליבט האָב איך א מיידל
מערער ווי דאָס לעבן,
פאר איר כאָכמע, פאר איר שמייכל
אלץ כ׳וואָלט אָפּגעגעבן.

א ווינקל פון דער שטוב־ביבליאָטעק פון אונדזער לייענער אין פראנקרייך ב. ברונוואסער

אונדזער פּאַריזשער לייענער זשאַק אײדלמאַן שרײַבט, אַז אין 1986 איז ער געווען מיט אַ גרופּע וועטעראַנען פֿון דער פֿראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ראַטנפֿאַרבאַנד. „מיר האָבן באַזוכט וואָלגאָגראַד, נאָוואָסיבירסק, אירקוטסק, אוזבעקיסטאַן. אין נאָוואָסיבירסק האָט מיך אַ זשורנאַליסטקע אינטערוויוירט. ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך געדענק נאָך, ווי ערעוו די דרײַסיקער יאָרן האָט מען בײַ אונדז דיסקוטירט, צי ס'איז מעגלעך אויסבויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד, ווי מע האָט בײַ אונדז גערעדט וועגן אַ באַוואָפֿנטער דעמאָנסטראַציע, וואָס די טראָצקיסטן האָבן אָרגאַניזירט אין 1927, ווען איך האָב צוגעגעבן, אַז איך בין געווען אין ראַטנפֿאַרבאַנד אויך אין 1935 — אין מאָסקווע, לענינגראַד, סווערדלאָווסק, טשעליאַבינסק, מאַגניטאָגאָרסק, האָט די קאָרעספּאָנדענטקע באַמערקט, אַז איך בין בעעמעס אַ שטיקל „לעבעדיקע געשיכטע". אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר מײַנע אויגן האָבן געזען אַ סך. איבערגעלעבט האָב איך ניט ווייניקער, איבערגעטראַכט אויך גענוג. איך וואָלט וועלן, אַז וועגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעפֿילט, וואָס איך ווייס, זאָלן וויסן אַלע מײַנע פֿרײַנט, מיטקעמפֿער, אידיי־כאַווײרים.

איך פֿאַרשטיי, אַז דער מאַנוסקריפּט, וואָס כ'האָב פֿאַרפּאַסט, איז ניט קיין שעדעווער, פּונקט ווי דער בעסטער פּאָעט, אָדער אַ מיניסטער, אָדער דער פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק וועלן ניט אָנטאָן קיין מאַנטל אָדער קיין שיך אַזוי גוט, ווי ס'טוען עס פֿאַכמענער. וועל איך ניט שרײַבן אַזוי שיין, ווי עס שרײַבן פּראָפֿעסיאָנעלע ליטעראַטן. און דאָך האָב איך זיך דערוועגט מײַנע זיכרוינעס און אַלץ, וואָס עס האָט זיך אויסגעפּיקט בײַ מיר, באַווײַזן איינעם פֿון די אָנפֿירער פֿון אונדזער פּאַרטיי עטיען פֿאַזשאָנען. ער האָט מיר געענטפֿערט, אַז ער האָט געלייענט מײַן מאַנוסקריפּט מיט פֿיל אַכטונג. זײַן מיינונג וועגן אים איז אַ פּאָזיטיווע, די קאַפּיטלען, אין וועלכע עס ווערן באַהאַנדלט פּאָליטישע טעמעס, שליסן אײַן אין זיך אייניקע ניט באַרירטע ביז הײַנט אַספּעקטן. אָבער ער, פֿאַזשאָן, איז ניט בעקויעך מיטווירקן, אַז עמעצער פֿון די פֿראַנצויזישע פֿאַרלעגער זאָל דעם קסאַוויאַד פֿאַרעפֿנטלעכן אין אַ בוך־פֿאָרם, סײַדן זיך ווענדן צום פֿאַרלאַג „דער אויטאָר באַצאָלט אַליין". ליידער האָב איך ניט קיין מעגלעכקײַט אָנצוקומען צו אָט דעם „אַלייַנעניו־פֿאַרלאַג". קיין נאָגיד בין איך ניט.

דעריבער ווענדע איך זיך צו „סאָוועטיש היימלאַנד". עפּשער וואָלט דער זשורנאַל אָפּגעדרוקט מײַן אַרבעט? אויב עס וועט אַזעלכס פּאַסירן, בעט איך געבן פֿאַר דער פּובליקאַציע אַזאַ פֿאָרוואָרט: „איך שילדער דאָ דאָס לעבן פֿון אונדזער פֿאַמיליע — איינע צווישן די הונדערטער טויזנטער, אומגעבראַכטע מיצאַד די נאַציס. איך האָב זיך געסטאַרעט שרײַבן פּאַשעט, גאַרנישט ניט פֿאַרפּוצן, ניט פֿאַרשענערן, ניט ראָמאַנטיזירן. איך וויל, אַז איבערלייענענדיק מײַנע זיכרוינעס, זאָלן די איצט לעבנדיקע דערפֿילן, אַז די מיליאָנען אומגעבראַכטע מיצאַד די פֿאַשיסטן זײַנען געווען פּאַשעטע מענטשן — מענער, פֿרויען, קינדער — אַזעלכע, ווי מיר, ווי יענע, וואָס מיר באַגעגענען טאָגטעגלעך אַף דער אַרבעט, אין גאַס, אין קינאָטעאַטער, אָדער אַף די טרעפּ פֿון אונדזער הויז. אין מײַן קסאַוויאַד ווערן אָפּגעשפּיגלט דרײַ פּעריאָדן: דאָס פֿינצטערע לעבן אין בעסאַראַביע, דער אָנקום אין פּאַריז און דער קריג מיט זײַנע טראַגעדיעס..."

אין אונדזער איבערזיכט איז שוין געווען דערמאָנט דער נאָמען פֿון מאַניע גיציס. איצט ווילן מיר ברענגען אויסצוגן פֿון איר אייגענער ווענדונג צו דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". די אַלמאָנע פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם אַמעריקאַנישן ייִדישן בעלעטריסט שרײַבט: „איך ווייס ניט, וואָס עס האָט מיך איצט געצוווּנגען צו אַדרעסירן אײַך אָט די פּאָר ווערטער. אַן אומבאַגרײַפֿלעכער געפֿיל אַזאַ. עס נאָגט און ווייטיקט די נעשאָמע. הײַנט, אין אָט די מינוטן ווערט דרײַ כאַדאָשים, זינט מוישע גיציס איז אַוועק אין דער אייביקייט. ווען איך בין אין איין פֿרימאָרגן אַרײַנגעקומען אין שפּיטאָל און געזאָגט אים, אַז עס איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון מאָסקווע מיט אַן אָפּדרוק פֿון זײַנער אַ דערציילונג — האָבן זיך

די לעצטע פֿאָטאָ פֿון מוישע גיציס

גלײַך אָן עפֿן געטאָן זײַנע מילכבלויע, נאַיִווע אויגן און צוויי בריליאַנטענע טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיי אַף אַ ווײַלע — זילבערדיק אַ פֿינקל געטאָן און אַראָפּגעקײַקלט זיך איבער זײַן בלאַס, אָפּגעצערט אויסדרוקפֿול פּאָנעם. אַנטשולדיקט פֿאַר מײַן שרײַבן צו אײַך. ניט איך, נאָר מײַן צעבראָכנקײַט, מײַן טיפֿער ווייטיק רעדט אַרויס פֿון מיר... אָבער — ווי מע זאָגט אין רוסלאַנד — זאַקאָן פֿיראָדי... זײַט געזונט און שטאַרק. זאָל די פּראַכטפֿולע אַרבעט פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַן אויך אַף ווײַטער דערפֿאָלגרײַך..."



פישל טאַביאַש

פאַרלוסטן, צום גרויסן באַדויערן, האָט אונדזער ליטעראַטור אַ סאַך, און אין אַלע עקן וועלט. עס גייען אַוועק די שעפער, נאָר ס׳בלייַבן זייערע אויפטוען. אָט וואָס עס שרייַבט אונדז פישל טאַביאַשס אַלמאָנע און נאָענטסטע מיטקעמפערן כאַנע טאַביאַש:

שוין אַ פּאָר מאָל געפּרוווט זיך נעמען אָנשרייַבן כאָטש עטלעכע ווערטער, נאָר עס לייגן זיך מיר ניט די הענט. קודעם־כּל, אַ האַרציקן דאַנק אייַך פאַר דער מיטלייד־טעלעגראַמע. דוכט זיך, וואָס? אַ פּאָר ווערטער, וואָס דריקן אויס דעם טרויער פונעם פאַרלוסט. איך ווייס, אָבער, אַז די דאָזיקע פּאָר ווערטער קומען פונעם גאַנצן האַרצן.

ס׳איז שווער זיך פאָרשטעלן: מיר זייַנען געקומען אין מאָנטעווידעאָ פרייַטיק דעם 24־טן אָקטיאַבער אינדערפרי, און דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט — אין איין מינוט אַוועקגעפאַלן, און שוין — אויף אייביק. דאָס זייַן אין מאָסקווע, נאָך אויף אַזאַ פייַערונג ווי דער יוביליי פון „סאָוועטיש היימלאַנד” איז געווען אַ גרויסע פרעמיע פאַר אים און פאַר מיר אויך. און פאַר וועמען ניט?

מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט אייַך אַלעמען, און איר זייַט אַזעלכע פּאָשעטע, אַזעלכע האַרציקע מענטשן, אַז אָפטמאָל דוכט זיך מיר: ס׳איז געווען מייַנע אַ פאַנטאַזיע צו גיין באַנאַנד מיט די סאָוועטישע ייִדישע קולטור־טוער און שרייַבער. מיר זייַנען געווען אַזוי גליקלעך, אַז איך האָב אין מייַן אונטערבאַוווּסטזייַן מוירע געהאַט, ס׳זאָלן אָט די טעג מיר ניט פאַרשטערט ווערן. און זיי זייַנען מיר גרויליק פאַרשטערט געוואָרן.

פישל האָט זיך געמאַכט פּלענער ווידער צו קומען קיין מאָסקווע, צו די דרייַסיק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד”. נו, פּלענער, פּלענער — אַלע זייַנען זיי אַזוי אַכזאָריעסדיק איבערגעריסן געוואָרן צוגלייַך מיט זייַן שיין לעבן. זייַן אומגעריכטער טויט האָט סייַ מיך, סייַ די קינדער אונדזערע אַזוי דערשלאָגן, אַז עס איז מיר נאָך אַלץ שווער צו גלייבן, שווער זיך צוגעוווינען צו דער ווירקלעכקייַט. בלויז זייַן קייווער אויפן בעסוילעם באַשטעטיקט דאָס, און די פּוסטקייַט אין מייַן שטוב.

פונדעסטוועגן, האָב איך מייַן מיסיע אויסגעפילט. וועגן דעם צונויפקום און וועגן די באַשלוסן, וואָס זייַנען אָנגענומען געוואָרן מיצאַד די סאָוועטישע און אויסלענדישע דעלעגאַציעס, איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אונדזער ראַדיאָ־שאָ, וואָס טראַנסלירט זיך איין מאָל אין וואָך.

אַ נאָטיץ האָט אויך פאַרעפנטלעכט די טעגלעכע צייַטונג אויף שפּאַניש — קיין ייִדישע איז אין מאָנטעווידעאָ ניטאָ.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך פישלס טויט האָב איך איבערגעגעבן אין דער זשיטלאָווסקי־געזעלשאַפט אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן די פייַערונגען אין מאָסקווע. עס קומט אויס אָפט צו דיסקוטירן מיט מענטשן, ווייַל, ווי מיר האָבן נאָך דאָרט באַ אייַך געשמועסט, מאַכט איר וועגן זיך ווייניק פּראָפּאַגאַנדע. פּאָשעטע מענטשן ווייסן ניט וועגן אייַך. איך וויַיז אַלעמען די ביכער, וואָס מע האָט מיר געשענקט, איך באָרג זיי צו לייענען, כ׳דערצייל אַ סאַך וועגן די יונגע שרייַבער און קינסטלער, וועגן דעם ייִדישן טעאַטער. דער ספּעציעלער יוגנט־נומער פונעם זשורנאַל קומט מיר גוט צו הילף פאַר די, וואָס גלייבן ניט, און פאַר די, וואָס גלייבן יאָ, נאָר מיט געוויסע רעזערוון. איך זאָל זיי, אַז כ׳האָב אַליין מיט אַ סאַך יונגע סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער געשמועסט, און טאַקע אויף ייִדיש. האַקלאַל, כ׳בין אַ לעבעדיקער איידעס. אַ שאָד, וואָס דער צווייטער איידעס האָט צו דעם ניט דערלעבט.

עס פּאַסירט צומאָל: לייענסט איבער אַ בוך, באַקומסטו אַ געוויסע פאָרשטעלונג, אָבער נאָכדעם, ווען דו באַקענסט זיך פּערזענלעך מיטן מעכאַבער, אַנטוישסטו זיך. דאָ איז געשען פּונקט דאָס פאַרקערטע. איך לייען די אַלע ביכער, די דערציילונגען און פּאָעטישע זאַמלונגען, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון מאָסקווע, ווי אויך די זשורנאַל־נומערן, — איצט לייען איך זיי, מיט מער דערעכערעץ צו די שרייַבער און אויך מיט ליבשאַפט צו זיי. געבענטשט זאָלט איר אַלע זייַן און אייַער ווערטפולע שעפערישקייַט”.

אין אַ צווייטן בריוו, וועלכן כאַנע טאַביאַש האָט אונדז צוגעשיקט שפּעטער, גייט אַ רייד וועגן אַ מאַטאָנע, וועלכע זי וואָלט וועלן פּרעזענטירן דער רעדאַקציע פון אונדזער זשורנאַל און וועלכע זאָל זיך באַ אונדז רופן „פישל טאַביאַשס מאַטאָנע”. „איבערקוקנדיק אַ סאַך, זייער אַ סאַך וויכטיקע, לויט מייַן מיינונג, אַרטיקלען, וואָס פישל האָט געשריבן אויף פאַרשיידענע טעמעס, הויפּטזאַכלעך, ליטעראַרישע, היסטאָרישע, אַפּ־



אַן אויסצוג פון כאַנע טאַבּיאַשס בריוו

האַנדלונגען וועגן ווערק פון אייגענע שרײַבער, דיסקוסיעס מיטן ציִוניזם און זײַנע מאַנהיגים, האָב איך זיך נאָך און נאָך איבערצײַגט, אַז פּישל טאַבּיאַש איז קעסיידער געווען אַ הייסער פּאַרטיי־דיקער פון ראַטנפאַרבאַנד, באַ יעדער געלעגנ־הייט פּלעגט ער אויסדריקן זײַן געטרײַשאַפט צו אונדזערע אידייען, צו אײַך, שרײַבער און פרײַנט. און מיר איז געקומען אַפּן געדאַנק צו פרעגן אײַך, צי נייטיקט איר זיך אין אַ פילבענדיק ווערק, וואָס איז, דוכט זיך, אַן אוניקום, ניט צו קריגן און געפינט זיך אין אונדזער פּריוואַטער ביבליאָ־טעק, דאָס איז צינבערגס „די געשיכטע פון ליִ־טעראַטור באַ ייִדן“. דאָס איז אַן אומויסשעפּלע־כער קוואַל, פון וועלכן עס קאָנען געניסן סײַ די עלטערע שרײַבער, סײַ די יונגע פּלעיאַדע. פאַר מיר איז אַ גרויסער קאָוועד צו שענקען „סאָוועטיש היימלאַנד“ די אויסגאַבע. פאַר דער רעדקאָלעגיע איז אַ גרויסער קאָ־וועד, וואָס אין אַנדערע לענדער זײַנען פאַראַן מענטשן, וועלכע לעכצן נאָך דער גײַסטיקער שפּײַז, וואָס עס טראָגט מיט זיך דער זשורנאַל פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

בראָניק

העברעיִזמען אין דער טשוואַשישער שפּראַך

אין זשורנאַל „סאָוועטסקאַיאַ טיורקאָלאָגיאַ“, וועלכן עס גיבן אַרויס אין באַקו די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר און די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון דער אַזערבײַדזשאַנער סס״ר, איז פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל פונעם לינגוויסט יאַ. קוזמין־יומאַנאַדי „וועגן העברעיִזמען אין דער טשוואַשישער שפּראַך“. אַפּן סמאַך פון אַ געגויעם אַנאַליז פון לינגוויסטישע, עטנאָגראַפישע און היסטאָרישע מאַטעריאַלן דערווײַזט דער מעכאַבער, אַז אַ גאַנצע ריי ווערטער (קוידעמקאָל פון דער גײַסטלעכער טערמינאָלאָגיע) האָט די טשוואַשישע שפּראַך אַנטליִען באַ העברעיִש. עס פאַלן צונויף אָדער זײַנען אין אַ סאַך פּראַטים נאָענט צו די ייִדישע אויך אייניי־קע טראַדיציאָנעלע טשוואַשישע מינהאָגים און זיטן (אין שײַכעס מיט לעווייע, כליִצע אד״ג). די טשוואַשישע שפּראַך איז פון אַלע אַנדערע איצטיקע טיור־קישע לעשוינעס נעענטער צו דער שפּראַך פון די לעגענדאַרע כאַזאַרן, וועלכע האָבן זיך, ווי באַוווּסט, געהאַלטן באַם ייִדישן גלויבן. דער אוטאָר פונעם אַר־טיקל רוקט אַרויס אַ האַשאָרע, אַז די העברעיִזמען און די ייִדי־שע קולטורעלע האַשפּאָע בִיכלאַל האָבן אינעם פּריִען מיטלאַלטער דערגרייכט צו די אָוועס פון די הײַנטצײַטיקע טשוואַשן, אַנקו־מענדיק פון די כאַזאַרן, אָדער פון יענע ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין כאַזאַריע.

דער קינסטלער יעפים ראַיאַק

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע

אויב פאַנאַנדערלייגן וואַסער אויף די כימישע עלעמענטן, פון וועלכע זי באַשטייט, וועסטו מיט איר ניט קאָנען לעשן דעם דאָרשט. אויב צונויפמישן זויערשטאָף און וואַסערשטאָף, באַקומט מען אופרײַס־גאַז.

מ. שאַגאַל און ק. מאַלעוויטש זײַנען ווי זויערשטאָף און וואַסערשטאָף אין דער שאַפונג פונעם קינסטלער יעפים ראַיאַק. זייער געמיש איז ווי וואַסער, מיט וועלכער מע וואָלט געקאָנט לעשן דעם דאָרשט.

ער אַליין האָט זיך גערופן „קינסטלער יעפים ראַיאַק". איך האָב געלייענט זײַן איינציקע אויטאָביִאָגראַפיע. דאָס איז אַ דאָקומענט פון באַשיידנקײַט, וועלכע איז מיסטאָמע געגליכן בלויז צום טאַלאַנט פון אָט דעם מענטשן, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ מערקבאַרן שפּור אין דער געשיכטע פון דער פאָטערלענדישער מאָלערײַ. יעפים ראַיאַק איז אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט, וועלכע מע מוז אַצינד ווידערופשטעלן, זײַן אויטאָביִאָגראַפיע איז אָנגעשריבן פון דער דריטער פּערזאָן און פאַרנעמט בלויז איין זײַטל:

„געבוירן געוואָרן אין 1906 אין דער שטאָט וויטעבסק, אין דער מישפּאָכע פון אַ באַלמעלאָכע, אַ שנײַדער. לימודים פון געמעל און מאָלערײַ האָט ער באַקומען באַם קינסטלער יעהודע פּען. לויט מאַרק שאַגאַלס רעקאָמענדאַציע איז ער אין 1919 אָנגענומען געוואָרן אין וויטעבסקער קינסטלעריש־פּראַקטישן אינסטיטוט אויפן צוגרייטונגס־אָפּטייל.

אין 1920 איז ער לויט ק. מאַלעוויטשעס איניציִאַטיוו אַריבערגעפירט געוואָרן אין זײַן אַטעליע, וווּ ער האָט שטודירט טעאָריע און פּראַקטיק פון סיסטעמען פון קאָנסטרוקטיווע קונסטן, קאָמפּאָזיציע אין געמעל און אין מאָלערײַ, אַ פאַרטיפטע פּראַקטישע אַרבעט איבער די יעסוידעס פון דער קאָלירן־האַרמאָניע, דאָס לייזן די קאָלירן־אויפגאַבן מיט אויפמערקזאַם דערלערנען די סיסטעם פון בײַקאָלירן, די קאָלירן־אויפגאַבן פון עקספּערימענטאַלע, פּלאַסטישע, מאָלערישע קאָמפּאָזיציעס, און אויך אַ ריי אַנדערע קינסטלערישע קעגנשטאַנדן. אין 1922 איז ער לויט ק. מאַלעוויטשעס אײַצע אַריבערגעפאָרן קיין פּעטראָגראַד, וווּ ביזן 1927 זיך געלערנט, געווען אַ פּראַקטיקאַנט און שפּעטער אַ וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אינעם פאָרשערישן פאָרמעל־טעאָרעטישן אָפּטייל פונעם קינסטלערישן אינסטיטוט אונטער ק. מאַלעוויטשעס אָנפירונג.

אין 1927 איז ער איבער אַ קראַנקהײַט אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. אויסגעפילט באַזונדערע אַרבעטן אינעם זשורנאַל „עקראַן" (אויסגאַבע פון דער „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ"). אָנטיילגענומען אינעם עפנטלעכן קאָנקורס אויפן פּראָיעקט פון טעקסטיל־הויז מיטן אויטאָר עליִעזער ליסיצקי און אַנטשפּרעכיק מיט אַנדערע מיטאויטאָרן.

אין 1928 אָנגעקומען אויף אַרבעט אינעם מעלוכע־אינסטיטוט פאַר פּראָיעקטירן צעמענט־זאַוואָדן אין וו. מ. פּאָפּאָווס וואַרשטאַט.

אין 1934—1941 געאַרבעט אין דעם אַרכיטעקטור־פּראָיעקטן־וואַרשטאַט פון די ברידער וועסנין".

יעפים ראַיאַק איז דורכויס אַ קינסטלער, און דעם קינסטלערס זשעסט בינדט ער אָן די העלדן פון זײַנע בילדער. אַ שנײַדער, אַ טענצער, אַ מיליטערמאַן זײַנען פאַרקערפּערט אין פּאָזעס, וועלכע טאָרן ניט קאָפּירן דעם „טיפּישן" אין זייער פאַך. דאָס זײַנען זשעסטן פון אַ קינסטלער, וואָס לייגט אָן פאַרבן מיט אַן אומזעבאַר פּענדזל אויף אַן אומזעבאַרן לײַוונט. די טעמעס פון מילכאָמע, טאַנץ, מעלאָכע זײַנען פאַרקערפּערט אין אַנדערע אויסדרוק־מיטלען.



ראַיאַק איז אַ שטאָט־קינסטלער. זײַן ערשטע שטאָט איז וויטעבסק, און צו וויטעבסק איז געווענדט זײַן ליב־געזאַנג. די ליבע צו דער אייגענער שטאָט פאַרהאַלט זיך ניט אויף דער אויבערפלאַך, האַגאַם מע קאָן דערקענען געבײַדעס, מענטשן. די ליבע פאַרבינדט דורך איר שײַן דעם הימל מיט דער ערד („וויטעבסק"). אָבער ניט בלויז וויטעבסק פאַרקערפּערט באַ אים די שטאָט־טעמע. זײַן אויטאָפּאָרטרעט דריקט אויס לײַדנשאַפטלעכע קאָנפליקטן. קוביסטישע פאַרקריפּלונגען פונעם פּאָנעם שפּיגלען אָפּ די אומבאַרעמהאַרציקײַט פונעם אורבאַניזם. נאַטוראַליסטיש זײַנען געשילדערט די פּיפּקע — אַ סימבאָל פון דענקערישקײַט, וועלכע איז נייטיק פאַר שאַפונג, און די האַנט — אַ סימבאָל פון וועזנטלעכקײַט.

די פּאָרטרעטן פונעם קינסטלער זײַנען אויסגעצייכנטע דערגרייכונגען פון מאָלערײַ: שאַגאַלס זשוואַווע קאַרנאַוואַלישקײַט, באָנאַרס מעלאַנכאָלישקײַט, מאַלעוויטשעס קאָנסטרוקטיוויזם. אין די פּאָרטרעטן זײַנען ניטאָ קיין צווייטראַנגיקע דעטאַלן, ניטאָ קיין הינטער־פּאָן אינעם געוויינלעכן זין פון אָט דעם וואָרט.

יעפים ראַיאַק האָט דורכגעלעבט אַן עכט שעפעריש לעבן. זײַן טאַלאַנט איז אומבאַשטרײַטבאַר. ער האָט געאַרבעט קימאַט אָן עסקיזן און שמוץ־וואַריאַנטן, ער האָט ווייניק גערעדט. ער האָט ליב געהאַט זײַן אַרבעט.

אין ראַיאַקס שאַפונג לאָזט זיך באַזונדערס צו פילן די האַשפּאָע פון מאַלעוויטשן און שאַגאַלן. ווען פאַראַיאָרן זומער זײַנען קיין מאָסקווע געקומען צו פאָרן מאַרק שאַגאַלס בילדער, האָט מען צוערשט וועגן יעפים ראַיאַקן פּאָשעט פאַרגעסן, און בוכשטעבלעך ערעוו דער דערעפענונג זיך דערמאָנט אין אים און... אײַנגעלאַדן. ער האָט שטאַרק איבערגעלעבט, און דאָס האַרץ האָט ניט אויסגעהאַלטן. ס'איז געווען פאַטאַל: געקומען שאַגאַל — און ס'איז געבוירן געוואָרן ראַיאַק דער קינסטלער; געקומען שאַגאַל — און ס'איז געשטאָרבן ראַיאַק דער מענטש.

ר אָ מ א ן ס פּ ע ק ט אָ ר

פון אונדזער פאָטאָ-אַרכיוו

די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור און קונסט געפינען זיך אין שטענדיקן קאָנ-טאַקט מיט די טוער פון דער וועלט-קול-טור. ס'קומט אויך פאָר א טיפער שע-פערישער אויסטויש פון דויערס. אף די פאָטאָס: רעכטס, פון אויבן אַראָפּ: דער אַמעריקאַנער דראַמאַטורג אַרטור מילער טרעט ארויס פאַרן שרייבער-אַקטיוו אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"; אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן זיך באַ-געגנט דער פאַרזיצער פונעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון פשא הענריק ווינסטאָן און די יידישע דיכ-טערין דאָרע טייטלבוים (פראַנקרייך), וועלכע האָט אָנגעהויבן איר שעפערישן וועג אין אַמעריקע. לינקס, פון אויבן אַראָפּ: שלוימע מיכאָעלס צוגאַסט באַ אַלבערט איינשטיינען; דער הויפּט-רע-דאַקטאָר פון דער צייטונג „איניקייט" שאכנע עפּשטיין צוזאַמען מיטן קינאָ-רעזשיסער סערגיי אייזענשטיין און דעם אַקאַדעמיקער פּיאָטער קאַפּיצאַ; דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספסר יויסעף גראַסקאַלין שמועסט אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיטן פאָלקס-אַרטיסט פון פסר לעאָניד אוטיאָסאָוו.

פון ב.־י. ביאַלאָסטאָצקיס בוך

„ייִדישער הומאָר און ייִדישע לייצים"

דער ציקל וויצן און אנעקדאָטן, וואָס מיר הייבן אָן צו דרוקן אין הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאנד", איז גענומען פונעם בוך „ייִדישער הומאָר און ייִדישע לייצים", וועלכער איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין ציקאָ־פארלאג (ניו־יאָרק) נאָכן טויט פונעם אווטאָר בינימין־יאנקעוו ביאַלאָסטאָצקי (1893—1962).

ב.־י. ביאַלאָסטאָצקי האָט דעביוטירט אלס ליטעראטאָר אין 1909, ס'זײַנען דערשינען פאָלגנדע זײַנע ביכער: „באם ברייטן וועג" (לידער), „לידער און עסייען (2 בענדער), „פון די שטאמען" (לידער), „בונעלע" (קינדער־מײַסע), „פון גאַלעס באָוול ביז רוים", „כאָלעם און וואָר" (עסייען), „ליד צו ליד. געזאמלטע און נײַע לידער", „די מעשאָלים פונעם דובנער מאגיד", „ייִדישער הומאָר און ייִדישע לייצים".

אין זײַן פאָרוואָרט צו בינימין יאנקעוו ביאַלאָסטאָצקיס לעצטן בוך שרײַבט כ.־ש. קאזשדאן:

„אינעם בוך „ייִדישער הומאָר און ייִדישע לייצים" גייען דורך די פּאָפּולערע פיגורן פונעם ייִדישן הומאָר. דאָס איז ניט סתאם א זאמלונג פון וויצן און אנעקדאָטן, הגם די פארמאָגט אן אשירעס פון אָט דעם מאטעריאל. די עמעסע ווערט פון ב.־י. ביאַלאָסטאָצקיס בוך באשטייט אין עפּעס אנדערש: הומאָר איז פאר דעם דיכטער א טיף־ערנסטע שאפונג, וואָס פארמאָגט קולטור־נאציאָנאלע אייגנשאפטן, היסטאָרישע שטריכן. ייִדישער הומאָר איז א גרויסע מאטאָנע פון אונדזער פאָלק, געוועבט בעמעשעך יאָרהונדערטער און געלאָזט א יערושע לעדוירעס. אינעם ייִדישן הומאָר איז דאָ אייגענער נוסעך און ניגן, אייגנארטיקער אינהאלט און פאָרם. אינעם שפּאסיקן אנעקדאָט אנטדעקט ביאַלאָסטאָצקי, און ער וויל אין דעם איבערצײַגן דעם לייענער, אז דאָ שטעקט „א טיפזיניקער קוק אף וועלט און מענטשן; עפּעס טראָגט עס אין זיך דעם טאם פון ייִדישער טמימעס". ביאַלאָסטאָצקי ווײַזט אונדז, אז די הומאָר־שאפונג שפּיגלט אָפּ ייִדישן כאראקטער און ייִדישע סוויווע, און זי איז א פּראָדוקט פון זעלבסט־כאראקטעריסטיק, זעלבסט־אנאליז פונעם פאָלק און פון די פאָלקסמענטשן. ביאַלאָסטאָצקי פירט אונדז צו די היסטאָרישע קוואלן פון די הומאָר־שאפונגען, זייער ייִכעס ציט זיך אָפּט טויזנטער יאָרן, און די ייִדישע שפּראך האָט זיי איבערגעפורעמט, ארײַנגעאָטעמט אין זיי פאָלקסטימלעכקײַט און לעבנסלוסט.

אנאליזירנדיק די הומאָריסטישע פאָרשטעלונגען אין ייִדישן פאָלקלאָר וועגן מאזל און שלימאזל, שטעלט ביאַלאָסטאָצקי פעסט, אז זיי „האָבן אין זיך ארײַנגענומען באגריפן וועגן יוישער, באגריפן וועגן רעכט און אומרעכט, וועגן גוויר און אָרעמאן. זיי האָבן אויך דירעקט און אומדירעקט אויסגעדריקט א מין פּראָטעסט, א מאָנונג צו דער וועלט". דער דאָזיקער צוגאנג איז זייער כאראקטעריסטיש פאר ביאַלאָסטאָצקין: אויך אין זײַן פּאָעזיע און אין זײַנע עסייען פארנעמט א וויכטיק אָרט אָט דער סאָציאלער פּראָטעסט און סאָציאלע מאָנונג צו דער וועלט".

רעב יאָשע־בער און זײַן זון

לאמדים זײַנען אמאָל זיך צוזאמענגעקומען וועגן א געוויסן לאמדישן איניען צום ראָוו פון בריסק רעב יאָשע־בער סאָלאָווייטשיק. זעען זיי, ווי אין צווייטן כיידער לויפט ארום דער זון כאַיִם, א יאָר 18, הין און צוריק און קנייטשט שטארק זײַן יונגן שטערן. האָבן די געסט געפרעגט בא רעב יאָשע־בערן: „וואָס לויפט אײַער זון אזוי ארום? וואָס איז ער צעטראָגן?"

האָט יאָשע־בער געענטפערט: „מײַן כאַיִם כקירעט, און ער האָט שוין געפונען א גוטן טערעץ, נאָר וואָס אים פעלט, איז עפּעס א גוטע קאשע. אָט דערפאר יאָגט ער ארום, עפשער וועט ער ערגעץ געפינען א קאשע צו זײַן פארטיקן טערעץ..."

וויִאזוי כויזעק איז פארלוירן געוואָרן

כויזעק איז געווען צעטראָגן, ניט געוווּסט אַף וואָסער וועלט ער איז. אז ער פלעגט אופשטיין אינדערפרי, האָט ער קיינמאָל ניט געוווּסט, ווּ זײַנע קליידער ליגן, אזוי אז ער האָט פאָשעט מוירע געהאט זיך אויסצוטאָן! האָט מען אים אַן אייצע געגעבן: נעם א בלײַער און פארשרײַב אַף א צעטעלע:

— מײַנע הויזן — אפן שטול; מײַנע שיך — צופוסנס באם בעט, אַף דער ערד; מײַן היטל — אפן טיש. און איך אליין — ליג אין בעט.

האָט כויזעק אזוי געטאָן.

אינדערפרי דערהערט א שאָכן, אז כויזעק וויינט. האָט דער שאָכן בא אים געפרעגט:

— וואָס וויינסטוּ?

מאכט כויזעק:

— איך האָב געטאָן ווי מע האָט מיר געזאָגט. איך קוק אין צעטעלע און איך זע: אלץ איז דאָ. אָבער דאָס בעט אליין איז ליידיק. ווּ זשע בין איך? איך האָב געזוכט, געזוכט און האָב זיך אליין ניט געקאָנט געפינען.

דער מעלאמעד און דער ביטערער טאָעס

אַן אָרעמער מעלאמעד, א שלימאזל, איז געגאנגען אפן יאריד צו קויפן זיך א ציג. דער מעלאמעד האָט געדארפט האָבן צו זײַן יאדעשליוון הוסט ציגענע מילך... דאָס ווײַב זײַנס האָט אים אָפגעמאָלט אקוראט, וויִאזוי א ציג זעט אויס, וואָרעם זי האָט דאָך געוווּסט, אז ער איז א שלימאזל... איז דער מעלאמעד אוועק אפן יאריד, און ער האָט געמאכט איין קליינינקן טאָעס: אַנשטאָט א ציג האָט ער אײַנגעקויפט א באָק... נו, פארפאלן, ניטאָ קיין מילך!

— שלימאזל! — האָט זײַן ווײַב געשריִען אַף אים.

מאכט זיך אין שטעטל א מאגייפע אַף בעהיימעס, נעמט דער הערנערדיקער באָק און ציט אויך אויס די פיס.

איז דער מעלאמעד געשטאנען לעבן דעם טויטן באָק און וויינענדיק געזאָגט:

— אז עס איז געקומען צו געבן מילך — ביסטו געווען א באָק, אָבער אז עס איז געקומען צו א מאגייפע, ביסטו געוואָרן א בעהיימע...

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

שאיעוויטש, כאיִם (דאטעס אומבאוווּסט)

— פּראָזאיִקער. די ערשטע גרעסערע דערציילונגען פארעפנטלעכט אינעם זשורנאל „פּראָליט" (כארקאָוו) אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן („בערשט" און אנד.). אוטאָר פון א ריי פּראָזע־ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען אין די כארקאָווער־קיִעווער און מאָסקווער פארלאגן.

ווערק: אפן בוקסיר, דערציילונגען און בילדער. כארקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1932; די אזיִאטקע, ראָמאן. מאָסקווע, „עמעס", 1933.

ביבליִאָגראפיע: ל. צארט. וועגן כ. שאיעוויטשעס „אפן בוקסיר". זשורנאל „די רויטע וועלט", נומ. 4, 1932; ש. הירש, שאיעוויטשעס וועג אין דער ליטעראטור. זשורנאל „פּארמעסט", נומ. 5—6, 1932.

שאמבאדאל, מיכאיִל (? — 1964)

— איבערזעצער פון דער ייִדישער קלאסישער און סאָוועטישער ליטעראטור אף רוסיש. די ערשטע פּובליקאציעס פארעפנטלעכט אין די דרײַסיקער יאָרן. זײַנע איבערזעצונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק זײַנען אנערקענט איינע פון די געלונגענסטע. געשטאָרבן אין מאָסקווע אין 1964.

ווערק (איבערזעצונגען): ע. גאָרדאָן, אינגול־באָיאר. מאָסקווע, „גאָסליטיזדאט", 1935; פ. מארקיש, נייטען בעקער פאָרט אהיים. דאָרט, „סאָוועטסקאיא ליטעראטורא", 1934; פ. מארקיש, דער מאָלצײַט. מאָסקווע—לענינגראד, פארלאג „איסקוסטוואָ", 1941; פ. מארקיש, די מישפּאָכע אָוואדיס. דאָרט, 1938; שאָלעם־אלייכעם, דער פארקישעפטער שנײַדער. מאָסקווע, „דער עמעס", 1942; שאָלעם־אלייכעם, אויסגעוויילטע ווערק. דאָרט, „גאָסליטיזדאט", 1937; שאָלעם־אלייכעם, מאָטל פּייסי דעם כאזנס. דאָרט, „דער עמעס", 1941; שאָלעם־אלייכעם, הײַנטיקע קינדער (פון „טעוויע דער מילכיקער"). דאָרט, 1941; (צוזאמען מיט י. סלאָנים) שאָלעם־אלייכעם, איינאקטערס מאָסקווע—לענינגראד, פארלאג „איסקוסטוואָ", 1939; נ. אויסלענדער, י. דאָברושין, טעוויע דער מילכיקער (אינסצענירונג). מאָסקווע, פארלאג „איסקוסטוואָ", 1938; שאָלעם־אלייכעם, טעוויע דער מילכיקער. דאָרט, „דער עמעס", 1946.

שאמעס, פּובע (1890 — ?)

— אין די צוואנציקער יאָרן געוווינט אין קיִעוו, געווען א לערער פון ייִדישער ליטעראטור אין מיטלשולן, דערנאָך אריבערגעפאָרן קיין זשיטאָמיר, געארבעט אין שולן און אינעם פּעדאגאָגישן אינסטיטוט, געפירט א טעטיקע מעטאָדישע ארבעט איבער פראגן פון ליטעראטור און ליטעראטורקענטעניש. אוטאָר פון א ריי לערנביכער פאר דער ייִדישער שול. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מילכאָמע, זיך עוואקויִרט קיין איוואנאָוואָ, געווען א לערער פון רוסישער ליטעראטור אין א הויכשול.

ווערק (צוזאמען מיט דאָוויד האָפשטיין): ליטעראטורקענטעניש, פּאָעטיק. ערשטער טייל: עלעמענטן פון ריטם און סטיל. מאָסקווע, צענטערפארלאג, 1928; צווייטער טייל: געבוי פון קינסטלערישן ווערק און ליטעראַרישע זשאנרען. דאָרט, 1928; טעאָריע פון ליטעראטור: פּאָעטיק. כארקאָוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1930; (צוזאמען מיט א. אבטשוק, א. האָלדעס) ליטעראטור, לערנבוך פארן 7־טן קלאס. כארקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1934; (צוזאמען מיט א. האָלדעס) האנטבוך פאר ייִדישער ליטעראטור. דאָרט, צענטערפארלאג, 1931; ליטעראטור, לערנבוך פארן 7־טן קלאס. דאָרט, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1935 (צווייטע אופלאגע—דאָרט, 1936); ליטעראַרישע כרעסטאָמאטיע פארן 7־טן לערניאָר פון דער פּאָליטעכנישער שול. דאָרט, 1933; לערנבוך אף ליטעראטור פארן 7־טן קלאס. דאָרט, 1935; (צוזאמען מיט י. ראָדאק, כ. לויצקער, מ. געלבמאן, א. האָלדעס) שפּראך און ליטעראטור. כארקאָוו, צענטערפארלאג, 1931.

ביבליִאָגראפיע: לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור, ניו־יאָרק, 1981, ב. 8, שפּאלטן 526—527.

Урок VI — ל׳ימעד זעקס

ע ס ב ל׳ י ע ן די בל׳ומען אין פּאַרק.

Правила чтения *(повторение)*: буквосочетания וי, ויי, ויַ, ווי, וו, וּו

Грамматика. Особенности строя простого повествовательного предложения
Отрицания [нит], [кэйн]
Местоимение [мэн]. Формальная частица [эс], ([сэ]).
Модальные глаголы. Спряжение глагола [гэбн]
Словообразование. Сложные существительные

Читайте правильно!

а) Читайте следующие слова:

I: [ви]=וי :I

1) как, 2) ветер, 3) ветры, 4) зима	1) ווי, 2) א ווינט, 3) ווינטן, 4) א וו׳ינטער

II: [вэй]=ויי :II

5) вей!, 6) плачет, 7) плакать, 8) мало	5) וויי! 6) וויינט, 7) וו׳יינען, 8) וו׳ייניק

III: [вай]=ויַ :III

9) белый, 10) далеко, 11) вúна, 12) винный	9) ווײַס, 10) ווײַט, 11) וו׳ײַנען, 12) וו׳ײַניק

IV: [вой]=ווי :IV

13) добро, 14) проживаю, 15) проживать, 16) жители	13) וווּיל, 14) איך וווין, 15) ווו׳ינען, 16) א׳ײַנוווינער

V: [ву]=וו :V

17) где, 18) куда, 19) чудо, 20) вулкан	17) ווּ, 18) ווּה׳ין, 19) א וו׳ונדער, 20) א ווּלק׳אַן

VI: [ув]= וּו :VI

21) пробуй!, 22) крем для обуви, 23) подождать, 24) прирост.	21) פּרוּוו!, 22) ש׳וּוואַקס, 23) צ׳וּוואַרטן, 24) צ׳וּוווּקס

б) Прикройте листком бумаги левую половину нижеприведенного перечня слов и постарайтесь правильно прочесть еврейские слова, различая разное произношение сходных, но не совпадающих буквосочетаний. При затруднении сверьтесь с указаниями на левой половине (Перевод слов см. в предшествующем **упр**ажнении «а»).

[1) ви, 2) вэй, 3) вайс, 4) войл, 5) ву, 6) прув, 7) а винт, 8) эр вэ́йнт, 9) вайт, 10) их война, 11) вуhи́н, 12) шу́вакс, 13) винтн, 14) а ву́ндэр, 15) во́йнэн, 16) ва́йнэн, 17) вэ́йнэн, 18) вэ́йник, 19) а ви́нтэр, 20) цу́вартн, 21) а́йнвойнэр, 22) ва́йник, 23) цу́вукс, 24) а вулка́н]	1) ווי, 2) וויי, 3) ווײַס, 4) וווּיל, 5) ווּ, 6) פּרוּוו, 7) א ווינט, 8) ער וויינט, 9) ווײַט, 10) איך וווין, 11) ווּה׳ין, 12) ש׳וּוואַקס, 13) ווינטן, 14) א וו׳ונדער, 15) וו׳ווינען, 16) וו׳ײַנען, 17) וו׳יינען, 18) וו׳ייניק, 19) א וו׳ינטער, 20) צ׳וּוואַרטן, 21) א׳ײַנוווינער, 22) וו׳ײַניק, 23) צ׳וּוווּקס, 24) א ווּלק׳אַן

Грамматика

Особенности строя простого повествовательного предложения

Вы уже встретились с предложениями, отличающимися по своему построению от соответствующих им предложений в русском языке. Эти различия сводятся, в основном, к следующему:

1) В еврейском предложении, как правило, всегда имеется слово — подлежащее. В русском предложении подлежащее может вообще отсутствовать или только подразумеваться. Сравните:

1. Читаю роман. — 1. איך לייען אַ ראָמאַן.
2. Вывешивают новый календарь. — 2. מע הענגט אויף אַ נײַעם קאַלענדאַר.
3. Светает. — 3. עס טאָגט.

2) В идише в состав сказуемого, как правило, входит личная форма глагола (т. е. глагол в форме 1, 2 или 3 лица единственного или множественного числа). В русском предложении наличие глагола не обязательно. Сравните:

1. Я рабочий. — 1. איך בין אַן אַרבעטער.
2. Уже лето. — 2. עס איז שוין זומער.
3. Уже жарко. — 3. עס איז שוין הייס.

3) В еврейском повествовательном предложении глагол, как правило, стоит на втором месте. В русском языке глагол может занимать любое по порядку место в предложении:

Дети **пишут** письмо отцу. — די קינדער **ש ר ײַ ב ן** אַ בריוו דעם טאַטן.
Дети отцу **пишут** письмо. — דעם בריוו **ש ר ײַ ב ן** די קינדער דעם טאַטן.
Письмо отцу дети **пишут**. — דעם טאַטן **ש ר ײַ ב ן** די קינדער אַ בריוו.

4) Если же глагол стоит перед всеми остальными членами предложения, то в идише, как правило, предшествует ему непереводимое «пустое», т. е. формальное словечко [эс] или [сэ].

Сравните: 1) глагол на втором месте:

אין פּאַרק **ב ל י ע ן** די בלומען.
די בלומען **ב ל י ע ן** אין פּאַרק.

2) глагол перед остальными членами предложения. В начале [эс], ([сэ]):

ע ס ב ל י ע ן די בלומען אין פּאַרק.
ס ע ג ר י נ ע ן די ביימער.

Рассмотрим и ряд других особенностей, характерных для строя еврейского предложения.

Отрицание [нит] (вариант [ништ])

Сравните место отрицаний «н е» и [н и т] в сопоставляемых русских и еврейских предложениях:

1. Он читает. — 1. ער לייענט.
2. Он **н е ч и т а е т**. — 2. ער **ל י י ע נ ט נ י ט**.
3. Ребенок еще **н е с п и т**. — 3. דאָס קינד **ש ל אָ פ ט** נאָך **נ י ט**.

Как видно из примеров, в отличие от русского языка, в идише отрицание «*не*» — [нит] (или его вариант [ништ]) ставится не перед, а **п о с л е** отрицаемой личной формы глагола (или поодаль от нее).

Задание 1. Спишите предложения, подчеркните глагол с относящимся к нему отрицанием.

1) הײַנט איז זונטיק. 2) הײַנט אַרבעט איך ניט. 3) איך גיי ניט אויפן זאַוואָד. 4) דער טאַטע איז שוין ניט יונג. 5) ער אַרבעט שוין ניט. 6) דאָס קינד איז נאָך קליין. 7) דאָס קינד לערנט נאָך ניט. 8) עס גייט נאָך ניט אין דער שול. 9) עס לייענט נאָך ניט. 10) עס שרײַבט נאָך ניט.

דאָצענט ש. סאַנדלער

de esta labor. Guershman conoció personalmente a muchos próceres de la cultura y literatura judías. Su estilo conciso, casi seco, que a veces se limita a exponer los hechos sin comentario alguno, deja, sin embargo, ver las figuras vivas del poeta Itsik Féfer, el lingüista Elia Falkóvich, el actor y director de teatro Solomón Mijoels, etc.

Reproducimos tres ensayos del periódico "Birobidzháner shtern": "¿Quién fue Alex?", de Borís Dorfman (Lvov), "En la ciudad natal de Goldfaden", de Semión Bentsiánov (Polónnoie, región de Jmelnitski) y "Antes de salir el sol", de Alexandr Shlaen (Kíev).

El moscovita Oleg Guerásimov ofrece su nuevo ensayo del ciclo "Países y continentes" titulado "En la isla Jerba", informando, en particular, sobre la historia y el estado actual de la comunidad judía que desde antaño reside en esta isla mediterránea perteneciente a Tunicia.

En la rúbrica "Correos de "Soviétish Héimland" se publica un resumen de la correspondencia extranjera de la revista.

Para conmemorar los 75 años del poeta y dramaturgo ruso Serguéi Mijalkov publicamos el artículo del moscovita Alexandr Tverskói: "Setenta y cinco años fructíferos".

El reportaje de Elisheva Kancedik (Vilnius) trata sobre las solemnidades realizadas con el motivo del cincuentenario de Emil Jersonski, director del Teatro judío popular de Vilnius.

A partir del presente número la revista ofrecerá al lector muestras del folklore judío tomadas del libro de B.-J. Bialostocki que se titula "Humor judío y bufones judíos".

Esta vez "Soviétish Héimland" informa sobre los cursillos del yiddish recientemente inaugurados en las ciudades Bakú y Berdíchev.

Se presentan asimismo nuestros tradicionales "Materiales para el lexicón de la literatura judía soviética", "Manual autodidáctico del idioma jíddish" y "Crónica de la vida literaria y cultural".

★

Suplemento al número:
Max Riant "Los trenes vienen a tiempo"

EL RESUMEN

"Soviétish Héimland" ("La Patria Soviética")
N° 3, marzo, 1988

El número de marzo de "Soviétish Héimland" se abre con el artículo "Vocación de la cultura socialista" que reproducimos del N° 15 de la revista "Kommunist", del año pasado. La principal publicación teórica del PCUS analiza en él los problemas neurálgicos del actual desarrollo de la cultura soviética, comprendida también la literatura: asumir la tradición, superar el estancamiento, hallar los caminos a seguir.

Ofrecemos luego los primeros capítulos de la nueva novela de Ijil Shraibman (Kishiniov) titulada "Siete años y siete meses". La obra, de marcado carácter autobiográfico, ostenta el colorido sello del lugar y de la época que describe: Bucarest de preguerra.

El lector encontrará también la parte final de "Erase una vez un shtetl", novela del kieviano Hershl Poliánker, y "El aleteo de la mariposa", nuevo relato de Elvira Fáguel (Moscú).

En la sección "Fechas memoriales" aparecen "Versos de años distintos", de Semión Frug (1860-1916), destacado poeta que escribió tanto en yíddish como en ruso.

De poesía judía contemporánea presentamos el nuevo ciclo "Me gusta este mundo" del moscovita Lev Berinski.

Las "Nuevas traducciones" incluyen versos de Iván Bunin (1870-1953) y Marina Tsvetáeva (1892-1941). A diferencia de Marina Tsvetáeva, Bunin es famoso sobre todo como prosista, sin embargo, su debut literario fue la publicación en 1887 de la poesía "Sobre la tumba de Nadson". Además de sus propias obras en prosa y en versos, Bunin enriqueció la cultura rusa con sus versiones —de envidiable naturalidad y vitalidad— de Longfellow, Byron y otros clásicos de la literatura mundial. Le pertenece asimismo la primera versión en ruso de "El rocín", relato del patriarca de la literatura judía Méndele Moicher-Sforim (1890).

"Es enorme importancia de la herencia epistolar de Iehuda Halevi, quien solía completar sus cartas con poesías. El presente estudio, si bien dedicado a una sola misiva de Iehuda Halevi a Moshe ibn Ezra, lo confirma...": así comienza su artículo "Una carta de Iehuda Halevi a Moshe ibn Ezra" el leningradense Leib Vílsker, candidato a Doctor en Filología, cuyos escritos sobre la literatura judía medieval son conocidos a nuestros lectores.

De crítica literaria ofrecemos también el análisis de la poesía de Semión Frug, de Zalman Libinzón (Gorki), Doctor en Filología.

Presentan gran interés las memorias de Borís Guershman (Moscú) tituladas "Los secretos de mi vocación". La vida del autor, desde los albores de la juventud hasta estos días, ha sido consagrada a fomentar la cultura judía. Trabajó de corrector de pruebas de la literatura de ficción y en su obra descubre los secretos

which reveal to the readers the living images of poet Itsik Fefer, linguist Elya Falkovich, actor and producer Solomon Mikhoels. . .

"Sovietish Heimland" has reprinted from the "Birobidzaner Shtern" the following essays : "What was "Alex"?" by Boris Dorfman (Lvov), "In Goldfaden's Native City" by Semyon Bentsiyanov (Polonnoye, Khmelnitsk Region) and "Before Sunrise" by Alexander Shlayen (Kiev).

The section "Over Countries and Continents" carries new travel notes entitled "On the Island of Jerba" by Oleg Gerasimov (Moscow), dealing with the history and present life of the ancient Jewish community on this Mediterranean island which belongs to Tunis.

"Sovietish Heimland" Mail section carries a review of readers' letters to the editor.

The article "Seventy-Five Fruitful Years" by Alexander Tverskoy (Moscow) is devoted to the 75th birthday anniversary of the Russian Soviet poet and dramatist Sergei Mikhalkov.

Elisheva Kantsedik's (Vilnius) reportage depicts the 50th birthday celebration of Emil Khersonsky, producer of the Jewish National Theatre in Vilnius.

"Sovietish Heimland" starts, beginning with the current issue, the publication of folklore materials borrowed from B. Ya. Belostotsky's book "Jewish Humour and Jewish Badchens".

"Sovietish Heimland" informs its readers that Yiddish language courses have been set up in Baku and Berdichev.

The issue includes the traditional sections "Materials for a Lexicon of Jewish Soviet Literature", "Teach Yourself Yiddish", "Chronicle of Literature and Culture".

★

Supplement to the issue:
"Trains Arrive on Time" by Max Riyant

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("Soviet Homeland")
No 3, March, 1988

"Sovietish Heimland" March issue opens with an article entitled "Vocation of Soviet Culture" which was first published in the journal "Communist" No 15, 1987. This editorial of the leading theoretical organ of the Communist Party of the Soviet Union focuses on problems of continuity, surmounting stagnant phenomena and search for ways of further advance, which are of paramount importance at the present stage of development of Soviet culture in general and literature in particular.

The current issue carries chapters of "Seven Years and Seven Months", a new novel by Ikhil Shraibman (Kishinev) which bears an autobiographical character. It vividly depicts the life of pre-war Bucharest in which the protagonist lived.

The issue features the conclusion of the novel "There was a Shtetl Once. . ." by Hershl Polyanker (Kiev), and "A Butterfly Fluttering" by Elvira Fagel (Moscow).

The "Memorable Dates" section includes "Poems of Different Years" by the outstanding poet Shymon Frug (1860-1916) who wrote in Yiddish and Russian.

Modern Jewish poetry is represented by Lev Berinsky's (Moscow) new poems "I Love this World".

The "New Translations" section contains poems by Ivan Bunin (1870-1953) and Marina Tsvetayeva (1892-1941). Unlike Marina Tsvetayeva Ivan Bunin first acquired fame as a prosaist, but his debut in literature is associated with his poem "Over Nadson's Grave" published in 1887. Besides original prose and poetical works Ivan Bunin presented the Russian reader with translations of many works of world literature (Longfellow, Byron and others). It was he that first translated the story "The Jade" (1890) by the classic of Jewish literature Mendele Moicher Sforim.

"Of outstanding importance is the epistolary heritage of Yehuda Halevi—his letters with poems enclosed. This is to be proved in some measure by our present review though it is devoted to Yehuda Halevi's only letter to Moshe ibn Ezra. . ." —thus begins the article "Yehuda Halevi's Letter to Moshe ibn Ezra" by Leib Vilsker Ph.D. (Philology) of Leningrad, who is well known to our readers for his publications primarily associated with medieval Jewish literature.

Literary criticism is also presented by the investigation of Shymon Frug's poetry, contributed by Zalman Libinzon Ph.D. (Philology) of Gorky.

Of special interest are the memoirs of Boris Gershman (Moscow) entitled "The Secrets of my Vocation". The author devoted all his life—from his early youth to our days—to serving Jewish literature. His vocation is literary proof-reading whose "secrets" are dealt with in his notes. B. Gershman knew personally many great figures in Jewish culture and literature. He cites only facts, scanty at times,

град), хорошо известный нашим читателям по его публикациям, связанным в первую очередь со средневековой еврейской литературой.

Литературоведение представлено в номере также исследованием доктора филологических наук Залмана Либинзона (г. Горький), посвященным поэзии Семена Фруга.

Привлекают внимание воспоминания Бориса Гершмана (Москва) «Секреты моего призвания». Вся жизнь автора — с ранней юности до наших дней — отдана служению еврейской культуре. Его призвание — это литературная корректура, и ее «секретам» он посвящает свои заметки. Многих крупнейших деятелей еврейской культуры и литературы Б. Гершман знал лично. Он пишет кратко, порой даже сухо, излагая одни лишь факты, но в этих фактах открываются перед читателем живые образы поэта Ицика Фефера, лингвиста Эли Фальковича, артиста и режиссера Соломона Михоэлса...

«Советиш геймланд» перепечатывает из газеты «Биробиджанер штерн» очерки Бориса Дорфмана (Львов) «Кем он был — Алекс»?», Семена Бенцианова (Полонное, Хмельницкая область) «В родном городе Гольдфадена» и Александра Шлаена (Киев) «Перед восходом солнца».

С новым путевым очерком из цикла «По странам и континентам» — «На острове Джерба» выступает Олег Герасимов (Москва). Очерк информирует, в частности, об истории и нынешнем состоянии древней еврейской общины, существующей на этом, принадлежащем Тунису, средиземном острове.

В рубрике «Почта «Советиш геймланд» публикуется обзор писем, полученных редакцией из зарубежных стран.

75-летнему юбилею русского советского поэта и драматурга Сергея Михалкова посвящена статья Александра Тверского (Москва) «Семьдесят пять плодотворных лет». Репортаж Элишевы Канцедик (Вильнюс) рассказывает о праздновании пятидесятилетия режиссера Вильнюсского еврейского народного театра Эмиля Херсонского.

С этого номера журнал «Советиш геймланд» начинает публиковать фольклорные материалы, взятые из книги Б.-Я. Бялостоцкого «Еврейский юмор и еврейские шуты».

«Советиш геймланд» информирует читателей о том, что в городах Баку и Бердичеве начали работать курсы еврейского языка.

Продолжаются и наши традиционные рубрики «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «Самоучитель языка идиш», «Хроника литературной и культурной жизни».

★

Приложение к номеру:
Макс Риант. «Поезда приходят во-время»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 3, март, 1988

Мартовский номер журнала «Советиш геймланд» открывается статьей «Призвание социалистической культуры», опубликованной впервые в № 15 журнала «Коммунист» за прошлый год. В этой редакционной статье ведущего теоретического органа КПСС поднимаются вопросы, являющиеся важнейшими на нынешнем этапе развития советской культуры в целом и литературы в частности: преемственность, преодоление застойных явлений, поиски путей дальнейшего движения.

Публикуются первые главы нового романа Ихила Шрайбмана (Кишинев) «Семь лет и семь месяцев». Произведение носит автобиографический характер, но вместе с тем в нем ярко видны краски и приметы того времени, в котором жил герой. Действие разворачивается в довоенном Бухаресте.

Читатели найдут в номере также окончание романа Гершла Полянкера (Киев) «Было когда-то местечко...» и новый рассказ Эльвиры Фагель (Москва) «Бьется бабочка».

В разделе «Памятные даты» включена подборка «Стихи разных лет», принадлежащая перу Семена Фруга (1860—1916), выдающегося поэта, писавшего на идиш и по-русски. К 75-летию со дня рождения еврейского прозаика Александра Губницкого (1912—1974) печатается его неизвестный рассказ «В гости к сыну».

Современная еврейская поэзия представлена новым циклом стихотворений Льва Беринского (Москва) «Мне нравится этот мир».

Рубрика «Новые переводы» включает стихи Ивана Бунина (1870—1953) и Марины Цветаевой (1892—1941). В отличие от Марины Цветаевой Иван Бунин известен в первую очередь как прозаик, однако его дебют в литературе связан с публикацией в 1887 году стихотворения «Над могилой Надсона». Помимо оригинального прозаического и поэтического творчества И. Бунин подарил русскому читателю многие произведения мировой литературы, которые обрели в его переводах свое второе естество (Лонгфелло, Байрон и др.). Ему принадлежит и первый перевод рассказа классика еврейской литературы Менделе Мойхер-Сфорима «Кляча» (1890 г.).

«Велико значение эпистолярного наследия Иегуды Галеви — его писем, к которым обычно прилагаются стихи. Доказательством может в известной мере служить и наш нынешний обзор, хотя он посвящен всего одному единственному письму Иегуды Галеви к Моше ибн Эзре...», — так начинает свою статью «Письмо Иегуды Галеви к Моше ибн Эзре» кандидат филологических наук Лейб Вильскер (Ленин-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон, Х. Меламуд,
Б. Миллер Б. Могильнер,
Г. Полянкер, Б. Сандлер,
А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 928-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Чернина
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.12.1987. Подписано к печати 18.02.1988. Формат 70Х108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 725.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1988

Цена 70 коп.
70821

issn 0134—4315

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Теоретическая конференция «Советиш геймланд». Призвание социалистической культуры.

И. Шрайбман. Семь лет и семь месяцев (роман).

Г. Полянкер. Было когда-то местечко (роман, окончание).

Л. Беринский. Мне нравится такой мир (стихи).

Новые переводы. Стихи И. Бунина, М. Цветаевой в переводе А. Вергелиса.

Рассказы и очерки. Э. Фагель, Б. Дорфмана, С. Бенцианова, А. Шлаена, Б. Гершмана.

А. Тверской. Семьдесят пять плодотворных лет (о творчестве С. Михалкова).

Памятные литературные даты. С. Фруг. Стихи разных лет.

Из истории литературы. Х. Бейдер. Г. Лейвик — переводчик «Интернационала».

Литературная критика. Вопросы искусства. З. Либинзон. С. Фруг. Э. Канцедик. Юбилей режиссера. Р. Спектор. Художник Ефим Рояк.

Наши сообщения. Л. Вильскер. Письмо Иегуды Галеви к Моисею Ибн Эзре.

По странам и континентам. О. Герасимов. На острове Джерба.

Почта «Советиш геймланд». Письма издалека.

Веселые строки. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. Хроника. Самоучитель еврейского языка.

Резюме на русском, английском и испанском языках.

1988

№ 3